STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06707

IDISHE LAYDEN IN TSARISHEN RUSLAND

Saul M. Ginsburg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

SAUL M. GINSBURG

JEWISH MARTYRDOM IN TSARIST RUSSIA

with 14 illustrations

●

NEW YORK
S. M. GINSBURG TESTIMONIAL COMMITTEE
1938

שאול גינזבורג

שאול גינזבורג

אידישעליידען אין צארישען רוסלאנד

(קאנטאניסטען, בלבולים, גזירות)

מיט 14 אילוסטראציעס

ניו יארק
שאול גינזבורג 70־יאהריגער יובליי קאמיטעט
תרצ"ח

All rights in this book are reserved. No part of the text may be reproduced in any manner whatsoever without permission in writing from the author.

Copyright, 1938
by S. M. Ginsburg

געזעצט פון
ישראל נוראָק

געדרוקט אין
פיוטשוראָ פרעס, אינק.
ניו יאָרק, נ. י.

Publishers:
S. M. GINSBURG TESTIMONIAL COMMITTEE
c/o American Jewish Historical Society
3080 Broadway, New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

200

אינהאַלט

.1 אידישע קאַנטאָניסטען:

איינלייטונג 3

.I דאָס קאַנטאָניסטען-סיסטעם אין רוסלאַנד. — די אידישע רעקרוטשינע. — קינדער-רעקרוטען. — רוסישע און אידישע קאַנטאָניסטען. — דער אונטערשיד צווישען זייער לאַגע 7

.II די ניקאָלאַיעווסקע רעקרוטשינע. — די אידישע נאַבאָרען. — פעלשונגען ביים אָבגעבען קינדער פאַר רעקרוטען. — קינדער-„אָכאָטניקעס". — דער אידישער דלות און די רעקרוטשינע. — דער קהל און די נאַבאָרען 15

.III קינדער-„פּאַימאַניקעס". — איניגע סטאַטיסטישע ציפערן. — דאָס געזעגענען זיך מיט די קליינע רעקרוטען. — קאַנטאָניסטען אין וועג און זייערע ליידען 30

.IV דער אַלגעמיינער רעזשים אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען. — די קינדערשע קאַטאָרגע. — בעשטראָפונגען. — די דעמאָראַליזאַציע 44

.V די כלומרשטע „גלויבענס-פרייהייט" — טעאָריע און פּראַקטיק. — ניקאָלאַי דער ערשטער און זיין בעציהונג צו דער מיסיאָנערישער אַרבייט. — דער געהיימער קייזערליכער בעריכט פון יאָהר 1843. — די „אינסטרוקציע" פון סינאָד וועגען טויפען אידישע קאַנטאָניסטען 58

.VI דער מאָראַלישער צוואַנג צום טויפען זיך. — ווי מען פלעגט די קאַנטאָניסטען אָבזונדערן פון אידען. — די גייסטיגע אינקוויזיציע 72

.VII דער צוואַנג צו לערנען די דאָגמאַטען פון קריסטליכען גלויבען. — מען פלעגט די אידישע קאַנטאָניסטען פיהרען צום גאָטעס-דיענסט אין די צערקוועס. — די רעליגיעזע בעלעהרונגען. — די שטענדיגע אויפזיכט. — די סטראַשונקעס 85

.VIII פיזישע פייניגונגען. — גלחים-תלינים. — שוויץ-בעדער, אַלס מיסיאָנעריש מיטעל. — קינדער-מאַרטירער און העלדען 95

.IX די בעציהונג פון די געטויפטע קאַנטאָניסטען צו די אידישע חברים. — משומדים-פייניגער. — די מיסיאָנערישע אַרבייט פון די משומדים. — די לאַגע פון די געטויפטע קאַנטאָניסטען. — די איזאָלירונג פון די משומדים. — דער פערזוך אויסצובילדען פּראָפעסיאָנעלע מיסיאָנערען פון געטויפטע קאַנטאָניסטען. — קוזנעצקי און סאָפּראָנאָוו. — וואָלף נאַכלעס, וואָס איז מגולגל געוואָרען אין אַלעקסאַנדער אַלעקסעיעוו 108

.X קוואַטערס און קוואַטערקעס. — בעלוינונגען פאַר קוואַטערשאַפט. — פעלשונגען ביים טויפען קאַנטאָניסטען. — ווי אַזוי מען פלעגט ביים טויפען ענדערן די נעמען און פאַמיליעס. — די טייכען וואָלגאַ און דניעפּער אַלס טויף-בעקענס. — פייערליכע גאָטעס-דיענסטען

ביי מאַסען-טויפונגען. — „פון תדר מאַר מען ניט אויסזאָגען". — מען אַנטלויפט, מען נעהמט זיך דאַס לעבען. — קאַנטאָניסטען-„מאַראַנען" און העלדען. — רעפּרעסיעס פאַר אומקעהרען זיך צום אידישען גלויבען - - - - - - - - - - - - - - 122

2. קידוש-השם:

צוויי רעליגיעזע מארטירער - - - - - - - - - - 139

דער געוואַלט-שמד פון א רבנישער טאַכטער - - - - - 162

מעשה אושיץ - - - - - - - - - - - - - - - 178

3. בלבולים און גזירות:

דער וועליזשער בלוט-בלבול - - - - - - - - - 191

די אמטשיסלאַווער גזירה - - - - - - - - - - 243

רדיפות אויף אידישע בגדים - - - - - - - - - 273

אידישע גהעטאָס אין אמאליגען רוסלאנד - - - - - - 315

ביילאַגען:

1. אינסטרוקציע פאַר די גלחים פון די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַל-טען וועגען טויפען די אידישע שילער - - - - - 357—369

2. ניקאָלאַי דעם ערשטענ'ס רעזאָלוציע וועגען אורטייל פון גאַסודאַרסטווענני סאָוויעט אין דעם פּראָצעס געגען די וועליזשער אידען - - - - - - - - - - - - - - 370

אינדעקס - - - - - - - - - - - - - - - - - 371

פאַקסימיליען: העברעאישע שבועה פאַר רעקרוטען—ז. 10; געשריבענע שבועה (אויף רוסיש) פאַר רעקרוטען—ז. 11; אידישע איבערזעצונג פון „רעגלאַמענט וועגען אידען" פון יאָהר 1804—זז. 288 און 289; קוויטונג פון ווילנער קאַראָבקע—ז. 295; הודעות פון ווילנער פּאָליציי פון יאָהר 1823—זז. 352 און 353.

בילדער: די גרויסע וועליזשער שוהל — ז. 208; א גאַסען-סצענע אין ליאָזנע אין אויגוסט 1812 (אויסער'ן טעקסט).

פּאָרטרעטען: מרדכי אהרן גינצבורג — ז. 284; גראַף נ. מאָרדווינאָוו און לייזער רודניאַקאָוו (אויסער'ן טעקסט). בנימין מאַנדעלשטאַם און גריגאָרי פּערעץ (אויסער'ן טעקסט).

●

פון שאול גינזבורג יובילײ קאָמיטעט

דער גאַנצער אינהאַלט פון אָט דעם בוך איז גענומען פון דריטען באַנד פון שאול גינזבורג'ס „היסטאָרישע ווערק", וועלכע דער קאָמיטעט האָט אַרויסגעלאָזען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם 70־יאָהריגען יובילײ פון אָט דעם היסטאָריקער און קולטור־עסקן, גרינדער און רעדאַקטאָר פון דער ערשטער אידישער טעגליכער צייטונג אין רוסלאַנד — „דער פריינד".

אין דעם איצטיגען ווערק ווערען, צום ערשטען מאָל אין אונזער היסטאָריאָגראַפיע, בעלויכטען אויפ'ן גרונד פון מאַטעריאַלען פון די געהיימע רוסישע אַרכיוון די שרעקליכסטע קאַפּיטלען פון אידישען מאַרטירערטום אין צאַרישען רוסלאַנד. אַרויסגעבענדיג אַן עקסטרא אויפלאַגע פון דעם דאָזיגען טייל פון דער 3־בענדיגער יובילײ־אויסגאַבע, גלויבט דער שאול גינזבורג קאָמיטעט, אַז דאָס ווערק וועט דורך דעם קריגען אַ וואָס גרעסערע פערשפרייטונג, דערהויפּט צווישען אונזערע שול־ און בילדונגס־אַנשטאַלטען. ביים מאַנגעל אין אידיש־היסטאָרישען שטאָף פאַר ערציאונג און בילדונגס־צוועקען, וועט האָפענטליך די דאָזיגע בערייכערונג פון אונזער געשיכטליכער ליטעראַטור — שאול גינזבורג'ס בעשרייבונג פון אידישע פייניגונגען און מסירת־נפש אין צאַרישען רוסלאַנד — ווי געהעריג אָפּגעשאַצט ווערען אין אַלע טיילען פון אידישען פאָלק.

שאול גינזבורג 70־יאָהריגער יובילײ קאָמיטעט

ניו יאָרק, חוה"מ סוכות, תרצ"ח.

געווידמעט דעם ליכטיגען אנדענק

פון מיין פאָטער און לעהרער

ר׳ משה בן ר׳ אהרן גינזבורג

(געב. כ״ז טבת תקע״ד, געשט. י״ח שבט תרמ״ב)

אידישע קאַנטאָניסטען

איינלייטונג

אין דער לאַנגער ליידענס-געשיכטע פון די רוסישע אידען פערנעהמט די צייט פון דעם צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטען אַ בעזונדער אָרט דורך איהר אונגעווערהנליכער גרויזאַמקייט. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען די שווערסטע בעדריקונגען, גזירות און פערפאָלגונגען, וואָס האָבען זיך אָהן אויפהער געשאָטען אויף די רוסישע אידען און פערוואַנדעלט זייער לעבען אין אַ סדרה פון פיין און צרות. און צווישען די אונצעהליגע ליידען, וועלכע זיינען בעשערט געווען די אידען אין ניקאָלאַי'ס צייטען, זיינען אָהן שום צווייפעל די שרעקליכסטע געווען — די ליידען פון אונזערע קאַנטאָניסטען, די קליינע אידישע רעקרוטען, וואָס מען פלעגט (אין די יאָהרען 1827—1856) אַברייסען פון זייערע עלטערן, אוועקשיקען אין די ווייטע רוסישע געגענדען און אויפ'ן גרויזאַמסטען אופן פייניגען, זיי זאָלען אָננעהמען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען.

יעדערער האָט געהערט אָדער עטוואָס געלייענט וועגען דעם מורא'דיגען שיקזאַל פון די אַמאָליגע אידישע קאַנטאָניסטען. מען מוז אָבער זאָגען, אַז זייער מאַרטירער-געשיכטע איז ביז איצט נאָך ווייניג בעקאַנט. אַ פּאָר קאָמפּילאַטיווע אָבהאַנדלונגען, היסטאָרישע נאָטיצען, עטליכע עראינערונגען פון געוועזענע קאַנטאָניסטען און אייניגע בעלעטריסטישע בעאַרבייטונגען פון דער טעמע — דאָס איז כמעט אַלץ, וואָס אונזער ליטעראַטור פאַרמאָגט דערוויל וועגען דעם. מיר וויסען בלויז איינצעלנע, טיילווייזע, מייסטענס צופעליגע עפּיזאָדען, אָבער קיין גענויע פאָרשטעלונג וועגען דעם פיינליכען לעבענס-גאַנג פון די קליינע אידישע מאַרטירער האָבען מיר נאָך ניט. און דאָס איז גאַנץ פערשטענדליך: ביז דער לעצטער צייט האָט אויסגעפעהלט דער וויכטיגסטער שטאָף, וואָס וואָלט אונז געקאָנט געבען אַ קלאָר, אויספיהרליך בילד פון דער גאַנצער קאַנטאָניסטען-טראַגעדיע מיט אַלע איהרע שרעקליכע איינצעלהייטען. עס האָבען געפעהלט די אָפיציעלע מאַטעריאַלען, וועלכע זיינען געלעגען בעהאַלטען אין די רוסישע רעגירונגס-אַרכיוועז, און קיינער האָט צו זיי ניט געקאָנט צוקומען.

אינטערעסירענדיג זיך שוין פון לאַנג אָן מיט דער געשיכטע פון די קליינע קאַנטאָניסטען, האָב איך געזאַמעלט אַלץ, וואָס איך האָב וועגען זיי געקאָנט געפינען אין דער העברעאישער, אידישער און רוסישער ליטעראַטור. כ'פלעג אויך אויפזוכען אַלטע, אויסגעדיענטע ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטען, וואָס

האבען געהאט דעם ביטערען מזל צוגענומען צו ווערען אין די קינדערשע יאהרען אלס רעקרוטען; כ'פלעג זיך פונאנדערפרעגען און פערצייכענען זייערע ערצעהלונגען וועגען די צרות, וואס זיי זיינען אמאל אויסגעשטאנען. כ'האב אבער געפיהלט, ווי ניט־גענוגענד איז דער שטאף, וואס האט זיך אויף אזא אופן ביי מיר צונויפגעקליבען. און דעריבער האב איך נאך ניט גערעכענט פאר מעגליך איהם צו בעארבייטען. איך האב עס געמוזט אבלעגען אויף שפעטער, טאמער וועט מיר ווען־עס־איז געלינגען אויסצוגעפינען דעם סאמע וויכטיגען, דאס הייסט, דעם אפיציעלען מאטעריאל, און ערשט נאך א לאנגער צייט איז מיין האפנונג ערפילט געווארען.

איך האב בעקומען א צוטריט צו די רוסישע מלוכה־ארכיוועןן, און צווי־שען די טויזענטער און טויזענטער פערשידענע דאקומענטען, וואס איך האב דא שטודירט, האב איך זיך אנגעשטויסען אויף גאנצע פעק פאפירען, וועלכע האבען א דירעקטע שייכות צו דער היסטאריע פון די אידישע קאנטאניסטען: נאך ניט פערעפענטליכטע קייזערליכע בעפעהלען, פעראָרדנונגען, בעריכטען און אינסטרוקציעס פון מיניסטארען און פון דעם סינאד (די העכסטע פער־וואלטונג איבער די אנגעלעגענהייטען פון דעם פראוואסלאוונעם גלויבען), בריף און סטאטיסטישע מאטעריאלען, מיטטיילונגען פון מיסיאנערען און גלחים, ראפארטען פון פערשידענע מיליטערישע, ציווילע און גייסטליכע בעאמטע, א. א. וו. — א גאנצער אוצר נייע, אויסערארדענטליך וויכטיגע און אינטערעסאנטע מאטעריאלען וועגען דער קאנטאניסטען־דראמע, וועלכע זיינען נאך אונבעוואוסט אי דעם גרויסען אידישען עולם, אי אונזערע היסטא־ריקער. שטודירענדיג אט די אונצעהליגע אלטע, פון צייט געל־געווארענע דאקומענטען, פלעג איך אפט פערציטערט ווערען. פאר מיר האט זיך ענט־פלעקט א ברעגלאזער ים זודיגע קינדערשע טרעהרען, קומער, מורא'דיגע עינויים, בלוטיגע ליידען. פון די פינסטערע בעהעלטענישען, וואס זיינען מיר געווארען צוגענגליך, האבען זיך אויפגעדעקט מאסען נאך ניט בעוואוסטע שוידערליכע ערשיינונגען, פאקטען, פעראָרדנונגען און געוואלט־טהאטען, פון וועלכע די האהר שטעלען זיך קאפויר. און צוגלייך האט זיך פאר מיר אין זיין גאנצער און מורא'דיגער קלארקייט ארויסגעוויזען דאס בילד, ווי אונענד־ליך ווייט עס קאן דערגעהן די מענשליכע גרויזאמקייט, צביעות און פאנא־טישקייט.

איך קאן מיט פולער זיכערקייט זאגען, אז אויספארשענדיג א צייט לאנג אט דעם טרויעריגען היסטארישען אוצר, האב איך פון איהם ארויסגעשעפט כמעט אלץ, וואס קער זיך אן צו דער געשיכטע פון די קליינע אידישע רעקרוטען. די רייכע מאטריאלען, וואס זיינען מיר דא געקומען אין די הענד, אינאיינעם מיט די אנדערע קוועלען, וועלכע איך האב אויסגענוצט, גיבען די מעגליכקייט ווידער אויפצושטעלען די קאנטאניסטישע דראמע אין

איהר גאַנצען פאַרנעהם. עס איז שוין צייט דאָס צו טהאָן. די אַנטהייל־נעהמער פון דער קאַנטאָניסטען־טראַגעדיע — אי די פייניגער, אי זייערע יונגע קרבנות — זיינען שוין לאַנג אַראָב פון דער סצענע; פון די געוועזענע אידישע קאַנטאָניסטען איז וואהרשיינליך קיין איינציגער שוין ניט געבליבען, און וואָס ווייטער, ווערען זייערע שרעקליכע ליידען אַלץ מעהר פערגעסען. געגען דעם אָנדענק פון די פיעל צעהנדליגע טויזענטער קליינע אידישע מאַרטירער ווערט בעגאַנגען אַ גרויס אומרעכט, וואָס מוז בעזייטיגט ווערען. איך וועל אויפ'ן גרונד פון דעם נייעם מאַטעריאַל, וואָס איך פערמאָג, פּרואווען פונאַנדערוויקלען די גאַנצע קאַנטאָניסטען־טראַגעדיע מיט איהרע איינצעלהייטען: ווי מען פלעגט קליינע אידישע קינדער כאַפּען און אָבגעבען זיי פאַר רעקרוטען; קינדער—„פּאָימאַניקעס", „אָכאָטניקעס" און „שטראָף־רעקרוטען"; די ענויים אין וועג פון דער־היים ערגיץ־וואוהין אין טיעף־רוסלאַנד; די קינדערשע קאַטאָרגע, דאָס לעבען אין דער קאַנטאָניסטישער קאַזאַרמע; די מיסיאָנערישע ארבייט פון די קאָמאַנדירען און גלחים; די פייניגונגען, וואָס מען האָט פערשאַפט די קינדער, כדי צו צווינגען זיי צום שמד; די בעציהונגען פון די רוסישע חברים און געטויפטע קאַנטאָניסטען צו די אידישע קינדער; די „ערציהונג", וואָס דער קאַנטאָניסט פלעגט בעקומען; די בעלוינונגען פאַר אָבטויפען אידישע קינדער; די פערפאָלגונגען, וואָס דער געטויפטער קאַנטאָניסט איז אויסגעשטאַנען, ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט צום אידישען גלויבען; אידישע קאַנטאָניסטען, פערשיקטע אין קלויסטערס אָדער אַרעסטאַנטסקע ראָטעס, א. אַז. וו., — ביז דער טויט פלעגט אָפטמאָל די אונגליקליכע דערלייזען פון זייער פּיין. ווארום ניט נאָר וואָס פיעל פון די קליינע מאַרטירער זיינען דאָ אומגעקומען, אָדער זיי האָבען זיך אַליין גענומען דאָס לעבען, נאָר אַפילו פאַר אַ סך פון די, וואָס זיינען לעבעדיגערהייד אַרויס פון דער קאַנטאָניסטישער קאַזאַרמע, האָט זי געהאַט ווייטערדיגע ביטערע נאָכוועהענישען, פון וועלכע מען האָט זיך ניט געקאָנט בעפרייען ביז'ן סאַמע קבר.

די מורא'דיגע פּיין פון די אונגליקליכע קינדער פאָדערט איהר „תיקון"; זי דאַרף אויף שטענדיג פערבלייבען אין פאָלקס־זכרון. די ליידענס־געשיכטע פון די אידישע קאַנטאָניסטען מוז ענדליך געשריבען ווערען. דאָס וועט זיין אַ מאָנומענט, וואָס די קליינע מאַרטירער האָבען כשר פערדיענט דורך זייערע גרעניצלאָזע ליידען, שוידערהאַפטע עינויים און דורך דעם וואונדערבאַרען העלדען־מוט, וואָס אַ סך פון די קינדער האָבען אַרויסגעוויזען, ניט אונטער־געבענדיג זיך די שרעקליכסטע פייניגונגען און פערבלייבענדיג טריי צו זייער פאָלק און גלויבען. דאָס וועט צוגלייך אויך זיין אַ וויכטיג קאַפּיטעל פון דער אידישער היסטאָריע אין רוסלאַנד; ווארום די ליידען פון די קליינע אידישע רעקרוטען זיינען געווען ניט קיין צופעליגע ערשיינונג, וואָס

האָט זיך געווענדט אָן דעם בייזען ווילען פון דעם אָדער יענעם קאָמאַנדיר אָדער גלח, נאָר דער דירעקטער רעזולטאַט פון אַ געוויסער רעגירונגס־פּאָליטיק בנוגע צו אידען, וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרען סיסטעמאַטיש, שטרענג בערעכענט, פּלאַנמעסיג, און וואָס האָט זיך בעזונדערס קלאָר אָבגע־שפּיגעלט אין דער טראַגעדיע פון די קאַנטאָניסטען.

אַלס גרונד־מאַטעראַל האָבען מיר געדיענט די פאָלגענדע זאַמלונגען פון אַרכיוו־דאָקומענטען:

אַרכיוו פון סינאָד: פון יאָהר 1843—נומ. 1875: „וועגען טויפען אידישע קאַנטאָניסטען און וועגען זייערע רעליגיאָנס־לעהרער. (פון 27־טען אויגוסט 1843 ביז 31־טען דעצעמבער 1847)".

אַרכיוו פון סינאָדאַלען אָבער־פּראָקוראָר: א) נומ. 31904 "איבער דעם קייזערליכען בעפעהל וועגען טויפען אידישע קאַנטאָניסטען און וועגען בעזאָרגען זיי מיט לעהרביכער". 1־טער טייל. (פון 1־טען מאַי 1843 ביז 9־טען אַפּריל 1845; ב) 2־טער טייל (פון 1־טען מאַי 1843 ביז 20־טען מערץ 1850. ג) נומ. 44365: „איבער די בעריכטען פון די אַרכיערייען וועגען דעם גאַנג פון טויפען אידישע קאַנטאָניסטען. (פון 8־טען סעפּטעמבער 1850 ביז 19־טען נאָוועמבער 1853)". ד) פון יאָהר 1854 — נומ. 26: „איבער די בעריכטען פון די אַרכיערייען וועגען דעם גאַנג פון טויפען אידישע קאַנטאָניסטען. (פון 19־טען יאַנואַר 1854 ביז 9־טען מערץ 1857)".

אויסער דעם האָב איך אויסגענוצט נאָך אַ מאַסע אַרכיוו־דאָקומענטען, וואָס זיינען אָנגעוויזעןביים געהעריגען טעקסט. דאָרטען, וואו עס זיינען ניט אָנגעגעבען קיין בעזונדערע אַרכיוו־קוועלען, איז דער מאַטעריאַל גענר־מען פון די אויבען אויסגערעכענטע פינף הויפּט־זאַמלונגען.

איך האַלט פאַר נויטיג צו בעמערקען, דאָס אין מיין איצטיגער מאָנאָ־גראַפיע האָב איך ניט געהאַט די מעגליכקייט אויסצושעפען דעם גאַנצען, זעהר גרויסען אַרכיוו־מאַטעריאַל וועגען דער קאַנטאָניסטען־עפּאָפּייע, וואָס איך האָב געזאַמעלט. איך האָף צו בעאַרבייטען דעם איבערגעבליבענעם שטאָף אין ווייטערדיגע בעזונדערע אַרטיקלען.

●

I.

דאָס קאַנטאָניסטען-סיסטעם אין רוסלאַנד. — די אידישע רעקרוט-שינע.—קינדער-רעקרוטען.—רוסישע און אידישע קאַנטאָניסטען.— דער אונטערשיד צווישען זייער לאַגע.

כדי דאס ווייטערדיגע זאָל זיין פאָלקאָם פערשטענדליך פאַר די לעזער, מוז מען זיך פריהער אָבשטעלען אויף עטליכע אַלגעמיינע ערקלע-רונגען.

דער אויסדרוק „קאַנטאָניסט" שטאַמט פון דעם וואָרט „קאַנטאָן", מיט וועלכען מען האָט אַמאָל אין פראַנקרייך און פרייסען בעצייכענט געוויסע געגענדען, פון וואַנען מען פלעגט צוזאַמענשטעלען מיליטער-אָבטיילונגען. צו יעדען רעגימענט זיינען געווען צוגעשריבען באַשטימטע ראַיאָנען, וואָס האָבען געמוזט פאַר זיי ליפערן „קאַנטאָניסטען", דאָס הייסט, איינגלעך, וועלכע מען האָט דאָ געגרייט, זיי זאָלען דערנאָך ווערען זעלנער. אין רוס-לאַנד זיינען קאַנטאָניסטען ניט געווען אָן אויסשליסליך אידישע ערשיינונג. זינט עס איז אין רוסלאַנד איינגעפיהרט געוואָרען אַ רעגולערע אַרמיי, האָט דאָ אָנגעהויבען צו גילטען דער כלל, אַז די סאָלדאַטסקע זיהן געהערען פון זייער געבורט אָן צו דער מלוכה, זיי מוזען מיט דער צייט אָנקומען אין מי-ליטער. לויט דעם בעפעהל פונ'ם קייזער פעטער דעם ערשטען, זיינען אין יאָהר 1721 געגרינדעט געוואָרען „גאַרניזאָנע שולען", וואוהין מען פלעגט אַריינגעהמען סאָלדאַטסקע זיהן אין עלטער פון 7 יאָהר; דאָ האָט מען זיי געגעבען אַ מיליטערישע ערציהונג, און ווען זיי זיינען אַלט געוואָרען 14 יאָהר (שפּעטער איז דער טערמין פערלענגערט געוואָרען ביז 18 יאָהר), האָט מען זיי בעשטימט אין פערשידענע רעגימענטען. אַזוי איז בעשאַפען געוואָרען אין רוסלאַנד דאָס קאַנטאָניסטען-סיסטעם, וואָס האָט עקזיסטירט מעהר ווי 130 יאָהר. נאָך פעטער דעם ערשטען ווערען די „גאַרניזאָנע שולען" אַלץ פערמעהרט, און די צאָהל סאָלדאַטסקע זיהן, וואָס ווערען אין זיי ערצויגען, וואַקסט אַלץ נאָכאַנאַנד. דער קייזער פאַוועל האָט אין יאָהר 1798 די שולן רעאָרגאַניזירט און זיי פערוואַנדעלט אין „מיליטערישע יתומים-אָבטיילונ-גען", לויט'ן באַפעהל פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטען, האָט מען אָנגע-הויבען אַהין צו נעהמען סאָלדאַטסקע זיהן ערשט נאָכדעם ווי זיי איז גע-וואָרען צעהן יאָהר [1].

---

[1]) Столѣтіе Военнаго Министерства, т. IV, ч. II, 243—266.

דער מיליטערישער רעזשים, וואָס איז בכלל פערשטאַרקט געוואָרען דורך ניקאָלאַי דעם ערשטען, האָט ממילא געבראַכט צו דעם, אַז אין זיין צייט האָט דאָס קאַנטאָניסטען־סיסטעם בעקומען די העכסטע ענטוויקלונג און אָרגאַניזאַציע. דער פּרינציפּ, אַז אַלע סאָלדאַטסקע זיהן געהערען צו דער מלוכה און ווערען פון 14 יאָהר אָן פּעררעכענט פאַר קאַנטאָניסטען, איז דורכגעפיהרט געוואָרען מיט דער גרעסטער שטרענגקייט. מיט דעם צוועק צו געבען די סאָלדאַטסקע זיהן אַ מיליטערישע ערציהונג און צוגרייטען זיי צום קומענדיגען זעלנער־דיענסט, זיינען אָנשטאַט די פריהעריגע „יתומים־אָבטיילונגען" בעשאַפען געוואָרען 4 בעזונדערע „קאַראַבינער־רעגימענטען" (אויף אויסבילדען אונטער־אָפיצערן) און אין פערשידענע רוסישע שטעדט — קאַנטאָניסטישע ראָטעס (צו 250 איינגלעך), האַלב־באַטאַליאָנען (צו 500) און באַטאַליאָנען (צו 1,000). זיי זיינען געווען איינגעטיילט אין עטליכע ספּעציעלע בריגאַדעס, וואָס יעדערע פון זיי האָט געהאַט איבער זיך אַ בעזונדערען גענעראַל. אויסער דעם, זיינען ביי געוויסע רעגימענטען און מיליטערישע אנשטאַלטען געווען ספּעציעלע קאַנטאָניסטען־אָבטיילונגען און שולען, אויף צוגרייטען שרייבער, פעלדשערס, מוזיקאַנטען און אַנדערע מיליטערישע פאַכלייט. די הויפּט־פערוואַלטונג איבער די קאַנטאָניסטישע אנשטאַלטען האָט געהערט צום קריעגס־מיניסטעריום, וואָס האָט דערויף געהאַט אַ בעזונדער דעפּאַרטאַמענט מיט ספּעציעלע רעוויזאָרען [2]. די אַלטע קאַנטאָניסטישע ראָטעס, האַלב־באַטאַליאָנען, באַטאַליאָנען און שולען זיינען, לויט זייער רעזשים און פּראָגראַם, געווען ריין מיליטערישע אנשטאַלטען, פונדעסטוועגען אָבער, האָט זיך דער טערמין פון ווירקליכער מיליטערישער דינסט (גאַנצע 25 יאָהר) פאַר די קאַנטאָניסטען גערעכענט ערשט פון 18 יאָהר אָן, ווען מען פלעגט זיי אַריבערפיהרען אין פערשידענע טיילען פון דער אַרמיי. ביי אַ רעוויזיע, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין יאָהר 1824, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אין די פערשידענע אַנשטאַלטען געפינען זיך איבער 120 טויזענד קאַנטאָניסטען, — ניט רעכענענדיג יענע סאָלדאַטסקע זיהן, וואָס האָבען געלעבט ביי זייערע עלטערען און קרובים. כדי צו פערקלענערען אַט די מורא'דיגע ציפער, האָט די רעגירונג בעשלאָסען צו פערלענגערן דעם טערמין, ביז וועלכען די סאָלדאַטסקע זיהן מעגען זיך האַדעווען אין דער־היים, און אַ טייל פון זיי אַפילו נעהמען צו 18 יאָהר גלייך אין מיליטער אָהן שום צוגרייטונג אַלס קאַנטאָנסטען. אין יאָהר 1842 זיינען שוין אין די פערשידענע אנשטאַלטען געווען נור אַן ערך 40 טויזענד קאַנטאָניסטען, בשעת ביי די עלטערן האָבען זיך אויפגעהאַלטען 190 טויזענד סאָלדאַטסקע זיהן.

[2]) Военная Энциклопедія (изд. Сытина), т. XII, 355—356.

די לעצטע קאַטעגאָריע וואַקסט אַלץ מעהר: אין יאָהר 1826 האָט זי בעטראָפען 107 טויזענד נפשות, מיט אַכט יאָהר שפּעטער—150 טויזענד. און אין יאָהר 1854 איז די צאָהל סאָלדאַטסקע זיהן, וואָס האָבען זיך געפונען אין דער־היים, געשטיגען ביז כמעט 300 טויזענד [8]).

די געשיכטע פון די אידישע קאַנטאָניסטען האָט זיך אָנגעהויבען גלייכצייטיג מיט דעם, ווי עס איז פאַר אידען אין רוסלאַנד איינגעפיהרט געוואָרען די רעקרוטשינע, דאָס הייסט, די מיליטער־פּליכט. נאָך דער צוטיילונג פון פּוילען זיינען די אידען אין די געגענדען, וואָס זיינען אַריבער צו רוסלאַנד, פערבליבען פריי פון מיליטער־דיענסט, ווי פריהער ביי דער פּוילישער הערשאַפט. אָנשטאַט דעם האָט מען פון זיי גענומען אַ בעזונדער געלד־אָבצאָהל. אין פּאַוועל'ס און אַלקסאַנדער דעם ערשטענ'ס צייטען האָבען אייניגע רוסישע שטאַטסלייט געהאַט פאָרגעלעגט, מען זאָל אידען נעהמען אין מיליטער, אָבער פון זייערע פּראָיעקטען איז גאָרנישט געוואָרען. אַ נייע ווענדונג האָט די זאַך בעקומען, ווען ניקאָלאַי דער ערשטער איז געוואָרען קייזער פון רוסלאַנד. נאָך אַלס יונגער גרויספירשט האָט ער אַרויסגעוויזען אַ האַס געגען אידען. ביי אַט דער אויסגעשפּראָכען פיינדליכער בעציהונג צו אידען איז ניקאָלאַי ניט נור געבליבען, ווען ער איז געוואָרען קייזער, נור מיט דער צייט האָט זי זיך ביי איהם אַלץ פערשטאַרקט. אידען זיינען אָפיציעל אַנערקענט געוואָרען פאַר אַ „שעדליכען" טייל פון דער בעפעלקערונג, און דער רעגירונג איז געשטעלט געוואָרען די אויפגאַבע: „אויסאַרבייטען מיטלען אויף צו פערקלענערן די צאָהל אידען אין לאַנד".

אַנווייזענדיג פאַר זיך אַזאַ ציעל, האָט ניקאָלאַי געהאַט אין זינען ניט די אידישע אויסוואַנדערונג פון רוסלאַנד. פערמינדערען די צאָהל אידען האָט ביי איהם פשוט בעטייט: ברייננען זיי צום קריסטליכען גלויבען, פערטרייבען אידען פון די דערפער, מאַכען זיי די שווערסטע בעגרענצונגען אין רעכט און אין דער מעגליכקייט צו האָבען פּרנסה, פערשידענע בעלויגונגען פאַר משומדים, קאַזיאָנע „אויפקלערונג" — אַלץ האָט בעדאַרפט אויסראָטען די אידישע „שעדליכע זיטען", „אָבערגלויבענס" און שטויסען אידען צו טויפען זיך. דערהויפּט אָבער, האָט צו אָט דעם ציעל געזאָלט דיענען די רעקרוטשינע. אין אַ קורצער צייט נאָכדעם ווי ניקאָלאַי איז אַרויף אויפ'ן טראָן, האָט ער אַרויסגעזאָגט זיין פעסטען ווילען, מען זאָל אָנהויבען נעהמען אידען פאַר סאָלדאַטען. דער קייזער איז דערין געווען זייער אונגעדולדיג, ער האָט כסדר געטריבען, און לויט זיין פאָדערונג איז דער ענין בעטראַכט געוואָרען מיט אַ בעזונדער גיכקייט. אין דעם 26־טען

[8]) Ibid., т. I, 269, 296, 300, 403.

הריני נשבע בשם אל חי ה' אלוהי ישראל. שאני רוצה ואעבוד את הקיסר רוסי
וממשלת רוסי. איך ומה שיצוו אותי בכל זמן עבודתי ברבנות שלמה לפי טרי החיל. וגם
באמונה כאלו הייתי חייב לעבוד לטען הצלת ארצנו ותורתנו הקדושה:

את דברי השבועה הזאת אני אבטא בלבי. ורק אני נשבע על דעת המשביעים אותי
ואני מבטל כל מסירות מודעות שמסרתי או אמסור בשביל לבטל שבועה זו. הכלל שחלילה
לי בעצמי לבקש או לקבל מאיש אחר שום התכולה בשביל לבטל שבועה זו.

אבל אם אחטא מעצמי או על ידי מסית אעבור על השבועה אשר אני נשבע היום לעבוד
נאמנה עבודת איש חיל אהיה מוחרם עם משפחתי בעולם הזה ובעולם הבא אמן:

געדרוקטער העברעאישער טעקסט פון דער שבועה פאר די אידישע רעקרוטען (פאטאסטאט-קאפיע). אונטער איהם איז געקומען דער געשריבענער רוסישער טעקסט, מיט די חתימות פון בית-דין און א מנין עדות.

אויגוסט 1827 האט ניקאלאי בעשטעטיגט דעם פראיעקט וועגן רעקרוטשינע פאר אידען, און מיט צוויי טעג דערנאך איז דאס געזעץ פובליקירט געווארען [4]).

צו אידען זיינען ניט אנגעווענדעט געווארען די אלגעמיינע געזעצען וועגן רעקרוטשינע. פאר זיי איז ארויסגעגעבען געווארען א ספעציעלער רעקרוטסקער „אוסטאוו" (רעגלאמענט), וואס איז דורכגעדרונגען מיט אויסערארדענטליכע שטרענגקייטען. לויט זיין טאן און גאנצען אינהאלט דערמאהנט ער מעהר אן א שטראף-בוך וועגן פארברעכענס, איידער אן א נארמאל געזעץ וועגן מיליטער-דיענסט. יעדער פונקט אין איהם איז געשריבען ווי מיט א קנוט, א נאגאיקע.

דאס שוידערליכסטע איז געווען, וואס לויט דעם „אוסטאוו" פון יאהר 1827 איז בעשטימט געווארען צו נעהמען פון אידען רעקרוטען אין עלטער פון צוועלף יאהר אן (פ. 8). אזעלכע ניט-דערוואקסענע אידישע רעקרוטען ווערען אבגעגעבען אין די אלגעמיינע קאנטאניסטישע אנשטאלטען, און נאכדעם ווי זיי ווערען 18 יאהר אלט, קומען זיי אן פון דארטען אויפ'ן ווירקליכען מיליטער-דיענסט (פ. 74-75). קינדער-רעקרוטען — דאס איז געווען אויסשליסליך א אידישע ערשיינונג. פון קיינעם אויסער אידען, האט מען ניט-דערוואקסענע פאר רעקרוטען ניט גענומען; דאס איז געווען בלויז א טרויעריגע אידישע „פריווילעגיע". ווארים די רוסישע סאלדאטסקע זיהן, וואס פלעגען לויט דעם געזעץ ווערען קאנטאניסטען, זיינען קיין רעקרוטען ניט געווען. דאס קאנטאניסטען-סיסטעם איז געווען אן אונפערמיידליכער רעזולטאט פון דער פאנשטשינע, פון דעם,

[4]) אויספיהרליך וועגען דעם, ווי אזוי דער מיליטער-דיענסט איז פאר אידען איינגעפיהרט געווארען ז. מיינע „היסטארישע ווערק" ב. 2, אין דעם ארטיקעל „די ענטשטעהונג פון דער אידישער רעקרוטשינע".



געשריבענע שבועה פון אן אידישען רעקרוט פון פינסק (פון יאהר 1829)

וואָס די רוסישע פויערים האָבען אָנגעהערט צו די פּריצים־פּאָמעשטשיקעס. ווי בעוואוסט, איז די אַמאָליגע רוסישע אַרמיי דערהויפּט בעשטאַנען פון פויערים. ווען דער פויער איז גענומען געוואָרען פאַר אַ סאָלדאַט, איז ער ממילא אַרויס פון דעם פּריצ׳ס הערשאַפט און געוואָרען דער מלוכה׳ס אייגענטום. און פּונקט ווי דעם פויער׳ס זוהן האָט אָנגעהערט צו דעם פּאָמעשטשיק, אַזוי האָט דער סאָלדאַטסקער זוהן אָנגעהערט צו דער מלוכה, ער האָט צו 18 יאָהר אויך געמוזט ווערען אַ סאָלדאַט. דער אַמאָליגער רוסישער זעלנער האָט אָבער ניט געקאָנט שפּייזען זיין הויזגעזינד, ניט נור ווען ער איז געווען אויפ׳ן דיענסט, נור אָפּילו ווען ער איז, נאָכ׳ן אָבדיענען 25 יאָהר, אַרויס פון דער קאַזאַרמע, ווי אַ צוקאַליעטשעטער, אויסגעמאַטערטער אינוואַליד. דעריבער האָט די מלוכה געמוזט נעהמען אויף זיך די זאָרג ווענען זיין פאַמיליע. די סאָלדאַטסקע ווייבער פלעגען בעקומען געלד־שטיצע פון דער רעגירונג, און די סאָלדאַטסקע זיהן, די קומענדיגע זעלנער, האָט די מלוכה ערציהגען אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען, ביז זיי זיינען אונטערגעוואַקסען.

אָט דאָס איז געווען דער געזעצליכער פונדאַמענט פון דעם רוסישען קאַנטאָניסטען־סיסטעם. אידען אָבער זיינען קיין לייב־אייגענע ניט געווען, צו די פּריצים האָבען זיי ניט אָנגעהערט, און דעריבער איז ניט געווען קיין שום רעכטליכער גרונד אויפצוהאַלטען זייערע קינדער אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען. האָט מען זיי גענומען פאַר ר ע ק ר ו ט ע ן, פּונקט ווי דערוואַקסענע, רעכענענדיג אַז זיי וועלען זיך גיכער אונטערגעבען דער רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע און דעם טויף־צוואַנג. די קליינע אידישע רעקרוטען האָט מען דאָך אָבער ניט געקאָנט גלייך בעשטימען אין מיליטער — האָט מען זיי געמאַכט פאַר קאַנטאָניסטען ביז 18 יאָהר.

און ווייל די זאַך האָט געהאַט מיסיאָנערישע ציעלען, איז די לאַגע פון די אידישע קאַנטאָניסטען געווען פיעל ערגער, אין פערגלייך מיט זייערע רוסישע חברים. ווי מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, האָט די רעגירונג שטענדיג געזוכט צו פערקלענערען די צאָהל רוסישע קאַנטאָניסטען, וואָס האָבען זיך געפונען אין די אַנשטאַלטען. אין יאָהר 1828 איז אַרויס אַ בעפעהל, מען זאָל די קאַנטאָניסטען איבערלאָזען ביי זייערע פאַמיליעס ביז 16 יאָהר, און אין די דערפער — אָפּילו ביז 18 יאָהר. דערביי איז אָבער אָנגעוויזען געוואָרען, אַז צו די אידישע קאַנטאָניסטען קעהר זיך דאָס ניט אָן; זיי האָבען זיך געמוזט פון 12 ביז 18 יאָהר אויפהאַלטען אין די אַנשטאַלטען [5]). וואָס אָנבאַלאַנגט אידען, האָט די רעגירונג, פערקעהרט, תמיד געשטרעבט צו נעהמען פון זיי וואָס מעהר קאַנטאָניסטען.

---

[5]) Втор. Полн. Собр. Зак., т. III, № 2493.

למשל, לויט די געזעצען פון יאָהרען 1837, 1846 און 1847, מוזען פערֿ־רעכענט ווערען פאַר קאַנטאָניסטען די ניט־דערוואַקסענע זיהן פון די אידען, וואָס זיי אַליין אָדער זייערע עלטערען זיינען געווען פערשיקט קיין סיביר אויף „פאָסעלעניע" אָדער קאַטאָרגע [6]). און בכלל פלעגט ניקאָלאַי אויס־נוצען יעדע געלעגענהייט, כדי צו פערמעהרען די צאָהל אידישע קאַנטאָ־ניסטען. אַזוי, צום ביישפּיל, ביים אַרויסשיקען, אין יאָהר 1843, אידען פון געוויסע געגענדען אין קיעווער און פּאָדאָליער גוב., האָט ער ערלויבט איבערצולאָזען דאָרטען אויף ווייטער נור יענע, וועלכע וועלען מסכים זיין צו פערשרייבען זייערע קינדער פאַר קאַנטאָניסטען [7]). ווען עס איז אין יאָהר 1838 אויפגעהויבען געוואָרען די פראַגע וועגען ערלויבען דעם 10־יאָהריגען זוהן פון דעם אידישען סאָלדאַט מאַרקוס צו פערבלייבען מיט דעם פאָטער אין פּעטערבורג, האָט ניקאָלאַי געשטעלט די פאָלגענדע רעזאָ־לוציע: „איך געה דערויף איין, אויב נור דער פאָטער איז גרייט איהם אָבצוגעבען פאַר אַ קאַנטאָניסט, און אַזוי זאָל געהאַנדעלט ווערען אין אַלע אַזעלכע פאַלען" [8]). פיעל שווערער איז געווען דער שיקזאַל פון די אידישע קאַנטאָניסטען אויך אין אַן אַנדער הינזיכט: דער רוסישער קאַנטאָניסט פלעגט אָנקומען אין באַטאַליאָן אָדער האַלב־באַטאַליאָן אין יענער שטאָדט, אָדער אַלענפאַלס אין יענער גובערניע, וואו ער איז געבוירען געוואָרען; ער איז ניט אַזוי פערפרעמדט געוואָרען. דעם אידישען קאַנטאָניסט האָט מען אָבער קיינמאָל ניט איבערגעלאָזט אין אַ אידישער געגענד. איהם פלעגט מען שיקען אין די ווייטעסטע רוסישע שטעדט, וואו אַלץ איז איהם געווען פרעמד; ער איז דאָ געווען פאָלקאָם עלענד. און אויסער די אַלגע־מיינע פּיין, גלייך מיט די רוסישע חברים, האָט ער נאָך געמוזט אויס־שטעהן יסורים און פערפאָלגונג פאַר זיין גלויבען.

ווי האָבען אידען אויפגענומען דעם „אוקאַז" וועגען רעקרוטשינע, ווען ער איז פערעפענטליכט געוואָרען אין הערבסט 1827? די אידישע פאָלקס־מאַסען האָבען אין דער רעקרוטשינע גלייך דערשפּירט די גרעסטע געפאַהר פאַר זייער איינגעפונדעוועטען לעבענס־שטייגער, פאַר זייער פאַמיליען־איינהייט, גלויבען און נאַציאָנאַלען קיום. קיינע פון די פערשי־דענע גזירות, מיט וועלכע עס איז פול געווען ניקאָלאַי דעם ערשטענ'ס צייט, האָט ניט אַרויסגערופען אַזאַ טרויער און שרעק, ווי די רעקרוטשינע. קיין איינציגע פון זיי האָט ניט אַרויסגערופען אַזאַ פינסטערע כמאַרע אויפ'ן גאַנצען דעמאָלטיגען אידישען לעבען און ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך

[6]) Ibid., т. XII, № 10242; т. XXI, № 20737; т. XXII, № 21110.
[7]) Ibid., т. XVIII, № 16823.
[8]) Ibid., т.. XIII, № 11040.

אַזעלכע שרעקליכע עראינערונגען. אין די פֿאָלקס־ליעדער פֿון יענער צייט שפּירט זיך אַ קלאָרער אָפּקלאַנג פון יענע געפיהלען, וועלכע עס האָט אַרויסגערופען די גזירה פון רעקרוטשינע:

אָי, אב הרחמים, שוכן במרומים,
דו ביזט דער פֿאָטער איבער אַלע יתומים!
בעסער צו לערנען חומש מיט רש"י,
איידער צו עסען די סאָלדאַטסקע קאַשע.
בעסער צו ליגען אויף הוילע ברעטער,
איידער צו רופען דעם יון „פעטער".
בעסער צו טראָגען טלית און קיטעל,
איידער צו טראָגען דעם קייזער'ס היטעל.

בעסער וואָלט איך געלעגען
צעהן איילען אין דער ערד,
איידער צו טראָגען דעם קייזער'ס שווערד.
בעסער וואָלט איך געלעגען
צעהן איילען אין בלאָטע,
איידער צו טראָגען דעם קייזער'ס קאַפּאָטע! *)

דער אוקאַז וועגען דער רעקרוטשינע האָט אַרויסגערופען אַ יאָמער און געוויין אין אַלע אידישע שטעט און שטעטלעך. אָבער דער רעכטער קומער האָט זיך אָנגעהויבען דאַן, ווען עס איז אין גיכען נאָך דעם פּער־עפענטליכט געוואָרען דער קייזערליכער בעפעהל וועגען דעם ערשטען אידישען „נאַבאָר", און ווען מען איז צוגעטראָטען צו נעהמען פון אידען פאַר רעקרוטען ניט נור דערוואַקסענע, נור אויך קינדער.

●

*) ש. גינזבורג און פּ. מארעק. „אידישע פֿאָלקס־ליעדער אין רוסלאַנד", נומ. 45, 49.

.II

די ניקאָלאַיעווסקע רעקרוטשינע. — די אידישע נאַבאָרען. — פעלשונגען ביים אָבגעבען קינדער פאַר רעקרוטען. — קינדער־„אָכאָטניקעס". — דער אידישער דלות און די רעקרוטשינע. — דער קהל און די נאַבאָרען.

עס איז היינט־צו־טאָג שווער זיך פאָרצושטעלען, וואָס פאַר אַ שרעק ס'איז געווען די רעקרוטשינע אין ניקאָלאַי דעם ערשטען'ס צייטען, וואָסערע ליידען, פּיין און בעליידיגונגען דער דעמאָלטיגער סאָלדאַט אין רוסלאַנד פלעגט אויסשטעהן אין פערלויף פון זיין לאַנגען דיענסט. די רעגירונג אַליין האָט דאַן בעטראַכט די רעקרוטשינע פאַר אַן אָבקומעניש, אַ בעזונדער מין קאַטאָרגע, און ניט אומזיסט האָט ניקאָלאַי אַזוי ליעב געהאַט פאַר שווערע פערברעכענס אָבצוגעבען דעם שולדיגען פאַר אַ סאָלדאַט. די יסורים פלעגען זיך אָנהויבען נאָך פאַר'ן אָנקומען אין מיליטער, תיכף ווי עמיצער איז גענומען געוואָרען פאַר אַ רעקרוט, און זיי האָבען זיך געצויגען גאַנצע פינף און צוואַנציג יאָהר.

„דער קייזערליכער בעפעהל וועגען נאַבאָר — אַזוי דערצעהלט דער רוסישער שריפטשטעלער פּ. לוטשינסקי אין זיינע ערינערונגען פון יענער צייט, פלעגט געוועהנליך צוגעשיקט ווערען דורך אַן עסטאַפעט, אין אַ פערמאַכטען קאָנווערט מיט דער אויפשריפט: „געהיים". ווי ער איז נור אָנגעקומען, האָט מען גלייך שטילערהייד אָבגעגעבען די נויטיגע פעראָרדנונגען, און עס פלעגט זיך אין גאַנצען אויעזד אָנהויבען אַ שרעקליכע מהומה — מען האָט געקליבען רעקרוטען; אויף יעדערען, וואָס האָט געזאָלט אָבגעגעבען ווערען אין דיענסט, האָט מען גענומען דריי מענשען, טאָמער וועט מען עמיצען פערבראַקירען. אַלעמען, וועמען מען האָט געזאָלט שטעלען צום נאַבאָר, האָט מען אַריינגעזעצט אין אַ בעזונדער הויז, געשמידט די פיס, אָפטמאָל צו צוויי מאָן אינאיינעם, און אַזוי פלעגט מען זיי האַלטען ביז יענעם טאָג, ווען מען האָט זיי צוגעשטעלט אין דער „רעקרוטסקע פּריסוטסטוויע" (אַזוי האָט זיך גערופען די רעגירונגס־אַנשטאַלט, וואו בעאַמטע מיט דאָקטוירים האָבען בעשטימט, צי דער מענש טויג צום מיליטער־דיענסט, אָדער ער דאַרף בעפרייט ווערען). און די אַלע מיטלען פון פאָרזיכטיגקייט זיינען טאַקע געווען דורכאויס נויטיג, וואָרים אָהן דעם וואָלטען אַלע רעקרוטען אַנטלאָפען. ווי שלעכט עס איז ניט געווען דעם

פויער ביי זיין פּאַמעשטשיק, איז די רעקרוטשינע פאַר איהם געווען נאָך פיעל ערגער.....אין די דערפער האָט מען בעגלייט די רעקרוטען צו דער „פּריסוטסטוויע" מיט דיזעלביגע יאָמער־געשרייען און געוויין, וואָס פלעגען דאַרטען הילכען ביים אָבפיהרען אַ טויטען צום קבר" [1]). ניט נור ביי פויערים, ביי דער גאַנצער רוסישער בעפעלקערונג איז די רעקרוטשינע געווען פערהאַסט, פערשאָלטען. און ווי דאָס רוסישע פאָלק האָט אויף איהר געקוקט, ווענען דעם גיט אונז אַ קלאָרען בעגריף דאָס אַלטע רוסישע ליעד:

פינגער האַקען, רייסען צייהן, —
נאָר אין קייזער'ס דיענסט ניט געהן!

אָבער נאָך פיעל שרעקליכער איז די ניקאָלאַיעווסקע רעקרוטשינע געווען פאַר אידען. וואָרים אויסער די אַלגעמיינע סאָלדאַטסקע פּיין, האָט דער דעמאָלטיגער מיליטער־דיענסט פאַר זיי בעטייט — פערוואָגעלט ווערען אין די וויטעסטע רוסישע געגענדען, אין אַ פרעמדער פיינדליכער אומגעבונג, מיט געוואַלט אָבגעריסען ווערען פון אידישקייט, אויסשטעהן גרויזאַמסטע רעליגיעזע פערפאָלגונגען. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס דער קייזערליכער בעפעהל וועגען ערשטען אידישען נאַבאָר האָט אַרויסגערופען ביי אידען אַ געוואַלדיגען קומער און טויט־שרעק. פּובליקירט געוואָרען איז ער אין אַפּריל 1828, אַכט מאָנאַטען נאָכדעם ווי עס איז אַרויס דער אוקאַז וועגען איינפיהרען פאַר אידען רעקרוטשינע בכלל. אַפילו דער אָפיציעלער „זשורנאַל פון אינערן־מיניסטעריום" האָט ניט געקאָנט פערשוויינען דעם שרעקליכען איינדרוק, וואָס דער בעפעהל האָט געמאַכט אויף אידען: „דער ערשטער נאַבאָר, — האָט ער געשריבען, — האָט פערשפּרייט פערצווייפלונג צווישען דער גאַנצער אידישער בעפעלקערונג. מוטערס פלעגען לויפען צו די קברים פון זייערע עלטערן; זיי האָבען זיך געוואָלגערט אויף דער ערד און געבעטען, יענע זאָלען זיי ביישטעהן; אַנדערע זיינען אַפילו געשטאָרבען פון קומער און פערצווייפלונג. שטאַרבען פלעגען אויך אידישע אינגלעך פון דעם געדאַנק אַליין, אַז זיי וועלען ווערען זעלנער, מען וועט זיי אָבגאָלען, שערען די האָהר, מען וועט זיי האַלטען ווייט פון זייערע אייגענע אין שטרענגקייט און געהאָרכזאַמקייט" [2])...

די רעקרוטשינע איז ניט געווען פון יענע זאַכען, צו וועלכע מען זאָל זיך קאָנען צוגעוועהנען. דיזעלבע סצענעס פון טרויער און פערצווייפלונג פלעגען זיך ווידערהאָלען ביי די וויטערדיגע אידישע נאַבאָרען. דאָס בע־

[1]) Ф. Лучинскій. Провинціальные нравы за послѣдніе полвѣка. "Русск. Старина" 1897 г., IX, 635.

[2]) "Журналъ Министерства внутр. дѣлъ" 1846 г., № 14, стр. 47.

שטעטיגען אויך רוסישע בעאָבאַכטער, וואָס האָבען געהאַט די געלעגענהייט צו זעהן, ווי אַזוי עס פלעגען גענומען ווערען רעקרוטען פון אידען. „שווע־רער פאַר אַלעמען, — בעמערקט פ. לוטשינסקי, — איז די רעקרוטשינע געוועזען פאַר אידען. די וועה־געשרייען, טרעהרען און ליידען פון די אונ־גליקליכע אידישע מוטערס, ווען מען האָט זייערע זיהן גענומען פאַר רעקרו־טען, זיינען געוועזען שרעקליך. אין דער שטאָדט טשיגירין, וואו איך בין דאַן געוועזען אַ בעאַמטער, איז פאָרגעקומען אַזאַ צופאַל: צווישען די אידישע רעקרוטען, וואָס מען האָט געבראַכט, איז געוועזען אַ אינגעל מיט ראָזעווע בעקלעך, זעהר אַ שעהנער. ווי זיין מוטער האָט זיך נור דערוואוסט, אַז מען האָט איהם אָבגעגעבען, האָט זי גלייך זיך אַ לאָז געטהאָן צום טייך און זיך אַריינגעוואָרפען אין פּאָלאָנקע"[3]). וואָסערע שרעקליכע בילדער עס פלעגען פאָרקומען ביי די אידישע נאָבאָרען,—זאָגט אין זיינע עראינע־רונגען דער בעוואוסטער רוסישער שרייבער נ. ליעסקאָוו, — זאָל גאָט אָבהיטען אַפילו דערמאָהנען וועגען דעם. אין אַלע אידישע שטעדט און שטעדטלעך האָט זיך בוכשטעבליך ווידערהאָלט דער „יאָמער אין רמה" (ירמיה, קאַפּיטעל 31): די מוטער רחל האָט געוויינט איבער איהרע קינדער און ניט געוואָלט טרייסטען זיך!"[4])

ביי דעם העברעאישען שריפטשטעלער יהל"ל (י. ל. לעווין) ווערט איבערגעגעבען איינס פון די שרעקליכע בילדער, וואָס פלעגען אָפט פאָר־קומען אין יענע צייטען: „געהענדיג איינמאָל איבער'ן גאַס אין מינסק, האָב איך געזעהן אַ סצענע, וועלכע האָט זיך אַזוי טיעף איינגעקריצט ביי מיר אין מיין זכרון, דאָס אַפילו איצט, מיט פופציג יאָהר שפּעטער, ווער איך נאָך פערציטערט, ווען איך דערמאָהן זיך וועגען איהר. נעבען אַ הויז האָט זיך אָבגעשטעלט אַ פוהר, געשפּאַנט מיט אַ פּאָר געזונטע פערד. זעקס שטאַרקע מאַנסלייט זיינען אַריין אין הויז און באַלד פון דאָרטען צוריק אַרויס, האַלטענדיג אַ אינגעל, וואָס האָט זיך געריסען ביי זיי פון די הענד, און פערשטאָפּענדיג איהם דאָס מויל, כדי צו דערשטיקען זיינע קולות, האָבען זיי געאיילט צו דער פוהר. גלייך נאָך זיי איז אַרויסגעלאָפען אַ פרוי, מיט צושויבערטע האָהר, און האָט יאָמערענדיג און וויינענדיג געוומען ראַנגלען זיך מיט זיי. פיער פון די מאַנסבילען האָבען אין איילעניש אַריינ־געוואָרפען דאָס אינגעל אין פוהר און זיך מיט איהם אַנידערגעזעצט, פער־שטאָפּענדיג איהם דאָס מויל, און די אַנדערע צוויי האָבען זיך געראַנגעלט מיט דער מוטער, וואָס האָט אין פערצווייפלונג געגוואַלדעוועט: „קינד מיינס! פויגעלע מיינס!"... די מאַנסבילען האָבען די פרוי גובר געוועזן,

[3]) Ф. Лучинскій, ibid., 636—637

[4]) Н. С. Лѣсковъ. Собр. соч. (изд. 1897 г.), т. XII, 343. ("Владычный судъ").

אַנידערגעוואָרפען זי אויף דער ערד, אַריינגעשפּרונגען אין דער פוהר און זיינען אַלע אין איילעניש אַוועקגעפאָהרען. און די אונגליקליכע מוטער, אַ צובייִלטע, אַ צובלוטיגטע, איז געלעגען אויף דער ערד, זיך געשלאָגען מיט'ן קאָפּ אין די שטיינער, געריסען זיך די האָהר, געיאָמערט און גע־וויינט: „זוהנעלע מיינס! פויגעלע מיינס!"[5])...

קליינע אידישע קינדער האָט מען אָנגעהויבען צו נעהמען פאַר רעקרו־טען שוין פון דעם ערשטען נאָבאָר אָן, אין יאָהר 1828. לויט דעם ספּע־ציעלען „אוסטאַוו" וועגען דעם אידישען מיליטער־דיענסט, האָט מען גע־מעגט אָבגעבען אַ אידיש קינד פאַר אַ רעקרוט ניט איִנגער פון צוועלף יאָהר. דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג גרויזאַם. אין דער ווירקליכקייט איז אָבער אָט דער געזעצליכער טערמין פערבליבען בלויז אויפ'ן פּאַפּיר, ער פלעגט קיינמאָל ניט אָבגעהיט ווערען. די מעטריקעס האָבען זיך ביי אידען אין יענע צייטען געפיהרט אין דער העכסטער אונאָרדנונג. די מייסטע אידישע קינדער זיינען גאָר ניט פערשריבען געוואָרען און האָבען ניט געהאַט קיין דאָקומענטען וועגען זייער געבורט און עלטער. ביים נאָבאָר פלעגען די „פּריסוטסטוויעס" געוועהנליך אָבשאַצען די יאָהרען פון די, וואָס מען האָט צוגעשטעלט פאַר רעקרוטען, לויט זייער אויסערליכען אויסזעהן („נאַרוזשני וויד") אָדער נאָך אָפטער — אויפ'ן גרונד פון אַן אויספאָרשונג דורך עדות. אי דאָס, אי יענס פלעגט ברייִנגען צום העכסטען אונרעכט. לויט דעם אַלגעמיינעם געזעץ, וואָס האָט דאַן עקזיסטירט אין רוסלאַנד, זיינען אויך אידישע סוחרים, וואָס האָבען געצאָהלט „גילדיע", געווען פריי גלייך מיט די רוסישע פון רעקרוטשינע. דער מיליטער־דיענסט האָט אַלזאָ געגאָלטען בלויז פאַר די אָרימסטע שיכטען פון דער אידישער בעפעלקערונג — נור פון זיי פלעגט מען נעהמען רעקרוטען, סיי דער־וואַקסענע און סיי קינדער. אין דעם אָרימען קלאַס וויִזען אָבער קינדער געוועהנליך אויס עלטער פון זייערע יאָהרען. דעריבער פלעגען די „פּרי־סוטסטוויעס", ביים בעשליסען זייער עלטער לויט'ן „אויסערליכען אויס־זעהן", שטענדיג זיי געבען מעהר יאָהרען. נאָך ערגער איז געווען מיט'ן פעסטשטעלען עמיצענס עלטער דורך עדות. פּראַקטיקירט האָט עס זיך אַזוי: זעקס אידען האָבען מיט אַ שבועה בעוויזען, דאָס זיי וויסען „אויף געוויס", אַז דעם און דעם איז שוין געוואָרען צוועלף יאָהר. זייערע ווערטער זיינען פערשריבען געוואָרען אין אַ פּראָטאָקאָל,—און אויף אָט דעם גרונד האָט מען דאָס קינד גענומען פאַר אַ רעקרוט.

ס'איז גרינג פאַרצושטעלען זיך, צו וואָסערע שרעקליכע אונגעזעצ־ליכקייטען דאָס פלעגט פיהרען. אין פאַלשע „עדות" איז קיין מאַנגעל ניט

[5]) זכרונות ורעיונות — „ספר היובל לכבוד נחום סאָקאָלאָוו", וואַרשא, תרס"ד, 357.

געווען, דאָס איז געוואָרען אַ בעזונדער מין פּראָפעסיע. „עס זיינען געווען באַנדעס אויסוואורפען, פערדאָרבענע מענשען, — דערצעהלט נ. ליעסקאָוו אין זיינע עראינערונגען, — וואָס פלעגען זיך אָרומשלעפען, זוכענדיג „אַרבייט", און אומעטום פרעגען: צי ס'איז ניטאָ אויף וואָס צו שווע־רען?" [6]). די גרויסע שוועריגקייטען, וואָס קהל האָט געהאַט, מוזענדיג צושטעלען אַ מורא'דיגע צאָהל רעקרוטען; דאָס, וואָס זעהר פיעל מענשען פלעגען זיך בעהאַלטען פון מיליטער־דיענסט; די שטרעבונג פון אַ סך עלטערן צו מאַכען פון פרעמדע קינדער כפרה־הינדלעך פאַר זייערע אייגענע; דער כאַבאַר, וואָס האָט געהערשט אין די „פּריסוטסטוויעס", — דאָס אַלץ האָט געבראַכט צו דעם, אַז מיט דעם געזעצליכען טערמין פון צוועלף יאָהר האָט מען זיך גאָר ניט גערעכענט. צודעקענדיג זיך מיט די פאָרמאַליטעטען פון „נאַרוזשני וויד" און כלומרשטע „עדות־זאָגונגען", פלעגט מען כסדר נעהמען פאַר רעקרוטען אידישע קינדער פון ניין אָדער אַכט יאָהר, און אָפילו נאָך איינגערע. דער העברעאישער שריפטשטעלער א. ש. פרידבערג ברייננט אין זיינע מעמואַרען דעם מורא'דיגען פאַקט, אַז אין גראָדנע האָט מען פאַר אַ רעקרוט אָבגעגעבען אָפילו אַ פּ י נ ף - יאָהריג אינגעל [7]). דער געוועזענער קאַנטאָניסט י. איצקאָוויטש דערצעהלט וועגען זיך, אַז איהם האָט מען אין יאָהר 1853 גענומען, ווען ער איז געווען 7 יאָהר אַלט, מען האָט איהם דערלעגט גאַנצע פינף יאָהר און פערשריבען אין זיין מיליטערישען דאָקומענט, אַז איהם איז שוין געוואָרען צוועלף [8]). אַן אַנדער קאַנטאָניסט, מ. שפּיגעל, איז אָבגעגעבען געוואָרען אין יאָהר 1852 אין עלטער פון אַכט יאָהר [9]).

וועגען אַזעלכע פאַקטען דערוויסען מיר זיך אָבער ניט נור פון די אַמאָליגע קאַנטאָניסטען. אויך אין די אַרכיוו־דאָקומענטען שטויסען מיר זיך כסדר אָן אויף אַן אונטערשיד צווישען דעם ווירקליכען עלטער פון די אידישע קאַנטאָניסטען און די יאָהרען, וואָס זיינען בעוויזען אין זייערע אָפיציעלע פּאַפּירען. בעזונדערס אָפט באַגעגענען מיר דאָס ביי די אויס־פאָרשונגען און פּראָצעסען וועגען אַזוינע קאַנטאָניסטען, וואָס האָבען זיך שפּעטער אָבגעזאָגט פונ'ם קריסטליכען גלויבען, וואָס מען האָט זיי געצוואונ־גען אָנצונעהמען. למשל, ביזשעראָווסקי איז טאַקע געטויפט געוואָרען אין פּסקאָווער קאַנטאָניסטען באַטאַליאָן, זייענדיג 7 יאָהר אַלט, אָבער אין דאָקומענט איז ער דערביי געוואָרען פערשריבען פיעל עלטער [10]). באַנ־

---

[6]) Н. С. Лѣсковъ, ibid., 344.

[7]) זכרונות מימי נעורי, ספר השנה, רעד. נ. סאָקאָלאָוו, ג', 86.

[8]) Евр. Стар. 1912 г., I, 55.

[9]) Ibid., 1911 г., II, 250.

[10]) אַרכיוו פון סינאָד פון יאָהר 1874 — נומ. 1401.

שטשיק האָט ביים פערהער ערקלערט, אַז מען האָט איהם אָבגע׳שמד׳ט אין קיעוו (אין 1854), ווען ער איז אַלט געווען 10 יאָהר, און אָפיציעל האָט מען פערצייכענט, אַז איהם איז געוואָרען זעכצעהן. דאָסזעלבע איז אויך מיט דעם קאַנטאָניסט רעשציק: ביים אָבטויפען איהם אין קיעוו (אין 1853) איז איהם געווען נור 9 יאָהר, אָבער אין דאָקומענט האָט מען איהם דאַן געגעבען 14 יאָהר [11]). נעפעדאָוו, ווען מען האָט איהם אין יאָהר 1851 געשמד׳ט, איז אַלט געווען צוועלף יאָהר, נור אין זיין טויף־שיין האָט מען איהם פערשריבען גאַנצע זעכצעהן [12]). אַזעלכע ביישפּיעלען וואָלטען מיר געקאָנט ברייננען נאָך זייער פיעל.

אַז שוין ביים ערשטען נאָבאָר, אין יאָהר 1828, האָט מען ניט געקוקט אויף דעם געזעצליכען טערמין און אָבגעגעבען גאָר קליינע אידישע קינדער, דאָס בעשטעטיגט אויך דער אָפיציעלער בעריכט, וואָס דער הויפּט־דאָקטאָר פון קיעווער מיליטערישען שפּיטאָל באַראַנאָוויטש האָט אין יאָהר 1829 צוגעשטעלט אין קריעגס־מיניסטעריום. דאָס מיניסטעריום האָט געמאַכט אַן אָנפראַגע: פאַרוואָס איז צווישען די קאַנטאָניסטען פון קיעווער באַ־טאַליאָן פאַרהאַן אַזוי פיעל קראַנקע, און פאַרוואָס הערשט צווישען זיי אַזאַ גרויסע שטערבליכקייט? אין זיין רעפּאָרט האָט דאָקטאָר באַראַנאָוויטש געגעבען דערויף די פאָלגענדע ערקלערונג: „פון די נייע 1600 קאַנטאָ־ניסטען, וואָס זיינען צוגעקומען אין יאָהר 1828, האָט מען מעהר ווי אַ העלפט געבראַכט פון ווייטע געגענדען. אין די רייסטערס, מיט וועלכע מען האָט זיי צוגעשטעלט, איז געווען בעוויזען, אַז זיי זיינען אַלט 10 יאָהר, אָבער ווערדליג דעם אַרויספאַלען פון די ערשטע ציינער איז געווען קלאָר, אַז זיי איז נאָך ניט געוואָרען מעהר ווי 8 יאָהר. קיין געלד־מיטלען אויף אָבצושיקען זיי צוריק אין די ווייטע געגענדען צו די עלטערן איז ניט געווען; דעריבער איז דער באַטאַליאָן געווען געצוואונגען איבערצולאָזען זיי ביי זיך, פערשרייבענדיג זיי מיט די יאָהרען, וואָס זיינען געווען אָנגע־וויזען אין די רייסטערס" [13]).

ביים צושטעלען קליינע אידישע רעקרוטען האָט מען געמאַכט די שענדליכסטע פעלשונגען און שווינדלערייען, כדי פון אויבען אויף זאָל די זאַך אויסקומען געזעצליך. מען פלעגט, למשל, די קינדער אָבנאָרען און שטויסען צו אַזוינע שריט, וואָס האָבען זיי געבראַכט שאָדען. דעם געווע־

---

[11]) אַרכיוו פון קריעגס־מיניסטעריום. דעפּאַרט. פון מיליטערישע געגענדען, יוריד. טייל, נומ. 140.

[12]) אַרכיוו פון סינאָד, פון יאָהר 1866 — נומ. 1313.

[13]) Д. Бродский. Як до Хреста приводили кантоністів-жидів. (“Зап. Істор.-Филолог. Відділу Укр. Акад. Наукъ”, XII — 1927 г., 303, прим. 1).

זענעם אידישען קאַנטאָניסט וו. ניקיטין האָט מען, ווען איהם איז געגאַנגען ערשט דאָס עלפטע יאָר, געכאַפּט און אין עטליכע טעג אַרום אינאיינעם מיט די אַנדערע אינגלעך געבראַכט אין דער „פּריסוטסטוויע”. „אַלע אינגלעך, שרייבט ער, זיינען געשטאַנען און האָבען אויפ'ן קול גע'ווײנט. אַרום אונז האָבען געהאַוועט די אידישע „סבאָרשטשיקעס”, וואָס האָבען אונז אַהער צוגעשטעלט. איינער פון זיי, האָט זיך מיר געדוכט, איז געווען ניט אַזאַ שלעכטער, ווי די איבעריגע; האָב איך איהם געבעטען צו העלפען מיר, איך זאָל זיך אומקעהרען אַהיים. „אין אַ שעה אַרום וועסטו זיין פריי, האָט ער געענטפערט מיט אַ צוקער־זיסער שטים: און כדי צו ווערען פריי, זאָלסטו ניט וויינען. נאַ דיר צוויי גילדענע מטבעות, לעג זיי אַריין צו זיך אין מויל הינטער די ציינער, און ווען מען וועט דיך רופען אַהין אין צימער, זאָלסט זאָגען פעסט, אַז דיר איז 14 יאָהר, דורכאויס 14, ניט 11. און דאָס מויל זאָלסטו עפענען וואָס מעהר; דער דאָקטאָר וועט זיך נעהמען די מטבעות און וועט דיך אָפּלאָזען צוריק אַהיים!” ווי איינער, וואָס האַלט ביים דערטרונקען ווערען, כאַפּט זיך אָן פאַר אַ שטרויעלע, אַזוי האָב איך, אַ נאַריש קינד, אָנגענומען די מטבעות און די עצה, וואָס ער האָט מי'ר געגעבען.” ער האָט געטאָן, ווי יענער האָט איהם געלערענט, — און ס'פערשטעהט זיך, מען האָט איהם גלייך אָבגעגעבען פאַר אַ רעקרוט[14]. אויסנוצענדיג דעם אומשטאַנד, וואָס די קינדער האָבען ניט פערשטאַנען רוסיש, פלעגט מען זיי אָפט אויך צושטעלען אונטער פרעמדע נעמען און אָבגעבען אָנשטאָט אַנדערע. דער געוועזענער קאַנטאָניסט ח. מערימזאָן דערצעהלט, ווי מען האָט איהם, מיט אַן אַנדער אינגעל, יעקב קלעזמער, געבראַכט אין „פּריסוטסטוויע”: „דאָרטען האָט מען אונז אַפילו ניט אויס־געטהאָן, ניט געמאָסטען, מעהר נישט ווי פערשריבען. איינער אַ בעאַמטער האָט געגעבען אַ צייכען, מען זאָל אונז אונטערפיהרען נעהענטער צום טיש. האָט דער בעאַמטער מיך געפרעגט, ווי מען רופט מיך. איך האָב געבעטען דעם איד, ער זאָל מיר זאָגען, וואָס מען פרעגט מיך. יענער האָט מיר איבערזעצט איך האָב זיך אַ קעהר געטהאָן צו דעם בעאַמטען אין געענטפערט: „חיים מערימזאָן”. דער בעאַמטער האָט אַריינגעקוקט אין דעם פאַפּיר און אַ געשריי געטהאָן: „דיין נאָמען איז ניט חיים, נאָר מאיר! זעה־זשע, רוף זיך מאיר!” דאָ האָב איך פערשטאַנען, אַז מען האָט מיך אָבגעגעבען אָנשטאָט מיינעם אַ רייכען קרוב מיט דעמזעלבען פאַמיליען־נאָמען, אַ שיינקער. „און ווי רופט מען דיך?” — האָט דער בעאַמטער געפרעגט ביי מיין חבר. — „יעקב קלעזמער”. — „אַ ליגען! דו הייסט

[14]) В. Н. Никитинъ. Вѣкъ пережить — не поле перейти. “Еврейская Библіотека”, IV, 177—178.

יצחק גרינבלאַט!" און נאָכדעם ווי דער בעאַמטער האָט אַלץ פערשריבען, האָט ער געשיקט רופען דעם קאַנוואָי, כדי אָפּצופיהרען אונז אין טורמע, וואו מען האָט דעמאָלט געהאַלטען די רעקרוטען, דערוואַקסענע און קליינע, ביז'ן אָבשיקען זיי אין מיליטער־אָבטיילונגען" [15]).

עס וואָלט פערנומען צופיעל אָרט אויסצורעכענען די פערשידענע שווינדלערייען און בעטרוגען, וואָס פלעגען דאַן פּאָרקומען ביים אָבגעבען קינדער פאַר רעקרוטען. פאַלשעווען איז געווען ניט שווער, ווייל די מייסטע בעאַמטע און דאָקטוירים, וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות צו די נאָבאָרען, פלעגען זיך גערן לאָזען אונטערקויפען. מיר וועלען דאָ נאָך דערמאָהנען בלויז וועגען אייניגע בעזונדער'ס פינסטערע ערשיינונגען. לויט דעם מיליטערישען געזעץ, האָבען אידישע משפּחות, וועלכע האָבען גע־דאַרפט געבען אַ רעקרוט, געהאַט דאָס רעכט צו צושטעלען אָנשטאָט איהם אַ אידישען „אַכאַטניק", ד. ה. אַ פריוויליגען, וואָס איז געווען מסכים צו געהן דיענען פאַר אַן אַנדערען. אין דעם „אוסטוו" איז ניט געווען געזאָגט בפירוש, ווי אַלט אַזאַ „אַכאַטניק" מוז זיין. ווייל עס האָט זיך אָבער דאָ געהאַנדעלט וועגען ווערען מיט'ן אייגענעם ווילען אַ רעקרוט, און אַזאַ מין ערנסטער שריט פאָדערט אַלענפאַלס אַ געהעריגע בעוואוסטזיניגקייט און בערעכענטקייט, איז דער מיין פונ'ם געזעץ נאַטירליך געווען, אַז פאַר אַן „אַכאַטניק" מעג מען נעהמען אַ דערוואַקסענעם מענש, בפרט אַז אויפ'ן גרונד פון דעמזעלבען געזעץ האָט ער געמוזט געבען אַן אונטער־שריפט, אַז דיענען געהט ער ווירקליך „לויט זיין פרייען פערלאַנג". אויסנוצענדיג די אונקלאָרקייט פונ'ם געזעץ און פערשטאָפּענדיג די מיילער אין די „פּריסוטסטוויעס" מיט כאַבאַר, פלעגט מען אָבער אָפט צושטעלען אויך קינדער פאַר „אַכאַטניקעס".

וועגען אַזוינע פאַקטען דערוויסען מיר זיך פון די אָפיציעלע דאָקו־מענטען, וואָס ליעגען פאַר אונז. אַזוי, צום ביישפּיל, רעפּאָרטירט צו דער „דריטער אָבטיילונג" אין יאָהר 1840 דער זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק קאָך פון מאָהילעווער גוב.: „פיעל קינדער, ניט פערשטעהענדיג דעם זין פון דער צושטימונג, וואָס זיי גיבען, ווערען פערפיהרט דורך געשענקען, פערשפּרעכונגען און אָפטמאָל דורך סטראַשונקעס, און זיי ווערען „אַכאַט־ניקעס", ניט אַכטענדיג אויף די עצות פון זייערע קרובים." פּאָרקומען פלעגט דאָס ניט נאָר אין מאָהילעווער גובערניע אַליין. „די זוועניגאָראָדער „פּריסוטסטוויע", — שרייבט אין דעם זעלבען יאָהר דער זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק בעק פון קיעווער גובערניע, — האָט אָנגענומען עטליכע אידישע „אַכאַטניקעס", וואָס אייניגע פון זיי האָבען ניט קיין 18 יאָהר,

---

[15]) Евр. Стар. 1912 г. III, 300.

און אַנדערע זיינען נאָך גאַר קינדער. דאָס איז אַ שרעקליך אונרעכט!" דאָסזעלבע בעשטעטיגט דער פּאָלקאָווניק ליווענצאָוו אין זיין ראַפּאָרט פון טשערניגאָווער גובערניע: „די אידישע „אַכאָטניקעס", וואָס ווערען דאָ צוגעשטעלט, ווייזען אָפּט אויס לויט אַלע סימנים אינגער פון 12 יאָהר, און ניט פערשטעהענדיג וואָס זיי טהוען (די געלד־גיריגע קרובים לערנען זיי אָן), ערקלערען עס אַזעלכע, דאָס זיי ווילען ווערען רעקרוטען פאַר פרעמדע משפחות, און זיי שליסען אַ שריפטליכען אָבמאַך, ניט האָבענדיג וועגען דעם קיין שום בעגריף." וועגען דעם מעלדעט אויך דער זשאַנדאַרמסקער גענעראַל שנעל, פון אָדעס, אַנווייזענדיג, אַז מען מוז דורכאויס אָבגעבען אַ פעראָרדנונג, אַז אידישע „אַכאָטניקעס" זאָלען גענומען ווערען, ווענינגסטענס, ניט אינגער פון 18 יאָהר [16].

לויט׳ן פּ. 34 פון דעם רעקרוטסקען „אוסטאַוו", האָבען די אידישע קהילות געמעגט אָבגעבען אין מיליטער־דיענסט זייערע מיטגליעדער פאַר ניט צאָהלען פּינקטליך די געהעריגע שטייערען און פאַר שלעכטער אויפ־פיהרונג בכלל. ווי אונגלויבליך די זאַך זאָל ניט אויסווייזען, פלעגט אָבער אויך אָט דאָס רעכט אויסגענוצט ווערען, כדי אָבצוגעבען קינדער פאַר רעקרוטען. אַז אַזוינע פאַלען זיינען אין דער ווירקליכקייט פאָרגעקומען ניט זעלטען, דאָס בעווייזט אונז דער בעריכט, וועלכען עס האָט צו דער „דריטער אָבטיילונג" צוגעשטעלט דער זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק קאָך. רעפּאָרטירענדיג וועגען די פערשידענע אונגעזעצליכקייטען, וואָס ער האָט בעמערקט אין מאָהילעווער גובערניע ביים נאַבאָר פון יאָהר 1839, אונ־טערשטרייכט קאָך, אַז מען מוז פערוועהרען די אידישע קהילות צו צושטע־לען פאַר רעקרוטען ניט־דערוואַקסענע פאַר זייער „שעדליכען אויפ־פיהר" [17].

ביי אידישע שרייבער, בעזונדערס פון יענער צייט, ווען אין אונזער ליטעראַטור האָט געהערשט די ריכטונג פון „השכלה", בעגעגענען מיר אַ סך שווערע בעשולדיגונגען געגען קהל און זיינע פאָרשטעהער פאַר יענע גרויזאַמקייט, מיט וועלכער זיי פלעגען אָבגעבען פאַר רעקרוטען אַזוי פיעל קליינע קינדער, דערהויפּט פון אָרימען קלאַס, און פאַר די גרויסע אונגע־רעכטיגקייטען, וואָס זיינען דערביי בעגאַנגען געוואָרען. ס׳איז קיין צווייפעל ניט: די קהל׳שע אָרדנונגען האָבען פערמאָגט אַ סך פינסטערע זייטען, עס פלעגט דאָן געשעהן פיעל, זעהר פיעל אונרעכט. און יענע פון אונזערע שריפטשטעלער, וואָס אידעאַליזירען איצט די אַמאָליגע קהל׳שע זעלבסט־

---

[16]) אַרכיוו פון דער „דריטער אָבטיילונג, 1-טע עקספּ., פון יאָהר 1839 — נום. 54. (וועגען דעם נאַבאָר אין יאָהר 1839").

[17]) אין דערזעלבער „דיעלע" פון דער „דריטער אָבטיילונג".

פערוואַלטונג, בעוויזען דערמיט, אַז זיי זיינען נישט גענוג בעקאַנט מיט איהר טעטיגקייט. אָבער אויפוואַרפענדיג אויף דעם קהל די גאַנצע שולד פאַר יענע גרויזאַמקייטען, וואָס פלעגען דאַן געשעהן ביי די אידישע נאַבאָרען, בעגעהט מען אַ היסטאָריש אונרעכט; וואָרים עס ווערען דערביי ניט גע־נומען אין בעטראַכט די שוידערליכע אומשטענדען און בעדינגונגען, ביי וועלכע דער קהל האָט געמוזט ערפילען זיינע פליכטען צו דער מלוכה. כדי דאָס בילד זאָל זיין גענוג קלאָר, וועלען מיר זיך דאָ עטוואָס אויף דעם אָבשטעלען.

די ניקאָלאַיעווסקע רעקרוטשינע פלעגט ביי אידען אַרויסרופען אַזאַ שרעק און האָס, דאָס יעדערער האָט געזוכט אויסצומיידען דעם מיליטער־דיענסט. מען האָט זיך בעהאַלטען, געוואַנדערט פון שטאָדט צו שטאָדט, מען האָט זיך גאַנץ איינפאַך געקאַליעטשעט. פון די גרעניץ־געגענדען פלעגט מען אַנטלויפען קיין אויסלאַנד. מען האָט פון זיך געריסען שטיקער פלייש און געצאָהלט סוחרישע גילדיע, אַבי צו בעפרייען זיך און די קינדער פון רעקרוטשינע. לויט די אָפיציעלע ציפערן, האָבען זיך, למשל, אין וואָלינער גובערניע, אין יאָהר 1837, בעהאַלטען פון נאַבאָר 2075 אידען, אין יאָהר 1845 — 1562, אין יאָהר 1848 — 1875 אידען. אין זיין בעריכט פון יאָהר 1850 מעלדעט דער וואָלינער גובערנאַטאָר, אַז אין פיעל קהילות, בעזונדערס נעבען דער גרעניץ, איז ביי די נאַבאָרען ניט צו געפי־נען, אויסער די עלטערע אָדער קראַנקע, קיין איין איד, וואָס זאָל טויגען צום דיענסט. קהל האָט געמוזט האַלטען „כאַפּערס", כדי אַרויסצוגעפינען די, וואָס האָבען זיך בעהאַלטען, און נעהמען זיי מיט געוואַלט; ער האָט געמוזט זוכען די אַנטלאָפענע אין אַנדערע שטעדט, זיי ברייגנען און אויפ־האַלטען אויף זיין חשבון אין אַרעסט ביז'ן סאַמע נאַבאָר, זיי זאָלען זיך ווידער ניט אָבטראָגען. דאָס אַלץ האָט אָבגעקאָסט זעהר פיעל געלד, אָבער ווייניג געהאָלפען, און די צאָהל פעהלענדע רעקרוטען האָט זיך אַלץ פערגרעסערט.

און שטאַרק מיטגעהאָלפען האָט דאָ אויך דער שטענדיג־וואַקסענדער אידישער דלות. דער רוסישער שריפטשטעלער פירשט א. דאָלגאָרוקי, וועלכער האָט אין יאָהר 1810 געמאַכט אַ נסיעה איבער דרום־רוסלאַנד, אונטערשטרייכט אין זיין רייזע־בעשרייבונג די גרויסע אָרימקייט, וואָס ער פלעגט דאָ אומעטום בעמערקען צווישען אידען [18]). און וואָס ווייטער, ווערט די אידישע עקאָנאָמישע לאַגע אַלץ ערגער. דאָס בעשטעטיגען אויך די אָפיציעלע קוועלען. למשל, דער קייזערליכער בעפעהל פון 11־טען

[18]) Князь И. М. Долгорукій. Славны бубны за горами, или путешествіе мое кое-куда 1810 г. (Москва, 1870 г.).

אַפּריל 1825 רעדט פיעל וועגען דער שרעקליכער נויט, וואָס הערשט צווישען דער אידישער בעפעלקערונג, און וועגען דער מורא׳דיגער מאַסע אידישע אָרימע־לייט, וועלכע שלעפּען זיך אַרום פון שטאָדט צו שטאָדט [19]). אין מינסקער גובערניע זיינען אין סוף פון די 50־ער יאָהרען מעהר ווי 55 פּראָצענט פון די דאָרטיגע אידען ניט געווען אימשטאַנד צו דעקען די שטייערען, און די קהילות האָבען געמוזט פאַר זיי צאָהלען [20]). דער מינסקער גובערנאַטאָר מעלדעט אין יאָהר 1844, אַז די אָרימקייט איז געוועזן אַזוי גרויס, דאָס עס פלעגען זיך געפינען עלטערן,—אידישע עלטערן! —וואָס האָבען פערקויפט זייערע ניט־דערוואַקסענע זיהן פאַר „אַכאָטניקעס", כדי צו ראַטועון די אַנדערע קינדער פון הונגער [21]). מיר האָבען אויך ידיעות וועגען דער דעמאָלטיגער גרויסער שטערבליכקייט צווישען אידען. פאַר די יאָהרען 1844—1847 איז זי געשטיגען אויף 37 פּראָצענט, אָדער מעהר ווי אין צווייען, אין פערגלייך מיט דער קריסטליכער בעפעלקערונג. דער גרויסער דלות און די אונמעגליכקייט צו ערפילען די פליכטען צו דער מלוכה האָבען בעשאַפען אַ בעזונדערע אידישע ערשיינונג — די מורא׳דיגע מאַסע „נעלמים" (ד. ה. אַזוינע אידען, וואָס זיינען ניט געווען פערשריבען אין די רייסטערס פון דער בעפעלקערונג און האָבען אָפיציעל ווי גאָר ניט עקזיסטירט). דאָס האָט, נאַטירליך, נאָך פערשטאַרקט די אַזוי אויך גענוג גרויסע שוועריגקייטען ביים צושטעלען די געהעריגע רעקרוטען און שטייערן. אין פּאָדאָליער גובערניע אַליין, למשל, איז די צאָהל „נעלמים" אין פערלויף פון די יאָהרען 1818—1820 אויסגעוואַקסען פון 18 טויזענד נפשות ביז 66 טויזענד (אין דער ווירקליכקייט איז זייער ציפער געווען נאָך גרעסער, וואָרים אין די אָפיציעלע דאָקומענטען ווערען אָנגעוויזען בלויז יענע „נעלמים" וועלכע זיינען ענטדעקט געוואָרען ביי די רעוויזיעס, וואָס די אַדמיניסטראַציע פלעגט מאַכען).

די שטענדיגע גזירות, אַרויסשיקונגען פון די דערפער און פון פערשידענע שטעדט, די ספּעציעלע אידישע שטייערן און פּאַדאַטקעס, די שאַרפע בעגרענצונגען אין רעכט און בעשעפטיגונגען, בעזונדערס אָבער די שרעקליך שווערע רעקרוטשינע, וואו מען פלעגט פון אידען נעהמען זעלנער ביי יעדען נאַבאָר, ניט ווי פון קריסטען, און אין אַ גרעסערער נאָרמע, — דאָס אַלץ האָט חרוב געמאַכט די אידען. „די פערשטאַרקטע רעקרוטסקע נאַבאָרען רואינירען עקאָנאָמיש די אידישע געמיינדעס, זיי נעהמען אַב ביי זייערע מיטגליעדער די לעצטע מעגליכקייט צו עקזיסטירען" — אַזוי

[19]) Полн. Собр. Зак., т. XL ,№ 30318.

[20]) Зеленскій. Описаніе Минской губ., т. I, 66.

[21]) בעריכט פון מינסקער גובערנאַטאָר צום אינערן־מיניסטעריום, פון 28־טען סעפּטעמבער 1844, נומ. 7035.

בעריכטעט אין יאָהר 1855 דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון באַלטישען ראַיאָן, פירשט סואוואָראָוו. דאָס זעלבע שרייבט אין זיין בעריכט אויך דער ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר ביביקאָוו: „אין פערלויף פון מיין פינף־יאָהריגער פערוואַלטונג איבער׳ן היגען ראַיאָן האָב איך זיך גרינדליך בעקענט מיט דער לאַגע פון די אידישע געמיינדעס, און איך געפין, אַז די דורכפיהרונג פון דער רעקרוטשינע אין יענער פאָרם, ווי זי איז פאָרגע־שריבן דורכ׳ן געזעץ, קאָן ווירקליך ניט זיין אַנדערש, ווי אויסערסט שווער פאַר זיי. אַזוי ווי די מייסטע אידישע געמיינדעס זיינען פאַלשטענדיג אָרים, וועט די צושטעלונג פון אַזאַ גרויסער צאָהל רעקרוטען, וואָס איז דערצו נאָך פערבונדען מיט בעדייטענדע אויסגאַבען, אונבעדינגט מוזען נאָך פערערגערען זייער לאַגע און פאָלשטענדיג אָבנעהמען ביי זיי יעדע מעג־ליכקייט צו ערפילען זייערע פליכטען צו דער מלוכה״ [22].

די רעגירונג האָט געפיהרט אַ פערביטערטען קאַמף געגען די אידישע חובות אין רעקרוטען און שטייערן. אין די פערשולדיגטע שטעדט פלעגט די אַדמיניסטראַציע, צום ביישפיל, פאַרנעהמען אויסעראָרדענטליכע עקזע־קוציעס, כדי אויפצומאָהנען די פעהלענדע צאָהל רעקרוטען. אין די עראינערונגען פון דעם בעוואוסטען אידיש־רוסישען שריפטשטעלער מ. מרגליות געפינען מיר אַ בעשרייבונג פון אַזאַ עקזעקוציע, וואָס האָט אין די 50־ער יאָהרען געטראָפען זיין געבורטענס־שטאָדט, בערדיטשעוו. עס איז דאָרטען איינגעפיהרט געוואָרען אַן עכטער צושטאַנד פון בעלאַגערונג. די שטאָדט איז געווען אַרומגערינגעלט מיט סאָלדאַטען, וואָס האָבען קיינעם ניט אַרויסגעלאָזט אָהן קאָנטראָלירען די דאָקומענטען; צוואַנציג וויאָרסט אַרום און אַרום זיינען אומעטום געווען מיליטער־אָבטיילונגען, וואָס האָבען פערהאַלטען יעדען אידען, וועלכען זיי האָבען געטראָפען. אין שטאָדט גופא האָבען פאַטרולען נאָכאַנאַנד געמאַכט הויז־זוכונגען און „אָבלאָוועס״, און די צאָהל אַרעסטירטע איז געווען אַזוי גרויס, דאָס עס האָט ניט געקלעקט קיין אָרט אין דער טורמע און פאָליציי: מען האָט די גענומענע געהאַלטען אויך אין קאַטוילישען קלויסטער און אין פיעל פריוואַטע הייזער. די גזירה האָט געדויערט כסדר זעקס וואָכען, און אין פערלויף פון דער גאַנצער צייט איז אין דער שטאָדט געוואָרען ווי אויס לעבען, עס האָבען זיך בלויז גע־הערט יאָמער און געוויין [23].

מיט אַזוינע מיטלען האָט מען זיך אָבער ניט בענוגענט. אויף צו

---

[22]) אַרכיוו פון גאָסוד. סאָוועט. דאָקומענטען פונ׳ם „אידישען קאָמיטעט״, נומ. 8.

[23]) М. Г. Моргулисъ. Изъ моихъ воспоминаній. Восходъ 1895 г., іюль, 140—155.

בעקעמפען די אידישע „נעדאָאימקעס“, זיינען אין ניקאָלאַי׳ס צייט אַרויס אַ גאַנצע רייה קייזערליכע בעפעהלען, איינער גרויזאַמער פון דעם אַנדערען. צום ביישפּיל, לויט דער פעראָרדנונג פון 2־טען סעפּטעמבער 1840 פלעגט מען פאַר יעדען ניט־דערוואַקסענעם רעקרוט, וואָס איז אַוועקגעשמוגעלט געוואָרען קיין אויסלאַנד, נעהמען פון דער אידישער געמיינדע צוויי רעקרוטען. די פאָטערס פון די פעהלענדע רעקרוטען און די בעפאָלמעכטיגטע פון קהל האָט מען אָפּגעגעבען פאַר שטראָף־רעקרוטען. אין יאָהר 1850 איז אַרויס אַ פעראָרדנונג, מען זאָל פאַר יעדען ניט צוגעשטעלטען אידישען רעקרוט נעהמען, אַחוץ דעם פעהלענדען, נאָך דריי שטראָף־רעקרוטען, ניט אינגערע פון 20 יאָהר. און לויט די קייזערליכע בעפעהלען פון 27־טען דעצעמבער 1850 און 16־טען אַפּריל 1852, ווערט פון די אידישע געמיינדעס פאַר יעדע 2000 רובעל חובות און שטייערן גענומען איין שטראָף־רעקרוט; דערביי אָבער ווערען די 2000 רובעל נ י ט אַראָבגערעכענט פון דעם חוב, און אויב די סומע וועט אין קומענדיגען יאָהר ניט בעצאָהלט ווערען, מוז מען נעהמען אַ נייעם שטראָף־רעקרוט, א. אַז. וו.

אָט דאָס זיינען געווען די בעדינגונגען, ביי וועלכע דער קהל האָט געדאַרפט צושטעלען זעלנער. דער קוואַל, וואו ער האָט געקאָנט שעפּען רעקרוטען פאַר דער מלוכה, איז געווען, ווי מיר האָבען געזעהן, זעהר אַ קליינער, אַ בעגרענצטער. אויף אַלע אידישע קהילות זיינען, ווי אַ שווערער שטיין, געלעגען צווייערליי גרויסע חובות, וועלכע זיינען אַלץ געוואַקסען: פאַר שטייערן און רעקרוטען.ביידע מיני חובות זיינען געווען פעסט צווישען זיך פערבונדען, זיי האָבען איינע די אַנדערע פערשטאַרקט: געלד־חובות פלעגען אַרויסרופען שטראָף־רעקרוטען, וואָס האָבען זיך ווידער פערוואַנדעלט אין נייע חובות, און אַזוי אָהן אַ סוף — אַ פערשאָלטענער קרייז, פון וועלכען עס איז געווען אונמעגליך אַרויסצוקריכען. די אידישע רעקרוטשינע איז געווען איינע פון די גרעסטע פערברעכענס פונ׳ם ניקאָלאַיעווסקען רעזשים, און אַרויפלעגענדיג אויף דעם קהל די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר צושטעלען די בעשטימטע צאָהל זעלנער, האָט די מאַכט איהם פערוואַנדעלט אין אַ ווערקצייג פון איהר גרויזאַמקייט. קהל האָט קיין ברירה ניט געהאַט, ער האָט געמוזט בעגעהן די אכזריות, וואָס די מאַכט האָט פון איהם געפאָדערט. ניט ער האָט בעפרייט די רייכע לייט פון דיענסט, נאָר די רעגירונג, וועלכע האָט בכלל פון סוחרים קיין רעקרוטען ניט גענומען. רייכע אָדער אַפילו מעהר אָדער ווייניגער בעמיטעלטע מענשען האָבען ניט בעדאַרפט אָנקומען צו קהל׳ס לאַסקע: ווער עס האָט נור געהאַט די מינדעסטע מעגליכקייט, דער האָט געצאָהלט גילדיע און איז דורכדעם פטור געוואָרען פון רעקרוטשינע. ביי די נאַבאָרען האָט קהל

געהאַט צו טהאָן בלויז מיט אָרימע, און דאָס איז געווען ניט זיין שולד. די רעקרוטשינע האָט דעמאָראַליזירט די אידישע בעפעלקערונג. פון די דאָקומענטען איז צו זעהן, אַז די מייסטע פעלשונגען און גרויזאַמקייטען ביי די נאָבאָרען פלעגען באַגאַנגען ווערען דורך די עלטערן, וואָס האָבען ניט געוואָלט, זייערע קינדער זאָלען ווערען רעקרוטען, און וועלכע עס האָט ניט געאַרט, אַז אַנדערע זאָלען אַנשטאָט זיי געהן דיענען. צווישען דעם אָרימען קלאַס איז געווען נור איין גרופּע, וועלכע דער קהל פלעגט ווירקליך שאַנעווען פון רעקרוטשינע: לומדים, לערנער און אינגלעך „מיט גוטע קעפּ" — די קומענדיגע רבנים און כלי־קודש. זיי האָט מען ווי וויט מעגליך ניט אָבגעגעבען אין דיענסט. אָבער ביי יענער גרויסער ראַליע, וואָס תורה, פרומקייט און לומדות האָבען דאַן געשפּילט אין אידי־שען לעבען, איז דאָס געווען גאַנץ נאַטירליך.

עס איז געווען נאָך איין אומשטאַנד, מיט וועלכען דער קהל האָט זיך געמוזט רעכענען: די פריהצייטיגע חתונות, וואָס זיינען דאַן געווען די געוועהנליכסטע זאַך ביי אידען. מיט הונדערט יאָהר צוריק פלעגט אַ 17—18־יאָהריגער איד שוין האָבען אַ ווייב מיט אַ פּאָר קינדער. אָפּגעבען איינעם, וואָס איז שוין אַרויס פון קינדערשען עלטער, האָט אין יענע וויטע צייטען בעטייט: בריינגען אַן אומגליק ניט נור אויף איהם אַליין, אָב־נעהמען ביי זיין ווייב און זיינע קינדער דעם ברויט־געבער, רואינירען אַ גאַנצע משפּחה. אַנדערש איז עס געווען מיט ניט־בעווייבטע: דאָ פלעגט דאָס אונגליק טרעפען נור איהם פּערזענליך. ניט־בעווייבט איז אָבער דאַן כמעט שטענדיג געווען דאָסזעלביגע ווי ניט־דערוואַק־סען. דערמיט ערקלערט זיך אין אַ געוויסען גראַד, וואָס דער קהל פלעגט, ניט האָבענדיג קיין ברירה, אָבגעבען פּאָר רעקרוטען אַזוי פיעל אינגלעך, ד. ה. ניט־בעווייבטע. ווי ברייט די אידישע קהילות האָבען גע־מוזט צאָהלען מיט קינדער פאַר דערוואַקסענע, דאָס בעווייזט אונז דער פאָלגענדער פאַקט, וואָס מיר געפינען אין די אַרכיוו־דאָקומענטען: ביים נאָבאָר פון יאָהר 1850 האָבען בערדיטשעווער אידען ניט דערגעבען 45 רעקרוטען. לויט דעם אויבען־דערמאָהנטען אוקאַז פון יאָהר 1850, האָט פון בערדיטשעוו דערפאַר געקומט צו דריי שטראָף־רעקרוטען פאַר יעדען פעהלענדען, ד. ה. 135 מאַן, ניט אינגערע פון 20 יאָהר. כדי אויפצור־מאָהנען אָט די צאָהל רעקרוטען, איז אין סוף יאָהר 1852 אויף ניקאָלאַי'ס בעפעהל קאָמאַנדירט געוואָרען קיין בערדיטשעוו דער פליגעל־אַדיוטאַנט סטרולער. ער האָט זיך אייפעריג גענומען צו דער אַרבייט. ווי ער שרייבט אין זיין בעריכט, זיינען שוין אין דעצעמבער 1852, לויט זיין פּעראָרדנונג, פּלוצלינג, מיט דער הילף פון מיליטערישע פּאַטרולען, אַרעסטירט גע־וואָרען 651 אידען אין בערדיטשעוו און אין די דערבייאיגע שטעדטלעך,

און אויסער דעם האָט בערדיטשעווער קהל אַליין צוגעשטעלט 75 מאַן. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז פון די 726 אידען זיינען נור 339 געווען צוגעשריבענע צו בערדיטשעוו, און פון זיי האָט די „פריסוטסטוויע" געקאָנט אָבגעבען בלויז צעהן מאַן, די איבעריגע זיינען פערבראַקירט געוואָרען. אין אַפּריל 1853 האָט מען אין בערדיטשעוו און אין אַנדערע ערטער ווידער געכאַפּט 496 אידען, און פון זיי איז דאָס מאָל שוין גערעקט געוואָרען די פעהלענדע צאָהל — 125 שטראָף־רעקרוטען. און ווי דער פליגעל־אַדיוטאַנט סטרולער אַליין מעלדעט אין זיין בעריכט, זיינען פון אַט די 135 שטראָף־רעקרוטען 81 געווען ניט־דערוואַקסענע, ד. ה. גאַנצע 60 פּראָצענט; ער האָט געמוזט דערויף איינגעהן, כאָטש אין אַט דעם פאַל האָט מען לויט'ן בעפעהל פון יאָהר 1850 געמוזט נעהמען נור ניט אינגערע פון 20 יאָהר [24]). מיר האָבען דאָ איינס פון די אונצעהליגע ביישפּיעלען, ווי מען פלעגט אָבגעבען קינדער אַפילו דאַן, ווען דאָס געזעץ האָט געפאָדערט דורכאויס דערוואקסענע רעקרוטען. אין יענע גרויזאַמע צייטען, בעזונדערס ביי די שוידערליכע אומשטענדען, אין וועלכע עס האָבען זיך געפונען די אידישע קהילות, האָט די זאַך אַנדערש ניט געקאָנט זיין.

●

---

[24]) אַרכיוו פון גאָסוד. כאָוועט. דאָקומענטען פונ'ם „אידישען קאָמיטעט", נומ. 8.

.III

קינדער-„פּאַימאַניקעס". — אייניגע סטאַטיסטישע ציפערן. — דאָס געזעגענען זיך מיט די קליינע רעקרוטען. — קאַנטאָניסטען אין וועג און זייערע ליידען.

די שרעקען פון דער רעקרוטשינע האָבען דערגרייכט דעם העכסטען גראַד אין די לעצטע יאָהרען פון ניקאָלאַי־הערשאַפט, און אין יענער צייט איז די צאָהל אידישע קינדער, וואָס מען פלעגט אָבגעבען אין מיליטער־דיענסט, געוואָרען בעזונדערס גרויס. צוליב דער מלחמה מיט אונגאַרן און דעם סעוואַסטאָפּאָלער קריעג האָט די רוסישע מלוכה געברויכט וואָס מעהר סאָלדאַטען. איין נאָכאַר האָט געפאָלגט נאָך דעם אַנדערען, און פון די אידען האָט מען גענומען צו צעהן רעקרוטען פון יעדע טויזענד נפשות. אין יולי 1853 איז אַרויס ניקאָלאַי'ס טרויעריג־בעריהמטער בעפעהל וועגען די „פּאַימאַניקעס", וואָס האָט ערלויבט די אידישע געמיינדעס און אַפילו איינצעלנע אידען צו צושטעלען פאַר אַ רעקרוט יעדען איד, וועלכען זיי וועלען כאַפּען אָהן אַ פּאַספּאָרט, אָדער אַפילו מיט אַן אויסגעלאָפענעם פּאַס. דער אונמענשליכער בעפעהל איז פּובליקירט געוואָרען ווי אַ „צייטווייליגע פעראָרדנונג", אָבער געגאָלטען האָט ער מעהר ווי דריי יאָהר, און ער האָט אַרויסגערופען אַ שרעקליכע דעמאָראַליזאַציע צווישען אידען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַן עכט געיעג נאָך מענשען, פּונקט ווי נאָך חיות. „אומעטום האָט געהערשט שפּיאָנעריי, בעטרוג און פעררעטעריי. — אַזוי בעשרייבט ה. באַגראָוו יענע פינסטערע צייט: — מען האָט פּערמאַסערט און איבערגעגעבען צו דער פּאָליציי אין די הענד גאַנצע משפחות אָרימע־לייט, וואָס האָבען ניט פערמאָגט די נויטיגע עטליכע רובעל אויף צו בעקומען אַ פּאַספּאָרט פון די וויטע קהילות, צו וועלכע זיי זיינען געווען צוגעשריבען. אָבער אַפילו ווען מען האָט געהאַט אַ פּאַס, האָט דאָס אויך ניט גאַראַנטירט פון די באַנדיטען, וועלכע האָבען זיך פון דעם געמאַכט אַ בעזונדער פּראָפעסיע; דעם דאָקומענט פלעגט מען אָבנעהמען און דערנאָך צושטעלען דעם בעראַבעוועטען, ווי אַ „בראָדיאַגע" אָהן אַ פּאַספּאָרט"[1].

עס האָבען זיך צווישען אידען געפונען אויסוואורפען, וואָס האָבען אויסגענוצט דאָס שרעקליכע געזעץ צוליעב מאַטעריעלע ציעלען,—שרייבט

[1] Г. И. Богровъ. Пойманикъ. Евр. Библ., т. IV, 6.

א. י. פּאַפּירנאַ אין זיינע עראינערונגען: „אין אַ וועגעלע, געשפּאַנט מיט אַ פּאָר פערד, פלעגען אָט די מערדער, אינאיינם מיט געדונגענע באַנדיטען, אַרומפאָהרען איבער די וועגען, כאַפּען די אידען, וועלכע זיי האָבען געטראָפען, בינדען זיי הענד און פיס, ברײנגען אין שטאָדט און זיי פערקויפען פאַר געלד. עס האָט ניט געהאָלפען קיין פּאַספּאָרט,—מען פלעגט דעם פּאַס אָבנעהמען און פערניכטען. קיינעם האָט מען ניט געשאַנעוועט. אַ שרעק האָט בענומען אַלעמען, עס איז געווען געפעהרליך צו בעווייזען זיך הינטערן שטאָדט" [2]). „אַרומפאָהרענדיג אין יענע צייטען איבער וואָלין,—דערצעהלט דער העברעאישער שריפטשטעלער י. בערמאַן,—בין איך שטענדיג געווען אין איין ציטערניש, איך זאָל ניט אַריינפאַלען צו אָט די אויסוואורפען אין זייערע נעצען. ווי בלוטדורשטיגע חיות פלעגען זיי אומעטום לויערן, בעפאַלען די דורכפאָהרער און פוסגעהער, זיי כאַפּען, בינדען, פערברענען זייערע פּאַספּאָרטען און פערקויפען די אונגליקליכע צו יענע משפחות, וואָס האָבען געדאַרפט צושטעלען אַ רעקרוט" [3]). די געוויסענלאָזע געלדגיריגקייט און די עגאָאיסטישע שטרעבונג אַריבערצוואַרפען די שווערע רעקרוטשינע פון זיך אויף אַנדערע האָבען בעשאַפען אַן אמת'ען מענשען־האַנדעל, וואו מען פלעגט די „פּאָימאַניקעס", וואָס מען האָט געכאַפּט מיט געוואַלט אָדער בעטרוג, פערקויפען ווי סחורה. דאָס בעשטעטיגען אויך אין זייערע אָפיציעלע בעריכטען דער מאָהילעוו־וויטעבסקער גענעראַל־גובערנאַטאָר אורוסאָוו און דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון באַלטישען ראַיאָן פירשט סואוואָראָוו.

בעזונדערס אָפט האָט די באַרבאַרישע גזירה געטראָפען קינדער, כאָטש זיי האָבען לויט'ן געזעץ גאָר ניט בעדאַרפט און אַפילו ניט געקאָנט האָבען קיין פּאַספּאָרטען. ביידע אָקאָרשט־אָנגערופענע גענעראַל־גובערנאַטאָרען אונטערשטרייכען אין די ראַפּאָרטען, וואָס זיי האָבען אין יאָהר 1855 צוגעשטעלט דעם קייזער אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, אַז פון דעם בעפעהל וועגען „פּאָימאַניקעס" ליידען מייסטענס קינדער; פירשט סואוואָראָוו האָט דערביי אָנגעוויזען, אַז אויב מען קאָן ניט איינגאַנצען אָבשאַפען אָט דעם שווערען בעפעהל, איז ווענינגסטענס נויטיג אָבצוגעבען אַן אַלגעמיינע ערקלערונג, אַז ער קער זיך אָן נור צו דערוואַקסענע אידען. ס'איז ניט געווען קיין ברעג צו דער גרויזאַמקייט, מיט וועלכער מען פלעגט פערוואַנדלען קינדער אין „פּאָימאַניקעס". מען האָט מיט געוואַלט געכאַפּט אָדער מיט אַ געשענק פערנאַרט אַ קליין קינד, אָבגעפיהרט אין אַן אַנדער שטאָדט און אָבגעגעבען אָנשטאָט זיין אייגענעם זוהן, אָדער פערקויפט פאַר אַ רעקרוט.

---

[2]) А. И. Паперна. Изъ Николаевской эпохи. Пережитое, т. II 45.

[3]) י. בערמאַן. שנות ראינו רעה. המליץ, 1860, נומ. 15.

אפילו אין שכנ'ישע שטעדטלעך פלעגט מען גנב'ענען אדער ארויסנארען קינדער און צושטעלען די כלומרש'טע „בראדיאגעס" צום נאבאר.

אונזערע מאטריאלען זיינען פול מיט שוידערליכע, הימעל־שרייענדע פאקטען פון יענער צייט. הינטער דער שטאדט טשעטשעלניק (אין פאדאליען) איז, למשל, פארגעקומען אזא פאל: די „כאפערס" האבען ווינטער־צייט אין וואלד בעגעגענט אן אלטען בלינדען איד, וועלכען עס האט פאר דער האנד געפיהרט זיין זוהן, א אינגעל פון א יאהר צעהן. ניט אכטענדיג אויף דעם פאטער'ס בקשות און זיין געוויין, האבען זיי זיין קינד געכאפט, געבונדען און אבגעפיהרט אין „פריסוטסטוויע". דעם בלינדען אלטען האט מען מיט איניגע טעג שפעטער געפונען אין וואלד א טויטען — ער האט פערבלאנדזשעט און איז דערפרוירען געווארען. אין זוואהיל (וואלין) האט איינער אן אויסוואורף אין דריי מאנאטען צייט געכאפט און פערקויפט צעהן אינגלעך. אין בערדיטשעוו האט זיך אבגעשפיעלט א געשיכטע, וואס וואלט געוועזן קאמיש, ווען זי זאל ניט זיין אזוי טראגיש: צו א אידישע קצב'טע אין קראם איז אריין א דארפישע פויערטע, אבגערופען אין א ווינקעל און געזאגט, אז ביי איהר אין דארף בעהאלטען זיך צוויי אידישע אינגלעך; זיי נעהמען ניט אין מויל קיין טריפות, דעריבער איז זי געקומען צו איהר, טאמער וועט זי רחמנות האבען און דורך איהר שיקען פאר די קינדער עטוואס צו ראטעווען זיי פון הונגער. ביי דער קצב'טע זיינען גראד געוועזן צוויי אינגלעך, וועלכע דער מאן איהרער האט בעהאלטען פון נאבאר. כדי זי, די מאמע, זאל ווי עס איז ניט אויספלוידערן, האט דער קצב איהר ניט פערטרויט, וואו זיי געפינען זיך; ער האט איהר נור געזאגט, אז בעהאלטען האט ער זיי דא אין שטאדט, ביי זיינעם א בעקאנטען, א קריסט. דערהערענדיג דער פויערטע'ס ווערטער, איז די קצב'טע געווארען פול מיט פרייד פון דער „כשר'ער מציאה", וואס גאט אליין האט איהר דא צוגעשיקט: צוויי אינגלעך, וועלכע זי וועט אבגעבען אנשטאט איהרע קינדער! זי האט געגעבען דער פויערטע א שטיק געקאכטע פלייש און ביי איהר געפרעגט, אין וואסער דארף זי וואוינט און וואו איהר שטיבעל געפינט זיך, כדי זי זאל איהר קענען שיקען נאך שפייז פאר די קינדער. די פשוט'ע, נאאיווע גויע האט איהר גענוי ערקלערט, וואו זי וואוינט. ווי נאר יענע איז ארויס, האט די קצב'טע גלייך פערמאכט די קראם, איז אוועקגעלאפען צום „סבארשטשיק" און איהם געזאגט, אז זי קאן אנווייזען צוויי אינגלעך אהן פאספארטען, וואס בעהאלטען זיך פון נאבאר. די „כאפערס" האבען זיך איינאיינעם מיט איהר אריינגעזעצט אין א פוהר, און זי האט זיי געבראכט אין דארף. דא האט זי געוויזען דער פויערטע'ס שטיבעל און אליין האט זי זיך בעהאלטען הינטער דעם פארקען. די „כאפערס" זיינען אריין — און ווי א דונער פון לויטערן הימעל האט געטראפען אונזער קצב'טע, ווען זיי

האָבען אַרויסגעפיהרט און אַריינגעוואָרפען אין פוהר די צוויי אינגלעך:
דאָס זיינען געווען איהרע ביידע קינדער! [4])

אָבער געוועהנליך פלעגען די געוואַלטיגסטע מערדערייען אָראָבגעהן
גלאַט. אין זשיטאָמיר איז אַן אָרימע אידענע איינמאָל אַריין אין אַ קראָם
(געווען איז דאָס פרייטאָג) און געבעטען העלפען איהר אויף שבת. אויף די
הענד איז ביי איהר געווען אַ זויג־קינד, און נעבען איהר איז געגאַנגען
איהרער אַ אינגעל פון אַ יאָהר צעהן. דער קרעמער האָט ביי איהר גע־
פרעגט, פון וואַנען זי איז. דערוויסענדיג זיך, דאָס זי איז ערגיץ פון
קיעווער גובערניע, האָט ער איהר דערלאַנגט אַ לאַבען ברויט און געזאָגט,
זי זאָל אַ ביסעל אָבוואַרטען, ער וועט איהר געבען אויך אַ ליכט אויף שבת.
ער האָט אַ וואונק געטהאָן דעם זוהן זיינעם, וואָס איז געווען דאָ אין קראָם.
יענער איז אַוועק און גלייך געקומען צוריק מיט נאָך אַ אידען. זיי האָבען
זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף דעם עלטערען אינגעל, איהם געכאַפּט און אַוועק־
געטראָגען. די געשרייען און טרעהרען פון דער אונגליקליכער מוטער
האָבען ניט געהאָלפען — מען האָט איהם, ווי אַ „בראַדיאַגע", אָבגעגעבען
פאַר אַ רעקרוט [5]).

פון דעם שטעדטעל גלובאָקע (ווילנער גובערניע) איז קיין וויטעבסק
געקומען אַ איד גרינשטיין מיט זיין איינציגען זוהן, אַ אינגעל, וואָס האָט,
ווי עס איז צו זעהן פון דעם אָפיציעלען דאָקומענט, שטענדיג געליטען פון
אַ שווערער אויגען־קראַנקהייט. דער פאָטער האָט עס איהם געבראַכט,
כדי צו היילען איהם ביי איינעם פון די וויטעבסקער דאָקטוירים. האָט מען
דאָס קראַנקע אינגעל דאָ געכאַפּט און אָבגעגעבען פאַר אַ רעקרוט, „ווייל ער
האָט ניט געהאַט קיין פּאַספּאָרט" [6]).

אין כאָטין (בעסאַראַביע) האָט געלעבט אַ איד פון דערעטשין (גראָד־
נער גובערניע), בער דעמבראָווסקי. ביי איהם האָט זיך שטענדיג אויפגע־
האַלטען זיינער אַ 9־יאָהריגער פלימעניק, אַ יתום, אַברהם פערדעראָוו,
וואָס איז געווען צוגעשריבען צו דערזעלבער דערעטשינער געמיינדע.
האָט אַ כאָטינער איד, ישראל האָוועס, וועלכער האָט זיך געזאָלט שטעלען
צום נאָבאָר, מיטגעטיילט דעם „סבאָרשטשיק", אַז ביי דעמבראָווסקי'ן בע־
האַלט זיך כלומרשט עפּיס אַ אינגעל. ווען דעמבראָווסקי איז ניט געווען
אין דער־היים, איז מען געקומען אין זיין וואוינונג, געכאַפּט זיין קליינעם
פלימעניק און אָבגעגעבען איהם אנשטאָט האָוועס'ן, דערפאַר ווייל ביי איהם
איז קיין פּאַספּאָרט ניט געווען. דעמבראָווסקי האָט דערויף דערלאַנגט אין

[4]) א. ש. פרידבערג. זכרונות מימי נעורי (ספר השנה, ג'), 94.
[5]) י. בערמאַן. שנות ראינו רעה. המליץ 1860, נומ. 16.
[6]) אַרכיוו פון אינערן־מיניסטעריום. דעפּאַרטאַמענט פאַר אויספיהר־פּאָליציי,
פון יאָהר 1854 — נומ. 1779.

אינערן־מיניסטעריום, אַנווייזענדיג אַז וויבאַלד אַברהם איז ערשט 9 יאָהר אַלט, קאָן ער קיין פּאַס ניט האָבען און אין קיין פאַל ניט גערעכענט ווערען פאַר אַ „בראָדיאַגע". אָבער זיין פּראָטעסט האָט צו גאָרניט געבראַכט. דער מיניסטער האָט געפונען, אַז דעם 9־יאָהריגען פערדעראָוו'ן האָט מען יאָ געמעגט אָבגעבען, „ווייל (אַזוי שטעהט בפירוש אין דעם מיניסטער'ס רעזאָלוציע) אין דעם קייזערליכען בעפעהל פון יאָהר 1853 איז גאָרנישט געזאָגט געוואָרען וועגען דעם עלטער פון די אידען, וואָס דאַרפען אָבגעגעבען ווערען אין מיליטער־דיענסט פאַר ניט־האָבען אַ פּאַספּאָרט" [ז]).

אויב אַפילו דער העכסטער פאָרשטעהער פון דער רעגירונג האָט ביי אַזעלכע הימעל־שרייענדע געוואַלט־טאַטען אַרויסגעוויזען אַזאַ באַרבאַרישע האַרצלאָזיגקייט, איז זיך גרינג פאָרצושטעלען, ווי אַזוי די אָרטיגע, מייסטענס אונטערגעקויפטע אַדמיניסטראַציע האָט זיך פערהאַלטען געגען די פערברעכערישע מעשים, וואָס פלעגען פאָרקומען פאַר איהר אין די אויגען. „די בעאַמטע האָבען זיך ניט צוגעהערט צו די בקשות, טענות און פּראָטעסטען פון די אונגליקליכע קרבנות,—דערצעהלט ה. באָגראָוו.—זיי האָבען ניט געמאַכט קיין אויספאָרשונגען, אונטערזוכונגען, נאָר זיי האָבען פלייסיג געהאַנדעלט „לויט'ן געזעץ", בפרט אַז דאָס פלעגט זיי ברייגגען געלד" [8]). דאָס בייז איז געווען אַזוי אונגעהויער גרויס, אַזוי פעסט פערבונדען מיט דער גאַנצער דעמאָלטיגער אָרדנונג, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט אונרעכט און געוואַלט, אַז אַפילו ביי מענשען מיט גוטע הערצער פלעגט אָבגעשוואַכט ווערען דאָס געפיהל פון פּראָטעסט און מיטלייד. „די גאַנצע שענדליכקייט פון אָט דעם פערברעכען,—בעמערקט אין זיינע ערינערונגען דער רוסישער שריפטשטעלער נ. ליעסקאָוו,—האָט זיך אַלעמען געוואָרפען אין די אויגען, זי איז געווען פאַר יעדערען קלאָר. נאָר וויבאַלד די זאַך פלעגט פון אויבען־אויף שטימען מיט די נויטיגע פאָרמאַליטעטען, האָט זי זיך שוין געקייקעלט לויט דער געוועהנליכער „אָרדנונג". אַריינלאָזען זיך אין פאָרשונגען, אָננעהמען זיך פאַר דעם שוואַכען,—דערויף איז אַפילו אין דעם פאַל פון אַ קלאָרסטען אונרעכט ניט געווען קיין צייט, קיין מעגליכקייט און ניט קיין פערלאַנג. יאָ, איך אונטערשטרייך דאָס אומישנע: עס איז אַפילו ניט געווען קיין *פערלאַנג*; וואָרים זעהענדיג פאַר זיך שטענדיג אָט דעם ים טרעהרען, פלעגט ביי מענשען אָבגעטעמפּט ווערען דאָס געפיהל, און אויב עס האָט זיך אַמאָל ביי עמיצען דערוועקט עפּיס אַ מיטלייד, פלעגט ער גלייך דערשטיקט ווערען דורך דעם געדאַנק, אַז מען איז פאָלשטענדיג ניט אימשטאַנד אויסצוהעלפען דעם

[ז]) דער זעלבער אַרכיוו, נומ. 1757 פון יאָהר 1854.

[8]) Г. И. Богровъ, ibid., 6—7.

שרעקליכסטען קומער פון אַ גאַנצען המון מוטערס, וואָס זיינען נעבען דער „פריסוטסטוויע" פערגאַנגען אין טרעהרען, און פאַטערס, וואָס האָבען גע־ריסען אויף זיך די האָהר" [9])...

מען וואָלט געקאָנט גאַנצע קאַפּיטלען אָנפילען מיט די שוידערליכסטע פאַקטען פון יענער צייט. מיר רעכענען אָבער, אַז מען קאָן זיך בענו־גענען מיט די ביישפּיעלען, וואָס זיינען דאָ געבראַכט געוואָרען. מיר וועלען נור נאָך דערמאָהנען, אַז קרבנות פון דעם בעפעהל וועגען „פּאַימאַניקעס" זיינען געוואָרען אויך צוויי שפּעטערדיגע שרייבער — אליקום צונזער און א. ש. פרידבערג, ווען זיי זיינען געווען 13 יאָהר אַלט. צונזער איז דאָן, כּמעט אַליין נאָך אַ אינגעל, געווען אַ „מלמד" אין אַ דאָרף הינטער באָברויסק, ביי אַ ישוב'ניק, ער האָט געלערענט מיט זיינע קינדער. ווען עס איז געקומען צו בעצאָהלען פאַר'ן „זמן", איז דער ישוב'ניק געפאַלען אויף אַ המצאָה, ניט נור פּטור צו ווערען פון דעם חוב, נאָר אויך פערדינען פון דעם אינגעל: ער איז אָוועק קיין באָברויסק און האָט איהם (צונזער'ן) פערקויפט פאַר 25 רובעל. עס זיינען תיכף געקומען „כאַפּערס" און האָבען צונזער'ן אָבגעפיהרט אין באָברויסקער קאַזאַרמע, וואו מען האָט געהאַלטען ביז דעם נאָבאָר 80 „פּאַימאַניקעס", מייסטענס קליינע קינדער [10]). וואָס אָנבאַלאַנגט פריעדבערג'ן איז מיט איהם די זאַך פאָרגעקומען אַזוי: ער איז אין אַ בויד געפאָהרען פון בערדיטשעוו קיין אָדעס; האָט אונטערוועגס דער בעל־עגלה ביי איהם אָבגענומען דעם פּאַספּאָרט, וואָס ער האָט געהאַט, און איהם (פרידבערג'ן) פערקויפט אין באַלטע פאַר אַ „פּאַימאַניק" [11]). אי צונזער'ן, אי פרידבערג'ן האָט מען שיער ניט אָבגע־געבען פאַר רעקרוטען, נאָר זיי ביידע זיינען געראַטעוועט געוואָרען דורך עפּיס אַ וואונדער.

מיר האָבען זיך בעקאַנט מיט די געזעצען וועגען נעהמען פון אידען קינדער פאַר רעקרוטען און מיט די אומשטענדען, וואָס האָבען די אידישע קהילות געשטויסען צו צושטעלען ביי די נאָבאָרען וואָס מעהר קינדער, אנשטאט ערוואַקסענע. עס קומט, נאַטירליך, די פראַגע: ווי גרויס איז געווען די צאָהל קינדער, וואָס זיינען אָבגעגעבען געוואָרען פאַר רעקרוטען? ליידער, זיינען וועגען דעם ניטאָ קיין גענויע ציפערן פאַר אַלע יאָהרען, וואָס עס האָבען עקזיסטירט די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען, אין וועלכע מען פלעגט נעהמען די קליינע אידישע רעקרוטען. עס זיינען פאַרהאַן

---

[9]) Н. С. Лѣсковъ. Собр. соч., т. XII, 344—345.

[10]) אליקום צונזער. מיין אייגען לעבען, 19—30. (א. צונזער'ס ווערק, 3-טער באַנד).

[11]) א. ש. פרידבערג. זכרונות מימי נעורי, 97—101.

אפיציעלע ציפערן בלויז פון אייניגע יאָהרען, און פון זיי קאָן מען זעהן, אַז די צאָהל אַבגעגעבענע אידישע קינדער איז געווען זעהר באַדייטענד:

יאָהר	די צאָהל אַבגעגעבענע אינגלעך
1833	640
1843	1490
1844	1428
1846	1332
1847	527
1848	2265
1849	2612
1850	2445
1852	3674
1853	2351
1854	7515

די טאַבעל בעווייזט, אַז די צאָהל אַבגעגעבענע אינגלעך איז פון 640 אין יאָהר 1833 אויסגעוואַקסען אין יאָהר 1854 ביז 7515. עס זיינען געווען נאָבאָרען, וואו קינדער האָבען בעטראָפען צוויי דריטעל פון דער אַלגעמיינער צאָהל אידישע רעקרוטען. אין די יאָהרען 1853 און 1854 זיינען אַבגעגעבען געוואָרען כמעט צעהן טויזענד קינדער. דאָס איז געווען די שרעקליכע צייט פון די רעקרוטען־„פּאַימאַניקעס".

לויט דעם געזעץ, פלעגען די קליינע אידישע רעקרוטען גלייך נאָך דעם נאָבאָר איבערגעגעבען ווערען צו דער מיליטערישער פערוואַלטונג. געהאַלטען האָט מען זיי אַבגעטיילט פון די דערוואַקסענע אידישע רעקרוטען, אין טורמע אָדער אין קריסטליכע הייזער, און מען האָט שטרענג אַכטונג געגעבען, זיי זאָלען ניט קומען אין בעריהרונג מיט אידען. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען דער ערשטער אַקט פון זייער לאַנגער לעבענס־דראַמע — מען האָט די קינדער אַבגעשיקט אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען, וואו זיי האָבען געדאַרפט פערבלייבען, ביז זיי וועלען ווערען 18 יאָהר אַלט. די אידישע קאַנטאָניסטען האָט מען קיינמאָל ניט איבערגעלאָזט אין אידישע געגענדען, דאָס איז געווען דורכאויס פערבאָטען; זיי האָט מען שטענדיג אַבגעשיקט אין די ווייטע רוסישע שטעדט, וואו עס זיינען געווען קאַנטאָניסטישע באַטאַליאָנען, האַלב־באַטאַליאָנען אָדער ראָטעס. אונזערע מאַטעריאַלען בעווייזען, אַז, למשל, פון מינסקער גובערניע האָט מען געוועהנליך געשיקט קיין אַסטראַכאַן, פון פוילען — קיין קיעוו אָדער סיביר, פון פּאָלטאַווער גובערניע — קיין אָרענבורג, פון וואָלין — קיין טאַבאָלסק

אָדער אָמסק (דיביידע שטעדט געפינען זיך אין סיביר); פערם האָט בעקומען אידישע קאַנטאָניסטען פון ווילנע, אַרכאַנגעלסק — פון פּאָלאָצק און פון קאָוונער גוב., א. אַז. וו.[12]). די שטעדט, וואוהין מען האָט געוועהנליך טראַנספּאָרטירט אידישע קינדער פון בעשטימטע געגענדען, האָבען זיך אָבער צייטענווייז געביטען: אויב אין אַ געוויסער קאַנטאָניסטישער אַנשטאַלט איז שוין מעהר קיין אָרט פאַר אידען ניט געווען, האָט מען ביי דעם נייעם נאַבאָר געגעבען אַ פעראָרדנונג אָבצושיקען די קינדער אין אַן אַנדער רוסישע שטאָדט, וואו די צאָהל אידישע קאַנטאָניסטען איז נאָך ניט געווען פול.

אויף צו ברייגען די פאַרטיע אידישע קאַנטאָניסטען אין יענע וויטע רוסישע שטעדט, וואוהין זיי האָבען געזאָלט אָנקומען, פלעגט מען בעשטימען אַן עטאַפּ־אָפיציר מיט אַ קאָמאַנדע סאָלדאַטען. ביים שיידען זיך מיט די אונגליקליכע קינדער פלעגען פאָרקומען האַרצרייסענדע סצענעס. ביי א. מ. דיק געפינען מיר אַ בעשרייבונג, ווי ווילנע האָט זיך נאָך דעם ערשטען נאַבאָר, אין יאָהר 1828, געזעגענט מיט די קאַנטאָניסטען. „ביי זייער אָבציהען אין די וויטע גובערניעס,—דערצעהלט ער,—האָט זיך ווידער בענייט די טרויער־סצענע. עס האָבען זיי בעגלייט די גאַנצע שטאָדט ביז גליניאַנקע — אַ קרעטשמע, וואָס איז אַ האַלב מייל פון ווילנע. עס זיינען נאָכגעגאַנגען כמה וכמה וואָגענס, בעלאָדען מיט דינע ברויט, בולקעס, קעז, הערינג. דאָרטען אין קרעטשמע האָט מען זיי אויסגעטיילט תפילין, סידורים, תהילים'ס. דער שטאָדט־מגיד האָט פאַר זיי געזאָגט אַ ריהרענדע פּרעדיגט... עס וואָר דאָרטען גענוג טרעהרען פערגאָסען"[13]). סצענעס פון יאָמער און פערצווייפלונג פלעגען זיך נאָך יעדען נאַבאָר אָבשפּיעלען אין אַלע אידישע שטעדט ביים געזעגענען זיך מיט די אָבגעגעבענע קינדער. „איינמאָל אין מינסק, — לייענען מיר ביי דעם העברעאישען שריפטשטעלער י. ל. לעווין, — האָב איך געזעהן (אין יאָהר 1854), ווי מען האָט אָבגעשיקט אין וויטען וועג די קינדער, וואָס זיינען גענומען געוואָרען פאַר רעקרוטען. נעבען אַ הויז איז געשטאַנען אַ גרויסע און טיעפע פוהר, געשפּאַנט מיט אַ פּאָר פערד. סאָלדאַטען האָבען אַרויסגעפיהרט פון הויז

[12]) בעריכט פון אַסטראַכאַנער מיליטערישען גובערנאַטאָר צום סינאָדאַלען אָבער־פּראָקוראָר, פון 26-טען מאַי 1843, נומ. 1540; בעריכט פון סאַראַטאָווער אַרכיעריי צו דעמזעלבען, פון 12-טען יוני 1845, נומ. 3769; דעם קיעווער מיטראָפּאָליט פילאַרעט'ס בריף צו דעמזעלבען, פון 29-טען סעפּטעמבער 1845, נומ. 7490.

[13]) „דער ערשטער נאַבאָר", 29. דיזעלביגע טרויער־סצענעס זיינען פאָרגעקומען אויך ביי די אידען אין עסטרייך, ווען עס איז פאַר זיי איינגעפיהרט געוואָרען אין יאָהר 1789 די מיליטער־פליכט. פערגלייך די בעשרייבונג פונ'ם געזעגענען זיך מיט די ערשטע אידישע זעלנער אין פּראג, „המאסף", תקמ"ט, 252.

די קינדער, איינס נאָכ'ן אַנדערען, און אַריינגעזעצט זיי אין פוהר, וואָס איז באַלד געוואָרען פול אָנגעפּאַקט. די קינדער זיינען געזעסען אָדער געלעגען, צונויפגעדריקט ווי הערינג אין אַ פאַס. די פוהר איז געווען אַרומגערינגעלט מיט פאָטערס, מוטערס, קרובים און אַ המון מענשען. ווער עס האָט ניט געזעהן אָט דאָס שרעקליכע געזעגענען זיך פון עלטערן מיט קליינע קינדער, ווער עס האָט ניט געהערט אָט די יללות און וועה־געשרייען, וואָס האָבען זיך געריסען צום הימעל, דער האָט קיין אמת'ען טרויער און אונ־גליק ניט געזעהן. איינער דערלאַנגט דעם קינד אַ תהילים, דער אַנדערער — אַ פּאָר תפילין, א. אַז. וו. „בלייב אַ איד!", וואָס מיט דיר זאָל ניט געשעהן, אָבער אַ איד זאָלסטו בלייבען!" — אַזעלכע קולות מיט געוויין הילכען פון אַלע זייטען. מען ברעכט זיך די הענד, מען בעגיסט זיך מיט טרעהרען, מען קרעכצט און מען געוואַלדעוועט. איך בין דאַן אַלט געוועז אַ יאָהר ניין. איך האָב יעדע מינוט זיך אַרומגעקוקט אין הימעל; איך האָב געגלויבט, אַז אָט־אָט וועט גאָט טהאָן אַ נס, ער וועט פערשיטען די מערדער מיט פעך און שוועבעל, ער וועט זיי צושפּרייטען, און די געפאַנגענע עופה'לעך וועלען זיך צוריק אומקעהרען צו זייערע מוטערס, וואָס באָדען זיך אין טרעהרען... אָבער דער הימעל איז פערבליבען רוהיג. די פוהר האָט זיך אַ ריהר געטהאָן פון אָרט און זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג, בעגלייט דורך הילכיגע יללות און געשרייען"[14]. דאָס שיידען זיך מיט די קליינע רעקרוטען האָט דערמאָהנט אָן אַ לויה. „גאַנץ שטאָדט האָט אונז בעגלייט, — דערצעהלט דער געוועזענער קאַנטאָניסט י. איצקאָוויטש — פון די האַרצרייסענדע קולות האָט, דוכט זיך, די ערד געציטערט. אָפּגעפאָהרען צוויי־דריי וויאָרסט, האָבען מיר נאָך אַלץ געהערט די יללות פון די קרובים"[15]. ווען מען האָט אונז אַוועקגעפיהרט, — שרייבט אַן אַנדער אידישער קאַנטאָניסט, מ. שפּיגעל, — האָט זיך די גאַנצע שטאָדט בעגאָסען מיט טרעהרען. די פאָטערס, מוטערס, ברידער, שוועסטער און קרובים האָבען אונז בעגלייט דריי־פיער סטאַנציעס. די לעצטע ווערטער פון מיין מוטער זיינען געווען: „זוהן מיינער, בייט ניט איבער דיין אייגען העמד!"[16]

לויט די געזעצליכע פעראָרדנונגען, האָט מען די קינדער געדאַרפט טראַנספּאָרטירען אין פוהרען, און דער עטאַפּ־אָפיציר האָט דערויף בעקומען אַ בעשטימטע סומע — אויף איין פוהר פאַר יעדע צוועלף קאַנטאָניסטען. אָבער די אָפיצירען פלעגען דאָס געלד אָפּט צונעהמען פאַר זיך און טרייבען

[14]) זכרונות ורעיונות („ספר היובל לכבוד נחום סאָקאָלאָוו"), 358.
[15]) Евр. Стар. 1912 г., I, 56.
[16]) Ibid., 1911 г., II, 251.

די קינדער צו־פוס. געקליידט זיינען די קליינע קינדער געווען ווי סאָלדאַטען: אַ „שינעל" (מאַנטעל) מיט איין ראַנד קנעפּלעך און אַ שטעהענדיגען קאָלנער, וואָס פלעגט זיך פערשפּיליען אויף העקלעך; הויזען מיט אַן אונטערשלאַג פון גראָבען לייווענט; אַ היטעל אָהן אַ דאַשעק, — אַלץ פון גראָבען געוואַנט; שווערע שטיוועל מיט אָנוטשעס (שמאַטעס), און אויף די פּלייצעס — אַ „ראַנעץ" (רענצעל), אויך פון גראָבען געוואַנט. די קליידונג איז געווען ניט נאָך דער מאָס. דער גראָבער שטאָף האָט געריבען די הויט. די הויזען זיינען געהאַנגען ווי זעק, און די פיס פלעגען זיך פּלאָנטערן אין דעם לאַנגען „שינעל". „אַליין אַראָבנעהמען פון זיך דעם „ראַניעץ" האָט דאָס קליין אינגעל ניט געקאָנט, — דערצעהלט איינער אַ אידישער קאַנטאָניסט וועגען זיינע יסורים אין וועג, — פונאַנדערשפּיליען די געוואַנטענע קנעפּלעך איז ער ניט געווען אימשטאַנד, — פלעגט ער וויינען. האָבען איהם די סאָלדאַטען פון קאָנוואָי דערפאַר געשלאָגען" [17]). אויף אָפּרוה פלעגט מען אין דערפער די קינדער בעזעצען ביי פויערים אין די שמוציגע כאַלופּקעס און אין די שטעדט האָט מען זיי געהאַלטען אין קאַזאַרמע אָדער אין טורמע. אין די רוסישע געגענדען האָט מען אויף זיי געקוקט, ווי אויף אַ בייז וואונדער; שקצים, און אָפטמאָל אַפילו דערוואַקסענע האָבען גערעכענט פאַר אַ פליכט צו רייצען, זידלען די קליינע „זשידקעס" און מאַכען פון זיי חוזק.

די רוסישע שריפטשטעלערין נ. אָגאַריאָוואַ־טוטשקאָוואַ דערמאָהנט אין איהרע עראינערונגען (וועלכע קעהרען זיך אָן צו די 40־ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט) וועגען אַ פּאַרטיע אידישע קאַנטאָניסטען, וואָס זי האָט געטראָפען אין וועג: „איינמאָל, פאָהרענדיג פון דאָרף קיין מאָסקווע, האָבען מיר אַריבערגעיאָגט עטליכע וואָגענס מיט קינדער; בעגלייט האָבען זיי סאָלדאַטען, און געווען איז עס אין ווינטער. מיין פאָטער האָט געוואָלט וויסען, וואָס אַזוינס דאָס בעטייט, האָט ער געפרעגט ביי איינעם פון די סאָלדאַטען: פון וואַנען זיינען אָט די קינדער? „פון פוילען", האָט קורץ געענטפערט דער סאָלדאַט. — „וואוהין פיהרט איהר זיי?" — קיין טאָבאָלסק", איז געווען דער ענטפער. די קינדער, לויט זייער אויסזעהן פון ז ע ק ס ביז צ ע ה ן יאָהר, האָבען מיט אַ שמייכעל, געמישט מיט טרעהרען גענומען די נדבה, וואָס מיין פאָטער האָט זיי דערלאַנגט. צי זיינען פיעל פון זיי דערפאָהרען ביז יענעם אָרט, וואוהין מען האָט זיי געפיהרט?!" [18])

---

[17]) Ibid., 1912 г., I, 56.

[18]) Записки Н. А. Огаревой-Тучковой. Русская Старина 1890 г., X, 33—34.

אַ שוידערליך בילד פון אידישע קאַנטאָניסטען אין וועג האָט אין זיינע מעמואַרען פעראייביגט דער בעריהמטער רוסישער שרייבער און רעוואָלוציאָנער אַלעקסאַנדער הערצען. פאַהרענדיג אין יאָהר 1835 קיין וויאַטקע, האָט ער אין אַ דאָרף הינטער פערם געזעהן אַ פּאַרטיע אידישע קאַנטאָניסטען, וועלכע מען האָט צו־פוס געפיהרט קיין קאַזאַן. דער אָפיציר, וואָס האָט זיי געפיהרט, איז גראָד געוועזן אַ מענש מיט אַ גוט האַרץ, און אין געשפּרעך מיט הערצענ'ען האָט ער ניט פערשוויגען, אַז ער קאָן ניט בעגרייפען, צוליעב וואָס מען פייניגט די קליינע קינדער. הערצען איז געוועזן דערביי, ווי די קאַנטאָניסטען זיינען נאָך אַן אָברוהה אין דאָרף ווידער אַרויסגעטראָטען אין וועג. אָט וואָס ער שרייבט:

„מען האָט געבראַכט די קינדער און אויסגעשטעלט זיי אין פראָנט. דאָס איז געוועזן איינס פון די סאַמע שרעקליכסטע בילדער, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זעהן. אונגליקליכע, אונגליקליכע קינדער! די אינגלעך פון צוועלף־דרייצעהן יאָהר האָבען זיך נאָך ווי עס איז געהאַלטען, אָבער די עופה'לעך פון אַ כ ט - נ י י ן יאָהר... דעם מין שוידער וועט אייך ניט אויפמאַלען אַפילו דאָס שוואַרצעסטע פּענזיל.

„בלייכע, אויסגעמאַטערטע, מיט דערשראָקענע פּנים'ער זיינען זיי געשטאַנען אין אונגעלומפּערטע, גראָבע סאָלדאַטסקע „שינעלען" מיט די שטייפע קאָלנערס, וואָרפענדיג עפּיס הילפלאָזע, קלאָגענדיגע בליקען אויף די סאָלדאַטען, וואָס האָבען זיי גראָד אויסגעקליבען אין די רייהען. אָן זייערע בלייכע ליפען, אָן די בלויע צייכענס אונטער די אויגען איז געוועזן קענטיג, אַז עס האָט זיי געפיבערט, אַז זיי זיינען געוועזן פערקיהלט. עס האָט געבלאָזען אַ שטאַרקער ווינד, און די קראַנקע קינדער, אָהן הילף און אָהן לאַסקע, האָבען געשפּאַנט — אין קבר אַריין.

„מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז דאָ גראָד האָט זיי געפיהרט אַן אָפיציר ניט קיין שלעכטער, וואָס האָט קענטיג בעדויערט די קינדער. ווי איז אָבער, ווען עס טרעפט זיך אַן אַנדער מין מענש?

„איך האָב גענומען דעם אָפיציר פאַר דער האַנד, געזאָגט איהם: „פּילעוועט זיי!" און זיך אַ וואָרף געטהאָן צו מיין קאַרעטע. טרעהרען האָבען מיך געשטיקט, איך האָב געפיהלט, אַז איך וועל ניט אויסהאַלטען... וואָסערע אונמענשליכע געהיימע פערברעכענס עס ליעגען טיף בעגראָבען אין די אַרכיוועו פון ניקאָלאַי'ס מערדערישער, געוויסענלאָזער מלוכה!" — אַזוי פּערענדיגט דער בעריהמטער רוסישער שריפטשטעלער זיין ריהרענדע ערצעהלונג [19]).

אויסער די קערפּערליכע יסורים, זיינען די קינדער אין וועג אויסגע־שטאַנען אויך ניט וועניג מאָראַלישע פּייניגונגען. פון די אַרכיוו־דאָקומענטען

[19]) А. Герценъ. Былое и думы, ч. II, 252, (изд. 1919 г.).

איז צו זעהן, אַז כדי אויסצונעהמן ביי זייער „נאַטשאַלסטווע", פלעגען די עטאַפּ־אָפּיצירען און גלחים גאַנץ אָפּט שוין אונטערוועגס צווינגען די קינדער, זיי זאָלען זיך טויפען. אויפ'ן אָפּיציעלען לשון האָט דאָס, זעלבסט־פערשטענדליך, געהייסען, אַז געטויפט האָבען זיי זיך „פריייווילליג".

אָט וואָס מיר לייענען, צום ביישפּיעל, אין דעם בעריכט, וואָס דער סמאָלענסקער „אַרכיערייי" (הויפּט־גייסטליכער) האָט אין פעברואַר 1851 צוגעשיקט אין סינאָד:

„דער גלח פון דער שטאָדט סיטשאָווקע, אַפאַנסקי, האָט מיר דעם 5־טען יאַנואַר געמעלדעט, אַז קורץ פאַר „ראָזשדעסטוואָ" (קריסטמעס) איז אַהין אָנגעקומען דער ווילנער אָפּיציר לאַגינאָוו מיט אַ פּאַרטיע פון 100 אידישע קינדער, וואָס ער האָט געפיהרט פון ווילנע קיין פּערם. זיי האָבען דאָרטען אין שטאָדט גערוהט ניין טעג. האָט דער אָפּיציר לאַגינאָוו דעם 23־טען דעצעמבער שריפטליך מיטגעטיילט דעם גלח אַפאַנסקי, אַז פון די אידישע קינדער האָבען 41 פריייווילליג (!) אַרויסגעזאָגט זייער פערלאַנג צו טויפען זיך דאָ און פערבלייבען שטענדיג טריי צו דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען. דער גלח אַפאַנסקי האָט דעם 27־טען און 30־טען דעצעמבער געטויפט אין דער סיטשאָווסקער הויפּט־קירך די אַלע 41 קינדער, און דערביי זיינען געווען דער אָפּיציר לאַגינאָוו, דער „גאָראָדניטשי", מילי־טערישע און ציווילע בעאַמטע און שטאָדטישע איינוואוינער. אין זיין ראַפּאָרט שרייבט דער גלח אַפאַנסקי, אַז ער מוז אונטערשטרייכען דעם אָפּיציר לאַגינאָוו'ס איידעלען רעליגיעזען גייסט און די פרומע גרייטקייט, מיט וועלכער די איינוואוינער פון סיטשאָווקע האָבען איינער געגנער פון דעם אַנדערען אויף זיך גענומען צו זיין קוואַטערס ביים טויפען די קינדער".

בעריכטענדיג דעם סינאָד וועגען אָט דער פרעהליכער געשעהעניש, שרייבט דער סמאָלענסקער אַרכיערייי ווייטער, אַז „וועגען דעם אָפּיציר לאַגינאָוו'ס אויסגעצייכענטער האַנדלונג האָט ער מיטגעטיילט זיין קאָמאַנדיר אין ווילנע, און די איינוואוינער פון סיטשאָווקע האָט ער, דער אַרכיערייי, דורך דעם גלח אַפאַנסקי איבערגעגעבען זיין ברכה פאַר זייער געטרייער מיטווירקונג צום פערשפּרייטען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען". אחוץ די אונגליקליכע קינדער, האָבען אַלזאָ אַלע געמעגט זיין צופריעדען: דער אָפּיציר לאַגינאָוו איז בעלוינט געוואָרען, וועגען זיין גרויסער פרומקייט האָט מען בענאַכריכטיגט זיין קאָמאַנדיר; און וואָס אַנבאַלאַנגט די סיטשקאָ־ווער איינוואוינער, האָבען זיי צוויי טעג געהאַט אַ שמחה אין שטאָדט און אפילו זוכה געווען צו בעקומען אַ ברכה פון דעם אַרכיערייי.

און אָט האָבען מיר נאָך אַן עהנליכען צופאַל. אין זיין בעריכט, פון 23־טען אָקטאָבער 1854, צום אָבער־פּראָקוראָר פון סינאָד, מעלדעט דער סאַראַטאָווער אַרכיערייי: „דער גלח פון דער שטאָדט באַלאַשאָוו, גיבראַל־

טאַרסקי האָט מיר דעם 28-טען אויגוסט ראַפּאָרטירט, אַז פּיעל פון די אידישע קאַנטאָניסטען, וואָס מען האָט געפיהרט פון פּאָלטאַווער גובערניע קיין אָרענבורג, האָבען, אַבשטעלענדיג זיך אונטערוועגס אין באַלאַשאָוו, אַדאַנק זיינע איבערצייגונגען, זיך געטויפט, נעמליך: ליפּע יאַראָשעווסקי, יעקב בראָדסקי, יצחק־יעקב כאסלאָווסקי, און משה יוכווע. ביי דער טויפונג האָבען זיי געקראָגען די נעמען: דער ערשטער — פּיאָדאָר, דער צווייטער—אַנטאָן, דער דריטער—איליאַ, און דער פערטער—מיכאַאיל".

דער ליידענס-וועג פון די אידישע געגענדען ביז צו די וויטע רוסישע שטעדט איז געווען זעהר אַ לאַנגער. י. איצקאָוויטש דערצעהלט, אַז ער און זיינע חברים זיינען פון פּאָלאָצק ביז אַרכאַנגעלסק געגאַנגען מעהר ווי זעקס מאָנאַטען, פון נאָוועמבער ביז יוני [20]). אַ צווייטער קאַנטאָניסט, מ. שפּיגעל, גיט איבער, אַז ביי זיין פּאַרטיע, וואָס איז בעשטאַנען פון 225 קינדער, האָט דער גאַנג פון זשיטאָמיר ביז טאָבאָלסק געדויערט אַ גאַנץ יאָהר [21]). דער וועג איז געווען אַן אָבקומעניש. אין די דאָרפישע הייזלעך ווי אויך אין די קאַזאַרמעס און טורמעס, וואו מען פלעגט זיך אָבשטעלען, האָט געהערשט אַ שרעקליכער שמוץ. „אין אונזערע קליידער און וועש,— דערצעהלט אַ אידישער קאַנטאָניסט,—האָט געווימעלט מיט לייז און פליי. טאָג ווי נאַכט האָבען זיי אונז ניט געגעבען קיין רוה. מיר פלעגען זיך צייטענווייז פּיהלען, פּונקט ווי אונזערע קערפּערס וואָלטען געווען איינגע־וויקעלט אין פרישע קראָפּיווע. אַז עס איז שוין געוואָרען מעהר ניט אויס־צוהאַלטען, האָבען מיר איינמאָל ביים דאַוונען אַלע אָנגעהויבען צו וויינען. האָבען די סאָלדאַטען פון קאָנוואָי זיך, ווי ווילדע חיות, אַ וואָרף געטהאָן צו אונז מיט אַ געשריי: „וואָס ליאַרימט איהר, פערפלוכטע זשידקעס?", גענומען אונז זידלען און בעוויזען די קולאַקעס" [22]). פון די לייז און שמוץ פלעגען זיך פערפיהרען הויט-קראַנקהייטען. ווען אַ פּאַרטיע אידישע קאַנ־טאָניסטען איז נאָך דעם לאַנגען וועג אָנגעקומען קיין טאָבאָלסק, האָט זיך ביי דער אונטערזוכונג אַרויסגעשטעלט, אַז אַ העלפט פון זיי האָבען קרעץ.

שרעקליך איז פאַר די קינדער געווען די קאַרגע און גראָבע שפּייז, צו וועלכער זיי זיינען ניט געווען געוועהנט. אַ סך פון זיי פלעגען זיך אָבזאָגען צו עסען טריפות. „אידישע קינדער, בעדאַרפט איהר וויסען, — האָט צו א. הערצענ'ען געזאָגט מיט מיטלייד דער עטאַפּ-אָפיציר, וועלכען ער האָט געטראָפען אין וועג, — אַזעלכע דאַרינקע, שוואַכע, אויסגעמאַ־טערטע, פּונקט ווי אָבגעריסענע קעץ. זיי זיינען ניט געוועהנט צו שפּאַנען,

[20]) Евр. Стар., 1912 г., I, 57.

[21]) Ibid., 1911 г., II, 254.

[22]) Ibid., 1912 г., IV, 408.

צו געהן שטונדען לאַנג אין בלאָטע, עסען געטריקענטע ברויט... אַ העלפט וועלען ניט דערגעהן ביז דאָרטען, וואוהין מען דאַרף זיי ברענגען! "[23]) ביי די קינדער פלעגען די פיס צו־ביילט ווערען; זיי האָבען געליטען פון קעלט, הונגער, מאָגען־קראַנקהייטען, פיבער און אַנדערע חולאת'ן. און זיי פלעגען שטאַרבען ווי פליגען. פון די 225 קינדער, וואָס מען האָט גע־פיהרט פון זשיטאָמיר, זיינען אין אַ יאָהר אַרום דערגאַנגען ביז טאָבאָלסק בלויז 119; די איבעריגע זיינען געבליבען אין שפיטאָלען אָדער אומגע־קומען[24]). אין וועג האָט מען די קינדער געמאַטערט, געשלאָגען, פערשאָפּט זיי גרויסע יסורים. און די ווייניגער אונגליקליכע זיינען צווישען זיי געווען יענע, וועמען דער טויט האָט דערלייזט פון דער פיעל שרעקליכער פיין, וואָס די קינדער האָבען נאָך געזאָלט יאָהרען לאַנג אויסשטעהן אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען.

●

---

[23]) Былое и думы, ч. II, 253.

[24]) Евр. Стар., 1911 г., II, 254.

.IV

דער אַלגעמיינער רעזשים אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען. — די קינדערשע קאַטאָרגע. — בעשטראָפונגען. — די דעמאָראַליזאַציע.

די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען, וואוהין מען פלעגט נאָך די לאַנגע ליידען און פּיין אין וועג בריינגען די קליינע אידישע רעקרוטען, זיינען געוועזען מיליטערישע אַנפאַנגס־שולען, וואו מען האָט זיי איינאיינעם מיט די רוסישע קאַנטאָניסטען געהאָדעוועט פאַר סאָלדאַטען. זייער פּראָגראַם איז, אויסער אייניגע אַלגעמיינע לימודים, דערהויפּט בעשטאַנען אין פערשידענע מיליטערישע איבונגען. דער גאַנצער שניט איז דאָ געוועזען אַ מיליטערישער. די קינדער האָבען געלעבט אין בעזונדערע קאַזאַרמעס. לויט דער צאָהל שילער, זיינען די אַנשטאַלטען געווען איינגעטיילט, ווי מיר האָבען שוין אָנגעוויזען, אין איינצעלנע ראָטעס, (250 קאַנטאָניסטען), האַלב־באַטאַליאָנען (500) און באַטאַליאָנען (1000 קאַנטאָניסטען). ניט שטענדיג איז אין יעדער אַנשטאַלט די צאָהל קאַנטאָניסטען געווען גלייך; זי פלעגט זיך אין פערשידענע יאָהרען ענדערן. ווענדליג דער צאָהל קאַנטאָניסטען, וואָס האָבען זיך דאָ געפונען, האָט די זעלביגע אַנשטאַלט אין איין יאָהר געהייסען „האַלב־באַטאַליאָן", אין דעם אַנדערען — „באַטאַליאָן", אָדער פערקעהרט. אַחוץ געוועהנליכע אָפיצירען, האָט יעדע אַנשטאַלט געהאַט איבער זיך אַ בעזונדער קאָמאַנדיר. יעדער ניי־אָנגעקומענער קאַנטאָניסט פלעגט אָבגעגעבען ווערען אונטער דער אויפזיכט פון אַ „דיאַדקע" — דאָס איז געווען אַן עלטערער קאַנטאָניסט, וואָס האָט געדאַרפט אויף איהם אַכטונג געבען און איהם לערנען. איבער די „דיאַדקעס" זיינען געשטאַנען אַזוינע קאַנטאָניסטען, וואָס האָבען זיך מעהר אָדער ווייניגער אויסגעצייכענט: „קאַפּראַלען" און „יעפרעיטאָרס". אויסער דעם זיינען דאָ נאָך געווען אונטער־אָפיצערען און פעלדפעבעלס. דער קאָמאַנדיר האָט געהאַט די גאַנצע מאַכט איבער דער גאַנצער אַנשטאַלט, און ווי אין אַלע מיליטער־אָבטיילונגען, האָט אויך דאָ שטענדיג געגאָלטען דער פּרינציפּ פון אויבער־הערשאַפט: דער אָפיציר איז געווען דער הערשער איבער דעם פעלדפעבעל, יענער — איבער דעם אונטער־אָפיציר; ער ווידער האָט געוועלטיגט איבער דעם „יעפרעיטאָר", און אַזוי ווייטער ביז דעם פּשוט'ען קאַנטאָניסט, איבער וועלכען עס האָט געקאָמאַנדעוועט דער „דיאַדקע".

געהערשט האָט דאָ די האַרבסטע דיסציפּלין, און די בעהאַנדלונג פון

די קינדער איז געווען זעהר שטרענג. „דאָס לעבען פון דעם קאַנטאָניסט, —שרייבט איינער אַ רוס, וואָס האָט זיין יוגענד פאַרבראַכט אין אַזאַ אַנשטאַלט, — איז געווען אויב ניט ערגער, איז אַלענפאַלס ניט בעסער פון דעם אַרעסטאַנט'ס לעבען; און אויב איך וואָלט איצט בעדאַרפט פאַר עפיס אַ פערברעכען אויסקלייבען איינס פון די ביידע: אָדער געהן אויף קאַטאָרגע, אָדער ווידער ווערען אַ קאַנטאָניסט, — וואָלט איך בעסער אויסגעקליבען דאָס ערשטע״ [1]. און אַנדערש האָט ניט געקאָנט זיין אין יענער פינסטערער צייט, ווען עס האָט אין רוסלאַנד געהערשט „פאַנשטשינע״ און די פויערים האָבען אַנגעהערט צו די פאָמעשטשיקעס ווי זייער אייגענטום, גלייך מיט ערד און פיה. דאָס איז געווען אַ מכה, וואָס האָט פערגיפטעט אַלע גליעדער פון דעם מלוכה־אָרגאַניזם. וואָרום דער פאַקט אַליין, וואָס מעהר ווי אַ העלפט איינוואוינער זיינען געווען שקלאַפען, האָט געמוזט האָבען אַ ווירקונג אויפן גאַנצען רוסישען לעבען, אומעטום בעשאַפען אַן אַטמאָספערע פון גרויזאַמקייט און געוואַלט, אונרעכט און דערנידערונג. דער „פאַנשטשינע״ האָט דאָך רוסלאַנד צו פערדאַנקען דאָס שעהנע שפריכוואָרט: „פאַר איין געשלאָגענעם גיט מען צוויי ניט־געשלאָגענע, אי דאָס נעהמט מען ניט״, — דאָס הייסט, אַז דער קנוט און די קלעפּ זיינען די בעסטע לעהרער, דאָס בעסטע מיטעל אויף צו מאַכען פון עמיצען „אַ מענש״. נאַטירליך, האָבען די אַלגעמיינע פערגרעבקייט און אכזריות זיך מעהר ווי ערגיץ־וואו געפיהלט אין דער אַרמיי און אין די מיליטערישע אַנשטאַלטען בכלל. אויב אַפילו אין די „פרייע״, ציווילע שולען, ווי גימנאַזיעס און גייסטליכע סעמינאַריעס, האָבען דאַן בּרייט געהערשט שמיץ, קאָן מען זיך גרינג פאָרשטעלען יענע ערציהונגס־מיטלען, וואָס פלעגען אַנגעווענדעט ווערען אין די ספּעציעל־מיליטערישע שולען, וואו דער גרונד־פּרינציפּ איז געווען: שטרענגסטע דיסציפּלין און אַבסאָלוטע געהאָרכזאַמקייט.

„די גאַנצע לעהרע איז ביי אונז בעשטאַנען אין שמייסען און שלאָגען, — דערצעהלט י. איצקאָוויטש, אַ געוועזענער קאַנטאָניסט פון אַרכאַנגעלסקער באַטאַליאָן, — ווי דו שטעהסט נור אויף אין דער־פריה, שלאָגט מען דיך; ביים עסען מיטאָג בעקומסטו קלעפּ, און ווען דו לעגסט זיך שלאָפען, שלאָגט מען דיך ווידער״ [2]. אַזוי איז געווען ניט נור אין אַרכאַנגעלסק. שמיץ און קלעפּ האָבען געהערשט אין אַלע קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען. דאָס איז געווען אַן ערציהונגס־סיסטעם, וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרען פּלאַנמעסיג, אָהן שום אָבווייכונגען. דער קאָמאַנדיר פלעגט די

[1] М. А. Кретчмеръ. Воспоминанія. Историческій Вѣстникъ 1888 г., III, 646.

[2] Евр. Стар. 1912 г., I, 58.

אָפּיצירען ניט מוחל זיין די מינדעסטע „אונאָרדנונג״ אין׳ם באַטאַליאָן; האָבען זיי דערפאַר געשטראָפט די פעלדפעבעלס אָדער די אונטער־אָפּי־צירען, און יענע האָבען אויסגעלאָזט דעם כעס אויף די, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער זיי. בעזונדערס האָבען געליטען די פשוט׳ע קאַנטאָ־ניסטען, ווייל זיי האָבען געהאַט איבער זיך די גרעסטע צאָהל הערשער, אָנהויבענדיג מיט זייער „דיאַדקע״ און ענדיגענדיג מיט דעם קאָמאַנדיר אליין. די „נאַטשאַלסטווע״ האָט שטענדיג דערמאָהנט, מען זאָל ניט פער־געסען אָן די ריטער. פון צייט צו צייט פלעגט פון קריעגס־מיניסטעריום קומען אויף אַ רעוויזיע אָן אינספעקטאָר. אָבער אָפּילו אין יענע פאַלען, ווען ער האָט ביים „סמאָטר״ געלויבט די קאַנטאָניסטען פאַר זייער גוט מאַרשירען, פלעגט ער רעקאָמענדירען, מען זאָל ניט קאַרגען קיין ריטער. די מיליטערישע פּעדאַגאָגיק האָט בכלל געהאַלטען, אַז שמיץ זיינען קיינ־מאָל ניט איבעריג, זיי ברענגען אַלענפאַלס נוצען. מיר האָבען פאַר זיך אַ בעשרייבונג פון אַ רעוויזיע, וואָס האָט אין יאָהר 1835 געמאַכט אין יעקאַ־טערינאָסלאַווער באַטאַליאָן דער הויפּט־קאָמאַנדיר איבער אַלע קאַנטאָניס־טישע אַנשטאַלטען, גענעראַל קליינמיכעל, איינער פון ניקאָלאַי׳ס גרעסטע מקורבים. וויסענדיג, ווי ער איז שטענדיג שטרענג און ווי ער בינדט זיך צו יעדער קלייניגקייט, האָבען אַלע, פון די קאַנטאָניסטען ביז׳ן קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן, זיך זעהר געשראָקען. אָבער דאָס מאָל איז ער געבליבען מיט אַלעס צופריעדען, ער האָט בלויז געהייסען געבען שמיץ איינעם אַ קאַנטאָניסט, וואָס האָט ניט עס ווי בעדאַרף צו זיין געענטפערט אויף זיין פראַגע. ווען דער „סמאָטר״ האָט זיך געענדיגט, זיינען אַלע אָפּיצירען פונ׳ם באַטאַליאָן, מיט זייער קאָמאַנדיר אין דער שפּיץ, נאָכגעגאַנגען נאָך גענעראַל קליינמיכעל׳ן, און יענער האָט, אומקעהרענדיג זיך צו זיי, עטליכע מאָל ווידערהאָלט: „שמייסט זיי אַלעמען, די אויסוואורפען! דאָס איז דאָס וויכטיגסטע און נויטיגסטע! ״ און די אָפּיצירען, — אַזוי דערצעהלט אַן עדות פון אַט דער סצענע, — פלעגען יעדעס מאָל צוטראָגען די האַנד צום דאַשעק און זיך געבוקט, פונקט ווי זאָגענדיג: „זייט זיכער, אייער עקסעלענץ, מיר וועלען אויסגעצייכענט שמייסען, דאָס איז דאָך סיי ווי סיי דאָס איינציגע, וואָס מיר טהוען! ״ [8]).

זעהר שווער זיינען פאַר די קאַנטאָניסטען געווען די פראָנט־איבונגען, אויף וועלכע מען פלעגט אין ניקאָלאַי׳ דעם ערשטענ׳ס צייטען לעגען אין דער גאַנצער אַרמיי בכלל דאָס גרעסטע געוויכט. שטעהן אין „סטראַי״, אַ לאַנגע צייט אַן אויסגעצויגענער ווי אַ סטרונע, אין דער דעמאָלטיגער שווערער מיליטערישער קליידונג מיט די גראָבע שטיוועל און דעם

[8]) М. А. Кретчмеръ, ibid., Истор. Вѣстникъ 1888 г., IV, 128-129.

„ראַנעץ״ ; מאַרשירען שטונדענווייז — די און די אַלע אַנדערע מיליטע־רישע בעשעפטיגונגען זיינען פאַר די קינדער געווען אָן עכטע פּיין. פאַר יעדע אונפּינקטליכקייט האָבען די „יעפרעיטאָרס״ און „קאַפּראַלנע״ביים מושטירען געגעבען קלעפּ, פּעטש, און אַפּטמאָל פלעגט מען דערנאָך בעקומען אויך שמיץ. ניט בעסער איז געווען אויך ביי די אַלגעמיינע לימודים אין קלאַס. „דאָס הויפּט־מיטעל פון אונזער פּעדאַגאָגיק, דער־צעהלט אַ געוועזענער קאַנטאָניסט, איז בעשטאַנען אין ריטער און קלעפּ. אין פערלויף פון די בעשעפטיגונגען זיינען די גאַנצע צייט פאַרגעקומען שמיץ. געשמיסען האָבען דריי געזונטע סאָלדאַטען דאָ גופא הינטער דער טהיר, אין אַ האַלב־טונקעלען קאָרידאָר״ [4]. אין אַנדערע באַטאַליאָנען, צום ביישפּיעל אינ׳ם יעקאַטערינאָסלאַווער, האָט די אַרבייט פון שמייסען אָנגעהערט צו די „באַראַבאַנשטשיקעס״ (פּויקער). פאַר פּויקער פלעגט מען בעשטימען געזונטע, שטאַרקע קאַנטאָניסטען, וואָס זיינען ניט געווען פעהיג צו דער לעהרע. אויף צו ווערען אַ פּויקער האָבען זיך שטענדיג געפונען אויך פרייוויליגע בעלנים, ווייל זייער אַרבייט איז געווען אַ גרינגע : פּויקען אין דער־פריה און ביים זונען־אונטערגאַנג, ווי אויך ביי די פּראָנט־איבונגען, אַכטונג געבען אין קלאַס און ביים עסען, א. אַז. וו. „די הויפּט־פליכט פון די פּויקער, דערצעהלט אַ קאַנטאָניסט פון יעקאַטע־רינאָסלאַווער באַטאַליאָן, איז אָבער בעשטאַנען אין שמייסען ווי עס בעדאַרף צו זיין, אַכטונג געבען, עס זאָל שטענדיג זיין גרייט אַ געהעריגע צאָהל ריטער, און ווען זיי הויבען אָן אויסצוגעהן, איז בעריכטען וועגען דעם, מען זאָל ברייגען נאָך. די גאַנצע פרייע צייט פלעגען זיי זיך לערנען פּויקען אָדער שמייסען, שלאָגענדיג מיט ריטער איבער אַ ביינקעל אָדער אַ „שיניעל״, און אַנדערע זיינען דעריך געוואָרען זעלטענע מייסטערס. מען האָט בעדאַרפט זעהן אָט די בעשעפענישען, ווען זיי האָבען געגעבען שמיץ און געקאָמאַנדעוועט איבער יענע, וואָס האָבען דעם קרבן געהאַלטען אָן אויסגעצויגענעם אויף דער באַנק אָדער אין דער לופטען. נאָך פּופציג שמיץ האָבען זיי זיך בעגאָסען מיט שוויס, און די פּנים׳ער זייערע פלעגען ווערען רויט ; דאַן האָבען זייער אָרט פערנומען אַנדערע פּויקער, וואָס האָבען דאָ שוין מיט אונגעדולד געוואַרט אויף דער „אַרבייט״. ביים שמיי־סען פלעגט זיי בענעהמען עפּיס אַ חיה׳שע בעגייסטערונג״ [5].

דאָ קומען מיר צו דער טרויעריגער ערשיינונג, וועלכע עס פערצייי־כענען די מייסטע קאַנטאָניסטען אין זייערע עראינערונגען : דער רעזשים

---

[4]) Д. Федоровъ. Игрушечная армія. (Изъ быта южно-русскихъ кантонистовъ). Истор. Вѣстникъ 1899 г., X, 162—163.

[5]) Историч. Вѣстникъ 1888 г., III, 650—651.

פון געוואָלט און דער שרעקליכער דרוק, וואָס יעדערער האָט איבער זיך שטענדיג געשפירט, פלעגען פאַרדאַרבען ניט נאָר די פייניגער, נאָר אויך זייערע יונגע קרבנות. צווישען די קאַנטאָניסטען גופא האָט געהערשט גרויזאַמקייט; יעדערער פון זיי האָט געוואָלט אַרויסווייזען זיין מאַכט איבער דעם אַנדערען און אָברעכענען זיך מיט איהם פאַר יענע בעליידי־גונגען און פיין, וואָס ער האָט געליטען פון די, וואָס זיינען געשטאַנען העכער פון איהם. די „דיאַדקעס" פלעגען אומברחמנות'דיג שלאָגען זייערע חברים־קאַנטאָניסטען, איזדעקעווען זיך איבער זיי. און דאָס זעלביגע האָבען געטהאָן אויך „קאַפּראַלנע" און „יעפרעיטאָרס" — בעשטראָפען אַנדערע איז פאַר זיי געווען אַ מין פערגעניגען, אַ געוויסע בעפריעדיגונג פאַר זייערע אייגענע צרות און ליידען. „היינט־צו־טאָג, שרייבט אַן אַמאָ־ליגער קאַנטאָניסט, איז אונגלויבליך, מען זאָל קאָנען געפינען עפּיס אַ פערגעניגען אין שמייסען עמיצען. און דאָך איז עס דאַן אַזוי געווען, און מען האָט עס אַפילו ניט געהאַלטען פאַר ניט־שען, ווייל דאָס האָט פאָלקאָם געשטימט מיט די זיטען און בעגריפען פון יענער צייט" [ו]).

שמייסען פלעגט מען פאַר יעדע מינדעסטע זינד און אַפילו פאַר סאַמע געוועהנליכע קינדערשע געננ, אין וועלכע עס איז קיין שום בייז ניט געווען. געשפּייזט האָט מען די קאַנטאָניסטען זעהר קאַרג, און זיי פלעגען שטענדיג אַרומגעהן האַלב־הונגעריגע. נאָכ'ן עסען האָט מען ביי זיי אַלעמען געזוכט אין די קעשענעס, און אויב עס האָט זיך בעוויזען, אַז עמיצער פון די אינגלעך האָט שטילערהייד בעהאַלטען אַ שטיקעל ברויט אויף שפּעטער, האָט מען איהם אַרויסגעשטעלט פאַר דעם גאַנצען באַטאַליאָן, מיט דעם „גע'גנב'עטען" ברויט אין מויל, און דערנאָך געגעבען ביז 50 שמיץ [ז]). איינער אַ יעקאַטערינאָסלאַווער קאַנטאָניסט, פילענקאָ (אַ רוס), האָט גע־כאַפּט אַ פעלד־מויז, צוגעוועהנט צו זיך און געהאַלטען אויף אַ שטריקעל ביי זיך אונטער'ן בעט. ווען דער קאָמאַנדיר פון דער ראָטע האָט דאָס איינמאָל ענטדעקט ביים בעקוקען די קאַזאַרמע, האָט ער געהייסען געבען פילענקאָ'ן 200 שמיץ [ח]). אַפילו אין לאַזאַרעט (שפּיטאָל) פלעגט מען שלאָגען און שמייסען פּונקט אַזוי ווי אין דער ראָטע, און דאָס עסען איז געווען אויך אַזוי שלעכט; דער איינציגער אונטערשיד איז נור געווען, וואָס דאָ איז מען געווען פריי פון מיליטערישע איבונגען און לימודים [ט]). קראַנק ווערען, דאָס האָט זיך בכלל גערעכענט פאַר אַ זינד, און אָבשיקען־

ו) М. А. Кретчмеръ, ibid., Истор. Вѣстникъ 1888 г., III, 647.

ז) И. Ицковичъ. Воспоминанія архангельскаго кантониста. Евр. Стар. 1912 г., I, 58.

ח) Истор. Вѣстникъ 1888 г., IV, 132.

ט) В. Н. Никитинъ. Многострадальные, 142, 143 (изд. 1872 г.).

דיג עמיצען אין לאַזאַרעט, פלעגט מען איהם פריהער געבען קלעפ און אַפילו שמיץ. די קאַנטאָניסטען פלעגען ווי ווייט מעגליך פערשוויגען זייערע קרענק, מורא האָבענדיג פאַר בעשטראָפונג. ווען מען האָט בע־מערקט, אַז ביי עמיצען זיינען די אויגען ניט געזונד (דאָס איז דאָך שווער צו בעהאַלטען), האָט מען איהם געגעבען אַ פאָרציע ריטער און ערשט דערנאָך גענומען אין לאַזאַרעט [10]).

שמיץ און פייניגונגען האָט מען בכלל גערעכענט פאַר דעם בעסטען מיטעל געגען אַלע קראַנקהייטען. איינמאָל אין וואָך האָט מען אַלע קאַנטאָ־ניסטען אויסגעטהאָן נאַקעט און בעקוקט, און ביי וועמען מען האָט אויפ'ן לייב עטוואָס בעמערקט, דער האָט בעקומען זיין חלק. אין יענעם טאָג איז מען געווען זעהר פרייגעביג אויף שמיץ [11]). בעזונדערס גרויזאַם האָט מען געשמיסען יענע, וואָס האָבען,ליידענדיג פון קרעץ, זיך געקראַצט דעם קערפער. פון קרעץ האָט מען אין אַלע קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען געהיילט אויף אַזאַ אופן: די קראַנקע קינדער האָט מען געפיהרט אין באָד, יעדערען געגעבען אַ שטיקעל זייף און געהייסען וואַשען זיך. ווען די קרעציגע וואונדען זיינען דורכדעם געוואָרען אָפען, האָט מען די קינדער גענומען אין אַ דערבייאיג צימער, בעשמירט פון קאָפ ביז די פיס מיט זאַלב און דזשעגעכץ מיט זאַלץ און צוריק געבראַכט אין שוויץ־באָד. מען האָט זיי דאָ געהייסען שטעהן אויף די סאַמע הויכע טרעפ און פאַרען זיך מיט בעזימלעך. פאַרע פלעגט מען צוגעבען אַזוי שטאַרק, דאָס מען האָט ניט געקאָנט כאַפען דעם אָטעם. אונטען זיינען געשטאַנען צוויי אונטער־אָפיצירען מיט ריטער אין די הענד און האָבען אַכטונג געגעבען, מען זאָל זיך גוט פאַרען, און קיינער זאָל ניט אַראָבגעהן פון דער אויבערשטער טרעפ. אַזוי האָט מען די קינדער געהאַלטען אין דער שוויץ־באָד אַ גאַנצע שטונדע, ביז די שאַרפע זאַלב פלעגט אַריינדרינגען אין קערפער. דער וועהטאָג איז געווען מורא'דיג, די שטיקענדע היץ ניט אויסצוהאַלטען, און די גאַנצע צייט האָבען געהילכט יללות און געוויין [12]). פון היהנער־פלעט (אַזאַ אויגען־קראַנקהייט) האָט מען געהיילט מיט האַלטען דעם קראַנקען עטליכע נעכט נאָכאַנאַנד אַ שטעהענדיגען אין פראָנט און טרייבען איהם באַרג אַרויף און אַראָב צוויי וויאָרסט ווייט [13]). מיט פייניגונג האָט מען געקעמפט אַפילו געגען דער שוואַכקייט, פון וועלכער עס ליידען אָפט קליינע קינדער: ניט איינהאַלטען ביינאַכט די אורין. יעדען פריה־מאָרגען

[10]) И. Ицковичъ, ibid., 59.

[11]) В. Н. Никитинъ, ibid., 94.

[12]) М. А. Кретчмеръ. Воспоминанія. Истор. Вѣстникъ 1888 г., III, 652; В. Н. Никитинъ. Многострадальные, 96—97.

[13]) В. Н. Никитинъ, ibid. ("Объясненіе автора", 2).

האָט מען ביי אַלעמען בעקוקט די בעטלעך, און יענע אונגליקליכע, ביי וועמען די „סעניקעס" (זעק מיט היי) זיינען געווען נאַס, האָבען תיכף בעקומען שמיץ [14]).

בעזונדערס גרויזאַם פלעגט מען בעשטראָפען יענע זינד, וועלכע מען האָט גערעכענט פאַר ערנסטע, צום ביישפּיעל, רויכערן אָדער אַנטלויפען פון באַטאַליאָן. אין יעקאַטערינאָסלאַוו האָט אַ קאַנטאָניסט, וועלכען מען האָט געכאַפּט מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל, בעקומען 500 שמיץ; מען האָט איהם אַ קוים־לעבעדיגען אַוועקגעטראָגען אין לאַזאַרעט, און אין אַ מאָנאַ־טען צוויי אַרום איז ער דאָרט געשטאָרבען [15]). די אַנטלאָפענע קאַנטאָ־ניסטען, אויב מען האָט זיי געכאַפּט און אומגעקעהרט אין באַטאַליאָן, פלעגט מען דאָ שמייסען מערדעריש. טויט־פאַלען נאָך די לייב־בעשטראָפונגען זיינען ניט געווען קיין זעלטענהייט. געגאַלטען האָט אָבער דער כלל: שמייס אויף טויט, אָבער אַזוי, אַז דער בעשטראָפטער זאָל קאָנען כאָטש נאָך אַ וואָך לעבען אין לאַזאַרעט; דאָן פלעגען די דאָקטוירים פערשריי־בען, אַז דער אונגליקליכער איז געשטאָרבען פון עפּיס אַ קראַנקהייט, צ. ב. פון פיבער אָדער לונגען־ענטצינדונג. דעם קאַנטאָניסט קרעטשמאַר האָט מען נאָך אַ שרעקליכער עקזעקוציע אַ צוקאַליעטשעטען געבראַכט אין לאַזאַרעט; ער איז דאָ אָבגעווען פיער מאָנאַטען און דורך אַ נס געבליבען ביים לעבען. און די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געלעגען אין לאַזאַרעט, איז אויפ'ן ברעטעל איבער זיין בעט געווען אָנגעשריבען, אַז ער איז קראַנק — אויף סוכאָטע (טובערקולאָז) [16]).

רעדענדיג וועגען דער אַטמאָספערע פון גרויזאַמקייט, וואָס האָט גע־הערשט אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען, דאַרף מען נעהמען אין אַכט, אַז די רוסישע אָפיצירען בכלל זיינען אין יענע צייטען געשטאַנען אויף אַ זעהר נידעריגער שטופע. געוויס האָבען זיך צווישען זיי געטראָפען אויך איידעלע, געבילדעטע מענשען; אָבער מייסטענס, און בעזונדערס אין דער פּראָווינץ, זיינען דאָס געווען אונוויסענדע, גראָבע לייט, אָפטמאָל אויס־געדיענטע פון פּשוט'ע זעלנער, און זייער בעהאַנדלונג פון די סאָלדאַטען איז געווען אַן אונמענשליכע. כאַראַקטעריסטיש פאַר יענע צייטען איז דער פּראָצעס וועגען איינעם אַן אָפיציר מאַטווייעוו'ן פון וועלכען מיר געפינען ידיעות אין די אַרכיוו־דאָקומענטען. אין מערץ 1848, ווען אַ ראָטע פון סאַפּיערער רעגימענט האָט זיך אויפגעהאַלטען אין דאָרף „קורנאָוויטש" (טשערניגאָווער גוב), איז אַ סאָלדאַט, מיט'ן נאָמען קאָבאַנענקאָ, אַנטלאָפען פון דיענסט. מיט צוויי טעג שפּעטער האָט מען איהם אָבער געכאַפּט.

---

[14]) М. Кретчмеръ, ibid., 645; В. Н. Никитинъ, ibid., 53.

[15]) М. А. Кретчмеръ, ibid., 649.

[16]) Истор. Вѣстникъ 1888 г., IV, 134.

דער קאָמאַנדיר פון דער ראָטע, מאַטווייעוו, האָט איהם גענומען אויף אַ פערהער ביי זיך אין הויז. דערביי האָט ער איהם געגעבען קלעפּ מיט׳ן קולאַק אין געזיכט, געשלאָגען דעם קאָפּ אָן אייוועז און איהם צעבראָכען דעם שאַרבען. דערנאָך האָט קאַבאַנענקאָ, לויט זיין בעפעהל, בעקומען שמיץ אָהן אַ צאָהל, מיט ריטער און שטעקענס. מאַטווייעוו האָט אַראָבגע־נומען דעם „שטיק" פון אַ ביקס און מיט איהם אַזוי לאַנג געשלאָגען קאַ־באַנענקאָ׳ן איבער׳ן רוקען, ביז ער האָט דעם „שטיק" צובראָכען. נאָך דעם האָט ער געהייסען ווידער שמייסען איהם, און אין עטליכע שעה אַרום איז קאַבאַנענקאָ געשטאָרבען. ביי דער אונטערזוכונג האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מאַטווייעוו פלעגט זיך אויך פריהער מערדעריש בענעהמען מיט די, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער זיין קאָמאַנדע; ער האָט, צום ביישפּיעל, געגעבען דעם פעלדפעבעל זעמליאַנאָוו׳ן 500 שמיץ דערפאַר, וואָס ביי אַ מיליטערישער איבונג האָט ביי אַ סאָלדאַט אַרויסגעסטאַרטשעט פון שטי־וועל אַ ברעג פון דער שטיקעל לייוועט, אין וועלכען זיין פוס איז געווען איינגעוויקעלט [17]). ווען מאַטווייעוו זאָל אין דעם פאַל מיט דעם אונגליק־ליכען קאַבאַנענקאָ ניט האָבען „איבערגעכאַפּט די מאָס", וואָלטען זייטיגע מענשען קיינמאָל וועגען זיינע מערדערייען זיך אַפילו ניט דערוואוסט. וואָרום אין דער אַרמיי האָט מען זיך פעסט געהאַלטען אָן דעם געבאָט: „פון חדר טאָר מען ניט אויסזאָגען".

אָפיצירען פון יענעם טיפּ, צו וועלכען עס האָט אָנגעהערט מאַטווייעוו, האָבען איבער זיך געהאַט אויך די קאַנטאָניסטען. פאַר אונז ליגען אָפּי־ציעלע פּראָטאָקאָלען פון אַן אויספאָרשונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין איינער פון די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען. זיי גיבען אַ קלאָר בילד פון דעם שווידערליכען רעזשים, וואָס האָט דאָרטען געוועלטיגט. אין יאָהר 1857 האָט דער קריעגס־מיניסטער סוכאָזאַנעט בעקומען אַ געהיימע מיט־טיילונג וועגען דער גרויזאַמער בעהאַנדלונג פון דעם אינספּעקטאָר פון וואָראָניעזשער באַטאַליאָן, מאַיאָר מאַכאַניאָוו, מיט די קאַנטאָניסטען און סאָלדאַטען. האָט דער מיניסטער בעאויפטראַגט דעם קאָמאַנדיר פון דעם 4־טען אַרמיי־קאָרפּוס, גענעראַל וויטאָוטאָוו׳ן, פּאָרזוגעהמען אויפ׳ן אָרט אַ גענויע אונטערזוכענג וועגען דער זאַך, און עס זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרען אַ גאַנצע מאַסע מורא׳דיגע פאַקטען, ווי טיראַניש דער מאַיאָר מאַכאַניאָוו בענעהמט זיך מיט די קאַנטאָניסטען. מיר וועלען דאָ ברייגען בלויז אייניגע ביישפּיעלען. פאַר עפּיס אַן אונפּינקטליכקייט האָט מאַכאַ־ניאָוו גרויזאַם געשלאָגען זייצעוו׳ן מיט די קולאַקעס אין פּנים, דערנאָך געהייסען דעם אונטער־אָפיציר איוואַנאָוו׳ן טהאָן דאָס זעלביגע, און ווען

[17]) А. Любавскій. Русскіе уголовные процессы, т. IV, 301—307.

זייצעוו איז שוין אַ צובלוטיגטער געלעגען אויף דער ערד, האָט ער איהם געטראָטען מיט די פיס און אַלס צוגאָב נאָך בעשטראָפט מיט 200 שמיץ. אַן אַנדער קאַנטאָניסט, טיוריך, האָט פון איהם בעקומען 80 קלעפּ אין רוקען מיט אַ שווערען הילצערנעם שווערד; ער איז נאָך דעם אָבגעלעגען דריי מאָנאַטען אין לאַזאַרעט, און ווען ער איז פון דאָרטען אַרויס, האָט ער עטליכע יאָהר געשפּיגען מיט בלוט. נאָכדעם ווי מאַכאַניאָוו האָט אַ לאַנגע צייט געשלאָגען און צעוואונדעוועט זאַסלאַווסקי'ן, האָט ער געהייסען דעם פעלדפעבעל מאַרטינאָוו'ן געבען איהם 30 קלעפּ מיט'ן קולאַק אין פּנים און צובינדען איהם מיט אַ שטריק צום אָבטרעט. סעמיאָנאָוו'ן האָט מאַ־כאַניאָוו געגעבען 25 קלעפּ אין געזיכט און אויסגעשלאָגען אַ צאָהן. דעם קאַנטאָניסט קראַמסקאָי האָט ער געקאַטעוועט מיט אַ שטעקען, און ווען יענער איז ענדליך אַנידערגעפאַלען, האָט מאַכאַניאָוו איהם געכאַפּט פאַר דער ברוסט און געשלאָגען מיט'ן קאָפּ אָן וואַנד. און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער — איין זאַך שרעקליכער פאַר דער אַנדערער. געשלאָגען האָט מאַכאַניאָוו שטענדיג מיט אַזאַ אימפּעט, דאָס נאָך דעם צווייטען קלאַפּ פלעגען אַנדערע פאַלען פון די פיס, און דערנאָך האָט ער אַלעמאָל נאָך געהייסען געבען שמיץ. די אונטערזוכונג האָט אויפגעקלערט, דאָס מאַכאַ־ניאָוו האָט אַזאַ גזלנות געפּראַוועט אין באַטאַליאָן עטליכע צעהנדליג יאָהר, און דאָך האָבען די איבעריגע אָפיצירען, ווי אויך דער קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן, פּאָלקאָווניק ברינקמאַן, זיך די גאַנצע צייט געמאַכט ווי ניט ווייסענדיג. ברינקמאַן האָט אַפילו ביים פערהער ערקלערט, אַז „מאַכאַניאָוו איז, אמת, געווען שטרענג, נאָר ער האָט די קאַנטאָניסטען בעהאַנדעלט מיט יושר". און כאָטש דאָס איז שוין געווען אין דער צייט פון דעם קייזער אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, ווען די רעגירונגס-פּאָליטיק איז גע־וואָרען ליבעראַלער, איז מאַכאַניאָוו אָבגעקומען מיט גאָרנישט: דאָס קריעגס-געריכט האָט איהם פערורטהיילט פאַר בעשטראָפונג דאָס, וואָס ער האָט אויף זיך צוויי יאָהר געהאַט דעם פּראָצעס! און וואָס אַנבעלאַנגט דעם פּאָלקאָווניק בירנקמאַן, האָט ער אַפילו אויך אַזאַ מין פאַרמאַלען פּסק ניט געקראָגען, — הגם דאָס געריכט האָט פעסטגעשטעלט, אַז ער „האָט שוואַך אַכטונג געגעבען אויף די, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער איהם, און דורכדעם דערלאָזט צו אונגעזעצליכע בעשטראָפונגען" [18].

עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז דער מאַיאָר מאַכאַניאָוו איז געווען עפּיס אַן אויסנאַהם. אין די עראינערונגען פון די געוועזענע קאַנ־

---

[18]) Архивъ Врем. Комиссiи для окончанія дѣлъ и счетовъ Департамента военныхъ поселеній, д. 1/122. (О жестокомъ обращеніи инспектора классовъ Воронежскихъ баталіоновъ воен. кантонистовъ, маіора Маханова, съ подчиненными ему нижними чинами).

טאָניסטען געפינען מיר אַ גאַנצע גאַלעריע אָפיצירען, וואָס זיינען געווען ניט בעסער פון איהם. „אויב דער קאָמאַנדיר פון אונזער ראָטע, — זאָגט ניקיטין פון ניזשני-נאָווגאָראָדער באַטאַליאָן, — פלעגט אַ מאָל ניט גע-לינגען עמיצען צו געבען אַ רעכטע פאָרציע שמיץ, איז ער יענעם טאָג געווען אַ צוקאָכטער, און ער האָט געמאַכט אַ געשלעג ביי זיך אין דער-היים". אַן אַנדער קאַנטאָניסט, פון יעקאַטערינאָסלאַווער באַטאַליאָן, דער-צעהלט פאָלגענדעס: „ביי אונז איז געווען אַן אָפיציר — אַ דייטש, וואָס האָט מיט זיינע געגנג דערמאָהנט אַן אַ קאַץ: דעם קרבן, וואָס איז צו איהם אַריינגעפאַלען אין די לאַפּעס, האָט ער שטענדיג פריהער געמאַטערט און זיך איבער איהם איזדיעקעוועט.

„נו, ברודערקע! — אַזוי פלעגט ער געוועהנליך זאָגען, — ווי ווילסטו, איך זאָל דיך אָבשמייסען: צי געבען דיר 150 שמיץ אָדער נור 50, אָבער מיט דער בעדינגונג, דו זאָלסט אַליין צעהלען אָהן אַן איבעררייס, און אויב דו וועסט אויפהערען צו צעהלען, זאָל די רעכענונג זיך ווידער אָנהויבען פון דאָס ניי? וואָס-זשע שווייגסטו? זאָג, ברודערקע, ווי ווילסטו גיכער?

„— איך וויל ניט, וואַשע בלאַגאָראָדיע, ניט דאָס און ניט יענס, האָט רחמנות, איך שווער ביי גאָט, כ'בין ניט שולדיג!

„— נו, ברודערקע, דאָס זאָלסטו מיר ניט זאָגען, גיב בעסער אַ טראַכט, וואָס איז פאַר דיר גלייכער: צי 50 שמיץ מיט אַ רעכענונג, אָדער 150 אָהן דעם, דו זאָלסט אַליין צעהלען? איך גיב דיר צייט אויף צו בעקלערען די זאַך — דו זעהסט, ס'אַרא גוטער איך בין?

אָבער דער אונגליקליכער קרבן האָט געוואוסט פון אַנדערע ביישפּיע-לען, אַז ווער עס איז געווען מסכים אַליין צו צעהלען, דער האָט געוועהנליך ניט אויסגעהאַלטען און פלעגט אנשטאט 50 שמיץ בעקומען 200, און אַפילו 300. האָט ער ניט געוואוסט, אויף וואָס צו ענטשליסען זיך. פלעגט דער דייטש, דער קאָטער, אָנהויבען איהם צו צורעדען מיט אַ זיס־נקער שטים:

„— געה איין, ברודערקע, אויף 50 שמיץ, פּרוב. איך זאָג דיר עס, ווי אַ גוטער פריינד!

„דער שענדליכער האַנדעל פלעגט דויערן אַ האַלבע שטונדע. ענדליך, ווערט דער אונגליקליכער מסכים אויף 50 שמיץ און אַליין צעהלען. און פאַר דעם דייטש הויבט זיך אָן דער ספּעקטאַקל. די ערשטע שמיץ צעהלט דער קרבן כסדר; אָבער איידער עס דערגעהט ביז צעהן, הויבט ער אָן צו שרייען און בעטען רחמים. דער אָפיציר לאַכט אַזוי, דאָס ער האַלט זיך פאַר די זייטען, און הייסט צעהלען ווידער פון אָנהויב. עס ווידערהאָלט זיך דאָס זעלביגע, און ווידער קייקעלט זיך דער אָפיציר פון זיין טייוועלשען געלעכטער" [19].

[19]) Истор. Вѣстникъ 1888 г., IV, 137.

מיר האָבן שוין פריהער געזאָגט, אַז אויסער די פּראַנט־איבונגען האָבן די קאַנטאָניסטען געזאָלט בעקומען אויך אַ געוויסע אַלגעמיינע בילדונג. לויט דעם בעריכט פון קריעגס־מיניסטעריום צום אָבער־פּראָקוראָר פון סינאָד, פון 3־טען נאָוועמבער 1844, ווערען אין די קאַנטאָניסטישע אנשטאלטען געלערענט: „רעליגיאָן, לייענען און שרייבען, אַריפמעטיק, גראַמאַטיק, געאָמעטריע, די געזעצען וועגען דער מיליטער־דיענסט און צייכענען, אויך געוויסע מלאכות". וועגען דעם לערנען פון מלאכות וועלען מיר ריידען שפּעטער ביי אַן אַנדער געלעגענהייט. וואָס אנבאלאנגט אָבער די אַנדערע לימודים, איז דאָס ברייטע פּראָגראַם געווען בלויז איינער פון יענע אָפיציעלע ליגענס, מיט וועלכע עס איז געווען דורכגעדרונגען דער ניקאָלאַיעווסקער רעזשים בכלל. די גאַנצע לעהרע איז בעשטאַנען אין איינ'חזר'ן ווערטער אָהן שום ערקלערונג און זין, דערהויפּט אָבער אין קלעפּ און שמיץ. „די שול אין אונזער באַטאַליאָן, — דערצעהלט אַ קאַנטאָניסט, — האָט געהאַט 8 אָבטיילונגען מיט 750 שילער, — און אויף זיי אַלעמען איז געווען נור איין לעהרער, אי דאָס אַן אונטער־אָפיציר, אַ געוועזענער קאַנטאָניסט. די גאַנצע צייט זיינען נעבען קלאַס געגאַנגען שמיץ, עס האָבן זיך געהערט יללות און מיר האָבן זיך צו דעם אַזוי צוגעוועהנט, דאָס מיר האָבן אויפגעהערט צו אַכטען דערויף. מען פלעגט אָבזיין אין דער שול 5—6 יאָהר און אַרויסגעהן פון איהר, ניט קענענדיג אָפילו געהעריג דעם אייגענעם נאָמען אָדער צונויפלעגען צוויי ציפערן" [20]. אַז מיר האָבן דאָ דעם ריינעם אמת, דאָס בעשטעטיגען אויך אָפיציעלע דאָקומענטען. אין יאָהר 1857 האָט מען קיין אָדעס געבראַכט פון קיעוו 119 דערוואַקסענע קאַנטאָניסטען, כדי פונאַנדערצוטיילען זיי צווישען פערשידענע מיליטער־אָבטיילונגען. האָבען 44 גע'שמד'טע אידען ערקלערט, אַז זיי זיינען קינדווייז אין קיעווער באַטאַליאָן אָבגעטויפט געוואָרען מיט געוואַלט געגען זייער ווילען. מען האָט זיי אַלעמען געגומען אויף אַ פערהער אין שטאַב פון 5־טען אַרמיי־קאָרפּוס און יעדערענס ערקלעהרונג פערשריבען אין פּראָטאָקאָל. איז פון דעם אָפיציעלען פּראָטאָקאָל, וואָס ליעגט פאַר אונז, צו זעהן, אַז פון די 44 קאַנטאָניסטען האָט נור צ ו ו י י (כונע און יעלין) געקענט אַליין שטעלען זייערע חתימות. די אַלע איבעריגע — אַזוי שטעהט בפירוש אין פּראָטאָקאָל — האָבען ניט פערשטאַנען צו שרייבען, און אנשטאט זיי האָבען גע'חתמ'עט צוויי שרייבער פון שטאָב. און געהאַלטען האָט מען זיי אין קיעווער באַטאַליאָן, ווי מיר זעהען פון

[20]) Д. В. Федоровъ. Игрушечная армія. Истор. Вѣстникъ 1899 г., X, 162—163.

די דאָקומענטען, צו 2—5 יאָהר[21]). נאָך אַ פּאָרביישפּיעלען: אַ געטויפטער אידישער קאַנטאָניסט, פּיאָטר גוטקין איז אין יאָהר 1858 אַנטלאָפען פון ניזשני־נאָווגאָראָדער באַטאַליאָן. מ'האָט איהם געכאַפּט און גענומען אויף אַ פערהער. פון פּראָטאָקאָל שטעלט זיך אַרויס, אַז ער איז אָבגעווען אין באַטאַליאָן גאַנצע פיער יאָהר, און דאָך האָט ער ניט געקאָנט אונטערשרייבען זיך[22]). דאָס אייגענע איז אויך מיט אַן אַנדער קאַנטאָניסט, משה יאָסעלעוויטש, וועלכער איז אַנטלאָפען פון סמאָלענסקער באַטאַליאָן, נאָכדעם ווי ער האָט דאָרטען פערבראַכט דריי יאָהר[23]). אויב די זאַך איז אַזוי געווען מיט אידישע קאַנטאָניסטען, וועגען וועלכע זייערע רוסישע חברים דערצעהלען שטענדיג, דאָס זיי האָבען זיך בעסער און פלייסיגער געלערענט[24]), קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלען, ווי עס האָט געהאַלטען מיט די קריסטליכע קאַנטאָניסטען. ווי די דאָקומענטען בעווייזען, זיינען אַפילו צווישען די אונטער־אָפיצירען ניט געווען קיין זעלטענהייט אַזוינע, וואָס האָבען ניט פערשטאַנען צו שרייבען[25]).

דער רעזשים פון געוואַלט און אונטערדריקונג האָט מאָראַליש געקאַליעטשעט די קינדער. ער פלעגט ביי זיי ענטוויקלען די ערגסטע אינסטינקטען. די קאַנטאָניסטען פלעגען, למשל, גערן ערפילן די שענדליכע און גרויזאַמע אַרבייט, צו וועלכע די קאָמאַנדירען האָבען זיי אָפט געצוואונגען — צ. ב., אויסטהאָן דעם אייגענעם חבר און ביים שמייסען האַלטען איהם פאַר די הענד און פאַר די פיס. גנבות זיינען דאָ געווען פון די געוועהנליכע זאַכען, בפרט אַז מען איז כמעט שטענדיג געווען אַ הונגעריגער. ווען אַ קאַנטאָניסט פלעגט זיך בעווייזען אויפ'ן מאַרק, האָבען די הענדלער געמוזט בעזונדערס גוט אַכטונג געבען אויף זייערע קאָשיקעס און טישלעך. „מען מוז זאָגען דעם אמת, שרייבט אַן אַמאָליגער קאַנטאָניסט, צווישען אונז זיינען געווען אַזוינע קעשעניקעס, וואָס זייער גלייכען וואָלט שווער געווען צו געפינען אַפילו צווישען פּראָפעסיאָנעלע גנבים"[26]). אַנדערע זיינען געווען אמת'ע קינסטלער. למשל, אין יעקאַטערינאָסלאָווער באַטאַליאָן איז געווען אַ קאַנטאָניסט, מיט'ן נאָמען ציבולקא, אַ מערקווירדיגער גנב; מען האָט זיך פּאַקטיש ניט געקאָנט פון איהם אויסהיטען,

---

21) אַרכיוו פון קריעגס-מיניסטעריום, דעפּ. פאַר מיליטערישע געגענדען, געריכטל. אָנגעל., נומ. 117/10.

22) דאָרטען, נומ. 37/101.

23) דאָרטען, נומ. 125.

24) Д. В. Федоровъ, Ibid., 165.

25) דאָס איז צו זעהן, למשל, פון די פּראָטאָקאָלען פון 23-טען נאָוועמבער און 14-טען דעצעמבער 1857, אין אויבען-אָנגעוויזענעם אַרכיוו, נומ. 140.

26) Д. В. Федоровъ, ibid., 157.

און קיין איינציגס מאָל איז ער אָבער ניט געכאַפּט געוואָרען ביי אַ גנבה [27]). ציבולקא איז דערין געווען ממש אַ קינסטלער. דאָך האָט אַפילו איהם איבערגעשטיגען אַן אַנדער קאַנטאָניסט פון אומאַנער ראַיאָן, וועלכער האָט באַוויזען ביי אַ „סמאָטר" אַרויסצוגנבע'ענען ביי דעם קייזער אַלעקסאַנדער דעם 2-טען פון דער קעשענע זיין זייגער מיט'ן קייטעל, און יענער האָט עס אַפילו ניט בעמערקט. אָבגעטהאָן האָט עס זיך לויט'ן בעפעהל פון דעם קאָמאַנדיר, וועלכער האָט דערויף אַפריהער בעקומען דעם קייזער'ס ערלויבניש: אַלעקסאַנדער דער 2-טער האָט געוואָלט אַליין זיך איבערצייגען אין דער מערקווירדיגער געשיקטקייט פון די קליינע גנבים-קאַנטאָניסטען, וועגען וועלכע ער האָט פיעל געהערט [28]).

געקאַליעטשעט האָט מען די קינדער ניט נור מאָראַליש. די קאַרגע און שלעכטע שפּייז, די גרויזאַמע פּייניגונגען, דער שמוץ און די שווערע פראָנט-איבונגען פלעגען אַרויסרופען צווישען די קאַנטאָניסטען פערשיידענע קראַנקהייטען. אין דעם בעריכט פון דעם וואָראָניעזשער גובערנאַטאָר סינעלניקאָוו לייענען מיר, אַז ביי אַ רעוויזיע, וואָס ער האָט אין יאָהר 1858 געמאַכט אינ'ם וואָראָניעזשער קאַנטאָניסטען באַטאַליאָן, האָט ער דאָרטען דערוויסט, אַחוץ דער גרויסער צאָהל קרעציגע, 237 קינדער מיט פּאַרכעס, 380 סקראָפולאָזע און 150 קראַנקע. וואָס זיינען געלעגען אין לאַזאַרעט [29]). אין די אַנדערע באַטאַליאָנען איז ניט געווען בעסער. פון קרעץ און אַנדערע הויט-קראַנקהייטען האָבען די קינדער שטענדיג געליטען. ווען אַ קאַנטאָניסט פלעגט, למשל, אַנטלויפען, האָט מען וועגען דעם שריפטליך געגעבען צו וויסען דער פּאָליציי און דערביי מיטגעטיילט די אויסערליכע סימנים פון דעם אַנטלאָפענעם. איז כמעט שטענדיג געפינען מיר דעם סימן: „אויפ'ן קאָפּ אַ פּאַרך" [30]). אין יעקאַטערינאָסלאַווער באַטאַליאָן איז אין יאָהר 1836 ענטשטאַנען אַן עפּידעמישע אויגען-קראַנקהייט, פון וועלכער פיעל קאַנטאָניסטען זיינען געוואָרען בלינד; און די, וואָס זיינען אָבגעקומען מיט בעלמעס, האָבען זיך גערעכענט פאַר גליקליך [31]). אינ'ם נאָוואָראָדער באַטאַליאָן איז דער אָנאַניזם געווען אַזוי פערשפּרייט און ער האָט אַרויסגערופען צווישען די קאַנטאָניסטען אַזוי פיעל קראַנקהייטען, דאָס מען האָט אין יאָהר 1843 געמוזט אָננעהמען געגען דעם

---

[27]) М. А. Кретчмеръ, ibid., IV, 137.

[28]) Д. В. Федоровъ, ibid., XI, 565.

[29]) דעם גובערנאַטאָר סינעלניקאָוו'ס בעריכט צום קריעגס-מיניסטעריום, פון 24-טען פעברואַר 1858.

[30]) אַרכיוו פון קריעגס-מיניסטעריום. מיליטערישע שולען. געריכטליכע ענינים, נום. 87/101 („וועגען דעם אַנטלאָפענעם קאַנטאָניסט פ. גוטקין").

[31]) Историч. Вѣстникъ 1888 г., IV, 138.

עקסטראַ־מיטלען [32]). אין די איבעריגע אַנשטאַלטען איז אין דער הינזיכט ניט געווען בעסער. זעלבסטפערשטענדליך, איז די שטערבליכקייט אין די קאַנטאָניסטישע באַטאַליאָנען געווען זעהר גרויס. אין אַרכאַנגעלסק, צום ביישפיעל, פלעגען יעדען מאָנאַט אומקומען עטליכע צעהנלדיג קינדער. דאָס זעלבע איז געווען אויך אין יעקאַטערינאָסלאַוו און אין פיעל אַנדערע ערטער [33]). מען האָט וועגען דעם ווענינ געזאָרגט: די פולע צאָהל איז שטענדיג געווען — דער קאָמאַנדיר האָט געשיקט אַ פאָדערונג, פלעגט מען ברייננען אַנדערע קינדער אנשטאט די געשטאָרבענע.

מיר האָבען דעם לעזער בעקאַנט מיט דעם רעזשים און לעבענס־שטייגער אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען. עס וועט ניט זיין קיין גוזמא, אויב מיר וועלען זאָגען, אַז די קאַנטאָניסטישע אנשטאלטען זיינען געווען אַ ספּעציעלע קאַטאָרגע ניט פאַר האַרבע פערברעכער, נאָר פאַר אונשולדיגע קינדער. אַהער פלעגט מען עס ברייננען די קליינע אידישע רעקרוטען. אָבער אין פערגלייך מיט די רוסישע חברים, איז זייער גורל דאָ געווען נאָך פיעל ערגער; וואָרום אַחוץ די אַלגעמיינע צרות אוןליידען, גלייך מיט אַנדערע, האָבען די אידישע קאַנטאָניסטען, ווי מיר וועלען זעהן ווייטער, געמוזט אויסשטעהן נאָך בעזונדערע פיין און פערפאָלגונגען.

●

[32]) אַרכיוו פון סינאָדאַלען אָבער־פּראָקוראָר, נומ. 32082. („איבער דעם קייזערליכען בעפעהל, וועגען רעליגיעזע מיטלען אויף צו בעקעמפען צווישען די קאַנטאָניסטען פון נאָווגאָראָדער באַטאַליאָן דעם אָנאַניזם").

[33]) Историч. Вѣстникъ 1888 г., III, 647; Евр. Стар. 1912 г., I, 59.

.V

די בלומרשטע „גלויבענס-פרייהייט" — טעאָריע און פּראַקטיק. — ניקאָלאַי דער ערשטער און זיין בעציהונג צו דער מיסיאָנערישער אַרבייט.—דער געהיימער קייזערליכער בעריכט פון יאָהר 1843.— די „אינסטרוקציע" פון סינאָד וועגען טויפען אידישע קאַנטאָניסטען.

אויפ'ן פּאַפּיר, אָפיציעל, האָט אין רוסלאַנד, אַפילו אין יענע וויסטע צייטען, וועלכע מיר בעשרייבען דאָ, געהערשט די פרייהייט פון רעליגיע און געוויסען. די רוסישע געזעצען פלעגען אָפט דערויף אָנווייזען און דאָס אונטערשטרייכען: „דער ערשטער און הערשענדער גלויבען אין דער רוסישער אימפּעריע, — אַזוי האָט פּראָקלאַמירט דער פּונקט 92 פונ'ם „רעגלאַמענט וועגען אָבהיטען פון פערברעכענס", — איז דער פּראַוואָ-סלאַוונער. אָבער אויך די אַלע אונטערטאַנען, וואָס געהערען ניט צו דער הערשענדער פּראַוואָסלאַוונער רעליגיע, ווי אויך די אויסלענדער, מעגען פריי אָבריכטען זייער גלויבען און גאָטעס-דיענסט לויט די פאָרשריפטען פון זייער רעליגיע. גלויבענס-פרייהייט ווערט געגעבען ניט בלויז די ניט-פּראַוואָסלאַוונע קריסטען, נאָר אויך די אידען, מאַכמעדאַנער און גע-צענדיענער". אמת, דאָס רעכט פון פּראָפּאַגאַנדע, ד. ה., צו פערשפּרייטען איהר גלויבען, האָט פערמאָגט בלויז די פּראַוואָסלאַוונע קירך; אָבער לויט'ן געזעץ איז דערביי געווען פערוועהרט יעטווידער צוואַנג אָדער געוואַלט. „נור די הערשענדע פּראַוואָסלאַוונע קירך אַליין, — לייענען מיר אין דעם פּונקט 97 פון דעמזעלבען „רעגלאַמענט", — האָט דאָס רעכט צו איבער-צייגען אַנדערע, זיי זאָלען אָננעהמען איהר גלויבענס-לעהרע. אָבער אָט דער גלויבען ווערט בעשאַפען דורך גאָט'ס גענאָד, דורך בעלעהרונג, מילדקייט און בעזונדערס דורך גוטע ביישפּיעלען. ביים בעקעהרען אַנדערע צום פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען, ערלויבט זיך ניט דעריבער די הערשענדע קירך קיין מינדעסטע צוואַנגס-מיטלען, און יענע מענשען, וואָס ווילען ניט צו-שטעהן צו דער פּראַוואָסלאַוונער רעליגיע, דראָהט זי ניט מיט קיין שום זאַך, האַנדלענדיג דערין לויט דעם ביישפּיעל, ווי אַזוי די אַפּאָסטאָלען האָבען געפּרעדיגט זייער לעהרע." וואָס אנבאַלאַנגט אידען, האָט דער „אוסטאַוו" וועגען דער אידישער רעקרוטשינע נאָך ספּעציעל פאָרגע-שריבען (פּונקט 91): „אידישע זעלנער מעגען שטענדיג, אין די שטונדען, ווען זיי זיינען פריי פון דיענסט, ערפילען די אַלע פליכטען פון זייער

גלויבען, און די נאַטשאַלסטווע מוז שטרענג אַכטונג געבען, קיינער זאָל זיי דעריין ניט מאַכען קיין שום שטערונג.״ און אויך וועגען אידישע שילער האָט דאָס געזעץ ענטהאַלטען אַ פעראָרדנונג: „די אידישע קינדער, וואָס קומען אָן אין די (אַלגעמיינע) שולען, ווערען דאָ ניט געצוואונגען, זיי זאָלען ענדערן זייער גלויבען, און זיי זיינען ניט פערפליכטעט צו בעזוכען די קלאַסען, וואו עס ווערט געלערענט דער קריסטליכער גלויבען״ [1]).

אַזעלכע פיינע בעשטימונגען האָט די אַמאָליגע רוסישע געזעצגעבונג פערמאָגט זעהר פיעל. זיי זיינען אָבער געווען בלויז הויכע און פוסטע דיבורים, וואָס האָבען אין דער ווירקליכקייט קיין שום בעדייטונג ניט געהאַט. פרייהייט פון גלויבען האָט אין רוסלאַנד ניט עקזיסטירט קיינמאָל, און בעזונדערס אין דער צייט פון ניקאָלאַי דעם ערשטען. ניט נור אידען, נאָר אויך קאַטאָליקען און לוטעראַנער האָבען דאַן ניט געהאַט קיין רעלי־גיעזע פרייהייט. די „ראַסקאָלניקעס״, ד. ה. די אַנהענגער פון יענע רוסישע סעקטעס, וואָס האָבען ניט אנערקענט אַלע דאָגמען פון דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען, פלעגען אויסשטעהן די האַרבסטע פערפאָלגונגען. די קלינגענדיגע פראַזען וועגען דער רעליגיעזער דולדזאַמקייט האָבען אָנגעהערט צו יענע ליגענס, מיט וועלכע עס איז געווען אָנגעזאָפּט דער גאַנצער רעזשים אין ניקאָלאַי דעם ערשטען׳ס צייטען. דאָס איז געווען בלויז אַן אָפיציעלע דעקאָראַציע, אַ מין דערהויבענע „דיכטונג״, מיט וועלכע מען האָט צוגע־דעקט די מיאוס׳ע „וואַרהייט״ און געזוכט זיך אויסצופּיינען פאַר דער וועלט.

אין אויסלאַנד האָט מען דאָס גוט געוואוסט. מען האָט ריכטיג אָבגע־שאַצט דעם ווערטה פון דער רוסישער „גלויבענס־פרייהייט״ און קלאָר פערשטאַנען די צוויי־פּנים׳דיגקייט פון ניקאָלאַי׳ס פּאָליטיק אין דער פראַגע וועגען אידען. דער בעוואוסטער דייטש־אידישער טהוער און זשורנאַליסט דר. ל. פיליפּסאָן האָט אין יאָהר 1845 געשריבען אין זיין „אַלגעמיינער צייטונג דעם יודענטהומס״: „ניט אָבשטעלענדיג זיך פאַר אמת אַזיאַטישע מיטלען, זייענדיג אין אַ סך הינזיכטען עכט אַזיאַטיש, וויל רוסלאַנד דאָך אויסווייזען פאַר דער וועלט אייראָ־פּעאיש. פון הומאַניטעט, פון מענשען־רעכט וויל רוסלאַנד ניט וויסען, אָבער מען מאַכט דעם אָנשטעל, דאָס אַזעלכע זאַכען זיינען אויך דאָרטען גילטיג. ווי אַזוי ווערט געהאַנדעלט אין דער אידען־פראַגע? פון איין זייט, וויל די רוסישע רעגירונג איינשמועסען די אייראָפּעאישע וועלט, אַז זי איז אויסען נור איינס: אויפצוקלערען די אידען, די רויהע, אונוויסענדע אידען זאָלען ווערען געבילדעט! דורכדעם האָט מען אַ צווייענדיגען געווינס:

[1]) רוסישער קאָדעקס („סוואָד זאַקאָנאָוו״) באַנד IX, אַרט. 1390.

עס קומט אויס, אַז די רעגירונג איז גוט און אידעל, און אַז די אידען זיינען אַזוי שלעכט און פערדאָרבען, דאָס עס ווערען כמעט פערענטפערט און בערעכטיגט אַפילו די גרויזאַמסטע מיטלען געגען זיי. און פון דער אַנדערער זייט, האַלט מען אין איין אונטערשטרייכען די מאָראַלישע און פּאָליטישע זינד פון די אידען, כדי צו האָבען אַ תירוץ אויף אריינצושליי־דערען זיי אין טיעפסטען אַבגרונד פון עלענד און נויט" [2]).

„דער רוסישער צאַר ניקאָלאַי וויל האָבען אין זיין לאַנד נור א י י ן גלויבען, דעם פּראַוואָסלאַוונעם, האָט אין אַן אַנדער אָרט אַנגעוויזען ל. פיליפּסאָן; עס ווערען אַנגענומען מיטלען כדי צו ברייגען קאַטאָליקען צום פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען; לוטעראַנער זוכט מען צו פערנאַרען דורך געלד־בעלוינונגען, זיי זאָלען צושטעהן צו דער הערשענדער קירך. געגען אידען אָבער ווענדעט מען אַן ג ע וו אַ ל ט, מען וויל זיי צ וו י נ ג ע ן דורך הונגער און עלענד! מען נעהמט ביי זיי אָב אַלע קוואַלען פון פּרנסה, מ'שטיקט זיי צונויף אין עטליכע גובערניעס, און אַלס אַן אויסוועג, דער־לייזונג ווייזט מען זיי די פּראַוואָסלאַוונע אמונה. ערגער ווי אין שפּאַניען: דאָרטען האָט מען דאָך ערלויבט אויסוואַנדערן, פון דאָרטען האָט מען פערטריבען; דאָ אָבער בינדט מען אין קייטען, כדי זיכערער צו דער־גרייכען דאָס ציעל, וואָס מען האָט פאַר זיך געשטעלט. דורך עלענד און נויט וויל מען ברייגען אידען צו פערצווייפלונג און אויף אַזאַ אופן צווינגען צום פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען. דעם קייזער ניקאָלאַי'ס שטרעבונג איז, אַז אַלע זיינע אונטערטאַנער זאָלען אַריבער צו דער פּראַוואָסלאַוונער קירך. און וואָס אנבאַלאַנגט אידען, שטעלט ער זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום מיטלען כדי צו ברעכען זייער טרייקייט צו דער אידישער רעליגיע און ברייגען זיי צום זיעג און טריאומף פון דעם פּראַוואָסלאַוונעם צלם" [3]).

פיליפּסאָן האָט דאָ קלאָר און ריכטיג כאַראַקטעריזירט דאָס רעגירונגס־סיסטעם, וואָס האָט גאַנצע דרייסיג יאָהר געוועלטיגט איבער רוסלאַנד און וואָס איז געווען פעסט פערבונדען מיט ניקאָלאַי דעם ערשטענ'ס אַנ־זיכטען און שטרעבונגען. דער פּאָליטישער אידעאַל פון רוסלאַנד איז פאַר איהם געווען — אַ קאָלאָסאַלע קאַזאַרמע, וואו אַלץ זאָל זיין אויף איין שניט און מאָס, אַלץ זאָל מאַרשירען ווי אינ'ם פראַנט, לויט אַ קאָמאַנדע, וואו אַלע זאָלען, ווי יונים, האָבען איין פּנים, אַלע איינצעלנע מענשען און פעלקער זאָלען האָבען דיזעלבע, דורך „נאַטשאַלסטווע" פאָרגעשריבענע געדאַנקען און מיינונגען, און דעם זעלביגען גלויבען — דעם פּראַוואָ־סלאַוונעם. אַלץ, וואָס איז געווען אייגענאַרטיג, אינדיווידועל, האָט ביי ניקאָלאַי דעם ערשטען דערוועקט פערדאַכט, האַס און האָט געמוזט, לויט

---

[2]) Allgem. Zeitung des Judent. 1845, No. 48.

[3]) Ibid., №№ 46, 47.

זיין מיינונג, שטרענג בעקעמפט ווערען. און וויל צווישען די פעלקער, וואָס האָבען בעוואוינט דאָס רוסישע לאַנד, זיינען די אידען געווען בעזונדערס אייגענאַרטיג אי מיט זייער גלויבען, אי מיט זייער גאַנצען לעבענס - שטייגער, זיינען די פערפאָלגונגען געגען זיי געווען אויסעראָרדענטליך האַרב. בנוגע צו אידען דערגרייכט די מיסיאָנערישע שטרעבונג אין ניקאָלאַי'ס צייטען דעם העכסטען גראַד. די גאַנצע פּאָליטיק אין דער אידען - פראַגע, — צי עס האַנדעלט זיך וועגען „אויפקלערונג", „בילדונג", צי וועגען עקאָנאָמישע, מאַטעריעלע אָנגעלעגענהייטען, — איז געווען בעפּאַרבט מיט דעם הויפּט-ציעל: ברעכען די אידישע אייגענאַרטיגקייט, שטויסען די אידישע בעפעלקערונג צום פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען. צו אָט דעם צוועק האָבען געזאָלט פיהרען אַלע פעראָרדנונגען און מיטלען, — בעזונדערס אָבער די אידישע רעקרוטשינע. און אָט די מיסיאָנערישע פּאָליטיק ווערט אָנגעפיהרט און בעגייסטערט דורך דעם צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטען פערזענליך. איינער אַ היסטאָריקער פון אידענטויפונגען אין 19-טען יאָהרהונדערט האָט ריכטיג בעמערקט, אַז צווישען די אייראָפּעאישע רעגירער איז ניקאָלאַי געווען דער גרעסטער בריה און קינסטלער אין דער אַרבייט פון שמד.

מיר האָבען שוין פריהער אָנגעוויזען אויף דער בעדייטענדער ראָליע, וואָס ניקאָלאַי אַליין האָט אָבגעשפּיעלט ביים איינפיהרען אין יאָהר 1827 דעם מיליטער-דיענסט פאַר אידען *). די אונגעוועהנליך שווערע אידישע רעקרוטשינע, דער מיסיאָנערישער כאַראַקטער, וואָס איז פון אָנהויב אָן איהר צוגעגעבען געוואָרען, די אויסעראָרדענטליכע שטרענגקייטען ביים אויפמאָהנען פון אידען זעלנער, — דאָס אַלץ איז געווען ניקאָלאַי'ס פּערזענליכער אויפטהו. ווי מיר וועלען באַלד זעהן, איז די סיסטעמאַטישע און פּלאַנמעסיגע טויפונג פון קליינע אידישע קינדער, וועלכע מען האָט גענומען פאַר רעקרוטען, אויך געווען אַ פערזענליכער אויפטהו פון ניקאָלאַי דעם ערשטען. דאָס אידישע קאַנטאָניסטען סיסטעם איז געווען אַ פּראַקטישער שריט אָנצופיהרען די מיסיאָנערישע אַרבייט אין אַזאַ ברייטען, גרויסען פערנעהם און מאַסשטאַב, וואָס האָט נאָך זיין גלייכען אין רוסלאַנד ניט געהאַט. און די אָפיציעלע דאָקומענטען, וואָס זיינען ביז איצט געלעגען בעהאַלטען אין די אַרכיווען, בעווייזען קלאָר, אַז אָט דער שריט איז פאַרגענומען געוואָרען לויט ניקאָלאַי'ס דירעקטען בעפעהל, און אַז די גאַנצע זאַך פלעגט דורכגעפיהרט ווערען אונטער דער שטענדיגער לייטונג און אויפזיכט פון דעם קייזער פערזענליך.

מיר האָבען שוין געזעהן, אַז קליינע אידישע קינדער האָט מען אָנגע-

---

*) אין אַרטיקעל „ענטשטעהונג פון דער אידישער רעקרוטשינע", אין 2-טען באַנד פון מיינע „היסטאָרישע ווערק".

הויבען צו נעהמען פאַר רעקרוטען און אָבשיקען אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען גלייך ביים ערשטען אידישען נאַבאָר, אין יאָהר 1828. עס איז פאַרהאַן אַן אָפיציעלע מיטטיילונג, אַז שוין אין יאָהר 1829 זיינען אידישע קינדער געווען אין אַ גאַנצער רייה קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען: אין פעטערבורג, קאַזאַן, ניזשני־נאָווגאָראָד, סמאָלענסק, קיעוו, ריגע, נאָוו־גאָראָד, פסקאָוו און אין נאָך שטעדט; אָבער זייער צאָהל איז דאָ, ליידער, ניט אָנגעוויזען געוואָרען. נאָך דעם ערשטען נאַבאָר האָט מען אַ טייל אידישע אינגלעך אויפגעהאַלטען אויך אין דריי קאַנטאָניסטישע באַטאַליאָ־נען, וואָס זיינען געווען אין שטעדט מיט אַ אידישער בעפעלקערונג, — אין כערסאָן, יעקאַטערינאָסלאַוו און וויטעבסק. אָבער אין גיכען איז אָבגע־געבען געוואָרען אַ פעראָרדנונג, מען זאָל אידישע אינגלעך שטענדיג אָבשיקען נור אין די רוסישע שטעדט, און פון דעמאָלט אָן געפינען מיר זיי שוין מעהר ניט אין די עטליכע קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען, וואָס האָבען איין צייט אויך עקזיסטירט אין דער אידישער „טשערטאַ" (די גובערניעס, וואו אידען האָבען געמעגט וואוינען).

די מיסיאָנערישע אַרבייט צווישען די אידישע קאַנטאָניסטען האָט זיך אָנגעהויבען שוין באַלד נאָך דעם ערשטען נאַבאָר. עס איז גלייך פאַר־געקומען געוואָרען אַ שריט, וואָס האָט געזאָלט אָט די אַרבייט פערגריננ־גערען: לויט דעם אַלגעמיינעם געזעץ, וואָס האָט דאַן געגאָלטען אין רוסלאַנד, האָבען די פראַוואָסלאַווגע גלחים, אויף צו טויפען קליינע ניט־קריסטליכע קינדער, געמוזט יעדען מאָל אַפריהער בעקומען דערויף אַ צושטימונג פון דער גייסטליכער פערוואַלטונג, וואָס איז איבער זיי גע־שטאַנען (דאָס הייסט, פון דעם אַרכיערייי). האָט ניקאָלאַי דער 1־טער אין יאָהר 1829 אָבגעגעבען אַ געהיימען בעפעהל, אַז די גלחים—רעליגיאָנס־לעהרער פון די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען מעגען שמד'ן די אידישע קאַנטאָניסטען, ניט פרעגענדיג דערויף קיין ערלויבעניש פון די אַרכי־עריייען [4]). דער בעפעהל איז ערגיץ ניט פובליקירט געווען; ער איז בלויז געהיים, דורך דעם הויפט־קאָמאַנדיר איבער אַלע קאַנטאָניסטישע אַנשטאַל־טען, גענעראַל קליינמיכעל'ן, איבערגעגעבען געוואָרען דעם סינאָד, און יענער האָט דעם קייזער'ס בעפעהל מיטגעטיילט דעם 1טען אויגוסט 1829 די אַרכיערייען פון יענע געגענדען, וואו עס זיינען געווען קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען מיט אידישע אינגלעך. וועגען דער מיסיאָנערישער טהעטיגקייט ביז דעם יאָהר 1843 געפינען מיר נור צופעליגע וויניציגע ידיעות אין אייניגע אָפיציעלע בעריכטען, וואָס קעהרען זיך אָן צו שפעטערדיגע צייטען. אַזוי דערוויסען מיר זיך, צום ביישפיעל, אַז פון די 1304 אידישע

[4]) אַרכיוו פון סינאָד, פון יאָהר 1829 — נומ. 365.

אינגלעך, וואָס מ'האָט אין פערלויף פון די יאָהרען 1828—1842 געבראַכט אין די סאַראַטאָווער קאַנטאָניסטישע באַטאַליאָנען, זיינען אָבגעטויפט געוואָרען 687, דאָס הייסט, מעהר ווי אַ העלפט. אין ווערכנע-אוראַלסקער האַלב-באַטאַליאָן זיינען אין די יאָהרען 1836—1842 אָנגעקומען 301 אידישע קינדער, האָט מען פון זיי אָבגע'שמד'ט 101. אין סמאָלענסקער באַטאַליאָן זיינען געטויפט געוואָרען א ל ע אידישע קאַנטאָניסטען, וואָס מען האָט אַהער אָבגעגעבען אין פערלויף פון די יאָהרען 1836—1842. (וויפיעל עס האָט אָבער בעטראָפען זייער צאָהל, וועגען דעם איז אין בעריכט גאָרנישט געזאָגט). אין די פערמער באַטאַליאָנען האָט מען פאַר דערזעלבער צייט אָבגע'שמד'ט 381 אידישע קאַנטאָניסטען. אין אַ בעריכט פון דעם קריעגס-מיניסטעריום צום סינאָד לייענען מיר, אַז אין די יאָהרען 1842—1843 זיינען אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען און קאַראַבינער-רעגימענטען געטויפט געוואָרען 2264 אידישע קאַנטאָניסטען און זעלנער[5]. דערביי איז אָבער די צאָהל גע'שמד'טע קאַנטאָניסטען בעזונדער ניט אָנגעגעבען געוואָרען. מ'קאָן אַלענפאַלס רעכענען, דאָס זיי זיינען דאָ געוועזען די מעהרהייט. מיר געפינען אויך ידיעות וועגען בעלוינונגען, וואָס אייניגע גלחים האָבען בעקומען פאַר אָבטויפען אַ בעדייטענדע צאָהל אידישע קאַנטאָניסטען. צום ביישפיעל, דער גלח פונ'ם 2-טען קאַראַבינער-רעגימענט פעגונאָוו איז אין יאָהר 1833 בעלוינט געוואָרען מיט אַ גאָלדענעם קרייץ, דערפאַר וואָס ער האָט געטויפט 14 קאַנטאָניסטען[6]. אין יאָהר 1840 האָט טאַראָפּאָוו, דער גלח פון די פערמער באַטאַליאָנען, בעקומען אַ מעדאַל פאַר אָבשמד'ן 215 אידישע אינגלעך[7]. פאַר זיין אייפעריגע מיסיאָנערישע אַרבייט איז אין יאָהר 1842 בעלוינט געוואָרען אויך דער גלח פון סימבירסקער באַטאַליאָן, סמירנאָוו[8]. אַ בעלוינונג, פאַר אָבטויפען 117 קאַנטאָניסטען, האָט אין דעמזעלבען יאָהר געקראָגען אויך דער גלח פון נאָווגאָראָדער באַטאַליאָן, לוקינסקי[9].

ווי עס איז צו זעהן אַפילו פון די צופעליגע ציפערן, וואָס מיר האָבען דאָ געבראַכט, פלעגט מען ביז'ן יאָהר 1843 מאַסענווייז צווינגען אידישע אינגלעך צום שמד. צוגלייך מיט יענע אַנשטאַלטען, אין וועלכע די מיסיאָ-

[5]) בעריכט פונ'ם דירעקטאָר איבער דעם „דעפּאַרטאַמענט פאַר מיליטערישע געגענדען", גענעראַל קאָרף, צום סינאָדאַלען אָבער-פּראָקוראָר פּראָטאַסאָוו'ן, פון 3-טען נאָוועמבער 1844, נומ. 66.

[6]) אַרכיוו פון סינאָד, פון יאָהר 1833, נומ. 388.

[7]) בריף פון סינאָדאַלען אָבער-פּראָקוראָר פּראָטאַסאָוו צום פּערמער אַרכיערוי, פון 19-טען נאָוועמבער 1840, נומ. 6826.

[8]) אַרכיוו פון סינאָדאַלען אָבער-פּראָקוראָר, נומ. 30402.

[9]) דאָרטען, נומ. 30400.

נערישע אַרבייט איז געגאַנגען פלייסיג, זיינען אָבער געווען אויך אַזוינע, וואו מען האָט זיך מיט איהר פערנומען ווענִיגער. פאַר די יאָהרען 1836—1842 זיינען אָבגעטויפט געוואָרען, למשל, אין אָרענבורגער באַטאַליאָן ניט מעהר ווי 88 אידישע אינגלעך, און אין טאַמסקער האַלב-באַטאַליאָן — בלויז דריי. בכלל קאָן מען זאָגען, אַז די ערשטע צייט איז טויף-אַרבייט געפיהרט געוואָרען ניט גלייכמעסיג, אָהן אַן אַלגעמיינער סיסטעמאַטישער לייטונג.

א נייע ווענדונג הויבט זיך אָן אין יאָהר 1843.

ניקאָלאַי דער ערשטער איז געווען אונצופרידען מיט דער מיסיאָנע-רישער אַרבייט אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען. לויט זיין מיינונג, איז זי געפיהרט געוואָרען ניט גענִיגענד פלייסיג, פלאַנמעסיג. ער האָט בעשלאָסען אַנצונעהמען ענערגישע מיטלען. דעם 29-טען אַפּריל 1843 האָט דער קריעגס-מיניסטער, פירשט טשערנישאָוו, שריפטליך מיטגעטיילט גראַף פּראָטאַסאָוו'ן, דעם סינאָדאַלען אָבער-פּראָקוראָר [10]), דעם פאָלגענדען געהיימען בעפעהל פון ניקאָלאַי דעם ערשטען:

„זיין קייזערליכער מייעסטעט האָט אַלערהעכסט בעוויליגט צו בע-פעהלען: מען זאָל צוטרעטען צו טויפען די אידישע קאַנטאָניסטען, וואָס געפינען זיך אין די מיליטערישע אַנשטאַלטען, דורך צופערלעסליכע גלחים (דאָס הייסט, רעליגיאָנס-לעהרער ביי די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַל-טען). אויב ס'וועט זיך אַרויסשטעלען פאַר נויטיג, זאָל די צאָהל גלחים פערגרעסערט ווערען. פון גראַף פּראָטאַסאָוו'ן זאָל געפאָדערט ווערען פאַר זיי אַ בעזונדער אינסטרוקציע. עס זאָל אָבער אויף דער זאַך געווענדעט ווערען אַ בעזונדערע אויפמערקזאַמקייט, און עס זאָל בכלל דערין געהאַנ-דעלט ווערען מיט אַלמעגליכער פאָרזיכט, מילדקייט און אָהן דעם מינד-סטען צוואַנג".

גלייכצייטיג האָט דער קריעגס-מיניסטער צוגעשיקט גראַף פּראָטאַ-סאָוו'ן אַ רייסטער פון יענע אַנשטאַלטען, וואו עס זיינען דאָן צווישען די קאַנטאָניסטען געווען אידען. דערביי איז אָנגעוויזען געוואָרען, וויפיעל אידישע קאַנטאָניסטען וועלען נאָך אין יאָהר 1843 צוקומען אין יעדער אַנשטאַלט:

---

[10]) דער „סינאָדאַלער אָבער-פּראָקוראָר", — דאָס איז געווען דער מיניסטער, וואָס האָט אינאיינעם מיט דעם סינאָד פערוואַלטעט איבער די אַנגעלעגענהייטען פון פּראַוואָסלאַווּנעם גלויבען. ער איז געווען דער פערמיטלער צווישען דעם קייזער און סינאָד; דורך איהם פלעגט דער סינאָד זיך דורכשרייבען מיט אַלע וועלטליכע רעגירונגס-אַנשטאַלטען.

נאָמען פון דער קאַנטאָניסטישער אַנשטאַלט	די צאָהל אידישע קאַנטאָ-ניסטען צום 1-טען מערץ 1843	האָבען געזאָלט נאָך צוקומען אין יאָהר 1843
2-טער קאַראַבינער-רעגימענט	12	263
3-טער קאַראַבינער-רעגימענט	—	293
4-טער קאַראַבינער-רעגימענט	—	109
אַרכאַנגעלסקער האַלב-באַטאַליאָן	43	91
פסקאָווער האַלב-באַטאַליאָן	103	83
קיעווער באַטאַליאָן	6	—
נאָווגאָראָדער באַטאַליאָן	—	195
רעוועלער האַלב-באַטאַליאָן	19	149
קאַזאַנער באַטאַליאָן	1762	—
פּערמער באַטאַליאָן	629	—
סאַראַטאָווער באַטאַליאָן	328	—
סימבירסקער באַטאַליאָן	93	—
אָרענבורגער באַטאַליאָן	1071	—
טראָיצקער האַלב-באַטאַליאָן	83	—
ווערכנע-אוראַלסקער באַטאַליאָן	65	—
אָמסקער באַטאַליאָן	9	250
טאָבאָלסקער האַלב-באַטאַליאָן	18	100
טאָמסקער האַלב-באַטאַליאָן	29	150
אירקוטסקער האַלב-באַטאַליאָן	10	—
וואָראָניעזשער באַטאַליאָן	353	271
קראַסנאָיארסקער ראָטע	8	—
אַסטראַכאַנער ראָטע	—	158

דאָס בעוויזט, אַז אין 22 פערשידענע קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען (מיט 29 גלחים — רעליגיאָנס-לעהרער) האָבען זיך געפונען 4641 אידישע אינגלעך, און אין דעם זעלבען יאָהר האָבען אַהין געזאָלט געבראַכט ווערען נאָך 2112. די אַלגעמיינע צאָהל אידישע קאַנטאָניסטען האָט אַלזאָ אין יאָהר 1843 בעטראָפען — 6753. אין די ווייטערדיגע יאָהרען האָט זי געגומען שטאַרק וואַקסען.

וועגען דעם געהיימען קייזערליכען בעפעהל האָט מען געגעבען צו וויסען אויך די קאָמאַנדירען פון אַלע קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען. שוין דעם 3-טען מאַי 1843 האָט דער סינאָד, לויט פּראָטאָסאָוו'ס פּאָרשלאָג, אָבגעשיקט אַ פּעראָרדנונג צו אַלע אַרכיערייען, זיי זאָלען גענוי בעטראַכטען צי די גלחים, וואָס דיענען אַלס רעליגיאָנס-לעהרער אין די קאַנטאָניסטישע באַטאַליאָנען, זיינען צוגעגרייט און פעהיג צו דער מיסיאָנערישער אַרבייט; און אויב עס וועט זיין נויטיג, זאָלען זיי רעקאָמענדירען אַנשטאָט זיי אַנדערע, אָדער צוגעבען נייע. אויך האָט דער סינאָד בעאויפטראַגט איינעם פון זיינע מיטגלידער, דעם הויפּט-גלח פון מיליטער און פלאָט וואַסילי

קוטנעוויטש׳ן צו פערפאַסען די „אינסטרוקציע״ פאַר די גלחים, וואָס דער קייזער האָט געפאָדערט. מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, וואָסער אונ־געדולד ניקאָלאַי דער ערשטער האָט אַרויסגעוויזען ביים אויסאַרבייטען דעם „אוסטאַוו״ וועגען דער אידישער רעקרוטשינע, און ווי ער האָט גע־פאָדערט, די זאַך זאָל פערענדיגט ווערען וואָס גיכער. דיזעלבע דרינג־ליכקייט מערקען מיר פון זיין זייט אויך בנוגע צו דער „אינסטרוקציע״ וועגען טויפען אידישע קאַנטאָניסטען. שוין דעם 31־טען מאַי דערמאָהנט ניקאָלאַי דורך דעם קריעגס־מיניסטער טשערנישאָוו׳ן דעם אָבער־פּראָקו־ראָר פון סינאָד, ער זאָל איהם צושטעלען די „אינסטרוקציע״, אויף וועל־כער ער לעגט פיל געוויכט. די אויסאַרבייטונג פון דער „אינסטרוקציע״ האָט זיך אָבער ביי קוטנעוויטש׳ן עטוואָס פערצויגען. דעם 7־טען אויגוסט בעקומט גראַף פּראָטאַסאָוו ווידער אַ קייזערליכען בעפעהל, און מיט צוויי וואָכען שפּעטער פאָדערט ניקאָלאַי נאָכאַמאָל פון איהם די „אינסטרוקציע״. זעלבסטפערשטענדליך, האָבען אי דער סינאָד אי פּראָטאַסאָוו געהאַלטען אין איין אונטערטרייבען קוטנעוויטש׳ן; ער האָט פון זיי בעקומען אונ־צעהליגע פאַרשריפטען, ער זאָל וואָס צום גיכסטען ערפילען דעם אויפ־טראַג, וואָס איז איהם געגעבען געוואָרען.

אין אָנהויב אָקטאָבער 1843 איז קוטנעוויטש געוואָרען גרייט מיט זיין אַרבייט און האָט איבערגעגעבען דעם סינאָד זיין פּראָיעקט פון דער „אינסטרוקציע פאַר די גלחים פון די מיליטערישע אַנשטאַלטען, וועגען טויפען די אידישע שילער״. געשריבען איז די „אינסטרוקציע אין אַ צוקער־זיסען טאָן, אָבער לויט איהר גאַנצען גייסט און אינהאַלט איז זי אַן עכט יעזואיטיש ווערק, — זי איז געבויט אויף דעם פּרינציפּ, אַז „דאָס ציעל בערעכטיגט און הייליגט יעטווידער מיטעל״. קוטנעוויטש ווייסט גוט, אַז די גלחים פון די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען זיינען מייסטענס אונוויסענדע, וועניג ענטוויקעלטע מענשען, און אַז עס פעהלט זיי יענע געשיקטקייט, וועלכע איז נויטיג פאַר דער מיסיאָנערישער אַרבייט. לע־רענט ער זיי טריט ביי טריט, וואָס זיי האָבען צו טהאָן. ער ערקלערט זיי אַז ניט אַלע אידישע אינגלעך, וועלכע מען ברייננגט אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען, זיינען צווישען זיך גלייך. פאַרהאַן נאָכגיביגע, אויף וועלכע עס איז גרינגער צו ווירקען; עס זיינען אָבער אויך דאָ אַזעלכע, וואָס פערמאָגען אַ פעסטען כאַראַקטער. די איינע זיינען גלייכגילטיג צו רעלי־גיעזע אנגלעגענהייטען בכלל; די אַנדערע, פערקעהרט, זיינען טיעף פערזונקען אין „אידישע אָבערגלויבענס״ און האַלטען זיך אָן זיי פעסט. פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס האָבען נאָך ניט קיין שום בעגריף וועגען דעם אידי־שען גלויבען; און צוריק ווידער — אַזוינע, וואָס זיינען קלאָר אין חומש

און בעהאַוועגט אין די אידישע דינים, א. אַז. וו. ניט שטענדיג טויגען דעריבער דיזעלבע מיטלען אויף צו ברייגגען די קינדער צום שמד. יעדער טיפ פאָדערט אַ בעזונדער צוגאַנג, אַ בעזונדער בעהאַנדלונג, כדי איהם צו „איבערצייגען", אַז דער פּראַוואָסלאַווער גלויבען איז דער איינציגער ריכטיגער, און אַז נור דורך איהם קאָן דער מענש „ראַטעווען זיין נשמה". און קוטנעוויטש גיט די גלחים אויספיהרליכע בעלעהרונגען, ווי אַזוי זיי דאַרפען זיך געגוי בעקאַנען מיט דעם כאַראַקטער פון יעדען אידישען קאַנטאָניסט, מיט דעם גראַד פון זיין ענטוויקלונג און מיט זיינע אייגענשאַפטען בכלל; אַבזונדערן די אינגערע און צוטריטליכערע פון די עלטערע, מעהר פּער'עקשנ'טע, יענע זאָלען אויף זיי ניט ווירקען און ניט אָבהאַלטען זיי פון טויפען זיך; ווי זיי זאָלען אויסנוצען יעדע געלעגענהייט, כדי צו בעווייזען די געהויבענקייט פון דער פּראַוואָסלאַווער רעליגיע און אונטערשטרייכען די פאַלשקייט און נידעריגקייט פון דעם אידישען גלויבען. די „אינסטרוקציע" לערנט די גלחים, ווי אַזוי צו צופּאַסען זיך צו יעדען פון די טיפען קינדער און צו זייערע אינדיווידועלע בעזונדערהייטען. עס ווערען אָנגעוויזען די פערשידענע שוועריגקייטען, אויף וועלכע דער מיסיאָנער קאָן זיך ביי זיין אַרבייט אָנשטויסען, אויך די האַרבע שאלות, וואָס אַ אידישער קאַנטאָניסט קאָן איהם שטעלען. און קוטנעוויטש גיט דעם וועניג בעהאַוועגטען גלח צו פערשטעהן, ווי אַזוי ער זאָל דאָ האַנדלען. עס ווערט, צום ביישפּיעל, אין דער „אינסטרוקציע" פאָרויסגעזעהן אַזאַ פאַל. דער אידישער קאַנטאָניסט קאָן דאָך זאָגען: מיינע עלטערן האָבען מיך ביים געזעגענען זיך פערשוואוירען און מיט טרעהרען געבעטען, איך זאָל פערבלייבען טריי צום אידישען גלויבען; איך ווייס אויף קלאָר, אַז פאַר זיי איז עס דאָס וויכטיגסטע, טייערסטע, און אויב איך וועל זיך טויפען, וועל איך מיינע עלטערן דערמיט פערשאַפען דעם גרעסטען קומער, זיי וועלען עס ניט אַריבערטראָגען, — טאָ ווי קאָן איך אָבטהאָן אַזאַ זאַך? ! קוטנעוויטש פערשטעהט קלאָר, דאָס אַזאַ שאַרפער קאָנפליקט, ווידערשפּרוך צווישען דעם קינד'ס ליעבע צו די עלטערן און דער מיסיאָנערישער אַרבייט, איז אין דער ווירקליכקייט זעהר אָפט מעגליך, און אַז דער פשוט'ער גלח וועט דאָ ווערען אָבהענדיג, ער וועט ניט וויסען מיט וואָס צו פערענטפערען די האַרבע פראַגע, וועלכע מען קאָן איהם שטעלען. גיט ער איהם אַ געגויע, ריין יעזואיטישע ערקלערונג, ווי אַזוי צו איבערצייגען און בערואיגען דאָס קינד, אַז עס זיינען פאַרהאַן אַזעלכע אומשטענדען, וואו מען דאַרף ניט אַכטען אַפילו די עלטערן און זייער פערלאַנג. איך מיין, אַז די עטליכע ביישפּיעלען, וועלכע איך האָב דאָ געבראַכט, גיבען דעם לעזער אַ בעגריף וועגען דעם פאַנאַטישען פייער

און דער האַרצלאָזיגקייט, מיט וועלכע די „אינסטרוקציע" איז דורכגע־דרונגען.

קוטנעוויטש'עס „אינסטרוקציע" איז גלייך אין איילעניש בעטראַכט געוואָרען דורך דעם סינאָד, און ער האָט אויף איהר געגעבען זיין הסכמה, האַלטענדיג, אַז „זי שטימט פּאָלקאָם מיט יענעם ציעל, וואָס איז אַלער־העכסט אָנגעוויזען געוואָרען". די „אינסטרוקציע" איז תיכף צוגעשטעלט געוואָרען אויף דעם קייזער'ס בעוויליגונג. ניקאָלאַי האָט געפונען, אַז זי „איז צונויפגעשטעלט געוואָרען זעהר ריכטיג און גוט". דעם 25־טען אָקטאָבער 1843 האָט זי בעקומען זיין בעשטעטיגונג, און דערביי האָט ער אַרויסגעזאָגט איהר פּערפאָסער, דעם הויפּט־גלח פון מיליטער און פלאָט וו. קוטנעוויטש'ן, זיין אַלערגנעדיגסטען דאַנק. דער סינאָד האָט גלייך געגעבען אַ פּעראָרדנונג אָבצודרוקען די „אינסטרוקציע", און אין יאַנואַר 1844 איז זי שוין פונאַנדערגעשיקט געוואָרען צו אַלע אַרכיערייען און אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען [11].

ניקאָלאַי דער 1־טער האָט זיך ניט בעגנוגענט מיט דעם בעפעהל, מען זאָל פון איצט אָן סיסטעמאַטיש און רעגעלמעסיג טויפען די אידישע קאַנטאָניסטען. ער האָט גענומען אין זיינע הענד די אָנפיהרונג פון דעם גאַנצען ענין פון שמד'ען די קליינע אידישע קינדער. ניקאָלאַי גיט פּערזענ־ליך אַכטונג אויף דער זאַך, בעטראַכט אַלע איהרע איינצעלהייטען; ער פאָ־דערט, מען זאָל איהם יעדען מאָנאַט צושטעלען בעריכטען וועגען דעם גאַנג פון דער מיסיאָנערישער אַרבייט אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען; ער גיט אָנווייזונגען און פאָרשריפטען דעם סינאָד און דער מיליטערישער פערוואַלטונג. ער בעטראַכט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט די מאָנאַטליכע רייסטערס וועגען דער צאָהל געטויפטע קאַנטאָניסטען און שטעלט אויף זיי מיט זיין אייגענער האַנד בעמערקונגען. למשל, אויף דעם בעריכט פון אַפּריל 1844 געפינען מיר ניקאָלאַי'ס אָנמערקונג: „זעהר ווענינ", פון מאַי 1847 — „ווענינ". אויף דעם רייסטער פון יוני 1844 שטעלט ער אַ בעמערקונג: „זעהר ווינציג ערפאָלג". דערזעהענדיג פון דעם בעריכט פאַר יולי 1844, אַז אין יענעם מאָנאַט זיינען געטויפט געוואָרען בלויז 25, גיט דער קייזער צו וויסען דעם אָבער־פּראָקוראָר פון סינאָד גראַף פּראָטאַסאָוו'ן, דאָס ער איז „אונצופריעדען

---

11) Наставленіе священникамъ военныхъ заведеній, касательно обращенія воспитанниковъ іудейскаго исповѣданія въ христіанскую вѣру. По опредѣленію Свят. Правит. Синода. Спб., 1843 г. Въ Синодальной типографіи. (25 стр.).

דעם פולען טעקסט פון דער דאָזיגער „אינסטרוקציע" דרוקען מיר צום שלוס פון באַנד, אַלס ביילאַגע נומ. 1.

מיט דעם קליינעם ערפאָלג אינ'ם טויפען אידישע קאַנטאָניסטען און זעל־נער, און מען מוז ווענדען די אויפמערקזאַמקייט אויף די גייסטליכע, וואָס ווערען צו דעם געברויכט". פערקעהרט, ווען עס קומען אָן „גוטע" מיט־טיילונגען, רופען זיי ביי איהם אַרויס צופריעדענקייט און פרומע אָנמער־קונגען. דעם 30־טען יוני 1845 האָט דער אָבער־פּראָקוראָר פון סינאָד צוגעשטעלט דעם קייזער אַ ראַפּאָרט, אַז אין די סאַראַטאָווער באַטאַליאָנען זיינען דעם 4־טען יוני אָבגעטויפט געוואָרען 130 ניי־אָנגעקומענע אידישע קאַנטאָניסטען האָט ניקאָלאַי אויף דעם רעפּאָרט אָנגעצייכענט: „ג א ט צו ד א נ ק ע ן!" נאָך איין ביישפּיעל. דעם 3־טען יאַנואַר 1844 האָט דער קריעגס־מיניסטער טשערנישאָוו שריפטליך געגעבען צו וויסען דעם אָבער־פּראָקוראָר פון סינאָד, פּראָטאַסאָוו'ן: „בעמערקענדיג מיט אַ בעזונדער פערגעניגען פון דעם בעריכט, אַז אַדאַנק דער גאָטספאָרכטיגער זאָרג פון דעם טאָבאָלסקער אַרכיערײ זיינען אינ'ם טאָבאָלסקער האַלב־באַטאַליאָן אָבגעטויפט געוואָרען 48 אידישע קאַנטאָניסטען, האָט זיין מאַיעסטעט דער קייזער אַלערהעכסט בעוויליגט אָנצעווייזען, ווי אָנגע־נעהם עס וואָלט געווען פאַר זיין קייזערליכער מאַיעסטעט, ווען די אַנדערע אַרכיערייען וואָלטען, האַנדלענדיג אויף דעם זעלבען שטייגער, געהאַט אויך אַזאַ גאָט־געבענשטען ערפאָלג אין דעם הייליגען ענין פון טויפען אידישע קינדער"...

די גאַנצע מיסיאָנערישע טהעטיגקייט אין די קאַנטאָניסטישע אָנ־שטאַלטען, פון יאָהר 1843 אָן, טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּעל פון ניקאָ־לאַי'ס דירעקטער ווירקונג און אָנפיהרונג. ער גיט כסדר אינסטרוקציעס, בעפעהלען און פעראָרדנונגען; ער מאַכט בעמערקונגען פאַר נאַכלע־סיגקייט, לויבט און בעלוינט פאַר פלייסיגע אַרבייט. און עס איז גרינג צו פערשטעהן, אַז אָט די פּערזענליכע בעציהונג פון דעם קייזער צו דעם טויף־ענין רופט אַרויס אַ בעזונדער פלייסיגקייט ביי אַלע בעאַמטע, סיי די מיליטערישע און סיי די גייסטליכע. דער קריעגס־מיניסטער, דער סינאָ־דאַלער אָבער־פּראָקוראָר און דער סינאָד מיהען זיך איבערצושטייגען איינער דעם אַנדערען אין אַרויסווייזען וואָס מעהר פלייס און ענערגיע. דאָס קריעגס־מיניסטעריום בעריכטעט די קאָמאַנדירען פון די קאַנטאָניס־טישע באַטאַליאָנען וועגען דעם קייזער'ס רעזאָלוציעס און בעמערקונגען. די רעוויזאָרען, וואָס קומען אַהין פון פעטערבורג, אינטערעסירען זיך מעהר ווי אַלץ מיט דעם, ווי עס האַלט מיט דער טויף־אַרבייט. די קאָמאַנדירען פון די באַטאַליאָנען ווירקען אויף די אָפיצירען, יענע — אויף די פעלד־פעבעלס און אונטער־אָפיצירען, און זיי אַלע ווייסען, אַז דאָס איז דער בעסטער וועג צו בעקומען מעדאַלען און אַנדערע אויסצייכנונגען; אויך די „דיאַדקעס" פערשטעהען, אַז מיט דעם וועלען זיי אויסנעהמען ביי

זייער „נאַטשאַלסטווע”. דער סינאָד און זיין אָבער־פּראָקוראָר דערמוני־טערן כסדר די אַרכיערייען, פאָדערן פון זיי בעריכטען, סטאַטיסטישע ציפערן און אַנדערע אויסקונפטען. די אַרכיערייען ווייסען גוט, אַז זייער פלייס וועט ווערען בעלוינט, טרייבען זיי אונטער די גלחים. דער הויפּט־גלח פון מיליטער און פלאָט גיט דורך אַ בעזונדערען צירקולאַר צו וויסען די גייסטליכע, וואָס שטעהען אונטער איהם, אַז „די אויפגאַבע פון טויפען אידען, אויף וועלכע די העכערע רעגירונג ווענדט איהר בעזונדערע אויפ־מערקזאַמקייט, דאַרפען זיי האַלטען פאַר איינע פון די וויכטיגסטע אַנגע־לעגענהייטען, וועגען וועלכע זיי מוזען זאָרגען;ביים אָבשאַצען זייער פעהיגקייט און אייפעריגקייט, וועט מען זיך דערהויפּט רעכענען מיט יענעם ערפאָלג, וואָס זיי וועלען אין אָט דער זאַך דערגרייכען”. און אַלע, וואָס האָבען געהאַט אַ וואָסערע ס'איז שייכות צום „היילינגען ענין” פון טויפען אידישע אינגלעך, אַלע, פון די מיניסטאָרען ביז די קליינע בעאַמטע, האָבען דאָ געזוכט אויסצופיינען זיך פאַר יענעם, וואָס איז געשטאַנען איבער זיי.

אָנפיהרענדיג פערזענליך מיט דער מיסיאָנערישער טהעטיגקייט צווישען די קאַנטאָניסטען, מאַהנענדיג נאָכאַנאַנד אַ וואָס גרעסערע צאָהל געטויפטע, האָט ניקאָלאַי דערביי געפאָדערט, אַז דאָס זאָל געשעהען „אָהן מינדעסטען צוואַנג”. אין יאָהר 1844 האָט דער רעוויזאָר, גענעראַל זעדע־לער, בעריכטעט דעם קריעגס־מיניסטער, אַז ביי דער אונטערזוכונג, וואָס ער האָט געמאַכט אין סימבירסקען באַטאַליאָן, האָבען זיך די דאָרטיגע אידישע קאַנטאָניסטען פאַר איהם בעקלאָגט, אַז דער גלח סמירנאָוו (דער־זעלבער, וואָס איז מיט צוויי יאָהר פריהער בעלוינט געוואָרען פאַר זיין מיסיאָנערישע אייפעריגקייט) טויפט זיי מיט געוואַלט; און ער, דער רעוויזאָר, האָט דורך זיין אויספאָרשונג פעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז טאַקע ריכטיג. וויבאַלד די קינדער האָבען זיך בעקלאָגט עפענטליך, פאַר דעם גאַנצען באַטאַליאָן, איז אונמעגליך געוועזען די זאַך צו פערשוויינען. האָט דער סינאָד, אויף ניקאָלאַי'ס פעראָרדנונג, דערוויטערט סמירנאָוו'ן פון זיין שטעלע. צוליעב אַן עהנליכען צופאַל האָט ניקאָלאַי אין יאָהר 1849 אָבגעגעבען אַ בעפעהל, מען זאָל זיך ביים בעקעהרען אידישע קאַנטאָ־ניסטען צום פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען בעגעהען אָהן שום געוואַלט־מיטלען. דאָס איז אָבער געוועזן בלויז אַן אָנשטעל, מיט וועלכען מען פלעגט יוצא־זיין פאַר דער כלומרשטער „גלויבענס־פרייהייט”, וואָס איז געוועזן אָנגעוויזען אין די געזעצען. דער סינאָד אַליין האָט ניט גערעכענט דעם גלח סמיר־נאָוו'ס האַנדלונג פאַר אַ גרויסע זינד — לויט זיין בקשה האָט דער סינאָד געמאַכט אַ פעראָרדנונג: „דאָס, וואָס סמירנאָוו איז דערוויטערט גע־וואָרען פון זיין אַמט אינ'ם באַטאַליאָן, זאָל ניט בעטראַכט ווערען פאַר אַ

מניעה צו בעקומען בעלוינונגען פאַר אַנדערע פערדיענסטען, וועלכע ער קאָן אַרויסווייזען [12]. און דעמזעלבען רעוויזאָר זעדעלער'ן האָט זיין אונ־צופריעדענקייט מיט סמירנאָוו'ס מעשים ניט געשטערט נאָך אין דעם אייגענעם יאָהר 1844 צו בעשולדיגען דעם קאָמאַנדיר פון די קאַזאַנער באַטאַליאָנען דערפאַר, וואָס „פון די דאָרטיגע 624 אידישע קאַנטאָניסטען האָבען נור איינציגע אַנגענומען דעם פּראַוואָסלאַווגעם גלויבען" — פונקט ווי עס וואָלט געווען מעגליך אָבצוטויפען אָהן שום געוואַלט אַ גרויסע צאָהל קאַנטאָניסטען! אי דער סינאָד, אי דער קריעגס־מיניסטער מיט אַלע זייערע בעאַמטע האָבען גוט געוואוסט, אַז מיט דעם פערבאָט פון „מינדעסטען צוואַנג" ווערט ניט געמיינט ערנסט, אַז דאָס זיינען נור פוסטע רייד. וואָרום עס אז געווען די העכסטע צביעות צו מאַכען זיך ניט וויסענדיג, דאָס אין אַזאַ מין זאַך, וואו דער קייזער אַליין איז אַזוי שטאַרק פעראינטערעסירט, וואו ער פאָדערט די גרעסטע פלייסיגקייט, וואו ער בעלוינט פאַר איהר אַזוי גערן, — דאָס אין אַזאַ זאַך וועט מען ניט פּראָווען קיין צערעמאָניעס, מען וועט זיך ניט אָבשטעלען פאַר גרויזאַמסטע געוואַלט־מיטלען, אָבי צו ערפילען זיין פערלאַנג און אויספיינען זיך פאַר איהם. און ווי מיר וועלען זעהן ווייטער, איז די גאַנצע מיסיאָנערשע אַרבייט אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען טאַקע געווען געבויט אויף לויטער צוואַנג און געוואַלט אין פערשידענסטע פאָרמען.

●

[12] בעשטימונג פון סינאָד, פון 14־טען אָקטאָבער 1846.

.VI

דער מאָראַלישער צוואַנג צום טויפען זיך. — ווי מען פלעגט די קאַנטאָניסטען אָבזונדערן פון אידען.—די גייסטיגע אינקוויזיציע.

נאָך דעם לאַנגען, זעהר שווערען און פיינליכען וועג, מייסטענס צו־פוס, וואו קינדער פלעגען שטאַרבען פון קעלט, הונגער און קראַנקהייטען, פלעגען אונזערע קליינע רעקרוטען פון די ווייטע אידישע געגענדען ענדליך אָנקומען אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען. שוין דער ערשטער קבלת־פנים האָט דאָ געמוזט וואַרפען אויף די אונגליקליכע קינדער אַ שרעק. כמעט אין אַלע באַטאַליאָנען פלעגט מען, אויף צו בעגעגענען די ניי־אָנגעקומענע אידישע קאַנטאָניסטען, אַרויסשיקען עטליכע וויאָרסט פאָר־אויס אונטער־אָפיצירען, און יענע האָבען זיי צוגערעדט, זיי זאָלען זיך גלייך טויפען, אַניט וועלען זיי דאָ האָבען די גרעסטע צרות. מייסטענס האָט דער עטאַפּ אָפיציר שוין אין וועג אָבגענומען ביי די אינגלעך אַלע זאַכען, וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות צו דעם אידישען גלויבען; און ווען ניט, האָט מען עס געטהאָן תיכף ביים אָנקומען. „דעם ערשטען טאָג, ווי מען האָט אונז געבראַכט אין אַרכאַנגעלסקען באַטאַליאָן, — דערצעהלט דער געוועזענער קאַנטאָניסט י. איצקאָוויטש, — האָט מען ביי אונז צוגענומען אונזערע סידורים, ארבע־כנפות׳ן און תפילין; וואָס מען האָט מיט זיי געטהאָן, צי מען האָט זיי ערגיץ־וואו אַנידערגעלעגט, אָדער צוריסען ווייס איך ניט" [1]). דאָסזעלבע שרייבט אַן אַנדער קאַנטאָניסט פון איר־קוטסק. און ווען אַ אינגעל האָט ווי־עס־איז בעהאַלטען זיין ארבע־כנפות׳ל און מען האָט דאָס דערנאָך ענטדעקט, האָט מען איהם דערפאַר גרויזאַם געשמיסען [2]). ביים אָנקומען פלעגט מען די קינדער שטרענג פערזאָגען, זיי זאָלען צווישען זיך ניט ריידען קיין אידיש, אויך ניט דאַווענען „פאָ זשידאָווסקי". „אויב מען האָט בעמערקט, אַז מיר פיהרען איינער מיט דעם אַנדערען אַ געשפרעך אויף אידיש, האָט מען אונז דערפאַר געשלאָגען", — דערהצעהלט אַן אַמאָליגער קאַנטאָניסט, מ. שפיגעל [3]).

ווען עס פלעגט אָנקומען אַ נייע פאַרטיע אידישע אינגלעך, האָט מען זיי באַלד אַלעמען אויסגעשטעלט אין פראָנט, די אָפיצירען זאָלען זיי בעקו־

[1]) Евр. Стар. 1912 г., I, 57.

[2]) С. Бейлинъ. Изъ разсказовъ о кантонистахъ, ibid., 1909 г., III, 116.

[3]) Ibid., 1911 г., II, 254; Восходъ, 1884 г,, VII, 25.

קען. און שוין ביי דער ערשטער בעגעגעניש מיט די קינדער, פלעגט די „נאַטשאַלסטווע" אויפ'ן קלאָרסטען אופן זיי געגעבען צו וויסען, וואָס מען איז דאָ אויסען. „דער קאָמאַנדיר פון אונזער באַטאַליאָן, דיאַקאָנאָוו,—שרייבט אַן אַרכאַנגעלסקער קאַנטאָניסט, — האָט ביים אויפנעהמען פון אונזער פּאַרטיע תיכף פאַר אַלעמען געזאָגט, אַז ווי לאַנג ער וועט לעבען, וועט קיין איינציגער פון זיין באַטאַליאָן ניט אַרויסגעהן אַן איד"[4]. אין יאָהר 1857 האָבען אַ גרופּע גע'שמד'טע אידישע סאָלדאַטען אין אָדעס ערקלערט, אַז זיי זיינען מיט געוואַלט אָבגעטויפט געוואָרען אין די קיעווער קאַנטאָניסטישע באַטאַליאָנען. ביים אָפיציעלען פערהער האָבען זיי דערצעהלט, ווי אַזוי מען האָט זיי דאָרטען בעגעגענט: גלייך ווי זיי זיינען אַהין געבראַכט געוואָרען, האָט מען זיי פונאַנדערגעטיילט צווישען פערשידענע ראָטעס. דער קאָמאַנדיר פון דער 1-טער ראָטע, קאַפּיטאַן באָראָדין האָט תיכף געפרעגט: ווער פון אייך וויל זיך טויפען? אַלע האָבען געשוויגען, האָט ער געהייסען דעם פעלדפעבעל אַנטיפּאָוו'ן איבערגעבען זיי צו די אונטער-אָפיצירען, יענע זאָלען זיי צווינגען צו שמד'ן זיך. אין דער 5-טער ראָטע האָט דער קאָמאַנדיר שעלעפּאָווסקי געשטעלט די ניי-אָנגעקומענע אינגלעך די זעלבע פראַגע, און ניט בעקומענדיג פון זיי דעם ענטפער, וואָס ער האָט פערלאַנגט, האָט ער בעפוילען די אונטער-אָפיצירען אָנצונעהמען די נויטיגע מיטלען, זיי זאָלען זיך טויפען. אין די איבעריגע ראָטעס איז געוועזען נאָך ערגער. „גלייך נאָכ'ן קומען אין ראָטע, — האָט זיך בעקלאָגט אַן אַנדער סאָלדאַט — האָט מען אונז אָבגעפיהרט אין צעכהויז און אַהין געבראַכט ריטער. דער פעלדפעבעל האָט אונז אַלעמען געהייסען אויסטהאָן זיך און געפרעגט: ווער וויל זיך טויפען? נור פיער האָבען געענטפערט, אַז זיי זיינען מסכים, די איבעריגע האָבען געשוויגן; האָט דער פעלדפעבעל עטליכע אָבגעשמיסען און געהייסען די אונטער-אָפיצירען זעהן, אַז אַלע זאָלען זיך שוין מאָרגען שמד'ן"[5]. אַזאַ אויפנאַהם האָבען די אידישע אינגלעך געהאַט ניט נאָר אין קיעוו, נאָר אומעטום.

מיר האָבען זיך שוין בעקענט מיט דעם אַלגעמיינעם רעזשים אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען. ער איז געוועזען גענוג האַרב און שטרענג בכלל, אָבער בעזונדערס גרויזאַם פלעגט מען זיך דאָ בעגעהן מיט די אידישע אינגלעך. „דאָס לעבען פון די אידישע אינגלעך אין דעם באַטאַליאָן, שרייבט אַ געוועזענער קאַנטאָניסט — אַ רוס, איז ווירקליך געוועזען ערגער פון יעדער קאַטאָרגע; ווייל פון דעם לעצטען קאַנטאָניסט ביז דער העכסטער „נאַטשאַלסטווע" האָבען זיך אַלע פערהאַלטען געגען די

[4]) Евр. Стар. 1912 г., I, 59.

[5]) ארכיוו פון קריעגס-מיניסטעריום. דעפּאַרט. פאַר מיליטערישע געגענדען; גערינכטל. ענינים, נומ. 117/10.

אונגליקליכע אידעלעך אויסערסט פיינדליך״ [6]). אַחוץ די אַלגעמיינע פּיין, ווי יעדער קאַנטאָניסט, האָבען זיי געהאַט נאָך בעזונדערעליידען און צרות. אָנהויבענדיג פון דעם „דיאַדקע״ און ענדיגענדיג מיט די אָפיצי־רען און דעם קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן, האָט יעדערער זיך איבער זיי איזדעקעוועט, זיי בעליידיגט און פון זיי חוזק געמאַכט. די אידישע אינג־לעך האָבען ניט געקענט די רוסישע שפּראַך און דעריבער ניט שטענדיג קלאָר פערשטאַנען, וואָס מען האָט צו זיי גערעדט אָדער געהייסען טהאָן; שוין דאָס אַליין פלעגט זיי אויסשטיילען פון די אַלע אַנדערע, אַרויסרופען זידלערייען און קלעפּ. זעהר שווער איז די ערשטע צייט געווען מיט׳ן עסען פון דעם אַלגעמיינעם קעסעל. ניט רעכענענדיג זיך מיט דעם גע־פיהל פון עקעל, וואָס עס פלעגט ביי די אידישע קינדער דערוועקען די טריפה שפּייז, האָט מען זיי גלייך געצוואונגען צו עסען חזיר. „מען דער־לאַנגט קרויט, געקאָכטע מיט חזיר׳שע שמאַלץ, דערצעהלט אַ געוועזענער קאַנטאָניסט: דאָס אידישע אינגעל קאָן אָפילו דעם גערוך ניט פערטראָ־גען — עס נודיעט איהם; צו די קרויט ריהרט ער זיך אָפילו ניט צו און ער עסט בלויז ברויט. „זשיד, פאַרוואָס עסטו ניט די קרויט?״ — שרייט דער יעפרעיטאָר. — „איך קען ניט, עס שמעקט מיט חזיר״. — „אַ, אַזוי? טאָ שטעל זיך אַנידער אויף די קניה פאַר דער „איקאָנע״ (אַ הייליג בילד)!״ און מ׳האַלט איהם אַזוי אָב נאָכאַנאַנד אַ שעה אַנדערט־האַלבען, ביז די קניה ווערען ביי איהם פער׳חלש׳ט; דערנאָך הייסט מען איהם אויפשטעהן און מען גיט איהם 15—20 שמיץ״ [7]).

דאָס ערגסטע איז אָבער געווען, וואָס אומעטום, וואוהין דער אידישער קאַנטאָניסט האָט זיך נור אַ קעהר געטהאָן, האָט ער שטענדיג געהערט די פאָדערונג: „טויף זיך!״ — און מיט הוילע ווערטער פלעגט מען זיך ניט בענוגענען. די „מילדקייט״, די „געלאַסענע, רוהיגע בעלעהרונ־גען״, וואָס די אינסטרוקציע פון סינאָד האָט רעקאָמענדירט די גלחים ביים בעקעהרען די אידישע קינדער צום פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען, האָבען געגאָלטען בלויז אויפ׳ן פּאַפּיר, אָבער אין דער ווירקליכקייט האָבען זיי קיין שום ראָלע ניט געשפּילט. די גאַנצע מיסיאָנערישע אַרבייט אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען איז געווען געבויט אויף געוואַלט. כדי צו ברייגען די אידישע אינגלעך צום שמד, פלעגט כסדר געגען זיי אָנגע־ווענדט ווערען אַ דאָפּעלטער צוואַנג: אַ מאָראַלישער און אַ קערפּערליכער. דער מאָראַלישער, אָדער פּסיכישער צוואַנג האָט געהאַט דאָס ציעל—

[6]) Д. В. Федоровъ. Игрушечная армія. Истор. Вѣстникъ 1899 г., т. X, 165.

[7]) С. Бейлинъ, ibid., 116.

צו בעשאַפען ביי די קליינע אידישע קינדער אַזאַ שטימונג, זיי זאָלען זיך פיהלען וואָס מעהר עלענד, הילפלאָז און פעראיינזאַמט. מיט דעם איז מען אויסען געווען אַבצושוואַכען זייער ווילען און זייער פעהיגקייט צום ווידער־שטאַנד. מיט דעם צוועק איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אַ גאַנצע רייה מיטלען, דורך וועלכע מען האָט געשטרעבט אַבצוזונדערן דעם קאַנטאָ־ניסט פון יעטווידער אידישער אומגעבונג, אַבצורייסען איהם פון אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו אידישקייט, ער זאָל פערגעסען אָן זיין פאַמיליע, אָן דער אַמאָליגער היים און אָן דעם גלויבען, אין וועלכען ער איז ערצויגען גע־וואָרען. אָט דעם סיסטעם פון פסיכישען צוואַנג, וואָס האָט געהערשט אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען און פלעגט דורכגעפיהרט ווערען מיט דער גרעסטער פלאַנמעסיגקייט, שפּיגעלט זיך אָב דייטליך אין די אָפיציעלע בעריכטען, שילדערונגען און אויסקונפטען פון די גלחים און מיליטערישע בעאַמטע, וועלכע זיינען פערבליבען אין די רעגירונגס־אַרכיוען. זיי פער־דיענען, מען זאָל זיך אויף זיי גענויער אָבשטעלען, ווייל דאָ געפינען מיר אַ קלאָר בילד פון יענע פערשידענאַרטיגע מאָראַלישע פייניגונגען, וואָס מען האָט פערשאַפט די אידישע קינדער.

צווישען די אידישע אינגלעך, וואָס מען האָט אויפגעהאַלטען אין די ס י ב י ר ע ר קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען (אין אירקוטסק, טאָמסק, טאָ־באָלסק, אָמסק, קראַסנאָיאַרסק און אין אַנדערע שטעדט) איז געווען איין גרופּע, וועלכע האָט זיך אַ צייט געפונען אין עטוואָס גינסטיגערע בעדינ־גונגען, אין פערגלייך מיט זייערע חברים, וואָס מען האָט אַהער געבראַכט פון די ווייטע אידישע שטעדט. ווי אונזערע לעזער געדיינקען, זיינען די זיהן פון די אידען, וואָס זיי אַליין אָדער זייערע עלטערן זיינען געווען פערשיקט קיין סיביר, פעררעכענט געוואָרען דורך אַ ספּעציעלען געזעץ פאַר קאַנטאָניסטען. לויט דער אַלגעמיינער אָרדנונג, וואָס האָט געגאָלטען פאַר סאָלדאַטסקע זיהן, האָבען זיי זיך געהאָדעוועט אין דער־היים ביי די עלטערן, און ערשט ווען זיי זיינען אַלט געוואָרען 14 יאָהר, האָט מען זיי גענומען אין באַטאַליאָן אַריין (בשעת די אַנדערע אידישע אינגלעך האָט מען אַפילו לויט'ן געזעץ געמעגט אָבגעבען צו 12 יאָהר). און אויך נאָכדעם ווי די סיבירער אינגלעך זיינען שוין אַנגעקומען אין די קאַנטאָ־ניסטישע אַנשטאַלטען, איז זייער לאַגע געווען פיעל גרינגער, ווייל זיי האָבען געהאַט דאָ, אין דערזעלבער שטאָדט אָדער ערגיץ־וואו ניט ווייט, זייערע עלטערן אָדער קרובים, מיט וועלכע זיי פלעגען ווען־עס־איז זיך קאָנען זעהן.

די מיסיאָנערען זיינען געווען זעהר אונצופריעדען מיט אָט די ביידע אומשטענדען. דער אירקוטסקער אַרכיעריי נ י ל שרייבט אין זיין בעריכט צום סינאָד, פון 21־טען סעפּטעמבער 1844, אַז ער „ווענדט אָן אַלע מעג־

ליכע מיטלען אויף צו בעקעהרען די אידישע קאַנטאָניסטען צום פּראַוואָ־סלאַוונעם גלויבען; דעריבער זיינען איצט אין די אירקוטסקער האַלב־באַטאַליאָנען געבליבען נור פיער ניט־געטויפטע קאַנטאָניסטען. און אויך די וואָלט מען זיכער געקאָנט איבערצייגען, ווען ניט די ווירקונג פון זייערע דאָרטיגע קרובים, וואָס שטערט דערין." אין אַ בריף צום אַרכי־עריי געאָרגי ערקלערט דער קאָמאַנדיר פון טאָבאָלסקער האַלב־באַטאַליאָן, מאַיאָר אַבראַמאָוו, דעם אונגעניגענדען ערפאָלג פון דער טויף־אַרבייט אין זיין אַנשטאַלט דערמיט, וואָס „די עלטערן פון די קאַנטאָניסטען זעהען זיך שטילערהייד מיט די קינדער און, וועדליג זייער איינגעוואָרצעלטער פאַנאַטישקייט, האַלטען די עלטערן זיי אָב פון שמד'ן זיך, זיי בעפעסטיגען די קינדער אין דעם אידישען אבערגלויבען". אין יאַנואַר 1845 האָט דער אירקוטסקער אַרכיעריי ניל צוגעשטעלט דעם אָבער־פּראָקוראָר פון סינאָד, גראַף פּראָטאַסאָוו'ן, דעם פאָרשלאַג, וואָס ער האָט בעקומען פון דעם גלח פון אירקוטסקער האַלב־באַטאַליאָן: „מען זאָל די אידישע קאַנטאָניסטען ערלויבען צו זעהן זיך מיט זייערע קרובים ניט אַנדערש, ווי אין דער אַנוועזענהייט פון עמיצען פון יענע קאַנטאָניסטען, וואָס האָבען זיך שוין געטויפט" — דאָס וועט געבען די מעגליכקייט צו קאָנטראָלירען זייערע געשפּרעכען.

בעריכטענדיג (דעם 12־טען נאָוועמבער 1843) גראַף פּראָטאַסאָוו'ן, אַז מען האָט אין טאָבאָלסק שוין אָבגעטויפט 32 קאַנטאָניסטען, שרייבט דער דאָרטיגער אַרכיעריי וולאַדימיר ווייטער: „ווי עס ווייזט אויס, וואָלטען אויך די איבעריגע געווען גרייט אָנצונעהמען דעם קריסטליכען גלויבען, ווען די טאָבאָלסקער אידען זאָלען זיי פון דעם ניט אָבהאַלטען און ניט מאַכען זיי האַרטנעקיג. איך האָף אָבער, אַז די צייט און די אָפּטע רעליגיעזע בעלעהרונגען וועלען, מיט דער הילף פון דער געטליכער שכינה, פריהער אָדער שפּעטער אויך זיי פערוואַנדלען אין קינדער פון דער פּראַוואָסלאַווער קירך." פונדעסטוועגען וויל אָבער ניט דער אַרכי־עריי פערלאָזען זיך אינגאַנצען אויף דער „געטליכער שכינה". ער געפינט גלייכצייטיג פאַר נויטיג און שלאָגט פאָר: „יענע דרייצעהן אידישע קאַנ־טאָניסטען, וואָס זייערע עלטערן לעבען אין טאָבאָלסק, זאָל מען אַריבער־פיהרען אין אָמסקער האַלב־באַטאַליאָן, און אויף זייער אָרט זאָל מען פון דאָרטען ברייגגען דרייצעהן אידישע קאַנטאָניסטען, וואָס האָבען ניט קיין עלטערן אין טאָבאָלסק."

די שטענדיגע טענות און מעלדונגען פון די גלחים און קאָמאַנדירען וועגען דעם „שעדליכען" איינפלוס פון די אידישע עלטערן האָבען סוף כל סוף געווירקט. דעם 15־טען אַפּריל 1845 האָט ניקאָלאַי דער ערשטער בעפוילען: „מען זאָל די קינדער פון די אידען, וואָס קומען אָן אין די

קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען, ערלויבען צו זעהן זיך מיט זייערע עלטערן און קרובים ניט אַנדערש, ווי אין די אַנשטאַלטען גופא, און נור אין דער אנוועזענהייט פון אַ לעהרער אָדער אַן אָפיציר.״ דער קייזערליכער בע־פעהל איז געווען געצילט געגען די אידישע קאַנטאָניסטען, וואָס האָבען געשטאַמט פון סיביר, און ער האָט אויך זיי, ווי אַלע אַנדערע, גענצליך אָבגעריסען פון זייערע הויזגעזינדען. ווייל פון איצט אָן פלעגט מען אין סיביר פּאַקטיש פערוועהרען די אידישע קאַנטאָניסטען צו טרעפען זיך מיט זייערע עלטערן אַפילו אין דעם באַטאַליאָן. אזוי דערצעהלען די אַמאָליגע סיבירער קאַנטאָניסטען, און דאָס זעלבע בעשטעטיגען אויך די אַרכיוו־מאַטעריאַלען. פאַר אונז ליגט, למשל, אַ בקשה, וואָס אַ אידישע אַלמנה פון סיביר, יאַכע קוראַטקין, האָט אין יאָהר 1848 דערלאַנגט אין סינאָד וועגען איהר 8־יאָהריגען זוהן, וועלכען מען האָט גענומען אין טאָ־באָלסקער האַלב־באַטאַליאָן. צווישען אַנדערע איהרע טענות בעקלאָגט זיך דאָ די מוטער אויך דערויף, וואָס מען לאָזט איהר דאַרטען נישט צו בשום אופן צו איהר זוהן, און וויפיעל זי בעט זיך ניט וועגען דעם, העלפט דאָס ניט [8]). דאָס אייגענע געפינען מיר אין דער בקשה צום סינאָד פון אַן אַנדער אידישער אלמנה פון סיביר, אַבראַמאָוואַ [9]). און אַזעלכע ביישפּיע־לען וואָלט מען געקאָנט ברייננגען נאָך פיעל.

אונצופרידענקייט פלעגט ביי די מיסיאָנערען אַרויסרופען אויך דאָס, וואָס מען האָט די זיהן פון די פערשיקטע אידען גענומען אין די סיבירער קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען ערשט דאַן, ווען זיי זיינען געוואָרען 14 יאָהר אַלט. די גלחים האָבען ניט אויפגעהערט צו טענה׳ן, אַז בנוגע צו אידישע קינדער איז אַזאַ אָרדנונג שעדליך, זי שטערט די מיסיאָנערישע אַרבייט: וויבאַלד די אינגלעך בלייבען ביז פערצעהן יאָהר אין דער־היים, קריגען זיי דאָרטען אַ פעסטע רעליגיעזע ערציהונג, זיי ווערען בעהאַוונט אין די דינים און ווערען צוגעבונדען צום אידישען גלויבען; און ווען מען נעהמט זיי דערנאָך אַריין אין די מיליטערישע אַנשטאַלטען, איז שוין שווער אויף זיי צו ווירקען, זיי זאָלען זיך טויפען. דער גלח פון אירקוטסקער האַלב־באַטאַליאָן האָט זיך אין זיין ראַפּאָרט צום אַרכיערי בעגלאָגט: „האָבענדיג ביי זיך די קינדער ביז פערצעהן יאָהר, שטאָפּען די עלטערן זיי אַזוי אָן מיט אבערגלויבענס און פיינדליכע בעגריפען וועגען קריסטען, אַז זיי האָבען דערנאָך ניט קיין שום צוטרוי און אויפמערקזאַמקייט צו די אַלע בעלעהרונגען און איבערצייגונגען מכח דער קריסטליכער רעליגיע. כדי

[8]) אַרכיוו פון סינאָד, פון יאָהר 1848 — נום. 1648 („וועגען דער טויפונג פונ׳ם זוהן פון דער אידענע י. קוראַטקין״).

[9]) דערזעלבער אַרכיוו פון יאָהר 1848 — נום. 1733 („וועגען דער טויפונג פון דעם זוהן פון דער אידענע אַבראַמאָוואַ״).

דאָס צו בעזייטיגען, מוז מען די אידישע קינדער נעהמען אין די קאַנטאָ־ניסטישע אַנשטאַלטען גלייך ווי זיי ווערען 7 יאָהר אַלט." דער אירקוט־סקער אַרכיערײ ניל האָט זיך שטאַרק פעראינטערעסירט מיט דער פראַגע און ער האָט וועגען דעם זיך צונויפגעשריבען מיט דעם גענעראַל־גובער־נאַטאָר פון מזרח־סיביר. יענער האָט אויך געהאַלטען, אַז מען טאָר ניט אויף לאַנג איבערלאָזען די אידישע קינדער ביי זייערע עלטערן, און אַז מען דאַרף זיי נעהמען אין די מיליטערישע אַנשטאַלטען ניט שפּעטער ווי זיי ווערען אַלט 8 יאָהר. דער אירקוטסקער אַרכיערײ האָט דעם 12־טען יאַנואַר 1845 צוגעשטעלט דעם אָבער־פּראָקוראָר די זאַך, אונטערשטרײ־כענדיג איהר גרויסע וויכטיגקייט. זיינע פרומע בעמיהונגען האָבען געהאַט ערפאָלג. דעם 15־טען אַפּריל 1845 איז אַרויס אַ קייזערליכער בעפעהל:
„די אַלע זיהן פון די אידען אין סיביר, וואָס ווערען לויט'ן געזעץ פער־רעכענט פאַר קאַנטאָניסטען, זאָל מען פון איצט אָן נעהמען אין די קאַנטאָ־ניסטישע אַנשטאַלטען ניט שפּעטער, ווי זיי ווערען א כ ט יאָהר אַלט, און דאָס זאָל אָנגעווענדעט ווערען אויך צו יענע זיהן, וועלכע זיינען אַיצט עלטער פון אַכט יאָהר און געפינען זיך ביי זייערע עלטערן אָדער קרובים."

אָבזונדערן פלעגט מען די קינדער פון די עלטערן ניט נור פיזיש. די קאַנטאָניסטען, וועלכע מען האָט אַרויסגעריסען פון זייערע הויזגעזינדען און פערוואָרפען אין די וויטע רוסישע געגענדען, האָבען ווען־עס־איז גע־קאָנט קריגען אַ ידיעה וועגען דער־היים. אידיש לייענען און שרייבען האָבען דאָך כמעט אַלע אונזערע קאַנטאָניסטען געקענט. אַ נאַכריכט פון דער וויטער היים איז געווען די איינציגע פרייד, וואָס איז געווען מעגליך פאַר די אונגליקליכע קינדער. און וואָס פאַר אַ טרייסט איז עס געווען פאַר די עלטערן, פון ווענען מען האָט מיט געוואַלט צוגענומען זייערע קליינעם זוהן, צו בעקומען פון איהם אַ ידיעה, אַז ער איז ביים לעבען און ניט געטויפט! נאַטירליך, פלעגען טאַטע־מאַמע אין די בריף אָפּט דערמאָנען זייערע קינדער, זיי זאָלען בלייבען ביים אידישען גלויבען. די מיסיאָנערען זיינען געווען העכסט אונצופריעדען מיט דעם, וואָס די אידישע קאַנטאָניסטען שרייבען זיך אַמאָל איבער מיט זייערע עלטערן. זיי האָבען שטענדיג אָנגעוויזען, אַז דאָס האָט אויף די קינדער אַ „שעדליכע" וויר־קונג, און זיי פלעגען זיי דערין שטערען. „די אידישע קאַנטאָניסטען ווערען געקרעפטיגט אין זייער גלויבען דורך די בריף, וואָס זיי קריגען פון זייערע עלטערן,—בעקלאָגט זיך דער אַרכאַנגעלסקער אַרכיערײ געאָרגי אין זיין ראַפּאָרט צום סינאָד, פון 24־טען אָקטאָבער 1844. אויך דער פּסקאָווער אַרכיערײ נאַפאַנאַאיל אונטערשטרייכט אין זיין רעלאַציע צום סינאָדאַלען אָבער־פּראָקוראָר, גראַף פּראָטאַסאָוו'ן (פון 5־טען דעצעמבער 1844), אַז „די עלטערן און קרובים מוסר'ן און בעטען שטענדיג אין זייערע בריף

צו די קאַנטאָניסטען, יענע זאָלען פערבלייבען טריי צום אידישען גלויבען",
און ער געפינט, אַז מען טאָר אַזאַ זאַך אויף קיין פאַל ניט דערלאָזען.

און ווען די פאַטערס האָבען אין די בריף אַפילו ניט בעריהרט קיין שום רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען, האָבען די מיסיאָנערען בכלל געהאַלטען די קאָרעספאָנדענץ צווישען די אידישע קאַנטאָניסטען און זייערע עלטערן פאַר זעהר שעדליך. זיי האָבען כסדר געפאָדערט, מען זאָל איבעררייסען אויך אָט דעם איינציגען שוואַכען פאָדים, וואָס האָט נאָך פעראייניגט די קינדער מיט דער וויטער היים. דער סאַראַטאָווער אַרכיערײ יאַקאָוו טענה'ט אין זיין בריף פון 19־טען דעצעמבער 1844, צו גראַף פּראָטאַ־סאָוו'ן: „די קאַנטאָניסטען פון די סאַראַטאָווער באַטאַליאָנען שרייבען צו די עלטערן, זיי בעקומען אויך פון זיי בריף און אַלץ אויף אידיש. מען מוז זיי אונבעדינגט שטעלען די פאָדערונג, זיי זאָלען שרייבען אויף ר ו ס י ש און געבען וויסען צו די עלטערן, אַז יענע זאָלען אויך שיקען צו זיי ר ו ס י ש ע בריף"... פאָדערן מיט אַ יאָהר הונדערט צוריק, אַז אידישע טאַטעס און קינדער זאָלען איינע צו די אַנדערע שיקען בריף נור אויף רוסיש, דאָס האָט פאַקטיש געהייסען: פערוועהרען זיי דורכצושרייבען זיך; און דאָס זיינען די פייניגער טאַקע אויסען געווען. פון דעמזעלבען אַרכיערײ'ס מעלדונג צו פּראָטאַסאָוו'ן דערוויסען מיר זיך, אגב, וועגען אַ שענעם כלל, וואָס האָט געהערשט אין פיעל באַטאַליאָנען: ווען עס פלעגט פון די עלטערן אָנקומען אַ בריף אויפ'ן נאָמען פון אַ אידישען קאַנטאָניסט, וועלכען מען האָט שוין בעוויזען אָבצושמד'ן, האָט מען דעם בריף אָבגע־שיקט צוריק מיט אַ קורצער אויפשריפט אויפ'ן קאָנווערט, דאָס אַזאַ קאַנ־טאָניסט איז שוין דאָ מעהר ניטאָ; „ווייל, (אַזוי ערקלערט עס דער אַרכיערײ) ביי דער טויפונג גיט מען דאָך דעם אידישען קאַנטאָניסט אַן אַנדער נאָמען און אַן אַנדער פאַמיליע". עס איז גרינג זיך פאָרצושטעלען, וואָס טאַטע־מאַמע האָבען איבערגעלעבט און וויפיעל טרערען זיי האָבען פערגאָסען, ווען זיי האָבען געקראָגען צוריקגעשיקט דעם בריף מיט אַזאַ מין אויפשריפט וועגען זייער קינד. אָבער די פרומע נפשות האָט דאָס ווייניג געקימערט.

עס פלעגט געטהאָן ווערען אַל דאָס מעגליכע, כדי אָבצוזונדערן, אָב־צורייסען די קינדער פון דער מינדעסטער אידישער אומגעבונג. דאָס ביסעל אידען, וואָס האָבען זיך אין יענע צייטען געפונען אין אייניגע פון די וויטע רוסישע שטעדט, וואוהין מען פלעגט ברייננגען אונזערע קאַנטאָ־ניסטען, זיינען געווען — סאָלדאַטען, וועלכע האָבען געדינט אין די דאָר־טיגע מיליטער־אָבטיילונגען. אין די סיבירער געגענדען זיינען, אויסער דעם געווען אויך פערשיקטע אידען און זייערע משפחות. די קאַנטאָ־ניסטען פלעגען זיך שטילערהייד ווען־עס־איז מיט זיי זעהן. עס איז איבע־

ריג צו ערקלערען, וואָס פאַר אַ גרויסע מאָראַלישע בעדייטונג אָט די בעגעגענישען האָבען געהאַט פאַר די קליינע מאַרטירער. די דערוואַקסענע אידען האָבען געזוכט מקרב צו זיין די אונגליקליכע קינדער, ווי ווייט מעגליך זיי אויסהעלפען און טרייסטען, קרעפטיגען זייער מוטה. די מיסי־אָנערען איז דאָס שטאַרק ניט געפעלען געוואָרען, און זיי האָבען געפאָדערט, מען זאָל געגען דעם אָננעהמען די שטרענגסטע מיטלען. אין זיין בריף, פון 5־טען דעצעמבער 1844, גיט דער פסקאָווער אַרכיערײ נאַפאַנאַאיל צו וויסען גראַף פּראָטאַסאָוו'ן: „די פסקאָווער קאַנטאָניסטען טראַכטען אויס פערשידענע תירוצים, און זיי קומען ניט זעלטען אין בעריהרונג מיט די אידען, וואָס לעבען דאָ אין פסקאָוו. עס איז נויטיג, אַז די נאַטשאַל־סטווע זאָל ערלויבען די קאַנטאָניסטען צו טרעפען זיך מיט אידען נור דאַן, ווען מען קאָן אָהן דעם ניט אויסקומען, אי דאָס אין דער געגענוואָרט פון אַ זיכערער פּערזאָן.״ דער פּעטערבורגער מיטראָפּאָליט אַנטאָני האָט צוגעשטעלט אין סינאָד אַ בעריכט וועגען די שוועריגקייטען, וואָס מען טרעפט ביים טויפען די אידישע קאַנטאָניסטען פון נאָווגאָראָדער באַטאַ־ליאָן. „זעהר אַ גרויסע שטערונג, ווייזט ער דאָ אָן, איז דאָס, וואָס אינ'ם דאָרף „מעדוועד״, וואו דער באַטאַליאָן געפינט זיך, ווי אויך אין די אַנדערע אַרומיגע „וואָיענע פּאָסעלעניעס״ (מיליטערישע דערפער) האַלטען זיך שטענדיג אויף גאַנצע אידישע הויזגעזינדען, מיט וועלכע די קאַנטאָניסטען האָבען געוויס פערבינדונגען; די אידען האָבען אויף זיי אַ שעדליכען איינפלוס, זיי שוואַכען אָב די ווירקונג פון די בעלעהרונגען, וואָס די קאַנטאָניסטען בעקומען פון די גלחים״ [10].

בעזונדערס אונצופריעדען איז געווען דער טאַמבאָווסקער אַרכיערײ וולאַדימיר. אין זיין בריף פון 21־טען נאָוועמבער 1844, בעקלאָגט ער זיך פאַר דעם סינאָדאַלען אָבער־פּראָקוראָר, אַז „די האַרטנעקיגקייט, וועלכע עס ווייזען די לעצטע צייט אַרויס די אידישע קאַנטאָניסטען פון טאַמבאָוו־סקער האַלב־באַטאַליאָן, נעהמט זיך דערפון, וואָס מען ערלויבט זיי צו זעהן זיך מיט די עלטערע אידען, וועלכע זיינען פערגרעבט אין זייערע אָבערגלויבענס... מען מוז דורכאויס מאַכען צו דעם אַ סוף. בעזונדערס טאָר מען ניט דערלאָזען, אַז זייער הויפּט־פּערזאָרגער, דער היגער איד מענדל, וואָס איז אַ דעפּוטאַט אין דער טאַמבאָווסקער שטאָדט־דומע און האָט צוליעב זיין רייכקייט בעקאַנטשאַפטען צווישען די בעאַמטע, זאָל ווירקען אויף די קאַנטאָניסטען״. און עס איז אינטערעסאַנט דאָ צו פּער־צייכענען: דאָרטען, וואו עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען בעזייטיגען דעם

---

[10]) בעריכט פון פּעטערבורגער מיטראָפּאָליט אַנטאָני צום סינאָד, פון 5־טען אָקטאָבער 1844.

„שעדליכען״ אידישען איינפלוס, פלעגען אָט די גאָטספאַרכטיגע לייט גערן אויף זיך נעהמען אַפילו ריין פּאָליצייאישע פליכטען. אַזוי, צום ביישפּיעל, פאָדערט דערזעלבער אַרכיערי וולאַדימיר אין זיין בעריכט, מען זאָל „אַרויסטרייבען פון טאָבאָלסק״ ניט נור דעם אָקאָרשט-דערמאָהנטען מענדלען, וועלכער איז איהם געווען בעזונדערס נמאס, נאָר אַלע דאָרטיגע אידען. דער סינאָדאַלער אָבער-פּראָקוראָר, גראַף פּראָטאַסאָוו, האָט פון דעם אויבענגעבראַכטען בריף, וואָס ער האָט צוגעשיקט דעם פּעטערבורגער מיטראָפּאָליט, בעמערקט, אַז אין די נאָווגאָראָדער דערפער, וואו אידען האָבען לויט'ן געזעץ בכלל ניט געטאָרט לעבען, האַלטען זיך אויף אידישע הויזגעזינדען. האָט ער בעאויפטראָגט דעם מיטראָפּאָליט אויסצופאָרשען, ווער זיינען עס די דאָזיגע אידען, און ווי אַזוי ערלויבט מען זיי דאָרטען צו זיין. דער מיטראָפּאָליט האָט זיך מיט גרויס חשק גענומען צו דער שענער אַרבייט. ער האָט געמאַכט דורך די דאָרטיגע גלחים אַ שטרענגע אונטערזוכונג. צו זיין בעדויערן, האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס זיינען אַלץ אידישע סאָלדאַטען מיט זייערע משפחות, און נור איין איד, אַ פעלדשער, איז אַ „זייטיגער״, וואָס האָט דאָרטען קיין וואוינרעכט ניט און קאָן אַרויסגעשיקט ווערען. אין סוף יאָהר 1845 האָט דער טאָבאָלסקער אַרכיערי אָנגעפרעגט ביים גענעראַל-גובערנאַטאָר פון מערב-סיביר, פירשט גאָרטשאַקאָוו'ן, צי מען קאָן ניט אַרויסטרייבען פון טאָבאָלסק אַלע אידען, וואָס זיינען געווען אַהין פערשיקט, כדי זיי זאָלען ניט שטערען די טויף-פּראָפּאַגאַנדע צווישען די דאָרטיגע קאַנטאָניסטען. גאָרטשאַקאָוו האָט איהם אָבער דערויף געענטפערט, אַז עס איז ניטאָ קיין געזעץ, וואָס זאָל איהם ערלויבען דאָס צו טהאָן. האָט דער אַרכיערי געאָרגי דאָך זיך ניט בעַ-רוהיגט, און דעם 31-טען דעצעמבער 1845 האָט ער זיך וועגען דעם געווענדעט צו גראַף פּראָטאַסאָוו'ן מיט אַ בריף, וואו ער האָט בעטאָנט, אַז „פּערוועהרען די זשידעס צו לעבען אין טאָבאָלסק, — דאָס וואָלט געווען נוציליך ניט בלויז פאַר'ן בעקעהרען די אידישע קאַנטאָניסטען צום קריסטענטום, נאָר אויך פאַר די דאָרטיגע פּראַוואָסלאַוונע איינוואוינער בכלל.״

לויט דעם פּונקט 91 פון דעם „אוסטאַוו״ וועגען דער אידישער רעקרוטשינע, האָבען אידישע סאָלדאַטען געמעגט „שטענדיג, אין דער צייט ווען זיי זיינען פריי פון בעשעפטיגונגען, אָבריכטען זייער גלויבען און גאָטעס-דיענסט, און די נאַטשאַלסטווע מוז שטרענג אַכטונג געבען, קיינער זאָל זיי דערין ניט שטערען.״ ווי אַזוי מען פלעגט זיך אין דער ווירקליכקייט רעכנען מיט אָט דער „גלויבענס-פרייהייט״, וועגען דעם גיט אונז אַ בעגריף דער פּראָצעס וועגען איינעם אַ אידישען סאָלדאַט,

פסח שקאָבלע, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1846. שקאָבלע האָט געדיענט אין 2־טען קאַראַבינער־רעגימענט און האָט דאָ געאַרבייט אין די מיליטערישע וואַרשטאַטען, איבער וועלכע עס האָט פערוואַלטעט דער אָפיציר יעפרעמאָוו. אום ראש־השנה, אין יאָהר 1845, האָבען זיך די אידישע סאָלדאַטען, לויט דער ערלויבניש פון דעם קאָמאַנדיר פון רעגימענט, פערזאַמעלט אין אַ בעזונדער צימער און געדאַוונט. פלוצלונג איז אַהין געקומען דער אָפיציר יעפרעמאָוו און מיט גראָבסטע זידלערייען געהייסען אַלעמען אַרויסגעהן און שטעלען זיך אַרבייטען אין די וואַרשטאַטען. די סאָלדאַטען האָבען גענטפערט, אַז דער קאָמאַנדיר האָט זיי ערלויבט היינט צו דאַוונען אינאיינעם. האָט יעפרעמאָוו גערופען אַ פעלדפעבעל מיט 20 רוסישע סאָלדאַטען און אַרויסגעטריבען אַלעמען, וואָס האָבען דאָ געדאַוונט. דערביי האָט ער אַליין פערלאָשען און געבראָכען די ליכט, געריסען פון די סאָלדאַטען זייערע טליתים, אַוועקגערוקט דעם עמוד, אַנידערגעוואָרפען אויף דער ערד דעם חזן און, שטעהענדיג ביי דער טהיר, געשלאָגען די אידען, ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען. אי יענעם טאָג, אי אום יום־כפור האָט יעפרעמאָוו געצוואונגען די אידישע סאָלדאַטען צו אַרבייטען, כאָטש דער קאָמאַנדיר פון רעגימענט האָט זיי בעפרייט פון בעשעפטיגונגען. אידען פלעגט יעפרעמאָוו שטענדיג גרויזאַם בעשטראָפען, זאָגענדיג, אַז ער וועט „אויסראָטען אַלע זשידעס", „מאַכען אַ סוף צו זייערע יום־טובים", א. ד. גל. דעם 13־טען אָקטאָבער איז ער געקומען אין די וואַרשטאַטען און גענומען, אָהן שום זינד, שמייסען מיט ריטער דעם אידישען סאָלדאַט מאיר דינין. דערביי האָט ער זיך אַ קעהר געטהאָן צו פסח שקאָבלע'ן און געזאָגט, אַז איהם וועט ער גלייך אַזוי אָבשמייסען, דאָס מען וועט איהם אויף אַ ליילעך אַוועקטראָגען אין שפיטאָל. שקאָבלע איז צוגעגאַנגען צום אָפיציר און געבעטען, ער זאָל רחמנות האָבען. יעפרעמאָוו האָט ווידערהאָלט זיינס און גענומען שלאָגען שקאָבלע'ן מיט'ן קולאַק אין געזיכט. האָט שקאָבלע ניט אויסגעהאַלטען: ער האָט זיך פלוצלינג אַ וואָרף געטהאָן אויף יעפרעמאָוו'ן און אַראָפּגעריסען דעם עפּאָלעט פון אָפיציר'ס רעכטען אַקסעל. האַלטענדיג דעם עפּאָלעט אין דער האַנד, איז שקאָבלע אַוועקגעלאָפען צום קאָמאַנדיר פון רעגימענט און געזאָגט, וואָס ער האָט אָבגעטהאָן. ביים פערהער האָט ער ערקלערט, אַז דער אָפיציר יעפרעמאָוו האָט איהם אַריינגעבראַכט אין פערצווייפלונג, שטענדיג פייניגענדיג איהם און בעליידיגענדיג זיינע רעליגיעזע געפיהלען. דאָס מיליטערישע געריכט האָט פסח שקאָבלע'ן פער'משפט צו טרייבען דורכ'ן „סטראָי", געבען טויזענד קלעפּ, דערנאָך פערשיקען אויף שטענדיג

אין אַרעסטאַנטסקע ראָטעס, און דעם 22־טען אויגוסט 1846 האָט דער קייזער ניקאָלאַי דער 1־טער דעם אורטייל בעשטעטיגט [11]).

ס'פאַרשטעהט זיך, אַז ניט אַלע אָפיצירען זיינען געווען אַזעלכע, ווי יעפרעמאָוו. אין אַנדערע רעגימענטען האָבען די אידישע זעלנער געהאַט די מעגליכקייט צו דינגען ערגיץ־וואו אַ צימער און דאַוונען אינאיינעם, אויסקלייבענדיג פון צווישען זיך אַ געניטען אין רעליגיעזע אַנגעלעגענ־הייטען, אויף צו ערפיהלען די פליכטען פון אַ רב. פון דאַנען האָבען עס זיך גענומען די „סאָלדאַטסקע מנינים", וואָס האָבען עקזיסטירט אין די רוסישע שטעדט, וואו עס איז געווען אַ רעכטע צאָהל אידישע זעלנער. די קאָמאַנדירען פון אַנדערע קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען פלעגען אין צייט ערלויבען די אידישע אינגלעך צו געהן אום שבת אָדער יום־טוב דאַוונען אין סאָלדאַטסקען מנין. פאַר די קליינע קאַנטאָניסטען איז דאָס געווען אַ מין ליכטיגער שטראַהל אין זייער פינסטערען לעבען. זיי האָבען זיך דאָ געטראָפען מיט די דערוואַקסענע אידישע זעלנער, וועלכע פלעגען זיך צו זיי פערהאַלטען מיט זאָרג און מיטלייד; זיי האָבען זיך כאָטש אַ ווייל־ע געפונען אין אַן היימישער אַטמאָספערע, געשפירט דעם טעם פון אַ אידי־שען יום־טוב.

דאָס האָט אָבער ניט געשטימט מיט די שטרעבונגען פון די מיסיאָ־נערען, און זיי האָבען געגען דעם ענערגיש פּראָטעסטירט. דער טאָבאָל־סקער אַרכיערעיי וולאַדימיר פאָדערט אין זיין ראַפּאָרט צו גראַף פּראָטאָ־סאָוו'ן, פון 21־טען נאָוועמבער 1844, „מען זאָל פערוועהרען די קאַנטאָ־ניסטען צו געהן דאַוונען אין דער זשידאָווסקער שוהל (פון די סאָלדאַטען), וואָס איז דאָ אין טאָבאָלסק מעהר עהנליך אויף אַ קרעטשמע, איידער אויף אַן אָרט, וואו מען דאַוונט". אין זיין בעריכט פון 5־טען אָקטאָבער 1844, צום סינאָד, שרייבט דער פּעטערבורגער מיטראָפּאָליט אַנטאָני, אַז לויט דער מעלדונג פון דעם גלח גאָלוביאָוו געפינען זיך אין רעוועלער האַלב־באַטאַליאָן נאָך 32 אידישע קאַנטאָניסטען, וואָס זיינען ניט גע'שמד'ט, און אַלע זייערע בעמיהונגען בלייבען אָהן ערפאָלג. זיי ווילען זיך ניט אונטער־געבען; „זייער שטייפקייט ערקלערט זיך, לויט זיין מיינונג, הויפּטזעכליך דערמיט, וואָס די דאָרטיגע מיליטערישע „נאַטשאַלסטווע" ערלויבט די קאַנטאָניסטען אום יום־טוב געהן דאַוונען אין „קהל", וואָס בעשטעהט אין רעוועל פון אַ סך אידישע סאָלדאַטען, וועלכע דיענען אין פערשידענע מיליטער־אַבטיילונגען; דאָ זעהן זיך די קאַנטאָניסטען מיט זייערע גלויבענס־ברידער און הערען פון זיי אַלערליי פאַנטאַסטישע פערשפּרע־

[11]) А. Любавскій. Русскіе уголовные процессы, т. IV, 257—260.

כונגען און נאַרישע סטראַשונקעס, וואָס זייער ציעל איז — צובינדען די קינדער צו זייער פאַלשען גלויבען".

די נאָכאַנאַנדיגע פּראָטעסטען און יללות פון די אַרכיערייען און גלחים זיינען ניט געבליבען אָהן רעזולטאַט. גראַף פּראָטאַסאָוו האָט פער־פיהרט וועגען דעם אונטערהאַנדלונגען מיט דעם קריעגס־מיניסטער, און דעם 21־טען פעברואַר 1845 האָט ניקאָלאַי דער 1־טער געגעבען אַ געהיימען בעפעהל:

„פערווערען שטילערהייד אַבצולאָזען די אידישע קאַנטאָניס־טען, אויף צו דאַווענען, אין די שוהלען אָדער אין די אַלגעמיינע אידישע פערזאַמלונגען, ערלויבענדיג זיי אָבצוריכטען זייער גאָטעס־דיענסט נור אין די אַנשטאַלטען גופא, אונטער דער אויפזיכט פון אַן אָפיציר אָדער אַ לעהרער".

די פעראָרדנונג איז ערגיץ ניט פובליקירט געוואָרען, מען האָט בלויז וועגען איהר אינהאַלט בסוד מיטגעטיילט די קאָמאַנדירען פון די קאַנטאָ־ניסטישע אַנשטאַלטען. דער ערשטער פונקט פונ'ם קייזערליכען בעפעהל איז שטרענג ערפיהלט געוואָרען — פון איצט אָן זיינען די סאָלדאַטסקע מנינים שוין אומעטום פאַר די קאַנטאָניסטען געווען געשלאָסען. וואָס אַנבאַלאַנגט אָבער דעם צווייטען פונקט, איז ער פערבליבען נור אויפ'ן פאַפּיר: דאַווענען אַפילו אין די אַנשטאַלטען האָט מען די אידישע קאַנטאָ־ניסטען ניט ערלויבט.

די אַלע מיטלען פון פסיכישען צוואַנג, אויף וועלכע מיר האָבען דאָ אָנגעוויזען, האָבען געציעלט אָבצורייסען דעם קאַנטאָניסט פון אידישקייט, דערוויטערן איהם פון אידען, אויסמעקען אין זיין זכרון אַלע ערינערונ־גען וועגען דער אַמאָליגער היים. זיי האָבען געהאַט, אַזוי צו זאָגען, אַ נעגאַטיווע אויפגאַבע. ווי מיר וועלען זעהן ווייטער, פלעגט מען אָבער גלייכצייטיג כסדר אַנווענדען אויך פּאָזיטיווע מיטלען פון גייסטיגען צוואַנג, דורך וועלכע מען האָט געשטרעבט צו דערנעהנטערן די אידישע קינדער צום קריסטליכען גלויבען, שטויסען זיי צו איהם.

●

.VII

דער צוואַנג צו לערנען די דאָגמאַטען פון קריסטליכען גלויבען. — מען פלעגט די אידישע קאַנטאָניסטען פיהרען צום גאָטעס-דיענסט אין די צערקוועס. — די רעליגיעזע בעלעהרונגען. — די שטענדיגע אויפזיכט. — די סטראַשונקעס.

די מיסיאָנערישע פּראָפּאַגאַנדע פלעגט דערהויפּט געפיהרט ווערען דורך די גלחים, וואָס האָבען געאַרבייט אַלס רעליגיאָנס-לעהרער אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען. אַ קורצע צייט נאָך ניקאָלאַי׳ס געהיימען בעפעהל, מען זאָל אָנהויבען סיסטעמאַטיש טויפען די קליינע אידישע רעקרוטען, איז אַרויס (אין יאַנואַר 1844) אַ קייזערליכע פעראָרדנונג וועגען פערגרעסערן די צאָהל גלחים (לעהרער פון רעליגיאָן) אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען, אויך העכערן זייער געהאַלט. פון איצט אָן האָט יעדע ראָטע אָדער האַלב-באַטאַליאָן געהאַט ביי זיך אַ גלח, און יעדער באַטאַליאָן — גאַנצע צוויי. דאָס, וואָס מען האָט צוגעגעבען נאָך רעליגיאָנס-לעהרער, איז ניט געשעהן דערפאַר, ווייל עס זאָל זיך האָבען פערשטאַרקט די צאָהל קריסטליכע קאַנטאָניסטען. ווי אונזערע לעזער ווייסען, האָט אין ניקאָלאַי׳ס צייטען די רעגירונג, פערקעהרט, געשטרעבט אַריינצונעהמען וואָס ווייניגער רוסישע סאָלדאַטסקע זיהן אין די מיליטערישע אַנשטאַלטען און וואָס מעהר איבערצולאָזען זיי אויף ערציהונג ביי די עלטערן אין דער-היים. די פערגרעסערונג פון דער צאָהל גלחים האָט דאָ געהאַט אַן אַנדער ערקלערונג. זי איז דורך ניקאָלאַי דעם ערשטען פאָרגעשריבען געוואָרען מיט דעם איינ-ציגען ציעל — צו פערשטאַרקען די מיסיאָנערישע פּראָפּאַגאַנדע צווישען די אידישע קאַנטאָניסטען. וויבאַלד דער קייזער האָט געפאָדערט, מען זאָל פון איצט אָן טויפען וואָס מעהר אידישע קאַנטאָניסטען, האָט ער, נאַ-טירליך, געפונען פאַר נויטיג צו פערגרעסערן צי צאָהל מיסיאָנערען, אויך פערשטאַרקען זייער פערלאַנג צו אַרבייטען דורך הויבען זייער לוין.

אָפיציעל, אויף דעם פּאַפּיר, האָט דאָס געזעץ, ווי מיר ווייסען, קאַ-ווירט פאַר די אידישע שילער פולע גלויבענס-פרייהייט. „די אידישע קינדער, וואָס קומען אָן אין די אַלגעמיינע שולען, ווערען דאָ ניט גע-צוואונגען זיי זאָלען ענדערן זייער רעליגיע, און זיי זיינען ניט פערפליכטעט צו בעזוכען די קלאַסען, וואו עס ווערט געלערענט דער קריסטליכער

גלויבען״—אזוי האָט פאַרגעשריבען דער פאַראַגראַף 16 פון דעם „רעגלאַ־מענט וועגען אידען״ פון יאָהר 1835. אין די רעגירונגס־קרייזען האָט מען אָבער גוט געוואוסט, ווי ווייניג ערנסט עס ווערט מיט דעם געמיינט. האָט דאָס קריעגס־מיניסטעריום זיך גאַנץ ווייניג גערעכענט מיט דער בפירוש׳ער געזעץ־בעשטימונג, וואָס מיר האָבען אָקאָרשט געבראַכט. דעם 3־טען נאָ־ווועמבער 1844 האָט די הויפּט־פּערוואַלטונג איבער די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען אָפיציעל מיטגעטיילט דעם אָבער־פּראָקוראָר פון סינאָד גראַף פּראָטאַסאָוו׳ן, דאָס זי האָט לויט׳ן בעפעהל פונ׳ם קריעגס־מיניסטער אָבגעגעבען אַ פעראָרדנונג, אַז די אידישע קאַנטאָניסטען מוזען זיך שטענ־דיג געפינען אין די קלאַסען, וואו די גלחים לערנען די קריסטליכע שילער דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען. אין דער ווירקליכקייט האָט דאָס געהייסען: מען האָט די אידישע קינדער געצוואונגען צו שטודירען די פּראַוואָסלאַוונע גלויבענס־לעהרע. אַז פּאַקטיש איז טאַקע אזוי געווען אין אַלע קאַנטאָ־ניסטישע אַנשטאַלטען, דאָס געפינען ניט פּאַר נויטיג צו בעהאַלטען אַפילו די אָפיציעלע ראַפּאָרטען.

דער טאָבאָלסקער אַרכיערעי שרייבט, למשל, דעם 31־טען דעצעמבער 1845 צום סינאָדאַלען אָבער־פּראָקוראָר: „דער קאָמאַנדיר פון אָמסקער באַטאַליאָן גאַווּרילענקאָוו האָט מיר אין זיין בעריכט מיטגעטיילט, אַז כדי צו בעקעהרען די אידישע קאַנטאָניסטען צום פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען, בע־קומען זיי וועכענטליך אין בעשטימטע שטונדען רעליגיעזע בעלעהרונגען פון די גלחים, וועלכע מיהען זיך שטאַרק זיי צו איבערצייגען אין דער ריכ־טיגקייט פון דער פּראַוואָסלאַוונער אמונה און אין דער פאַלשקייט פון דער אידישער״. אַז די אידישע אינגלעך אין סמאָלענסקער באַטאַליאָן מוזען לערנען אינאיינעם מיט די קריסטען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען, דעם „זאַקאָן באָזשי״, וועגען דעם דערמאָנט אין זיין ראַפּאָרט פון 19־טען אָקטאָ־בער 1844 אויך דער סמאָלענסקער אַרכיערעי טימאָפיי. נאָך קלאָרער שרייבט דער פּערמער אַרכיערעי אַרקאַדי אין זיין בעריכט, פון 17־טען אָקטאָבער, 1844, צו גראַף פּראָטאַסאָוו׳ן: „אין פּערמער באַטאַליאָנען בעזוכען די אידישע קאַנטאָניסטען, צוזאַמען מיט די קריסטליכע, די קלאַ־סען פון „זאַקאָן באָזשי״; זיי בעקומען דאָ פּראַוואָסלאַוונע ערקלערונגען וועגען דעם קריסטליכען גלויבען און לערנען אויף אויסווייניג די „אוראָ־קעס״ (אססיינמענטס) אין דער קריסטליכער לעהרע, וואָס מען גיט זיי אויף״. ווי מיר זעהען אַלזאָ, האָט מען ניט געמאַכט קיין שום סוד פון דעם, וואָס מען צווינגט — געגען דעם קלאָרען פערבאָט פון געזעץ! — די אידישע קינדער צו שטודירען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען. דער פּע־טערבורגער מיטראָפּאָליט אַנטאָני האָט אין יאָהר 1844 אַפילו געגעבען דעם גלח פון רעוועלער האַלב־באַטאַליאָן אַ בעזונדער אינסטרוקציע ווי

אַזוי יענער זאָל אָט דעם לימוד פיהרען: „דער גלח, האָט איהם דער מיטראָפּאָליט צווישען אַנדערע זאַכען פאָרגעשריבען, דאַרף אין דעם קלאַס פון רעליגיאָן זיך ניט בענוגענען בלויז מיט ערקלערונגען פאַר די פּראַוואָ־סלאַוונע שילער; ער מוז זעהן ווירקען אויך אויף די אידישע שילער, וואָס געפינען זיך דערביי; ער דאַרף דעריבער אַריינפלעכטען אין די בע־לעהרונגען, וועלכע ער גיט די פּראַוואָסלאַוונע, אַזוינע געדאַנקען און בעמערקונגען, וואָס האָבען אַ שייכות צו אידען, אויך דירעקט ווענדען זיך מיט זיינע רייד צו די אידישע שילער".

מיט׳ן נויטען די אידישע קאַנטאָניסטען צו לערנען די דאָגמאַטען פון דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען איז מען אָבער ניט יוצא געווען. אין זיין פאָרשלאַג צום סינאָדאַלען אָבער־פּראָקוראָר, פון 3־טען נאָוועמבער 1844, האָט דער קריעגס־מיניסטעריום אָנגעוויזען, אַז „עס וואָלט געווען וויג־שענסווערטה צו פערפליכטען די גלחים, זיי זאָלען, אויסער דעם לימוד פון פּראַוואָסלאַוונען גלויבען אין די קלאַסען, נאָך פיהרען אין דער פרייער צייט געשפּרעכען מיט די אידישע קאַנטאָניסטען, ניט ווייניגער ווי פיער שטונדען וועכענטליך". עס פערשטעהט זיך, אַז דער פערלאַנג פון דעם קריעגס־מיניסטעריום איז באַלד ערפילט געוואָרען. „אין די פערמער באַטאַליאָנען, — אַזוי שרייבט אין זיין בעריכט דער אַרכיערייַ אַרקאַדי, — פיהרט מען די אידישע קאַנטאָניסטען טעגליך, פינף דעם זייגער אין אָווענד, צו דעם קאָמאַנדיר אַהיים אויף רעליגיעזע בעלעהרונגען (וועלכע זיי בעקומען פון די גלחים). דאָ גיט מען זיי ערקלערונגען וועגען די נביאות און פעראויסזאָגונגען, וואָס געפינען זיך אין אַלטען טעסטאַמענט (תנ"ך) און וואָס זיינען פערווירקליכט געוואָרען אין דער פּערזאָן פון יעזוס קריסטוס; וועגען דער געטליכער דערהויבענקייט און ריינקייט פון דער קריסטליכער לעהרע; וועגען די טעות׳ן פון די רבנים און די אידישע אַבערגלויבענס בכלל, א. אַז. וו. מיט איין וואָרט — מען רעדט דאָ וועגען אַלץ, וואָס עס פאָדערט די טובה פון די אידישע קאַנטאָניסטען און די שטרעבונג פון די רעליגיאָנס־לעהרער. און אָט די געשפּרעכען מיט די אידישע קאַנטאָניסטען האָבען נאָך אַ גרעסערע ווירקונג, ווייל ד ע ר ק אָ מ אַ נ ד י ר אַליין ב ע ט י י ל י ג ט ז י ך א י ן ז י י ה ע כ ס ט א י י פ ע ר י ג".

דאָסזעלבע איז אויך פאָרגעקומען אין די אַנדערע אַנשטאַלטען. אין אַרכאַנגעלסק, צום ביישפּיעל, האָט מען מיט די אידישע קאַנטאָניסטען געלייענט „נוצליכע (רעליגיעזע) ביכער". אין אָמסקער באַטאַליאָן האָט מען די אידישע קינדער יעדען זונטאָג פערזאַמעלט אויף אַ פּרעדיגט, וואָס עס האָט פאַר זיי געהאַלטען דער גלח. מיט דער מיסיאָנערישער אַרבייט האָבען זיך פערנומען ניט נור די רעליגיאָנס־לעהרער, נור אויך די העכערע

גייסטליכע. ווי דער טאָמסקער אַרכיערײ אַפאַנאַסי מעלדעט אין זיין בעריכט פון 9־טען יולי 1845, פלעגט מען צו איהם ברײנגען אויף רעלי־גיעזע געשפּרעכען אידישע קאַנטאָניסטען, צו צוואַנציג־דרייסיג קינדער. די רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע האָבען געפיהרט אויך די אָפיצירען. ווי מיר האָבען אָקאָרשט געזעהן, פלעגט דער קאָמאַנדיר פון די פערמער באַטאַ־ליאָנען נעהמען אַן אײפעריגען אַנטייל אין די בעלעהרונגען, וואָס די אידישע קאַנטאָניסטען האָבען יעדען אָוועגד ביי איהם אין דער־היים געקראָגען פון די גלחים. אַזוי האָבען געהאַנדעלט די אָפיצירען אויך אין די אַנדערע אַנשטאַלטען. אי די גייסטליכע, אי די מיליטערישע בעאַמטע האָבען דאָך געוואוסט, אַז דאָס איז דער בעסטער וועג אויף אויסצודיענען זיך, און אַז זייער מיסיאָנערישער פלייס וועט בעלוינט ווערען.

די פּסיכישע צוואַנג־מיטלען, וואָס מיר האָבען דאָ אויסגערעכענט, זיינען נאָך ניט געווען גענוג. האָט מען די אידישע קינדער מיט געוואַלט געשלעפּט צום קריסטליכען גאָטעס־דיענסט. „די היגע אידישע קאַנטאָניסטען, —לייענען מיר אין בעריכט פון פערמער אַרכיערײ אַרקאַדי (נאָוועמבער 1844), — פיהרט מען צום גאָטעסדיענסט אין די פּראַוואָסלאַוונע קירכען, בעזונדערס אין די טעג פון גרויסע יום־טובים. די אינעווייניגסטע שיינקייט פון די צערקווען, די פייערליכקייט און פּראַקטיגקייט פון דעם גאָטעס־דיענסט, — דאָס אַלץ מוז מאַכען אויף זייערע הערצער אַ טיפע ווירקונג". אין די פערמער באַטאַליאָנען האָט מען, אַלס צוגאָב צום געוועהנליכען גאָטעס־דיענסט, איינגעפיהרט נאָך תפילות אין דערפריה און אין אָוועגט, פאַר און נאָך די מיליטערישע איבונגען, פאַר'ן עסען און נאָך איהם, — און די אידישע קאַנאָטניסטען האָבען זיך געמוזט געפינען ביי אָט די אַלע תפילות. אויך דער טאָבאָלסקער אַרכיערײ געאָרגי בעריכטעט (דעצעמבער 1845), אַז די אידישע קאַנטאָניסטען אין אָמסק און טאָבאָלסק בעזוכען יעדען זונטאג דעם פּראַוואָסלאַוונעם גאָטעס־דיענסט. און דער טאָמסקער אַרכיערײ אַפאַנאַסי שרייבט אין זיין בריף צו גראַף פּראָטאַסאָוו'ן: „זאָר־געגדיג וועגען דעם הייליגען ענין פון בעקעהרען די היגע אידישע קאַנטאָ־ניסטען צום פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען, לאָז איך זיי צו צום גאָטעסדיענסט, ווען איך ריכט איהם אַליין אָב."

מען האָט אויך אַכטונג געגעבען, די אידישע אינגלעך זאָלען וואָס ווייניגער איינער מיט דעם אַנדערען האָבען צו טהאָן און ניט פיהרען צווישען זיך געשפּרעכען, בעזונדערס וועגען רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען. אין אַרכאַנגעלסק, ווי אויך אין אַנדערע שטעדט, האָט מען די אידישע קאַנ־טאָניסטען ניט ערלויבט צו זיצען ביי די בעשעפטיגונגען אין קלאַס איינער נעבען דעם אַנדערען. די אידישע קאַנטאָניסטען זיינען, נאַטירליך, ניט אַלע געווען צווישען זיך גלייך. ס'זיינען דאָ געווען עלטערע און אינגערע;

מעהר אָדער ווייניגער בעהאַווענטע אין חומש, אין אידישע דינים, און אונוויסענדע; פרומע און גלייכגילטיגע צו רעליגיעזע ענינים; איינגלעך מיט אַ פעסטען כאַראַקטער און מילדע, א. ד. גל. פלעגט מען זיי סיסטע־מאַטיש אָבזונדערען, כדי די איינע זאָלען ניט האָבען קיין „שעדליכען" איינפלוס אויף די אַנדערע. בעזונדערס האָט מען געזאָרגט אָבצוטהיילען די פערשידענע גרופעס ביי די מיסיאָנערישע בעלעהרונגען. „די גלחים, האָט אָנגעוויזען דער סאַראַטאָווער אַרכיערריי יאַקאָוו, מוזען פיהרען זייערע געשפּרעכען מיט יענע קאַנטאָניסטען, וואָס האָבען יאָ אַ ידיעה אין אידישען גלויבען, אַזוי אַז דערביי זאָלען זיך די אונוויסענדע ניט געפינען; ווייל די טענות פון די ערשטע קאָנען האָבען אויף זיי אַ שלעכטע ווירקונג." ווי עס ווייזט אויס, האָבען די אידישע איינגלעך גאַר אָפט געשטעלט די אונגעבילדעטע און ווייניג־ענטוויקעלטע מיסיאָנערען אַזעלכע האַרבע קשיות, דאָס יענע פלעגען ניט וויסען וואָס דערויף צו זאָגען. אין זיין בעריכט צו גראַף פּראָטאָסאָוו'ן, פון 4־טען דעצעמבער 1844, בעקלאָגט זיך, צום ביישפּיעל, דער קאַזאַנער אַרכיערריי וולאַדימיר: „ביי די בע־שעפטיגונגען בריינגען פיעל אידישע קאַנטאָניסטען ניט זעלטען פון תנ"ך אַזוינע ראיות און בעווייזען געגען דעם גלויבען אין קריסטוס'ן, אויף וועלכע עס איז פאַר די גלחים שווער צו געבען אַ געהעריגען ענטפער, ווייל זיי האָבען ניט קיין נויטיגע ביכער." דעריבער האָט ער געבעטען, מען זאָל איהם פון סינאָד אַרויסשיקען מיסיאָנערישע ליטעראַטור, אויף צו פערטיי־לען צווישען די גלחים. שטאַרק אָבזונדערען פלעגט מען די „האַרטנעקיגע" פון די נאָכגיביגע, יענע זאָלען זיי ניט „פערדאַרבען" מיט זייער שלעכטען ביישפּיעל. געהאַלטען האָט מען זיך אָן דעם כלל, אַז מיט די מיסיאָנערישע איבערצייגונגען דאַרף מען קומען „אונגעריכטערהייד", כדי צו כאַפּען דעם אידישען קאַנטאָניסט „אַ ניט־צוגעגרייטען צו ווידערשטאַנד", — פונקט ווי עס וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ מיליטערישען אָנפאַל אויף דעם שונא... אויך האָט מען די גלחים רעקאָמענדירט, זיי זאָלען זייערע געשפּרעכען פיהרען ניט מיט גאַנצע גרופּעס קאַנטאָניסטען, נאָר מיט יעדען איינציגווייז; ווייל אַז מ'כאַפּט און מ'זעצט זיך אָן אויף אַ איינגעל, ווען ער איז דאָ איינער אַליין און ריכט זיך גאַרניט דערויף, „דאַן קאָן מען ווירקען שטאַרקער, מיט מעהר ערפאָלג" — אַזוי גיט צו פערשטעהן אָפען און ציניש דער סאַראַטאָווער אַרכיערריי יאַקאָוו אין זיין בריף צום סינאָ־דאַלען אָבער־פּראָקוראָר.

בכלל האָבען זיך די אידישע קאַנטאָניסטען געפונען אונטער אַ שטענ־דיגער אויפזיכט. פון די „דיאַדקעס" און „קאַפּראַלען" ביז די גלחים און אָפיצירען, האָבען אַלע אויף זיי בעזונדערס שטרענג אַכטונג געגעבען און אויסגענוצט יעדע מינדעסטע געלעגענהייט, כדי זיי איינצורעדען, זיי

זאָלען זיך שמד'ן. שפּיאָנעריי געגען די אידישע קינדער איז געווען די געוועהנליכסטע זאַך. זי פלעגט געברויכט ווערען כסדר, און אַפּילו די העכסטע גייסטליכע האָבען גערעכענט פאַר איבעריג עס צו בעהאַלטען. דער פּעטערבורגער מיטראָפּאָליט אַנטאָני, צום ביישפּיעל, שעמט זיך ניט מיטצוטיילען דעם סינאָד (אָקטאָבער 1844), אַז ער האָט געהייסען דעם גלח פון רעוועלער האַלב־באַטאַליאָן, גאָלוביאָוו'ן, יענער זאָל זיך מיהען ווי עס איז „אַרויסצוקריגען" ביי די אידישע קאַנטאָניסטען: וועגען וואָס עס שמועסען מיט זיי די אידען, מיט וועלכע זיי טרעפען זיך ווען־עס־איז אין שטאָדט? — און אויב דעם גלח אַליין וועט זיך דאָס ניט איינגעבען, זאָל ער אויסשפּירען דורך יענע קאַנטאָניסטען, וואָס האָבען זיך שוין געטויפט. אי די אַרכיערייען, אי די מיסיאָנערען האָבען געהאַלטען, אַז מיט „בעלעהרונג", מיט'ן פיהרען די אידישע קינדער צום קריסטליכען גאָטעסדיענסט און מיט אַנדערע אַזוינע מיטלען קאָן מען קיין גרויסען ערפאָלג ניט האָבען. דעריבער האָבען זיי שטענדיג גע'טענה'ט, אַז מען דאַרף די אידישע קאַנטאָניסטען צוציהען צום פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען אויך דורך פערשידענע פּריווילעגיעס, וואָס זאָלען געגעבען ווערען די געטויפטע, דאָס הייסט, פּשוט גערעדט: אונטערקויפען זיי. דער טאָבאָל־סקער אַרכיעריי וולאַדימיר האָט אָנגעוויזען גראַף פּראָטאַסאָוו'ן (אין זיין בריף פון 29־טען נאָוועמבער 1844), אַז כדי צו בעשאַפען ביי די אידישע קאַנטאָניסטען מעהר חשק אָבצוזאָגען זיך פון זייער גלויבען, „מוז מען יעדערען פון זיי, וואָס וועט זיך טויפען, געבען כאָטש אַ קליינע געלד־שטיצע". „געוויס, — בעמערקט ער דערביי עכט יעזואיטיש, — דאָס איז ניט אַ גאָר ריין מיטעל; אָבער אין אָט דעם פאַל קאָן דאָס זיין ווירק־זאַם און דערלאָזבאַר"... דאָס זעלבע האָט פאָרגעלעגט אויך דער סאַראַ־טאָווער אַרכיעריי יאַקאָוו (דעצעמבער 1844): לויט זיין מיינונג, דאַרף יעדער געטויפטער קאַנטאָניסט בעקומען 25 רובעל. אויסער דעם, האָט ער רעקאָמענדירט, מען זאָל די בעסערע פון די קאַנטאָניסטען משומדים בע־שטימען פאַר אונטער־אָפיצירען, אויך פאַרקירצען פאַר זיי דעם טערמין פון מיליטער־דיענסט.

אַן אַלגעמיינעם בעגריף וועגען דעם גייסטיגען צוואַנג, אונטער וועל־כען עס זיינען געשטאַנען די אידישע קאַנטאָניסטען, גיבען אונז בעריכטען פון דעם אַרכיעריי געאָרגי (אָקטאָבער—נאָוועמבער 1844). ער בעשרייבט דאָ אַזוי דעם רעזשים, וואָס ווערט אָנגעווענדט אין אַרכאַנגעלסקער האַלב־באַטאַליאָן ספּעציעל צו די אידישע קינדער:

„1) מען גיט דאָ שטענדיג אַכטונג אויפ'ן אויפפיהר פון די אידישע קאַנטאָניסטען, און דערביי גיט מען זיי ווי מיט בעדויערן ביי יעדען

פּאַסיגען צופאַל צו פערשטעהן, ווי שווערליך עס איז פאַר זיי דאָס, וואָס זיי ווייכען אויס דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען.

„2) ווי עס קומט נור אַ פּאַסיגע געלעגענהייט פאַרשט מען אויס, אויף ווי ווייט יעדערער פון זיי איז האַרטנעקיג. די מעהר האַרטנעקיגע ווערען אַבגעטיילט פון די אַנדערע, און זיי בעקומען בעזונדערע בעלעה־רונגען.

„3) ביי קיין שום בעשעפטיגונגען אָדער איבונגען ווערט די אידישע קאַנטאָניסטען ניט ערלויבט צו געפינען זיך איינער נעבען דעם אַנדערען.

„4) די קאַנטאָניסטען, וואָס האָבען זיך געטויפט, ווערען בעהאַנדעלט ווייניגער שטרענג; מען לאָזט זיי צייטענווייז אָב אין שטאָדט; די לעהרער בעגעהן זיך מיט זיי בעזונדערס מילד — און דאָס אַלץ ווערט געטהאָן אַזוי, אַז די אידען זאָלען עס קלאָר מערקען.

„5) אַלע אידישע קאַנטאָניסטען בעשעפטיגען זיך אין בעשטימטע שטונדען, אונטער דער אויפזיכט פון אַן אָפיציר, מיט לערנען דאָס בוך „דער גלויבען פון אַ געטויפטען איד" און אַנדערע אַזעלכע ווערק.

„6) אויסער דעם, זיינען אַלע אידישע קאַנטאָניסטען איינגעטיילט אונטער אַ בעזונדערער אויפזיכט פון לעהרער און אונטער־אָפיצירען, אַזוי אַז יעדער אויפזעהער זאָל זיך עטליכע מאָל אין טאָג זעהן מיט יענעם אידישען קאַנטאָניסט, אויף וועלכען ער מוז געבען אַכטונג, פיהרען מיט איהם געשפּרעכען וועגען טויפען זיך, ערקונדיגען זיך וועגען אַלע זיינע האַנדלונגען, מאָראַלישע אייגענשאַפטען און נייגונגען."

זעלבסטפערשטענדליך, דערצעהלען די אָפיציעלע בעריכטען דאָ ניט אַלץ אַפילו וועגען דעם גייסטיגען דרוק, וואָס איז אַנגעווענדעט געוואָרען געגען די אידישע קינדער. זיי פערשווייגען, צום ביישפּיעל, אַז מען פלעגט שטענדיג זעהן אַנוואַרפען אויף די אינגלעך אַ שרעק און זיי טעראָריזירען דורך פערשידענע סטראַשונגעס. „מען האָט זיך צו אונז כסדר געטשעפּעט, זאָגט אַ אידישער קאַנטאָניסט פון אַרכאַנגעלסק, מ. שפּיגעל: טאָג־טעגליך האָט מען זיך אָן אונז נוקם געווען, כדי מיר זאָלען זיין געהאַרכזאַם, ווען מען רעדט אונז צו מיר זאָלען זיך שמד'ן" [1]). מען פלעגט, למשל, אויס־טראַכטען אויף די אידישע קינדער די ערגסטע בלבולים און צוגלייך זיי אָנווייזען, אַז דאָס איינציגע, וואָס קאָן זיי ראַטעווען, איז — טויפען זיך. דערביי האָט מען זיך ניט אָבגעשטעלט פאַר די גראָבסטע פּראָוואָקאַציעס. „אין אונזער באַטאַליאָן, דערצעהלט אַן אירקוטסקער קאַנטאָניסט, פלעגט מען אונז אַרויסגעבען „קאַזיאָנע" קליידער אויף אַ גאַנצען יאָהר און הייסען יעדערען האַלטען זיי ביי זיך אין קאַסטען. כאַפּט זיך אויף דאָס אידישע אינגעל אין דער פריה — ערשט ס'איז ניטאָ קיין איינציגע זאַך

[1]) Евр. Стар. 1911 г., II, 256.

פון דער קליידונג: מ׳האָט אַלץ כלומר׳שט אַוועקגע׳גנב׳עט! דעם קליי־נעם קאַנטאָניסט בענעהמט אַ שרעק. קומט צו לויפען דער נאָהענטסטער קאָמאַנדיר — דער „יעפרעיטאָר״, און נעהמט אויסמאָלען פאַר דעם אינגעל, וואָס ציטערט און פלאַטערט, די אַלע שרעקען, וועלכע ערוואַרטען איהם דערפאַר, וואָס ער האָט „אַוועקגע׳פטר׳ט די „קאַזיאָנע״ זאַכען: מ׳וועט איהם שמייסען, טרייבען דורכ׳ן „סטראָי״ א. אַז. וו. דאָס אינגעל בעגיסט זיך מיט טרעהרען, איז פול פערצווייפלונג און בעט זיך ביים „יעפרעיטאָר״, ער זאָל איהם ראַטעווען פון דער בעשטראָפונג. גיט איהם יענער אַ פאָטערליכע עצה: „טויף זיך, וועט די „נאַטשאַלסטווע״ דיר מוחל זיין דיין פערברעכען!״[2]). אין קאַזאַן האָט מען געהאַט נאָך אַן אַנדער אופן צו נויטען די קינדער צום שמד: מען פלעגט זיי ניט לאָזען שלאָפען. דער געטויפטער קאַנטאָניסט יאַקאָוו טערענטיעוו, וועלכען מען האָט גע׳משפט דערפאַר, וואָס ער איז דערנאָך געוואָרען צוריק אַ איד, האָט אין געריכט צווישען אַנדערע זאַכען ערקלערט: „ביי אונז, אין די קאַזאַנער באַטאַליאָנען האָט מען די אידישע קאַנטאָניסטען גאַנצע טעג געטריבען אויף די סאַמע שווערסטע אַרבייט, און ביינאַכט פלעגען קומען די מיסיאָנערען, לייענען רעליגיעזע ביכער און אונז ניט לאָזען שלאָפען, ביז מען האָט מסכים געווען אָנצונעהמען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען. עס האָט געטראָפען, אַז אַנדערע פלעגען איינשלאָפען שטעהענדיגער־הייד״[3]).

ווען די אַלע גייסטיגע מאַטערנישען און סטראַשונקעס האָבען ניט געהאָלפען, און דער אידישער קאַנטאָניסט האָט זיך דאָך ניט אונטערגעגעבען, האָט מען געהאַט נאָך אַ מיטעל: מען פלעגט די בעזונדערס „האַרטנעקיגע״ אינגלעך אַריבערפיהרען אין אַן אַנדער באַטאַליאָן. מיט דעם איז מען אויסען געווען צוויי זאַכען: ערשטענס, זיי זאָלען מעהר ניט ווירקען „שעדליך״ אויף די איבערגעבליבענע אידישע קינדער; און צווייטענס, מען האָט געהאָפט, אַז דאָרטען, אין דער נייער אַנשטאַלט, וועט שוין גרינגער אויסקומען אָבצוטויפען זיי. „ביים בעזוכען דעם טאָמסקר האַלב־באַטאַליאָן, — מעלדעט גראַף פּראָטאַסאָוו׳ן דער טאָבאָלסקער אַרכיערײ וולאַדימיר, דעם 21־טען נאָוועמבער 1844, — האָב איך בעמערקט ביי די דאָרטיגע אידישע קאַנטאָניסטען אַ שטאַרקע גראָבקייט און פערביטערקייט; איך האַלט דעריבער, אַז דאָס נוצליכסטע וואָלט געווען, מען זאָל זיי אַריבערפיהרען אַהער, קיין טאָבאָלסק.״ מיט דער מיסיאָנערישער אַרבייט האָט מען זיך שטאַרק פערנומען אין אַלע אַנשטאַלטען; מעהר ווי אַלע אַנדערע האָבען זיך אָבער אין דער היניזכט אויסגעצייכענט די סאַראַטאָווער

[2]) С. Бейлинъ. Изъ разсказовъ о кантонистахъ, ibid., 116.

[3]) Восходъ 1881 г., IV, 46 ("Судебная хроника").

און פּערמער באַטאַליאָנען. וואָס אנבאַלאַנגט דעם טויף־עניך, זיינען זיי שטענדיג געשטאַנען אין דער שפּיץ. פלעגט מען טאָקע מייסטענס אַהין אַריבערפיהרען די „האַרטנעקיגסטע" אידישע אינגלעך, און דאָרטען האָט מען שוין געוואוסט, ווי אַזוי בייצוקומען זייער ווידערשטאַנד. „גאָט האָט געבענשט מיט ערפאָלג אונזער אַרבייט פון בעקעהרען די קאַנטאָניסטען צום פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען, — בעריכטעט דעם 16־טען אָקטאָבער 1845 דער סאַראַטאָווער אַרכיערײ יאַקאָוו דעם סינאָדאַלען אָבער־פּראָקוראָר: אין די סאַראַטאָווער באַטאַליאָנען האָבען זיך געטויפט 51 אידישע קאַנטאָניסטען — 5 פון זיי האָט מען, לויט דער פּעראָרדנונג פון דעם בריגאַדנעם קאָמאַנדיר, אַריבערגעפיהרט אַהער פון די קאַזאַנער באַטאַליאָנען, ווייל זיי האָבען מיט זייער אַיינגעשפּאַרטקייט געגען פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען שעדליך געווירקט אויף זייערע חברים, און די איבעריגע 46 זיינען אַהער אַריבערגעפיהרט געוואָרען אויך פון די קאַזאַנער באַטאַליאָנען, מיט דער ערלויבניש פונ'ם קריעגס־מיניסטער, פאַר זייער „האַרטנעקיגקייט". דעם 28־טען סעפּטעמבער 1845 האָט מען קיין פּערם געבראַכט פון די קאַזאַנער באַטאַליאָנען אַ גרופּע „האַרטנעקיגע" אידישע קאַנטאָניסטען, — און שוין דעם 31־טען אָקטאָבער האָט דער פּערמער אַרכיערײ אַרקאַדי געהאַט די מעגליכקייט מיטצוטיילען גראַף פּראָטאַסאָוו'ן, אַז 33 פון זיי זיינען אָבגעטויפט געוואָרען.

גרויס און פאַרשידענאַרטיג איז געווען דער גייסטיגער צוואַנג, וואָס האָט ווי אַ שווערער פּרעס געדריקט די אידישע קינדער אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען. די „איבערצייגונגען", וואָס מען פלעגט דאָ אָנווענדען, האָבען ניט געשטימט אַפילו מיט יענער אַלגעמיינער „אינסטרוקציע", וואָס די גלחים האָבען בעקומען פון סינאָד. די „אינסטרוקציע" האָט פאַרגעשריבען די מיסיאָנערען, זיי זאָלען זיך בעגעהן מילד, אָהן שום אַיילעניש, גרינדליך בעקענען זיך מיט דעם כאַראַקטער פון יעדען אידישען קינד און זיינע אייגענשאַפטען, געווינען זיין צוטרוי, ניט אָנהויבען גלייך מיט מיסיאָנערישע רייד, נאָר פערפיהרען פאָרזיכטיג, געלאַסען רעליגיעזע געשפּרעכען, און נור מיט אַ צייט שפּעטער אַריבערגעהן צו דער פראַגע וועגען קריסטליכען גלויבען; און ווען דאָס אידישע אינגעל וועט ענדליך פרייוויליג ערקלערען, אַז ער וויל אָננעמען קריסטענטום, דאַרף ערשט דער מיסיאָנער איהם אָנהויבען צוגרייטען צו דער טויפונג, אויסלערנען איהם די דאָגמאַטען פון דער פּראַוואָסלאַוונער רעליגיע, די תפילות א. ד. גל. און נור נאָכדעם, ווי דער קאַנטאָניסט וועט ווערען אין דעם אַלעם קלאָר, מעג דער גלח איהם טויפען. מען דאַרף ניט ערקלערען, אַז די מיסיאָנערישע אַרבייט, אַפילו אין יענער פאָרם, וואָס דער סינאָד האָט רעקאָמענדירט, איז אַ געוואַלט־טהאָט, וויבאַלד זי ווערט געפיהרט צווישען

קליינע, הילפלאָזע קינדער, וועלכע מען האָט אַרויסגעריסען פון זייערע הויזגעזינדען און פערשליידערט אין אַ ווייטע, פיינדליכע און דערצו נאָך מיליטערישע אומגעבונג. ריידען ביי אַזוינע אומשטענדען וועגען „פריי־וויליגקייט", „מילדקייט" — איז געווען בלויז צביעות. אָבער אין דער ווירקליכקייט איז די „אינסטרוקציע" פערבליבען נור אויפ'ן פאַפיר, קיינער האָט אויף איהר ניט געאַכט, און די גלחים האָבען זיך מיט איהר ניט גערעכענט אַפילו אין זייערע בעריכטען צום סינאָד — זיי האָבען דאָ אָפען גערעדט וועגען די דירעקטע צוואַנגס־מיטלען, וואָס די „אינסטרוקציע" האָט פערוועהרט, און וואָס זיי האָבען דאָך בענוצט. זיי האָבען עס ניט בעהאַלטען, און זיי האָבען געוואוסט, אַז שאַדען וועט דאָס זיי ניט.

ביז אַ געוויסען גראַד איז מען, אַלזאָ, אין די בעריכטען געווען אויפ־ריכטיג. אין דער אמת'ן, אָבער, זיינען די גייסטליכע און מיליטערישע בעאַמטע געגאַנגען פיעל ווייטער, — און דאָס פלעגט מען פערשווייגען.

מיר האָבען אָקאָרשט דערמאָנט, אַז אין סאַראַטאָוו און פערם זיינען באַלד אָבגעטויפט געוואָרען די 86 אידישע קאַנטאָניסטען, וואָס מען האָט אָהער אַריבערגעפיהרט דערפאַר, ווייל זיי האָבען בשום אופן ניט געוואָלט ענדערן זייער גלויבען. מיר געפינען, צום ביישפיעל, אין די אָפיציעלע בעריכטען, אַז אין איין יאָהר 1843 האָט מען געטויפט אין וואָראָניעזש 567 אידישע אינגלעך, און אין אַרכאַנגעלסק — 125 פון דער אַלגעמיינער צאָהל 134; אָדער אַז אין די פערמער באַטאַליאָנען האָט מען אין איין טאָג, דעם 28־טען יוני 1845, אָבגעטויפט אַלע 95 אינגלעך, וואָס מען האָט ערשט מיט איין וואָך פריהער אָהער געבראַכט פון עטליכע אידישע שטעדט. ווען מיר זאָלען אַפילו ניט האָבען קיין זיכערע ידיעות, ווי אַזוי דאָס איז ווירקליך געשעהען, וואָלט ביים בעגעגענען זיך מיט אַזעלכע פאַקטען און ציפערען ניט־ווילענדיג קומען דער געדאַנק, אַז עס קאָן אַבסאָלוט ניט געמאָלט זיין, מען זאָל האָבען אַזאַ גיכען און גרויסען ער־פאָלג דערגרייכט נור דורך גייסטיגען צוואַנג אַליין, ווי האַרב ער זאָל ניט זיין. עס איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז כדי די טויף־אַרבייט זאָל קאָנען געפיהרט ווערען אין אַזאַ ברייטען פערנעהם און מיט אַזאַ האַסטיגקייט, זיינען נויטיג געווען נאָך אַנדערע, פיעל ווירקזאַמערע מיטלען. און אַזוי איז טאַקע אין דער ווירקליכקייט געווען. אינ'ם סיסטעם פון געוואַלט, מיט וועלכען מען פלעגט ברעכען דעם ווידערשטאַנד פון די אידישע אינגלעך און זיי נויטען צום שמד, האָט דער גייסטיגער צוואַנג פערנומען גאָר אַ ווינציגען אָרט. די הויפט־ראָלע האָבען געשפּיעלט — פשוט'ע, פ י ז י ש ע פייניגונגען. מיט וואָס פאַר אַ גרויזאַמקייט זיי פלעגען אָנגע־ווענדט ווערען, — דאָס וועלען מיר באַלד זעהן.

●

.VIII

פיזישע פייניגונגען. — גלחים-תליינים. — שוויץ-בעדער, אלס מיסיאָנעריש מיטעל. — קינדער-מאַרטירער און העלדען.

די קאַמאַנדירען און די גלחים רעדען אין זייערע ראַפּאָרטען אָפען וועגען דעם גייסטיגען צוואַנג, וואָס האָט אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען געהערשט געגען די אידישע אינגלעך. עס פערשטעהט זיך, אַז אין די אָפיציעלע בעריכטען דערמאָהנען זיי קיינמאָל ניט וועגען די קערפּערליכע פּייניגונגען, דורך וועלכע מען פלעגט די קאַנטאָניסטען נויטען צום שמד. מיר געפינען אָבער וועגען דעם גענוג מאַטעריאַל אין די ערצעהלונגען פון אַמאָליגע קאַנטאָניסטען, אויך אין די ערקלערונגען, וואָס זיינען ביי אויספאָרשונגען אָדער אין געריכט געגעבען געוואָרען דורך יענע געטויפטע, וועלכע האָבען זיך שפּעטער אָבגעזאָגט פון פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען און זיך אומגעקעהרט צום אידענטום. זייערע ערקלערונגען זיינען בעזונדערס ריכטיג, ווייל מייסטענס זיינען זיי אויך בעשטעטיגט דורך אָפיציעלע אונטערזוכונגען.

אָט דער מאַטעריאַל גיט אונז אַ קלאָר בילד פון יענע מערדערישע מיטלען, מיט וועלכע מען האָט די אונגליקליכע קינדער געצוואונגען, זיי זאָלען זיך טויפען. „איך וועל ליעבער אָנטהאָן אַ סאָלדאַטסקען „שינעל" (מאַנטעל), געהן דיענען ווי אַ פּראָסטער זעלנער, איידער דערלאָזען, עס זאָל דאָ ביי מיר זיין כאָטש איין איד!" — אַזוי פלעגט שטענדיג זאָגען דער קאָמאַנדיר פון קאַזאַנער באַטאַליאָן[1]. און זיינע ווערטער זיינען כאַראַקטעריסטיש ניט נור פאָר איהם, נאָר פאַר אַלע קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען און זייערע אָנפיהרער. דאָס איז געווען אַ סיסטעם פון געוואַלט, וואָס האָט געהערשט אומעטום אין די באַטאַליאָנען. אַלע קאָמאַנדירען, אָפיצירען און גלחים האָבען געזוכט אַרויסווייזען וואָס מעהר פלייס, אָבטויפען וואָס אַ גרעסערע צאָהל אינגלעך. דאָס איז דאָך געווען דער זיכערסטער וועג אויסצודיענען זיך פאַר דער העכסטער „נאַטשאַלסטווע", בעקומען מעדאַלען און געלד-בעלוינונגען. האָבען זיי זיך, נאַטירליך, ניט אָבגעשטעלט פאַר די גרויזאַמסטע געוואַלט-מיטלען. און די „דיאַדקעס", אונטער-אָפיצירען און פעלדפעבעלס האָבען פלייסיג זיי דערין מיטגעהאָלפען, ווייל יעדער פון זיי האָט גוט געוואוסט, אַז מיט דעם קאָן ער

[1]) Разсвѣтъ, 1881 г., № 17.

זיך בעסער ווי אַלץ אויספּיינען, אויסנעהמען ביי יענעם, וואָס שטעהט איבער איהם.

„דער קאָמאַנדיר פון אונזער ראָטע, דערצעהלט אַ אידישער קאַנטאָניסט, איז געווען אַ ווילדע חיה. גלייך נאָך דעם אָנקומען האָט מען אונז אָנגעהויבען צו שמייסען. און שמייסען פלעגט מען אויף פערשידענע אופנים: אַמאָל מיט געוועהנליכע ריטער; אַמאָל מיט אָנגעווייקטע אין געזאַלצענע וואַסער; מען פלעגט אויך שלאָגען מיט הוילע צווייגען, אָהן בלעטער. און די אַלע פּייניגונגען האָט מען אָנגעווענדט, כדי אונז צו נויטען, מיר זאָלען זיך שמד'ן. „טויף זיך!" — פלעגט דער קאָמאַנדיר פון דער ראָטע שרייען ביי דער פּייניגונג אָדער נאָך איהר: „טויף זיך, אויסוואורף, אַניט וועל איך דיך פערשמייסען אויף טויט!" [2]). אין אירקוטסק האָט מען די קינדער בעזונדערס געפּייניגט ביים באָדען זיך אין טייך. „געוועהנליך פלעגט דער „יעפרעיטאָר" כאַפּען דעם אידישען קאַנטאָניסט פאַר'ן קאָפּ און געשווינד אַבטונקען איהם אין וואַסער אַ 10-15 מאָל נאָכאַנאַנד. דאָס אינגעל פערכלינעט זיך אין וואַסער, וואַרפט זיך, סטאַרעט זיך אַרויסרייסען פון די הענד, — און יענער שרייט צו איהם אַלץ זיינס: „טויף זיך, וועל איך דיך אָפּלאָזען!" „אַ סך פון אונז, שרייבט אַ קאַנטאָניסט פון אירקוטסק, זיינען פון אָט דעם באָדען זיך טויב געוואָרען!" כדי צו צוגעבען דעם קאַנטאָניסט יעקב יערמאָנאָוויטש'ן מעהר „חשק" צו שמד'ן זיך, האָט מען איהם אין אירקוטסקער קאַזאַרמע אַריינגעלייגט אין אַ זאַק, אַראָבגעלאָזט פון אויבערשטען גאָרען און גענומען שלעפּען איהם אַרויף איבער די טרעפּ פאַר אַ שטריק, צו וועלכער דער זאַק איז געווען צוגעבונדען. מען האָט איהם דערביי אַזוי צוקאַליעטשעט, דאָס ער איז נאָך דעם אָבגעלעגען אַ האַלב יאָהר אין שפּיטאָל [3]). אַן אַנדער אינגעל האָט מען אויסגעטהאָן אַ נאַקעטען, אויסגעצויגען אויפ'ן בעט מיט צוגעבונדענע הענד און פיס — און באַקלעפּט איהם מיט אַ פּלאַסטער („שפּאַנישע פליג"), פון וועלכען דער קערפּער איז בעדעקט געוואָרען מיט בלאַטערן, און ס'האָט שרעקליך געביסען [4]). דעם אַרכאַנגעלסקער קאַנטאָניסט נאַקינ'ען פלעגט זיין „דיאַדקע" צווינגען שטעהן אַ לאַנגע צייט אויף די שמאָלע ראַנדען פון צוויי בעטען, וואָס זיינען ווייט געווען אָבגערוקט איינס פון אַנדערען, און דערביי נאָך האַלטען הויך איבער'ן קאָפּ אין יעדער האַנד אַ גאַנץ שווערע קישען. ווען דער אונגליקליכער נאַקין פלעגט בלייבען אָהן כוחות און זיך בעטען ביי דעם „דיאַדקע", ער זאָל איהם אויפהערען

[2]) П. Я. Левенсонъ. "Заколдованный". Восходъ 1884 г., VII, 25.

[3]) Евр. Стар. 1909 г.; III, 116, 118.

[4]) П. Я. Левенсонъ, ibid., 28.

צו פייניגען, האָט ער שטענדיג פון יענעם בעקומען דעם ענטפער: „טויף זיך, זשיד, וועל איך דיך לאָזען צו־רוה!" [5])

די קינדער, וואָס האָבען ניט געוואָלט שמד'ן זיך, פלעגט מען אין די מייסטע אַנשטאַלטען פייניגען אויך דורך שוויץ־בעדער. „מען האָט אונז געבראַכט אין באָד, — זאָגט אַ געוועזענער קאַנטאָניסט, — אויסגעטהאָן אין פאָדערשטען צימער און אַריינגעשטופט אין שוויץ־באָד, וואָס איז געווען זודיג אָנגעהייצט. דאָ האָט מען אונז אַרויפגעטריבען אויף דער סאַמע הויכער טרעפּ און געהייסען דעם בעדער: „גיב צו פּאַרע! נאָך מעהר! גיב צו נאָך! סמאַליע זיי, די חזירים!" פון אויבען האָט געטראָגען אַזאַ געדיכטע פּאַרע, דאָס מען האָט קיין זאַך ניט געזעהן. דער שוויס האָט פון מיר גערונען שטראָמענוויז, דער קערפּער האָט געברענט ווי אין פייער. איך האָב ניט געקאָנט כאַפּען דעם אָטעם, האָב איך מיך אַ לאָז געטהאָן אַרונטער. אָבער די פייניגער האָבען אַלץ פעראויסגעזעהן. אונטען, נעבען דער נידעריגסטער טרעפּ זיינען געשטאַנען סאָלדאַטען מיט בינטלעך ריטער אין די הענד און האָבען אויף אונז אַכטונג געגעבען. ווי נור עמיצער פּרובירט זיך אַראָבצולויפען, אָדער ער קייקעלט זיך פּשוט אַראָב, נעהמט מען איהם גלייך שמייסען. די ריטער שניידען דאָס צעפּאַרעטע לייב גלייך ווי אַ מעסער. אַ צובלוטיגטער לאָזט ער זיך מיט געשריי אַוועק צוריק אויבען אַרויף, אַבי אויסצומיידען די שרעקליכע שמיץ. גאָט מיינער, ס'אַראַ שרעקליכע פּייניגונג דאָס איז געווען! פון אַלע זייטען אַ געדיכטע פּאַרע, קולות, וועה־געשרייען, יללות. עס גיסט זיך בלוט. נאַקעטע קינדער קייקלען זיך אַראָב, פערשלעפּענדיג מיט זיך אין דער פינסטער אויך אַנדערע. און דאָרטען, אונטען, שמייסט מען גרויזאַם; דאָס איז אַן אמת'ער גיהנום. און עס הערען זיך כסדר די הייזעריגע שטימען: „גיב צו נאָך פּאַרע! נאָך! סמאַליע זיי! נו! וואָס, הינטישע קינדער, איהר וועט זיך טויפען?" [6]). אין אַרכאַנגעלסקער באַטאַליאָן האָט מען דיזעלבע פּיין נאָך פערשטאַרקט: איידער מען האָט די קינדער געפיהרט אין באָד, האָט מען זיי געשפּייזט מיט געזאַלצענע פיש און ניט געגעבען קיין טרונק וואַסער [7]).

פּונקט ווי די קאָמאַנדירען האָבען געשטרעבט אויסצוצייכענען זיך פאַר'ן קריעגס־מיניסטעריום, אַזוי האָבען אויך די גייסטליכע געזוכט אויס־צודיענען זיך ביים סינאָד. געוויס פלעגען זיך צווישען די גלחים, אַפילו אין יענער גרויזאַמער צייט, טרעפען אויך איידעלע, אָרענטליכע מענשען. וועגען צוויי אַזעלכע פּאַרשטעהער פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירך געפינען

[5]) Евр. Стар. 1909 г., III, 116, 118.
[6]) П. Я. Левенсонъ, ibid., 38.
[7]) Евр. Стар. 1909 г., III, 119.

מיר דאַנקבאַרע עראינערונגען ביי אידישע קאַנטאָניסטען; און די גערעכטיגקייט פאָדערט, זייערע נעמען זאָלען דאָ פערצייכענט ווערען. איינער פון זיי איז געווען דער גלח פעטוכאָוו, דער רעקטאָר פון אירקוטסקער סעמינאַריע. יעקב יערמאנאָוויטש דערצעהלט, ווי מען האָט איהם אינאיינעם מיט נאָך אַן אַנדערען אידישען קאַנטאָניסט געבראַכט צום גלח פעטורכאָוו'ן אויף „בעלעהרונג". „נו, קינדער, ווער זיינט איהר?" האָט ער אונז געפרעגט. — „מיר זיינען אידען". — „ווילט איהר זיך טויפען?" — „ניין! מיר ווילען בלייבען אידען, ווי אונזערע פאָטערס און זיידעס". — „נו, קינדער, אַזוי זאָלט איהר האַנדלען אויך ווייטער, און דער אידישער גאָט זאָל אייך העלפען!" [8]) וועגען אַן אַנדער גלח דערמאָנט דער אַמאַליגער קאַנטאָניסט פון אָמסקער באַטאַליאָן, יעקב פערצעל. איהם, אַן אַכטיאָהריג אינגעל, האָט מען דורך שטענדיגע שמיץ געבראַכט דערצו, דאָס ער האָט ענדליך ערקלערט, אַז ער איז גרייט צו טויפען זיך. „איך האָב איינגעשטימט זיך צו שמד'ן, אָבער פון קומער בין איך געוואָרען קראַנק. האָט מען מיך גענומען אין שפיטאָל. אין גיכען איז אַהין געקומען מיך בעזוכען דער קאַנטאָניסטישער גלח, פאָטער אַלעקסאַנדער. ער האָט מיר געבראַכט אַ געשענק. ווי איך האָב איהם נור דערזעהן, האָט מיר בענומען אַ שרעק. אָט־אָט וועט מען מיך אָבטויפען, און אַלץ וועט זיין פערפאַלען!... איך בין צוגעפאַלען צו זיין ברוסט און האָב ביטער געוויינט. דער גוטער גלח האָט מיך האַרציג געטרייסט, געזעגט וועגען דער גרויסער פרייד, וואָס די טויפונג וועט מיר פערשאַפען. „און איהר, פאָטער אַלעקסאַנדער, איהר וואָלט שטאַרק געוויינט, ווען אייער זוהן וואָלט אָנגענומען דעם אידישען גלויבען?" האָב איך איהם מיט טרעהרען געפרעגט. — „גאָט איז מיט דיר, מיין קינד, וואָס רעדסטו! געוויס וואָלט איך געוויינט". — „אָבער מיין מאַמע וועט דאָך אויך ביטער וויינען, ווען זי וועט זיך דערוויסען, אַז איך האָב זיך געטויפט!"... און איך האָב מיך נאָך שטאַרקער פונאַנדערגעוויינט. איך ווייס ניט, וואָס האָט דאָ אויף איהם מעהר געווירקט: צי מיין נאַאיווע פראַגע, וועלכע האָט געטראָפען אין ציעל, אָדער מיינע טרעהרען, די טרעהרען פון אַ קראַנק קינד, — נאָר דער גלח אַלעקסאַנדער האָט זיך גלייך אויפגעהויבען און איז אַוועק פון שפיטאָל. און ווען איך בין צוריקגעקומען אין קאַזאַרמע, האָט קיינער מיך שוין מעהר ניט געמאַטערט" [9]).

אַזעלכע גלחים זיינען אָבער געווען אַן אויסנאַהם צווישען יענע גייסטליכע מיט וועלכע די קאַנטאָניסטען האָבען געמוזט קומען אין בעריהרונג.

[8]) Ibid., 117

[9]) В. Н. Никитинъ. Многострадальные ("Объясненіе автора").

די אידישע קינדער האָבען פון זיי געליטען ניט ווייניגער, ווי פון די אָפּי־צירן. די גלחים האָבען זיך ניט פערלאָזען אויף די מיליטערישע בעאַמטע, זיי האָבען זיך אויך פערזענליך בעטייליגט אין די פיזישע פייניגונגען. אין סימבירסקער באַטאַליאָן, למשל, האָט דער גלח סמירנאָוו (וועגען וועלכען מיר האָבען פריהער געשריבען), מיט קלעפּ געצוואונגען די אידישע קינ־דער, זיי זאָלען „ראַטעווען זייערע נשמות" דורך טויפען זיך. און אין ניזשני־נאָווגאָראָד פלעגט דער גלח אַליין שמייסען די אידישע קאַנטאָניסטען און אין ווינטער בעגיסען זיי דרויסען אויפ׳ן הויף מיט קאַלטע וואַסער, מיט דעם פרומען ציעל, זיי זאָלען מסכים זיין צו טויפען זיך [9]).

אין אויגוסט 1857 זיינען קיין אָדעס געבראַכט געוואָרען פון קיעוו 119 דערוואַקסענע קאַנטאָניסטען, אויף צו בעשטימען זיי אין פערשידענע מיליטערישע אָבטיילונגען. ווי געוועהנליך אין אַזאַ פאַל, האָט מען זיי אַלע־מען געפרעגט, צי זיי האָבען ניט אויף וואָס צו בעקלאָגען זיך. דערויף האָבען 44 געטויפטע אידען ערקלערט, אַז מען האָט זיי אין קיעווער באַטאַ־ליאָן אין די יאָהרען 1852—1855, ווען זיי זיינען נאָך געווען קינדער, אָבגעשמד׳ט מיט געוואַלט. האָט מען זיי אַלעמען אין אָדעס געמאַכט אַ פערהער, און יעדערענ׳ס ערקלערונג, ווי אַזוי מען האָט איהם קינדווייז געצוואונגען צו טויפען זיך, איז גענוי פערשריבען געוואָרען אין אַ פּראָטאָ־קאָל. אין דעמזעלבען יאָהר האָבען פונקט אַזאַ פרעטענזיע ערקלערט נאָך 5 קאַנטאָניסטען, וואָס זיינען אָנגעקומען קיין פּעטערבורג אויך פון די קיעווער באַטאַליאָנען. אין יאָהר 1858 האָבען דאָס אייגענע אין פּלאָצק ערקלערט 32 סאָלדאַטען — געוועזענע קיעווער קאַנטאָניסטען. און מיט אַ יאָהר שפּעטער האָבען אין קיעוו גופא 15 אַמאָליגע קאַנטאָניסטען פון די דאָרטיגע באַטאַליאָנען דערלאַנגט די אייגענע אָנקלאַגע. אויך זייערע אַלעמענ׳ס ערקלערונגען זיינען פערשריבען געוואָרען [10]).

מיר ווילען ברייננען בלויז אייניגע פון די שוידערליכע פאַקטען, וואָס די פּראָטאָקאָלען ענטהאַלטען אין זיך. יעווסיי גרויקאָפּ האָט ערקלערט: מען האָט איהם אַלס קינד געבראַכט אין קיעווער באַטאַליאָן. גלייך ווי ער איז אָנגעקומען אין ראָטע, האָט איהם זיין קאָמאַנדיר, דער קאַפּיטאַן באַראַ־דין, געפרעגט, צי ער וויל זיך שמד׳ן. ער האָט זיך אָבגעזאָגט. האָט אויף באַראַדינ׳ס בעפעהל דער „דיאַדקע" איהם כסדר געשלאָגען מיט אַ פלאָקען איבער די פּאָדעשוועס, געשטאָכען די פינגער מיט אַ נאָדעל, געצוואונגען איהם צו שטעהן אַ באָרוועסער אויף הייסע בלעך. עס פלעגט טרעפען, אַז מען האָט אים געפייניגט אַ גאַנצען מעת־לעת, און ער איז אָפּט געווען

[10]) אַרכיוו פון קריעגס-מיניסטעריום, דעפּאַרט. פון מיליטערישע געגענדען, געריכטליכע אנגעלעגענהייטען, נומ. 117/10; נומ. 140. פערוואַלטונג איבער מיליטערישע שולען, געריכט אנגעל., נומ. 19.

קראַנק, — צוויי טעג פלעגט ער זיין אין ראַטע און צוויי טעג אין שפּיטאָל. מעהר ווי אַ מאָנאַט האָט ער ניט אויסגעהאַלטען און געמוזט איינשטימען צו טויפען זיך. — אַנדריי ראַטשטיין האָט ערקלערט: איהם און זיינע חברים האָט דער „דיאַדקע" שרעקליך געשלאָגען, בויטענדיג זיי צו שמד'ן זיך. זיי האָבען זיך דערויף בעקלאָגט ביים קאָמאַנדיר פון זייער ראַטע, דעם אָפיציר פּאָלובינסקי, — האָט יענער אויסגעקליבען איינעם פון זיי און געשמיסען. זעהענדיג קלאָר, אַז אויף קיין הילף און שוץ קען מען ניט האָפען, האָט ראַטשטיין דאָ, אויפ'ן אָרט געזאָגט, אַז ער איז גרייט אָנצונעהמען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען. — נעסטאָר שיינקמאַן: מען האָט איהם שרעקליך געפּייניגט. און ווען ער האָט זיך געקלאָגט פאַר דעם קאָמאַנדיר פון דער ראַטע, האָט יענער איהם דערויף געזאָגט: „טויף זיך, וועט קיינער דיך מעהר ניט שלאָגען!" — דמיטרי קויפמאַן: דער „יעפרעיטאָר" און דער „דיאַדקע" האָבען איהם מיט אַ פלאָקען געשלאָגען איבער די הענד, געשטאָכען מיט אַ נאָדעל אונטער די נעגעל; צו צוויי טעג נאָכאַנאַנד פלעגט מען איהם ניט געבען קיין עסען. אַ גאַנצען מאָנאַט האָט ער זיך ניט אונטערגעגעבען, דערנאָך איז ער געבליבען אָהן כוחות.— לאַזאַר גאָלין: איהם מיט נאָך אידישע קינדער האָט מען געבראַכט קיין קיעוו. דער קאָמאַנדיר האָט זיי גלייך פאָרגעלייגט צו טויפען זיך, אָבער זיי האָבען ניט געוואָלט. האָט מען זיי איבערגעגעבען צו די „יעפרעיטאָרס". יענע האָבען זיי געשלאָגען, געשטאָכען, שטונדען־לאַנג געהאַלטען אויף די קניה. דער קאָמאַנדיר, פאַר וועלכען ער האָט זיך בעקלאָגט, האָט געהייסען נאָך מעהר שלאָגען איהם, זאָגענדיג: „קיין זשידעם טאָרען דאָ ניט זיין!" פון די שטענדיגע פּייניגונגען איז ער קראַנק געוואָרען; ער האָט זיך געבעטען, מען זאָל איהם נעהמען אין שפּיטאָל אַריין,—האָט מען איהם געזאָגט, אַז אויב ער וועט זיך ניט טויפען, וועט מען איהם אין שפּיטאָל ניט אָבשיקען. מעהר ווי צוויי וואָכען האָט ער ניט געקאָנט אויסהאַלטען. — אַפאַנאַסי שמייגאָס: זיין „דיאַדקע" האָט איהם געברענט די פיס מיט אַ ליכט, געשטאָכען מיט אַ נאָדעל, געשלאָגען מיט אַ שטעקען, ער זאָל זיך טויפען. — מאַיסיי גלוזמאַן: אויסער די שטענדיגע קלעפּ און שטעכען מיט אַ נאָדעל אונטער די נעגעל, פלעגט מען איהם אַנידערלייגען אונטער אַ ביינקל, און צוויי סאָלדאַטען האָבען זיך דערויף געזעצט און איהם געוואָרגען. ווען ער איז פון אַלעם דעם געוואָרען קראַנק, האָט מען איהם ניט אָבגעשיקט אין שפּיטאָל; מען האָט פון איהם געפאָדערט, ער זאָל זיך פריהער טויפען. — אַגיי מאַרטשיקאַנסקי: מען פלעגט איהם אַזוי רייסען די האָהר, אַז דער גאַנצער קאָפּ איז ביי איהם געוועזען אַ צובלוטיגטער.

מען וואָלט געקאָנט אָנפילען גאַנצע בויגענס מיט אַזעלכע שרעקליכע

פאַקטען. אָבער די עטליכעביישפּיעלען, וואָס מיר האָבען גענומען פון די אָפיציעלע פּראָטאָקאָלען, גיבען אַ גענוגענדען בעגריף וועגען די אינקוויזי־טאָרישע פייניגונגען און מערדערישע געוואַלט־טהאַטען, וואָס מען פלעגט בעגעהן געגען די אונגליקליכע שוצלאָזע קינדער, צווינגענדיג זיי אָנצו־נעהמען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען. דאָס איז פאָרגעקומען ניט נור אין קיעוו. אומעטום, אין אַלע באַטאַליאָנען האָט מען אויפ'ן גרויזאַמסטען אופן געפּייניגט און געמאַטערט די אידישע קאַנטאָניסטען, זיי זאָלען זיך טויפען. און דיזעלבע פּראָטאָקאָלען בעווייזען קלאָר, אַז די אַלע טענות וועגען „בעלעהרען", „איבערצייגען", מיט וועלכע עס זיינען פול די בעריכ־טען פון די גלחים און קאָמאַנדירען, זיינען מייסטענס געוועזען בלויז פּוסטע פראַזען, אַ מין מליצה, געהויבענע „פּאָעזיע" אויף יוצא צו זיין געגען דעם סינאָד'ס „אינסטרוקציע". „איבערצייגען אין דער געהויבענקייט און שענקייט פון פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען" פלעגט מען דורך קלעפּ, שמיץ און פערשידענע פייניגונגען. דעריין איז כמעט שטענדיג בעשטאַנען די מיסיאָ־נערישע טהעטיגקייט.

מ. גלוזמאַן, א. שמיינגאָס און ד. קויפמאַן האָבען ביים פערהער ער־קלערט, אַז כאָטש מען האָט זיי אַ לאַנגע צייט געפּייניגט, האָבען זיי זיך דאָך ניט אונטערגעגעבען. איז איינמאָל געקומען דער פעלדפעבעל און, ניט פרעגענדיג צי זיי זיינען מסכים, אָבגעפיהרט זיי מיט נאָך אינגלעך אין קירך, און דאָ האָט מען זיי אָבגעטויפט. נאָך מעהר: ג. זאַלצקוואַר, ג. רוזגא, א. גוטערסקי און נאָך אַנדערע אַמאָליגע קיעווער קאַנטאָניסטען האָבען ביים פערהער דערצעהלט, אַז מען האָט זיי אַפילו אין קירך ניט געפיהרט און מיט וואַסער אויך ניט בעשפּריצט. מען האָט פּשוט פערשריבען אין זייערע דאָקומענטען, דאָס זיי זיינען גע'שמד'ט, כאָטש זיי זיינען קיינ־מאָל ניט געטויפט געוואָרען! די קאָמיסיע, וואָס האָט געמאַכט אַן אויס־פאָרשונג וועגען אָט די קלאָגעס, האָט בעשטעטיגט זייער ריכטיגקייט און פעסטגעשטעלט, אַז די מייסטע קאַנטאָניסטען האָבען ניט קיין בעגריף אַפילו וועגען פּראַוואָסלאַוונע תפילות, כאָטש זיי זיינען אָבגעטויפט געוואָרען מיט 4—6 יאָהר צוריק. אין איהר בעריכט צום קיעווער גענעראַל־גובער־נאַטאָר האָט די קאָמיסיע געשריבען פאַרזיכטיג, אָבער גענוג קלאָר: „ווי עס ווייזט אויס, האָבען די מיליטערישע בעאַמטע און די גלחים דאָ ווייניג געוויכט געלייגט אויף דער רעליגיעזער זייט פון דער אַרבייט; זיי האָבען געזאָרגט נור וועגען דעם, אַז די צאָהל געטויפטע זאָל זיין וואָס גרעסער, און עס זאָלען בלויז אויסערליך אָבגעהיט ווערען די נויטיגע פאָרמאַלי־טעטען".

ווען מען בעקענט זיך מיט די גרויזאַמע פּייניגונגען, וואָס די אידישע קאַנטאָניסטען פלעגען אויסשטעהן, דאַן ווערט קלאָר, ווי אַזוי די מאַסען־

טויפונגגען האָבען געקאָנט פאַרקומען מיט אַזאַ גיכקייט. ווי עס בעווייזט דער בעריכט פון אָקאַרשט דערמאָנטער קאָמיסיע, פלעגען אין קיעוו די מייסטע קינדער אָבגע'שמד'ט ווערען שוין אין אַ וואָך אַרום נאָכדעם ווי זיי זיינען אָנגעקומען אין באַטאַליאָן. עס זיינען געווען אָנשטאַלטען וואו די טויף־אַרבייט איז געגאַנגען מיט בליץ־שנעלקייט. בעזונדערס האָבען זיך דערין אויסגעצייכענט די סאַראַטאָווער און פּערמער באַטאַליאָנען. די סאַראַטאָווער באַטאַליאָנען זיינען, למשל, צום אָנהויב מאַי 1845 געבליבען אָהן אידען — אַלע דאָרטיגע קאַנטאָניסטען זיינען אָבגע'שמד'ט געוואָרען. אין סוף מאַי האָט מען אַהער געבראַכט 130 אידישע קינדער פון קיעווער גוב. און ווי דער סאַראַטאָווער אַרכיערייי האָט דעם 12־טען יוני מיטגע־טיילט דעם סינאָד, האָט מען דעם 4־טען יוני שוין זיי אַלעמען אָבגעטויפט. אין די פּערמער באַטאַליאָנען, וואו מען האָט די שמד אַרבייט געפיהרט ניט וועניגער פלייסיג, איז אין פעברואַר 1845 אויך ניט געבליבען קיין איין איד. „אַדאַנק גאָט'ס בעזונדערער הילף, שרייבט מיט שמחה דער אַרכיעריי אַרקאַדי, דעם 23־טען פעברואַר, צום אָבער־פּראָקוראָר פון סינאָד, האָבען אַלע אידישע קאַנטאָניסטען אין די פּערמער באַטאַליאָנען אָנגענומען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען!" אין דעמזעלבען יאָהר, איז דעם 20־טען יוני אַהין אָנגעקומען אַ נייע פּאַרטיע קליינע אידישע רעקרוטען, 95 אינגלעך — און ווי דער פּערמער אַרכיעריי מעלדעט אין זיין בעריכט צום סינאָד, „האָבען שוין אויפ'ן אַנדערען טאָג 23 ערקלערט זייער פערלאַנג (!) אָנצו־נעהמען די פּראַוואָסלאַוונע רעליגיע; אויפ'ן דריטען טאָג זיינען אַזעלכע געווען — 41; אויפ'ן פערטען — שוין 69; אויפ'ן פינפטען — 92; מיט אַ פּאָר טאָג שפּעטער זיינען צו זיי צוגעשטאַנען די לעצטע 3". און דעם 28־טען יוני האָט מען שוין די אַלע קינדער אָבגעטויפט. דעם 13־טען יולי זיינען פון זיי 171 געוואָרען פּראַוואָסלאַוונע. מען קאָן זיך גרינג פאָר־שטעלען, וואָסערע רעליגיעזע „בעלעהרונגען" זיי האָבען געקאָנט אין אַזאַ קורצער צייט בעקומען.

די לעזער זיינען שוין בעקאַנט מיט דעם אַלגעמיינעם רעזשים, וואָס האָט געהערשט אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען. די בעהאַנדלונג איז דאָ בכלל געווען גרויזאַם; זי פלעגט די קינדער מאָראַליש קאַליעטשען, דערשטיקען אין זיי יעדע וויכהאַרציגקייט, אָבגעוועהנען זיי פון חבר'שע געפיהלען. אָבער די פּייניגונגען און פערפאַלגונגען, וואָס האָבען זיך געשאָטען אויף די אידישע קאַנטאָניסטען, זיינען געווען אַזוי שרעקליך, דאָס זיי פלעגען צייטענווייז אַרויסרופען ביי זייערע רוסישע חברים אַ גע־פיהל פון מיטלייד, אַ פערלאַנג אָנצונעהמען זיך פאַר זיי. אין ניזשני־נאָוו־גאָראָדער באַטאַליאָן איז פאָרגעקומען אַ ריהרענדער צופאַל. ווען עס איז

אַהין געקומען פון קריעגס־מיניסטעריום אַ אינספּעקטאָר, האָבען די רוסישע קאַנטאָניסטען אויסגעקליבען פון צווישען זיך אַ פאָרשטעהער, און יענער האָט אין זייער נאָמען געמאַכט דעם רעוויזאָר אַזאַ ערקלערונג:

„איך נעם די דרייסטקייט צו זאָגען אייער עקסעלענץ אָט וואָס. אונז אַלעמען פערדריסט, וואָס מען צווינגט דאָ די אינגלעך, זיי זאָלען זיך טויפען. ווי דער קאָמאַנדיר אונזערער דערוויסט זיך נור, צום ביישפּיעל, אַז מאָרגען וועט אָנקומען אַ פּאַרטיע אידעלעך (מען ברייננט זיי אַהער צוויי־דריי מאָל אין יאָהר, צו 100 אָדער 200), שיקט ער גלייך אַרויס אונטער־אָפיצירען אויף צו היטען זיי שטרענג, ניט דערלאָזען צו זיי נאָהענט קיינעם פון די היגע אידישע סאָלדאַטען. ווען מען ברייננט זיי אין קאַזאַרמע, זעצט מען זיי אַריין אַן אַ קאַלטען צימער, אָהן בעטלעך, אָהן „סעניקעס" (זעק מיט היי). אויב מען געפינט ביי זיי עפּיס עסענוואַרג, נעהמט מען אָב און מען פערשליסט זיי אַלעמען אין קאַלטען צימער. וואַלגערן זיי זיך אויף דער הוילער פּאָדלאָגע, קלאַפּען פון קעלט מיט די צייהנער און וויינען אָב די גאַנצע נאַכט. אין דער־פריה קומט צו זיי דער קאָמאַנדיר, און נאָך איהם ברייננט מען אַהער אַריין עטליכע שיסלען מיט געקאָכטע קרויט און קאַשע, אַ דריי לאַבענס ברויט און אַ פּאָר צעהנדליג בינטלעך ריטער. „וואָס פאַר מענשען זיינען זיי?" הויבט ער אָן צו שרייען, פּונקט ווי ער וואָלט ניט וויסען, ווער זיי זיינען. — „דאָס זיינען זשידעס", — ענטפערט איהם דער פעלדפעבעל. — „סטייטש, זשידעס? נעהמט ער שרייען און ליאַרי־מען: פון וואַנען האָבען זיי זיך גענומען? ברייננט אַהער מעסערס, העק, איך וועל זיי אַלעמען אויסקוילען, צושניידען אויף ברעקלעך! קיין זשידעס דאַרף איך ניט, איך וועל זיי אַלעמען גלייך אַריינוואַרפען אין פייער, אין וואַסער! די זשידעס האָבען פעררחאַטען יעזוסס קריסטוס'ן, גאָט האָט זיי פערשאָלטען, — מען דאַרף זיי אַריינשליידערן אין פייער און וואַסער!" נאַטירליך, בענעהמט זיי אַלעמען אַ שרעק, און דאָס איז ער טאַקע אויסען. „דו, דאַרטען, קום אַהער! רופט ער צו זיך צו איינעם פון די אידעלעך, וואָס ווייזט אויס איבערגעשראָקען מעהר ווי די אַלע אַנדערע: ווער ביזט דו?" — „אַ איד!" — „אַ?... דו ווילסט זיך טויפען, האַ?" יענער שוויגט. „קלייב אויס איינס פון דיביידע: אָדער זאָג „איך וויל" און געה אַהין, אין ווינקעל עסען — אָדער, אויב דו ווילסט ניט, טאָ טהו זיך אויס. טהו זיך אויס פון קאָפּ ביז די פיס. איך וועל דיך פערשמייסען אויף טויט!" צי האָט יענער עפּיס אַ ברירה? מען זאָגט דאָך: „אַ הונגער איז קיין מוהמע ניט", און שמיץ וואַרפען אַרויף אַ שרעק. ענטפערט ער: „איך וויל" און נעהמט עסען. און וועמען עס נעהמט ניט דער הונגער

און דער שרעק, יענע שמייסט מען יעדען פערטען אינגעל, מען מאַטערט זיי מיט הונגער, מען טרייבט זיי אין קבר אַריין!״ [11]).

ווי מערדעריש עס זיינען ניט געווען די פּייניגונגען, האָבען זיך דאָך ניט אַלע אידישע קאַנטאָניסטען אונטערגעגעבען. צווישען די קליינע אידישע מאַרטירער זיינען געווען אויך אמת'ע גבורים, וואָס דערוועקען מיט זייער העלדישקייט די טיעפּסטע בעוואונדערונג און פערעהרונג. וויפיעל די פּיי־ניגער האָבען זיך ניט געמיהט, וואָסערע מיטלען זיי האָבען ניט אָנגעווענדט, איז זיי ניט געלונגען צו ברעכען זייער ווילען און מוטה. די קליינע העלדען זיינען אויסגעשטאַנען די שרעקליכסטע ליידען, מאַטערנישען — און פער־בליבען טריי צו זייער פאָלק און גלויבען. וועגען איינעם אַזאַ יונגען העלד שרייבט אין זיינע עראינערונגען דער אַרכאַנגעלסקער קאַנטאָניסט י. איצקאָ־וויטש. אין זיין באַטאַליאָן איז געווען אַ קאַנטאָניסט, וואָס האָט זיך אויף קיין פאַל ניט געוואָלט שמד'ן. מען פלעגט איהם שטענדיג שמייסען, געבען הונדערט ריטער און אָפּטמאָל מעהר. אַ צובלוטיגטען פלעגט מען איהם אַוועקטראָגען אין שפּיטאָל, פערהיילען די וואונדען — און ווידער שמייסען. און וויפיעל מען האָט איהם ניט געפּייניגט,האָט מען זיין ווידערשטאַנד דאָך ניט געקענט ברעכען, ער האָט זיך פון אידישען גלויבען ניט אָבגע־זאָגט [12]).

אַן אויסערגעוועהנליכע העלדישקייט האָט אַרויסגעוויזען אַן אַנדער אינגעל, וועגען וועמעס שוידערליכע ליידען מיר דערוויסן זיך פון אַ פּעקעל דאָקומענטען, וואָס איז פערבליבען אין אַרכיוו פון סינאָד. דאָס איז דער קאַנטאָניסט פון פּסקאָווער באַטאַליאָן, סערגעי מאַיסייעוו. אין יאָהר 1850 איז ער, לויט די אָפיציעלע דאָקומענטען, געווען אַלט פופצעהן יאָהר. ווי די לעזער ווייסען שוין, פלעגט מען די אידישע קאַנטאָניסטען געוועהנליך, בעזונדערס ביים טויפען זיך, צולעגען עטליכע יאָהר. מען קאָן אַלזאָ רעכענען כמעט אויף געוויס, אַז מאַיסייעוו, וועלכען מען האָט מיט אַ צייט פריהער אָבגעשמד'ט מיט געוואַלט, איז אין יאָהר 1850 געווען אין דער אמת'ן אינגער פון 15 יאָהר. האָט ער איצט ערקלערט, אַז אַזוי ווי מען האָט איהם אָבגעטויפט געגען זיין ווילען, בעטראַכט ער זיך ניט פאַר קיין קריסט, נאָר פאַר אַ איד, און ער וועט שטענדיג בלייבען ביי דעם גלויבען, אין וועלכען ער איז געבוירען געוואָרען. אַלע בעמיהונגען פון דעם קאָמאַנדיר און פון דעם גלח אומצוקעהרען איהם צו דער פּראַוואָסלאַוונער רעליגיע זיינען געבליבען אָהן ערפאָלג. כדי מאַיסייעוו זאָל ניט ווירקען „שעדליך״ אויף די אַנדערע קאַנטאָניסטען, האָט דאָס קריעגס-מיניסטעריום געפונען פאַר נויטיג אָבצור־

[11]) В. Н. Никитинъ. Многострадальные, 194—195

[12]) Евр. Стар. 1912 г., I, 60.

שיקען איהם אין אַ קלויסטער („מאָנאַסטיר"), — „וואו מען זאָל איהם האַלטען אין לערנען, ביז ער וועט ניט צוריק אָננעהמען דעם פּראַוואָסלאַווּ־נעם גלויבען". אין נאָוועמבער 1850 האָט דער סינאָד אָבגעגעבען אַ פּעראָרדנונג, מען זאָל איהם בעזעצען אין באָראָווער קלויסטער (קאַלוגער גובערניע), אונטער אַ בעזונדער אויפזיכט פון די מאָנאַכען, און וועגען זיין אויפפיהרונג זאָל יעדע זעקס מאָנאַטען צוגעשטעלט ווערען אַ בעריכט.

מאָיסייעוו'ן האָט מען גלייך אָבגעשיקט פון פּסקאָוו מיט'ן עטאַפּ. ווי ס'וויזט אויס, איז ער געווען אַ שוואַך קינד. אונטערוועגס איז ער ערנסט קראַנק געוואָרען, אָבגעלעגען אַ לאַנגע צייט אין שפּיטאָל אין מאָסקווע, און אין קלויסטער איז ער אָנגעקומען ערשט אין אויגוסט 1851. די בעהאַנד־לונג פון אַזעלכע „זינדיגער" איז אין די קלויסטערס בכלל געווען פיעל ערגער, איידער אין די שטרענגסטע טורמעס. ביי די פרומע מאָנאַכען האָבען זיך די געוועהנליכע תלינים געמעגט לערנען. אָבער דאָס קליין, שוואַך אינגעל האָט אין זיך פערמאָגט אַ וואונדערבאָרע גייסטיגע הויכקייט, אַ מאָראַלישע גרויסקייט, וואָס האָט איהם געגעבען די כוחות בייצוקומען די שרעקליכסטע פּייניגונגען. יאָהר איין יאָהר אויס שיקט דער קאַלוגער אַרכי־עריי גריגאָרי צום סינאָד בעריכטען וועגן מאָיסייעוו'ן, און זייער אינהאַלט איז שטענדיג דערזעלבער: מאָיסייעוו האַלט זיך פעסט, ער זאָגט זיך ניט אָב פון אידישקייט. „ער פיהרט זיך אויף גוט, מעלדעט דער אַרכיעריי אין יאָהר 1852, אָבער אַלע איבערצייגונגען ברייגגען צו גאָרנישט, ער וויל ניט אומקעהרען זיך צום פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען". אין בעריכט פאַר'ן יאָהר 1853 לייענען מיר ווידער: „מאָיסייעוו'ס אויפפיהר אין קלויסטער איז אַ גוטער, אָבער אָבזאָגען זיך פון דער אידישער אמונה און צוריק ווערען אַ קריסט וויל ער אויף קיין פאַל ניט". מען האָט איהם אַפילו געבראַכט קיין קאַלוגע צום אַרכיעריי אויף „בעלעהרונגען", אָבער אויך יענער האָט אויף איהם ניט געקאָנט ווירקען. דער בעריכט פאַר'ן יאָהר 1854 בעשטעטיגט ווידער: „מאָיסייעוו פיהרט זיך אויף שטיל, בעשיידען, אָבער ער בלייבט ביי זיין איינגעשפּאַרטקייט". דאָסזעלביגע מעלדען אויך די אַלע פאָלגענדע בעריכטען. מעהר ווי ז י ב ע ן יאָהר האָט זיך געצויגען אָט די פּייניגונג, און וויפיעל די הענקער האָבען זיך ניט געקליגט און גע־מיהט, האָבען זיי גאָרנשט אויסגעפיהרט, — מאָיסייעוו האָט ניט אויפגע־הערט צו טענה'ן, אַז ער וועט בלייבען אַ איד. ענדליך האָט דאָס קריעגס־מיניסטעריום איינגעזעהן, אַז מיט מאָיסייעוו'ן איז גאָרנישט צו טהאָן, און האָט אין דעצעמבער 1858 געמאַכט אַ פעראָרדנונג אָבצושיקען איהם פון קלויסטער אין אַ רעגימענט ערגיץ אין מזרח־סיביר. אין דעם לאַנגען קאַמף, וואָס דער סינאָד און דער קריעגס־מיניסטער האָבען, מיט דער הילף פון די

פייניגער, געפיהרט געגען דעם קליינעם, שוואכען אינגעל, האָבען געזיגט ניט זיי, נאָר דאָס העלדישע אידישע קינד[13]).

פון דעמזעלבען טייג, וואָס מאָסייעוו, איז אָפּנים געווען געקנאָטען אויך אַן אַנדער אידיש אינגעל — בערקע פינקעלשטיין, וועגען וועלכען זיין רוסישער חבר, דער קאַנטאָניסט ד. פּיאַדאָראָוו דערצעהלט פאָלגענדעס: „ווי מען האָט בערקען נור געבראַכט צו אונז אין באַטאַליאָן, האָט ער גלייך געזאָגט, אַז ער וועט אין קיין פאַל ניט עסען פון דעם אַלגעמיינעם קעסעל, און וועגען אָננעהמען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען האָט ער גאָר ניט געוואָלט הערען. איינמאָל האָט ער אַפילו אין דער געגענוואַרט פון דעם ראָטנעם קאָמאַנדיר געשוואָרען, אַז ער וועט זיך פון אידישען גלויבען קיינמאָל ניט אָבזאָגען. „אָ, ברודערקע, דו ביזט דאָך, ווי עס ווייזט אויס, מיט פליגען! — האָט איהם דערויף מיט אַ געלעכטער בעמערקט דער ראָטנער קאָמאַנדיר, — דו מיינסט טאַקע, אַז מיר וועלען זיך דערשרעקען פאַר דיין זשידאָווסקער שבועה? נישקשה, ווען מען וועט דיר ביי אונז אַריינשיטען אַ צוויי הונדערט הייסע ריטער, וועסטו ניט נור אָננעהמען קריסטענטום, נאָר אַפילו גערן ווערען אַ געצען־דיענער!" — „מען מעג מיך לאָזען שטאַרבען פון הונגער, מען מעג מיך טויטען, אָבער איך וועל קיינמאָל ניט ענדערן מיין גלויבען!" — האָט מיט אַ פעסטער שטים געענטפערט בערקע, קוקענדיג דעם קאָמאַנדיר גלייך אין געזיכט אַריין.

„קיינעם פון אונז איז אַפילו ניט איינגעפאַלען, — שרייבט ווייטער פּיאַדאָראָוו, — אַז ביי דער שטרענגער דיסציפלין, וואָס האָט שטענדיג געהערשט אין דעם קאַנטאָניסטישען באַטאַליאָן, זאָל בערקע קאָנען האַלטען זיין שבועה. אָבער וויפיעל מען האָט איהם ניט געשמיסען, און וואָסערע מאַטערנישען מען האָט איהם ניט פערשאַפט, איז ער מיט אַן אונגעוועהנ־ליכער פעסטקייט אויסגעשטאַנען די אַלע ליידען און געבליבען ביי זיינס. די „נאַטשאַלסטווע" פלעגט פאַר איהם צוטראַכטען די שרעקליכסטע פּייני־גונגען. לויט'ן בעפעהל פון ראָטנעם קאָמאַנדיר, פלעגט דער פעלדפעבעל אַנידערשטעלען איהם מיט באָרוועסע פיס אויף אַ הייסע סקאָוואָראָדע, ער פלעגט איהם האַלטען אין דער לופטען מיט'ן קאָפּ אַראָב, נויטען איהם צו געהן אַ האַלב־נאַקעטער ביי אַ שרעקליכען פראָסט איבער'ן אייז, — מיט איין וואָרט: מען האָט איהם געמאַטערט אַזוי, ווי דאָס פלעגען אַמאָל טהאָן די אינקוויזיטאָרען. און דאָך האָט זיך בערקע ניט אונטערגעגעבען, ער איז פערבליבען ביי דעם גלויבען פון זיינע עלטערן.

[13]) ארכיוו פון סינאָדאַלען אָבער־פּראָקוראָר, נומ. 44571 („איבער דעם בעריכט פונ'ם קריעגס־מיניסטער, וועגען בעזעצען אין אַ קלויסטער די געטויפטע אידישע קאַנטאָניסטען מאָסייעוו'ן און סטראָגאַנאָוו'ן, וואָס זיינען אָבגעפאַלען פון פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען").

„איינמאָל האָט דער קאָמאַנדיר פון אונזער באַטאַליאָן געהייסען צו־בינדען בערקען ביי יעדער זייט האַלז אַ שווערען זאַק מיט זאַמד; אויסער דעם, זאָל ער האַלטען הויך איבער׳ן קאָפּ אַ שווערען ביקס, און אַזוי זאָל ער אָבשטעהן אַן אויסגעצויגענער דריי שטונדען. דערביי האָט מען איהם געוואָרענט, אַז ווי ער וועט זיך נור דערוועגען אַראָבלאָזען די הענד אָדער שטעלען זיך אויף די קניה, וועט מען איהם גלייך געבען 100 שמיץ. מעהר ווי איין שטונדע האָט בערקע ניט אויסגעהאַלטען, דערנאָך איז ער געבליבען אָהן כוחות: געוואָרען בלייך ווי קאַלך און אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד, ווי אַ דער׳הרג׳עטער. די סאָלדאַטען, וואָס זיינען דערביי געשטאַנען, האָבען איהם געוואָלט געבען די 100 שמיץ, וואָס ער האָט געזאָלט קריגען. אָבער בערקע איז געווען אָהן זינען, און וויפיעל זיי האָבען זיך ניט געמיהט, האָבען זיי איהם ניט געקאָנט בריינגען צו זיך; ער איז געלעגען אין חלשות, כמעט אָהן סימנים פון לעבען. מען האָט געגעבען צו וויסען דעם קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן, און דערווייל האָט מען געפּרואווט פערשידענע מיטלען: מען האָט בערקען געשאָטען טאַבאַק אין נאָז, געשטאָכען מיט אַ נאָדעל, א. ד. גל. אָבער עס האָט ניט געהאָלפען, ער איז געלעגען ווי אַ טויטער. אין אַ שעה אַרום איז געקומען דער קאָמאַנדיר אַליין. ער האָט געהייסען בריינגען דעם פעלדשער, און יענער האָט בערקען אָבגעמינ־טערט. דער קאָמאַנדיר האָט געהייסען אַראָבנעהמען פון איהם די זעק און געזאָגט צום אָפיציר פון אונזער ראָטע: „מען וועט טאָקע מוזען לאָזען צורוה אָט דעם פערביסענעם פאַנאַטיקער; ווי ס׳ווייזט אויס, וועט ער גיכער זעגענען זיך מיט דעם לעבען, איידער מיט זיין זשידאָווסקען גלוי־בען!" און אַזוי איז טאַקע בערקע געבליבען ביי זיין אידישער אמונה. אין עטליכע מאָנאַטען אַרום איז ער געוואָרען געזונט, און צום סוף יאָהר איז ער שוין געווען ביי אונז דער בעסטער קאַנטאָניסט, סיי אין דער אַרבייט, און סיי אין אויפפיהר.

„עס זיינען פאַראיבער פיעל, פיעל יאָהרען, האָב איך מיך צופעליג געטראָפען מיט דעם אויסגעדיענטען בערקע׳ן אין דער שטאָדט אומאַן, — דערצעהלט ווייטער פיאָדאָראָוו. — ער האָט שוין געהאַט אַ גרויס הויז־געזינד און פערמאָגט אַ היבשע שפּייז־קראָם. „געדענקסט, בערקע, פרעג איך איהם: ווי דו פלעגסט אַ באַרוועסער שטעהן אויף אַ הייסער סקאָוואָ־ראָדע אָדער האַלטען אויף זיך די שווערע זעק מיט זאַמד?" — „צו גע־דענק איך עס? ענטפערט ער מיר מיט אַ שמייכעל: אַ, ווי איך געדענק! אַזעלכע זאַכען טאָר מען ניט פערגעסען, מען דאַרף וועגען זיי דערצעהלען די אייניקלעך און אור־אייניקלעך"[14]...

14) Д. В. Федоровъ. Игрушечная армія. Истор. Вѣстникъ 1899 г., X, 166—168

IX.

די בעציהונג פון די געטויפטע קאנטאָניסטען צו די אידישע חברים. — משומדים פייגינגער. — די מיסיאָנערישע אַרבייט פון די משומדים. — די לאַגע פון די געטויפטע קאַנטאָניסטען. — די איזאָלירונג פון די משומדים. — דער פערזוך אויסצובילדען פראָפעסיאָנעלע מיסיאָנערען פון געטויפטע קאַנטאָניסטען. — קוזנעצקי און סאָפראָנאָוו. — וואָלף נאַבלעס, וואָס איז מגולגל געוואָרען אין אַלעקסאַנדער אַלעקסייעוו.

עס ליעגט שוין אין דער מענשליכער נאַטור: ווען איינער איז בעגאַנגען עטוואָס, וואָס איז ניט רעכט און ניט שען, ווילט זיך איהם דורכאויס, אַז אַנדערע זאָלען אויך האַנדלען לויט זייןביישפיעל. ער פיהלט זיך בעסער, אויב אַנדערע ווידערהאָלען די מיאוס'ע זאַך, וואָס ער האָט אָבגעטהאָן. דאָס בערוהיגט אין אַ געוויסען גראַד זיין געוויסען, ער ווערט ווייניגער ביי זיך אַראָבגעפאַלען און ער טרייסט זיך מיט דעם, אַז ער איז ניט ערגער פון אַנדערע. אָט דעם פּסיכאָלאָגישען שטריך בעגעגנען מיר ביי אינגלעך נאָך אָפטער, ווי ביי דערוואַקסענע. דאָס אייגענע איז געווען אויך מיט יענע קאַנטאָניסטען, וואָס האָבען זיך געטויפט; זיי האָבען זיך געשעמט פאַר זייערע חברים, וואָס זיינען נאָך געבליבען אידען, און עס האָט זיך זיי שטאַרק געגלוסט, יענע זאָלען זיך אויך שמד'ן. די קאָמאַנדירען מיט די גלחים האָבען דאָס געוואוסט, פלעגען זיי די געטויפטע קאַנטאָניסטען שטענדיג אויסנוצען פאַר זייערע ציעלען. אין די בעריכטען פון די גייסטליכע לייענען מיר געוועהנליך, אַז מען גיט דורך די משומדים אַכטונג אויף די אידישע קאַנטאָניסטען, מען בענוצט זיי אַלס איבערזעצער ביים רעליגיעזען אונטערריכט, וואָס די אינגלעך בעקומען, מען זוכט דורך זיי צו ווירקען אויף זייערע געוועזענע גלויבענס-ברידער, א. אַז. וו.

די אָפיצירען און גלחים האָבען געמאַכט פון די געטויפטע אינגלעך אַ ווערקצייג פאַר זייער שמד-אַרבייט און זיי בעשטעטיגען אין זייערע בעריכטען, אַז יענע זיינען דערין זעהר גערן בעהילפיג. דער פערמער אַרכיערייע אַרקאַדי האָט אין זיין בריף צום אָבער-פּראָקוראָר (פון 14-טען נאָוועמבער 1844) אַ פאַרטיגע ערקלערונג דערויף: „די קאַנטאָניסטען, וואָס זיינען בעגליקט געוואָרען דורך טויפונג אין הייליגען וואַסער, ווערען דורכגעדרונגען מיט דעם געפיהל פון קריסטליכער מענשען-ליעבע; דעריבער בעקומען זיי דעם שטאַרקען פערלאַנג, אַז די אַנדערע זאָלען אויך

האָבען דאָס זעלבע גליק, און זיי מיהען זיך פון גאַנצען הארצען צו בע־קעהרען זייערע חברים צום קריסטענטום.״ בכלל בעשרייבען די גלחים די בעציהונג פון די משומדים צו די אידישע אינגלעך אין סאַמע ראָזעווע פאַרבען. „די געטויפטע קאַנטאָניסטען פלעגען שוין דורך זייער ביישפּיעל אַליין ווירקען אויף די ניי־אָנגעקומענע אידען, אַרויסרופענדיג פון זיי דעם פערלאַנג צו ווערען קריסטען, — מעלדעט דער רעליגיאָנס־לעהרער פון די קיעווער קאַנטאָניסטישע באַטאַליאָנען, דמיטרי זשדאַנאָוו — און זייער ביישפּיעל האָט אַזאַ שטאַרקע ווירקונג, אַז זיי ווילען זיך אויך טויפען.״

אַן אמת׳ן יום־טוב מאַהלט אויס דער אַרכיערייִ אַרקאַדי, בעשרייבענדיג אין זיין בעריכט צום סינאָדאַלען אָבער־פּראָקוראָר פּראָטאַסאָוו׳ן די וואונ־דערליכע ליעבהארציגקייט, וואָס די געטויפטע קאַנטאָניסטען פון די פער־מער באַטאַליאָנען האָבען אַרויסגעוויזען צו דער נייער פּאַרטיע פון 95 קליינע אידישע רעקרוטען, וועלכע מען האָט דעם 20־טען יוני 1845 געבראַכט קיין פערם: „די קאַנטאָניסטען מיט די „יעפרעיטאָרס״ און אונטער־אָפיצירען זיינען אַרויס זיי אַנטקעגען. דערביי האָבען די געטויפטע קאַנטאָניסטען אויף אַלע מעגליכע אופנים בעוויזען זייער קריסטליכע ליעבע צו די אָנגעקומענע אידען. דערזעהענדיג צווישען זיי לאַנדסלייט און קרובים, האָבען זיי פריינדליך יענע בעגריסט, געקושט און געהאַלזט. דער־נאָך האָבען זיך אַלע פעראייניגט צוזאַמען און זיינען, אין דער בעגלייטונג פון מוזיק, אַוועק צו דער קאַזאַרמע. דאָ האָט דער קאָמאַנדיר פון די באַטאַ־ליאָנען פריינדליך בעגעגענט די ניי־אָנגעקומענע אידען, און צוויי קאַנ־טאָניסטען, מיכאַאיל אַפאַנאַסיעוו און גריגאָרי פּיאָדאָראָוו —ביידע גע־טויפטע אידען — האָבען געהאַלטען צו זיי בעגריסונגס־רעדעס, אין וועלכע זיי האָבען ערקלערט די געהויבענקייט פון דער קריסטליכער ליעבע, וואָס איז נור אויסען צו טהאָן גוטס און קיינעם ניט צו שאַדען. די אָנגע־קומענע אידען האָט פערשאַפט פיעל פרייד די פריינדליכע בעגעגעניש, וואָס זיי האָבען געהאַט פון די קאַנטאָניסטען און פון דעם קאָמאַנדיר אַליין, בעזונדערס אָבער די ליעבע בעהאַנדלונג, וואָס עס האָבען צו זיי אַרויסגע־וויזען די געטויפטע; זיי זיינען געוואָרען פיעל רוהיגער. זיי האָבען זעהר גערן גשמועסט מיט די משומדים, וועלכע האָבען מיט זיי גערעדט אויף אידיש און פערפיהרט רעליגיעזע געשפּרעכען. פאָלגענדיג דעם ביישפּיעל און די עצות פון דעם פרומען קאָמאַנדיר, האָבען די געטויפטע מיט דער העכסטער בעגייסטערונג געפּרעדיגט פאַר זייערע ברידער דעם קריסטליכען גלויבען. און דעריבער זיינען שוין אויפ׳ן אַנדערען טאָג אין דער־פריה געווען צווישען די אָנגעקומענע אידען אַזעלכע, וואָס האָבען געוואָלט אָנ־נעהמען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען, און צו אָוונד־צייט האָט זייער צאָהל בעטראָפען 23. מיט אַ טאָג שפּעטער זיינען אַזוינע שוין געווען 41. זע־

הענדיג אַט דעם גיכען ערפאָלג, האָבען די געטויפטע אַלץ מיט מעהר און מעהר פלייס געאַרבייט אין דעם היילינען ענין פון בעקעהרען אידען צום פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען". — און דעם 28־טען יוני, אין אַ וואָך אַרום נאָכ'ן אָנקומען, זיינען שוין די אַלע 95 אינגלעך אָבגעטויפט געוואָרען [1]).

פון די פאַקטען, וואָס מיר האָבען שוין פריהער געבראַכט, ווייסען די לעזער גוט, דורך וועלכע פּייניגונגען מען פּלעגט דערגרייכען אַזעלכע גרויסע און גיכע ערפאָלגען אין דער טויף־אַרבייט. עס איז אויך איבעריג צו ערקלערען, אַז דאָס גליקליכע בילד, וואָס דער פערמער אַרכיערייי האָט דאָ פאַרגעשטעלט, האָט מיט דער ווירקליכקייט גאָרנישט צו טהאָן. די מאַטעריאַלען, וואָס שטעהען נעהנטער צום אמת, גיבען דער ראָלע פון די קאַנטאָניסטען־משומדים גאָר אַן אַנדער בעלויכטונג. זיי זיינען מייסטענס געוועזען די ערגסטע, גרויזאַמסטע מיטהעלפער פון די מיסיאָנערען. יעדער קאַנטאָניסט, וואָס האָט זיך נאָך ניט אונטערגעגעבען, איז פאַר זיי, פאַר די משומדים, געווען אַ לעבעדיגע בעשולדיגונג. האָבען זיי אָנגעווענדט אַלץ, וואָס נור מעגליך, עס זאָלען אין באַטאַליאָן קיין אידען ניט בלייבען, אַלע זאָלען זיך שמד'ן, אַזוי ווי זיי. זיי פלעגען נאָכשפּיאָנירען די אידען, זיי שטענדיג פער'מסר'ן — בפרט אַז מיט דעם האָט מען זיך געקאָנט אויס־פּייניגען פאַר די קאָמאַנדירען. פון ניזשני־נאָווגאָראָדער באַטאַליאָן איז, למשל, אַנטלאָפען אַ אידישער קאַנטאָניסט, גוטקין. ס'איז געגען איהם פערפיהרט געוואָרען אַ פּראָצעס. שטעלט זיך אַרויס פון די דאָקומענטען, אַז געכאַפּט גוטקינ'ען און געבראַכט איהם צוריק אין באַטאַליאָן האָבען זיינע צוויי געטויפטע חברים, אַבראַמאָוו און זשיסלין [2]). פון קיינעם האָט דער אידישער קאַנטאָניסט אַזוי שטאַרק ניט געליטען, ווי פון דעם משומד, וועמען יענער האָט נור געקראַגען איבער איהם די מאַכט. דער געטויפטער „דיאַדקע" אָדער אונטער־אָפיציר פלעגט איהם פערשאַפען די שרעקליכסטע פּייניגונגען, פערביטערן דאָס לעבען, — אַלץ כדי צו צווינגען איהם ער זאָל זיך אויך שמד'ן.

די קיעווער קאַנטאָניסטען דאַמסקי און שמיינגאַס האָבען אין יאָהר 1857 ביים פערהער אין דער אויספאָרשונגס קאָמיסיע ערקלערט, אַז פון זייער „דיאַדקע", דעם משומד איוואַן מילשטיין, זיינען זיי אויסגעשטאַנען די גרויזאַמסטע ליידען: ער פלעגט פון זיי פאָדערן, זיי זאָלען זיך טויפען, האָט ער זיי געשלאָגען מיט אַ פלאָקען, געשטאָכען מיט אַ נאָדעל, געברענט

---

[1]) בעריכט פונ'ם פערמער אַרכיערייי אַרקאַדי צום סינאָדאַלען אָבער־פּראָקו־ראָר, פון 3־טען יולי 1845.

[2]) אַרכיוו פון קריעגס־מיניסטעריום. פערוואַלטונג פון מיליטערישע שולען; געריכטל. אנגעל., נומ. 37/101.

מיט אַ ליכט די פיס [3]). אַזעלכע משומדים זיינען געוועזן ניט נור אין קיעוו. „ביי אונז אין דער צווייטער ראָטע איז געוועזן אַ געטויפטער אונטער־אָפּי־ציר, פון קאַנטאָניסטען, יעווגראַף גולעוויטש, דערציילט דער אַרכאַנגעל־סקער קאַנטאָניסט י. איצקאָוויטש: זיין „קוואַטער" איז געוועזן דער קאָ־מאַנדיר פון אונזער באַטאַליאָן, דיאַקאָנאָוו. שוין ביים אויפנעהמען אונזער פּאַרטיע האָט דיאַקאָנאָוו אָפען געזאָגט, אַז ווי לאַנג ער וועט לעבען, וועט קיין איינציגער פון זיין באַטאַליאָן ניט אַרויסגעהן אַ איד, — און ער האָט טאַקע געהאַלטען וואָרט. דער געטויפטער אונטער־אָפיציר גולעוויטש פלעגט זיין „קוואַטער'ס" פערלאַנג ערפילען אויף אַזאַ אופן: יעדען אָווענד, אַ זייגער ניין, ווען מען האָט געדאַרפט געהן שלאָפען, פלעגט גולעוויטש זיך אַנידערלייגען אויף זיין בעט, צורופען עטליכע אינגלעך און הייסען זיי שטעלען זיך אויף די קניה נעבען זיין בעט. דערנאָך האָט ער זיי געמוסר'ט, ערקלערט, אַז אידען לעבען אין טעות און אַז דער אמת'ער משיח איז יעזוס קריסטוס, און מיט סטראַשונקעס געפּאָדערט פון די אינגלעך, זיי זאָלען איינגעהן אויף צו טויפען זיך. די, וואָס האָבען איינגעשטימט, פלעגט גולעוויטש אָבלאָזען שלאָפען, און אין דער־פריה האָט מען זיי געגעבען אַן איבעריג שטיק ברויט. יענע אָבער, וואָס זיינען געוועזן האַרטנעקיג, פלעגט גולעוויטש האַלטען גאַנצע נעכט אויף די קניה נעבען זיין בעט, און אויפ'ן אַנדערען טאָג האָט מען זיי אַפילו קיין שטיקעל ברויט ניט גע־געבען; מען פלעגט צו זיי זיך שטענדיג בינדען, שמייסען זיי ביי יעדער מינדעסטער געלעגענהייט. נאַטירליך, ביי אַזעלכע פּייניגונגען האָבען די אינגלעך ניט געקאָנט לאַנג קעמפען און זיי פלעגען אויסערליך אָננעהמען דעם קריסטליכען גלויבען. די, וואָס זיינען געוועזן אַלט אַ יאָהר צוועלף אָדער מעהר, האָבען זיך לענגער געמוטשעט — זיי האָט מען מעהר גע־שלאָגען און געשמיסען [4]).

אין יאָהר 1848 האָט מען ביי אַ אידישער אלמנה אין סיביר, יאָכע קוראַטקין, מיט געוואַלט אָבגע'שמד'ט איהר קליינעם זוהן, אַ קאַנטאָניסט פון טאָבאָלסקער באַטאַליאָן. די מוטער האָט געגען דעם פּראָטעסטירט, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען, האָט זי געזוכט גערעכטיגקייט אין פּעטער־בורג (דאָ האָט זי אויך גאָרנישט אויסגעפיהרט). פון דער בקשה, וואָס זי האָט דערלאַנגט אין סינאָד, איז צו זעהן, אַז בעזונדערס ענערגיש האָט מען אָנגהויבען אין טאָבאָלסק צו שמד'ן אידישע קאַנטאָניסטען, נאָכדעם ווי מען האָט אין דאָרטיגען באַטאַליאָן אַריבערגעפיהרט פון קאַזאַן צוויי

---

[3]) דערזעלבער אַרכיוו. דעפּאַרט. פאַר מיליטערישע געגענדען, געריכטליכע אנגעלעגענהייטען, נומ. 117/10.

[4]) Евр. Стар., 1912 г., I, 59—60.

משומדים. זיי בײדע פלעגען האַלטען אין איין נויטען די אינגלעך אָבצו־זאָגען זיך פון אידישקייט [5]). אין די אָפיציעלע בעריכטען פון די אָפיצירען און קאָמאַנדירען ווערען אָנגעוויזען פיעל משומדים־קאַנטאָניסטען, וואָס האָבען שטאַרק געהאָלפען דער מיסיאָנערישער אַרבייט. איינער פון זיי, אַלעקסאַנדער אַנדרייעוו (פון סימבירסקער באַטאַליאָן), וואָס האָט זיך דערין בעזונדערס אויסגעצייכענט, איז אין יאָהר 1845, לויט אַ ספּעציעלען בעפעהל פון ניקאָלאַי דעם ערשטען, אַפילו בעשטימט געוואָרען פאַר אַן אונטער־אָפיציר; צוגלייך האָט דער קייזער געהייסען געבען איהם אויך אַ געלד־בעלוינונג. אין דעמזעלבען סימבירסקער באַטאַליאָן זיינען אין יאָהר 1846 בעלוינט געוואָרען, פאַר העלפען טויפען אידישע אינגלעך, די קאַנטאָניסטען־משומדים ניקאָלאַי סטאָליפּין און זיינע זעקס חברים. (אַרכיוו פון סינאָד, פון יאָהר 1846 — נומ. 888). אין פערמער באַטאַ־ליאָן האָבען מיט זייער מיסיאָנערישער אַרבייט זיך בעזונדערס אויסגע־צייכענט די געטויפטע קאַנטאָניסטען מיכאַאיל אַפאַנאַסיעוו און גריגאָרי פיאָדאָראָוו; דער סינאָדאַלער אָבער־פּראָקוראָר האָט אין יאָהר 1844 צוגע־שטעלט דעם קריעגס־מיניסטער וועגען בעלוינען זיי.

אין פעטערבורגער געריכט איז אין יאָהר 1881 פאָרגעקומען דער פּראָצעס וועגען אַן אויסגעדיענטען ניקאָלאַיעווסקען סאָלדאַט, י. טע־רענטיעוו, וואָס האָט זיך אָבגעזאָגט פון פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען, אין וועלכען מ'האָט איהם מיט געוואַלט געטויפט אין קאַזאַן, ווען ער איז געווען אַ קאַנטאָניסט. אי ער, אי די עדות האָבען אין געריכט געשילדערט די שרעקליכע אַטמאָספערע, וואָס די געטויפטע פלעגן בעשאַפען אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען. „ביי אונז אין קאַזאַנער באַטאַליאָן האָבען מיר איינער דעם אַנדערען גענויט צו שמד'ן זיך, — האָט בעוויזען אַן אַמאָליגער קאַנטאָניסט סענדאַקאָוו, — איינער האָט דעם אַנדערען ניט דערלאָזט בלייבען אַ איד. מיר פלעגען איינער דעם אַנדערען שלאָגען, צווינגענדיג צו טויפען זיך און זאָגענדיג: דו מוזט טהאָן אַזוי ווי איך! וואָרים אויב עמיצער וואָלט געבליבען ניט געטויפט, וואָלט דאָס געשטאָכען די אויגען" [6]).

זעלבסטפערשטענדליך, איז קאַזאַן ניט געווען דער איינציגער אָרט, וואו די אינגלעך האָבען אַזוי געליטען פון די אָבגע'שמד'טע חברים. „וואָס מעהר אינגלעך עס האָבען זיך געמוזט אונטערגעבען און זיינען געגען זייער ווילען אָבגעטויפט געוואָרען, אַלץ אונערטרעגליכער איז געוואָרען אונזער לאַגע, — דערצעהלט אַ קאַנטאָניסט פון אַן אַנדער באַטאַליאָן, — אַחוץ

[5]) אַרכיוו פון סינאָד, פון יאָהר 1848 — נומ. 1648.

[6]) Восходъ 1881 г., IV, 46 (Дѣло отставного рядового Я. Терентьева о совращенiи въ еврейство).

דעם ראַטנעם קאָמאַנדיר, די פעלדפעבעלס און די פערשידענע מיני „נאַ־טשאַלסטווע", פון וועלכע מיר האָבען זיך געקאַנט ריכטען נור אויף טי־ראַניי, האָבען מיר איצט געקראָגען נאָך נייע פערפאָלגער און פייניגער — די משומדים, אונזערע נעכטיגע ברידער. די מייסטע פון זיי פלעגען זיך אָן אונז נוקם זיין. זיי האָבען אונז אַרומגערינגעלט מיט שפּיאָנעריי, ניט געלאָזט פריי אָטעמען. אָט די אויסוואורפען האָב איך צו פערדאַנקען פיעל פון די שווערסטע ליידען, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען [7]).

דערזעלביגער קאַנטאָניסט איז פון די שטענדיגע מאַטערנישען און קלעפּ קראַנק געוואָרען, און מען האָט איהם גענומען אין לאַזאַרעט. „דאָ — דערצעהלט ער ווייטער — האָב איך געפונען נייע פייניגער: צוויי געטויפטע פעלדשאַרעס. אַפילו איצט, נאָך אַ צייט מיט יאָהרען, קאָן איך מיר בשום אופן ניט ערקלערען דעם טיעפען האַס, די ראַפינירטע גרויזאַמ־קייט, וואָס עס פלעגען געגען אונז אַרויסווייזען די גע'שמד'טע קאַנטאָ־ניסטען בכלל, בעזונדערס אָט די צוויי פערשאָלטענע פעלדשאַרעס. האָט דאָ געווירקט דאָס געפיהל פון פערדרוס, בזיון, וואָס זיי, עלטערע אינגלעך, האָבען ניט געקאָנט אויסשטעהן די שמיץ, האָבען זיך באַלד אָבגעזאָגט פון זייער גלויבען, — און מיר, קלענערע אינגלעך, האַלטען זיך פעסט? אָדער אפשר האָט עס דער קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן זיי אַזוי געהייסען האַנדלען? איך ווייס ניט. מעגליך, אַז עס האָבען דאָ געשפּיעלט אַ ראָלע די ביידע אורזאַכען. ווי די זאַך זאָל אָבער ניט האָבען געווען, האָבען די ביידע גע־טויפטע פעלדשאַרעס מיר דאָס לעבען פערביטערט. אַנשטאָט מיך צו היילען, האָבען זיי די גאַנצע צייט מיך צוגערעדט, איך זאָל זיך טויפען. זיי האָבען אָהן אויפהער גע'טענה'ט, אַז איך בין דער איינציגער, וואָס איז איינגעשפּאַרט, אַלע מיינע חברים זיינען שוין לאַנג געוואָרען אויס אידען. איך בין געווען קראַנק, כ'האָב נויטיג געדאַרפט אָברוה — און זיי האָבען מיך געשלאָגען, געמאַטערט, דראָהענדיג מיט שרעקליכסטע פייניגונגען, אויב איך וועל זיך ווייטער האַלטען ביי מיין איינגעשפּאַרטקייט, און פער־שפּרעכענדיג מיר אַלערליי גליקען אויב איך וויל זייער פערלאַנג ערפילען. „וואָס עפּיס, דו ביזט בעסער פון אַנדערע, פאַרך איינער? — פלעגען זיי מיך זידלען — אַ שפּאַס, ס'אַראַ צאַצע דאָס איז!" [8])

עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז די קאַנטאָניסטען־משומדים האָט זיך געלעבט גרינג. טויפען פלעגט מען דאָך מיט געוואַלט, מייסטענס אָהן שום צוגרייטונג; דעריבער איז די גע'שמד'טע זעהר שווער געווען צו צוגעוועהנען זיך צו זייער נייער לאַגע, בפרט אַז די רוסישע שפּראַך

[7]) П. Я. Левенсонъ. "Заколдованный". Восходъ 1884 г., VII, 25.
[8]) Ibid., 26—27

איז זיי געווען פרעמד. אַ צייט לאַנג פלעגען זיי אַפילו ניט געדענקען די נייע נעמען און פאַמיליעס, וואָס מען האָט זיי געגעבען ביי דער טויפונג, און וועגען קענען די פּראַוואָסלאַווגע תפילות האָט אַפילו קיין רייד ניט געקאָנט זיין. פיעל קלעפּ און שמיץ פלעגען די געטויפטע אינגלעך אויס־שטעהן, ביז מען האָט זיי איינגע'חזר'ט, אַז זייערע נעמען זיינען איצט למשל, שוין ניט שמואל, מרדכי אָדער יוסף, נאָר איוואַן, סטעפאַן אָדער פיאָדאָר. בעזונדערס האָבען זיי זייער חלק בעקומען ביי די „פּערעקליטש־קעס", ד. ה. ווען מ'פלעגט אויסשטעלען די קאַנטאָניסטען אין רייהען און אויסרופען זייערע נעמען, כדי צו קאָנטראָלירען, צי אַלע געפינען זיך אויף זייערע ערטער; דערביי האָט יעדערער געמוזט אָברופען זיך, ווען מען האָט אויסגערופען זיין נאָמען. אַ געוועזענער קאַנטאָניסט בעשרייבט איינע פון די טראַגי־קאָמישע סצענעס, וואָס פלעגען דאָ געוועהנליך פאָר־קומען:

עס הויבט זיך אָן די „פּערעקליטשקע", אין דער געגענוואָרט פון דעם ראָטנעם קאָמאַנדיר. דער „יעפרעיטאָר" רופט אויס נאָכאַנאַנד די נעמען פון די קאַנטאָניסטען, וואָס שטעהען אין פראָנט.

— איוואַן טראָפימאָוו!

קיינער רופט זיך ניט אָב.

— וואָס עפּיס, טויב ביזטו געוואָרען, הינטישער זוהן? — פרעגט דער קאָמאַנדיר — איוואַן טראָפימאָוו איז דאָ?

אָבער קיין ענטפער בעקומט ער ווידער ניט. נעהמט ער קאָנטראָ־לירען די נעמען, שפּרייזענדיג פערביי יעדער רייה.

— ווי רופט מען דיך? — פרעגט ער ביי איינעם, אַ שוואַכען, אויס־געדאַרטען קאַנטאָניסט.

— חיים טייטעלבוים.

— ווי? ווי? ווי האָסטו געזאָגט, אויסוואורף?

— חיים טייט....

אַ פּראַסק אין באַק! און נאָך אַ מאָל, און ווידער אַ מאָל! הילכיגע פּעטש לאָזען ניט דעם אינגעל ענדיגען זיין פריהערדיגען נאָמען. פון נאָז רינט ביי איהם בלוט, אָבער דער קאָמאַנדיר שיט ווייטער מיט פּעטש און צובלוטיגט איהם דאָס גאַנצע געזיכט.

— ריטער!! — שרייט דער קאָמאַנדיר, ווי אַ פער'סמ'טער, — ברייגגט וואָס גיכער אַהער ריטער!! וויפיעל מאָל האָב איך דיר שוין געזאָגט, אַז דו הייסט איצט שוין ניט חיים טייטעלבוים, נאָר איוואַן טראָ־פימאָוו? קיין טויט איז אויף אייך ניטאָ, אויסוואורפען, זשידאָווסקע מאָר־דעס! נישקשה, איצט וועט איהר שוין ביי מיר וויסען, ווי מען רופט אייך אויף רוסיש!!

אָט אַזוי, דורך לאַנגע שמיץ און קלעפּ, פלעגט חיים טייטעלבוים צוגעוועהנען זיך צו דעם, אַז מען רופט איהם שוין איוואַן טראָפּימאָוו, און שמערקע גלוזמאַן — אַז ער איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין פּראָקאָפּ פּאַנטעלעיעוו, משה פוקס — אין סידאָר קוזנעצאָוו, א. ד. גל.[9]).

אין אַלגעמיין איז דאָס לעבען פון די קאַנטאָניסטען־משומדים אויך ניט געווען זיס. פאַר׳ן טויפען זיך פלעגען זיי געוועהנליך בעקומען פער־שידענע פערשפּרעכונגען, און זיי האָבען זיך געריכט, אַז ווי נור מען וועט זיי אָבגיסען מיט׳ן „הייליגען וואַסער" וועט זיך זייער לאַגע אין גרונד ענדערען, מען וועט מיט זיי פּראַווען צערעמאָניעס. אין דער ווירקליכקייט אָבער פלעגט זיך פון די אַלע נאַאיווע האָפנונגען אויסלאָזען אַ בוידעם. מען האָט זיי געשמיסען, גלייך מיט די אַנדערע, פאַר יעדע מינדסטע זינד, פאַר יעדען פעהלער ביי די מיליטערישע איבונגען, אויך פאַר ניט פערשטעהן רוסיש, פאַר די „זשידאָווסקע גענג", פון וועלכע זיי האָבען זיך ניט געקאָנט גיך אָבגעוועהנען. פּראַווען גדלות פלעגען די משומדים בלויז איבער די אינגלעך, וואָס האָבען זיך ניט געוואָלט טויפען. אַליין אָבער האָבען זיי פון די אָפיצירען, פעלדפעבעלס, „דיאַדקעס" און אַפילו פון די קריסטליכע חברים געהאַט די גרעסטע פּיין און ליידען. אַן אַמאָליגער אַרכאַנגעלסקער קאַנטאָניסט, ווען מען האָט אינאיינעם מיט אַנדערע אינגלעך אָבגע׳שמד׳ט מיט געוואַלט, זאָגט אין זיינע עראינערונגען: „דוכט זיך, וויבאַלד מיר האָבען זיך געטויפט, האָט מען אונז בעדאַרפט בעהאַנדלען אַזוי ווי די פּראַוואָסלאַוונע, געבען די אייגענע רעכט. אָבער אין דער אמת׳ן האָט דאָס זיך אַפילו ניט אָנגעהויבען. און וואָס אנבאַלאַנגט די רוסישע חברים, האָבען זיי דעם געוועזענעם איד געזידעלט אַזוי ווי פריהער: „זשיד פאַר־כאַטי", און אַמאָל פלעגט מען נאָך צוגעבען: „אַ זשיד אַ געטויפטער איז פונקט ווי אַ וואָלף אַ בעזויפטער!"[10])

אַ קאַנטאָניסט, וואָס איז אויסגעשטאַנען די גרויזאַמסטע פּייניגונגען און איז געבליבען אַ איד, דערצעהלט וועגען די משומדים אין זיין באַטאַ־ליאָן: „אייניגע פון זיי פלעגען זיך שטילערהייד פאַר מיר בעקלאָגען, אַז עס פערדריסט זיי, וואָס זיי האָבען אַרויסגעוויזען אַ שוואַכקייט פון כאַראַק־טער; אַז עס וואָלט פאַר זיי געווען הונדערט מאָל בעסער צו ליידען אַזוי ווי איך און, ווענינגסטענס, וויסען פאַר וואָס, איידער פּיהלען אויף זיך דעם האָס פון די אייגענע און די פעראַכטונג פון די פרעמדע, זיין אַ מין „ני בע, ני מע"[11]).

---

[9]) В. Н. Никитинъ. Многострадальные, 195. П. Я. Левенсонъ, ibid., 34.

[10]) Евр. Стар., 1912 г., I, 62.

[11]) П. Я. Левенсонъ, тамъ-же, 35.

דאָס אומרעכט, וואָס פלעגט געטהאָן ווערען די אָבגע׳שמד׳טע קאַנטאָ־ניסטען, האָט, פערשטעהט זיך, ניט אויף אַלעמען געהאַט דיזעלביגע וויר־קונג. דאָס האָט זיך געווענדט אָן יעדערענס נאַטור און גייסטיגע אייגענ־שאַפטען. אייניגע פלעגען אויסלאָזען זייער ביטער הארץ אויף די אידישע אינגלעך, אָברעכענען זיך מיט זיי און פערפינסטערען זיי דאָס לעבען, זיי זאָלען זיך אויך שמד׳ן. ביי די אַנדערע, מעהר בעוואוסטזיניגע, פלעגט דאָס אונרעכט דערוועקען אַ געפיהל פון פּראָטעסט, אַ פערלאַנג אַראָבצו־וואַרפען פון זיך די געוואַלד־טהאַט, וואָס איז איבער זיי בעגאַנגען געוואָרען. „די שטענדיגע בעליידיגונגען האָבען זיך טיעף איינגעקריצט אין מיין יונגער נשמה, — זאָגט אַ געוועזענער קאַנטאָניסט, וועלכען מען האָט געגען זיין ווילען אָבגעטויפט אין אַרכאַנגעלסק. — און זיי זיינען ניט געבליבען אָהן אַ רעזולטאַט. איך האָב זיך געגעבען אַ שבועה: דערשלאָגען זיך צו גערעכטיגקייט און, ניט האָבענדיג מורא פאַר קיין שום געריכטען און בעשטראָפונגען, אומקעהרען זיך צוריק צום אידישען גלויבען.״[12]) און אָט די שבועה האָט ער טאַקע ערפילט, פּונקט ווי פיעל אַנדערע, וועלכע מען האָט קינדוויז געגנויט אָבצו׳שמד׳ן זיך.

דאָס קריעגס־מיניסטעריום און דער סינאָד האָבען גוט געוואוסט, אַז כמעט אַלע קאַנטאָניסטען־משומדים זיינען אָבגעטויפט געוואָרען מיט געוואַלט, אָהן רעליגיעזען אונטעררי כט. די רעגירונג האָט זעהר וועניג געגלויבט אין דער פעסטקייט פון פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען, וואָס מען האָט אויף זיי אַרויפגעצוואונגען. מען האָט דעריבער געזוכט צו פערהיטען די געטויפטע קאַנטאָניסטען פון יעדער „שעדליכער״ ווירקונג. ווען אַזאַ קאַנ־טאָניסט פלעגט ווערען 18 יאָהר אַלט און אָנקומען אויפ׳ן ווירקליכען מיליטער־דיענסט, האָט מען איהם געוועהנליך בעשטימט אין אַ רעגימענט, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ניט־אידישער געגענד, כדי ער זאָל ניט קומען אין בעריהרונג מיט אידען. נור אין זעלטענע פאַלען פלעגט מען געטויפטע קאַנטאָניסטען אָבשיקען אין אידישע שטעדט. אין יאָהר 1852 איז אין וויטעבסק פאָרגעקומען אַזאַ זאַך: 20 געטויפטע סאָלדאַטען פון דאָרטיגען גאַרניזאָן, געוועזענע אידען, האָבען ערקלערט, אַז זיי זאָגען זיך אָב פון דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען, ווייל מען האָט זיי אַלס קאַנטאָניסטען אין פּערעם אָבגע׳שמד׳ט מיט געוואַלט. די מוסר־דרשות פון די גלחים זיינען געבליבען אָהן שום ערפאָלג. די אַלע צוואַנציג מאַן האָבען וועגען אומ־קערען זיך צום קריסטענטום אַפילו ניט געוואָלט הערען. דער סינאָד האָט געהאַלטען, אַז געוויס האָבען עס וויטעבסקער אידען געווירקט אויף זיי,

[12]) И. Ицковичъ. Евр. Стар., 1912 г., I, 62.

און ער האָט צוגעשטעלט וועגען דעם אַ בעריכט אין קריעגס־מיניסטעריום. דאָס האָט געבראַכט צו דעם, אַז די 20 סאָלדאַטען האָט מען אַריבערגעפיהרט אין אַ רוסישע שטאָדט, און גלייכצייטיג האָט דאָס קריעגס־מיניסטעריום אָבגעגעבען אַן אַלגעמיינע פעראָרדנונג, מען זאָל אויף ווייטער בעשטימען געטויפטע קאַנטאָניסטען אויפ׳ן ווירקליכען מיליטער־דיענסט אין יענע געגענדען, וואו אידען האָבען ניט געטאָרט וואוינען.

ניט נור פון אידען האָט מען זיך געמיהט אָבצוזונדערן די משומדים. פון אַנדערע אַנשטאַלטען פלעגט מען, למשל, אָבשיקען די קאַנטאָניסטען, בעזונדערס זומער־צייט, אין דערפער צו די פויערים. איז אין יאָהר 1852 ענטשטאַנען אין קאַזאַן אַזאַ פראַגע: צי מעג מען די געטויפטע אידישע קאַנטאָניסטען האַלטען אין די טאָטערשע דערפער? (ווי בעוואוסט, זיינען די פויערים אין קאַזאַנער גובערניע מייסטענס טאָטערן, וואָס זיינען מאַכ־מעדאַנער). דער קאַזאַנער מיליטערישער גובערנאַטאָר האָט וועגען דעם געמאַכט אַ שאלה ביים קריעגס־מיניסטעריום, און דאָס מיניסטעריום האָט זיך צונויפגעשריבען מיט דעם סינאָד. דער קאַזאַנער אַרכיערעי האָט ערקלערט, דאָס אַזוי ווי דער מאַכמעדאַנישער גלויבען בעציהט זיך פיינד־ליך געגען קריסטענטום, דער גאַנצער לעבענס־שטייגער ביי די טאָטערען אין אַן אַנדערער, ווי ביי די פראַוואָסלאַוונע, און די געטויפטע קאַנטאָ־ניסטען האָבען נאָך גאָר קיין בעגריף ניט וועגען דער קריסטליכער רעלי־גיע, — דעריבער געפינט ער, אַז אַפילו דאָס צייטווייליגע אויפהאַלטען זיך אין די טאָטערשע דערפער קאָן אויף זיי האָבען זעהר אַ שעדליכע ווירקונג. דער סינאָד און דער קריעגס־מיניסטעריום זיינען צוגעשטאַנען צו דעם אַרכיערעי׳ס מיינונג, און עס איז פערוועהרט געוואָרען צו בעזעצען די געטויפטע קאַנטאָניסטען צווישען די טאָטערן [13].

דעם קייזער ניקאָלאַי דעם ערשטען איז געווען ווייניג, וואָס מען בע־נוצט די געטויפטע קאַנטאָניסען, כדי צו צווינגען די קליינע אידישע רעקרו־טען צום שמד. ער האָט געהאַלטען, דאָס מיט אַזאַ צופעליגער מיטווירקונג טאָר מען זיך ניט בענוגענען, מ׳מוז זוכען, צי מען קאָן ניט בעשאַפען פון צווישען די געטויפטע קאַנטאָניסטען פּראָפעסיאָנעלע מיסיאָנע־רען, אויף צו בעקעהרען די אידישע אינגלעך צום פראַוואָסלאַווען גלויבען. און אַז מען זוכט, געפינט מען. אין מערץ 1845 האָט דער סאַראַטאָווער אַרכיערעי יאַקאָוו צוגעשיקט דעם סינאָדאַלען אָבער־פּראָקוראָר, גראַף פּראָ־טאַסאָוו׳ן, צוויי „אויפרופען“, וואָס עס האָבען פערפאַסט די געטויפטע קאַנטאָניסטען פון סאַראַטאָווער באַטאַליאָן, ניקאָלאַי קוזנעצקי און אַלעק־

[13]) אַרכיוו פון סינאָדאַלען אָבער־פּראָקוראָר, פון יאָהר 1852 — נומ. 37.

סאַנדער סאָפּראַנאָוו[14]). איין אויפרוף איז געווען: — „צו די אידען, וואָס זיינען נאָך פערטיפט אין זייערע אבערגלויבנס", און דער אַנדערער: — „צו יענע אידען, וואָס זיינען שוין אויפגעקלערט געוואָרען דורך דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען". דער פּראָפעסאָר פון דער פּעטערבורגער גייסט־ליכער אַקאַדעמיע, וו. לעוויסאָן (אויך אַ משומד), וועמען די ביידע אַרטיק־לען זיינען איבערגעגעבען געוואָרען אויף דורכצוקוקען, האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז „כאָטש זיי זיינען אָנגעשריבען געוואָרען קינדיש, דאָך אָבער איז פון זיי צו זעהן, אַז די ביידע יונגע פּערפאָסערס זיינען פעסט איבערגעגעבען צום נייעם גלויבען, וואָס זיי האָבען אָנגענומען, און זיי זיינען בעגייסטערט מיט דער שטרעבונג, אַז זייערע געוועזענע גלויבענס־ברידער זאָלען אויך ווערען קריסטען." גראַף פּראָטאָסאָוו האָט וועגען די צוויי יונגע משומדים בעריכטעט דעם קייזער. ניקאָלאַי דער 1־טער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער זאַך. דעם 4־טען מאַי 1845 האָט ער קוזנעצקי'ן און סאָפּראַנאָוו'ן בעשטימט צו פופציג רובעל בעלוינונג און בעפעלען צו פרעגען ביי זיי, צי זיי ווילען ווערען גלחים און שפּעטער אַרבייטען אַלס מיסיאָנערען. יענע האָבען געענטפערט, אַז זיי זיינען דערויף מסכים. האָט ניקאָלאַי געהייסען, מען זאָל זיי ביידען, נאָכדעם ווי זיי וועלען ווערען גלחים, געברויכען ספּעציעל אויף צו בעקעהרען אידישע קאַנטאָניסטען צום פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען.

עס פערשטעהט זיך, אַז וויבאַלד דער קייזער האָט אַרויסגעוויזען אַזאַ אינטערעס צו דער זאַך, האָט דער סינאָד זיך פאַר איהר גענומען מיט דער העכסטער פלייסיגקייט. אין סאַראַטאָווער באַטאַליאָן איז דאַן קיין איין אידישער קאַנטאָניסט ניט געווען — אַלע אינגלעך זיינען שוין אָבגעטויפט געוואָרען. האָט דער סינאָד בעשלאָסען אַריבערצופיהרען קוזנעצקי'ן און סאָפּראַנאָוו'ן קיין קאַזאַן און אָבגעבען זיי אין דער דאָרטיגער גייסטליכער סעמינאַריע, אויף צו לערנען זיך, און מען זאָל זיי שוין איצט אויסנוצען ביים בעקעהרען די אידישע אינגלעך אין קאַזאַנער קאַנטאָניסטישען באַטאַ־ליאָן. אין סעפּטעמבער 1845 האָט אַ סאַראַטאָווער גלח מיט גרויס פּאַראַד אַראָבגעבראַכט די ביידע יונגע משומדים קיין קאַזאַן. אויף אויסצובילדען פון זיי מיסיאָנערען, האָט דער סינאָד צונויפגעשטעלט אַ בעזונדער פּראָ־גראַם, אויף דריי יאָהר, פאַר די לימודים, וואָס זיי דאַרפען שטודירען אין דער סעמינאַריע. כדי אויסצוהאַלטען זיי דאָרטען, איז לויט דעם קייזער'ס ערלויבניש, בעשטימט געוואָרען אַ גרעסערע געלט־סומע, ווי פאַר גע־וועהנליכע שילער. דער קאַזאַנער אַרכיערייי האָט בעקומען פון סינאָד אַ

[14]) דערזועלבער אַרכיוו, נומ. 35645 („וועגען צוויי אויפרופען, וואָס עס האָבען פערפאַסט די געטויפטע קאַנטאָניסטען סאָפּראַנאָוו און קוזנעצקי, און וועגען אָננעמען זיי ביידען אין גייסטליכען שטאַנד").

פעראָרדנונג, ער זאָל אַכטונג געבען אויף זייער לערנען און זאָל רעגעל־מעסיג שיקען בעריכטען וועגען זיי. אויסער דעם שטודיום, האָבען דיביידע יונגע־לייט אויך געפיהרט אַ רעליגיעזע פראָפּאַגאַנדע אינ'ם קאַזאַנער באַטאַליאָן, און אין יאָהר 1845 האָבען זיי זוכה געווען צו בעקומען דערפאַר אַ ברכה פון סינאָד[15].

אין אָקטאָבער 1848 האָט זיך געענדיגט דער דריי־יאָהריגער טערמין, וואָס דער סינאָד האָט בעשטימט פאַר קוזנעצקי'ס און סאָפּראָנאָוו'ס לימודים. אַ בעזונדער קאָמיסיע האָט זיי ביידען געמאַכט אַן עקזאַמען און צוגעשטעלט אין סינאָד אַ גענויען פּראָטאָקאָל וועגען דעם. ביים עקזאַמען האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז סאָפּראָנאָוו האָט ווייניג קענטעניסען; וואָס אַנבאַלאַנגט קוזנעצקי'ן, האָט די קאָמיסיע געפונען, אַז ער איז אַפילו ניט שלעכט צוגעגרייט, אָבער ער איז נאָך צו יונג, מען זאָל איהם שוין איצט קאָנען בעשטימען פאַר אַ מיסיאָנער. האָט דער סינאָד בעשלאָסען אָבצו־געבען קוזנעצקי'ן אין דער קאַזאַנער גייסטליכער אַקאַדעמיע, ער זאָל דאָ בעקומען ווייטערדיגע בילדונג, און סאָפּראָנאָוו'ן איבערלאָזען נאָך אויף אַ צייט אין דערזעלבער סעמינאַריע.

אָבער אין גיכען איז מיט סאָפּראָנאָוו'ן אַרויס גאָר אַ גרויסער בזיון. ער האָט אָנגעהויבען אָפט אַוועקגעהן פון דער סעמינאַריע, וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטען. די מוסר־רייד האָבען אויף איהם קיין שום ווירקונג ניט געהאַט; מען האָט פּרובירט ביי איהם צונעהמען די שטיוועל, האָט דאָס אויך ניט געהאָלפען. וואָס ווייטער, איז זיין אויפפיהרען זיך געוואָרען אַלץ ערגער. דער צוקונפטיגער מיסיאָנער פלעגט פערפאַלען ווערען אויף גאַנצע טעג, פערברענגען נעכט אין פרעהליכע הייזלעך און שיינקען. ער האָט פערקויפט זיין קאַזיאָנע קליידונג; איינמאָל האָט די פּאָליציי איהם אַ טויט־שיכור'ען געבראַכט אין סעמינאַריע. ס'איז אויף איהם געפאַלען אַ פאַר־דאַכט, אַז ער איז בעגאַנגען צוויי גנבות. אויך האָט ער פּרובירט „פער־גיפטען דעם רעקטאָר פון סעמינאַריע, דעם גלח קלימענט, מיט טראָפּענס, וואָס רופען אַרויס אַ ליידענשאַפטליכען בעגעהר" (אַזוי איז פערשריבען געוואָרען אין אָפיציעלען פּראָטאָקאָל)... די גלחים אין סעמינאַריע האָבען געהאַלטען אין איין בעטען זיך, מ'זאָל זיי בעפרייען פון סאָפּראָנאָוו'ן. דער סינאָד האָט בעקומען אַן אויספיהרליכען בעריכט וועגען אַלע זיינע שעהנע מעשים און האָט איינגעפונען, אַז דער יונג קאָן מעהר ניט געדולדעט ווערען ניט נור אין דער סעמינאַריע, נאָר אין גלח'שען שטאַנד בכלל. לויט דער פעראָרדנונג פון סינאָד האָט מען סאָפּראָנאָוו'ן אין אַפּריל 1850

---

[15]) אַרכיוו פון סינאָד, פון יאָהר 1846 — נומ. 294 („וועגען בעלוינונגען פאַר טויפען קאַנטאָניסטען").

אויסגעשלאָסען פון דער סעמינאַריע און צוריק אָבגעשיקט צום קאָמאַנדיר פון קאַזאַנער גאַרניזאָן, אויף צו בעשטימען איהם אויפ'ן מיליטערישען דיענסט אין אַ וואָסער ס'איז רעגימענט. אַט אַזוי מיאוס האָט זיך געענדיגט דער פרוב אויסצובילדען פון איהם אַ מיסיאָנער.

בעסער איז צוגעגאַנגען מיט דעם צווייטען משומד, קוזנעצקי'ן, אָבער קיין בעזונדערע גליקען האָט מען מיט איהם אויך ניט געכאַפּט. אין יאָהר 1852 האָט ער געענדיגט די קאַזאַנער גייסטליכע אַקאַדעמיע און איז, לויט'ן בעשלוס פון סינאָד, בעשטימט געוואָרען פאַר אַ גלח אין פּאָלטאַווע. דאָ האָט ער זיך פערנומען דערהויפּט מיט מיסיאָנערישער אַרבייט, אָבער קיין גרויסע זאַכען האָט ער ניט אויפגעטהאָן. אין 1855 און 1862 האָט ער צוגעשיקט אין סינאָד פּראָיעקטען מכח אָרגאַניזירען אַ רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע צווישען אידען[16]). דער פּאָלטאַוואער אַרכיערייו פלעגט זיינט 1864 כמעט יעהרליך צושטעלען וועגען קוזנעצקי'ן מיטטיילונגען אין סינאָד. דער לעצטער בעריכט קעהר זיך אָן צום יאָהר 1883. קיין ווייטער־דיגע ידיעות וועגען קוזנעצקי'ן איז ניטאָ.

ריידענדיג מכח קאַנטאָניסטען־משומדים, מוז מען נאָך דערמאָנען וועגען וואָלף נאָכלעס'ן, אַ אינגעל פון פּאָדאָליער גובערניע, וואָס מען האָט אָבגעגעבען פאַר אַ רעקרוט און אָבגעשיקט אין סאַראַטאָווער קאַנטאָניסטי־שען באַטאַליאָן. דאָ איז ער אָבגעשמד'ט געוואָרען און האָט בעקומען דעם נאָמען: „אַלעקסאַנדער אַלעקסעיעוו". נאָך דער טויפונג איז אַלעקסעיעוו געוואָרען אַ פאַנאַטישער קריסט און האָט זיך פלייסיג פערנומען מיט פיהרען אַ פּראַוואָסלאַוונע פּראָפּאַגאַנדע צווישען די אידישע קאַנטאָניסטען. ער איז דערפאַר בעשטימט געוואָרען פאַר אַן אונטער־אָפיציר. אויך האָט ער בעקומען פון דעם קייזער ניקאָלאַי דעם 1־טען אַ געלד־בעלוינונג.

נאָך אַ שטאַרקער פערקיהלונג האָבען זיך ביי אַלעקסעיעוו'ן אָבגענומען די פיס, האָט ער געמוזט אָבשטעלען זיין פּראַקטיש־מיסיאָנערישע אַרבייט און איז געוואָרען אַ שריפטשטעלער. ער האָט געדרוקט ווערק, וואו ער האָט געזוכט צו איבערצייגען אידען אין דער פאַלשקייט פון זייער אמונה. קיין ווירקונג אויפ'ן אידישען עולם האָבען זיי, פערשטעהט זיך, ניט גע־האַט. מעהר איינפלוס האָבען אָבער געהאַט זיינע אַרטיקלען און ביכער, אין וועלכער ער איז אַרויסגעטראָטען ניט נור ווי אַ הייסער קריסט, נאָר אויך אַלס פערברענטער אַנטיסעמיט; ער האָט געהעצט געגען דעם אידי־

---

[16]) אַרכיוו פון סינאָד, פון יאָהר 1855 — נומ. 284 („וועגען די פּראָ־יעקטען פון דעם פּאָלטאַוואער גלח קוזנעצקי און פון דעם געטויפטען בראַפמאַן, מכח בעקעהרען אידען צום קריסטליכען גלויבען"). אַרכיוו פון סינאָדאַלען אָבער־פּראָקוראָר, פון יאָהר 1862 — נומ. 116 („וועגען פעראָרדנונגען מכח בעקעהרען אידען צום קריסטליכען גלויבען").

שען גלויבען, געגען אידען און זייערע זיטען, געוואָרענט, מען זאָל זיי ניט געבען קיין רעכט, א. אַז. וו. אַלעקסעיעוו איז געווען אַ מענש אָהן בילדונג, אָבער ער האָט געהאַט אַ פלינקע פעדער. אַדאַנק זיין פאָלקסטימליכער, אָפטמאָל גראָבער שפּראַך, האָבען זיינע אַנטיסעמיטישע שריפטען געהאַט ערפאָלג ביי די פשוט'ע רוסישע לעזער און געבראַכט פיעל שאָדען. איין גוט וואָרט מוז מען אויף אָט דעם פערביסיענעם משומד־אידענפיינד זאָגען: שיטענדיג אויף אידען מיט פעך און שוועבעל, האָט ער זיי דאָך קיינמאָל ניט בעשולדיגט אין געברויכען קריסטליך בלוט. פערקעהרט, ווען עס זיינען פערפיהרט געוואָרען די בעוואוסטע בלוט־בלבולים אין סאַראַטאָוו און קוטאַאיס, האָט אַלעקסעיעוו געלעגט פיעל מיה און ענערגיע אויף צו בעווייזען זייער פאַלשקייט; ער האָט אויך אַרויסגעגעבען אַ בוך, וואו ער האָט בעקעמפט די בלוט־בעשולדיגונג און אויפגעקלערט איהר גרונדלאָזיגקייט. פון אַזאַ שעדליכען משומד האָט מען זיך, אַלענפאַלס, דערויף ניט געקאָנט ריכטען.

.X

קוואַטערס און קוואַטערקעס. — בעלוינונגען פאַר קוואַטערשאַפט. — פעלשונגען ביים טויפען קאַנטאָניסטען.—ווי אַזוי מען פלעגט ביים טויפען ענדערן די נעמען און פאַמיליעס. — די טייבען וואָלגאַ און דניעפּער אַלס טויף-בעקענס. — פייערליכע גאָטעס-דיענסטען ביי מאַסען טויפונגען. — „פון חדר טאָר מען ניט אויסזאָגען". — מען אַנטלויפט, מען נעהמט זיך דאָס לעבען. — קאַנטאָניסטען-„מאַראַנען" און העלדען. — רעפּרעסיעס פאַר אומקעהרען זיך צום אידישען גלויבען.

ווי בעוואוסט, פאָדערט דער פּראַוואָסלאַוונער דין, אַז יעדערער, ווער עס ווערט געטויפט, זאָל האָבען אַ קוואַטער און אַ קוואַטערקע (אין רוסיש הייסט דאָס: „טויף־פאָטער" און „טויף־מוטער"). דאָס קעהר זיך אָן אי צו ניי־געבוירענע קינדער, אי צו ניט־קריסטען, וואָס ווערען גע'שמד'ט. די קוואַטערס בעטייליגען זיך אין דער רעליגיעזער צערעמאָניע פון טויפונג, און אָהן זיי קאָן זי ניט פאָרקומען, אַזוי ווי זי קאָן ניט געשעהן אָהן אַ גלח. עס איז פון לאַנג אַ מנהג ביי די פּראַוואָסלאַוונע, אַז די קוואַטערס — די „טויף־עלטערן" גיבען מתנות זייערע „גייסטיגע קינדער", ד. ה. די גע־טויפטע. פאַר פרומע רוסען איז דאָס אָבער ניט געווען קיין אָבהאַלט צו נעהמען אויף זיך די קוואַטערשאַפט, ווייל זי ווערט גערעכענט פאַר אַ גרויסער מצוה.

מיר ווייסען שוין, אַז די שמד־אַרבייט אין די מיליטערישע באַטאַליאָנען איז געפיהרט געוואָרען אויף אַ זעהר ברייטען פערנעהם, און אַז די אידישע קאַנטאָניסטען האָט מען גע'שמד'ט מאַסענווייז, אָפטמאָל צו עטליכע הונדערט מיט אַמאָל. עס ענטשטעהט נאַטירליך די פראַגע: וואו פלעגט מען נעהמען קוואַטערס פאַר אַזאַ גרויסע צאָהל אידישע אינגלעך? עס שטעלט זיך אַרויס פון די אָפיציעלע בעריכטען, אַז מען האָט טאַקע אָפט מיט דעם געהאַט גרויסע שוועריגקייטען. למשל, דער אַסטראַכאַנער אַרכיערעי סמאַראַגד בעקלאָגט זיך אין יאָהר 1844 פאַר דעם אָבער־פּראָקוראָר פון סינאָד, גראַף פּראָטאַסאָוו'ן: „ס'איז שווער צו געפינען קוואַטערס (ביים טויפען די דאָרטיגע אידישע קאַנטאָניסטען), דערהויפּט ווייל די קוואַטערשאַפט איז, ווי בעוואוסט, פערבונדען מיט געוויסע אויסגאַבען". און וואָס שטאַרקער מען האָט ערגיץ־וואו געפיהרט די טויף־אַרבייט, אַלץ האַרבער איז דאָרטען געווען די פראַגע וועגען קוואַטערשאַפט. מיט זייער שמד־טהע-

טיגקייט האָבען זיך בעזונדערס אויגעצייכענט די פּערמער, סימבירסקער און סאַראַטאָווער באַטאַליאָנען; האָבען זיי טאַקע מעהר ווי די אַנדערע געהאַט שווֹעריגקייטען מיט געפינען „טויף־עלטערן”. „עס טרעפט זיך אָפט, אַז מיר האָבען אַ מאַנגעל אין קוואַטערס, — שרייבט דער פּערמער אַרכי־עריי אַרקאַדי צו גראַף פּראָטאַסאָוו’ן, — פּערם איז אַ קליינע שטאָדט. העלפט אונז אין אָט דער הינזיכט די שטאָדט קונגור. די דאָרטיגע הענדלער און „מעשטשאַנעס” זיינען פערמעגליכער, ווי די היגע, און זיי ווערען גערן טויף־עלטערן איבער די אידישע קינדער”. האָט מען אין פּערם טאַקע אָפט געפיהרט גאַנצע פּאַרטיעס אינגלעך, אויף צו טויפען זיי, 90 וויאָרסט ווייט — קיין קונגור, וואו די דאָרטיגע גאָטספּאָרכטיגע און פערמעגליכע איינוואוינער זיינען געווען גרויסע בעלנים אויף קוואַטערשאַפט.

אין דער שטאָדט וואָילסק, וואו עס זיינען געשטאַנען די סאַראַטאָווער קאַנטאָניסטישע באַטאַליאָנען, איז אָפט אויסגעקומען אַ צעהנדליג געטויפטע (און אַמאָל נאָך מעהר) אויף איין קוואַטער. צוליב די שוועריגקייטען, וואָס פלעגען זיך געוועהנליך טרעפען, האָט דער קאָמאַנדיר פון דער 3־טער קאַנטאָניסטישער בריגאַדע אָנגעוויזען, אַז מען מוז דורך געוויסע אויסצייכ־נונגען צוגעבען דער בעפעלקערונג מעהר חשק צו קוואַטערשאַפט. זיין פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען — אין יאָהר 1848 האָט דער קייזער ניקאָלאַי דער ערשטער אויסגעדריקט זיין „אַלערהעכסטען דאַנק” די איינ־וואוינער פון קונגור, קאַזאַן, וואָילסק, פּערם און סימבירסק פאַר זייער גרייטקייט צו נעהמען אויף זיך קוואַטערשאַפט ביים טויפען אידישע קאַנ־טאָניסטען [1]). דעם ערשטען אָרט צווישען אָט די אַלע שטעדט האָט דערין שטענדיג פערנומען קונגור — די דאָרטיגע איינוואוינער האָבען בעוויזען די רעקאָרד־ציפערן. אין קונגור האָבען, צום ביישפּיעל, איין פּאָר קוואַטערס — דער הענדלער פּיאָטר פּיליקין און די פרוי פון אַ הענדלער, יעליזאַוועטאַ כלעבניקאָוואַ — אין צוויי טעג (דעם 3־טען און 4־טען דעצעמבער 1855) געטויפט ה ו נ ד ע ר ט א ו ן פ י נ ף אידישע קאַנטאָניסטען פון פּער־מער באַטאַליאָן [2]). פון די הענדלער זיינען דאָרטען אָבער ניט אָבגעשטאַ־נען אויך די בעאַמטע. דער קונגורער ריכטער ווערעשטשאַגין און די פרוי פונ’ם דאָרטיגען דאָקטאָר יעליזאַוועטאַ כוואָסטאָוואַ זיינען אינאיינעם געווען קוואַטערס אויך ביי 105 אינגלעך [3]). עס איז שווער צו זאָגען, וואָס האָט דאָ געשפּיעלט אַ גרעסערע ראָליע: די פרומקייט, אָדער די שטרעבונג אויסצוזייענען זיך פאַר דער מאַכט? אַלענפאַלס אָבער האָבען דיביידע

[1]) אַרכיוו פון סינאָדאַלען אָבער-פּראָקוראָר, נומ. 41167.
[2]) אַרכיוו פון סינאָד, פון יאָהר 1856 — נומ. 2287.
[3]) דערזעלבער אַרכיוו, פון יאָהר 1857 — נומ. 655.

פאַר קונגורער קוואַטערס בעקומען אַ בעלוינונג: דער סינאָד האָט זיי עפענטליך אַרויסגעזאָגט זיין ברכה.

אָפט פלעגען קוואַטערס זיין סיי די העכערע גייסטליכע — די אַרכיעריען און אַפילו מיטראָפּאָליטען, — סיי די פשוט'ע גלחים. דער סימבירסקער אַרכיערייער פעדאָטי, למשל, איז אין יאָהר 1845 געווען קוואַטער ביי 51 אינגלעך [4]). אויך די קאָמאַנדירען און די אָפיצירען פון די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען האָבען ניט זעלטען אויף זיך גענומען קוואַטערשאַפט. מען האָט מיט דער מצוה מזכה געווען אויך די פעלדפעבעלס און אונטעראָפיצירען, אויסגעדיענטע זעלנער, ווי אויך סאָלדאַטסקע פרויען און אלמנות. מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, אַז אין אַנדערע באַטאַליאָנען פלעגט מען ביי די אידישע אינגלעך פשוט, אָהן שום טויפונג, פערשרייבען אין די דאָקומענטען, אַז זיי האָבען זיך געשמד'ט. די זעלבע פעלשונג איז ניט זעלטען געמאַכט געוואָרען אויך בנוגע צו קוואַטערשאַפט: מען פלעגט פערצייכענען אין די פאַפּירען, אַז דער און דער זיינען געווען טויף־עלטערן, כאָטש אין דער ווירקליכקייט האָבען יענע וועגען דעם אַפילו גאָר ניט געוואוסט. בעזונדערס אָפט זיינען אַזעלכע זאַכען פאָרגעקומען אין קיעווער באַטאַליאָן. מיר וועלען דאָ ברייגנען איין ביישפיעל: אין יאָהר 1859 האָבען אין קיעוו דריי געטויפטע סאָלדאַטען (מאַקאַר נאָוואַק, גריגאָרי בוטלינסקי און גאַווריל פּאָלאָנסקי) ערקלערט, אַז זיי זיינען געגען זייער ווילען אָבגע'שמד'ט געוואָרען אין יאָהר 1855, ווען זיי זיינען געווען קאַנטאָניסטען אין קיעווער באַטאַליאָן. עס איז געמאַכט געוואָרען וועגען דעם אַן אויספאָרשונג דורך אַ בעזונדער קאָמיסיע. אין גריגאָרי בוטלינסקי'ס דאָקומענטען איז געווען פערשריבען, אַז געטויפט געוואָרען איז ער דעם 4־טען סעפּטעמבער 1855, ווען דער באַטאַליאָן איז געשטאַנען אין דאָרף „סאטשקאָוויטש” (טשערניגאָווער גוב.), און אַז זיין קוואַטערקע איז געווען די דאָרטיגע פויערטע, פעלאַגייאַ וואָראָנקינאַ. די אויספאָרשונס־קאָמיסיע האָט איהר גענומען אויף אַ פערהער און וואָראָניקאַ האָט מיט אַ שבועה בעוויזען, אַז זי איז אַפילו אין קירך ניט געווען דערביי, ווי מען האָט געטויפט בוטלינסקי'ן; זי האָט זיך ערשט מיט אַ צייט שפּעטער דערוואוסט, אַז מען האָט איהר פערשריבען פאַר אַ טויף־מוטער פון עפּיס אַ קאַנטאָניסט [5]). דיזעלבע גויע האָט דערצעהלט ביים פערהער, אַז ווי זי האָט געהערט, האָט מען אין זייער דאָרפישער קירך אָבגעטויפט מעהר ווי 150 אידישע אינגלעך. וואַהרשיינליך זיינען דערביי ניט וועניג אַנדערע פויער־

---

[4]) דערזעלבער אַרכיוו, פון יאָהר 1846 — נומ. 888.

[5]) Д. Бродский. Як до хреста приводили кантоністів - жидів. („Зап. Істор.-Філол. Відділу Укр. Акад. Наук”, XII — 1927 г., 303).

טעס פערשריבען געוואָרען, ווי וואָראָנקינאַ, אָהן איהר וויסען פאַר קוואַ־טערקעס.

ביי דער טויפונג האָט מען די נעמען פון די אידישע אינגלעך געענ־דערט. מען פלעגט זיי געוועהנליך אָנרופען נאָך די נעמען פון די קוואַ־טערס. אויב דער קוואַטער האָט, למשל, געהייסען „סטעפּאַן", האָט מען דעם קאַנטאָניסט אויך געגעבען דעם נאָמען „סטעפּאַן". כמעט שטענדיג האָט מען אומגעביטען אויך דעם פאַמיליען־נאָמען פון די געטויפטע. אייניגע האָבען בעקומען אַ נייע פאַמיליע נאָך דעם קוואַטער, אַנדערע — נאָך דעם נאָמען פון דעם גלח, וואָס האָט זיי געטויפט, די דריטע האָבען געקראָגען צופעליגע רוסישע פאַמיליעס, וואָס זיינען איינגעפאַלען דעם מיליטערישען אָדער גייסטליכען בעאַמטען. דער סימבירסקער אַרכיערייי פעדאָטי האָט קוואַטערשאַפט געהאַלטען פאַר גאָר אַ גרויסע מצוה, וועלכע ער פלעגט זעהר גערן אויף זיך נעהמען. דעריבער איז אין סימבירסקער באַטאַליאָן שטענדיג געווען אַ גרויס געדרעטעניש אויף דער פאַמיליע „פעדאָטיעוו", פון „דאַמיאַן", „קאָזמאַ", „וואַרסאָנאָפי" און נאָך אַזעלכע נעמען פון פּראַ־וואָסלאַוונע „כלי־קודש" האָבען זיך געגומען די גלח'ישע פאַמיליעס, ווי למשל, „דאַמיאַנסקי", „קאָזמינסקי", „וואַרסאָנאָפיעוו", א. ד. גל., וואָס מען בעגעגענט אַפט ביי די קאַנטאָניסטען.

עס פלעגט טרעפען ,אַז ביי דער טויפונג האָבען גאַנצע גרופּעס אידישע אינגלעך בעקומען איין און דעמזעלבען נאָמען. דאָס איז מייסטענס פאָרגע־קומען ביי יענע געלעגענהייטען, וואו די גלחים און קאָמאַנדירען האָבען געוואָלט בעזונדערס אויסצייכענען זיך מיט זייער „פּאַטריאָטישער" אייפער־ריגקייט. „איך דאַנק דעם אויבערשטען, וואָס ער האָט מיך באַשערט ווערען אַ ווערקצייג צו בעקעהרען אידישע קינדער צום קריסטליכען גלויבען, — שרייבט אין נאָוועמבער 1843 דער טאָבאָלסקער אַרכיערייי וולאָדימיר צו גראַף פּראָטאָסאָוו'ן,—איך האָב דעם 30־טען אָקטאָבער געטויפט 9 אידישע קאַנטאָניסטען; און ווייל דאָס איז געווען דער טאָג, ווען עס איז אָבגעריכט געוואָרען אַ גאָטעסדיענסט צוליעב דער טויפונג פונ'ם הויך־בייגעבוירענעם פּירשט ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש, — האָבען לכבוד דעם אַלע 9 אינגלעך בעקומען דעם נאָמען „ניקאָלאַי". — מען פלעגט בכלל גערן צופּאַסען אַזעלכע געמיינזאַמע טויפונגען צו געוויסע פייערליכע טעג אין דער קייזער־ליכער פאַמיליע. למשל, דעם 8־טען נאָוועמבער 1843, אין דעם נאָמענס־טאָג פון דעם גרויספירשט מיכאַאיל, זיינען אין טאָבאָלסק גע'שמד'ט גע־וואָרען 23 אידישע קאַנטאָניסטען, — האָט מען זיי אַלעמען אָנגערופען „מיכאַאיל".

געוועהנליך אָבער פלעגט מען די געטויפטע געבען די נעמען פון די קוואַטערס און אָפטמאָל אויך זייערע פאַמיליעס. די אָפיציעלע בעריכטען

וועגען דעם גאַנג פון דער מיסיאָנערישער אַרבייט, וועלכע זיינען כסדר אָנגעקומען פון פערשידענע באַטאַליאָנען, זיינען פול מיט רייסטערס פון די אָבגע'שמד'טע קאַנטאָניסטען. אין זיי האָט מען כמעט שטענדיג אָנגעוויזען אי די פריהערדיגע נעמען און פאַמיליעס, אי די נייע, אין וועלכע די אידישע אינגלעך פלעגען מגולגל ווערען. אין די אונצעהליגע רעלאַציעס, וואָס ליעגען פאַר אונז, טרעפען מיר, למשל, אַזעלכע פערוואַנדלונגען: „מרדכי פוכאָוויטש — מיכאַאיל איוואַנאָוו; אַלטער רעזניק — וולאַדימיר פעראָוו; אָשר כאַדעץ—סעמיאָן סעמיאָנאָוו; אליהו מילעצקי—ניקאָלאַי אַנדרייעוו; יצחק קאָרזינעוויש — ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוו; שלמה גאָרדאָן — מיכאַאיל יעווגראַפאָוו", און אַזוי ווייטער. ווען איהר בלעטערט דורך אָט די טרויע־ריגע רייסטערס, וועלכע ענטהאַלטען אין זיך אַזוי פיעל קינדערשע ליידען און פיין, בעהערשט אייך אַ געפיהל פון וועהטאָג. און צוגלייך זעהט איהר דאָ בעשיינפערליך, אַז דאָס קאַנטאָניסטען־סיסטעם האָט אַריינגעגעבען אין דער רוסישער פאָלקס־מאַסע ניט וועניג אידיש בלוט, און אַז פיעל פון די היינטיגע פעטראָווס, איוואַנאָווס, סטעפאַנאָווס, אַנדרייעווס און טרעגער פון אַנדערע אַזעלכע עכט־רוסישע פאַמיליען־נעמען שטאַמען פון אידישע אינגלעך, וואָס מען האָט אַמאָל, מיט אַ יאָהר 90—100 צוריק אָבגעטויפט מיט געוואַלט.

אין אַנדערע אַנשטאַלטען איז די מיסיאָנערישע אַרבייט געפיהרט געוואָרען אַזוי האַסטיג, אַז מען פלעגט מיט אַמאָל אָב'שמד'ן אַזוי פיעל אינגלעך, דאָס עס האָט ניט געקלעקט קיין טויף־בעקענס. בעזונדערס אָפט איז דאָס פאָרגעקומען אין די סאַראַטאָווער באַטאַליאָנען. האָט מען זיך אָבער געגעבען אַן עצה. די סאַראַטאָווער באַטאַליאָנען זיינען געשטאַנען אין דער שטאָדט וואָלסק, נעבען דעם טייך וואָלגאַ — פלעגט מען זיך מיט אָט דעם גרויסען טייך בענוצען ביי די טויפונגען. „גאָט'ס ווילען איז געווען, — מעלדעט דער סאַראַטאָווער אַרכיערייַ אין יאָהר 1853, — אַז צום יום־טוב „טראַאיצאַ" זאָלען 134 אידישע קאַנטאָניסטען אָננעמען דעם פראַוואָסלאַוונעם גלויבען, און יענעם טאָג האָט די קריסטליכע קירך מיט אַ בעזונדער פייערליכקייט זיי אַלעמען אָבגעטויפט אין דער וואָלגאַ". אַן עהנליכע מיטטיילונג געפינען מיר אויך אין דעם זעלביגען אַרכיערייַ'ס ראַפּאָרט, פון 21־טען אָקטאָבער 1854: „גאָט האָט באַשערט, — שרייבט ער דאָ, — אַז צום 1־טען יוני זאָלען 223 אידישע קאַנטאָניסטען מיט אַמאָל (!) ערקלערען זייער פערלאַנג צו ווערען פראַוואָסלאַוונע. זונטאָג, דעם 13־טען יוני, זיינען זיי אַלע אָבגעטויפט געוואָרען אין דער וואָלגאַ". די שטאָדט קיעוו האָט אויך אַ גרויסען טייך — דעם דניעפּער, האָט ער אויך געדיענט אַלס אַ זעהר גערעמער טויף־בעקען פאַר אידישע אינגלעך.

אין יענע פאַלען, ווען מען האָט מיט געוואַלט אָבגעטויפט אַ בעדיי־

טענדע צאָהל אידישע קאַנטאָניסטען, פלעגט מען אָבריכטען אַ פייערליכען גאָטעסדיענסט, כדי אָבצודאַנקען דעם אויבערשטען פאַר דעם גרויסען חסד, וואָס ער האָט געטהאָן. די אינקוויזיטאָרען איז אַפילו ניט איינגעפאַלען, ס'אַראַ שענדליכע לעסטערונג פון גאָט'ס נאָמען עס ווערט דערמיט בעגאַנגען. דעם 20-טען יוני 1845 האָט מען קיין פערם געבראַכט אַ נייע פאַרטיע אידישע קאַנטאָניסטען — 95 אינגלעך, און שוין אין אַ וואָך אַרום זיינען זיי אַלע אָבגע'שמד'ט געוואָרען. צוליב דעם האָט מען אָבגעהאַלטען אַ פאַראַדנעם גאָטעסדיענסט, וועלכען דער פערמער אַרכיערייי בעשרייבט אין זיין בעריכט צו גראַף פראָטאָסאָוו'ן: „דעם 28-טען יוני, אין דער קירך פון דער הייליגער גאָטעס-מוטער, אין דער אנוועזענהייט פון אַ גרויסער צאָהל מענשען, האָבען די גלחים גלייכצייטיג אָבגעריכט די הייליגע טויפונג איבער די אַלע 95 אידישע אינגלעך. צווישען די קוואַטערס איז געווען אויך דער בריגאַדנער קאָמאַנדיר. פאַר דעם קריסטליכען געפיהל איז דאָס געווען אַ מערקווירדיג בילד, ווי 9 גלחים האָבען אין איין צייט געפיהרט אַרום די טויף-בעקענס 95 אינגלעך אינאיינעם מיט זייערע קוואַטערס און קוואַטערקעס, וועלכע האָבען אין איין האַנד געהאַלטען אַ ליכט און מיט דער אַנדערער האַנד זיך גע'צלמ'ט, און דערביי האָבען מיט אַ בעזונדערער פרייד געהילכט די געזאַנגען פון די צוויי כאָרען!"...

בעזונדערס פייערליכע תפילות האָט מען אָבגעריכט, ווען עס פלעגט אין דער אַנשטאַלט מעהר קיין איין אידישער קאַנטאָניסט ניט בלייבען. אַזאַ גליק איז, צום ביישפיעל, אין יאָהר 1845 געשעהן מיט די סאַראַטאָווער באַטאַליאָנען: צום סוף אַפריל זיינען דאָרט אָבגעטויפט געוואָרען אַלע אינגלעך, ביז איינעם. האָט מען ניט אַרויסגעוויזען קיין אונדאַנקבאַרקייט געגען דעם אויבערשטען. „צוליעב גאָט'ס גענאָד, וואָס האָט באַשערט צו בעקעהרען אַ ל ע אידישע קאַנטאָניסטען, — אַזוי ראַפּאָרטירט דער סעקרעטאַר פון סאַראַטאָווער קאָנסיסטאָריע — איז דעם 2-טען מאַי אין דער קירך פאָרגעקומען אַ בעזונדערס פייערליכע גאָטעסדיענסט, אויף אָבצודאַנקען דעם אויבערשטען. נאָך די תפילות האָט דער רעליגיאָנס-לעהרער, דער גלח ביביקאָוו געהאַלטען אַ רעדע צו די געטויפטע אידען. דערנאָך איז דער עולם, מיט אַ רעליגיעזען פאַראַד, טראָגענדיג הייליגע בילדער, אַוועק צו דער קאַזאַרמע פון די באַטאַליאָנען" [6]. אַזאַ הצלחה, ווי די סאַראַטאָווער באַטאַליאָנען, האָבען געהאַט אויך די פערמער. דעם 23-טען פעברואַר 1845 האָט דער פערמער אַרכיערייי אַרקאַדי אָבגעשיקט צום סינאָד די פרעהליכע נאַכריכט: „אַדאַנק דער בעזונדערער געטליכער

[6] אַרכיוו פון סינאָד, פון יאָהר 1845 — נומ. 895 („וועגען דער טויפונג פון 915 אידישע קאַנטאָניסטען פון די סאַראַטאָווער באַטאַליאָנען").

הילף, זיינען אין די היגע באַטאַליאָנען אָבגעטויפט געוואָרען אַ ל ע קאַנטאָניסטען. נעכטען איז אין דער פּערמער באַגאַראַדיצער קירך געווען, אין דער געגענוואַרט פון די בעאַמטע און די קאַנטאָניסטען, אַ גאָטעס־דיענסט אויף אָבצודאַנקען דעם אויבערשטען פאַר אַזאַ גליקליכע פערענ־דיגונג פון דער הייליגער זאַך"...

פון צייט צו צייט פלעגט אַראָבקומען פון פּעטערסבורג אַ גענעראַל, כדי צו מאַכען אין דער קאַנטאָניסטישער אַנשטאַלט אַ רעוויזיע. די קאַ־מאַנדירען פון די באַטאַליאָנען האָבען יעדערער געהאַט אַ „האַנד" אין מיניסטעריום, און זיי האָבען שטענדיג פריהער געוואוסט, ווען די רעוויזיע וועט זיין. שוין מיט אַ צייט פאַר דעם רעוויזאָר'ס אָנקומען פלעגט מען זיך אין דעם אַנשטאַלט אָנהויבען פלייסיג גרייטען: מען האָט אומעטום גע־פוצט און געראַמט, אַלץ זאָל בליאַסקען; מען האָט די קאַנטאָניסטען בעסער געשפּייזט, זיי זאָלען ניט אויסקוקען אַזוי בלייך און אויסגעמאָגערט; מען האָט זיי אויף אַ קורצע צייט געגעבען נייע, גאַנצע וועש און קליידער. מען האָט געשמיסען ווענינער, מיט רחמים; און אין פאַל פון אַן ערנסטער זינד, וואו מען האָט זיך ניט געקאָנט בעגעהן אָהן אַ פאַרציע ריטער, האָט מען פאַר דער עקזעקוציע איינגעוויקעלט דעם שולדיגען אין אַ נאַסען ליילעך, עס זאָל ביי איהם אויף דעם קערפּער ניט בלייבען קיין קאַרבען און וואונדען. דער רעוויזאָר פלעגט פּרובירען די שפּייז, וואָס מען האָט געגעבען די קאַנטאָניסטען פונ'ם אַלגעמיינעם קעסעל; ער האָט בעקוקט זייער קליידונג, קאָנטראָלירט צי מען האַלט די קאַזאַרמעס גענוג ריין. ער פלעגט אויך זיין ביי די בעשעפטיגונגען, בעזונדערס ביי די מיליטערישע איבונגען, אינטערעסירענדיג זיך מעהר ווי אַלץ מיט דעם, צי די קאַנטאָ־ניסטען קענען ווי געהעריג איז מאַרשירען, שטעהן אויסגעצויגען ווי אַ סטרונע — דערויף האָט מען געלעגט דאָס הויפּט־געוויכט. דער גענעראַל האָט ביי דער רעוויזיע געפרעגט די קאַנטאָניסטען, וואָס זיינען געווען אויס־געשטעלט אין פראָנט: צי האָט ניט ווער אויף עפּיס צו בעקלאָגען זיך? נאָר זעהר, זעהר זעלטען פלעגט עמיצער זיך דערוועגען אַרויסצוטרעטען מיט אַ פּרעטענזיע. כמעט שטענדיג האָבען אַלע, ווי איין מענש, הילכיג אויסגעשריען דעם סקאַרבאָווען ענטפער: „מנאָגאָ דאָוואָלני!" (מיר זיינען דורכאויס צופרידען). דער קאַנטאָניסט האָט גוט געוואוסט, אַז דער רעוויזאָר, ווען אָפילו ער זאָל זיך פאַר איהם אָננעהמען, איז דאָך אַ פּריץ בלויז אויף אַ קורצע ווילע, ער וועט באַלד אָוועקפאָהרען, און דער קאָ־מאַנדיר מיט די אָפיצירען, פעלדפעבעלס און זייערע העלפער וועלען ווידער ווערען די אונבעגרענצטע הערשער איבער איהם; זיי וועלען זיך אויפ'ן גרויזאַמסטען אופן מיט איהם אָברעכענען פאַר יעדען „איבעריגען" וואָרט, וואָס דער רעוויזאָר האָט פון איהם געהערט. האָט מען זיך פעסט

געהאַלטען אָן דעם כלל: „פון חדר טאָר מען ניט אויסזאָגען". ביי די רעוויזיעס האָט מען פערביסען די צייהנער און געשוויגען וועגען די צרות, וואָס מען שטעהט דאָ אויס.

אויף קיין שוץ און הילף האָבען די קאַנטאָניסטען זיך פון ערגיץ ניט געקאָנט ריכטען. זיי האָבען געהאַט פאַר זיך בלויז איין מיטעל אויף פטור צו ווערען פון די שרעקליכע ליידען: אַנטלויפען פון באַטאַליאָן. דאָס איז געווען שווער און ריזיקאַליש, אָבער דערביי האָט געלויכטען כאָטש עפּיס אַ שטראַהל האָפנונג אויף אַ פריי לעבען, אויף אומקעהרען זיך אַהיים צו די עלטערן... אַנטלויפען פלעגען זעהר פיעל קאַנטאָניסטען, אָבער די האָפנונג אויף אַ בעפרייאונג האָט זיך כמעט קיינמאָל ניט פערווירקליכט. מייסטענס האָט מען די אַנטלאָפענע שוין אין אַ פּאָר טעג אַרום געכאַפּט און צוריק געבראַכט אין באַטאַליאָן. און ווען עס האָט זיך אַפילו געלונגען אָבצוטראָגען זיך ערגיץ וואוהין אין אַ ווייטערע געגענד, פלעגען זיי דאָך אַריינפאַלען צו דער פּאָליציי אין די הענד, און מען האָט זיי באַלד אַריינגעזעצט אין טורמע. די געניטע אַרעסטאַנטען האָבען זיי דאָ אויסגעלערענט, זיי זאָלען זיך אַרויסגעבען פאַר „בראָדיאַגעס", וואָס ווייסען ניט ווער זיי זיינען און פון וואַנען זיי שטאַמען. עס איז אָבער געווען ניט שווער אָנצושטויסען זיך, אַז די אינגלעך זיינען אַנטלאָפענע קאַנטאָניסטען, — פלעגט מען אָט די קליינע „בראָדיאַגעס" אָבשיקען אין נאָהענטסטען קאַנטאָניסטישען באַטאַליאָן.

אַנטלויפען פון דער קאַנטאָניסטישער אַנשטאַלט, דאָס איז געווען איינס פון די סאַמע ערגסטע פערברעכענס, און דערפאַר פלעגט מען שלאָגען און שמייסען אונ'ברחמנות'דיג. אין די עראינערונגען פון די אַמאָליגע קאַנטאָניסטען געפינען מיר בעשרייבונגען פון די שוידערליכע עקזעקוציעס, וואָס פלעגען פאָרקומען אין אַזוינע פאַלען. אָבער דאָס לעבען אין באַטאַליאָן איז געווען אַזוי שרעקליך, אַז אַפילו די גרויזאַמע בעשטראָפונגען האָבען ניט אָבגעהאַלטען פון ווידער אַנטלויפען. ווי וו. ניקיטין בעשטעטיגט אין זיין בוך וועגען דעם ניזשני-נאָווגאָראָדער באַטאַליאָן, זיינען דאָרט געווען קאַנטאָניסטען, וואָס פלעגען אַנטלויפען צו צעהן-צוועלף מאָל [7]). קיין בעסערע כאַראַקטעריסטיק פון דעם קאַנטאָניסטישען גרויל ברויך מען ניט. אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, ווען דער רעזשים איז געוואָרען עטוואָס פרייער, האָט מען אויפ'ן אַנטלויפען אויך געקוקט ווי אויף אַ האַרבע זינד, אָבער דער קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן האָט שוין ניט געהאַט, ווי פריהער, דאָס רעכט אַליין דערפאַר צו בעשטראָפען. ער האָט געדאַרפט מאַכען דעם געכאַפּטען קאַנטאָניסט אַ פערהער, פערשרייבען זיינע ערקלערונגען אין אַ פּראָטאָקאָל און

[7]) В. Н. Никитинъ. Многострадальные, 141.

אָבשיקען די דאָקומענטען אין קריעגס־מיניסטעריום. ווייל דער קאַנטאָניסט האָט געוועהנליך ניט געקאָנט לייענען, און דער קאָמאַנדיר האָט אַלזאָ געמעגט שרייבען אַלץ, וואָס עס האָט זיך איהם געגלוסט, דעריבער געפינען מיר אין אַלע פּראָטאָקאָלען איין סקאַרבאָווע ערקלערונג: „אַנטלאָפען בין איך צוליעב מיין נאַרישקייט, און איך האָב ניט אויף וואָס זיך צו בעקלאָגען.״ אויף׳ן גרונד פון די צוגעשיקטע דאָקומענטען פלעגט דאָס מיניסטעריום בעשטימען די בעשטראָפונג, פון 30 ביז 100 ריטער, און בעאויפטראָגען דעם קאָמאַנדיר צו ערפילען דעם אורטייל. עס פערשטעהט זיך, אַז אויסער דער בעשטימטער צאָהל ריטער פלעגט דער אַנטלאָפענער בעקומען נאָך גענוג קלעפּ און שמיץ, וועגען וועלכע מען האָט ביים קריעגס־מיניסטעריום קיין שאלות ניט געמאַכט.

די צאָהל אידען (אָדער געטויפטע) צווישען די קאַנטאָניסטען, וואָס פלעגען אַנטלויפען, איז געווען זעהר בעדייטענד. דאָס איז גאַנץ נאַטירליך, ווייל זייער לאַגע איז געווען בעזונדערס פּייןליך. אין די אָפיציעלע מאַטעריאַלען געפינען מיר ידיעות וועגען פיעלע אַנטלאָפענע אידישע קאַנטאָניסטען און וועגען דער שטראָף, וועלכע דאָס קריעגס־מיניסטעריום האָט זיי בעשטימט. צום ביישפּיעל, פּ. גוטקין האָט, פאַר׳ן אַנטלויפען פון ניזשני־נאָווגאָראָדער באַטאַליאָן, אָפיציעל בעקומען 30 שמיץ; י. נאָדקער פון סאַראַטאָווער באַטאַליאָן — 100 שמיץ [8]). אידישע קאַנטאָניסטען זיינען געווען אויך צווישען יענע, וואָס פלעגען אַנטלויפען צו עטליכע מאָל. אַזוי, למשל, איז מ. יאָסעלעוויטש צום דריטען מאָל אַנטלאָפען פון סמאָלענסקער באַטאַליאָן, און א. וויגדאָרטשיק פון אַ פּערמער באַטאַליאָן — צום פערטען מאָל [9]).

די פּיין און ליידען פון די אונגליקליכע קינדער זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז פאַר אַנדערע פון זיי איז אַפילו דער טויט געווען ליעבער, ווי אַזאַ מין שרעקליך לעבען. זעלבסטמאָרד איז ניט געווען קיין זעלטענהייט אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען [10]). עס ווערט דערצעהלט אַזאַ זאַך: איינמאָל

---

[8]) אַרכיוו פון קריעגס־מיניסטעריום. פערוואַלטונג איבער די מיליטערישע שולען, געריכטליכע אנגעלעגענהייטען, נום. 37/101; קאָמיסיע אויף צו פערענדיגען די ענינים פונ׳ם דעפּאַרט. פאַר מיליטערישע געגענדען, שול־אָבטיילונג, נום. 173.

[9]) דערזעלבער אַרכיוו: פערוואַלטונג איבער די מיליטערישע שולען, געריכטליכע אנגעלעגענהייטען, נום. 3/67; קאָמיסיע אויף צו פערענדיגען די ענינים פונ׳ם דעפּאַרט. פאַר מיליטערישע געגענדען, שול־אָבטיילונג, נום. 125.

[10]) אין די רייסטערס פון דער פערוואַלטונג איבער די מיליטערישע שולען זיינען אָנגעוויזען ניט ווייניג אַרכיוו־דאָקומענטען (טיילווייז פערניכטעטע) וועגען קאַנטאָניסטען, וואָס האָבען זיך גענומען דאָס לעבען. למשל, פון יאָהר 1857—נום. 9|115; נום. 12|139; נום. 14|142; פון יאָהר 1858—נום. 32|7.

האָט מען אין קאַזאַן, אין דער געגענוואָרט פון דעם צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטען געבראַכט צום ברעג טייך אַ גאַנצע גרופּע אידישע קאַנטאָניסטען און געהייסען זיי אַריינגעהן אין וואַסער, אויף אָבצוטויפען זיי. די אינגלעך האָבען זיך פריהער וועגען דעם דערוואוסט, האָבען זיי אָבגערעדט צווישען זיך — צו געהן אויף קידוש השם. זיי האָבען זיך אַלע אַ וואָרף געטהאָן אין וואַסער און זיינען דערטרונקען געוואָרען: איידער גע'שמד'ט צו ווערען, האָבען זיי בעסער געוואָלט שטאַרבען. עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס איז בלויז אַ לעגענדע [11]). אָבער זי און נאָך אַנדערע אַזעלכע ערצעהלונגען האָבען אַ געוויסען פאַקטישען גרונד: ניט ווייניג אידישע אינגלעך פלעגען זיך טאַקע אַליין נעהמען דאָס לעבען. „אין יאָהר 1845, — אַזוי דער־צעהלט אַן אַמאָליגער אַרכאַנגעלסקער קאַנטאָניסט, — זיינען אין אונזער באַטאַליאָן געבליבען ביים לעבען בלויז צוויי אידען. דריי האָבען זיך אַליין געקוילעט, צוויי געהאַנגען און עטליכע האָבען זיך דערטרונקען" [12]). אויך אין די אַרכיוו־מאַטעריאַלען געפינען מיר נעמען פון אידישע קאַנטאָ־ניסטען, וועלכע זיינען בעגאַנגען זעלבסטמאָרד אָדער האָבען זיך פּרובירט דאָס צו טהאָן, אָבער מען האָט זיי אָבגעראַטעוועט.

ווען עמיצער פון די אידישע קאַנטאָניסטען האָט זיך ענטשלאָסען צו בעקלאָגען זיך, אַז מען נויט איהם שמד'ן זיך, פלעגט מען איהם דערפאַר בעשטראָפען. דער געוועזענער קאַנטאָניסט ז. גרינפעלד האָט אין געריכט דערצעהלט, דאָס ער האָט זיך פאַר'ן גובערנאַטאָר בעקלאָגט, אַז מען צווינגט איהם צו טויפען זיך, — האָט דער גובערנאַטאָר געהייסען געבען איהם הונדערט שמיץ און אַריינזעצען אין קאַרצער אויף ברויט און וואַ־סער [13]). מיר האָבען שוין דערמאָהנט, אַז אין יאָהר 1844 איז פון פּעטער־בורג געקומען קיין סימבירסק דער גענעראַל זעדעלער, צו מאַכען אַ רע־וויזיע אין דעם דאָרטיגען קאַנטאָניסטישען באַטאַליאָן. האָבען די אידישע אינגלעך זיך פאַר איהם בעקלאָגט, אַז מען נויט זיי מיט געוואַלט צו שמד'ן זיך. דאָס איז דער איינציגער צופאַל, וואָס איז אונז בעוואוסט, וואו אידישע קאַנטאָניסטען האָבען, געפינענדיג זיך נאָך אין באַטאַליאָן, ערקלערט פאַר אַ רעוויזאָר אַ קאָלעקטיווע פּראָטעסט מכח דעם טויף־צוואַנג. די אינגלעך האָבען פערשטאַנען, אַז גערעכט וועט אַלע מאָל

[11]) אַן עהנליכע לעגענדע ווערט דערצעהלט וועגען צוויי אידישע מאַטראָזען אין אָדעס. דער דייטש-אידישער פּאָעט לודוויג וויהל האָט די דאָזיגע טעמע בעאַר־בייט אין אַ ריהרענדען ליעד, וואָס איז געדרוקט אין ל. פיליפּסאָנ'ס „אַלגעמיינע צייטונג דעס יודענטומס" 1845, נומ. 52.

[12]) Евр. Стар. 1909 г., III, 119.

[13]) Нед. Хрон. Восхода 1885 г., №18. (Дѣло об отст. рядовомъ З. Гринфельдѣ).

בלייבען דער קאָמאַנדיר, און אַז פאַר'ן בעקלאָגען זיך וועט ער זיי נאָך מעהר פערביטערן די יאָהרען. דעריבער פלעגען זיי ביי די רעוויזיעס שווייגען וועגען די ענויים, וואָס מען פערשאַפט זיי, צווינגענדיג צו טויפען זיך. עס האָבען צווישען אונזערע קליינע מאַרטירער ניט געפעהלט אַזעלכע, וואָס האָבען מיט אַ וואונדערבאַרען מוטה אַריבערגעטראָגען די שרעקליכע פייניגונגען און זיך ניט אונטערגעגעבען. עס זיינען געווען אויך אַזוינע, וואָס נאָכדעם ווי מען האָט זיי מיט געוואַלט אָבגע'שמד'ט, האָבען זיי ניט אויפגעהערט צו פּראָטעסטירען און ערקלעהרען, דאָס זיי ווילען פון פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען ניט וויסען, זיי זיינען אידען. עס פערשטעהט זיך, אַז ניט אַלע אינגלעך האָבען געקאָנט אַרויסווייזען אַזאַ מערקווירדיגען העלדען-מוטה. אָבער צווישען די, וועלכע זיינען געגען זייער ווילען אָבגעטויפט געוואָרען, פלעגען זיין אַ סך, וואָס זיינען אין האַרצען געבליבען טריי צום אידישען גלויבען. אויסערליך האָבען זיי זיך געהאַלטען כלומרשט ווי קריסטען, אָבער שטילערהייד פלעגען זיי ערפילען די אידישע דינים, ווי ווייט דאָס איז געווען מעגליך ביי די מיליטערישע בעדינגונגען, אין וועלכע זיי האָבען געלעבט. דאָס זיינען געווען קליינע „מאַראַנען" (געהיימע אידען), וואָס האָבען, אַזוי ווי די אַמאָליגע „מאַראַנען" אין שפּאַניען, געמוזט בעהאַלטען זייער אידישקייט און טראָגען די מאַסקע פון קריסטענטום.

די קינדער-„מאַראַנען" האָבען געוואוסט, אַז ווי לאַנג זיי געפינען זיך אין דער קאַנטאָניסטישער אַנשטאַלט, וואָלט פאַר זיי געווען די גרעסטע געפאַהר אָפען צו פּראָטעסטירען געגען דער געוואַלט-טהאַט, וואָס איז געגען זיי בעגאַנגען געוואָרען. די מייסטע האָבען דאָס אָבגעלייגט ביז צו יענער צייט, ווען זיי וועט ווערען 18 יאָהר, און מען וועט זיי אַריבער-פיהרען אויפ'ןווירקליכען מיליטער-דיענסט, וואו דער רעזשים איז אין פערגלייך מיט די קאַנטאָניסטישע באַטאַליאָנען געווען עטוואָס גרינגער. אונזערע אַרכיוו-מאַטעריאַלען ענטהאַלטען טאַקע אין זיך אַ סך אַזעלכע אָפיציעלע מעלדונגען פון געטויפטע זעלנער וועגען די פייניגונגען, דורך וועלכע מען האָט זיי אין די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען געבראַכט צום שמד. בעזונדערס האָבען זיך אַזעלכע פּרעטענזיעס, אָפטמאָל פון גאַנצע גרופּעס סאָלדאַטען, פערמעהרט דאַן, ווען אויפ'ן טראָהן איז אַרויף אַלעק-סאַנדער דער 2-טער, און די שטימונג אין די רעגירונגס-קרייזען איז גע-וואָרען וועניגער דריקענד. אָבער אַפילו אין די ערשטע, ליבעראַלערע יאָהרען פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען איז פאַר די קרבנות פון דער קאַנטאָניסטישער אינקוויזיציע אונמעגליך געווען צו דערשלאָגען זיך צו רעכט און יושר. זייערע קריוודעס, ווי בעגרינדעט זיי זיינען ניט געווען, פלעגען בלייבען אָהן שום פּראַקטישע רעזולטאַטען.

יענע געטויפטע סאָלדאַטען, וועלכע פלעגען זיך אָפען אָבזאָגען פון דעם פראַוואָסלאַוונעם גלויבען, וואָס מען האָט זיי אין די קינדער יאָהרען אויפגעצוואונגען, זיינען געגאַנגען אויף ביטערסטע ליידען. לויט ניקאָלאַי דעם ערשטען'ס בעפעהל פון 9־טען מערץ 1849, פלעגט מען זיי אָבשיקען אויף „אויסבעסערונג" אין אַרעסטאַנטסקע ראָטעס אָדער אין קלויסטערס („מאָנאַסטירען"), וואו די בעהאַנדלונג מיט אַזעלכע רעליגיעזע „פערברע־כער" איז געווען נאָך ערגער, ווי אין די אַרעסטאַנטסקע ראָטעס. דער סינאָד פלעגט געבען אָ פעראָרדנונג צו בעשטימען אָ „געהעריגען" גלח אויף צו ברייגגען דעם אַרעסטאַנט צוריק צום קריסטענטום. אין די אַרעסטאַנטסקע ראָטעס אָדער קלויסטערס האָט מען די אונגליקליכע געמאַטערט און גע'מוסר'ט, ביז זיי וועלען זיך „אויסבעסערן און בעפעס־טיגען אין פראַוואָסלאַוונעם גלויבען". אָ סך פון זיי האָבען ניט אויסגע־האַלטען די קערפערליכע און גייסטיגע פייניגונגען, און זיי האָבען, סוף כל סוף געגעבען די אונטערשריפט, וואָס מען האָט פון זיי געפאָדערט, אַז זיי וועלען פון איצט אָן בלייבען טריי צו דער פראַוואָסלאַוונער רעליגיע און פינקטליך ערפילען אַלע איהרע געבאָטען. אַנדערע, אָבער, זיינען יאָהרען לאַנג אויסגעשטאַנען די שרעקליכסטע ליידען, און זיי האָבען זיך ניט אונטערגעגעבען; די פייניגער האָבען מיט זיי גאָרנישט געקאָנט טהאָן.

אין די טרוקענע אָפיציעלע בעריכטען האָבען מיר פאַר זיך אָ גאַנצע גאַלעריע אַזעלכע העלדען־מאַרטירער, וואָס זייער אונגעוועהנליכע פעסט־קייט, גבורה רופט אַרויס די גרעסטע בעוואונדערונג און פערעהרונג. אין יאָהר 1849 האָבען פינף משומדים־סאָלדאַטען פון בעליאָוור רעגימענט זיך אָבגעזאָגט אָבצוהיטען דעם פראַוואָסלאַוונעם גלויבען, ערקלערענדיג, אַז זיי זיינען אין פערמער קאַנטאָניסטישען באַטאַליאָן אָבגעטויפט געוואָרען מיט געוואַלט. לויט ניקאָלאַי'ס בעפעהל, האָט מען זיי אָבגעשיקט אויף „אויסבעסערונג" אין פערשידענע אַרעסטאַנטסקע ראָטעס[14]). וואָס מיט דריי פון זיי איז געוואָרען, ווייסען מיר ניט. אָבער וועגען צוויי סאָלדאַטען — שלמה טקאַטשאָוו און בנציון נעספעראָוו — האָבען מיר די ידיעה, אַז אין יאָהר 1860, ע ל ף יאָהר נאָכדעם, ווי ניקאָלאַי האָט אָבגעגעבען זיין בעפעהל, האָבען זיי זיך נאָך אַלץ געמוטשעט אין סוועאַבאָרגער אַרעסטאַנטסקע ראָטעס און ניט אָבגעזאָגט זיך פון אידישקייט[15]). אין יאָהר 1850 זיינען פאַר דעמזעלביגען „פערברעכען" אָבגעגעבען געוואָרען

---

[14]) מיטטיילונג פונ'ם גענעראַל־אַדיוטאַנט דאָלגאָרוקאָוו צום סינאָדאַלען אָבער־פראָקוראָר, פון 28־טען אָקטאָבער 1850, נומ. 3378. (אַרכיוו פון סינאָד. אָבער־פראָקוראָר, נומ. 44367).

[15]) „היסטאָרישע שריפטען" פון ייוואָ, ב. I, 789—792.

אין אַרעסטאַנטסקע ראָטעס 7 געטויפטע סאָלדאַטען, געוועזענע קאַנטאָניסטען. ביי אייניגע פון זיי איז ערשט אין דריי אָדער פינף יאָהר אַרום געלונגען אַרויסצוצווינגען די אונטערשריפט, אַז זיי קעהרען זיך אום צוריק צום פראַוואָסלאַוונעם גלויבען. אָבער ביי צוויי אַרעסטאַנטען, איוואַן מיכאַאילאָוו און ניקאָלאַי פאַוולאָוו, האָט מען בשום אופן ניט געקאָנט ברעכען זייער ווידערשטאַנד; וויפיעל מ'האָט זיי ניט געמאַטערט, האָבען זיי ניט אויפגעהערט צו טענה'ן, אַז זיי זיינען ניט פראַוואָסלאַוונע, נאָר אידען. ביידע האָבען די פייניגונגען ניט אויסגעהאַלטען; זיי זיינען אין די אַרעסטאַנטסקע ראָטעס אומגעקומען, אָבער ניט געוואָרען צוריק קריסטען [16]). דיזעלבע גבורה האָט אַרויסגעוויזען אַן אַנדער סאָלדאַט, דמיטרי מאַקסימאָוו. אין יאָהר 1853 איז ער אָבגעפאַלען פון פראַוואָסלאַוונעם גלויבען; ביים פערהער האָט ער ערקלערט: „מען האָט מיך, אַ אידיש אינגעל, אַלס קאַנטאָניסט, מיט סטראַשונקעס און קלעפּ געצוואונגען צו טויפען זיך. איצט וויל איך דורכאויס בלייבען ביים אידישען גלויבען, אין וועלכען איך בין געבוירען געוואָרען; קיין שום ליידען וועלען מיך פון דעם ניט אָבהאַלטען, און אַפילו טויט־שטראָף אויך ניט!" אַלע בעשטראָפונגען, וואָס מען האָט אין רעגימענט געגען איהם אַנגעווענדעט, האָבען קיין ווירקונג ניט געהאַט. האָט מען מאַקסימאָוו'ן בעזעצט אין דער „אַרעסטאַנטען־אָבטיילונג" פון סוזדאַלער קלויסטער — אַזוי האָט זיך גערופען די שרעקליכסטע פון די טורמעס, וואָס האָבען ווען עס איז עקזיסטירט אין צאַרישען רוסלאַנד. אָבער אויך דאָס האָט ניט געהאָלפען, מאַקסימאָוו האָט זיך ניט אָבגעזאָגט פון זיין בעשלוס צו ווערען צוריק אַ איד [17]).

מיר וואָלטען געקאָנט ברענגען נאָך זעהר פיעל ביישפיעלען פון אַזאַ וואונדערבאַרער העלדישקייט. עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז די רעליגיעזע פערפאָלגונגען, וועגען וועלכע מיר ריידען דאָ, זיינען פאָרגעקומען נור ביי ניקאָלאַי דעם ערשטענ'ס הערשאַפט. אויך אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען האָט מען געפייניגט אין די קלויסטערס און אין אַרעסטאַנטסקע ראָטעס פיעל געטויפטע זעלנער, דערפאַר וואָס זיי האָבען זיך אומגעקעהרט צום אידישען גלויבען. צו יענע סאָלדאַטען, וואָס זיינען פון

[16]) אַרכיוו פון סינאָדאַלען אָבער־פּראָקוראָר, נומ. 44367 („איבער דעם בעריכט פון קריעגס־מיניסטעריום, וועגען בעלעהרונגען פאַר די געטויפטע סאָלדאַטען, וואָס זיינען אָבגעפאַלען פון פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען: סעמיאָן יערמאָלאַיעוו, יעראָסט קורבאַטאָוו, ניקאָלאַי פאַוולאָוו, גליעב קראָשין, מאַטוויי אַנדריעוו, וואַסילי קורבאַטאָוו און איוואַן מיכאַילאָוו").

[17]) אַרכיוו פון סינאָד, פון יאָהר 1854 — נומ. 278 („וועגען בעזעצען דעם סאָלדאַט מאַקסימאָוו אין סוזדאַלער מאָנאַסטיר").

קריסטענטום אָבגעפאַלען צוריק צום אידישען גלויבען, האָט מען זיך אין אַלעקסאַנדער׳ס צייט פערהאַלטען ניט מיט פיעל מעהר דולדזאַמקייט, ווי אין זיין פאָטער׳ס צייט.

ערשט אין יאָהר 1905, ערב דער רוסישער רעוואָלוציע, האָבען זיי, דורך אַ בעזונדער געזעץ, אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע משומדים, בעקומען דאָס רעכט אומצוקעהרען זיך צום אידישען גלויבען, פון וועלכען מען האָט זיי מיט געוואַלט אַזוי גרויזאַם אָבגעריסען.

קידוש-השם

צוויי רעליגיעזע מאַרטירער

(אַלעקסאַנדער וואָזניצין און ברוך לייבאָוו)

איהר קאָנט ניט זעלטען הערען, אַז אין אַמאָליגען רוסלאַנד איז ניט געוועזן, ווי אין די קאַטוילישע לענדער, קיין אינקוויזיציע; דאָ האָט מען ניט געוואוסט פון „אויטאָ־דאַ־פע׳ס", ד. ה. פון פערברענען מענשען פאַר אַפּיקורסות און פאַר אַנדערע רעליגיעזע זינד. אַזאַ מיינונג טרעפט מען בעזונדערס ביי פּאַטריאָטישע רוסישע היסטאָריקער, וועלכע האָבען ליעב צו ריהמען די רעליגיעזע פרייהייט, וואָס האָט, אין פערגלייך מיט מערב־אייראָפּע, געהערשט אין פערצייטיגען רוסלאַנד. די דאָזיגע בעהויפּטונג איז אָבער ניט ריכטיג, זי שטימט ניט מיט דער היסטאָרישער ווירקליכקייט. אין רוסלאַנד האָט, אמת, ניט עקזיסטירט קיין אינקוויזיציע אַלס אַ בעזונ־דערע אַנשטאַלט אויף צו קעמפּפען געגען רעליגיעזע פערברעכענס. אָבער אויך דאָ האָט די מלוכה מיט דער גרעסטער אייפעריגקייט בעשיצט דעם הערשענדען פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען און בעשטראָפט יעדערען, ווער עס האָט זיך געגען איהם פערשולדיגט.

עס איז גענוג צו דערמאָהנען די בלוטיגע פערפאָלגונגען, וועלכע עס זיינען אויסגעשטאַנען די אַזוי־גערופענע „ראַסקאָלניקעס" — די אַנהענגער פון פערשידענע רוסישע סעקטעס, וואָס האָבען געלייקענט אין געוויסע כללים פון דער הערשענדער רעליגיע. די פּראַוואָסלאַווער קירכע האָט, מיט דער הילף פון דער רעגירונג, ניט ווייניגער געשטריטען געגען איהרע אַפּיקורסים, ווי די קאַטוילישע. „אויטאָ־דאַ־פע׳ס" זיינען דאָ ניט געוועזן אַזאַ געוועהנליכע, כמעט טעגליכע זאַך, ווי אין שפּאַניע; אָבער אויך אין רוסלאַנד פלעגען אומקומען אין פייער מענשען, דערפאַר וואָס זיי האָבען געזינדיגט געגען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען. אַזוי, למשל, זיינען אין יאָהר 1504 פערברענט געוואָרען אין הילצערנע שטייגען די אַנפיהרער פון דער „זשידאָווסקע" סעקטע, וואָס איז אויפגעקומען אין נאָווגאָראָד און האָט זיך פערשפּרייט אין מאָסקווע און אין אַנדערע רוסישע געגענדען. אין 17־טען יאָהרהונדערט האָט מען פערברענט אין פּוסטאָזיאָרסק דעם בעריהמטען „ראַסקאָלניק", דעם גלח אַוואַקום, מיט זיינע חברים, און אין מאָסקווע — דעם סעקטאַנט קולמאַן. פערברענט געוואָרען אין מאָסקווע איז אין יאָהר 1723 אויך לאָווין, דערפאַר וואָס ער האָט געפּרעדיגט, אַז אין דעם קייזער פּיאָטר האָט זיך פערקערפערט דער „אַנטיכריסט", דער

קעמפער געגען קריסטוסן און זיין לעהרע. לויט דעם בעוואוסטען געזעץ־בוך, וואָס עס האָט אין יאָהר 1649 אַרויסגעגעבען דער קייזער אַלעקסעי מיכאַילאָוויטש, קומט טויט־שטראָף דורך פייער — פאַר „אַריבערציהען אַ רוסישען מענש צום ניט־קריסטליכען גלויבען", אויך פאַר „לעסטערן קריסטוס'ן אָדער די גאָטעס־מוטער, אָדער עמיצען פון די הייליגע". די דאָזיגע בעשטימונגען זיינען ניט פערבליבען בלויז אויפ'ן פּאַפּיר, מען פלעגט זיי טאַקע ערפילען אויפ'ן גרויזאַמסטען אופן. מיט אַ צוויי הונדערט יאָהר צוריק זיינען אין פּעטערבורג גלייכצייטיג פערברענט געוואָרען צוויי מענשען — אַ רוס און אַ איד, וואָס האָבען זיך איינאיינעם פערזינדיגט געגען דער פּראַוואָסלאַווער אמונה. דאָס ברייטע פּובליקום איז ווייניג בעקאַנט מיט דער שרעקליכער געשיכטע. עס זיינען נאָך ניט פּובליקירט געוואָרען אַלע איינצעלהייטען פון דער טראַגישער געשעהעניש, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אין מאָסקווע, פאָרטגעזעצט אין דובראָוונע און זיך גע־ענדיגט אין פלאַם־פייער אין פּעטערבורג. מיר האָבען געהאַט די געלע־גענהייט דורכצושטודירען אין די רעגירונגס־אַרכיווען פון מאָסקווע און פּעטערבורג די אַלטע געל־געוואָרענע דאָקומענטען, אין וועלכע עס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט די פינסטערע שרעקליכע דראַמע, און מיר ווילען דאָ מיט איהר בעקענען אונזערע לעזער [1].

I.

אין אַ זומער־טאָג, אין יולי 1736, זיינען אין מאָסקווע, אין אַ הויז, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון „מיאַסניצקער טויער", געזעסען צוויי מענשען. איינער איז געווען אַלט אַ יאָהר עטליכע־און־זעכציג. ער האָט געהאַט אויף זיך אַ טלית־קטן, און דער קאָפּ איז ביי איהם געווען בעדעקט מיט אַ פוטערנער קוטשמע. דער אַנדערער איז געווען אַלט אַ יאָהר פינף־און־דרייסיג. געזעסען איז ער אָהן אַ היטעל, געקליידט ווי געוועהנליך אַ רוסישער פּריץ ביי זיך אין דער־היים, אָבער געווען ניט געגאָלט. די זון האָט געברענט, און די פענסטער, וואָס זיינען אַרויס צו דער גאַס, זיינען געווען האַלב פערדעקט מיט לאָדענס.

פאַר דעם עלטערען איז אויפ'ן טיש געלעגען אַ בוך — אַ העברעאישע ביבעל (תנ"ך). דער אינגערער האָט געהאַלטען אין האַנד אַ סלאַוואָניש־רוסישע אויסגאַבע פון דער ביבעל. זיי האָבען צווישען זיך געפיהרט אַ

---

[1]) אַרכיוו פון סינאָד נומ. 290/204; מאָסקווער צענטראַל אַרכיוו פון יוסטיץ־מיניסטעריום, בוך נומ. 1366. די מייסטע דאָקומענטען פון דעם סינאָ־דאַלען אַרכיוו, וועגען דעם פּראָצעס, זיינען פערעפענטליכט געוואָרען אין דעם היסטאָרישען זאַמעלבוך „פּערעזשיטאָיע", ב.ב. II--IV (פּעטערבורג, 1910--1913).

געשפּרעך, אָפּט דערביי בלעטערענדיג און אַריינקוקענדיג אין בוך. עס איז געווען קענטיג, אַז דער אינגערער איז דאָ ביי זיך אין דער־היים, און דער אַנדערער איז ביי איהם צוגאַסט. גערעדט האָט דער בעל־הבית אויף דייטש, נאָר ס'איז געווען צו מערקען, אַז דאָס איז ניט זיין מוטער־שפּראַך, אַז ער איז אַ רוס. דער גאַסט פלעגט זיך נור זעלטען־ווען דורכוואַרפען מיט איניגע רוסישע ווערטער. ער האָט גערעדט אידיש, און דער אַנדע־רער האָט איהם פערשטאַנען.

— אין אונזער ביבעל — האָט געזאָגט דער רוס — אין דברים, קאַפּיטעל 6 שטעהט אַזוי: „הער, ישראל, גאָט, ד י י ן גאָט, איז דער איינציגער גאָט". און ווי איז אין אייער ביבעל?

— ביי אונז שטעהט דאָ: „הער, ישראל, גאָט, א ו נ ז ע ר גאָט, איז דער איינציגער".

— אין דער העברעאישער ביבעל איז עס טאַקע ריכטיגער! — האָט דערויף בעמערקט דער אינגערער.

— וואָס בעדייט דאָס העברעאישע וואָרט „שכר" אין במדבר, קאַ־קאַפּיטעל 6, דאָרטען, וואו עס ווערט גערעדט וועגען איינעם, וואָס גיט אַ נדר צו ווערען הייליג צו גאָט, אַ נזיר? עס שטעהט דאָרטען, אַז ער זאָל די גאַנצע צייט ניט טרינקען קיין וויין און ניט קיין „שכר". אין אונזער ביבעל איז דאָס איבערזעצט „סיקאָראַ". אָבער וואָס בעדייט עס?

— דאָס וואָרט „שכר" בעדייט: אַ שטאַרקער געטראַנק, וואָס בע־טויבט, — האָט ערקלערט דער אַלטער.

דער בעל־הבית האָט אַ זאָג געטהאָן:

— מיר ווילט זיך ווערען הייליג צו גאָט... שוין אַ צייט ווי איך טרינק ניט קיין וויין אָדער בראָנפען, כ'עס ניט קיין פלייש, איך האָב פערלאָזען אַ באָרד... און איך לעב ניט מיט מיין פרוי... איך וויל אָבהיטען נזירות ווערען הייליג צו גאָט...

— פון דעם, וואָס איהר דערווייטערט זיך פון אייער פרוי, — האָט איהם דער אַלטער געענטפערט, — וועט איהר הייליג ניט ווערען, וויבאַלד עס וועלען ביי אייך מוזען זיין זינדיגע געדאַנקען. איהר זייט דאָך אַ יונגער מענש.

זייער געשפּרעך האָט זיך געצויגען ווייטער. דער יונגער האָט זיך אַלץ נאָכגעפרעגט וועגען פערשידענע פּסוקים אָדער ווערטער אין דער ביבעל, אויך וועגען אידישע רעליגיעזע דינים, און דער אַלטער האָט איהם געגעבען ערקלערונגען. מען האָט אָבגעשמועסט אַ שעה אַנדערטהאַלבען. דערנאָך האָט דער גאַסט זיך אַ הויב געטהאָן פון אָרט. דער בעל־הבית האָט איהם געדאַנקט פאַר זיין פריינדליכקייט, געבעטען אַריינקומען ווידער צו איהם, און יענער איז אַוועק.

ווער זיינען עס געווען די צוויי, אויסערליך אַזוי פערשידענע, פרעמדע מענשען, און וואָס האָט זיי צונויפגעפיהרט?

דער אַלטער איז געווען ברוך לייבאָוו, פון דער שטעדטעל דובראָוונע, וואָס האָט אין יענע צייטען נאָך אַנגעהערט צו פוילען. זיין הויז־געזינד האָט געלעבט אין דובראָוונע, און ער אַליין האָט זיך אָפט אויפגעהאַלטען אין רוסלאַנד. ווי בעוואוסט, איז די סמאָלענסקער געגענד אין יאָהר 1654 אַריבער פון פוילען צו דער רוסישער מדינה. איינציגע אידען, וואָס האָבען דאָ געלעבט און געהאַנדעלט נאָך אין די פוילישע צייטען, זיינען פערבליבען אויף ווייטער. עס זיינען אויך צוגעקומען נייע אידען, פון דובראָוונע, ליאַדי און אַנדערע פויליש־אידישע שטעדטלעך. ברוך לייבאָוו האָט אין יאָהר 1717 זיך בעזעצט אין סמאָלענסקער געגענד און דאָ גענו־מען, אין זווערעאָוויטש, לויט אַ קאָנטראַקט מיט דער אָרטיגער רוסישער פערוואַלטונג, אין אַרענדע אויף אַכט יאָהר די גרעניץ־שטייערן און אָב־צאָהלונגען פון בראַנפען — אַ געשעפט, מיט וועלכען אידען פלעגען זיך פון לאַנג אָן פערנעהמען אין פוילען. דערפיהרען דעם קאָנטראַקט ביז צום סוף איז אָבער ברוך'ן ניט געלונגען. די קאָנקורענץ פון די אידישע סוחרים האָט אַרויסגערופען אַ שטאַרקע אונצופרידענקייט צווישען די סמאָלענסקער רוסישע הענדלער און „מעשטשאַנעס". אין יאָהר 1722 האָבען זיי זיך שריפטליך געווענדעט צום סינאָד (די אויבערשטע פערוואַל־טונג איבער די פראַוואָסלאַוונע גלויבענס־ענינים) וועגען די גרויסע בזיונות, וואָס די קריסטליכע אמונה האָט נעביך אין סמאָלענסקער געגענד פון אידען: מען ערלויבט זיי דאָ צו האַנדלען, אַרבייטען זיי אום הייליגען זונטאג און רוהען אום שבת; זיי מאַכען חוזק פון קריסטענטום; איינער פון זיי, ברוך לייבאָוו, האָט אַפילו אויסגעבויט אין זווערעאָוויטש אַ „זשי־דאָווסקע" שוהל, ניט ווייט פון דער פראַוואָסלאַוונער קירך, און ווען דער גלח האָט איהם געוואָלט דעריין שטערען, האָט ברוך „איהם געשלאָגען אַזוי מערדערליך, דאָס ער איז געשטאָרבען"[2].

דער סינאָד האָט תיכף בעפוילען: „חרוב מאַכען ביז'ן סאַמע גרונד די זשידאָווסקע שוהל אין זווערעאָוויטש און פערברענען די אַלע ספרים און כלים, וואָס געפינען זיך אין איהר". פון סמאָלענסק זיינען געשיקט געוואָרען קיין זווערעאָוויטש עטליכע סאָלדאַטען, וואָס האָבען גענוי ערפילט דעם בעפעהל, און פון דער שוהל איז קיין מינדסטער זכר ניט געבלי־בען. צוגלייך האָט דער סינאָד זיך צונויפגעשריבען מיט דעם סענאַט וועגען פערוועהרען אידען צו פיהרען געשעפטען אין סמאָלענסקער גע־גענד. אויך האָט ער אָבגעגעבען אַ פעראָרדנונג דעם סמאָלענסקער אַרכי־

[2]) Описаніе докум. и дѣлъ, хран. въ Правит. Синодѣ, т. II, ч. II, 526—530.

עריי (הויפּט-גייסטליכער), ער זאָל דורך זיינע גלחים מאַכען אַ שטרענגע אויספאָרשונג וועגען אַלץ, אויף וואָס די דאָרטיגע „מעשטשאַנעס” האָבען זיך געקלאָגט. די אַרענדע איז ביי ברוך'ן אָבגענומען געוואָרען. צוזאַמען מיט דער אויספאָרשונג, וואָס די גלחים האָבען געפיהרט, איז דער גרויסער צעטעל בלבולים געגען ברוך'ן אַלץ געוואַקסען: אַחוץ וואָס ער האָט כלומרשט געטויט דעם זווערעאָוויטשער גלח, האָט מען איהם שוין בעשולדיגט אויך דערין, אַז ער מיט זיין פרוי האָבען פאַר פסח געפּייניגט אַ קריסטליך מיידעל, וואָס האָט ביי זיי געדיענט, — געבונדען, געשטאָכען מיט שפּילקעס די הענד און פיס און געצאַפּט טראָפּענווייז בלוט... ברוך האָט ניט שלעכט געקענט רוסיש און זיך ענערגיש פערטיידיגט. אין יאָהר 1725 האָט ער אויסגעווירקט, מען זאָל איהם אומקעהערן די אַרענדע. ער האָט דערלאַנגט אין סינאָד שריפטליכע ערקלערונגען געגען די אַלע בלבולים, אַנווייזענדיג, אַז דער גלח, וועלכען ער האָט כלומרשט געטויט, איז געשטאָרבען פון שיכרות, אַז די גאַנצע געשיכטע פון צאַפּען בלוט איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך, א. אַז. וו. דער סינאָד האָט בעפוילען צו מאַכען אַ נייע אונטערזוכונג. אין יאָהר 1727 איז, לויט דער פעראָרדנונג פון סענאַט, די סמאָלענסקער אַרענדע ביי ברוך'ן (און ביי אַנדערע אידען) ווידער אָבגענומען געוואָרען [3]). די נייע אויספאָרשונג, וואָס דער סינאָד האָט פעראָרדענט, האָט זיך שטאַרק פערצויגען. צוליעב דעם, ווי אויך צוליעב די געלד-חשבונות, וואָס ברוך האָט געהאַט מיט דער רעגירונג איבער דער פריהערדיגער אַרענדע, איז איהם אויסגעקומען אויפצוהאַלטען זיך פון צייט צו צייט אי אין סמאָלענסק, אי אין מאָסקווע און פעטערבורג, וואו ער האָט געהאַט עסקים אין סענאַט און אין סינאָד. ער האָט זיך דאָ געמיהט, מען זאָל איהם גיכער בעצאָהלען דאָס געלד, וואָס ס'האָט איהם געקומט, און מען זאָל זיך אונטעראיילען מיט דער אונטערזוכונג, וועלכע איז געגען איהם געפיהרט געוואָרען. עס האָט אָבער ווייניג געהאָלפען, און זומער-צייט, ווען מיר דערוויסען ברוך לייבאָוו'ן אין מאָסקווע, איז זיין עסק נאָך אַלץ ניט געווען פערענדיגט.

דער איינגערער פון די צוויי, וואָס האָבען געפיהרט דעם אויבענדערמאָהנטען געשפּרעך, איז געווען אַלעקסאַנדער וואָזניצין, אַ רוסישער רייכער פּריץ, וואָס האָט פערמאָגט עטליכע אימעניעס מיט פיעל פּויערים און אַ הויז אין מאָסקווע. אַ צייט לאַנג האָט וואָזניצין געדיענט אַלס פלאָט-אָפיציר. דערנאָך איז ער, צוליעב שוואַכען געזונט, אַוועק פון דיענסט און האָט מייסטענס געלעבט אין מאָסקווע, אָנפאָהרענדיג צייטענווייז אין זיינע אימעניעס. ער איז געווען אַ געבילדעטער מענש,

[3]) Перв. Полн. Собр. Зак., т. VII, № 5032.

געקענט איניגע שפראַכען; אַלס פלאָט־אָפיציר האָט ער פיעל געררייזט, געווען אין פערשידענע פרעמדע לענדער. זיין פרוי, אַליאָנאַ, איז געווען אַ פשוט'ע אונגעבילדעטע רוסין און איז אין גייסטיגער הינזיכט געשטאַנען פיעל נידעריגער פון איהר מאַן. קיין גוט לעבען איז צווישען זיי ניט געווען, קינדער האָבען זיי ניט געהאַט, און ער האָט אַפילו געוועסט דער־לאַנגט אַ בקשה וועגען גט'ן זיך. די ידיעות, וואָס די אַרכיוו־דאָקומענטען גיבען אונז וועגען וואָזניצינ'ס פערזענליכקייט, זיינען ליידער זעהר ווינציג. דאָך אָבער איז פון זיי צו זעהן, אַז ער איז געווען אַ מענש מיט טיעפע רעליגיעזע געפיהלען, אינטערעסען און נייגונגען, איינער פון יענע רעלי־גיעזע שטרעבער און זוכער, וואָס רוסלאַנד האָט אין אַמאָליגע צייטען אַזוי פיעל פערמאָגט. וואָזניצין איז שטענדיג פערטיעפט אין רעליגיעזע גע־דאַנקען. ער דאַרשט נאָך דעם רעליגיעזען אמת. ביי איהם, ביים געוועז־זענעם רעכטגלויביגען פּראַוואָסלאַוונעם, ענטשטעהען ספקות. וואָס ווייטער, ווערען זיי אַלץ שטאַרקער. זיי בעריהרען די גרונד־יסודות פון דער קריסטליכער אמונה. וואָזניצין פיהלט, אַז דער באָדען פערשווינדט אונטער זיינע פיס. ער ווערט דערציטערט. ער וויל ראַטעווען זיין גלויבען. ער וואַרפט זיך אין אַלע זייטען, ער פיהרט לאַנגע געשפּרעכען מיט גלחים, ער פאָהרט אַרום איבער פערשיעדענע בעריהמטע קלויסטערס און שמועסט מיט די מאָנאַכען, טאָמער וועלען זיי איינשטילען זיינע האַרבע ספקות און איהם אומקעהרען צום פריהערדיגען גלויבען. אָבער ער געפינט ניט ביי זיי קיין בערוהיגונג. און צוגלייך מיט די ספקות געגען דעם קריסטענטום וואַקסט ביי וואָזניצינ'ען דער פערלאַנג נעהנטער צו בעקענען זיך מיט משה רבנו'ס תורה, מיט דער אידישער לעהרע. עס איז שווער גענוי אויפצוקלעהרען, פון וואַנען עס האָט זיך ביי איהם גענומען דער שטאַרקער אינטערעס צו דער אידישער ביבעל. מיר געפינען אַ ידיעה, אַז אין דער יוגענד האָט ער זיך געלערענט אין אַ דייטש־לאַטיינישער שול, וואָס איינער אַן אויסלענדער, גוסטאַוו גאַבע, האָט געהאַלטען אין מאָסקווע. עס קאָן זיין, אַז דער אויסלענדער האָט אָנגעהערט צו אַזאַ סעקטע, וואָס האָט געלעגט דעם הויפּט־געוויכט אויף דער ביבעל, און אַז ער האָט אין דעם זינען געווירקט אויף דעם שילער. מעגליך, אַז וואָזניצין האָט ביי זיינע נסיעות אַלס פלאָט־אָפיציר זיך געטראָפען מיט די פאַרשטעהער פון די אויסלענדישע ביבלישע סעקטאַנטען (אַזוינע זיינען אין 18־טען יאָהר־הונדערט געווען פיעל), און זיי האָבען אויף איהם געהאַט אַ געוויסע וויר־קונג. פאַרהאַן אויך אַ ידיעה, אַז ער האָט זיך אין די יונגע יאָהרען אין מאָסקווע געלערענט ביי איינעם אַ שריפטגיסער פעטראָוויטש, וועלכער האָט פערשטאַנען העברעאיש. אפשר איז אָט דער פעטראָוויטש געווען אַ בעהאַלטענער אָנהענגער פון דער אַלטער „זשידאָווסקע" סעקטע, און ער

האָט עס וואָזניצינ׳ען פּעראינטערעסירט מיט דער אידישער ביבעל? ווי די זאַך זאָל ניט זיין, האָט וואָזניצין געקענט די העברעאישע בוכשטאַבען און פערשטאַנען איניגע העברעאישע ווערטער. וואָס מעהר ער דערוויי־טערט זיך פון דעם גלויבען אין קריסטוס׳ן, אַלץ שטאַרקער ווערט ביי איהם די שטרעבונג צו דער אידישער ביבעל. ער ווייסט, אַז צווישען איהר העברעאישען טעקסט און דער סלאַוואַנישער איבערזעצונג זיינען פאַרהאַן פערשידענהייטען. עס גלוסט זיך איהם זיי אויפצוקלערען, כדי צו דער־גהען דעם אמת. ער קריגט אַ תנ״ך און פּרובירט איהם לייענען: אָבער עס שטעלט זיך אַרויס, אַז ער פערשטעהט צו־ווייניג די העברעאישע שפּראַך. און עס בלייבט ביי איהם, אַז ער מוז געפינען עמיצען, וואָס זאָל איהם דערין העלפען.

איינמאָל, אין יולי 1736, האָט וואָזניצין אין מאָסקווע אַ רוף געטהאָן איינעם פון זיינע דיענער, אַלעקסאַנדער קאָנסטאַנטינאָוו׳ן, און איהם גע־הייסען, ער זאָל אויפזוכען אין שטאָדט אַ אידען און ברייננען צו איהם. זוכען, האָט ער איהם געזאָגט, דאַרף מען אויף די „פּאָסט־הויפען", וואָס אויף באַסמאַנער גאַס, — דאָרטען וואוינען אידען. אַלעקסאַנדער איז אַהין אַוועק, אָבער דאָרטען האָט מען איהם געזאָגט, אַז קיין אידען זיינען דאָ ניטאָ; זוכען דאַרף מען זיי אין דער „דייטשער סלאָבאָדע" (פאָר־שטאָדט). האָט ער זיך אַ לאָז געטהאָן אַהין. אין מיטען וועג האָט ער בעגעגענט אַ פוהרמאַן, אָבגעשטעלט איהם און נאָכגעפרעגט זיך וועגען אידען. יענער האָט אויך געזאָגט, אַז געפינען עמיצען פון זיי קאָן מען „ביי די דייטשען". דער בלינדער צופאַל, וואָס שפּיעלט אַזאַ געוואַלדיגע ראָלע אין מענשליכען לעבען, האָט מיטגעבראַכט, אַז גראָד דאָ, ווי זיי ביידע זיינען געשטאַנען און האָבען געשמועסט, זאָל זיך אויף דער גאַס בעווייזען אַן אַלטער מענש, עפּיס מאָדנע געקליידט. דאָס איז געוועזען ברוך לייבאָוו. דער פוהרמאַן האָט, אָנווייזענדיג אויף איהם, אַ זאָג געטהאָן צו אַלעקסאַנדער׳ן, וועלכער האָט קיינמאָל אַ אידען אין די אויגען ניט גע־זעהן: „אָט איז אַ איד!" וואָזניצינ׳ס דיענער איז צו איהם צוגעגאַנגען און איהם געבעטען, ער זאָל מיט איהם פאָהרען צו זיין פּריץ. ברוך האָט פריהער ניט געוואָלט, דערנאָך מסכים געוועזען, און אַלעקסאַנדער האָט איהם, טאַקע מיט דעמזעלבען פוהרמאַן, גלייך געבראַכט צו וואָזניצינ׳ען אַהיים. אַזוי איז געשעהן לייבאָוו׳ס ערשטע בעקאַנטשאַפט מיט וואָזניצינ׳ען און זייער געשפרעך, וואָס מיר האָבען אויבען בעשריבען.

מיט עטליכע טעג שפּעטער האָט וואָזניצין געהייסען דעמזעלבען דיענער איינשפּאַנען אַ פּאָר פערד אין אַ קאַרעטע און פאָהרען נאָך ברוך לייבאָוו׳ן. ער האָט איהם געגעבען דעם אידענ׳ס אַדרעס. ברוך האָט טאַקע געוואוינט אין דער „דייטשער סלאָבאָדע". רוסלאַנד האָט נאָך דאַן ניט

געהאַט קיין אייגענע אידען. די ווינציגע אידען, וואָס פלעגען דעמאָלט קומען קיין פעטערבורג אָדער מאָסקווע, זיינען געווען אויסלענדישע אונטער־טאַנען (פון פוילען, קורלאַנד און אַנדערע מדינות). דאָ האָבען זיי זיך, געוועהנליך, אָבגעשטעלט ביי די אויסלענדישע, איבער׳הויפּט דייטשע, מייסטערס און טעכניקער, וואָס פלעגען פון פּיאָטר דעם ערשטענ׳ס צייטען זיך בעזעצען אין רוסלאַנד. צווישען זיי האָט זיך דער איד אין פרעמדען, אונבעקאַנטען רוסלאַנד געפיהלט עפּיס היימישער, בפרט אַז מיט די דייטשען איז איהם געווען ניט שווער זיך צונויפריידען. מאָסקווע האָט געהאַט אַ בעזונדערע דייטשע פאָרשטאָדט, וואו עס האָבען געלעבט אַנגע־פאַהרענע האַנד־ווערקער. דאָ, ביי דעם אויסלענדער יאָהאַן אָרלעט (ער איז געווען אַ גאָלד־שמיד), האָט געוואוינט ברוך. אין אַן אַנדער הויז, וואָס האָט אויך אָנגעהערט אַן אויסלענדער, האָבען זיך אויפגעהאַלטען נאָך אידען, צווישען זיי ברוך׳ס איידים, שמעריל, וואָס איז ביי זיי געווען דער שוחט.

דער דיענער האָט ערפילט וואָזניצינ׳ס בעפעהל און געבראַכט צו־פיהרען צו איהם ברוך׳ן. יענער איז אָבגעזעסען ביי איהם מעהר ווי אַ שטונדע, און דערנאָך האָט אַלעקסאַנדער קאָנסטאַנטינאָוו, וואָזניצינ׳ס דיענער, אָבגעפיהרט דעם אידען צוריק אַהיים. ברוך איז געוואָרען אַן אָפטער גאַסט ביי דעם רוס, וועלכער האָט געוועהנליך געשיקט נאָך איהם אַ קאַרעטע. אַמאָל פלעגט דער איד קומען צו איהם צו־פוס. אייניגע מאָל איז אויך וואָזניצין געווען ביי ברוך׳ן אין דער־היים. מען פלעגט זיך אָפט זעהן. מען האָט שטונדען לאַנג געפיהרט געשפּרעכען, פערגליכען פערשי־דענע שטעלען אין דער העברעאישער ביבעל מיט דער סלאַוואַניש־רוסי־שער איבערזעצונג. וואָזניצין האָט אָהן אויפהער געשטעלט פראַגען וועגען דעם אידישען גלויבען, וועגען אידישע רעליגיעזע מנהגים, און זיך גיריג צוגעהערט צו די ערקלערונגען, וואָס ברוך האָט איהם געגעבען. אַזוי האָט זיך געצויגען גאַנצע פינף מאָנאַטען — ביז דעצעמבער 1736. ווי ס׳ווייזט אויס, איז זיי ביידען ניט געווען פרעמד דער געדאַנק, אַז די אָפטע בעגע־געניש־ען און געשפּרעכען זיינען פאַר זיי געפעהרליך. ווען וואָזניצין פלעגט הייסען אַלעקסאַנדער׳ן פאָהרען נאָך דעם אידען, האָט ער עס געטהאָן שטילערהייד. ברוך האָט פערזאָגט דעם דיענער, אַז ווען ער קומט צו איהם מיט דער קאַרעטע, זאָל ער ניט פערפאָהרען אין הויף אַריין, נאָר אָבשטעלען זיך ערגיץ־וואו ווייט פון זיין הויז און קומען איהם רופען. און ניט דערפאָהרענדיג ביז׳ן „מיאַסניצקער טויער", פלעגט דער איד אויסשטייגען פון דער קאַרעטע און צוגעהן צו וואָזניצין׳ס הויז צו־פוס. ער האָט געוואָלט, זיין קומען זאָל זיך ניט וואַרפען זייטיגע מענשען אין די אויגען. כאָטש ברוך האָט ניט שלעכט געקענט רוסיש, האָט ער זיך דאָ

אין די געשפרעכען בענוצט מיט אידיש, און וואָזניצין — מיט דייטש, כדי די שטוביגע זאָלען ניט פערשטעהן, וועגען וואָס זיי שמועסען. עס האָט זיך זיי געדוכט, דאָס זיי זיינען גענוג אָבגעהיט. ביידע אָבער האָבען ניט געשפירט, אַז דער גרויזאַמער טויט שוועבט שוין איבער זיי...

II.

דער סינאָד האָט געהאַט אין מאָסקווע אַ בעזונדערע פערוואַלטונג — די אַזוי־גערופענע „מאָסקווער סינאָדאַלע קאַנצעלאַריע". אין אָנהויב מאַי 1737 האָט די קאַנצעלאַריע בעקומען פון אַלעקסאַנדער וואָזניצין'ס פרוי, אַליאַנאַ, אַ שריפטליכע מסירה, דאָס ווי עס איז צו זעהן פון איהר מאַנ'ס גאַנצען אויפפיהר, איז ער אָבגעפאַלען פון דער פּראַוואָסלאַוונער רעליגיע, געוואָרען אויסגעבונדען מיט איינעם אַ אידען ברוך לייבאָוו'ן און האָט אָנגענומען דעם אידישען גלויבען. עס זיינען דעמזעלבען טאָג געשיקט געוואָרען צוויי סינאָדישע בעאַמטע, זיי זאָלען ברייגגען וואָזניצינ'ען אין קאַנצעלאַריע אַריין. ביי דער אונטערזוכונג האָבען זיי אין וואוינונג ביי איהם געפונען עפּיס אַ מאָדנעם קורצען בגד מיט פיער פרענזען — ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעשטעלט, איז דאָס געווען אַ מין טלית־קטן, וואָס ער האָט זיך געמאַכט; אויך איז ביי איהם ענטדעקט געוואָרען אַ סלאַוואַניש־רוסישע „פסאַלטיר" (אַ תהילים), וואו עס זענען געווען אויס־געריסען פיעל שטעלען מיט די בילדער פון קריסטוס'ן און פון אַנדערע הייליגע. אָבגעגאַנגען עטליכע שריט פון זיין הויז, האָט וואָזניצין אַרויס־גענומען פון קעשענע עפּיס אַ פּאַפּירעל צוריסען און אַ וואָרף געטהאָן. די בעאַמטע האָבען עס בעמערקט און אויפגעהויבען די שטיקלעך פּאַפּיר; מען האָט זיי ווידער צונויפגעשטעלט, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס זיינען עפּיס אונפערשטענדליכע ווערטער, געשריבען מיט לאַטיינישע בוכ־שטאַבען. איינער אַ משומד, וועלכען מען האָט אַרויסגערופען, האָט ער־קלערט, אַז דאָס פּאַפּירעל ענטהאַלט אין זיך איינע פון די אידישע ברכות. אויף וואָזניצינ'ען האָט מען ניט געפונען, ווי עס בעדאַרף צו זיין ביי יעדען פרומען רוס, קיין קרייץ. עס האָט זיך תיכף אָנגעהויבען די אויספאָרשונג. מען האָט וואָזניצינ'ען געשמידט די פיס און אַריינגעזעצט אין דער בעזונ־דערער טורמע, וואָס די סינאָדאַלע קאַנצעלאַריע האָט ביי זיך געהאַט. ברוך איז דאַן אין מאָסקווע ניט געווען, האָט מען איהם אויפגעזוכט אין סמאָלענסק, אַרעסטירט און געבראַכט קיין מאָסקווע. געהאַלטען האָט מען איהם דאָ אין דערזעלבער טורמע, וואו עס איז געזעסען וואָזניצין.

די מאָסקווער קאַנצעלאַריע האָט בעריכטעט קיין פעטערבורג צום סינאָד וועגען דעם פּראָצעס, וואָס זי האָט פערפיהרט. פון סינאָד איז אָנ־געקומען אַ בעפעהל, מען זאָל וואָזניצינ'ען האַלטען אַ געשמידטען, אָבגע־

זונדערט פון די אַנדערע אַרעסטאַנטען און עדות (אין יענע צייטען פלעגט מען אַרעסטירען ניט בלויז די אַנגעקלאָגטע, נאָר אויך די וויכטיגסטע עדות), ער זאָל מיט קיינעם ניט קאָנען זיך זעהן און צונויפריידען; „שטרענג אַכטונג געבען אויף די וועכטער, אַז די אידען זאָלען דורך עפּיס אַן אַבנאַרעריי אָדער דורך כּאַבּאַר איהם ניט בעפרייען". צוגלייך האָט דער סינאָד פעראָרדענט, די אויספאָרשונג זאָל געפיהרט ווערען מיט דער מעגליכער גיכקייט, און מען זאָל איהם בעריכטען וועגען אַלץ, וואָס ס'וועט ענטדעקט ווערען. די מאָסקווער סינאָדאַלער קאַנצעלאַריע האָט זיך ענער־גיש גענומען פאַר דער אונטערזוכונג. עס זיינען אויסגעהערט געוואָרען ביז צוואַנציג עדות. די וויכטיגסטע פון זיי וואָס האָבען בעזונדערס שאַרף בעוויזען געגען וואָזניצינ'ען, זיינען געווען זיין פרוי, אויך אייניגע פון זיינע פויערים און דיענער. ביי דער אויספאָרשונג האָט זיך אַרויסגעשטעלט אָט וואָס:

איינמאָל, אין סאַמע אָנהויב דעצעמבער 1736, האָט וואָזניצין געזאָגט זיינע צוויי דיענער, אַלעקסאַנדער קאָנסטאַנטינאָוו'ן און איוואַן מיכאַילאָוו'ן, זיי זאָלען זיך גרייטען צום וועג. אָוועגד־צייט האָט ביי איהם אַ קורצע צייט פערברענגט ברוך, געוועזען איז דאָס דאָנערשטאָג. ווען עס איז געוואָרען נאַכט, האָט דער פּריץ געהייסען איינשפּאַנען אַ פּאָר פערד אין אַ שליטען, מיטגענומען היבש געפּעק און איז אַרויסגעפאָהרען אינאיינעם מיט דיביידע דיענער. ווען אַלעקסאַנדער האָט אַ פרעג געטהאָן: „וואוהין פאָהרען מיר?" — האָט וואָזניצין געזאָגט: „וואוהין איך וועל ווייזען!" און ער האָט געהייסען נעהמען זיך מיט אַ מאָזשאַיסקער וועג. אָבגעפאָהרען פון מאָסקווע אַ וויאָרסט צוואַנציג, האָבען זיי דעריאָגט אַ שליטען, אין וועלכען עס זיינען געזעסען ברוך מיט'ן פוהרמאַן, אַ רוס. ווייטער איז מען שוין געפאָהרען אינאיינעם. שבת האָט מען געהאַלטען אין אַ דאָרף. דער איד האָט פאַר זיך געשאָכטען און אָבגעקאָכט אַ הוהן. וואָזניצין האָט געגעסען נור ברויט מיט האָניג. זיינע ביידע דיענער האָט ער פערזאָגט, זיי זאָלען דעם גאַנצען שבת זיך ניט פערנעהמען מיט די פערד — דאָס וועט פאַר זיי טהאָן ברוך'ס פוהרמאַן. דער איד האָט שטענדיג געדאַווענט אין אַ טלית; דער פּריץ איז דערביי געזעסען מיט אַ צוגעדעקטען קאָפּ און שטילערהייד געלייענט פון עפּיס אַ בוך. שבת צו־נאַכט האָט מען זיך געלאָזט ווייטער אין וועג. אין מאָזשאַיסק איז מען געקומען זונטאג שפּעט און געבליבען נעכטיגען. ברוך, וועלכער איז געפאָהרען אויף אייגענע פערד, האָט דאָ אָבגעלאָזט דעם פוהרמאַן, און וואָזניצין האָט אַנידערגע־זעצט איוואַנ'ען צום אידען אויף דער קעלניע. פון מאָזשאַיסק איז מען אינאיינעם געפאָהרען פינף טעג, ביז מען איז געקומען קיין סמאָלענסק. פערפאָהרען איז יעדערער אין אַן אַנדער הויז, אָבער מען האָט זיך אָפט

געזעהן. וואָזניצין האָט אויף איין פערד אָבגעשיקט צוריק קיין מאָסקווע איוואַנ׳ען מיט אַ בריף צו דער פרוי, וואו ער האָט איהר מיטגעטיילט, דאָס ער געפינט זיך, צוליעב געשעפט, אין סמאָלענסק, און ווי ער וועט נור פאַרטיג ווערען, וועט ער זיך אומקעהרען אַהיים.

אין סמאָלענסק האָט ער פערבראַכט אַ טאָג צעהן, ביז ער האָט אויסגעווירקט ביים דאָרטיגען גובערנאַטאָר אַן אויסלענדישען פּאַספּאָרט אויף צו היילען זיך ביי דאָקטוירים אין פּוילען. ברוך איז געבליבען אין סמאָלענסק. ער האָט איהם מיטגעגעבען אַ צעטעל צו איינעם אַ אידען אין ליאָדי. וואָזניצין איז מיט אַלעקסאַנדער׳ן אַריבערגעפאָהרען דעם גרעניץ. אין ליאָדי האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט ביי דעם אידען, וואָס ברוך האָט רעקאָמענדירט. צו דעם רוס זיינען אָבער געקומען פון דובּ־ראָוונע ברוך׳ס זוהן מאיר און זיין אידים שמעריל. אין עטליכע טעג דערנאָך איז מען אַלע אינאיינעם אַוועקגעפאָהרען קיין דובּראָוונע. געלעבט האָט דאָ וואָזניצין מיט זיין דיענער ביי מאיר׳ן אין הויז. ווי אַלעקסאַנדער האָט דערנאָך ביים פערהער בעוויזען, האָט זיין פריץ די גאַנצע צייט אין דובּראָוונע געפונען זיך צווישען אידען. ער פלעגט אַמאָל אויך אַריינגעהן אין שוהל, געגעסען אידישע שפּייז. ביי שמערלען איז דאַן געבוירען גע־וואָרען אַ זוהן, איז ברוך געקומען פון סמאָלענסק, נאָר ער האָט פערשפּעט־טיגט צום ברית. ער איז דאָ געווען עטליכע טעג. דער רוס פלעגט אַלעקסאַנדער׳ן אָפט שיקען קיין ליאָדי, קויפען האָבער פאַר׳ן פערד — ער האָט אָפּנים ניט געוואָלט, דער דיענער זאָל שטענדיג זיין נעבען איהם. פערבראַכט האָט ער אין דובּראָוונע אַ זעקס וואָכען, דערנאָך האָט ער זיך מיט דעם דיענער אומגעקעהרט איבער דער גרעניץ, און זיי זיינען אין פעברואַר צוריק געקומען קיין מאָסקווע. שפּעטער האָט אַלעקסאַנדער בעוויזען, אַז ביים אָבפאָהרען פון דובּראָוונע האָט זיין פריץ זיך געפיהלט זעהר ניט גוט, ער האָט געהאַלטען די פיס עפּיס מאָדנע פונאַנדערגעשטעלט און געהייסען איהם פאָהרען פּאַמעליך, עס זאָל וואָס ווייניגער טרייסלען.

אַ רייהע עדות האָט בעשטעטיגט, אַז וואָזניצין האָט אין זייער אנוועז־זענהייט געערדט גרעסטע זידלעריי געגען קריסטוס׳ן און זיין מוטער. ווען דער דיענער קאָנסטאַנטינאָוו איז געוואָרען שטאַרק קראַנק און האָט זיך מתודה געווען פאַר אַ גלח, האָט וואָזניצין איהם אַ זאָג געטהאָן: „צו וועלכען טייוועל טהוסטו דאָס? מתודה זיין דאַרף מען נור פאַר גאָט, אָבער ניט פאַר אַ פּאָפּ!״ אויך פלעגט ער זאָגען פאַר זיינע דיענער, אַז ווער עס פראָוועט די חגאות, ווערט אַ ליידיגגעהער. ער איז געקומען צופאָהרען אין איינעם פון זיינע דערפער, אַרויסגענומען פון קלויסטער די הייליגע בילדער און אַריינגעוואָרפען זיי אין טייך. אין אַן אַנדער דאָרף האָט ער פונאַנדערגענומען אַן אַלטע קירך. אויך פלעגט ער מיט די

דיענער און פויערים פיהרען געשפרעכען, אַז גלויבען מוז מען נור אין איין־איינציגען גאָט.

וואָזניצינ'ס ווייב און זיינע שטוביגע דיענער האָבען בעוויזען, אַז נאָכ'ן צוריקקומען פון פוילען פלעגט ער ערפילען די אידישע דינים. ער האָט זיך אויפגעבנייט אַ מין טלית־קטן, ביים דאַוונען פלעגט ער אויפ'ן קאָפּ האַלטען עפּיס אַ פּאַפּירעל מיט אַנגעשריבענע ווערטער און זיך אַנידער־שטעלען מיט'ן געזיכט צו דער וואַנד. אויף פסח, — אַזוי האָט זיין פּרוי דערצעהלט, — האָט ער זיך געבאַקען עפּיס „קיכלעך אָהן זאַלץ", מיט קליינע לעכלעך, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען מיט אַ הילצערנעם קאַם. עטליכע מאָל האָט ער דעם טלית־קטן אָנגעטהאָן אויף זיינע דיענער און זיי געהייסען נאָכזאָגען נאָך איהם פערשידענע תפילות, כאָטש אויף רוסיש, נאָר גאָר אונבעקאַנטע.

וואָזניצין האָט ביי די פיעלע פערהערען געלייקענט, אַז ער זאָל האָבען אַנגענומען די אידישע אמונה. וואָס אַנבעלאַנגט די פערשידענע אידישע דינים, האָבען זיי איהם בלויז אינטערעסירט, אָבער ער האָט אין זיי ניט געגלויבט, — אַזוי האָט ער געזאָגט, — אויך האָבען איהם אינטערעסירט נור די אונטערשידען צווישען דער העברעאישער און סלאַוואַניש־רוסישער ביבעל, און וועגען דעם האָט ער עס געשמועסט מיט ברוך לייבאָוו'ן. קיין פוילען איז ער געפאָהרען, ווייל ער איז געווען קראַנק און האָט גערעכענט, אַז ער וועט דאָרט געפינען גוטע דאָקטוירים. ברוך האָט ערקלערט, אַז ער האָט וואָזניציב'ען ניט צוגערעדט, אַז ער זאָל זיך מגייר זיין. ער האָט איהם נור, לויט זיין בקשה, געהאָלפען פערגלייכען די ביידע אויסגאַבען פון דער ביבעל; און צי האָט זיך וואָזניצין מל געווען, דאָס איז איהם אונבאַוואוסט.

די מאָסקווער סינאָדאַלע קאַנצעלאַריע האָט געאַרבייט זעהר ענערגיש, דאָך האָט זיך די אונטערזוכונג פערצויגען. ערשט אין יאַנואַר 1738 זיינען די פּראָטאָקאָלען פון דער אויספאָרשונג צוגעשטעלט געוואָרען אין סינאָד. דער פאַקט, אַז אַ רייכער פּריץ, אַ געוועזענער אָפיציר, האָט אַוועקגעוואָרפען דעם פּראַוואָסלאַווגעם גלויבען און איז אַריבער צו דער אידישער אמונה, האָט אין די רעגירונגס־קרייזען אַרויסגערופען אַ געררו־דער. די שולדיגע האָבען געמוזט בעשטראָפט ווערען אַזוי, אַז עס זאָל אַלעמען בענעהמען אַ שרעק. אין פעברואַר 1738 האָט די פּעטערבורגער „געהיימע קאַנצעלאַריע", וואָס פלעגט זיך פערנעהמען מיט די וויכטיגסטע פּאָליטישע פערברעכענס, אָבגעגעבען דעם בעפעהל, מען זאָל אונטער שטרענגסטער אויפזיכט אַרויסשיקען צו איהר די אַרעסטאַנטען מיט די עדות פון דער מאָסקווער סינאָדאַלער טורמע; דערביי איז אָנגעוויזען געוואָרען, אַז מען זאָל זיי פיהרען שטרענג אָבגעזונדערט איינער פון דעם

אַנדערען. דעם 26־טען פעברואַר 1738 זיינען וואָזניצין און ברוך, ווי אויך צוויי עדות (דעם אָפיציר'ס דיענער), אין דער בעגלייטונג פון אַן אונטער־אָפיציר מיט זעקס סאָלדאַטען, אַבגעשיקט געוואָרען אויף אַכט פוהרען פון מאָסקווע קיין פעטערבורג.

.III

אַ רייכער רוסישער אַדעלמאַן, אַ געוועזענער אָפיציר, זאָל אָבפאַלען פון דער פּראַוואָסלאַוונער רעליגיע און אָננעהמען דעם אידישען גלויבען, דאָס וואָלט ביי אַלע אומשטענדען אַרויסגערופען אַ טומעל אין אַמאַליגען רוסלאַנד. אָבער אַ בעזונדערס שטאַרקען איינדרוק האָט אַזאַ פאַקט גע־מאַכט אין דער צייט פון דער קייזערין אַנאַ יאָאַנאָווגאַ. איהר צעהן־יאָהריגע מלוכה (פון 1730 ביז 1740) איז געוועזען איינער פון די פינסטער־סטע פעריאָדען פון דער רוסישער געשיכטע. איהר גאַנצע פערוואַלטונג טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּעל פון גרעסטער גרויזאַמקייט. די שרעק־ליכסטע מינים טויט־שטראָפען זיינען געוואָרען אַ סאַמע געוועהנליכע ערשיינונג. בעזונדערס אונ'ברחמנות'דיג פלעגט מען פערפאָלגען פאַר רעליגיעזע זינד. אויסער דעם וואָס די אונוויסענדע קייזערין איז געוועזען אַ פינסטערע פאַנאַטיקערין, האָט דאָ אַ גרויסע ראָלע געשפּיעלט נאָך אַן אַנדער אומשטאַנד: ווען די פאָרשטעהער פון דער רעגירענדער אַריסטאָ־קראַטיע האָבען אין יאָהר 1730 אַרויפגעפיהרט אַנאַ'ן אויפ'ן רוסישען טראָהן, האָבען זיי, ווי בעוואוסט, איהר געשטעלט דערביי געוויסע בעדינ־גונגען, אויף וועלכע זי איז איינגעגאַנגען. איינע פון זיי איז געוועזען, אַז זי וועט שטענדיג פערטיידיגען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען. די אַלע פער־פליכטונגען, וועלכע די קייזערין האָט אויף זיך גענומען און וועלכע האָבען געזאָלט אויף אַ געוויסען גראַד בעגרענצען איהר מאַכט, האָט זי גאָר אין גיכען פולשטענדיג אַבגעשאַפט. בלויז דעם איינציגען פונקט — וועגען בעשיצען די פּראַוואָסלאַוונע אמונה — איז זי פערבליבען טריי, און איהם פלעגט זי אַלעמאָל ערפילען מיט דער גרעסטער איפעריגקייט.

אַנאַ יאָאַנאָוונאַ האָט זיך, נאַטירליך, שטאַרק פעראינטערעסירט מיט דער בעשולדיגונג, וואָס איז פערפיהרט געוואָרען אין מאָסקווע געגען אַלעקסאַנדער וואָזניצינ'ען, אַז ער האָט אָנגענומען דעם אידישען גלויבען, און געגען ברוך לייבאָוו'ן, אַז ער האָט איהם צו דעם צוגערעדט און דערין מיטגעווירקט. די פעראָרדנונג, מען זאָל זיי ביידע ברייגגען קיין פעטער־בורג, איז אָבגעגעבען געוואָרען לויט דעם בעפעהל פון דער קייזערין. דער רוס און דער איד זיינען, געשמידטע, שטרענג איינער פון דעם אַנדע־רען אָבגעזונדערטע און אַרומגעריגעלטע מיט סאָלדאַטען, אָבגעשיקט גע־וואָרען פון מאָסקווע. ברוך לייבאָוו'ס אידעם, שמערלען, וועלכער איז

נאָך דעם פּערהער אַרויסגעלאָזט געוואָרען און איז אָװעקגעפאָהרען קיין פּעטערבורג, האָט מען דאָ אויסגעפונען און פּערהאַלטען.

אין מערץ 1738 האָט מען די אַרעסטאַנטען געבראַכט קיין פּעטערבורג און אַריינגעזעצט אין די פינסטערע קאַזעמאַטען פון דער „געהיימער קאַנצעלאַריע". אָט די שרעקליכע אַנשטאַלט, וואָס האָט געקראָגען אַזאַ טרויעריגע בעריהמטקייט, איז בעשאַפען געוואָרען פון דעם קייזער פּיאָטר דעם גרויסען אין יאָהר 1718. זי האָט געפיהרט די אויספאָרשונג וועגען פּאָליטישע און רעליגיעזע פערברעכענס, אויך מכח די וויכטיגסטע רעלי־גיעזע אנגעלעגענהייטען. אין אַנאַ יאָאַנאָווּנאַ'ס צייטען איז דער פערוואַל־טער פון דער „געהיימער קאַנצעלאַריע" געווען דער סענאַטאָר, גענעראַל אַנדרעי אושאַקאָוו, וועלכער איז געווען בעוואוסט אין גאַנץ רוסלאַנד דורך זיין אונמענשליכע גרויזאַמקייט. ביי דעם איינעם נאָמען „אושאַקאָוו" פלע־גען מענשען פערציטערט ווערען. פון דער „געהיימער קאַנצעלאַריע" האָט דער וועג געוועהנליך געפיהרט צום עשאַפאָט, אָדער אַפילו אין בעסטען פאַל, פלעגט מען פון דאָרטען אַרויס אַ צוקאַליעטשעטער אויפ'ן גאַנצען לעבען. „אויספאָרשען", „מאַכען אַ פערהער" האָט אין יענע צייטען בעדייט — פּייניגען. אָהן האַרבע עִנויים האָט מען זיך דאַן ניט געקאָנט בעגעהן אַפילו ביי אונטערזוכונגען מכח גאַנץ געוועהנליכע, אונבעדייטענדע פערברעכענס. קאָן מען שוין פערשטעהן, וואָסערע שרעקליכע פּייניגונגען עס פלעגען אין יענע גרויזאַמע צייטען אַנגעווענדעט ווערען ביי אויס־פאָרשונגען וועגען פּאָליטישע זינד אָדער אַזעלכע אנגעלעגענהייטען, וועלכע מען האָט געהאַלטען פאַר בעזונדערס וויכטיג. דאָס דעמאָלטיגע געזעץ האָט געגעבן פּערגעשריבען די פיזישע עִנויים, דורך וועלכע דער „אמת" מוז דערגאַנגען ווערען. אַפילו ווען דער אָנגעקלאָגטער האָט זיך גלייך מודה געווען, איז ער מיט דעם נאָך ניט יוצא געווען. לויט'ן געזעץ האָט מען איהם דאָך בעדאַרפט פּייניגען, טאָמער האָט ער וועגען עטוואָס פערשוויגען, ניט אַרויסגעגעבען אַלע זיינע חברים, א. ד. גל., און וואָס בעדייטענדער עס איז געווען די בעשולדיגונג, אַלס גרויזאַמער זיינען געווען די מיטלען, וועלכע האָבען געמוזט אויסגענוצט ווערען ביי דער אונטערזוכונג.

דער געוועהנליכער, פערשפּרייטסטער מין פּייניגונג האָט זיך גערו־פען: די „דיבע". דאָס איז געווען אַ מין תליה, וואָס האָט געהאַט די פאָרם פון אַ „ח" — צוויי הויכע הילצערנע סלופּעס, איבער וועלכע עס איז געלעגען אַ דריטער, קיילעכדיגער סלופּ. מען האָט דעם מענשען אויס־געטהאָן, צונויפגעבונדען ביידע הענד אַרויף־צו מיט אַ לאַנגען שטריק, וואָס איז געווען אַריבערגעוואָרפען איבער דעם מיטעלען סלופּ, איהם אויפגעהויבען הויך אין דער לופטען. דאָס אַליין איז שוין געווען אַ גענוג שרעקליכע פּיין. די הענד פלעגען דערביי אַרויס פון די געלענקען, און

דער וועהטאָג איז געווען ניט אויסצוהאַלטען. אַזוי איז דער מענש געהאַנגען אויף די אויסגעדרעהטע הענט אַ שעה צייט און נאָך לענגער. דאָס איז אָבער נאָך ניט געווען אַלץ. מען האָט דעם אונגליקליכען דערביי געגעבען קלעפּ מיט אַ „קנוט" איבער דעם נאַקעטען רוקען. דער קנוט איז געווען איינס פון די מורא'דיגסטע מיטלען צו פּייניגען, וואָס מען האָט געוואוסט אין אַמאָליגען רוסלאַנד. דאָס איז געווען כמעט ווי אַ גאַנצער אַפּאַראַט, וואָס איז בעשטאַנען פון עטליכע טיילען: אַ גראָבע הילצערנע הענטעל, אַ האַלב אַרשין אין דער לענג, מיט אַ געפלאָכטענעם לעדערנעם פּאַס, וואָס איז געווען איין אַרשין לאַנג און האָט זיך געענדיגט מיט אַ מעשענעם רינג; צו דעם רינג איז געווען צוגעבונדען אַן עק פון גראָבען, ברייטען רימען, וואָס זיין שפּיץ איז געווען פערבויגען מיט אַ מין נאָגעל. מיט אָט דעם עק, וואָס איז געווען איין אַרשין לאַנג און האַרט ווי אַ ביין, פלעגט מען געבען די קלעפּ. דער „קנוט" איז געווען אַ שווער ביסען אַפילו פאַר דעם תלין: ער האָט זיך בעדאַרפט פונאַנדערוויגען, פערמעסטען יעדען קלאַפּ פון דער־ווייטענס, און נאָך אַ שעה אַרבייט פלעגט ער בלייבען אָהן כוחות. צווישען יעדע עטליכע קלעפּ האָט מען דעם הענגענדען געמאַכט אַ פערהער, געשטעלט פערשידענע פראַגען, און נאָכ'ן אַראָבנעהמען פון דער „דיבע" פלעגט דער תלין איהם אַריינרוקען די הענד צוריק אין די געלענקען אַריין.

עס זיינען געווען עטליכע מינים פון אויפהויבען אויף דער „דיבע". ערשטענס, די געוועהנליכע „דיבע", וואו דער מענש פלעגט בעקומען מיט הפּסקות אַ געוויסע צאָהל קלעפּ מיט דעם „קנוט". צווייטענס, איז נאָך געווען אַ מין „דיבע" מיט אַ „טרייסעל": דער תלין פלעגט פון צייט צו צייט אַ טרייסעל טהאָן די שטריק, דער הענגענדער האָט זיך אין דער לופט געשאָקעלט, און דאָס האָט מורא'דיג פערגרעסערט זיינע ליידען. ווען דער געפּייניגטער האָט זיך דאָך ניט אונטערגעגעבען און ניט געוואָלט זיך מודה זיין, האָט מען איהם צו די פיס צוגעבונדען אַ קלאָץ, אויף וועלכען דער תלין האָט זיך אויף אַ געוויסע ווײלע אַנידערגעזעצט. עס איז געווען נאָך אַ שרעקליכערער מין „דיבע": בשעת דער מענש איז געהאַנגען אין דער לופטען, האָט דער תלין איהם איבער דעם רוקען גע־פאָכעט מיט אַ ברענענדיגען בעזים, אָדער מען האָט איהם אונטערגע־ברענט די פיס. דאָס אַלץ זיינען געווען מיטלען, וואָס זיינען אין רוסלאַנד געווען בעוואוסט פון לאַנג אָן. אין 18־טען יאָהרהונדערט זיינען צוגעקומען נאָך נייע סאָרטען עבויים; מען פלעגט די הענד אָדער די פיס אַריינ־נעהמען אין אייזערנע צוואַנגען, אויסדרעהען מיט אַ שטריק דעם קאָפּ אַהינטער, ברעכען די ריפּען, א. ד. גל. ווען מען וויל ביי רוסען עמיצען בעמערקען, אַז ער איז אימשטאַנד אויסצוגעפינען אַפילו בעהאַלטענע

סודות, זאָגט מען געוועהנליך, אַז ער קען דערגעהן אַלץ וואָס „אונטער די נעגעל". דער אויסדרוק נעהמט זיך פון דעם, וואָס מען פלעגט אין אַמאָליגע צייטען אַריינשלאָגען אונטער די נעגעל טשוועקעס, אויך אַרויסרייסען שטיקער פלייש פון אונטער די נעגעל און אויף אַזאַ שרעקליכען אופן „פונאַנדערבינדען די צונג".

אין דער „געהיימער קאַנצעלאַריע" איז געווען אַ בעזונדערע אָבטיילונג — דער אַזוי גערופענער „זאַסטענאָק", וואו עס פלעגען ביי דער אויספאָרשונג פאָרקומען די פייניגונגען. דעם 22־טען מערץ 1738 האָט מען אַלעקסאַנדער וואָזניצינ'ען גענומען אויף אַ פערהער אין דעם „זאַסטענאָק". פריהער, אין מאָסקווע, ביי דער אונטערזוכונג אין דער דאָרטיגער סינאָדאַלער פערוואַלטונג, האָט וואָזניצין ניט אנערקענט זיין זינד. ער האָט גע'טענה'ט, אַז די גאַנצע בעשולדיגונג געגען איהם איז אַ פאַלשער, אויסגעטראַכטער בלבול. דאָ אָבער, דערזעהענדיג די שרעקליכע „דיבע" און די הענקער, איז ער דערציטערט געוואָרען. זיינע נערוועןן, וואָס זיינען שוין געווען גענוג אָבגעשוואַכט דורכ'ן אָבזיצען כמעט אַ גאַנץ יאָהר איינער אַליין אין דער פינסטערער טורמע, האָבען ניט אויסגעהאַלטען. ער האָט זיך מודה געווען און ערקלערט פאָלגענדעס: ער האָט אָנגענומען דעם אידישען גלויבען און איהם אָבגעהיט, און געלערענט האָט איהם ברוך לייבאָוו; כדי זיך מל צו זיין און בעסער צו בעקענען זיך מיט דער אידישער אמונה, איז ער לויט זייער געמיינזאַמען בעשלוס אַוועקגעפאָהרען פון מאָסקווע קיין פוילען; אָנגעקומען אַהין, האָט ער געלעבט אין דובראָוונע, ביי ברוך'ס זוהן, מאיר'ן; ברוך האָט געבראַכט דריי אידען, וואָס זייערע נעמען זיינען איהם אונבאַוואוסט, און איינער פון זיי האָט איהם, וואָזניצינ'ען מל געווען. דערביי זיינען געווען ברוך און זיין זוהן מאיר. אויך האָט ער ערקלערט, אַז דאָס, וואָס זיינע פויערים האָבען געגען איהם בעוויזען, אַז ער האָט פערשוועכט מיט גראָבע ווערטער קריסטוס'עס נאָמען, איז טאַקע ריכטיג. כאָטש וואָזניצין האָט זיך, אַלזאָ, אין אַלץ מודה געווען, האָט מען איהם אָבער דאָ גלייך גענומען אויף דער „דיבע" — אַזוי האָט דער געזעץ בעפוילען, אַז אַפילו דער אָנגעקלאָגטער האָט אנערקענט זיין שולד, ווערט ער ניט בעפרייט פון פייניגונג. הענגענדיג אין דער לופטען אַ געמאַטערטער, האָט דער אונגליקליכער בעשטעטיגט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט דאָ פריהער געגען זיך דערצעהלט. אָבער נאָכדעם ווי מען האָט איהם אַראָבגענומען פון דער „דיבע", האָט ער דעםזעלבען טאָג, ביי אַ וויטערדיגען פערהער אין דער „געהיימער קאַנצעלאַריע" זיך אָבגעזאָגט פון אַלץ, וואָס ער האָט בעוויזען, און ער האָט ערקלערט, אַז ער האָט עס בלויז פון שרעק און וועהטאָג אויסגעטראַכט אויף זיך אַליין.

מיט אַ טאָג שפּעטער, דעם 23-טען מערץ, האָט מען געבראַכט אין „זאַסטענאָק" אויף אַ פאַרהער ברוך לייבאָוו'ן. ווי וואָזניצין, האָט ער אויך אין מאָסקווע געלייקענט זיין שולד. דאָ אָבער, שטעהענדיג פאַר דער „דיבע", האָט ברוך זיך מודה געווען, אַז וואָזניצין האָט מיט איהם גע־פיהרט געשפּרעכען וועגען דעם אידישען גלויבען, אַז זיי פלעגען אינאיינעם פערגלייכען די העבּרעאישע ביבעל מיט דער סלאַוואַנישער איבערזעצונג. אויך האָט ער בעשטעטיגט, אַז אין דובּראָוונע האָט וואָזניצין איהם ער־קלערט, אַז ער וויל דורכאויס זיך מל זיין. זעהענדיג דעם פעסטען פער־לאַנג זיינעם, האָט ער, ברוך, הייסט עס, גערופען דעם מוהל פּייוויש'ען, און וואָזניצין האָט יענעם געבעטען, ער זאָל איהם מל זיין. פּייוויש האָט אין אָנפאַנג זיך געקוויינקעלט; האָט ברוך, לויט וואָזניצינ'ס בקשה, איהם געזאָגט, ער זאָל עס טהאָן, ער האָט ניט וואָס מורא צו האָבען. פּייוויש האָט דעם רוס מל געווען. לויט דעם געזעץ האָט מען אויך ברוך'ן געזאָלט נעהמען אויף דער „דיבע". מיר ווייסען ניט פאַרוואָס, אָבער דאָס איז ניט געטהאָן געוואָרען. מען קאָן עס ניט ערקלערען מיט דעם, וואָס ברוך איז אַלט געווען 65 יאָהר. בלויז מענשען פון 70 יאָהר זיינען געווען בעפרייט פון פּייניגונגען, אי דאָס ניט ביי אויספאָרשונגען וועגען פּאָליטישע און אַנדערע וויכטיגע אנגעלעגענהייטען. לויט דער אָרדנונג, וואָס האָט דאַן געגאָלטען, האָט מען אין אַזעלכע פאַלען יעדערן געדאַרפט פּייניגען גאַנצע דריי מאָל, מיט געוויסע הפסקות. וואָזניצינ'ען האָט מען, אַלזאָ, געזאָלט נאָך צוויי מאָל נעהמען אויף דער „דיבע", בפרט אַז ער האָט געענדערט זיינע ערקלערונגען. אָבער אויך דאָס איז ניט געטהאָן געוואָרען. וואָזני־צינע'ן האָט מען געפּייניגט נור איין מאָל, און ברוך איז גאָר ניט געפּייניגט געוואָרען.

אין די אַרכיוו־דאָקומענטען געפינען מיר ניט דערויף קיין דירעקטע ערקלערונג. ווי עס ווייזט אָבער אויס, ערקלערט זיך די זאַך דערמיט, וואָס די פרומע קייזערין האָט זייער געאיילט מיט דעם פּראָצעס. ווען מען זאָל האָבען געגוי ערפילט די געוועהנליכע פּראָצעדור פון דער אויספאָר־שונג, ד. ה., דריי מאָל געפּייניגט יעדערן פון די אָנגעקלאָגטע, וואָלט זיך דער פּראָצעס געמוזט שטאַרק פערציהען. אַנאַ יאָאַנאָוונאַ האָט אָבער דורכ־אויס געוואָלט, אַז די פערברעכער זאָלען וואָס גיכער בעקומען זייער שטראָף, און דאָס האָט איינעם פון זיי אינגאַנצען און דעם אַנדערען טייל־וויז בעפרייט פון איבעריגע ענויים. דעם 18-טען אַפּריל האָט די קייזערין בעפוילען אָבצושיקען פון דער „געהיימער קאַנצעלאַריע" וואָזניצינ'ען, ברוך'ן און זיין אײדעם, שמערעל, אינאיינעם מיט אַלע פּראָטאָקאָלען פון דער אונטערזוכונג, אין סענאַט, אויף צו משפט'ן זיי. די זאַך איז געפיהרט געוואָרען מיט דער גרעסטער גיכקייט. שוין דעם 21-טען אַפּריל האָט

דער סענאַט איבערגעגעבן די דריי אָנגעקלאָגטע, ווי אויך אַלע פּאַפּירען, צו דער „יוסטיץ־קאָלעגיע" (אַזוי האָט זיך גערופען דאָס געריכט וועגען די וויכטיגע ענינים) און פעראָרדענט, אַז זי זאָל אַרויסטראָגען וועגען זיי אַן אורטייל און צושטעלען איהם אויף דעם סענאַט'ס בעשטעטיגונג. אַהין זיינען איבערגעשיקט געוואָרען אויך די דאָקומענטען וועגען די בלבולים, וואָס זיינען מיט אַ יאָהר פופצעהן צוריק פערפיהרט געוואָרען אין סמאָלענסק געגען ברוך'ן, אַז ער האָט כלומרשט געטויט אַ גלח, וועלכער האָט איהם געשטערט בויען אַ שוהל, און אַז ער האָט פאַר פסח „געבונדען אַ רוסיש מיידעל, געשטאָכען מיט שפּילקעס און געצאַפּט פון איהר בלוט". דער סענאַט האָט פאַרגעשריבען דער „יוסטיץ־קאָלעגיע", זי זאָל די ביידע בעשולדיגונגען געגען ברוך'ן, ד. ה. אַז ער האָט אַריבערגעצויגען וואָזניצינ'ען צום אידישען גלויבען, בעטראַכטען אינאיינעם מיט די פריהערדיגע, וואָס זיינען נאָך ניט פערענדיגט געוואָרען.

די „יוסטיץ־קאָלעגיע" האָט געהאַט פאַר זיך אַזאַ אונטערזוכונגס־מאַטעריאַל, וואָס זי האָט, לויט די דעמאָלטיגע גזעץ־פּאָדערונגען, געמוזט האַלטען פאַר ניט גענוגענד; די אַלטע בלבולים געגען ברוך'ן זיינען נאָך כמעט גאָרניט אויסגעפאָרשט געוואָרען, און וואָס אנבאַלאַנגט דעם נייעם פּראָצעס, איז געווען אַ ווידערשפּרוך צווישען ברוך'ן, וועלכער האָט זיך מודה געווען, און וואָזניצינ'ען — יענער האָט זיך פריהער אויך מודה געווען, אָבער דערנאָך גענומען צוריק זיינע ווערטער. אַ גרויסער חסרון אין דער גאַנצער אונטערזוכונג איז, פון דעמאָלטיגען געריכטליכען שטאַנד־פּונקט, געווען אויך דאָס, וואָס ברוך'ן האָט מען גאָרניט גענומען אויף דער „דיבע", און וואָזניצינ'ען — נור איין מאָל. די „יוסטיץ־קאָלעגיע" האָט דעם 2־טען מאַי וועגען דעם אַלעם צוגעשטעלט אַ ראַפּאָרט צום סענאַט און ערקלערט, אַז אָהן געזעצליך פאָרגעשריבענע אויספאָרשונגען (ד. ה. אָהן דעם, מען זאָל די אָנגעקלאָגטע ווי געהעריג איז פּייניגען) קאָן זי קיין שום אורטייל ניט שטעלען. דער קייזערין איז די מיינונג פון דער „יוסטיץ־קאָלעגיע" ניט געפעלען — זי איז אויסען געווען, מען זאָל דעם פּראָצעס וואָס גיכער ענדיגען. דעם 10־טען מאַי האָט דער פערוואַלטער פון דער „געהיימער קאַנצעלאַריע", גענעראַל אושאַקאָוו, אויף דער זיצונג פון סענאַט איבערגעגעבען אַ בעפעהל פון דער קייזערין: „כדי די זאַך זאָל זיך ניט פערציהען לאַנג", זאָל מען קיין ווייטערדיגע אויספאָרשונגען ניט מאַכען און שטעלען אַן אורטייל. דעם 16־טען מאַי האָט די „יוסטיץ־קאָלעגיע" פון סענאַט בעקומען אַ פעראָרדנונג: צושטעלען אויף זיין בעשטעטיגונג איהר בעשלוס וועגען דער בעשטראָפונג, וועלכע עס קומט לויט'ן געזעץ וואָזניצינ'ען, ברוכ'ן און שמערלען.

די „יוסטיץ־קאָלעגיע" האָט קיין ברירה ניט געהאַט, האָט זי אַרויס־

געטראָגען איהר אורטייל. זי האָט איינגעפונען, אַז כאַטש וואָזניצין האָט זיך אָבגעזאָגט פון דעם, וואָס ער האָט פריהער מודה געווען אין דעם „זאַסטענאַק“, איז זיין שולד פולשטענדיג בעשטעטיגט געוואָרען. זיינע דיענער און פויערים האָבען ביים פערהער בעוויזען, אַז ער האָט ווירקליך געלעסטערט קריסטוס'עס נאָמען; און אַז ער האָט זיך מל געווען און אָנגענומען דעם אידישען גלויבען, דאָס איז בעשטעטיגט געוואָרען דורך ברוכ'ן. פאַר זיין פערברעכען קומט איהם, וואָזניצינ'ען, לויט'ן געזעץ, טויט־שטראָף דורך פערברענען. ברוך'ס שולד איז אויך בעשטעטיגט געוואָרען: ער האָט זיך אַליין מודה געווען, אַז ער האָט געפיהרט רעליגיעזע געשפּרעכען מיט וואָזניצינ'ען, אויף איהם געווירקט, מיטגעהאָלפען איהם, ער זאָל זיך מל זיין. לויט די גילטענדע געזעצען קומט ברוך'ן דערפאַר טויט־שטראָף דורך פערברענען. וואָס אנבאַלאַנגט ברוך'ס אײדעם, שמערלען, האָט די „יוסטיץ־קאָלעגיע“ איינגעפונען, אַז ער איז אונשולדיג און דאַרף בעפרייט ווערען.

בעקומען די בעשטימונג פון דער „יוסטיץ־קאָלעגיע“, האָט דער סענאַט ראַפּאָרטירט דער קייזערין. ער האָט זיך געפּרואווט פערטיידיגען יענעם שטאַנדפּונקט, אַן וועלכען עס האָט זיך פריהער געהאַלטען די „יוסטיץ־קאָלעגיע“. „עס וואָלט נויטיג געווען, האָט דער סענאַט געשריבען אין זיין ראַפּאָרט, „צו מאַכען געהעריגע אויספאָרשונגען געגען ברוך'ן און וואָזניצינ'ען (געמיינט ווערען: פּייניגונגען), כדי צו דערגעהן דעם גאַנצען אמת און אויפקלערען, צי איז ניט ברוך שולדיג אין אַריבערציהען נאָך עמיצען פון דעם הייליגען פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען צום אידישען, אָדער אין אַנדערע פערברעכענס געגען דער פּראַוואָסלאַוונער רעליגיע, און צי עס זיינען ניט געווען נאָך מענשען, וואָס האָבען זיך איינאיינעם מיט איהם דערין בעטייליגט. אויב מען זאָל אָבער ערפילען איבער זיי די טויט־שטראָף אָהן אונטערזוכונג, וועלען די שולדיגע, וועלכע זיי האָבען אפשר געדעקט, בלייבען אָהן בעשטראָפונג, און ווען עס וועט שוין ניט זיין מיט וועמען צו מאַכען אַ פערהער“. נאָר דער סענאַט האָט געוואוסט דער קייזערינ'ס ווילען, און ער האָט פערענדיגט זיין רעפּאָרט אַזוי: „אויב אָבער אייער קייזערליכע מאַיעסטעט וועט אַלערגנעדיגסט בעפעהלען צו שטעלען דעם אורטייל, ניט מאַכענדיג ברוך'ן און וואָזניצינ'ען קיין ווייטערדיגען פערהער, דאַן איז דער סענאַט מסכים מיט דער מיינונג פון דער „יוסטיץ־קאָלעגיע“, אַז פאַר זייערע וויכטיגע פערברעכענס קומט זיי ביידען, לויט'ן געזעץ, הארבע טויט־שטראָף דורך פערברענען, און וועגען דעם בעט דער סענאַט ביי אייער קייזערליכער מאַיעסטעט אַן אַלערגנעדיגסטען בעפעהל“.

דעם 3־טען יולי 1738 האָט די קייזערין אייגענהענדיג אונטערגע־שריבען די פאָלגענדע רעזאָלוציע אויף דעם סענאַט'ס ראַפּאָרט:

„וויבאַלד וואָזניצין און ברוך לייבאָוו האָבען זיך אַליין מודה געווען, דער ערשטער — אין פערשווערען קריסטוס'עס נאָמען, אָבפאַלען פון דער אמת'ער קריסטליכער רעליגיע און אָננעהמען דעם אידישען גלויבען, און דער צווייטער — אַז ער האָט איהם דורך זיינע פערפיהרערישע רייד אַריבערגעפיהרט צום אידענטום, דעריבער איז ניטאָ וועגען וואָס מעהר צו מאַכען פאַר זיי אַ פערהער, כדי דער שענדליכער גאָט־לעסטערענדער ענין זאָל זיך מעהר ניט פערציהען, און אַזעלכע ווי דער גאָט־לעסטערער וואָז־ניצין און דער פערפיהרער ברוך זאָלען ניט האָבען דעם מוטה צו פער־נאַרען אַנדערע. פאַר זייערע פערברעכענס געגען גאָט, בעשטראָ־פען זיי ביידען מיט טויט, פערברענען, כדי קוקענדיג אויף זיי זאָלען אַנדערע אונוויסענדע מענשען און גאָט־לעסטע־רער ניט אָבפאַלען פון דער קריסטליכער רעליגיע, און אַזעלכע פער־פיהרער, ווי ברוך, זאָלען זיך ניט דערוועגען אָבצואווענדען מענשען פון קריסטענטום צו זייער גלויבען. שמערלען, ווי באַלד ער איז דאָ אין קיין זאַך ניט שולדיג, בעפרייען. אַ נ אַ״[4]).

וואָזניצינ'ס און ברוך'ס שיקזאַל איז געווען בעשלאָסען. דריי טעג נאָכדעם ווי אַננאַ יאָאַנאָוונאַ האָט אונטערגעשריבען די רעזאָלוציע, דעם 6־טען יולי, האָט דער פערוואַלטער פון דער „געהיימער קאַנצעלאַריע״, אושאַקאָוו, מיטגעטיילט דעם סענאַט אַ בעפעהל פון דער קייזערין, אַז די טויט־שטראָף זאָל ערפילט ווערען ערשט נאָך איהר אָבפאָהרען פון פעטער־בורג. לאַנג וואַרטען איז ניט אויסגעקומען. אין עטליכע טעג אַרום האָט די „יוסטיץ־קאָלעגיע״ פערעפענטליכט איבער גאַנץ פעטערבורג אַזאַ פובליקאַציע: „אַזוי ווי שבת, דעם 15־טען יולי, דאַרף, לויט דעם בע־פעהל פון איהר קייזערליכער מאַיעסטעט, אויף דער אַדמיראַלטייסקער אינזעל, נעבען די נייע קראָמען, ערפילט ווערען די עקזעקוציע איבער אַ פערברעכער געגען דער אמת'ער קריסטליכער רעליגיע און איבער אַ פערפיהרער, דעריבער ווערט וועגען דעם פובליקירט, כדי אַלע זאָלען זיך צונויפקומען זעהן די עקזעקוציע אויף יענעם אָרט, 8 אַזייגער מאָרגענס״.

דעם 15־טען יולי 1738 אין דער־פריה זיינען וואָזניצין און ברוך לייבאָוו פערברענט געוואָרען אויף אַ שייטערהויפען.

אין דער דעמאָלטיגער רבנ'ישער ליטעראַטור געפינען מיר קיין וואָרט ניט וועגען ברוך'ס פּראָצעס. ס'איז ניט שווער צו פערשטעהן, פאַרוואָס מען האָט דאָ וועגען דעם געשוויגען: אין דער אידישער וועלט האָט דער

---

[4]) Перв. Полн. Собр. Зак., т. X, № 7612.

פראַצעס געמוזט אַרויסרופען אַ שטאַרקע בעאונרוהיגונג, מען האָט מורא געהאַט מכח דעם צו דערמאַהנען. מיט מעהר ווי צוואַנציג יאָהר צוריק האָב איך זיך צונויפגעשריבען מיט אַ פּאָר עלטערע מענשען אין דוב־ראָוונע, צי עס זיינען דאָרטען ניט פערבליבען וואָסערע זכרונות וועגען ברוך׳ן. האָט מיר דאָן אַ דאָרטיגער איד, הירש טומאַרקין, שריפטליך מיטגעטיילט, אַז אינ׳ם שטעדטעל באַיעוו (מאָהילעווער גוב.) האָט אַמאָל געלעבט אַן אַלטע אידענע, וואָס פלעגט דערצעהלען, אַז איהר זיידע, ברוך, וועלכען מען האָט געריפען „ניע טאַראָפּיס”, איז פערברענט געוואָרען אינאיינעם מיט אַ רוסישען אָפיציר. אין שטעדטעל פלעגט מען ערקלערען, אַז דער מאָדנער נאָמען האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס בשעת מען האָטביידע געפיהרט צום שייטערהויפען, האָט וואָזניצין דערמונטערט ברוך׳ן, געזוכט קרעפטיגען זיין מוטה און צו איהם געזאָגט: „ברוך, ניע טאַראָפּיס”, — אייל זיך ניט, בערוהיג זיך, קרעפטיג זיך.

אין דעם זעלבען יאָהר 1738, אַ שטיקעל צייט פאַר וואָזניצינ׳ס און ברוך׳ס הינריכטונג, איז אין רוסלאַנד אויף אַ שייטערהויפען אומגעקומען נאָך אַ מענש, וואָס האָט זיך פערזינדיגט געגען דער פּראַוואָסלאַוונער רעליגיע: אין יעקאַטערינבורג איז פערברענט געוואָרען אַ טאַטער, דער־פאַר וואָס ער האָט אַנגענומען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען און דערנאָך זיך אומגעקעהרט צו דער מאַכמעדאַנישער אמונה [5].

ווי מיר האָבען שוין אַנגעוויזען, האָט דער פראַצעס געגען וואָז־ניצינ׳ען זיך אָנגעהויבען פון אַ מסירה, וואָס זיין פרוי, אַליאָנאַ, האָט אויף איהם דערלאַנגט. קיין קינדער האָט ער ניט איבערגעלאָזט, זיינען נאָך זיין טויט אַלע זיינע מאַיאָנטקעס מיט די פּויערים און דאָס איבעריגע פערמעגען אַריבער צו זיין פרוי און שוועסטער. אַחוץ דעם טייל אין דער ירושה, וואָס האָט איהר געקומט לויט׳ן געזעץ, האָט אַליאָנאַ וואָזניצין געקראָגען נאָך אַ בעזונדער בעלוינונג: אין יאַנואַר 1739 האָט די קייזע־רין אַנאַ יאָאַנאָוונאַ בעפוילען, מען זאָל וואָזניצינ׳ס אלמנה „פאַר איהר מסירה געגען דעם מאַן” צוגעבען נאָך אַ מאַיאָנטעק — הונדערט פּויערים מיט ערד [6]. בכלל האָט זי מיט איהר מסירה געמאַכט נישט קיין שלעכט געשעפט. ביים צוטיילען די ירושה האָט וואָזניצינ׳ס אַלמנה און שוועסטער ניט געקאָנט צווישען זיך דורכקומען, געפיהרט איינע געגען דער אַנדערער פּראָצעסען. ס׳איז דערביי ענטשטאַנען אַזאַ פראַגע: צי דאַרפען ניט יענע וואָזניצינ׳ס פּויערים, וואָס האָבען בעת דער אויספאָרשונג בעוויזען ג ע ג ע ן איהם, בעקומען דערפאַר פרייהייט? האָט דער סענאַט אין

[5]) “Русская Старина” 1880 г., т. XXIII, 304.

[6]) Перв. Полн. Собр. Зак., т. X, № 7725.

יאָהר 1739 גע׳פסק׳ענט, אַז ניין — זיי דאַרפען בלייבען לייב־אייגענע, ווי פריהער. ווייל וואָלטען זיי פון זיך אַליין געווען פער׳מסר׳ט דעם פריץ זייערן, דאַן וואָלט זיי, לויט׳ן געזעץ, געקומט פרייהייט; וויבאַלד אָבער זיי האָבען געגען וואָזניצינ׳ען בעוויזען שוין נאָך זיין פרוי׳ס מסירה, דאַרף מען זיי נישט בעפרייען. כדי אָבער צו בעוואָרענען, אַז וואָזניצינ׳ס שוועס־טער זאָל זיך אָן זיי ניט נוקם זיין, זאָל מען זיי אַלעמען אָבגעבען ניט איהר, נאָר דער אלמנה. די קייזערין אַנאַ יאָאַנאָוונאַ האָט דעם סענאַט׳ס מיינונג בעשטעטיגט [7]).

די פינסטערע דראַמע, מיט וועלכער מיר האָבען בעקענט די לעזער, האָט געהאַט אַ נאַכשפּיעל, וואָס דערמאָהנט אָן אַ וואָדעוויל.

ווי מיר האָבען שוין דערצעהלט, האָט מען וואָזניצינ׳ען און ברוך׳ן אַ צייט לאַנג געהאַלטען אַרעסטירט אין מאָסקווע, אין דער דאָרטיגער סינאָדאַלער פערוואַלטונג, ביז מ׳האָט זיי אָבגעשיקט אויף צו משפּט׳ן קיין פּעטערבורג. נאָך דער הינריכטונג, האָט זיך די מאָסקווער סינאָדאַלע פערוואַלטונג געכאַפּט, אַז ביי איהר זיינען פערבליבען איניגע זאַכען, וואָס האָבען געהערט צו די פעראורטיילטע: וואָזניצינ׳ס טלית־קטן און ברוך׳ס תפילין מיט אַ סידור, אויך דעם אידענ׳ס אַ מעסעריל. האָט די מאָסקווער פערוואַלטונג זיך אָנגעפרעגט ביים סינאָד: וואָס זאָל זי טהאָן מיט די זאַכען, וועלכע זיינען געבליבען נאָך די פערברעכער? דער סינאָד האָט ערנסט אַרומגעקלערט די פראַגע און אָבגעשיקט קיין מאָסקווע אַזאַ בע־פעהל: דאָס מעסעריל זאָל מען אָבגעבען דער קאַנצעלאַריע פון דער סינאָדאַלער פערוואַלטונג, און דעם סידור — אין איהר ביבליאָטעק; וואָס אַנבאַלאַנגט דעם טלית־קטן און די תפילין, „זאָל מען זיי פערברענען און דעם אַש צושפּרייטען אויף אַלע פיער זייטען". אי פּראַקטיש, אי גאַנס־פאָרכטיג. ווען מען זאָל אַ זוך טהאָן אין דער מאָסקווער סינאָדאַלער ביב־ליאָטעק, קאָן מען דאָרטען אפשר נאָך געפינען דעם אַלטען סידור, פון וועלכען עס פלעגט מיט פיעל יאָהר צוריק דאַווענען מיט התלהבות יענער דובראָוונער איד, וואָס האָט מיט אַזאַ שרעקליכען טויט בעצאָהלט פאַר זיין רעליגיעזע אייפעריגקייט.

אויסער דער קאָמישער פעראָרדנונג פון סינאָד, האָט אָבער וואָזניצינ־לייבאָוו׳ס פּראָצעס געהאַט אויך וויכטיגע, זייער טרויעריגע פאָלגען פאַר די אידען אין רוסלאַנד. דעם אָפּיציר׳ס אָבפאַל פון דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען און די ראָלע, וואָס ברוך האָט דערביי געשפּיעלט, האָבען אין די רוסישע רעגירונגס־קרייזען פערשטאַרקט דעם שרעק פאַר דער אידישער

---

[7]) Тамъ-же.

רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע. מען האָט זיך דערמאָנט אָן דעם בעפעהל וואָס די קייזערין יעקאַטערינאַ די ערשטע האָט אַרויסגעגעבען אין יאָהר 1727 וועגען אַרויסשיקען אַלע אידען פון מאַלאָראָסיע (אוקראַאינע) און פון אַנדערע רוסישע געגענדען. ווי עס ווייזט אויס, פלעגט מען פריהער ניט שטרענג אַכטונג געבען, אַז דער פערבאָט זאָל אויסגעפיהרט ווערען. נאָך וואָזניצינ׳ס פּראָצעס האָט דער סענאַט צונויפגעקליבען ידיעות וועגען דער צאָהל אידען אין מאַלאָראָסיע, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָרטען געפינען זיך אַ הונדערט און פופציג אידישע נפשות. דער סענאַט האָט געהאַט פעראָרדענט תיכף אַרויסשיקען זיי, אָבער די מאַלאָרוסישע מיליטערישע פערוואַלטונג האָט אָנגעוויזען, אַז צוליעב דעם קריעג, וואָס רוסלאַנד האָט דאַן געפיהרט מיט טערקיי, וואָלט דאָס געווען געפעהרליך. איז אין אויגוסט 1739 אַרויס אַ בעפעהל, מען זאָל אָבוואַרטען מיט׳ן אַרויסשיקען די אידען ביז׳ן סוף פון דער מלחמה, און דערווייל זאָל מען צונויפזאַמלען ווייטערדיגע ידיעות וועגען אידען, וואָס האַלטען זיך אויף אין מאַלאָראָסיע. און ווי נור דער קריג מיט טערקיי האָט זיך געענדיגט, האָט אַנאַ יאָאַנאָוונאַ, דעם 11־טען יולי 1740, בעפוילען אַרויסצושיקען פון מאַלאָראָסיע אַלע אידען, 573 נפשות [8]).

אויך די ניט־וועניגער פאַנאַטישע קייזערין יעליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ (1741—1761) האָט געהאַלטען אין איין זאָרגען וועגען אָבהיטען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען פון דער „אידישער געפאַהר". אין יאָהר 1742 האָט זי אַרויסגעגעבען דעם בעוואוסטען בעפעהל וועגען אַרויסטרייבען אַלע אידען פון גאַנץ רוסלאַנד, סיי פון די שטעדט, סיי פון די דאָרפישע געגענדען; אויף ווייטער האָט זי ערלויבט אַריינצולאָזען נור יענע אידען, וואָס וועלען מסכים זיין אָנצונעהמען די פּראַוואָסלאַווגע אמונה, אָבער מיט דער בעדינגונג, מען זאָל זיי שוין קיינמאָל פון רוסלאַנד ניט אַרויסלאָזען. ביים דורכפיהרען דעם שטרענגען בעפעהל פון דער קייזערין האָט מען זיך אָנגעשטויסען אויף גרויסע שוועריגקייטען; עס האָט זיך צוגלייך אַרויסגעוויזען, אַז פון דעם לײדט אי די „קאַזנאַ", אי די רוסישע בעפעלקערונג. נעהמענדיג אין באַטראַכט די טענות פון דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע, האָט דער סענאַט אין יאָהר 1743 געפּרואווט אויסווירקען ביי דער קייזערין, אַז עס זאָל אידען ערלויבט ווערען צייטווייליג צו קומען צוליעב געשעפט קיין רוסלאַנד. אָבער יעליזאַוועטאַ האָט דערויף געענטפערט מיט איהר בעריהמטער רעזאָלוציע: „פון קריסטוס׳עס שונאים פערלאַנג איך ניט קיין נוצען!" און עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז אין אָט דער רעזאָלוציע שפּירט זיך אַן אָפּקלאַנג פון יענעם איינדרוק, וואָס עס האָט אויף דער פאַנאַטישער קייזערין געמאַכט וואָזניצין־לייבאָוו׳ס פּראָצעס.

---

[8]) Тамъ-же, т. XI, № 8169.

דער געוואַלט־שמד פון אַ רבנישער טאָכטער

זינט די קיעווער גובערניע איז לויט דעם בעפעהל פון דער קייזערין יעקאַטערינע דער צווייטער, אין יאָהר 1794, צוגערעכענט געוואָרען צו דער אידישער „טשערטאַ", האָט די צאָהל אידען אין קיעוו זיך אָנגעהויבען קענטיג צו פערגרעסערן. לויט אָפיציעלע ידיעות, האָבען דאָ אין יאָהר 1792 געלעבט בלויז 73 אידען. מיט פינף יאָהר שפּעטער האָט די שטאָדט קיעוו געהאַט שוין 566 אידישע איינוואוינער. די עקאָנאָמישע לאַגע פון קיעוו האָט גענומען גיך שטייגען, נאָכדעם ווי עס איז אין יאָהר 1797 אַהער אַריבערגעפיהרט געוואָרען פון דובנע דער בעוואוסטער ווינטער־יאַריד, די אַזוי־גערופענע „קאָנטראַקטען". קיעוו ווערט אַ בעדייטענדער האַנדעלס־צענטער, וואָס ציהט צו זיך צו אידען. אין סוף פון 18־טען יאָהר־הונדערט ענטשטעהען אין קיעוו אידישע קהל'שע אַנשטאַלטען — אַ בית־עלמין, אַ חברה־קדישא; מיט אַ צעהנדליג יאָהר שפּעטער פערמאָגט קיעוו אַ שוהל מיט צוויי בתי־מדרשים, אַ קהל'שע באָד, וואָס די איינקונפט פון איהר געהער אָן צו דער חברה־קדישא, אָן איינפאָהר־הויז פאַר אָרימע אורחים און אייניגע צדקה־חברות. פון יאָהר 1803 האָבען קיעווער אידען אַ שטענדיגען רב — ר' דוד סלוצקי [1].

די „הייליגע" רוסישע שטאָדט קיעוו האָט זיך שטענדיג, אַפילו אין די צייטען פון דעם גרעסטען אַנטיסעמיטישען ברען, אויסגעצייכענט מיט איהר בעזונדערען אידען־האַס. קליין־בירגערליכע עקאָנאָמישע קנאה און פינסטערער רעליגיעזער פאַנאַטיזם זיינען דאָ אַלע מאָל געגאַנגען האַנד אין האַנד. די קיעווער רוסישע הענדלער און „מעשטשאַנעס" האָבען געזאָרגט ניט נור וועגען זייערע געלד־אינטערעסען. אידישע קאָנקורענץ האָבען זיי פיינט געהאַט תכלית שנאה; אָבער אידישע נשמות האָבען זיי געזוכט צו „ראַטעווען", „בעגליקען", אַריבערציהענדיג זיי צום פּראַוואָ־סלאַוונעם גלויבען, און מיטגעהאָלפען זיי דערין האָבען די דאָרטיגע גלחים. אין קיעוו פלעגט מען אַמאָל אידישע קינדער פערנאַרען אָדער אַפילו כאַפּען און זיי אָב'שמד'ן. אין די ליבעראַלע אָנהויב־יאָהרען פון

[1]) אין דעם אַלטען פנקס פון דער קיעווער חברה־קדישא (וואָס איז איינגע־פיהרט געוואָרען אין יאָהר 1794) ווערט ר' דוד סלוצקי צום ערשטען מאָל דערמאָהנט אַלס קיעווער רב אין יאָהר תקס"ט (1809), אין צוזאַמענהאַנג מיט די תקנות וועגען פערקויפען „שטעט" אין דער נייער שוהל. דעם פנקס האָט א. קופּערניק פערעפענטליכט אין זיין „לקורות בני ישראל בקיוב" (ברדיטשוב, תרנ"א). זעה דאָרטען, ז. 35.

אַלעקסאַנדער דעם ערשטענ'ס מלוכה זיינען אַזעלכע פאַלען נאָך געווען זעלטען. דער קייזערליכער בעפעהל פון 21־טען אויגוסט 1801 האָט פערבאָטען צו טויפען אידישע קינדער אָהן דער צושטימונג פון זייערע עלטערן [2]). אָבער נאָך דעם זיג איבער נאַפּאָלעאָנ'ען ווערט אַלעקסאַנדער'ס פּאָליטיק וואָס ווייטער אַלץ מעהר רעאַקציאָנער, און די בעציהונג צו אידען ווערט דורכגעדרונגען מיט מיסיאָנערישע טענדענצען. כאָטש דער טאָלע־ראַנטער בעפעהל פון יאָהר 1801 איז פאָרמאַל ניט אָבגעשאַפט געוואָרען, אָבער די קיעווער שוואַרצע באַנדע ווייסט, אַז מעהר מעג מען זיך שוין מיט איהם ניט רעכענען. עס טרעפט איצט אין קיעוו גאַנץ אָפט, אַז אידישע קינדער ווערען מיט געוואַלט געטויפט. וועגען די איינצעלהייטען פון אַזאַ טרויעריגען פאַל, וואָס קעהר זיך אָן צום יאָהר 1814, דערוויסען מיר זיך פון אַ פעקעל דאָקומענטען, אויף וועלכע איך האָב מיך אָנגע־שטויסען ביי מיינע פאָרשונגען אין די רוסישע רעגירונגס־אַרכיווען [3]). דער טראַגישער כאַראַקטער פון דעם געשעהעניש ווערט נאָך פערגרעסערט דורך דעם, וואָס די זאַך איז פאָרגעקומען גראַד אין דער פאַמיליע פון דעם דעמאָלטיגען קיעווער רב, דעם אויבען־דערמאָהנטען ר' דוד סלוצקי. אין דעם עפּיזאָד, מיט וועלכען איך וויל דאָ בעקענען די לעזער, שפּילען זיך אָב די מאָראַלישע ליידען און פּיין, וואָס אידען זיינען אין יענע צייטען אויסגעשטאַנען אין קיעוו. מיר זעהען דאָ קלאָר, ווי די דאָרטיגע פּריי־ווילינע מיסיאָנערען און די העכסטע גלחים פלעגען זיך ניט אָבשטעלען פאַר די פּשוט'סטע געוואַלט־מיטלען און פעלשונגען, אַבי אָבצו'שמד'ן אַ אידיש קינד; ווי די אַדמיניסטראַציע פלעגט זיי שטיצען, פערדעקען זייערע פערברעכענס, און ווי די אידישע עלטערן, וואָס האָבען געזוכט אַרויסצוראַטעווען זייערע גערויבטע קינדער, פלעגען בלייבען הילפלאָז, ניט געפינען קיין רעכט און שוץ אַפילו אין די העכסטע רעגירונגס־אַנשטאַלטען.

פאָרגעקומען איז די זאַך זומער־צייט 1814. דער קיעווער רב סלוצקי האָט מיט זיין הויזגעזינד געוואוינט אין אַ הויז, וואָס האָט אָנגע־הערט צו איינער אַ רוסין. פרייטאָג צו־נאַכט, דעם 5־טען יוני, האָט מען ביי דעם רב סלוצקי אין דער וואוינונג זיך געגרייט צו זעצען זיך עסען וועטשערע. אין שטוב איז לכבוד שבת געווען אויפגעראַמט, ציכטיג; אַלע זיינען געווען שבת'דיג געקליידט. אין מיטען האָט די אייגענטי־מערין פון הויז, די רוסין, אַ רוף געטהאָן צו זיך איינע פון דעם רב'ס

[2]) אַרכיוו פון גאָסוד. סאָוועט, געזעץ־דעפּאַרטמענט, פון יאָהר 1835 — נומ. 11.

[3]) אַרכיוו פון סינאָד, פון יאָהר 1814 — נומ. 1072.

טעכטער, דאָס 13־יאָהריגע מיידעל חיה, זאָגענדיג, אַז זי דאַרף איהר עפּיס דערצעהלען. חיה איז אַוועק צו איהר אין שטוב. עס איז אַריבער אַ היבשע צייט און זי איז נאָך אַלץ ניט געקומען צוריק. האָט מען גע־פרעגט ביי דער רוסין. יענע האָט געענטפערט, אַז דאָס מיידעל איז שוין לאַנג אַוועק צוריק אַהיים. אין שטוב איז געוואָרען אַ טומעל. מען האָט אָנגעהויבען זוכען חיה'ן ביי די שכנים, אָבער מ'האָט זי אין ערגיץ ניט געפונען. אַלע זיינען געווען צורודערט, אָבער כדי ניט צו שטערען דעם עונג־שבת, האָט מען זיך געזעצט צום טיש, כאָטש דאָס עסען איז ניט געקראָכען אין האַלז.

שבת אין דער־פריה, דעם 6־טען יוני, איז חיה נאָך אַלץ ניט געווען אין דער־היים. דעם רב'ס הויזגעזינד איז בעפאַלען אַ שרעק. מען האָט אָנגעהויבען אומעטום צו זוכען און פונאַנדערפרעגען, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַט וואָס: ווען חיה איז אין אָוונד אַרויס פון דער רוסישער אייגענטימערין און געשטאַנען נעבען דעם טויער, האָט עפּיס אַ רוס — אַ טשינאָווניק זי געכאַפּט, פערשטאָפּט איהר דאָס מויל מיט אַ טיכעל, זי זאָל ניט שרייען, אַריינגעזעצט זי אין אַ וואָגען און אַוועקגעפיהרט. מען איז אויך דערגאַנגען, אַז מען האָלט זי אין דער וואוינונג פון דעם גריך ניקיסטאָר, וועגען וועלכען עס איז געווען בעוואוסט, אַז ער פערנעהמט זיך גערן מיט טויפען אידישע קינדער. דער רב סלוצקי איז אַוועקגעלאָפען אַהין, אָבער מען האָט איהם אין הויז ניט אַריינגעלאָזט. ער איז דעמזעלבען שבת אין אָוונד אַוועק צו דעם קיעווער מיטראָפּאָליט (דער העכסטער גייסטליכער אין דעם גאַנצען ראַיאָן). דער מיטראָפּאָליט סעראַפּיאָן האָט איהם אויפגענומען. דער רב האָט איהם ערקלערט, אַז זיין טאָכטער איז ערשט בלויז 13 יאָהר אַלט, און מיט טרעהרען געבעטען, ער זאָל ניט ערלויבען אָבטויפען זי מיט געוואַלט, געבען איהם די מעגליכקייט צו איבערצייגען זיך, אַז זי נעהמט אָן דעם קריסטליכען גלויבען טאַקע לויט איהר פרייען ווילען, אָהן שום צוואַנג.

דער מיטראָפּאָליט האָט איהם געענטפערט, אַז ער זאָל זיך ניט אומ־זיסט בעאונרוהיגען, די גלחים וועלען האַנדלען לויט די גילטענדע גע־זעצען, און אַז מען וועט זיין טאָכטער ניט פריהער טויפען, איידער עס וועט איהר געגעבען ווערען אַ פערהער אין דער געגענוואַרט פון איהרע עלטערן, צי זי וויל טאַקע פרייוויליג אָננעהמען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען. ער האָט אויך געזאָגט, אַז אַפילו נאָך אַט דעם פערהער וועט זי פריהער מוזען לערנען די תפילות און די דינים פון דער קריסטליכער רעליגיע, און דערויף וועט נויטיג זיין וועניגסטענס זיבען וואָכען צייט. סלוצקי האָט געבעטען, ער זאָל דאָס אַלץ פערצייכענען אויף דער שריפט־

ליכער בקשה, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט. דער מיטראָפּאָליט איז דערויף איינגעגאַנגען און געהייסען איהם צו קומען מאָרגען.

דער רב סלוצקי איז אַוועק אַהיים עטוואָס אַ בערוהיגטער. עפּיס אַ שטראַהל האָפנונג האָט דאָך אָנגעהויבען צו לויכטען. אָבער ווען ער איז אויפ׳ן אַנדערען טאָג, זונטאָג, דעם 7־טען יוני, ווידער געקומען צום מיטראָפּאָליט נאָך דער רעזאָלוציע, וואָס יענער האָט געדאַרפט אָנשרייבען אויף זיין בקשה, האָט ער שוין דערהערט גאָר אַנדערע ווערטער. דער מיטראָפּאָליט האָט איהם געזאָגט, אַז ווען ער האָט מיט איהם נעכטען גערעדט, איז איהם גאָרניט איינגעפאַלען, אַז ער איז דער פאָטער פון דער אידישער מיידעל, וואָס מען האָט צו איהם געבראַכט נאָך מיט צוויי טעג פריהער, דעם 5־טען יוני, און וואָס האָט ביים מיטראָפּאָליט געבעטען אַן ערלויבעניש אויף צו טויפען זיך. ער, דער מיטראָפּאָליט, האָט זיך דאַן איבערצייגט, אַז זי וויל טאַקע אַליין אָננעהמען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען, און זי איז גוט בעקאַנט מיט די קריסטליכע דינים, דעריבער האָט ער געגעבען זיין ערלויבעניש, און מ׳האָט זי שוין טאַקע אָבגעטויפט.

די זאַך איז געווען זעהר טשיקאַווע. צום מיטראָפּאָליט פלעגט מען קיינמאָל ניט פיהרען יענע אידען, וואָס האָבען זיך געוואָלט טויפען. אויב מען האָט חיה׳ן טאַקע צו איהם געבראַכט, איז דאָס געווען נור דערפאַר, ווייל דאָ איז געווען אַ בעזונדער פאַל, ווייל זי איז געווען דעם רב׳ס אַ טאָכטער. הייגט ווי־זשע האָט דער מיטראָפּאָליט ניט געקענט וויסען, ווער זי איז? און, צווייטענס, האָט ער געזאָגט דעם פאָטער, אַז זי איז ביי איהם געווען מיט איהר בקשה פרייטאָג, דעם 5־טען יוני. יענעם גאַנצען טאָג אָבער איז חיה געווען אין דער־היים, זי איז פערשוואונדען ערשט פרייטאָג שפּעט אין אָוונד. ס׳איז, אַלזאָ, געווען קלאָר, אַז די מעשה איז אַן אויסגעטראַכטע.

דעם מיטראָפּאָליט׳ס ווערטער האָבען דעם רב געטראָפען ווי אַ דונער, ער איז געשטאַנען ווי אַ צומישטער. דער מיטראָפּאָליט האָט נאָך אָבער געהאַט די גרויזאַמקייט פאַרצולייגען דעם אַלטען אונגליקליכען רב, אַז ער זאָל נאָכטהאָן דער טאָכטער׳ס ביישפּיעל און אויך אָננעהמען דעם פּראַוואָ־סלאַוונעם גלויבען. ביי אָט דער פרעכער האַרצלאָזיגקייט איז סלוצקי ווידער געקומען צו זיך. ער האָט ערקלערט דעם מיטראָפּאָליט, אַז דעם גאַנצען פרייטאָג איז חיה אַפילו ניט אַרויס פון שטוב; אַז זי קען ניט ריידען רוסיש, און אויב מען האָט עמיצען צום מיטראָפּאָליט געבראַכט, איז דאָס ניט געווען חיה, נאָר עפּיס אַ רוסיש מיידעל, וואָס מען האָט אָנגע־געבען פאַר זיין טאָכטער; אַז דאָס שמעקט מיט אַ שווינדעל, מיט אַ בעליידיגונג אי פאַר דער פּראַוואָסלאַוונער קירך, אי פאַר דעם מיטראָ־פּאָליט פערזענליך. איז דער מיטראָפּאָליט סעראָפּיאָן געוואָרען אָן אָנגע־

צונדענער. ער האָט געזאָגט, אַז די זאַך איז שוין אָבגעטהאָן, זי קאָן ניט געענדערט ווערען, און האָט איהם געהייסען, ער זאָל איהם לאָזען צו־רוה.

אין קיעוו זיינען געווען געגוג גאָטספּאָרכטיגע רוסען, וואָס האָבען געהאַלטען פון דער מצוה אָבצוטויפען אידישע קינדער. דאָ איז דאָך די מצוה געווען בעזונדערס גרויס, ווייל עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם קיעווער רב׳ס אַ טאָכטער. אָבנעהמען ביי איהם אַ קינד און שמד׳ן, דאָס איז דאָך געווען אַ מין גרויסער געווינס און צוגלייך אַ זיסע נקמה אָן די פערהאַסטע „זשידעס" בכלל. האָבען פיעל פערזאָנען אָנטהייל גע־נומען אין אָט דער „פרומער" זאַך: אַ רוסישער הענדלער, פיאָדאָר ריאַ־בינקאָוו און זיין פרוי; זייער אידעם, דער גריך ניקיסטאָר מיט זיין ווייב וואַרוואַראַ; עפּיס אָן אָפיציר סאַוועליעוו, און נאָך אַנדערע „גאָטספּאָרכטי־גע" לייט. ווי עס ווייזט אויס, האָט צו דעם געהאַט אַ שייכות אויך די אייגענטימעריך פון דעם הויז, וואו דער רב האָט געוואוינט; זי האָט עס אַרויסגערופען חיה׳ן פון שטוב, כדי צו געבען די מעגליכקייט, מ׳זאָל כאַפּען און אַוועקפיהרען דאָס יונגע מיידעל.

זייער פּלאַן איז געלונגען. מ׳האָט דעם רב׳ס טאָכטער אָבגע׳שמד׳ט און פערוואַנדעלט פון „חיה" אין „מאַריאַ". די טויף־עלטערן, די קוואַטערס, זיינען דערביי געווען דער אָפיציר סאַוועליעוו און ניקיסטאָר׳ס פרוי, וואַר־וואַראַ. נאָך דער טויפונג האָט מען דעם רב׳ס טאָכטער געהאַלטען מאָנאַטען לאַנג ביי ניקיסטאָר׳ן אין הויז. בעהאַנדעלט האָט מען זי ווי אַן אַרעס־טאַנטקע. מען האָט זי ניט אַרויסגעלאָזט פון שטוב, זי זאָל זיך ניט טרע־פען מיט אידען, מען האָט פון איהר קיין אויג ניט אָבגעלאָזט, שטרענג אַכטונג געגעבען, זי זאָל מיט זייטיגע מענשען, בעזונדערס מיט אידען, ניט קומען אין בעריהרונג. דעם 25־טען יוני האָט זי זיך דאָך אַרויס־געריסען און איז אַנטלאָפען צום שול־הויף. מען האָט זיך אָבער נאָך איהר נאָכגעיאָגט. אויף זייערע קולות זיינען זיך צונויפגעלאָפען פיעל רוסען, און מען האָט די אונגליקליכע מיט געוואַלט צוריק אָבגעפיהרט אין ני־קיסטאָר׳ס הויז. דער פאָטער האָט אונצעהליגע מאָל פּרובירט צוקומען צו איהר, אָבער דאָס האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען. די אידישע בעפעל־קערונג אין קיעוו איז, נאַטירליך, אויפגערודערט געוואָרען. מען האָט זיך גענומען מיהען און זוכען ווי־עס־איז צו העלפען דעם אַלטען רב, און ענדליך איז געלונגען אַריינצוטרעטען אין שריפטליכע פערבינדונגען מיט זיין טאָכטער. מען האָט אויף איהר שטרענג אַכטונג געגעבען; דאָך פלעגט זי בעהאַלטענערהייד שרייבען צו די עלטערן, אויך בעקומען פון זיי קורצע בריוולעך. אין איהרע צעטעלעך האָט זי כסדר געבעטען מיט טרעהרען, מען זאָל זי אַרויסראַטעווען פון די גויאישע הענד.

נאָכדעם ווי זיין טאָכטער האָט פּרובירט אַנטלויפען פון ניקיסטאָר׳ס

הויז און האָט צוגעשיקט די ערשטע בריוולעך, האָט סלוצקי ווידער געזוכט רחמנות ביים מיטראָפּאָליט סעראַפּיאָן, אָבער יענער האָט פון גאָרנישט געוואָלט הערן. דער פּאָטער איז אָבער ניט ענטמוטיגט געוואָרן. ער איז געווען פול מיט בטחון. איהם האָט זיך ניט געגלויבט, אַז ער וועט זיך ניט דערשלאָגן צו יושר און גערעכטיגקייט. און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ קאַמף צווישען דעם שוואַכען רב און דעם מעכטיגען מיטראָפּאָליט. רוסלאַנד האָט געהאַט בלויז עטליכע געצעהלטע מיטראָפּאָליטען, און דער בעדייטענדסטער צווישען זיי איז גראָד געווען דער קיעווער. זיין לאַגע איז געווען אַ בעזונדערס שטאַרקע. קיעוו איז געווען דאָס וויגעלע פון פּראַוואָסלאַווגעם גלויבען אין רוסלאַנד; דאָ האָבען די רוסען צוערשט אָנגענומען דאָס קריסטענטום. דאָ האָבען זיך געפונען די וויכטיגסטע און עלטסטע מאָנאַסטירען און צערקוועס מיט די גרעסטע רעליגיעזע הייליג־טימער. דאָס האָט אַלץ דעם קיעווער מיטראָפּאָליט שטענדיג צוגעגעבען אַ בעזונדער בעדייטונג און מאַכט. די גאַנצע קיעווער אַדמיניסטראַציע פלעגט שטענדיג זוכען ביי איהם לייטזעליגקייט, האָט געשטרעבט יוצא צו זיין געגען איהם, ערפילט יעדען פערלאַנג זיינעם. עס איז, אַלזאָ, ניט שווער געווען פּאַראויסצוזאָגען, ווער עס וועט בייקומען אין דעם גראַנגעל צווישען דעם קיעווער רב און דעם קיעווער מיטראָפּאָליט.

סלוצקי האָט אָבגעשלאָגען די טהירען ביים קיעווער גובערנאַטאָר און ביי די אַנדערע פאָרשטעהער פון דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע. ער האָט אָבער קיין זאַך ניט אויסגעווירקט, וויפיעל ער האָט זיך ניט געמיהט. קיינער האָט זיך ניט געוואָלט שטעלען געגען דעם מיטראָפּאָליט, קיינער האָט איהם ניט געוואָלט הערען, און אַלע זיינע טענות און בקשות זיינען געווען אומזיסט.

ער האָט ענדליך פערשטאַנען, אַז דאָ, אין קיעוו, וועט ער זיך צו קיין זאַך ניט דערשלאָגען. אין דעצעמבער 1814 פּאָהרט ער אַוועק קיין פּעטערבורג. ער זוכט גערעכטיגקייט ביים סינאָד — ביי דער אויבערשטער פערוואַלטונג איבער די פּראַוואָסלאַווע גלויבענס־ענינים. דוד סלוצקי דערלאַנגט דאָ אַ בקשה אויף דעם קייזער׳ס נאָמען, וואו ער דערצעהלט אויספיהרליך דעם גאַנצען ענין, און בעט. מען זאָל איהם אָבגעבען צוריק זיין טאָכטער, וועלכע מען האָט, לויט דעם קייזערליכען בעפעהל פון יאָהר 1801, ניט געטאָרט טויפען. צוגלייך מיט דער בקשה האָט ער צוגע־שטעלט אַ בעשטעטיגונג פון דער קיעווער אידישער קהילה, מיט חתימות פון 14 בעלי־בתים, אַז זיין טאָכטער חיה איז ניט עלטער פון דרייצעהן יאָהר; אויך האָט ער צוגעלייגט די ניין צעטעלעך, וואָס ער האָט גע־קראָגען פון דער טאָכטער, וועלכע מען האָט געפאַנגען אין ניקיסטאָר׳ס הויז. די צעטעלעך זיינען געשריבען אין אידיש (פון זיי איז דערנאָך

געמאַכט געוואָרען אַ רוסישע איבערזעצונג) מייסטענס מיט אַ בליישטיפט אויף שטיקלעך פאַרצייטיגע גראָבע גרינליכע פאַפיר. זיי זיינען אינטערע־סאַנט אי לויט זייער דראַמאַטישען אינהאַלט, אי ווייל זיי גיבען אונז אַ ביישפיעל פון דעם אידישען געוועהנליכען (ניט ליטעראַרישען) סטיל און אויסלייג פון מעהר ווי 120 יאָהר צוריק. דעריבער ברייננ איך זיי דאָ; איך בעצייכען מיט פינטעלעך יענע שטעלען, וואָס זיינען פון דער צייט פולשטענדיג אויסגעבליאַקעוועט געוואָרען, און אין קלאַמערן איז אָנגעוויזען דער זין פון אַזעלכע ווערטער, וואָס זיינען צוליעב גרייזען אונפערשטענדליך. אָט זיינען די צעטעלעך:

1. ...„גאָט זאָל גיבין אַז איך זאָל אַרויש פון זייה, וועל איך ווישין וועמין איך וועל נעמין וועמין מיין פאָטער וועט מיר גיבין וועל איך נעמין, פאר איין גואה (גוי) וועל איך ניט גיין. גאָט זאָל מיר מיט מיין פאָטר לעיבין אין (און) מיט מיין מוטער לעבין זאָלין לעבין...”

2. ”ליבער פאטער לעבין, איך בעט דיך זייר אז דיה (דו) זאלט זעהין מיך ארוש נעמין פון דעמ הויז ארוש. גאט זאָל שוין גיבין אַז איך זאָל פון דיה גוים ארוש און בעט דיך זייהר מיין ליבער פאטר לעבין אז דיה זאל מיך גיאיך ארוש נעמ אין, זאָלט קימען צו פאָרין גיאך וואַרם איך האָב גאָר קיין קוח (כח) ניט איך אס און ניט איך קיין אסין און שלאפין. גאָט זאָל שון גיבין אַז דיה זאָלט שון קימן צי פאָרין מיט געזינדהייט אין מיט נחת אין מיר זאלין זיך אַלעה זייהין מיט גיזנד אין מיר זאלין זיך פערין (פרעהען) אַלעה אמן. ליבר פאָטר לעבין, מיין מוטר האָט גאָר קיין קאיכ (כח) ניט זי קעניט אושטין פון מיר ליבר פאָטר לעבין, איך בעט דיך זייהר דיה זאָלט דיך ניט זאַמין און זאלט קימן צי פארין מיט נחת אמן. ליבה שעסטער (שוועסטער) העדלה, שרייב מיר פין דיין ליבה גיזנדהייט. גאָט זאל גיבין אז מיר זאלין זיך זיכה (זוכה) צי זייהן מיט גיזנד אין מיט נחת אמן.”

3. „מיין ליבה מוטר לעבין, זיי וי צי גיאך שון מיך אַרוש נעמין. איך האָב מי קאבל (מקבל) גיווזין די ביירייו (בריוו) פין דיר אין האָב גירוש (גרויס) נחת גיהאַט וואָס איך האָב גיהאט פון דיין גיזנד הייט. גאט זאָל גיבין אז מיר זאָל זיך זכה זיין צי זייהין מיט גיזנד. ליבה מוטר לעבין, זייה זאג ניט קייקמין (קיינעמען) וואס איך שרייבין דיר, די ועסט דיך (ווייסט דאָך) אז איך האב מורה פאר די גאימ (גוים) זיי וועל מיך ניט לאָזין גיין ניט אַרוש... פעין ציהטר (פענסטער) קיקין. מין זאגט מיר אז איך (אויך ?) עיין יהדה (איין איד ?) האט געזאָגט אז איך שיגה דיר ביירו (בריוו) צו דיר. זייה מיין לבה מוטער לעבין זאָגה קעמן (קיינעם) ניט וואָס איך שרייבין דיר זייה מיך גיאך ארוש נעמ... פון די העט (הענד) וועסט (ווייסט) זייה מי ויל.... איך זיין. גאָט זאָל גיבין אַז איך זאָל ארוש

פון זיי ועלך (וועל איך)... זייהן קשר (כשר) קינד. דאגה ניט גאָט ועט אינז ניט פאַר געסין."

4. „ליבה אין זיס מוטר לעבין, איך קיין דיר דאס ניט שרייבין וי איך גיועט (געוויינט ?) אז איך האב גי... די קיוטלה (קוויטעל) וואָס די האסט מיר גי שיקט. נאָר גאָט זאָל גיבין אז איך זאָל ארוש פון דיימ (דעם) טירהפין (טרפה'ן) הויז. ליבשט מוטר, זייה (זעה) וי צום גיאך מיך ארוש נעם. ליבה מוטר לעבין, די וויט (ווייסט) ניט וואס איך האב פאר דיים וואס איך שעט (שטעה ?) ביי דיימ פעאציר (פענסטער)... צי צי טרעטין אין זאל ניט קיקין ארוש איין יהאדין (אידען) זיין (זעהן)... לאזט מיך ניט גיין. נאָר ליבה מוטר לעבין, וואָס זאָלין מיר.... אַז גאָט ועט.. ועין (ווען) מיר וועלין ב"ה זיין בייגאַנד ווילין מיר דירצייהלין פין אונזר צארס,נאָר מיר ועלין זיך פערין (פרעהען). גאָט זאָל גיבין אַז גיאיך זאָל איך ארוש פון גיך איהם (גויים) און זאָל זיין גיטהן פירמה (גוטע פרומע) אידנה (אידענע). ליבה מוטער לעבין, שרייב צי טאהין (טאַטען) אז ארה (ער) זאָל גיאך קימן ציפארין אין זאל מיך ארוש נעמין פין די ראשס (רשע'ס). זאג (זאָרג) ניט מיין ליבה מוטר לעביןֹ, גאט וועט גיבין אז איך וועל זיין בייה אכ (אייך) גאט וועט אונז... פון גאימ ארוש".

5. „ליבה שעייגירין (שוועגערין) לעבין, איך האָב מיקאָבל גיוועזין דיין קיוטיל ואס דיה האסט גישרייבין. דאק (דאנק) איך דיר זייהער פאַר דיימ. בייט זייר אר (איהר) זאלט איך זיין (פעהן) ארוש נעמין פון דיימ טערפין הוז נעמט מיך גיאך אַרוש. ליבר בערדר (ברודער) לעבין, שרייבין מיר פין דיין גיזנד הייט אין פין מיין שייוסטער (שוועסטער) לעבין. וועה איז מיר אז איך בין אזו פין אוועק אז איך קיין (קען) ניט קימן צו אך אז מען לאזט מיך ניט גיין צו מיין ליבה מוטר לעבין. גאָט זאָל גיבין אַז מיין ליבה מוטר לעבין זאָל דאָס קעגין אושטעיין פון דיה צארס וואס איז גי שעהין. וועה איז מיר אין מיין יאָר אַז איך בין אוז פון מיין פאָטר לעבין אַוועק אין מיין פאָטר זאָל ניט זיין הי אי דער פערמט (פרעמד) אין איך זאָל זייהן בייה גאהים. נאר גאָט זאָל גיבין מיר זאל זייך זייהן מיט גיזנדה."

6. „ליבה מוטר לעבין, איך קיין דיר ניט שרייבין דעמ צאר ואש איך האב פון דעמה וואס איך קייהן ניט נעמין דאיין בריפלעד. גאָט זאָל זיך דער בארעמהין איבער אונז אין זאל מיך ארוש נעמה... פון זייה. ליבה מוטר לעבין, וואס איך שטעה אוש פון זייה אז איך קיהק אין פעהנצר, נאר מיין ליבה מוטר לעבין, ואס זאָל...."

7. „ליבה מוטר לעבין, אין קיין דיר ניט שרייבין ויא איך וואלט שוהן ארוש פון זייה. ליבה מוטר לעבין, וועשט (ווייסט) ניט ויא איך וילה ארוש פון זייה, גאט זאָל מיר העהל פען אַז איך זאָל מיט גאטש הילף. מיין

ליבר ברעדער (ברודער) לעבין, דיהן זאָל זעהין מיך ארויש נעמין פון גאימ אין גאָט וועט מיר בעה ווארה (בודאַי) הע.. (לפען) פּאַר דעמ. מיין ליבה שעהרין (שוועגערין) לעבין, איך בעט דיך זעהר אַז דיה זאל מיך ארוש נעמן פין גאימ איך וילה זעהר איך... מער ניט כאך (כח) און ווען גאָט זאָל מיר..."

8. „מיין ליבה מוטר לעבין, איך קייהן דיר ניט שרייבין ויא איך וועהין (ווייז) אז איך זאל... זיין איין קאשער קינדה. ליבה מוטר לעבין, זיי מיך ארוש נעמ פון זייה, איך בעט דיר זער מיין ליבה מוטר לעבין אז דיה זאָלשט מיך ארוש נעם פון זייה...."

9. „מיין ליבה מוטר לעבין, ויה לאנגה וועל איך נאך זיין באייה זייה. נעמ מיך ארוש פון זייה ווארעמ איך האָב שונה (שוין) קיין כאך ניט. גאָט זאָל גיבין איך זאָל ארוש פון זייה איך בעט אך זעהר... מיר ארוש."—

אין יאַנואַר 1815 האָט דער סינאָד סלוצקי'ס בקשה מיט די אַלע בייגעלעגטע דאָקומענטען אַריבערגעשיקט צום קיעווער מיטראָפּאָליט און געבעטען ביי איהם אַן ערקלערונג. דער ערשטער רעזולטאַט פון דעם איז געוועזען, אַז מען האָט אין קיעוו זיך גלייך צוגעאַיילט און חתונה געמאַכט דער רב'ס געטויפטע טאָכטער מיט אַ קריסט, כדי נאָך שווערער צו מאַכען פאַר איהר דעם צוריקקעהר צום אידישען גלויבען. שוין דעם 5־טען פעב־רואַר האָט מען זי אויסגעגעבען פאַר עפּיס אַ גריך, איוואַן פּאַפּאַוו. אין מערץ האָט דער מיטראָפּאָליט סעראַפּיאַן אָבגעשיקט אַ שריפטליכע, זעהר לאַנגע ערקלערונג צום סינאָד. ער ווידערהאָלט דאָ די מעשה וועגען דעם, אַז מען האָט צו איהם כלומרשט געבראַכט דעם רב'ס טאָכטער חיה, און אַז זי האָט איהם ערקלערט איהר פערלאַנג צו טויפען זיך. ער האָט זיך אָבער איצט געכאַפּט, אַז די דאַטע „5־טער יוני", וואָס ער האָט פריהער אָנגעגעבען, שטימט ניט מיט דעם טאָג, ווען דאָס מיידעל איז פערשוואונדען פון איהרע עלטערען'ס הויז; דעריבער זאָגט ער שוין, אַז דאָס איז געווען דעם 6־טען יוני, מיט אַ טאָג שפּעטער:

„דעם 6־טען יוני אין דער־פריה, — שרייבט דער קיעווער מיטראָ־פּאָליט צום סינאָד, — איז דעם רב סלוצקי'ס טאָכטער געקומען צו מיר מיט דעם גלח פון היגען פּראַלאָוואָר פּרויען־מאָנאַסטיר איגנאַטאָוויטש'ן און מיט דעם אָפּיציר סאַוועליעוו. זי האָט מיר ערקלערט איהר פריוווי־ליגען, האַרציגען און אמת'ן פערלאַנג צו ווערען אַ קריסטין, און מיר דערלאַנגט וועגען דעם אַ שריפטליכע בקשה. זי האָט ערקלערט, אַז זי איז 14 יאָהר אַלט, און וועדליג איהר אויסזעהן האָט זי טאַקע געהאַט אַט די יאָהרען און, אפשר נאָך אַביסעל מעהר. זי האָט ערקלערט, אַז זי האָט פעסט בעשלאָסען אָבצוואַרפען דעם אידישען גלויבען, ווייל זי האָט קלאָר

איינגעזעהן, אַז ער איז דער סאַמע אונגערעכטער, פאַלשער, און זי וויל ביי איהם אין קיין פאַל ניט פערבלייבען; אַז זי האָט זיך איבערציינט, אַז דער פּראַוואָסלאַוונער גלויבען איז טאַקע דער סאַמע גערעכטער און דער געטליכסטער, און אַז יעזוס קריסטוס, וואָס ווערט דורך דעם פּראַוואָ־סלאַוונעם גלויבען געאַכט און געעהרט אַלס גאָט'ס זוהן און גאָט אין אונטיילבאַרער איניגקייט מיט דעם פאָטער און דעם הייליגען גייסט, — אַז ער איז צוגלייך אויך דער פאָלקאָמער מענש, וואָס די אַלעררייניגסטע בתולה מאַריאַ האָט געבוירען פון דעם הייליגען גייסט. זי האָט געזאָגט, אַז זי איז גרייט צו בעשטעטיגען מיט אַ שבועה איהר אָפענהאַרציגען פערלאַנג אָנצונעהמען דעם קריסטליכען גלויבען און בעקומען די הייליגע טויפונג. דעריבער האָב איך בעאויפטראַגט דעם גלח איגנאַטאָוויטש'ן, ער זאָל איהר געבען די נויטיגע בעלעהרונגען, און נאָך דעם ווי ער וועט איהר געבען דעם געהעריגען אונטעררעכט אין די קריסטליכע דינים און תפילות, זאָל ער זי אָבטויפען, און מיר וועגען דעם מעלדען."

דאָ שטעלט זיך די נאַטירליכע פראַגע: פון וואַנען האָט זיך ביי אַ יונג, פּראָסט אידיש מיידעל, וואָס האָט אַפילו ניט געקאָנט לייענען און שרייבען רוסיש, געגומען אַזאַ מערקווירדיגע בעהאַוועגקייט אין די כללים פון קריסטליכען גלויבען און אין דער פּראַוואָסלאַוונער רעליגיאָנס-לעהרע? און ווי האָט זי דאָס אַלץ אַזוי געגוי ערקלערט דעם מיטראָפּאָליט, כאָטש זי האָט כמעט ניט געקענט ריידען רוסיש? אָבער אויף אַ מעשה פרעגט מען ניט קיין קשיות. לאָמיר הערען זיין וויטערדיגען בעריכט.

„דעמזעלבען טאָג, — שרייבט וויטער דער מיטראָפּאָליט סעראַפּיאָן, — איז צו מיר געקומען דער רב, דוד סלוצקי, און געזאָגט, אַז מען האָט כלומרשט מיט געוואַלט צוגענומען זיין טאָכטער חיה און אַז מען צווינגט זי צו שמד'ן זיך, און ער האָט געבעטען מיך צו בעפעהלען אָבוואַרטען מיט איהר טויפונג, פריהער מאַכען איהר אַ פערהער אין דער אַנוועזענהייט פון איהרע עלטערן, צי זי האָט טאַקע דעם פרייוויליגען פערלאַנג אָנצו־נעהמען דעם קריסטליכען גלויבען. האָב איך געהייסען אַרויסרופען צו מיר אויף מאָרגען, דאָס הייסט, דעם 7-טען יוני, אין דער-פריה דעם גלח איגנאַ־טאָוויטש'ן, אום צו זאָגען איהם, אַז ער זאָל ניט איילען זיך מיט חיה'ס טויפונג. דער גלח איגנאַטאָוויטש איז דעם 7-טען יוני צו מיר געקומען, אָבער ער האָט ערקלערט, אַז חיה האָט מיט טרעהרען איהם געבעטען גלייך זי אָבצוטויפען, כדי אָבצוואוּוענדען פון איהר די געפאַהר פון די פרעכע אידישע שטערונגען; אויך האָט זי געוואַלט דורכאויס האָבען פאַר טויף־פאָטער דעם אָפּיציר סאַוועליעוו, וועלכער האָט געהאַלטען ביים אַוועק־פאָהרען פון קיעוו; דעריבער האָט ער, דער גלח איגנאַטאָוויטש, איהר געגעבען אַ קורצע און דייטליכע בעלעהרונג און אָבגעטויפט זי פאַר גאָטעס־

דיענסט, אין דער קירך פון פּראַלאָווער מאָנאַסטיר, און דערביי געגעבען דעם נאָמען „מאַריאַ".

„נאָך דעם איז צו מיר געקומען דעמזעלבען טאָג דער רב סלוצקי. איך האָב אָבער ניט געהאַט וואָס אַנדערש איהם צו זאָגען, אַז וויבאַלד זיין טאָכטער איז שוין געטויפט געוואָרען, איז די גאַנצע זאַך געענדיגט, און מ'ברויך שוין מעהר ניט צו מאַכען איהר קיין פּערהער. אויך האָב איך איהם געזאָגט, אַז עס וואָלט ניט שאַדען פאַר זיין נשמה, אַז ער אַליין זאָל נאָכפאָלגען דער טאָכטער'ס ביישפּיעל און אויך אָננעהמען די הייליגע טויפונג; און ווי עס האָט מיר געדוכט, איז ער טאַקע צו דעם געווען גענויגט (!)... איך האָב, אַלזאָ, ניט געהאַט קיין שום גרונד צו העלפען אומקעהרען דעם רב סלוצקי זיין טאָכטער, וואָס איז שוין געוואָרען אַ קריסטין. עס וואָלט אויך געווען אַן אונרעכט פון מיין זייט צו בעשולדיגען דעם גלח איגנאַטאָוויטש'ן דערפאַר, וואָס ער האָט, לויט איהר פערלאַנג, געאיילט צו געבען איהר די הייליגע טויפונג. וואָרום די ערפאַהרונג האָט פיעל מאָל בעוויזען, אַז ווען אַ איד ווערט בעוואויגען דורך דעם געטליכען גייסט און וויל אַוועקוואַרפען די אידישע אבערגלויבענס און אָננעהמען די קריסטליכע רעליגיע, איז ווענדען אַן די אידען, וואָס געפינען זיך אין קיעוו אין אַזאַ גרויסער צאָהל, אַלע מיטלען, זיי טראַכטען אויס די פּרעכסטע געננג, כדי אַרויסצורייסען איהם פון די קריסטליכע הענד; זיי זיינען דאָך שטאַרק איבערגעגעבען צו זייער זשידאָווסקער רעליגיע און זיי זאַפּען איין מיט דער מוטער'ס מילך אַ בעזונדער האַס געגען קריסטענטום. זיי זיינען ביטערע שונאים פון יעזוס'עס נאָמען, און ווען עס געלינגט זיי, מיט גע־וואַלט אָדער פאַלשע פערשפּרעכונגען, צו בעקומען אין זייערע הענד איינעם, וואָס וויל זיך טויפען, מאַכען זיי איהם פאַר אַ קרבן פון זייער גרויזאַמער נקמה.... דעריבער פלעגט אויך פריהער טרעפען, אַז די פּראַוואָסלאַווע גלחים האָבען שטאַרק געזאָרגט וועגען קריסטוס'עס געבאָט, פּונקט ווי איגנאַטאָוויטש, און זיי האָבען געאיילט מיט דער הייליגער טויפונג, כדי צו צושטערען די אידישע פּלענער."

דער מיטראָפּאָליט בעשטעטיגט אַלזאָ אַליין, אַז אין זיין ראַיאָן פלעגט מען אידען טויפען אין איילעניש, אַזוי ווי דאָס איז געשהן מיט דעם רב'ס טאָכטער, אָהן שום בעלעהרונגען, כאָטש דאָס איז געווען דירעקט געגען די פּראַוואָסלאַווע פעראָרדנונגען. די רעליגיעזע בעשטימונגען פון דער פּראַוואָסלאַווער קירך האָבען דאָך בפירוש געפאָדערט, מען זאָל יעדערען, וואָס וויל ווערען אַ קריסט, פריהער געבען אַ געהעריגע צוגרייטונג, גענוי בעקענען איהם מיט די דינים, און אויסלערנען איהם די תפילות. בלויז איין אויסנאַהם האָבען די רעליגיעזע פאָרשריפטען אַנערקענט: אויב

עמיצער האַלט ביים שטאַרבען, ער געהט שוין אויס, מעג מען איהם טויפען אָהן שום צוגרייטונג.

אָבער נישט נור אין קיעוו אַליין האָבען זיך די גלחים מיט דעם אַלעם ניט גערעכענט.

צו זיין בעריכט האָט דער מיטראָפּאָליט צוגעשטעלט אין סינאָד אויך אַ פּראָטאָקאָל פון אַ פערהער, וואָס די קיעווער אַדמיניסטראַציע האָט דעם 16־טען פעברואַר 1815, לויט זיין פערלאַנג, געמאַכט דער פריהערדיגער חיה סלוצקי, וועלכע איז איצט, נאָך דער טויפונג און חתונה מיט דעם גריך, פערוואַנדעלט געוואָרען אין „מאַריאַ פּאָפּאָוואַ“. נאַטירליך, האָט די קיעווער נאַטשאַלסטווע בעשטעטיגט אַלץ, וואָס דער מיטראָפּאָליט האָט געוואָלט. דעם רב׳ס טאָכטער האָט דאָך אויך איצט ניט געקאָנט לייענען און שרייבען רוסיש, און מען האָט אין איהר נאָמען געקאָנט שרייבען יעדע זאַך, וואָס עס האָט זיך געגלוסט און וואָס עס האָט געפּאַסט צום עסק. שטעהט אין פּראָטאָקאָל, אַז מאַריאַ פּאָפּאָוואַ האָט ביים פערהער ערקלערט אָט וואָס:

ווען זי איז אַוועק פון איהרע עלטערנ׳ס הויז, איז זי שוין אַלט געווען 14 יאָהר. זי האָט מיט איהר גוטען ווילען בעשלאָסען צו ווערען אַ קריסטין, און עפּיס אַ רוסישע מאָנאַשקע, וועמעס נאָמען איז איהר אונבע־קאַנט, האָט, לויט איהר בקשה, זי בעקענט מיט דעם רוסישען סוחר ריאַבינקאָוו, וועלכער האָט איהר פערשפּראָכען צו העלפען דערין. עס פערשטעהט זיך, אַז מען האָט אויך אין מאַריאַ׳ס נאָמען ווידערהאָלט די מעשה וועגען קומען צום מיטראָפּאָליט און דעם גאַנצען געשפּרעך מיט איהם. די פערפאַסער פון דעם פּראָטאָקאָל זיינען ניט געווען קלאָר אין די דאַטעס, האָבען זיי אין מאַריאַ׳ס נאָמען פערשריבען (געגען דעם מיטראָ־פּאָליט׳ס בעהויפּטונג), אַז געטויפט געוואָרען איז זי אויפ׳ן דריטען טאָג, אויך אַז קיינער האָט זי ניט געצוואונגען צו שמד׳ן זיך. ביי ניקיסטאָר׳ן אין הויז האָט זי פרייוויליג געוואוינט ביז׳ן 5־טען פעברואַר, דאָס הייסט, ביז זי האָט ניט געצוואונגענערהייד חתונה געהאַט מיט דעם גריך פּאָפּאָוו. מיט איין וואָרט, אַלץ איז געשעהן לויט איהר פערלאַנג, און די אַלע טענות פון איהר פאָטער, דעם רב סלוצקי, זיינען פאַלש, גאָר אויסגעטראַכט.

מען האָט אָבער דאָך געמוזט ווי עס איז פאַרענטפערען די פראַגע וועגען די צעטעלעך, וואָס חיה האָט צוגעשיקט צו די עלטערן, און אויך פאַרוואָס זי האָט פּרובירט אַנטלויפען פון ניקיסטאָר׳ס הויז? איז אין דעם פּראָטאָקאָל פערשריבען, אַז פון די צעטעלעך, וואָס מען האָט איהר דאָ בעוויזען, האָט זי אָנערקענט פאַר איהרע אייגענע נור צוויי (יענע, וואָס זיינען אויבען געבראַכט אונטער נומערן 7 און 8). — וועגען די איבעריגע ווייסט זי ניט, ווער עס האָט זיי געשריבען.

אַפילו מ׳זאָל אָננעהמען, אַז זי האָט געשיקט בלויז די צוויי צעטעלעך, איז אָבער זייער אינהאַלט געגוג קלאָר. אויב איהר טויפונג איז געשעהן פרייוויליג, טאָ פאַרוואָס־זשע האָט זי אַזוינס געשריבען? ענטפערט דערויף דער פּראָטאָקאָל, אַז ווי מאַריאַ פּאַפּאָוואַ ערקלערט, האָט זי עס געשריבען, ווייל זי האָט רחמנות געהאַט אויף איהרע עלטערן! און פאַרוואָס האָט זי פּרובירט אַנטלויפען? איז אין דעם פּראָטאָקאָל געגעבען געוואָרען אין איהר נאָמען דיזעלביגע ערקלערונג: זי האָט עס געטאָן ניט חלילה, ווייל זי האָט געוואָלט בלייבען ביים אידישען גלויבען, נאָר ווייל זי האָט געהאַט מיטלייד מיט די עלטערן. דער פּראָטאָקאָל פערענדיגט זיך אַזוי: „מאַריאַ פּאַפּאָוואַ האָט ערקלערט, אַז שוין פון אָנהויב אָן האָט זי געהאַט דעם גוטווילליגען פערלאַנג אָנצונעהמען דעם קריסטליכען גלויבען, און קיינער האָט איהר אין מינדעסטער מאָס צו דעם ניט געצוואונגען. איצט וויל זי צו די עלטערן זיך ניט אומקעהרען. זי איז פעסט ענטשלאָסען ניט צו פערלאָזען דעם מאָן איהרען און טריי פערבלייבען ביי דער קריסטליכער רעליגיע.״ די בעאַמטע האָבען געקאָנט שרייבען אַלץ, וואָס זיי האָבען געוואָלט, אין נאָמען פון דער אונוויסענדער און הילפלאָזער מאַריאַ, וועלכע האָט אַפילו ניט געקענט שטעלען איהר אונטערשריפט אויף דעם דאָקומענט. אַנשטאָט איהר, האָט, „לויט איהר פערזענליכער בקשה״, אונטערגעשריבען דעם פּראָטאָקאָל עפּיס אַ רוס...

עס וואַרפט זיך ממש אין די אויגען די האַמעטנעקייט פון דעם פּראָ־טאָקאָל און פון דעם מיטראָפּאָליט׳ס ערקלערונג. אויב חיה האָט טאַקע דערלאַנגט סעראַפּיאָנ׳ען אַ שריפטליכע בקשה, מען זאָל זי טויפען, — פאַרוואָס האָט ער איהר בקשה איצט ניט צוגעשטעלט אין סינאָד? דאָס וואָלט דאָך געווען אַ וויכטיגער בעווייז. ווי איז דאָס מעגליך, אַז אַ אידיש מיידעל, וואָס האָט כמעט ניט פערשטאַנען רוסיש, זאָל קענען פיהרען מיט סעראַפּיאָנ׳ען אַ געשפּרעך וועגען רעליגיעז־טעאָרעטישע ענינים, האַלטען פאַר איהם שיער ניט אַ גאַנצען פּאַרטראַג וועגען דער אונגערעכטיגקייט פון דער אידישער אמונה, מכח דער ריכטיגקייט פון דער קריסטליכער רעליגיע, וועגען „דריי־איינינקייט״, קריסטוס׳ן א. ד. גל.? און אויב דאָס מיידעל האָט אַרויסגעוויזען אַזאַ גרויסע לומדות בנוגע צום קריסטענטום, — טאָ פאַרוואָס האָט סעראַפּיאָן געהייסען דעם גלח, ער זאָל געהעריג אויסלערנען חיה׳ן די קריסטליכע דאָגמאַטען, אין וועלכע זי איז דאָך שוין געווען אַזוי בעהאַוונט? עס איז קיין צווייפעל ניטאָ, אַז חיה׳ס קומען צום מיטראָפּאָליט מיט דער בקשה און איהר געשפּרעך מיט איהם איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה. נאָך מעהר פערדאַכט דערוועקט דער פּראָטאָקאָל פון דעם פערהער, וואָס די קיעווער אַדמיניסטראַציע האָט כלומרשט געמאַכט חיה׳ן. פאַרוואָס האָט חיה ניט אונטערגעשריבען אייגענהענדיג דעם פּראָ־

טאָקאָל? אויב זי האָט ניט פערשטאַנען צו שרייבען רוסיש, האָט זי דאָך געקאָנט חתמ'ענען זיך אין אידיש. אין יענע צייטען איז דאָס געווען אַ סאַמע געוועהנליכע זאַך, מען זאָל אויף אָפּיציעלע פּאַפּירען שטעלען אידישע אונטערשריפטען; אַזעלכע חתימות געפינען מיר מאַסענווייז אין אַמאָליגע אַרכיוו-מאַטעריאַלען. פאַרוואָס-זשע האָט מען חיה'ן ניט געגעבען אונטערצושרייבען דעם וויכטיגען פּראָטאָקאָל כאָטש אויף אידיש? אָהן איהר אייגענהענדיגער חתימה האָט ער דאָך ניט קיין שום בעדייטונג, ער קאָן ניט דיענען אַלס בעוויז, אַז מען האָט חיה'ן טאַקע געמאַכט אַ פערהער און אַז אַלץ, וואָס מען האָט דאָ אין איהר נאָמען אָנגעשריבען, האָט זי ווירקליך געזאָגט. און, אַחוץ אַלעם דעם: אויב חיה האָט זיך גע'שמד'ט פרייוויליג, קיינער האָט זי ניט געצוואונגען, — טאָ פאַרוואָס האָט מען זי נאָכ'ן טויפען געהאַלטען אין ניקיסטאָר'ס שטוב, ווי אַן אַרעסטאַנטקע אין אַ טורמע?

עס איז קלאָר, ווי די זאַך איז צוגעגאַנגען: פרייטאָג צו-נאַכט האָט מען חיה'ן אַוועקגעשלעפּט אין ניקיסטאָר'ס הויז, און שוין זונטאָג איז זי אָבגעטויפט געוואָרען. און ווייל זי האָט זיך געגען דעם געראַנגעלט, האָט מען זי געהאַלטען ווייטער, ווי אַ געפאַנגענע, אונטער שטרענגסטער אויפ-זיכט. די מעשה וועגען איהר געשפרעך מיט דעם מיטראָפּאָליט און וועגען דער בקשה, וואָס זי האָט צו איהם געבראַכט, איז צוגעטראַכט געוואָרען דערנאָך, ווען חיה'ס פאָטער האָט דערלאַנגט דעם פּראָטעסט. און ווען דער סינאָד האָט געמאַכט ביים מיטראָפּאָליט אַן אָנפראַגע, האָט די קיעווער אַדמיניסטראַציע צונויפגעפּעקעלט, אַלס ענדגילטיגען בעוויז, דעם פּראָטאָ-קאָל פונ'ם פערהער, וואָס איז כלומרשט געמאַכט געוואָרען דער געטויפטער חיה'ן. און נאָך איין כאַראַקטעריסטישער שטריך: באַלד נאָכדעם ווי עס איז אָנגעקומען די אָנפראַגע פון סינאָד, האָבען די קיעווער חברה-לייט זיך אונטערגעאיילט און אויסגעגעבען דאָס אָבגעטויפטע מיידעל פאַר איינעם אַ קריסט, כדי אויסצוקעהרען די לעצטע שפּורען פון דעם פערברעכען, וואָס איז דאָ בעגאַנגען געוואָרען.

דער סינאָד האָט, זעלבסטפערשטענדליך, סלוצקי'ס בקשה אָבגע-וואָרפען און איהם זיין טאָכטער ניט אומגעקערט. מיט דעם אָבער האָבען זיך זיינע ליידען ניט געענדיגט. דער מיטראָפּאָליט סעראַפּיאָן האָט אין זיין בעריכט צום סינאָד אָנגעוויזען, אַז ס'וואָלט געווען זעהר רעכט צו פערפיהרען געגען דעם קיעווער רב אַ פּראָצעס פאַר די „רכילות" אויף אונשולדיגע מענשען, וואָס יענער האָט זיך ערלויבט צו שרייבען אין זיין בקשה, אַז מען האָט געכאַפּט און מיט געוואַלט געטויפט זיין קינד, — דאָס וואָלט געווען אַ לעהרע פאַר אַנדערע אידען. דער מיטראָפּאָליט האָט זיך מיט דעם ניט בענוגענט. ער האָט וועגען דעם געשיקט אויך אַ בעזונדער

בריף צום אָבער־פּראָקוראָר פון סינאָד, פּירשט א. גאָליצין. ער טענה'ט דאָ וועגען דעם שרעקליכען „אידישען האַס" געגען קריסטען און קריסטלי־כען גלויבען און וועגען דער „פערביסענער עקשנות", מיט וועלכער אידען ווילען ניט דערלאָזען, אַז עמיצער פון זיי זאָל זיך טויפען. „ווי אייער עקסעלענץ איז בעוואוסט, — שרייבט סעראַפּיאָן, — האָב איך צוגעשטעלט אין סינאָד מיין ערקלערונג וועגען דער בקשה פון דעם קיעווער רב, דוד סלוצקי. זיין גאַנצע אָנקלאַגע געגען די קריסטען איז פול מיט פאַלשע בלבולים, וואָס נעהמען זיך פון דעם, וואָס אידען האַסען דעם קריסטליכען גלויבען און דולדען ניט יעזוס'עס נאָמען. די פערביסענקייט, מיט וועלכער די אידען פערפאָלגען יעדערען פון זיי, ווער עס וויל אָננעהמען דעם קריסטליכען גלויבען, איז שרעקליך שעדליך; זי איז אויך געפעהרליך פאַר יענע, וואָס זאָרגען וועגען קריסטענטום און ווילען קומען צו־הילף די אידען, וועלכע שטרעבען צו ווערען קריסטען. עס איז זעהר צו בע־דויערן וואָס אין דער גאָט־געבענשטער שטאָדט קיעוו, פון וואַנען עס האָט אויפגעבליהט דער קריסטליכער גלויבען אין רוסישען פאָטערלאַנד, געפינט זיך אַ גרויסע מאַסע פון אָט די יעזוס'עס שונאים. ווי די זאַך זאָל אָבער ניט זיין, פערמאָגט אייער עקסעלענץ אַן אמת קריסטליך האַרץ און די מאַכט איבער יענע, וואָס אונזער גאָט־געזאַלבטער מאָנאַרך האָט אייך פערטרויט. דעריבער בעט איך אונטערטעניג אייער עקסעלענץ, איהר זאָלט בעוויליגען אָננעהמען די נויטיגע מיטלען, אַז אונזער הערשענדע רעליגיע און איהרע אָנהענגער זאָל ניט פערשוועכט ווערען דורך אַזעלכע מענשען, ווי דער רב מיט זיינע לייט, און אַז עס זאָל ערפילט ווערען דאָס, וואָס איך האָב געשריבען אין סוף פון מיין ערקלערונג צו דעם סינאָד (דאָס הייסט, אַז מען זאָל בעשטראָפען דעם קיעווער רב). איך בין מיט דעם, חלילה, ניט אויסען צו פערשאַפען דעם מענשען אַ בעליידיגונג, נאָר בלויז כדי אָנצוואוואַרפען אַ שרעק אויף די אידען, וואָס זיינען פול מיט פיינדליכע שטרעבונגען און פּלענער געגען דער קריסטליכער גערעכטיג־קייט"...

דעם מיטראָפּאָליט'ס בעמיהונגען זיינען ניט געבליבען אָהן רעזול־טאַט: דעם 26־טען יולי 1815 האָט דער סינאָד איהם פאָרגעשריבען, ער זאָל וועגען סלוצקי'ס „האַנדלונג מיטטיילען דער וועלטליכער רעגירונגס־מאַכט", ד. ה., דער קיעווער אַדמיניסטראַציע. געגען דעם קיעווער רב איז, אַלזאָ, פערפיהרט געוואָרען אַ פּראָצעס. מיט וואָס די זאַך האָט זיך געענדיגט, איז אונז אונבעקאַנט. עס קאָן זעהר זיין, אַז אַלס צוגאָב צו דעם, וואָס מ'האָט ביים אונגליקליכען פאָטער גערויבט און געטויפט זיין קינד, האָט ער נאָך בעקומען אַ קרימינעלע בעשטראָפונג. די מאַטעריאַלען, וואָס מיר פערמאָגען, ענטהאַלטען ניט קיין ווייטערדיגע אויסקונפטען וועגען

דעם. ס'איז מעגליך, אַז אין די קיעווער אַרכיוועז זאָלען זיך געפינען ידיעות וועגען דעם סוף פון דעם צופאַל, וואָס איז דאָ דערצעהלט געוואָרען.

די טרויעריגע געשיכטע, וואָס מיר האָבען דאָ איבערגעגעבען, איז ווייט ניט געוועזן קיין אויסנאַהם. ניט בלויז אין קיעוו, נאָר אויך אין אַנדערע שטעדט פלעגט מען אין יענע גרויזאַמע, פינסטערע צייטען אָפּט שמד'ן מיט געוואַלט אידישע קינדער. מייסטענס זיינען אַזעלכע געשעהע־נישען פערבליבען אונבאַוואוסט. אין דעם פאַל מיט דעם קיעווער רב'ס טאָכטער איז די זאַך דערגאַנגען ביז פּעטערבורג, און נור דעריבער האָט זי איבערגעלאָזט אין אַרכיוו פון סינאָד שריפטליכע שפּורען, וואָס האָבען אונז געגעבען די מעגליכקייט אַרויסצוברייגען פון דער ווייטער פערגאַנ־גענהייט אָט דעם טראַגישען עפּיזאָד.

●

מעשה אושיץ

ביי די מיטעלאלטערליכע בעדינגונגען פונ׳ם אידישען לעבען, האָט יעדע מסירה געדראָהט דעם כלל מיט דער גרעסטער געפאַהר. דער אידישער מוסר האָט אַלזאָ אָנגעהערט צו די ערגסטע, ביטערסטע פיינד פון זיין פאָלק. לויט די אידישע רעכטס-אנשויאונגען, האָט ער זיך דורך אַזאָ מין טהאַט געשטעלט אויסער׳ן געזעץ און פערדיענט די האַרבסטע שטראָף.

„אַ מוסר איז פסול צו עדות: אַפילו ווען דער פער׳מסר׳טער האָט איהם מוחל געווען, בלייבט ער פסול, ביז וואַנען ער וועט ניט תשובה טהאָן" — אַזוי בעשטימט דער „חושן-משפט" (הלכות עדות, ל"ד, כ"ב). — „אויב ער האָט נאָך ניט גע׳מסר׳ט, נאָר עפענטליך געזאָגט: איך וועל געהן מסר׳ן, איז ער שוין פסול צו עדות" (שפ"ח, ח). „אַ מסור האָט ניט קיין חלק לעולם הבא" (שפ"ח, ט); מען מעג איהם אַפילו איבערגעבען צו פרעמדע הענד. נאָך מעהר: דעם מוסר איז ערלויבט צו טויטען, אַפילו ביי היינ-טיגע צייטען (וואו קרימינעלע ענינים קעהרען זיך ניט אָן צום בית-דין), און מען מעג איהם טויטען, נאָך איידער ער איז בעגאַנגען די מסירה; וויבאַלד ער האָט נור געזאָגט, אַז ער וועט מסר׳ן, האָט ער דורכדעם מתיר געווען צום טויט. מען דאַרף איהם מתרה זיין, ער זאָל ניט מסר׳ן, און אויב ער פערבלייבט ביי זיין פרעכהייט און זאָגט, דאָס ער וועט פאָרט מסר׳ן, איז אַ מצוה איהם צו טויטען, וכל הקודם זכה. און אויב עס איז נישטאָ קיין צייט איהם מתרה צו זיין, קאָן מען זיך בעגעהן אָהן אַ „התראה" (שפ"ח, י׳). דיזעלבע בעשטימונג ברייגגט אויך דער רמב"ם (הלכות חובל ומזיק). און אַז די פאָרשריפט וועגען טויט-שטראָף געגען מוסרים האָט (פרק ח׳ הל׳ יא׳) ווייט ניט געהאַט בלויז אַ טעאָרעטישע בעדייטונג, דאָס איז צו זעהן פון יענער בעמערקונג, וואָס דער רמב"ם מאַכט דערביי: „און עס איז אַ בעשטענדיגע ערשיינונג אין די מערב-שטעדט, אַז מען הרג׳עט דאָרטען מוסרים".

הרב ש. אסף האָט אין אַ ספּעציעלער יורידישער מאָנאָגראַפיע, צו-נויפגעזאַמעלט אַ רייכען מאַטעריאַל אויך וועגען דער באַציהונג צו די מוסרים, אָנהויבענדיג פון דער גאונישער עפּאָכע ביז׳ן 18-טען יאָהר-הונדערט, אין פערשידענע לענדער מיט אידישע ישובים. שטרעבענדיג אויסצוראַמען די חרפּה פון מסירות, פלעגען אידען זיך ניט אָבשטעלען פאַר די גרויזאַמסטע קערפּערליכע בעשטראָפונגען; מען האָט ביי די

מוסרים אויסגעשניטען די צונג, אויסגעשטאָכען די אויגען, אויסגעברענט שאַנד־צייכענס, ביז טויט־שטראָף. בעזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, וואָס אַפילו דער מילדער ר׳ יוסף אבן מיגאש (1077—1141) האָט אין זיין שטאָדט לוצענא אין שפּאַניען געהייסען פאַרשטיינערן אַ מוסר אין יום־כפור צו נעילה, וואָס איז אויסגעפאַלען שבת *).

די רעכטליכע בעדינגונגען, אין וועלכע די רוסישע אידען האָבען געלעבט אין דער צייט פון ניקאָלאַי דעם 1־טען, האָבען זיך וועניג אונ־טערשיידט פון דעם מיטעלאַלטער. די אידען זיינען געווען האַרב בע־גרעניצט אין זייערע רעכט, עס פלעגען זיך אויף זיי נאָכאַנאַנד שיטען גזירות און פערפאָלגונגען. די רעגירונג האָט מיט פערדאַכט געלויערט נאָכ׳ן אידישען לעבען, און איהר פּרינציפּ איז געווען, דאָס אַלע אידען זיינען פעראַנטוואָרטליך איינער פאַר דעם אַנדערען. ביי אַזאַ מין לאַגע איז יעדע מסירה דעמאָלט געווען פאַר אידען נישט וועניגער געפעהרליך ווי אינ׳ם מיטעלאַלטער. דער אידישער מוסר איז געווען דער שעדליכ־סטער פעררעטער געגען אידישען פאָלק און זיינע אינטערעסען. מען האָט זיך צו איהם שטענדיג פערהאַלטען מיט דער גרעסטער פעראַכטונג און האַס. מוסרים האָט מען אין אַמאָליגע צייטען אריינגעלעגט אין חרם. דאָס פלעגט געשעהן זעהר פייערליך אין שוהל, ביי אָנגעצונדענע ליכט, מיט שופר־בלאָזען. נאָך אָפטער פלעגט מען אַמאָל געגען מוסרים, נאָך זייער טויט, אָנווענדען די אַזוי־גערופענע „קבורת חמור" — אַ מנהג פון גאָר אַלטע צייטען. דעם מוסר פלעגט מען ניט מקבר זיין, ווי אַלע אַנדערע, אויפ׳ן בית־עולם. ווי ביים לעבען, אַזוי איז אויך נאָכ׳ן טויט פאַר איהם קיין אָרט ניט געווען צווישען עהרליכע אידען. מען פלעגט איהם בעגראָ־בען אויף יענער זייט פאַרקען, אָהן אַ מצבה, ווי אַ נבילה, אַ פאַדלע.

דער שאָדען, וואָס די מוסרים פלעגען ברענגען, איז געווען אַזוי גרויס, זייער אַרבייט האָט אַזוי וייט געשטעלט אין געפאַהר דעם אידישען כלל, דאָס אָפט געפינען מיר, אַז אַ געהיימע, בעהאַלטענע שטראָפענדע האַנד טרעפט דעם מוסר און ברענגט איהם אום.

מיר האָבען שוין פריהער דערצעהלט וועגען די דריי אויסוואורפען, יעקב קאָרנבלום, מרדכי קעלערמאַן און משה הילקין, וואָס האָבען אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטען דערלאַנגט מסירות, אַז אידען פיהרען כלומרשט אַ רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע צווישען קריסטען און ציהען אַריבער פיעלע פון זיי צום אידישען גלויבען [1]). זיי האָבען זיך אָנגעבאָטען

*) ש. אסף: העונשין אחרי חתימת התלמוד, ירושלים תרפ״ב, זעה אויבליו־טונג ז׳ 19—20 און דעם אינדעקס „מלשינים ומוסרים".

[1]) זעה דעם ארטיקעל „פערצייטיגע אידישע מוסרים", אין 1־טען באַנד, היסטאָרישע ווערק.

דער רעגירונג, אַז זיי וועלען איהר העלפען ענטדעקען אַזעלכע גרים און די פערפיהרער. די העכערע רעגירונג האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער זאַך. אין יענע צייטען זיינען אַזעלכע מסירות געווען בעזונדערס געפערליך פאַר אידען, און זיי וואָלטען געקאָנט ברייגגען פיעל אונגליק און ליידען. נאָר דאָ אינמיטען ווערען די אַלע דריי מוסרים פּלוצלינג פערשוואונדען, נאָך איידער זיי האָבען בעוויזען זייער בריה'שאַפט. פון פּעטערבורג, וואו מען לעגט אויף זיי פיעל האָפענונג, פרעגט מען זיך אָן וועגען זיי. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז צוויי פון די מוסרים — קעלערמאַן און הילקין — זיינען גלייכצייטיג אונגעריכט געשטאָרבען אין אַ טורמע, וואוהין מען האָט זיי פאַר עפּיס אַ קלייניגקייט אַריינגעזעצט. די פּאָליציי נישטערט און זוכט אומעטום דעם דריטען, קאָרנבלום'ען, אָבער וויפיעל זי סטאַרעט זיך ניט, קאָן זי איהם ניט געפינען. ער איז פערפאַלען געוואָרען אָהן שום שפור.

די רוסישע רעגירונג האָט געוואוסט וועגען דעם קאַמף, וואָס אידען פיהרען געגען מוסרים. אין יאָהר 1820 האָט איינער, אַ האַלבער מוסר, אַ האַלבער „משכיל"", מאַרקעוויטש, צוגעשטעלט אין אינערן-מיניסטעריום אַן אויספיהרליכען בעריכט וועגען די פערפאָלגונגען, וואָס מוסרים שטעהען אויס פון אידען און בעזונדערס פון קהל. ער האָט אָנגעוויזען, אַז געגען מוסרים ווערען געוועהנליך פערפיהרט פערשידענע קרימינעלע בעשול־דיגונגען, און קהל לעגט פיעל מיה און הוצאות, אַז אַ געריכט זאָל זיי פערשיקען קיין סיביר. אויב דאָס גיט זיך אָבער ניט איין, און די מוסרים געהען אַרויס ריין, דאַן ווערען זיי געטויט.

ניט אַלע איינצעלהייטען, וואָס מאַרקעוויטש האָט מיטגעטיילט אין זיין שריפטליכען בעריכט, זיינען געווען גענוי. פיעל זאַכען האָט ער איבערטריבען. אָבער אין אַלגעמיין איז דאָס בילד, וואָס ער האָט אָנגע־מאָלט, געווען גאַנץ ריכטיג.

ביי דער גרויסער געפעהרליכקייט פון די מסירות, האָט קהל געמוזט פיהרען געגען זיי דעם האַרבסטען קאַמף, ניט אָבשטעלענדיג זיך פאַר אויסערסטע מיטלען. מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז די אידישע געזעצ־געבונג האָט דעמאָלט ביי די רוסישע אידען נאָך געהאַט אַ געוויסע אַ ק ט ו ע ל ע ב ע ד י י ט ו נ ג. זי פלעגט טאָג־טעגליך אָנגעווענדט ווע־רען דורכ'ן בית־דין. די בעשטימונגען וועגען מוסרים, וואָס מיר האָבען אויבען ציטירט, האָבען פאָלקאָם האַרמאָנירט מיט דעם דעמאָלטיגען אידי־שען רעכטס־בעוואוסטזיין. און קהל האָט אין זיין שטרייט געגען מוסרים זיך געשטיצט אויף די פאָרשריפטען פונ'ם חושן־משפט. ווען דער דניעפּר וואָלט געקאָנט ריידען, וואָלט ער דערצעהלט וועגען אַ סך מוסרים, וואָס זיינען אין זיינע וואַסערן דערטרונקען געוואָרען לויט'ן בעשלוס פון קהל

אין שקלאָווער געגענד; אויך אַנדערע טייכען וואָלטען געקאָנט פיעל אויסזאָגען וועגען אַזעלכע פאַלען.

נאָר פונקט ווי דער מוסר איז געוועזן פערהאַסט ביי אידען, אַזוי איז ער, פערקעהרט, געוועזן ליעב דער רעגירונג און פאַר איהר געוואונשען. זי האָט איהם גענומען אונטער איהר שוץ, אָבגעהיט און וואו זי האָט נור געקאָנט, פלעגט זי זיך פאַר איהם גרויזאַם נוקם זיין. צוויי געגענזייטיגע אינטערעסען זיינען דאָ געשטאַנען איינער אַנטקעגען דעם אַנדערען. און דער האַרבער קאָנפליקט צווישען זיי פלעגט ברענגען צו בלוטיגע דראַמען. איינעם אַזאַ טראַגישען עפּיזאָד, וואָס האָט זיך מיט אַ הונדערט יאָהר צוריק אָבגעשפּיעלט אין פּאָדאָליער גובערניע, ווילען מיר דאָ איבער-געבען [2].

אין פעברואַר 1836 איז אינ'ם אושיצער אויעזד, פּאָדאָליער גובערניע, פּאַרגעקומען אַזאַ צופאַל: אינ'ם שטעדטעל וואַנקאָוועץ האָבען פויערים, כאַפּענדיג פיש, אַרויסגעצויגען מיט'ן נעץ פון אונטער'ן אייז דעם קערפּער פון אַן אונבעוואוסטען אידען; דער טויטער האָט געהאַט אויף זיך וואונ-דען און צו די פיס, ווי אויך צום האַלז זיינען געוועזן צוגעבונדען שווערע שטיינער. מען האָט מכח דעם מיטגעטיילט דער פּאָליציי, און דער אושיצער „איספּראַווניק” סאָפּראָנאָוויטש האָט אינאיינעם מיט דעם דאָרטיגען „סטראַפּטשי” (פּראָקוראָר) אָסליקאָווסקי געמאַכט אַן אויספאָרשונג. אי די ביידע רוסישע בעאַמטע, אי די אידען פון שטעדטעל און פון דער אַרומיגער געגענד האָבען ניט געוואוסט, ווער דער טויטער איז. אָבער די אָפיציעלע אויספאָרשונג האָט ניט פעסטגעשטעלט זיין פערזענליכקייט, אויך ניט ענטדעקט קיין שולדיגע. דעם קערפּער האָט מען באַלד דערנאָך בעערדיגט. און דערמיט וואָלט זיך אפשר די זאַך געענדיגט, ווען ניט עפּיס אַ איד אַ מוסר פון אַ ווייטער געגענד, — פון דיסנע, — יצחק קעניגסבערג. יענער איז געקומען צום פּאָדאָליער גובערנאַטאָר און איהם ערקלערט, אַז דער טויטער, וועמעס קערפּער מען האָט אַרויסגעצויגען פון וואַנקאָווצער טייך, איז—יצחק אָ ק ס מ אַ ן פון נייַ-אושיץ; דער'הרג'עט האָבען איהם אידען, און אַז אין איין צייט מיט איהם איז פערשוואונדען נאָך אַן אַנדער דאָרטיגער איד, שמואל ש ו ו אַ ר צ מ אַ ן. דער גובער-נאַטאָר האָט תיכף פּאָרגעשריבען דעם אושיצער איספּראַווניק סאָפּראָנאָ-וויטש'ן, ער זאָל נאָכאַמאָל מאַכען אַן אויספאָרשונג. סאָפּראָנאָוויטש האָט דערויף מיטגעטיילט, אַז ער, ווי אויך דער סטראַפּטשי אָסליקאָווסקי און דער דאָקטאָר פון אושיצער אויעזד, אַפאַנאַסיעוו, קענען גוט יצחק אָקס-

---

[2]) אַרכיוו פון דער „דריטער אָבטיילונג” (4-טע עקספּעדיציע), פון יאָהר 1836 — נומ. 97.

מאַנ'ס געזיכט, אָבער דער דערטרונקענער האָט מיט יענעם קיין עהנליכקייט ניט; נאָר וואו אָקסמאַן געפינט זיך, ווייסט קיינער נישט. פיהלענדיג, אַז דער אויפפיהר פון די אושיצער בעאַמטע איז עפּיס ניט גלאַטיג, האָט דער פּאָדאָליער גובערנאַטאָר געשיקט אַ ספּעציעלע פּערזאָן אויף צו מאַכען אויפ'ן אָרט אַ נייע אויספאָרשונג. יענער האָט געהייסען אויסגראָבען אין דער געגענוואַרט פון די דריי אושיצער בעאַמטע דעם קערפּער, אָבער קיינער פון זיי, ווי אויך פון די פיעלע אידען, וועלכע ער האָט דערביי פונאַנדערגעפרעגט, האָבען דעם טויטען ניט אנערקענט פאַר אָקסמאַנ'ען. וואו אָבער אָקסמאַן און שוואַרצמאַן געפינען זיך, האָט ער ניט געקאָנט פעסטשטעלען.

גלייך ווי דער פּאָדאָליער גובערנאַטאָר האָט בעקומען די ערשטע ידיעה, האָט ער וועגען דעם מיטגעטיילט דעם קיעווער, וואָלינער און פּאָדאָליער גענעראַל-גובערנאַטאָר, גראַף גוריעוו'ן. יענער, דערשפּירענדיג, אַז דאָ האַנדעלט זיך וועגען אַ טונקעלען ענין, צו וועלכען ס'וועלען צוגעצויגען ווערען אַ סך אידען, האָט פעראָרדענט דעם גובערנאַטאָר: דערוייטערן די דריי פערדעכטיגטע אושיצער בעאַמטע פון דער אויספאָרשונג, כדי זיי זאָלען ניט שטערען איהר גאַנג, און פיהרען די ווייטערדיגע אונטערזוכונג דורך אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס איז אָבגעריכט געוואָרען פון קאַמענעץ - פּאָדאָלסק. צוגלייך האָט גראַף גוריעוו אין אָנהויב מאַי וועגען דעם גאַנצען ענין צוגעשטעלט אַן אויספיהרליכען ראַפּאָרט קיין פּעטערבורג. דער קייזער ניקאָלאַי דער ערשטער האָט זיך שטאַרק פעראינטערעסירט מיט דער זאַך און האָט בעפוילען דעם גענעראַל-גובערנאַטאָר, ער זאָל פערזענליך שטרענג אַכטונג געבען אויף דער אויספאָרשונג און אָננעהמען די נויטיגע מיטלען, אַז די אַלע, אויף וועמען עס פאַלט אַ פערדאַכט, זאָלען ניט קאָנען בעהאַלטען און אויסמיידען די בעשטראָפונג. דער טויטער קערפּער איז נאָכאַמאָל אויסגעגראָבען געוואָרען, און דער דאָקטאָר פּאָקעלמאַן האָט אין איהם דערקענט יצחק אָקסמאַנ'ען, וועלכער האָט זיך מיט אַ צייט פריהער קורירט ביי איהם אין שפּיטאָל. די קאָמיסיע פון קאַמענעץ-פּאָדאָלסק איז ענערגיש צוגעטראָטען צו דער אַרבייט, און שוין אין סוף מאַי האָט גראַף גוריעוו מיטגעטיילט קיין פּעטערבורג, דאָס פיעל אידען זיינען אַרעסטירט, און עס ווערען אָנגעווענדט די שטרענגסטע מיטלען, כדי אויסצוגעפינען יענע, וואָס זיינען אַנטלאָפען און בעהאַלטען זיך. ענדע יוני האָט ניקאָלאַי דער 1-טער אָבגעגעבען אַ בעפעהל, אַז גוריעוו זאָל איהם פון קיעוו יעדען מאָנאַט צושטעלען אַ שריפטליכען בעריכט וועגען דעם גאַנג פון דער אויספאָרשונג.

וואָס איז געשען מיט דיביידע אידען, און פאַר וואָסער זינד זיינען זיי אומגעקומען?

אין אושיצער אויעזד האָבן געלעבט צוויי אידען, יצחק אָקסמאַן און שמואל שווארצמאַן. זיי זיינען געווען טיילס פּאַקטוירים, טיילס יאַבעד־ניקעס; זיי פלעגען זיך דרעהען אַרום בעאַמטע, אַמאָל מאַכען אויך קליינע מסירות. אַזוי ווי זייערע מסירות האָבען זיך אָבער ניט אַנגעקעהרט צו וויכטיגע אַלגעמיינע ענינים, פלעגט מען דערויף ניט אַכטען. דערנאָך אָבער האָבען זיי אָנגעהויבען צו סטראַשען, אַז זיי וועלען מסר'ן וועגען „נעלמים". ווי בעוואוסט, האָט די שרעקליכע רעקרוטשינע אין ניקאָלאַי'ס צייטען געבראַכט צו דעם, אַז זעהר פיעל אידען זיינען אין ערגיץ ניט געווען פערשריבען, זיי זיינען געווען „נעלמים", האָבען אָפיציעל גאָר ניט עקזיסטירט און פלעגען ביי די פּאָלקס - צעהלונגען („רעוויזיעס") ניט פעררעכענט ווערען אין דער צאָהל פון דער בעפעלקערונג. עס איז געווען נאָך אַן אַנדער אורזאַך, וואָס האָט פיעל אידען דאַן געשטויסען צו זיין „נעלמים": די שרעקליכע אידישע אָרימקייט, אין צוזאַמענהאַנג מיט די גרויסע ספּעציעלע „פּאָדאַטקעס", טעקסעס, וואָס די רעגירונג האָט געפאָדערט פון אידען. וואָס פאַר אַ נויט עס האָט דאַן געהערשט צווישען די רוסישע אידען, איז צו זעהן פון דעם, אַז אַפילו לויט אָפיציעלע ידיעות, האָט אין די פערציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט אין פיעל געגענדען אַ העלפט פון דער אידישער בעפעלקערונג געלעבט פון צדקה. די אַדמיניסטראַציע האָט געוואוסט וועגען די אידישע „בעהאַלטענע נפשות" און זי האָט זיך געמיהט זיי אויסצוגעפינען. יעדעס מאָל, ווען עס פלעגט זיך איהר איינגעבען ערגיץ וואו צו ענטדעקען אַ געוויסע צאָהל „נעלמים", איז דאָס פאַר דעם קהל געווען אַ שרעקליך אונגליק, ווייל דורכדעם פלעגען, נאַטירליך, נאָך פערגרעסערט ווערען די חובות אין רעקרוטען און פּאָדאַטקעס, וואָס זיינען אויך אָהן דעם שטענדיג געווען אַזוי גרויס, דאָס וויפיעל דער קהל האָט זיך ניט געקליגט און געמאַטערט, האָט ער קיינמאָל פון זיי ניט געקאָנט פּטור ווערען, און זיי זיינען אַלץ געשטיגען.

די סטראַשונקעס פון די צוויי מוסרים זיינען אַלזאָ געווען אַן ערנסטע געפאַר פאַר אַלע קהילות אין אושיצער אויעזד, ווייל די צאָהל „נעלמים" איז דאָרטען געווען זעהר גרויס. מען איז אַריין אין פערהאַנדלונגען מיט אָקסמאַנ'ען און שווארצמאַנ'ען, געגעבען זיי „לא־יחרץ" - געלד, אָבער זייערע פאָדערונגען זיינען געוואָרען אַלץ גרעסער און פרעכער. זיי האָבען ממש שאַנטאַזשירט די אָרימע קהילות, געצאַפּט פון זיי כסדר געלד, און אום צו בעווייזען, דאָס זייערע דראָהונגען זיינען ניט בלויז פוסטע רייד, האָבען זיי איין מסירה וועגען „נעלמים" אַפילו שוין דערלאַנגט.

די לאַגע איז געוואָרען קריטיש; עס איז געווען קלאָר, אַז די ביידע מוסרים האָבען זיך ווי פּיאַווקעס איינגעגעסען אין קהל און וועלען ברייגגען

די אידען פון דעם גאַנצען אויעזד צום גרעסטען אונגליק. די פאַרשטעהער פון פערשידענע קהילות האָבען זיך כסדר פערזאַמעלט אויף אַ בעראַטונג, אינאיינעם מיט דעם דונאַיעווצער רב, ר׳ מיכאל אַווערבוך, און עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו מאַכען אַ סוף מיט די צוויי מוסרים; אויף די נויטיגע הוצאות האָט יעדער קהל געגעבען צו־שטייער. ס׳איז פאַרהאַן אַ גרונד צו רעכענען, אַז דער בעריהמטער חסידישער רבי, ר׳ ישראל רוזשי־נער (זיין פאַמיליע איז געווען פרידמאַן), וואָס האָט גראָד דעמאָלט פער־בראַכט אייניגע טעג אינ׳ם שטעדטעל קאַליוס, האָט דערויף געגעבען זיין הסכם. מען האָט געדונגען מענשען אויף צו ערפילען דעם בעשלוס. שוואַרצמאַן איז דערשטיקט געוואָרען אין נייַ־אושיץ, און זיין קערפּער האָט מען פערברענט אין דער אושיצער באָד. אָקסמאַנ׳ען האָט מען דער׳הרג׳עט אין וואַלד, נעבען דונאַיעווען, און דערנאָך ביי־נאַכט, אין וואַנקאָווען, אַראָבגעלאָזט אין טייך אַריין. די געזעלשאַפטליכע דיסציפּלין איז צווישען אידען געווען אַזוי פעסט, דאָס הגם מען האָט אינ׳ם גאַנצען אויעזד וועגען דעם געוואוסט, האָבען דאָך אַלע שטרענג געשוויגען; אַפילו די ווייבער און קינדער פון די דער׳הרג׳עטע מוסרים האָבען זיך געמאַכט ווי ניט־וויסענדיג. אַז ס׳איז צופעליג ענטדעקט געוואָרען אָקס־מאַנ׳ס קערפּער, האָט מען פונאַנדערגעפרעגט אַ סך אידען, און זיי אַלע האָבען געענטפערט, דאָס זיי ווייסען ניט, ווער דער טויטער איז. דער „איספּראַווניק", „סטראַפּטשי" און דער דאָקטאָר האָבען פון קהל בעקומען געלד און גאָרנישט ענטדעקט — און ווען ניט קעניגסבערג׳ס מסירה, וואָלט די גאַנצע זאַך געבליבען בסוד, ווי פיעלע אַנדערע אַזעלכע געשע־הענישען מיט מוסרים.

דער קייזער ניקאָלאַי דער 1־טער האָט זיך אייפעריג אינטערעסירט מיט דעם אושיצער צופאַל, און דער קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, גוריעוו, האָט פערשטאַנען, אַז דאָס איז אַ געלעגענהייט, וואו מען קאָן זיך שטאַרק אויסצייכענען. ער האָט אַליין אָנגעפיהרט מיט דער גאַנצער אויספאָרשונג, אָבגעגעבען פעראָרדנונגען וועגען יעדען איינצעלנעם שריט. לויט זיין פאָרשריפט, זיינען איבער דער גאַנצער געגענד אַרומגעפאָהרען בעאַמטע, אום אויסצוגעפינען יענע, וואָס זיינען אַנטלאָפען און האָבען זיך בעהאַלטען. אין יולי 1836 זיינען שוין געווען אַרעסטירט 50 אידען פון אושיצער אויעזד, און לויט גוריעוו׳ס פעראָרדנונג, זיינען אַלע אָבגעשיקט געוואָרען קיין דונאַיעווען. דאָרטען איז געווען אַ גרויסע געביידע פונ׳ם אַמאָליגען קאַפּוצינער קלויסטער מיט זעהר פיעל קאַמערן, אַרומגערינגעלט מיט אַ הויכער שטיינערנער וואַנד, און אַהין האָט מען אַריינגעזעצט די אַרעסטאַנטען, יעדערען אין אַ בעזונדער קאַמער, כדי זיי זאָלען זיך ניט קאָנען צונויפרעדען. וואָס ווייטער, איז די צאָהל אידען, וועלכע מען האָט

פערהאַלטען, אַלץ געוואַקסען. אין אויגוסט 1836 איז אַרעסטירט געוואָרען דער דונאַיעווצער רבי, ר׳ מיכאל אַווערבאַך. אַלע ספרים, וואָס מען האָט ביי איהם געפונען, זיינען אַבגעשיקט געוואָרען אין ווילנער צענזור־קאָמיטעט אויף דורכצוקוקען זיי. דער קאָמיטעט האָט אין זיין בעריכט, וואָס ער האָט מכח דעם צוגעשטעלט, אַנגעוויזען אויף יענע שטעלען אין „חושן־משפט“, וועלכע קעהרען זיך אָן צו מוסרים, און געמאַכט אַן איבערזעצונג פון די בעשטימונגען, וואָס מיר האָבען פריהער געבראַכט. וואָס אַנבאַלאַנגט ר׳ ישראל רוזשינער, האָט גראַף גוריעוו אַ צייט זיך געקווינקעלט און איהם ניט פערהאַלטען, כדי ניט אַרויסצורופען אַן אויפרעגונג צווישען דער אידישער בעפעלקערונג, אָבער אין סעפּטעמבער 1836 האָט ער זיך ענטשלאָסען איהם צו אַרעסטירען. ווי עס ווייזט אויס, זיינען בעת דער אויספאָרשונג אַנגעווענדעט געוואָרען צו די בעשולדיגטע פּייניגונגען, ניט נור פּסיכישע (דויערהאַפטע שטרענגע איזאָלירונג, סטראַשונקעס א. ד. גל.), נאָר אויך פיזישע, — און אויף אַזאַ אופן זיינען אויפגעקלערט געוואָרען כמעט אַלע איינצעלהייטען פון דעם געשעהעניש. גראַף גוריעוו האָט יעדען מאָנאַט צוגעשטעלט דעם קייזער רעלאַציעס וועגען דעם גאַנג פון דער אונטערזוכונג; ניט בענוגענענדיג זיך מיט פאַקטישע מיטטיילונגען, פלעגט ער דאָ אויספיהרליך שרייבען וועגען דער גרויסער פּאָליטישער שעדליכקייט פון חסידות, מכח דער „אונבעגרענצטער מאַכט“ פון די רבנים, געפעהרליכקייט פון דער אידישער אינערליכער אָרגאַניזאַציע און וועגען אַנדערע אַזוינע ענינים, אויף וועלכע ניקאָלאַי דער 1־טער איז געווען אַ גרויסער בעלן. אין מערץ 1837 איז אַבגעגעבען געוואָרען אַ קייזערליכער בעפעהל וועגען בעשטימען אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק אַ בעזונדער מיליטערישע קאָמיסיע אויף צו משפט׳ן די אַרעסטירטע אידען, ווי אויך די בעאַמטע, וואָס זיינען געווען פערמישט אין דעם ענין. די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע האָט דאָ אָבער אַנגעוויזען, אַז עס וואָלט געווען שוויריג און געפעהרליך אַריבערצופיהרען אַזאַ גרויסע צאָהל אַרעסטאַנטען קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק און אַז אין דער דאָרטיגער טורמע איז ניטאָ קיין גענוגענד אָרט אויף צו האַלטען זיי שטרענג אַבגעזונדערט איינע פון די אַנדערע. דעריבער איז מיט אַ צייט שפּעטער פאַרגעשריבען געוואָרען, אַז דאָס געריכט זאָל פאָרקומען אין דונאַיעווצע.

דעם 27־טען יולי 1837 איז די מיליטערישע קאָמיסיע אין דונאַיעווצע צוגעטראָטען צו איהר אַרבייט. צום געריכט זיינען איבערגעגעבען געוואָרען אַ כ צ י ג אידען און פיער קריסטען־בעאַמטע. אחוץ עטליכע פּראָסטע מענשען, וועלכע האָבען פאַר געצאָהלט ערפילט דעם בעשלוס וועגען די מוסרים, זיינען די איבעריגע בעשולדיגטע געווען — אַנגעזעהענע

בעלי־בתים פון פערשידענע שטעדטלעך אין אושיצער אויעזד, פרנסים, אָנפיהרער פונ׳ם דאָרטיגען קהל, מייסטענס עלטערע לייט. זייער צאָהל וואָלט געווען נאָך גרעסער, נאָר אייניגע האָט זיך איינגעגעבען צו אַנטלויפען קיין אויסלאַנד. צווישען די, וואָס מען האָט דאָ גע׳משפט, האָבען זיך געפונען אויך ר׳ ישראל רוזשינער און ר׳ מיכאל אָווערבוך. ביי אַזאַ גרויסער צאָהל בעשולדיגטע, האָט זיך דער פּראָצעס געצויגען זעהר לאַנג —כמעט אַנדערטהאַלבען יאָהר. סוף 1838 איז דער אורטייל פון דער קאָמיסיע צוגעשטעלט געוואָרען, אויף רעוויזיע, אין מיליטערישען הויפּט־געריכט („גענעראַל־אודיטאָריאַט"), וואָס ביים קריעגס־מיניסטעריום. דאָ האָט זיך די זאַך ווידער פערצויגען אויף אַ גאַנץ יאָהר, און ערשט דעם 18־טען יאַנואַר 1840 האָט ניקאָלאַי דער ערשטער ענדגילטיג בעשטעטיגט דעם אורטייל.

אַלע האָבען זיך געריכט אויף אַ שטרענגען פּסק; מען האָט דאָך געוואוסט, אַז די רעגירונג וועט זיך וועלען אָברעכענען פאַר די צוויי מוסרים, וואָס זי האָט פערלאָרען. אָבער די ווירקליכקייט האָט איבערגעשטיגען אַלע ערגסטע ערוואַרטונגען. דאָס געריכט, „האַלטענדיג פאַר נויטיג, אום צו בעזייטיגען אין דער צוקונפט אַזעלכע פערברעכענס, אַזוי צו בעשטראָפען די שולדיגע אידען, עס זאָל פאַר אַלעמען דיענען אַלס ביישפּיעל", האָט אַרויסגעטראָגען אַזאַ אורטייל, וואָס איז אונגעוועהנליך האַרב אַפילו פאַר יענע גרויזאַמע צייטען. זעקס פּרנסים, אַלץ עלטערע לייט, וואָס האָבען געשטעלט דעם בעשלוס וועגען דיביידע מוסרים, זענען פער׳משפט געוואָרען אויף קאַטאָרגע און „שפּיצרוטענס" צו 2000, 1000 און 500 קלעפּ; צוויי פון זיי, וואָס זיינען געווען עלטער פון 70 יאָהר, — נור צו קאַטאָרגע. פינף מענשען, וואָס האָבען ערפילט דעם בעשלוס, האָבען בעקומען צו 2000 „שפּיצרוטענס" און קאַטאָרגע. פון 9 מענשען, וואָס האָבען געוואוסט וועגען דעם מאָרד און מיטגעהאָלפען, די זאַך זאָל בלייבען בסוד, האָבען 7 בעקומען צו 1000 „שפּיצרוטענס" און טיילס קאַטאָרגע, טיילס לעבענס־לאַנגע אַרעסטאַנטסקע ראָטעס, און צוויי זקנים זיינען אָהן לייב־שטראָף פערשיקט געוואָרען קיין סיביר. 8 מענשען, וועלכע האָבען געוואוסט וועגען דעם מאָרד און נישט גע׳מסר׳ט מכח דעם, האָבען געקראָגען צו 500 „שפּיצרוטענס", און איינער — 300 שמיץ מיט ריטער, און זיי זענען אַלע געשטעלט געוואָרען אונטער פּאָליציי־אויפזיכט. דער דונאַיעווצער רב ר׳ מיכאל אָווערבוך איז פער׳משפט געוואָרען צום פערשיקען קיין סיביר. ר׳ ישראל רוזשינער איז אנערקענט געוואָרען פאַר אונשולדיג. וואָס אנבאלאנט, ענדליך, די בעאַמטע, האָט דאָס געריכט פעראורטיילט דעם „איספּראַווניק" סאַפּראָנאָוויטש, דעם „סטראַפּטשי"

אָסליקאָווסקי און דעם דאָקטאָר אַפאַנאַסיעוו צום אָבנעהמען די עהרען־רעכט און אָבגעבען פאַר סאָלדאַטען [3].

די יוסטיץ האָט געזאָגט איהר וואָרט, און באַלד דאַרויף איז אין דונאַיעווען און וואַנקאָוועץ פאַרגעקומען די ערפילונג פון דער שטראָף איבער די פעראורטיילטע אידען. „שפּיצרוטענס" (טרייבען „דורכ'ן סטראָי"), — דאָס איז געווען דער גרויזאַמסטער מין לייב־שטראָף. אַ גרויסע צאָהל „שפּיצרוטענס", בפרט פאַר אַ שוואַכען אָדער עלטערען מענשען, האָט פאַקטיש בעדייט: טויט־שטראָף אויף אַ שוידערהאַפטען אופן. דאָס רוב פון די אונגליקליכע אושיצער פעראורטיילטע זיינען אומגעקומען אויפ'ן אָרט, בעת דער גרויזאַמער בעשטראָפונג. און נאָך ביז איצט צירקולירען אין פאָלקס־ערצעהלונגען געגענד פאָדאָליער ווענען „מעשה אושיץ", דער שרעקליכער עקזעקוציע, ווי אויך מכח די „קדושים", וועלכע האָבען מיט זייער לעבען בעצאָהלט פאַר קהל'ס קאַמף געגען מוסרים.

די בלוטיגע געשיכטע, וועלכע מיר האָבען דאָ דערצעהלט, איז אַ טרויעריג היסטאָריש בלעטעל פון יענע פינסטערע צייטען, ווען דער געוואַלטיגער אויסערליכער דרוק האָט געמוזט שטויסען דעם קהל אויף די האַרבסטע מיטלען פון זעלבסטשוץ. פיעל פינסטערעס האָבען אין זיך פערמאָגט די קהל'שע אָרדנונגען; מען קאָן אָבער אויף קיין פאַל ניט אָבלייקענען די געוויסע ריהרענדע מאָמענטען, וואָס זענען דערביי געווען. די פעסטע געזעלשאַפטליכע דיסציפּלין, דאָס שטאַרקע געפיהל פון אייניג־קייט און פעראַנטוואָרטליכקייט פלעגען ברייגגען אויך צו העראָאיזם און זעלבסט־אָפּפערונג. די אושיצער בעשולדיגטע האָבען, למשל, אָנגעווענדט אַלץ, וואָס נור מעגליך, כדי צו ראַטעווען ר' ישראל רוזשינער פון שטראָף, און זיי האָבען די גאַנצע שולד גענומען ממש אויף זייערע פּלייצעס. דעם פער'משפּט'ען דונאַיעווצער רב ר' מיכאל אַווערבוך האָבען אידען מיט געוואַלט בעפרייט, בעת מען האָט איהם אַ געשמידטען געפיהרט מיט'ן עטאַפּ, און ער איז אַנטלאָפען קיין אויסלאַנד. מען ברויך דורכאויס ניט זיין אַן אָנהענגער פון קהל, כדי צו איינזעהן, דאָס זיין היסטאָריע פער־מאָגט אין זיך אויך דערהויבענע העראָאישע מאָמענטען און עפּיזאָדען.

●

---

[3]) דעם טעקסט פונ'ם אורטייל האָט ש. דובנאָוו אָבגעדרוקט אין היסטאָרישען זאַמעלבוך „פּערעזשיטאָיע", ב. I (פּעטערבורג, 1908).

בלבולים און גזירות

דער וועליזשער בלוט-בלבול

אויסער די אַלגעמיינע אידישע צרות און פּיין, מיט וועלכע עס איז פול געווען די צייט פונ'ם צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטען, זיינען דאַן אויך געווען ניט וועניג בעזונדערע גזירות, וואָס פלעגען טרעפען איינצעלנע אידישע קהילות. מייסטענס האָבען זיך אַזעלכע גזירות גענומען פון פאַלשע מסירות און בלבולים אויף אידען, צו וועלכע די רוסישע מאַכט האָט זיך שטענדיג זעהר גערן און אויפמערקזאַם צוגעהערט. וואָס בייזער דער בלבול איז געווען, אַלץ שאַרפער פלעגט זיך די רעגירונג אויף איהם אָברופען און אַלץ האַרבערע פערפאָלגונגען פלעגט אויסשטעהן יענע אידישע געמיינדע, געגען וועלכער עס איז ענטשטאַנען די בעשולדיגונג. איינינע בלבולים האָבען אַרויסגערופען אַזוינע מורא'דיגע געוואַלט-מיטלען געגען אידען אין געוויסע געגענדען, דאָס זיי האָבען שיער ניט אומגע־בראַכט גאַנצע קהילות. פון אַזעלכע פאַסירונגען, וואָס האָבען זיך אָבגע־שפּיעלט אין יענער צייט, האָבען אַ בעזונדערעס טרויעריגען כאַראַקטער געהאַט דער „וועליזשער בלבול" און די „אַמטשיסלאַווער גזירה", וועלכע זיינען ביידע פאַרגעקומען אין ווייס-רוסלאַנד. געהאַנדעלט האָט זיך דאָ וועגען גאַר פערשידענע בלבולים, אָבער אין די ביידע געשעהענישען שפּיגעלט זיך גלייך אָב דער גאַנצער טראַגיזם פון דער דעמאָלטיגער אידי־שער לאַגע אין רוסלאַנד: די רעכטלאָזיגקייט פון די אידען; דער טיעפער פערדאַכט, מיט וועלכען די רעגירונג פלעגט שטענדיג אויף זיי קוקען, און איהר גרייטקייט צו טרויען יעדער ווילדעסטער, נאַרישסטער בעשולדי־גונג, וויבאַלד זי איז נור געציעלט געגען אידען; די שרעקליכע פערדאָרבענ־קייט פון די רעגירונגס-לייט און זייער הלומען זיך איבער די הילפלאָזע אי־דען; דער האַס פון דער אַרומיגער פינסטערער בעפעלקערונג געגען אידען, א. אַז. וו. מיר זעהן דאָ דייטליך, ווי אַט די אַלע אומשטענדען פלעגען וואַרפען אַ שווערע כמאַרע, אַ טיעפען אומעט אויף דעם אידישען לעבען, און צייטענווייז שטעלען גאַנצע אידישע געגענדען אין גרעסטער געפאַהר. מיט די גזירות, וואָס האָבען געטראָפען די קהילות אין וועליזש און אַמטשי־

סלאַוו, איז כדאַי צו בעקענען זיך, ווייל זיי גיבען אונז אַ קלאָרען בעגריף וועגען דעם טרויעריגען אידישען לעבען אין פאַרצייטיגען רוסלאַנד.

צוערשט וועגען דעם וועליזשער ענין *).

I.

ווי די אַמטשיסלאַווער גזירה, איז אויך די וועליזשער פאַרגעקומען אין וויטעבסקער גובערניע. זי איז אָבער געוועזן פערבונדען מיט מעהר רשעות, זי האָט געהאַט אַ פיעל ברייטערען פערנעהם און געדראָהט מיט אַ סך ערנסטערע פאָלגען ניט בלויז די וועליזשער אידען, נאָר דעם גאַנצען אידישען כלל. אין אַמטשיסלאַוו האָט זיך געהאַנדעלט נור וועגען אַן אָרטיג געשעהעניש, אַ „בונט”, אַן אָנפאַל אויף דעם מיליטערישען פאַטרול, וואָס אידען האָבען דאָ כלומרשט געמאַכט. אין וועליזש אָבער איז די פאַלשע בעשולדיגונג געווען געציעלט ניט נור געגען די דאָרטיגע אידען. דער בלבול איז פון ערשטען שריט אָן געשטעלט געוואָרען אַזוי, דאָס אינ׳ם שרעקליכען פערברעכען, וואָס מען האָט אויף זיי אויסגעטראַכט, האָבען געזאָלט אינאיינעם מיט זיי שולדיג זיין אַלע אידען, דאָס גאַנצע אידישע פאָלק. אַ צייט מיט יאָהרען האָט מען די אונגליקליכע אידען אין וועליזש אויפ׳ן האַרבסטען אופן געמאַטערט און געפייניגט, כדי צו דער־וויזען, דאָס זיי זיינען בעגאַנגען אַזאַ פערברעכען, וואָס ווערט דירעקט פאַרגעשריבען דורך דעם אידישען גלויבען. ווייל געהאַנדעלט האָט זיך דאָ וועגען דעם אַלטען בלבול, אַז אידען געברויכען קריסטליך בלוט צוליעב רעליגיעזע ציעלען, און געפיהרט געוואָרען איז די ווילדע בעשולדיגונג אין וועליזש מיט אַזאַ גרויזאַמקייט געגען די אָנגעקלאָגטע, מיט אַזוי פיעל בייזוויליגקייט און פעלשונגען, וואָס האָבען זייער גלייכען ניט אַפילו אין די ערגסטע פון אָט דעם מין פּראָצעסען, וועלכע זיינען פאַרגעקומען אין 19־טען יאָהרהונדערט. די אַלע געוואַלט־מיטלען און אָבנאַרערייען האָבען אָבער די פייניגער ניט געהאָלפען. זייערע קרבנות, צווישען וועלכע

*) אַרכיוו פון גאָסודאַרסטוועני סאָוועט, דעפּאַרטמענט פאַר ציווילע און גייסטליכע אנגעלעגענהייטען, פון יאָהר 1834, נומ. 92.

ליטעראַטור וועגען דעם וועליזשער פּראָצעס:

Ю. Гессенъ. “Изъ исторiи ритуальныхъ процессовъ. Велижская драма” (Спб., 1905 г.).

М. Д. Рывкинъ. “Велижское дѣло въ освѣщенiи мѣстныхъ преданiй и памятниковъ”. “Пережитое”, т. III (Спб., 1911 г.).

וועגען דעם וועליזשער ענין האָט מ. ריווקין פּובליקירט אַ גרויסען היסטאָרישען ראָמאַן: „דער „וועליזשער בלוט־בלבול” (ווילנע, 1914). דיזעלבע טעמע האָט ער בעאַרבייט אויך אין זיין רוסישען ראָמאַן “Навѣтъ”.

ס'זיינען געווען אויך פיעל פרויען, זיינען יאָהרען לאַנג אויסגעשטאַנען די ביטערסטע ענויים, אָבער זיי האָבען זיך ניט אונטערגעגעבען. זיי האָבען אַרויסגעוויזען דעם העכסטען העלדען־מוטה און אָבגעהיט דעם אידישען כבוד. הונדערט יאָהר זיינען שוין פאַריבער פון יענעם טרויעריגען עפיזאָד, און די וועליזשער מאַרטירער האָבען זיכער פערדיענט, אַז זייער גרויסע פיין און העלדישקייט זאָל ניט פערגעסען ווערען.

רוסלאַנד האָט דעם בלוט־בלבול געגען אידען בעקומען בירושה פון פוילען. די פאָליטישע אַנאַרכיע, וואָס איז אין די לעצטע יאָהרען פון פוילענ'ס זעלבסטשטענדיגקייט דערגאַנגען ביז'ן העכסטען גראַד, דער פערביטערטער קאַמף פון די שטאָדטישע „מעשטשאַנעס" געגען אידען, די הערשאַפט פון די פוילישע גלחים און זייער ווירקונג אויף די פינסטערע, אַבערגלויבערישע פאָלקס־מאַסען, — דאָס אַלץ האָט דאָ בעשאַפען אַ גייסטיגען באָדען פאַר דעם ווילדען בלבול געגען אידען, דאָס זיי נויטיגען זיך כלומרשט אין קריסטליך בלוט ביים באַקען מצות. אין פערלויף פון 18־טען יאָהרהונדערט זיינען אין פוילען פאָרגעקומען אַ גאַנצע סדרה אַזעלכע בעשולדיגונגען, פון וועלכע עס זיינען בעזונדערס בעוואוסט די פּראָצעסען אין פויזען (אין יאָהר 1736), זאַסלאַוו (1747), זשיטאָמיר (1753) און יאַמפּאָל (1756). ווען ווייס־רוסלאַנד און ליטע זיינען נאָך דעם אונטערגאַנג פון דער פוילישער מלוכה אין סוף פון 18־טען יאָהר־הונדערט אַריבער צו רוסלאַנד, האָבען זיך דאָ באַלד אָנגעהויבען אַזוינע בעשולדיגונגען געגען אידען. אַדאַנק די לאַנגיאָהריגע העצעריי פון די פאַנאַטישע גלחים און געוויסענלאָזע אידען־פיינד, האָט זיך דער בלוט־בלבול טיעף איינגעוואָרצעלט ביי דער בעפעלקערונג און ביי די בעאַמטע, און ווי עס פלעגט נור ערגיץ־וואו פערשווינדען אַ קריסטליך קינד אָדער דער'הרג'עט ווערען אַ קריסט, האָט מען גלייך די שולד אַרויפגעוואָרפען אויף אידען און דורכאויס צווישען זיי געזוכט די פערברעכער. אין יאָהר 1799, פאַר פסח, האָט מען אין סעננער אויעזד (ווייס־רוסלאַנד) נעבען אַ אידישער קרעטשמע געפונען אַ דער'הרג'עטע קריסטין. לויט אַלע סמנים, איז געווען קלאָר, אַז דער טויטער קערפּער איז דאָ אונטערגעוואָרפען גע־וואָרען. פונדעסטוועגען אָבער האָבען די בעאַמטע, אויף וועלכע עס איז אַרויפגעלעגט געוואָרען די אונטערזוכונג, „נעהמענדיג אין בעטראַכט דעם אַלגעמיינעם קלאַנג, אַז אידען ברויכען קריסטליך בלוט", תיכף פערפיהרט אַ בעשולדיגונג געגען פיער אידען, וועלכע מען האָט דערוויסט אין דער קרעטשמע. דער סעקרעטאַר פונ'ם ווייס־רוסלענדישען הויפּט־געריכט סטרוקאָוו האָט געלעגט פיעל מיה אויף צו בעשטעטיגען, אַז דער קלאַנג איז טאַקע ריכטיג, און מיטגעהאָלפען איהם דערין האָט אַ משומד, סטאַ־ניסלאַוו קאַטינסקי, וואָס האָט איהם צוגעשטעלט געפעלשטע איבערזעצונ־

גען פון „שולחן־ערוך". זיי האָבען אָבער זייערס ניט דערגרייכט, און דער סעננער פּראָצעס האָט זיך געענדיגט מיט גאָרנישט. עהנליכע בעשולדי־גונגען זיינען ענטשטאַנען אויך אין אַנדערע ערטער, אין יאָהר 1805 און 1811.

אין גראָדנע האָט מען אין אַפּריל 1816 געפונען הינטער'ן שטאָדט אַ דער'הרג'עט קריסטליך קינד, מאַריאַנאַ אַדאַמאָוויטש, וואָס איז מיט אַ מאָנאַט פריהער פערפאַלען געוואָרען. צווישען דער קריסטליכער בעפעל־קערונג האָט זיך תיכף פערשפרייט אַ קלאַנג, אַז אומגעבראַכט דאָס פיער־יאָהריגע מיידעלע האָבען אידען, ברויכענדיג איהר בלוט אויף פסח. געגען איינעם אַ איד, שלום לאַפּין, איז באַלד פערפיהרט געוואָרען אַ בעשולדי־גונג, אַז ער איז עס דער מערדער, — בלויז אויף דעם גרונד, ווייל מ'האָט ביי איהם אין שטוב ענטדעקט עפּיס אַן עמערעל און אַ מין שפּיזעלע. אויך אין גראָדנע האָט זיך געפונען אַ משומד, — אַן אונטער־אָפיציר פּאַוועל סאַוויצקי, וואָס האָט ביי דער אויספאָרשונג בעשטעטיגט דעם בלבול, און אַלס בעוויז האָט ער אָנגעוויזען אויף „געהיימע" אידישע ווערק מיט ווילדע אויסגעטראַכטע נעמען, וואָס ענטהאַלטען כלומרשט די דינים וועגען דעם. עס פערשטעהט זיך, אַז לאַפּינ'ס שולד איז דורך קיין זאַך ניט בעשטע־טיגט געוואָרען, און ער איז אַרויס פריי.

די אָפטע בלוט־בלבולים האָבען, נאַטירליך, זעהר בעאונרוהיגט די אידישע קהילות, און זייערע פאָרשטעהער האָבען פאַרגענומען אין פּעטער־בורג די נויטיגע שריט. דער מיניסטער פאַר רעליגיעזע אנגעלעגעהייטען, פירשט א. גאָליצין, האָט זיך פּראַאינטערעסירט מיט דער זאַך. די פערשי־דענע פּראָצעסען, היסטאָרישע אויספאָרשונגען און ווערק, מיט וועלכע ער האָט זיך בעקענט, האָבען איהם קלאָר בעוויזען די גאַנצע נישטיגקייט פון דער אַלטער בעשולדיגונג, און דעם 6־טען מערץ 1817 האָט ער פונאַנדער־געשיקט צו אַלע גובערנאַטאָרען אַ בעזונדער בעפעהל פון דעם קייזער אַלעקסאַנדער דעם ערשטען, דורך וועלכען עס איז פערבאָטען געוואָרען אויף ווייטער צו פערפיהרען געגען אידען פּראָצעסען נור אויף דעם גרונד אַליין, אַז זיי דאַרפען כלומרשט קריסטליכע בלוט צוליעב רעליגיעזע צוועק־קען. אין זיין ווענדונג צו די גובערנאַטאָרען האָט פירשט גאָליצין דער־מאָהנט, אַז די אונצעהליגע פּראָצעסען, וואָס זיינען אַמאָל פאָרגעקומען אין פּוילען, האָבען ניט בעוויזען, די באַשולדיגונג זאָל זיין ריכטיג; ער האָט אויך אָנגעוויזען, אַז אין 16־טען יאָהרהונדערט האָט דער פּוילישער קעניג זיגמונד־אויגוסט פערוועהרט צו בעשולדיגען אידען אין געברויכען בלוט, און אַז אויך אייניגע פּויפּסטען האָבען אנערקענט דעם בלוט־בלבול פאַר אונבעגרינדעט. דערנאָך האָט ער געבראַכט דעם פאָלגענדען קייזערליכען בעפעהל:

„אזוי ווי אין אייניגע געגענדען, וואָס זיינען אַריבער פון פוילען צו רוסלאַנד, ווערען נאָך איצט געמאַכט בלבולים וועגען הרג'ענען קריסטליכע קינדער כלומרשט מיט אַ רעליגיעזען ציעל, האָט זיין קייזערליכע מאַיע־סטעט, נעהמענדיג אין בעטראַכט, אַז די גרונדלאָזיגקייט פון אַזעלכע בלבולים איז שוין פריהער פיעל מאָל בעוויזען געוואָרען דורך אונפּאַרטייאישע אויספאָרשונגען און קעניגליכע דעקרעטען, אַלערהעכסט בעוויליגט אָבצוגעבען מיר דעם בעפעהל: מיטצוטיילען אַלע גובערנאַטאָרען זיין קייזערליכען ווילען, אַז אויף ווייטער זאָלען אידען נישט בעשולדיגט ווערען אין הרג'ענען קריסטליכע קינדער, אָהן שום ראיות, בלויז אויפ'ן גרונד פון דעם פאָראורטייל, אַז זיי ברויכען כלומרשט קריסטליך בלוט. און אויב עס וועט ערגיץ־וואו געשעהן אַ מאָרד, און דער פערדאַכט וועט פאַלען אויף אידען, אָהן אַ פאָראורטייל אָבער, אַז זיי זיינען עס בעגאַנגען צו בעקומען קריסטליך בלוט, זאָל די אויספאָרשונג געמאַכט ווערען לויט דער געזעצליכער אָרדנונג, אויפ'ן גרונד פון אַזעלכע ראיות, וואָס קעהרען זיך אָן צו דעם סאַמע געשעהעניש, גלייך מיט מענשען פון אַנדערע רעליגיעס, אויף וועלכע עס פאַלט דער פערדאַכט וועגען מאָרד".

נאָך דעם קלאָרען קייזערליכען בעפעהל פון 6־טען מערץ 1817, האָט זיך געדוכט, אַז צו דעם בלוט־בלבול אין רוסלאַנד איז געקומען אַ סוף. מען האָט געקאָנט האָפען, אַז אידען זיינען שוין דאָ אויף אַלע מאָל פּטור געוואָרען פון דער פאַלשער שרעקליכער בעשולדיגונג. אָבער די ווירקליכקייט האָט אין גיכען בעוויזען, אַז די האָפנונג איז געווען פאַלש. דאָס בלוטיגע גע־שפענסט, וואָס האָט דעם אידישען פאָלק אָבגעקאָסט אַזוי פיעל ליידען און קרבנות, האָט ניט געוואָלט אינגאַנצען פערשווינדען, האָט זיך בלויז אויף אַ שטיקעל צייט צוריקגעצויגען און איז באַלד דערנאָך ווידער אַרויסגע־טראָטען פון זיין בעהעלטעניש. און ווי מיר וועלען שפּעטער זעהן, האָט טאַקע אַלעקסאַנדער דער ערשטער אַליין מיטגעווירקט, עס זאָל זיך צופלאַ־קערן דער בייזעסטער בלוט־בלבול, וואָס איז ווען געשעהן אין רוסלאַנד. ער האָט געהאַט אַ קורצען זכרון, בעזונדערס ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אידען.

פון דעם, ווי אַזוי דער וועליזשער בלבול האָט זיך אָנגעהויבען און ווייטער פונאַנדערגעוויקעלט, איז קלאָר צו זעהן, אַז מען האָט די זאַך געגרייט שוין מיט אַ צייט פריהער. אין יאָהר 1823 איז אין וועליזש געשעהן אַ „נבואה". געווען אין שטאָדט אַ בעטלערין, אַ רוסישע מיידעל אַנאַ יערעמעיעוואַ, וואָס דער פינסטערער עולם האָט געהאַלטען פאַר אַ כישוף־מאַכערין און נביאות־זאָגערין. אַ מאָנאַט פאַר'ן רוסישען פסח האָט יערעמעיעוואַ ערקלערט, אַז צו איהר אין חלום האָט זיך בעוויזען דער מלאך מיכאל, וועלכער האָט אויסגעזעהן ווי אַן אַלטער מאַן און איז געווען

אָנגעטהאָן אין גלח'ישע קליידער; ער האָט איהר געגומען פאַר דער האַנד, געפיהרט איבער פערשידענע ערטער, און דערצעהלענדיג איהר אַלערליי זאַכען, וואָס וועלען געשעהן, האָט ער איהר אָנגעזאָגט, אַז דעם ערשטען טאָג פסח וועלען די אידען אומברייגגען אין וועליזש אַ יונגע קריסטליכע נשמה. אַ טאָג פאַר פסח האָט די זעלבע בעטלערין פאַר פיעל מענשען ווידער דערצעהלט, אַז צו איהר האָט זיך נאָר־וואָס נאָכאַמאָל בעוויזען דער מלאך מיכאל און געזאָגט, אַז מאָרגען וועט אַ קריסטליך קינד אומקומען אין דעם גרויסען אידישען הויז, וואָס געפינט זיך אויפ'ן מאַרק־פּלאַץ (געמיינט האָט זי מירעל אַראָנסאָנ'ס הויז).

און איהר „נביאות" איז טאַקע באַלד מקוים געוואָרען. דעם 22־טען אַפּריל, דעם ערשטען טאָג פון רוסישען פסח, איז ביי דעם וועליזשער סאָלדאַט יעמעליאַן איוואַנאָוו פערפאַלען געוואָרען זיין 3־יאָהריגער זוהן פיאָדאָר. דאָס קינד איז אַרויס פון שטוב און מעהר שוין צוריק ניט גע־קומען. די פּאָליציי האָט געפּרואווט זוכען, אָבער איהם ניט געפונען. מיט צוויי טעג שפּעטער איז צו פיאָדאָר'ס מוטער אַריין אַ צווייטע וועליזשער בעטלערין, מאַריאַ טערענטיעוואַ. זי איז געווען שטאַרק אויפגעטראָגען מיט דער יערעמעיעוואַ און פלעגט זיך, ווי יענע, אויך פערנעהמען מיט „כשוף"־מאַכעריי. אין שטוב זיינען, אויסער דער מוטער פונ'ם פער־שוואונדענעם קינד, געווען נאָך זייטיגע מענשען. טערענטיעוואַ האָט גע־זאָגט, דאָס זי וועט זעהן טרעפען, וואו דאָס קינד איז. זי האָט גענומען טריפען מיט הייסע וואַקס אויף וואַסער, שעפּטשענדיג דערביי עפּיס געהיימע ווערטער, און דערנאָך ערקלערט, אַז דער קליינער פיאָדאָר געפינט זיך אין מירעל אַראָנסאָנ'ס הויז, אין קעלער, ער איז נאָך אַ לעבעדיגער, און אויב מען זאָל איהם ניט פון דאָרטען ראַטעווען, וועט ער דער'הרג'עט ווערען. די מוטער איז אָבער ניט געגאַנגען זוכען אין מירעל אַראָנסאָנ'ס הויז, נאָר זי איז אַוועק צו טערענטיעוו'ס חבר'טע, די נביאות־זאָגערין יערעמעיעוואַ, און יענע האָט איהר ווידערהאָלט דאָסזעלבע, וואָס די אַנדערע בעטלערין האָט געזאָגט. מעהר האָט מען דאָס פערפאַלענע קינד ניט געזוכט. אָבער מיט צוויי וואָכען שפּעטער האָט מען הינטער'ן שטאָדט, אין וואַלד נעבען וועג, צופעליג ענטדעקט דעם דער'הרג'עטען פיאָדאָר'ס קערפּער, מיט געשטאָכענע וואונדען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די „נביאות" און אָנצוהערענישען פוןביידע בעטלערינס, האָט זיך צווישען דער וועליזשער קריסטליכער בעפעלקערונג תיכף פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אומגעבראַכט דאָס קינד האָבען אידען, כדי אויסצוצאַפּען זיין בלוט. און ניט אַכטענדיג אויף דעם קייזערליכען פער־באָט פון 6־טען מערץ 1817, האָט די אויספאָרשונג גלייך בעקומען אַזאַ ווענדונג, דאָס שולדיג אין דעם מאָרד קאָנען זיין נור אידען, אויף קיינעם

אויסער זיי טאָר אַפילו קיין מינדעסטער פערדאַכט ניט פאַלען. מאַריאַ טערענטיעוואַ האָט ביים פערהער ערקלערט, דאָס זי האָט דעם ערשטען טאָג פסח אַליין געזעהן, ווי די אידענע חיה צייטלין האָט אויפ'ן בריק גענומען פאַר דער האַנד אַ רוסיש אינגעל און געפיהרט צו זיך אין הויז, נעבען וועלכען עס האָבען געוואוינט עטליכע אידען, אַלע פון מירעל אַראַנסאָנ'ס הויז, און פיער פון זיי זיינען אַהין אַריין נאָך חנה'ן. די פּאָליציי האָט געמאַכט אַן אונטערזוכונג אין מירעל'ס הויז, אָבער קיין שום פערדעכטיגע זאַכען ניט ענטדעקט. געגען חנה צייטלין און יאָשע גליקמאַן איז פערפיהרט געוואָרען אַ פּראָצעס, און דאָס וועליזשער געריכט האָט דעם 16-טען יולי 1824 איינגעפונען, אַז זייער פערברעכען איז אַפילו בפירוש ניט פעסטגעשטעלט געוואָרען, נאָר עס פאַלט אויף זיי אַ שטאַרקער פערדאַכט, אַז זיי האָבען דאָס קריסטליכע קינד יאָ געטויט. אָבער דעם 22-טען נאָוועמבער 1824 האָט דאָס וויטעבסקער הויפט-געריכט דעם אורטייל קאַסירט,ביידען בעפרייט פון יעטווידער פערדאַכט און אַרויפגעלעגט אויף מאַריאַ טערענטיעוואַ „פאַר איהר אויסגעלאַסענקייט" אַ רעליגיעזע בעשטראָפונג. צוגלייך האָט דער הויפטגעריכט פעראָרדענט, אַז די אונטערזוכונג וועגען דעם מאָרד זאָל פאָרטגעזעצט ווערען. איין צייט האָט די וועליזשער פּאָליציי נאָך געמאַכט ווייטערדיגע אויספאָרשונגען, אָבער אַזוי ווי זיי האָבען קיין זאַך ניט ענטדעקט, זיינען זיי דערנאָך אָבגעשטעלט געוואָרען.

דאָס איז געווען דער ערשטער אַקט פון דער וועליזשער טראַגעדיע. און אויסגעלאָזט האָט ער זיך גינסטיג פאַר אידען — זיי זיינען אנערקענט געוואָרען פאַר אונשולדיג. די ליגענס פון די צווייי בעטלערינס האָבען צו גאָרנישט געבראַכט. ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז ניט זיי זיינען עס געווען די אויפטהוערינס פון דעם בלבול, אַז הינטער זיי זיינען געשטאַנען אַנדערע בעהאַלטענע פערזאָנען, וועלכע האָבען אויסגענוצט די שיכור'ע, אויסגעלאַסענע טערענטיעוואַ און די תמ'עוואַטע יערעמעיעוואַ ביים אָרגאַניזירן דעם מאָרד און אַרויפוואַרפען די שולד אויף אידען. ווער זיינען עס געווען די פינסטערע כחות, וואָס האָבען געשטרעבט דורכאויס צו בעשאַפען דעם בלבול אין וועליזש? ווען די אויספאָרשונג וואָלט זיך פון אָנהויב אָן פעראינטערעסירט מיט אָט דער פראַגע, וואָלט זי געוויס גרינג בעקומען דערויף אַ קלאָרען ענטפער, זי וואָלט זיכער ענטפלעקט די גאַנצע אינטריגע און אויסגעפונען די ווירקליכע מערדער. אָבער די בעאַמטע, וואָס האָבען געפיהרט די אונטערזוכונג, זיינען גלייך צוגעטראָטען צו דער אַרבייט מיט אַ גרייטער מיינונג, אַז דאָס איז דורכאויס אַ א י ד י ש פערברעכען; דאָס איז פאַר זיי לכתחילה געווען פאָלקאָם קלאָר, און אַז דאָ קאָן שולדיג זיין עמיצער אויסער אידען, וועגען דעם האָבען זיי אַפילו

ניט געוואָלט טראַכטען און אַריינלאָזען זיך אין חקירות. דעריבער קאָנען מיר וועגען די ווירקליכע, געהיימע אויפטהוער פון דעם בלבול דרינגען בלויז פון די ווינציגע, צופעליגע וואונקען, וועלכע מיר געפינען אין די אָפיציעלע דאָקומענטען פון דער אויספאָרשונג. ס'איז קיין שום צווייפעל ניט, אַז אַ גרויסע ראָלע האָבען דאָ געשפּיעלט דער וועליזשער גלח טאַראַשקעוויטש, דער שטאָדט־גאָלאָווא (מעיאָר) כרולעוויטש, דער לעהרער פּעטרישץ, דער שוסטער אדזאַקעוויטש; אויסער זיי זיינען געווען נאָך אַנדערע מענשען, וואָס האָבען זיי געהאָלפען אין דורכפיהרען די פערשידענע איינצעלהייטען פון דעם בלוטיגען פּלאַן. און ווי מיר וועלען זעהן ווייטער, זיינען זיי שפּעטער אויפ'ן אייפעריגסטען אופן געשטיצט געוואָרען דורך די פאָרשטעהער פון דער העכסטער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע. אי מיט אַ צייט פאַר דעם מאָרד, אי נאָכדעם ווי ער איז געשעהן, האָבען די אויפטהוער פון דער זאַך אָנגעווענדט אַלע מעגליכע מיטלען, כדי וואָס ברייטער צו פערשפּרייטען די מיינונג, אַז דער'הרג'עט דאָס קריסטליכע קינד האָבען אידען. און ווען זיי האָבען צום ערשטען מאָל זייערס נישט דערגרייכט, די עטליכע אָנגעקלאָגטע זיינען אַרויס ריין, האָט זיך די פינסטערע באַנדע פערשווערער פון איהר טייוועלשען פּלאַן ניט אָבגעזאָגט. זיי זיינען נור אויף אַ צייט אָבגעטראָטען אין זייער בעהעלטעניש, וואַרטענדיג אויף אַ פּאַסיגען מאָמענט, כדי פון דאָס נייע און מיט נאָך מעהר ענערגיע אָנצוהויבען זייער אַרבייט.

אַזאַ גינסטיגע געלעגענהייט איז געקומען אין הערבסט 1825, ווען דער קייזער אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט אויף זיין לעצטער רייזע קיין טאַגאַנראָג (וואו ער איז אין גיכען געשטאָרבען) זיך אויף אַ טאָג אָבגעשטעלט אין וועליזש. בעת ער איז דורכגעפאָהרען איבער דער שטאָדט, איז פון גרויסען המון מענשען, וואָס האָבען זיך צונויפגעקליבען אויף דער גאַס, פּלוצלינג אַרויסגעשפּרונגען עפּיס אַ פרוי און זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף די קניה פאַר דעם קייזער, האַלטענדיג אין האַנד אַ שריפטליכע בקשה. זי האָט זיך אָנגעגעבען פאַר דעם דער'הרג'עטען פיאָדאָר'ס מוטער, מיט טרעהרען געקלאָגט, אַז אידען האָבען מיט צוויי יאָהר צוריק אומגעבראַכט איהר קינד, אָבער זי געפינט אין ערגיץ קיין גערעכטיגקייט ניט, און האָט געבעטען רחמים, דער קייזער זאָל זיך אָננעהמען איהר קריוודע.

געוועזען איז עס — אונזער אַלטע בעקאַנטע, מאַריאַ טערענטיעווא.

כמעט ביי אַלע גרויסע בלוט־בלבולים, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין רוסלאַנד, טרעפען מיר איין בעשעפעניש, ווענען עס געהערט די הויפּט־אַרבייט אין דעם געוועב פון שקרים און פערברעכענס, דורך וועלכע עס ווערט בעשאַפען די בעשולדיגונג געגען אידען — אַ געמיינע פרעכע

גוי'ע, מייסטענס אַ שיכור'ע און פערשייטע. איהר ראָלע איז ניט שטענדיג דיזעלביגע, אָבער תמיד איז זי איינע פון די וויכטיגסטע. אַמאָל איז זי עס די אמת'ע פערברעכערין, וואָס איז בעגאַנגען יענעם מאָרד, פאַר וועלכען מען משפט אונשולדיגע אידען. אַמאָל איז זי די הויפּט-עדות'טע, אויף וועמעס ליגענס עס ווערט געבויט די גאַנצע בעשולדיגונג. אָבער כמעט אַלע מאָל איז זי דאָ פאַרהאַן צווישען די צענטראַלע פיגורען, אויפ'ן פאָדערשטען פּלאַן. אַזוי איז דאָס געווען אי ביי דעם סאַראַטאָווער בלבול, אי ביים קיעווער ביילים-פּראָצעס, אי ביי דער ווילנער בעשולדיגונג געגען בלאָנדעס'ן. דאָס אייגענע זעהען מיר אויך ביי דעם וועליזשער בלבול. דאָ שטעהט אין סאַמע צענטער די כיטרע, די פּרעכע, שיכור'ע און אויסגע־לאַסענע מאַריאַ טערענטיעוואַ — די אמת'ע פאָרגענגערין פון דער קיעווער גנב'טע וועראַ טשעבעריאַק, וועלכע האָט געקראָגען אַ שם דורך דעם ביילים-פּראָצעס. צי טערענטיעוואַ האָט, ווי טשעבעריאַק אין קיעוו, גע־טויט אין וועליזש דאָס קריסטליכע קינד, — דאָס איז איצט אונמעגליך פעסטצושטעלען. אָבער אַלענפאַלס האָט זי אין דעם וועליזשער פּראָצעס אָבגעשפּיעלט די וויכטיגסטע ראָלע. אַ גנב'טע, אַ בעטלערין און הולטאַיקע, האָלט זיך טערענטיעוואַ אויף אין די שענקען אָדער נעבען קירך, וואו זי בעט נדבות; זי געהט אויך איבער די הייזער. זי קען אַלע וועליזשער אידען אין פּנים, זי ווייסט וואו יעדער וואוינט און ווי ער הייסט. זי איז אַ דורכגעטריבענע און כיטרע; זי האָט אין זיך ביין מאָס רייד, זאָגט ליגען אָהן אויפהער; זי קאָן, וואו מען בעדאַרף, לאָזען פאַלען אַ טרעהר און פּראַווען היסטעריע. דאָס איז געווען די פּאַסיגע פּערזאָן, וועלכע האָט געזאָלט אויסגענוצט ווערען אויף צו פערשפּרייטען דעם ערשטען קלאַנג וועגען דעם מאָרד, וואָס אידען זיינען כלומרשט בעגאַנגען מיט אַ רעלי־גיעזען ציעל, אויף צו וואַרפען אַ פערדאַכט אויף אייניגע אונשולדיגע מענשען. און ווען די בעהאַלטענע אויפטהוער פון דעם בלבול האָבען דערנאָך, פאַר אַלעקסאַנדער'ס אָנקומען קיין וועליזש, בעשלאָסען נאָכאַמאָל אויפצוהויבען די בעשולדיגונג, האָבען זיי דערויף ווידער אויסגענוצט דיזעלבע טערענטיעוואַ. זי האָט פלינק ערפילט דעם אויפטראַג — אָנגע־רופען זיך, אַז זי איז די מוטער פונ'ם דער'הרג'עטען קינד, און מיט געוויין און יללות דערלאַנגט דעם קייזער די בקשה וועגען דעם שרעקליכען „אונרעכט", וואָס ווערט געגען איהר געטהאָן. און דער ווייטערדיגער גאַנג פון די געשעהענישען האָט געפיהרט צו דעם, אַז זי איז געוואָרען די הויפּט-פיגור אין דעם גאַנצען פּראָצעס.

מיט דעם, וואָס טערענטיעוואַ האָט דערלאַנגט איהר בקשה דעם קייזער, האָט זיך אָנגעהויבען דער צווייטער, וויכטיגער אַקט פון דער וועליזשער טראַגעדיע. דער קייזער אַלעקסאַנדער האָט פערגעסען אָן זיין

אייגענעם פערבאָט פון יאָהר 1817, אויך ניט גענומען אין בעטראַכט, אַז דאָס געריכט האָט שוין געשטעלט דעם אורטייל וועגען דער זאַך. ער האָט אָבגעגעבען דעם וויטעבסקער, מאָהילעווער און סמאָלענסקער גענעראַל־גובערנאַטאָר, פירשט נ. כאָוואַנסקי, אַ בעפעהל צו מאַכען די „שטרענגסטע אויספאָרשונג” און צושטעלען איהם וועגען אַלץ, וואָס עס וועט ענטדעקט ווערען. די פינסטערע פערשווערער האָבען געהאַט אַ וויכטיגען נצחון — די בעשולדיגונג, וואָס זיי האָבען בעשאַפען, איז ניט בלויז בענייט געוואָרען, נאָר זי האָט פעראינטערעסירט אַפילו דעם קייזער.

דער גענעראַל־גובערנאַטאָר, פירשט כאָוואַנסקי איז געווען אַ גרויסער רעאַקציאָנער און אַ פערברענטער אַנטיסעמיט. ער האָט געהאַלטען אין איין דריקען אידען און טרייבען אידישע ישוב'ניקעס פון די דאָרפישע געגענדען. דער קייזערליכער בעפעהל וועגען טערענטיעוואַ'ס בקשה איז פאַר איהם געווען אַ כשר'ע מציאָה. און ווען אַלעקסאַנדער איז אין אַ קורצע צייט דערנאָך געשטאָרבען, און דער טראָהן איז אַריבער צו ניקאָלאַי דעם ערשטען, האָט כאָוואַנסקי נאָך פיעל פלייסיגער זיך גענומען פאַר דעם וועליזשער ענין. ער האָט געוואוסט ניקאָלאַי'ס פיינדליכע בעציהונג צו אידען און געשפירט, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַ גוטע געלעגענהייט שטאַרק אויסצונעהמען ביי דעם נייעם קייזער. די אויספאָרשונג האָט כאָוואַנסקי אַרויפגעלעגט אויף אַ בעזונדער קאָמיסיע, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפיהרט זיין פערטרויטער בעאַמטער, סטראַכאָוו. אַ פערביסענער, איינגעשפאַרטער מענש, מיט אַ פעסטען ווילען, אַ גזלן און רשע, איז סטראַכאָוו געווען אידען אַ דם שונא. צי ער איז ווירקליך געווען איבערצייגט, אַז זיי געברויכען טאַקע קריסטליך בלוט, אָדער דאָס איז ביי איהם געווען בלויז אַן אָנשטעל, איז שווער צו זאָגען אויף געוויס. אָבער פון דער ערשטער מינוט אָן איז זיין אויפגאַבע געווען — דערוויזען דורכאויס, ניט אָבשטעלענדיג זיך פאַר קיין שום זאַך, אַז דער'הרג'עט דאָס רוסישע קינד האָבען אידען, וויל לויט די געבאָטען פון זייער גלויבען האָבען זיי בעדאַרפט זיין בלוט.

סטראַכאָוו איז אין אָנהויב אָקטאָבער 1825 שטילערהייד געקומען צופאָהרען קיין וועליזש. גאַנצע זעקס וואָכען האָט ער זיך בעהאַלטען, און אין שטאָדט האָט מען ניט געוואוסט, אַז ער געפינט זיך דאָ. אַ פערשטעלטער, אָנגעטהאָן אין פשוט'ע קליידער, האָט ער זיך געדרעהט נעבען דער גרויסער שוהל און איבער די גאַסען, זיך דערוואוסט, וואו און אין וועמס שכנות יעדערער פון די מעהר אָנגעזעהענע וועליזשער אידען וואוינט, אַלץ אויסגעקוקט; אַריינגעגאַנגען אין די שענקען און צוגעהערט זיך צו די דאָרטיגע רייד, געלויערט און גענישטערט. ער פלעגט זיך שטילערהייד זעהן מיט דעם גלח טאַראַשקעוויטש, מיט דעם שטאָדט גאָלאָוואַ כרר־

לעוויטש און פיהרען מיט זיי לאַנגע געשפּרעכען, בעקומענדיג פון זיי די נויטיגע מאַטעריאַלען און ערקלערונגען. אַן אַפּטער שטילער איינגעהער איז ביי איהם געווען אויך דער לעהרער פּעטרישק, וועלכער פלעגט פאַר איהם מאַכען איבערזעצונגען און אויסצוגען פון פוילישע אַנטיסעמיטישע ווערק וועגען דעם בלוט־בלבול. נאָכדעם ווי סטראַכאָוו האָט זיך אויף אַזאַ אופן געהעריג צוגעגרייט, איז ער אָפיציעל צוגעטראָטען צו דער אַרבייט, און די קאָמיסיע האָט אָנגעהויבען איהר אויספאָרשונג. ראשית־כל האָט סטראַכאָוו דעם 19־טען נאָוועמבער אַרעסטירט מאַריאַ טערענטיעוואַ — און שוין אין דריי טעג אַרום איז פאָרגעקומען עפּיס, אויף וואָס קיינער האָט זיך ניט געקאָנט ריכטען: דעם 22־טען נאָוועמבער, ביים פערהער אין דער קאָמיסיע, האָט טערענטיעוואַ ערקלערט, דאָס זי אַליין האָט זיך, איינאיינעם מיט אידען, בעטייליגט אין דער'הרג'ענען דעם קליינעם פיאָדאָר'ן.

אַז סטראַכאָוו האָט, ניט פערמאָגענדיג קיין שום בעוויז געגען דער אידישער „שולד", דורכאויס געדאַרפט עמיצען פון די מערדער, יענער זאָל זיך מודה זיין אין דעם פערברעכען, דאָס איז פאָלקאָם פערשטענדליך. קלאָר איז אויך, דאָס סטראַכאָוו האָט לכתחילה געוואוסט, דאָס קיין איין איד וועט זיך אין דעם אויסגעטראַכטען פערברעכען ניט מודה זיין, און אַז דערויף מוז מען האָבען עפּיס אַ קריסט, וואָס האָט כלומרשט אַנטייל גענומען אין דעם „אידישען" מאָרד. דאָס אַלץ איז פערשטענדליך, גרינג צו בעגרייפען. ווי אַזוי אָבער איז עס געשעהן, אַז טערענטיעוואַ האָט זיך אַליין פון אַן עדות פערוואַנדעלט אין אַ מיטשולדיגע פערברעכערין? — דאָס איז פערבליבען אַ רעטעניש. מעגליך, אַז סטראַכאָוו האָט די אונווי־סענדע, פינסטערע גויע אָנגעסטראַשעט, אַז דערפאַר וואָס זי האָט זיך דערוועגט אָבצונאַרען דעם קייזער, אַרויסגעבענדיג זיך פאַר פיאָדאָר'ס מוטער, קומט איהר די האַרבסטע שטראָף, און די איבערגעשראָקענע טערענטיעוואַ האָט שוין געטהאָן אַלץ, וואָס ער האָט איהר געהייסען. עס קאָן אויך געמאָלט זיין, אַז ער האָט איהר איבערגערעדט מיט גוטען און צוגעזאָגט, אַז אויב זי וועט ערפילען זיין פערלאַנג, וועט זי אַלענפאַלס אַרויס ריין און נאָך בעקומען אַ רעכטע בעלוינונג. און אפשר האָט דאָ לכתחילה די הויפּט־ראָלע אָבגעשפּילט דער גלח טאַראַשקעוויטש, וועלכער האָט, ווי מיר וועלען ווייטער זעהן, געהאַט אויף טערענטיעוואַ'ן אַ גרויסע ווירקונג.

ווי אַזוי די זאַך זאָל אָבער ניט האָבען געשעהן, האָט טערענטיעוואַ שוין ביים ערשטען פערהער אין דער קאָמיסיע זיך „מודה" געווען אין איהר שולד און דערצעהלט, דאָס זי האָט אינאיינעם מיט פיעל אידען אין חנה צייטלינ'ס וואוינונג און ביי סלאָווע בערלין, אין מירעל אַראָנ־

סאַנ׳ס הויז, געשטאָכען און געמוטשעט דעם קליינעם פיאָדאָר׳ן (וועלכען זי אַליין האָט, לויט חנה צייטלינ׳ס בקשה, אַהין פאַר פסח געבראַכט), געצאַפּט פון איהם דאָס בלוט. אויסער אויף מצה — אַזוי האָט זי ער־קלערט — ברויכען עס אידען אויך דעריבער, ווייל די קינדער ווערען ביי זיי געבוירען בלינדע, בעשמירט מען זיי די אויגען מיט קריסטליכע בלוט. ביי די פאָלגענדע פערהערען האָט זי שוין צעגעגעבען וויטערדיגע איינצעלהייטען, אָנגערופען נייע אידישע נעמען, דערצעהלט, ווי מען האָט געטונקט שטיקלעך לייוונט אין פיאָדאָר׳ס בלוט און זיי צוטיילט צווישען די אידען; ווי מען האָט דאָס איבעריגע בלוט אָנגעגאָסען אין אַ פעסעל און אין פלעשלעך, א. ד. גל. עס איז דאָך געווען אַ נאַטירליכע האַרבע קשיא: ווי שיקט עס זיך, אַז אידען זאָלען בעגעהן אַזאַ שרעקליך פער־ברעכען גראָד אין דער אָנוועזענהייט פון אַ קריסטין? האָט טערענטיעוואַ אויף דער פאָלגענדער זיצונג פון דער קאָמיסיע שוין ערקלערט, אַז אידען האָבען איהר מגייר געווען, געגעבען אַ נאָמען „לאה". און וואָס ווייטער, האָט זי, בעגיסענדיג זיך מיט טרעהרען און שלאָגענדיג זיך „על חטא", דערצעהלט אַלץ נייע פּרטים, ווי מען האָט געפּייניגט פיאָדאָר׳ן, געקייקעלט איהם אין אַ פאַס, ווי זי האָט אָבגעפיהרט זיין בלוט צו אידען קיין וויטעבסק און ליאָזנע, ווי אידען האָבען זיך איזדעקעוועט איבער קריסטליכע הייליגע בילדער און געהייסען איהר שפייען אויף זיי. און אין איהרע ווילד־פאַנ־טאַסטישע ערצעהלונגען האָט זי אַריינגעצויגען אַלץ נייע אידען, וואָס האָבען זיך כלומרשט אינאיינעם מיט איהר בעטייליגט אין די שרעקליכע מעשים. זי פלעגט כסדר אַריינפאַלען אין ווידערשפּרוך מיט קלאָרע, אויב־צווייפעלהאַפטע פאַקטען, אָדער מיט זיך אַליין. אָבער אויף דער פאָלגענ־דער זיצונג, נאָכדעם ווי זי האָט אינצווישען בעקומען די נויטיגע אָנווייזונגען, פלעגט זי שוין אַריינטראָגען די פּאַסיגע ענדערונגען און זאָגען דאָס, וואָס סטראַכאָוו האָט געברויכט. אַזוי, צום ביישפּיעל, האָט זי לכתחילה דערצעהלט, אַז לויט דער בקשה פון אידען האָט זי פיאָדאָר׳ס קערפּער אַראָבגעלאָזט מיט אַ שטיין אין טייך אַריין. דאָס איז אָבער געווען אַ צו האַמעטנער ליגען, וואָרום דעם טויטען פיאָדאָר׳ן האָט מען דאָך געפונען אין וואַלד, נעבען וועג. האָט טערענטיעוואַ אויף דער נאָהענטסטער זיצונג ערקלערט, דאָס זי האָט זיך איצט „דערמאָהנט", אַז די זאַך איז געווען אַנדערש — זי האָט דאָס דער׳הרג׳עטע קינד אַוועקגעטראָגען אין וואַלד.

ווי אַ קופּע שניי, קייקעלענדיג זיך באַרג־אַראָב, פערוואַנדעלט זיך אין אַ מורא׳דיגע לאַווינע, אַזוי זיינען טערענטיעוואַ׳ס שקרים כסדר גע־וואַקסען, אַריינבעהמענדיג אין זיך אַלץ נייע מענשען און מעשיות. באַלד האָט זי דערצעהלט, אַז אויסער איהר האָבען זיך אינ׳ם פּייניגען דאָס קינד בעטייליגט נאָך צוויי קריסטינס — חנה צייטלינ׳ס געוועזענע דיענסט

מאַקסימאָוואַ און מירעל אַראָנסאָנ׳ס אַמאָליגע דיענסט קאָזלאָווסקאַיאַ. ביים פערהער האָבען יענע אַפריהער געהאַט ערקלערט, דאָס זיי ווייסען פון קיין שום זאַך ניט. דערנאָך האָבען זיי זיך „דערמאָהנט״, אַז טערענ־טיעוואַ איז טאַקע גערעכט, זיי האָבען אַלץ געזעהן און אַפילו אין אַלץ זיך בעטייליגט. און נאָך איין קריסטין האָט טערענטיעוואַ אַריינגעצויגען — בערלינ׳ס דיענסט קאָוואַליאָווא. יענע האָט אַפריהער אַלץ אָבגעלייקענט; שפּעטער האָט זי אויך אָנגערעדט אויף איהרע בעלי־בתים, אָבער דאָס געוויסען האָט איהר ניט געגעבען קיין רוה, און זי האָט זיך אין דער טורמע אויפגעהאַנגען. דאָך האָט שוין די קאָמיסיע פערמאָגט גאַנצע דריי קריסטליכע „עדות״ און צוגלייך „טיילנעהמער״ אין דעם שרעקליכען אידישען פערברעכען. זיי דרייען האָט מען געהאַלטען אַרעסטירט אין דעמזעלבען הויז, וואו סטראַכאָוו האָט געוואוינט, און ער האָט געהאַט די פולע מעגליכקייט צו זעהן זיך מיט זיי בישט נור ביים אָפיציעלען פערהער אין דער קאָמיסיע. די ערקלערונגען פון די דריי גויעס, וואָס האָבען געהאַלטען אין איין אָנהויפען נייע ליגענס, האָבען נאַטירליך זעהר אָפט צווישען זיך נישט געשטימט. אָבער צו דער פאָלגענדער זיצונג פלעגט שוין אַלץ אויסגעגליכען ווערען, און אַלע דריי האָבען גערעדט ווי איין מענש. דער אַרעסט, אין וועלכען מען האָט זיי געהאַלטען, איז ניט געווען קיין צו שטרענגער. דער שוסטער אַדזאַקעוויטש פלעגט גאַנץ אָפט צו זיי אַריינקומען. אויך האָט מען צו זיי אַריינגעלאָזט אַנדערע פון די וועליזשער קריסטען, וואָס האָבען זיך אינטערעסירט מיט דער אויספאָרשונג. און ווען עס פלעגט זיך אָפטמאָל טרעפען, אַז די דריי גויעס האָבען זיך איינגע־שפּאַרט און ניט געוואָלט זאָגען דאָס, וואָס סטראַכאָוו האָט געברויכט, פלעגט מען זיי איינציגווייז אָדער אינאיינעם פיהרען צו דעם גלח טאַראַש־קעוויטש, יענער זאָל זיי „מוסר׳ן״, געבען די נויטיגע „רעליגיעזע בעלעה־רונגען״. נאָך די וויזיטען צו דעם גלח פלעגט אַלץ קומען אין אָרדנונג, די גויעס פלעגען זיך „דערמאָהנען״ אָן אַזעלכע זאַכען, וואָס זיי האָבען פריהער געהאַט פערגעסען, און בעשטעטיגען, וואָס סטראַכאָוו האָט פער־לאַנגט.

מיט דער הילף פון די דריי קריסטינס, וועלכע האָבען בעוויזען אַלץ, וואָס סטראַכאָוו האָט זיי געלערענט און דיקטירט, האָט ער שוין אין מערץ 1826 צונויפגעפּעקעלט דעם הויפּט-מאַטעריאַל אויף צו פערפיהרען דעם פּראָצעס. איצט האָבען זיך אָנגעהויבען אַרעסטען צווישען אידען. דער 70־יאָהריגער מירעל איז באַשערט געווען אויסצומיידען די טורמע — זי איז אינצווישען געשטאָרבען. אָבער כמעט דאָס גאַנצע הויזגעזינד איהרעס האָט זיך יאָהרען לאַנג געמאַטערט אין דער תפיסה, און אייניגע זיינען שוין פון דאָרטען ניט אַרויס. די ערשטע איז אַרעסטירט געוואָרען מירעל׳ס

טאָכטער, סלאַווע בערלין, מיט חנה צייטלין, און שפּעטער האָט מען אַריינ־געזעצט נאָך 42 אידען מאַנסלייט און פּרויען, מייסטענס פון די אָנגעזעהענע וועליזשער משפּחות און טהוער. צווישען די אַרעסטירטע האָבען זיך גע־פונען דער ראַטמאַן פון מאַגיסטראַט אייזיק צייטלין (חנה'ס מאַן), פּיעלע סוחרים און חשוב'ע בעלי־בתים. עס זיינען געוועזען הויזגעזינדען (למשל, צווישען די בערלינ'ס), וואו אַלע — מאַן און ווייב אינאיינעם מיט די קינדער, און אַמאָל אויך מיט אייניקלעך — זיינען אַרעסטירט געוואָרען.

אין דעם קליינעם וועליזשער אָסטראָג האָט ניט געקלעקט קיין אָרט, זיינען נאָך עטליכע פּריוואַטע הייזער פערוואַנדעלט געוואָרען אין טורמעס. אַלע אַרעסטירטע האָט מען געשמידט אין קייטען, פּונקט ווי זיי וואָלטען שוין געווען פערורטיילטע קאַטאָרזשניקעס. געהאַלטען האָט מען די אַרעסטאַנטען, סיי מאַנסבילען, סיי פרויען, שטרענג אָבגעזונדערט, אין איינצעלנע קאַמערן, און מען פלעגט קיינעם צו זיי ניט דערלאָזען. איינע פון די אָנגעקלאָגטע, די יונגע, בילד־שענע שפרה בערלין האָט סטראַכאָוו אַ צייט לאַנג געהאַלטען אַרעסטירט אין אַ בעזונדער צימער נעבען זיין וואוינונג, פון וועלכער זי איז געווען אָבגעטיילט בלויז דורך אַ דינע ווענטעל (איהר מאַן, ווי אויך דער שווער מיט דער שוויגער זיינען געזעסען אין טורמע). דאָ, אין דער שטענדיגער שכנות פון דעם גרויזאַמען אויס־פאָרשער און פון די דריי פּרעכע, געוויסענלאָזע רוסישע עדות'טעס, איז די אונגליקליכע שפרה אויסגעשטאַנען אַזוי פיעל מאָראַלישע און פיזישע ענויים, דאָס זי האָט ענדליך ניט אויסגעהאַלטען און איז דאָ געשטאָרבען. די בעהאַנדלונג מיט די אַרעסטירטע איז געווען גרויזאַם. מען האָט זיך איבער זיי אָהן אויפהער איזדעקעוועט, כסדר זיי דערנידעריגט, געסטראַ־שעט. אָבער מיט דעם האָט מען זיך ניט בענוגענט. די קרובים איז פער־באָטען געוואָרען צו שיקען זיי שפּייז. די אַרעסטאַנטען האָט מען גענומען אויף שווערסטע, שמוציגסטע אַרבייט, און ביי איינינע האָט מען אַ העלפט באָרד און קאָפּ אָבגעגאָלט. אויסער די פערהערען אין דער קאָמיסיע, פלעגט סטראַכאָוו ביי־נאַכט בעזוכען די אונגליקליכע אין זייערע איינצעל־קאַמערן, און די געשרייען פון די געפּייניגטע פלעגען אָפט וואַרפען אַ טויט־שרעק אויף אַלעמען אין די אַרומיגע הייזער.

דערווייל האָט טערענטיעוואַ ווייטער געפלאָכטען דעם פּלאָנטער פון פאַנ־טאַסטישע מעשיות אוןווילדע ליגענס, און די ביידע חבר'טעס האָבען איהר אין אַלץ אונטערגעבאָמקעט. איצט איז אויסגעקומען, אַז אידען האָבען איהר ניט בלויז מגייר געווען, נאָר אַפילו חתונה געמאַכט; אַז מגייר געווען האָט מען אויך מאַקסימאָווא און קאָזלאָווסקאַיאַ; אַז דאָס קריסטליכע בלוט האָט מען פערברויכט אי אויף מצה, אי סוכות צייט אויף חלה, אי צוגע־מישט עס צו וויין, א. אַז. וו. פאַר סטראַכאָוו'ן אָבער איז דאָס אַלץ ניט

געוועז גענוג וואַגיג. זיין פּלאַן האָט געפּאָדערט, עס זאָל וואָס קלאָרער „פעסטגעשטעלט" ווערען, דער פעסטער צוזאַמענהאַנג צווישען דעם גע־שעהענעם „פערברעכען" און דער אידישער א מ ו נ ה. פריהער האָבען די דריי עדות'טעס דערצעהלט, אַז געפּייניגט האָט מען דאָס קינד ביי חנה ציטלין און ביי די בערלין'ס אין מירעל אַראָנסאָנ'ס הויז. אין יולי 1826 אָבער האָט די קאָמיסיע אַרויסגעפונען אַ נייעם, אויסערסט וויכטיגען „פאַקט": טערענטיעוואַ האָט ביים פערהער בעוויזען (און די אַנדערע צוויי האָבען עס, פערשטעהט זיך, בעשטעטיגט), אַז נאָך די ענויים ביי חנה ציטלין און ביי די בערלינ'ס האָט מען דעם קליינעם פיאָדאָר'ן געבראַכט אין דער גרויסער ש ו ה ל, דאָ האָבען איהם אידען ווידער געפּייניגט, געשטאָכען, געצאַפּט פון איהם דאָס בלוט, און ער האָט טאַקע דאָ אין דער שוהל אויסגעהויכט די נשמה.

דער גענעראַל־גובערנאַטאָר כאַוואַנסקי, וועלכער פלעגט פון דעם גאַנג פון דער אויספאָרשונג ראַפּאָרטירען דעם קייזער, האָט וועגען אָט דעם נייעם שרעקליכען „פאַקט" מיטגעטיילט קיין פעטערבורג, און אין סוף אויגוסט 1826 האָט ניקאָלאַי דער 1־טער בעפוילען: „אַזוי ווי דאָס גע־שעהעניש בעווייזט, אַז אידען נוצען אויס בייזוויליג די דולדזאַמקייט, מיט וועלכער מען בעציהט זיך צו זייער רעליגיע, — זאָל מען, כדי אַנצושרעקען אַנדערע און געבען זיי אַ ביישפּיעל, פ ע ר ' ח ת מ ' ע נ ע ן א י ן ו ו ע ל י ז ש ביז אַ בעזונדער בעפעהל אַ ל ע א י ד י ש ע ש ו ה ־ ל ע ן, ניט ערלויבענדיג דאַווגען אין די דאָרטיגע שוהלען, ניט נעבען זיי".

דעם קייזער'ס בעפעהל האָט דייטליך אָנגעוויזען אויף דעם ר ע ל י ־ ג י ע ז ע ן (און אַלזאָ: אַלגעמיין־אידישען) כאַראַקטער פון דער בעשול־דיגונג. כאַוואַנסקי און סטראַכאָוו האָבען טריאומפירט און פאַר די וועליזשער אידען האָבען זיך אָנגעהויבען נאָך פיעל שרעקליכערע ליידען.

II.

דעם צאַר ניקאָלאַי'ס בעפעהל וועגען פערמאַכען אין וועליזש אַלע שוהלען, וואָס איז אָבגעגעבען געוואָרען אין אַ יאָהר נאָכדעם, ווי עס איז ענטשטאַנען דער דאָרטיגער בלוט־בלבול, איז געוועזען אַ שרעקליכער קלאַפּ פאַר אידען. עס איז זיך גרינג פאָרצושטעלען די מאָראַלישע ליידען פון פרומע מענשען (און וואָסער איד איז אין יענע צייטען ניט געוועזען פרום?), ווען עס איז פערבאָטען געוואָרען אָבצוהיטען עפענטליך גאָטעסדיענסט. די זאַך האָט נאָך געהאַט אַ בעזונדערס גרויסע און טרויעריגע בעדייטונג, דערפאַר ווייל דורך דעם קייזערליכען בעפעהל איז בפירוש אונטערשטראָ־כען געוואָרען דער רעליגיעזער כאַראַקטער פון דער בעשולדיגונג. פון

איצט אָן איז זי שוין דירעקט געווענדעט געווען ניט בלויז געגען יענע וועליזשער אידען, וואָס זיינען אַריינגעצויגען געוואָרען אין דעם פּראָצעס, נאָר געגען דעם אידישען גלויבען, געגען אידען בכלל.

דער בעפעהל איז אָנגעקומען קיין וועליזש קורץ פאַר ראש־השנה, און ער איז ערפילט געוואָרען מיט דער גרעסטער האַסטיגקייט. אַלע שוהלען און בתי־מדרשים זיינען פער׳חתמ׳ט און פערשלאָסען געוואָרען; די ספרי־תורות האָט מען פון זיי אַרויסגענומען און זיי אָוועקגעטראָגען אין פּאָליציי, וואו זיי זיינען געלעגען פערשפּאַרט. מען האָט געזוכט איבער די הייזער, און וואו מען פלעגט געפינען ספרי־תורות, האָט מען זיי צוגענומען אויך פון שטוביגע מנינים און ביי פּריוואַטע מענשען. די גרויסע אַלטע שוהל האָט מען אַרומגענומען מיט אַ לאַנגער אייזערנער קייט און געשטעלט אַ סאָלדאַט, וואָס פלעגט קיינעם ניט דערלאָזען צו צוגעהן נאָהענט. גאַנצע ניין יאָהר זיינען אַלע וועליזשער שוהלען געווען פערשלאָסען. דער וועג צו יעדער שול איז פערוואַקסען געוואָרען מיט הויכע גראָז און קראָפּיווע, און ווינטער־צייט זיינען זיי געווען אַרומגערינגעלט מיט בערג שניי. פאַר די גאַנצע ניין יאָהר האָט מען נאָר איין מאָל אויפגעעפענט די גרויסע שוהל — דעמאָלט, ווען די קאָמיסיע איז, לויט דער מסירה פון אַ משומד, געקומען אַהער זוכען אַ ספר, וואו עס ווערט כלומרשט גערעדט וועגען דער „מצוה" פון געברויכען קריסטליך בלוט. מען האָט פּרובירט מאַכען מנינים אין אַרומיגע קרעטשמעס. האָט אָבער די פּאָליציי זיך דערפון דערוואוסט, צוטריבען דעם עולם און אָבגענומען די ספרי־תורות מיט די סידורים. מען האָט בעהאַלטענערהייד געדאַווענט בציבור אין פינסטערע קעלערס, ווי אַמאָל די מאַראַנען אין שפּאַניע, ציטערענדיג יעדע מינוט, פּאָליציאַנטען זאָלען זיי דאָ ניט ענטדעקען. אַ חושך האָט זיך פערשפּרייט איבער וועליזש. אַ סך מענשען זיינען אַנטלאָפען, מען זאָל זיי ניט אַרעסטירען, פון אַנדערע שטעדט האָט מען מורא געהאַט אַהער צו קומען. דאָס לעבען אין וועליזש האָט זיך אָבגעשטעלט, די גאַסען זיינען ווי אויסגעשטאָרבען.

פיער און פערציג מענשען, מאַנסלייט און פרויען, זיינען געזעסען אין אָסטראָג און אין פּריוואַטע הייזער, וואָס מען האָט פערוואַנדעלט אין טורמעס. עס איז ניט געווען אין וועליזש קיין מעהר אָדער ווייניגער אָנגעזעהענע אידישע פאַמיליע, פון וועלכער מען זאָל ניט האָבען אַרעסטירט עמיצען, און אַמאָל אַפילו עטליכע. בעזונדערס האָט געליטען די פערמעגליכע משפחה בערלין: זי האָט געגעבען גאַנצע זיבען קרבנות. ניט ווייניג מענשען זיינען אַרויסגעריסען געוואָרען אויך פון אַן אַנדער פאַמיליע, וואָס איז געווען געאַכט אין שטאָדט — אַראָנסאָן. אַרעסטירט געוואָרען זיינען אַזיגע, וואָס זיינען דעמאָלט, ווען מען האָט דער׳הרג׳עט פיאָדאָר׳ן,

אַלט געווען בלויז 10—12 יאָהר. אויפגעהאַלטען זיך אין טורמע האָבען אויך גאָר קליינע קינדער. לאה רודניאַקאָוו, למשל, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרען גלייכצייטיג מיט איהר מאַן, האָט מיטגענומען אין טורמע אַריין איהר זוהן לייזער'ן, וועלכער האָט דאַן ערשט אָנגעהויבען געהן. דאָ, אין דער איינצעל-קאַמער ביי דער מוטער, איז ער געוואַקסען, און ווען לייזער איז בעפרייט געוואָרען אינאיינעם מיט זיינע עלטערן, איז ער שוין געווען אין צוועלפטען יאָהר. עס זיינען אָבער געווען אויך אַזוינע, וואָס האָבען די שרעקליכע ליידען ניט אויסגעהאַלטען און שוין ניט דערלעבט אַרויסצו־געהן אויף דער פרייער וועלט. געשטאָרבען אין דער טורמע זיינען: די יונגע שפרה בערלין, איהר שווער, דער סוחר שמריה בערלין, דער 18־יאָהריגער יעקב-הירש אַראָנסאָן, זעליג ברוסאָוואַנסקי און אברהם פּאָסעלעני.

די בעציהונג צו די אַרעסטירטע איז געווען שרעקליך גרויזאַם. מען האָט זיי געהאַלטען געשמידטע אין קייטען, ווי קאַטאָרזשניקעס, איינציגווייז אין בעזונדערע קאַמערען, און קיינעם צו זיי ניט דערלאָזט. אַ צייט מיט יאָהרען זיינען זיי אויסגעשטאַנען הונגער, קעלט, שווערע בעליידיגונגען און קלעפּ. ווען עס פלעגט טרעפען, אַז עמיצער פון די אַרעסטירטע איז געשטאָרבען, האָט מען דעם קערפּער, ווי אַ פּאַדלע, אַרויסגעוואָרפען פון טורמע אויף דער גאַס, וואו די חברה-קדישא פלעגט איהם צונעהמען. דער יונגער יעקב-הירש אַראָנסאָן, ווי מיר האָבען אויבען דערמאָהנט, איז אין דער טורמע קראַנק געוואָרען אויף סוכאָטע (טובערקולאָז). צוליעב שווערע לעבענס-בעדינגונגען אין דער תפיסה האָט די קרענק, נאַטירליך, זיך צעוואָקסען מיט דער גרעסטער גיכקייט. ער האָט אָנגעהויבען שפּייען מיט בלוט, די כחות זיינען איהם אויסגעגאַנגען, און וואָס אַ טאָג איז ער גע־וואָרען אַלץ שוואַכער. ער האָט געבעטען רחמים, מען זאָל פון איהם אַראָבנעהמען די קייטען, וואָרום סיי־ווי קען ער זיך ניט אַ ריהר טאָן פון אָרט, אָבער סטראַכאָוו, דער האַרצלאָזער, גזלנ'ישער פּאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט געפיהרט די אויספאָרשונג, האָט דאָס ניט ער־לויבט. יעקב-הירש'ס מוטער האָט זיך מיט טרעהרען געבעטען ביי סטראַ־כאָוו'ן צו ערלויבען נעהמען דעם טויט-קראַנקען זוהן צו איהר, ער זאָל שטאַרבען אין דער-היים, נאָר יענער האָט וועגען דעם ניט געוואָלט הערען. זי האָט דערלאַנגט אַ בקשה צו דעם וויטעבסקער גענעראַל-גובערנאַטאָר פירשט כאָוואַנסקי, אָבער כאָטש דער דאָקטאָר האָט בעשטעטיגט, אַז דער יונגער אַראָנסאָן האַלט ביים שטאַרבען, איז איהר בקשה אָבגעוואָרפען געוואָרען. מען האָט אַפילו ניט ערלויבט, עמיצער זאָל קומען מיט איהם זאָגען וידוי, און דער אונגליקליכער איז געשטאָרבען אין טורמע איינער אַליין, אין קייטען.

דער קייזערליכער בעפעהל וועגען די שוהלען, וואָס האָט קלאָר בעוויזען, אַז ניקאָלאַי גלויבט אין דעם בלוט-בלבול, האָט דעם וויטעבסקער גענעראַל-גובערנאַטאָר כאָוואַנסקי און סטראַכאָוו'ן צוגעגעבען נאָך מעהר מוטה. די אויספאָרשונג איז געפיהרט געוואָרען אויף אַן עכט אינקוויזיטאָרישען אופן. ביים פערהער אין דער קאָמיסיע פלעגט סטראַכאָוו די אָנגעקלאָגטע זידלען,



די גרויסע וועליזשער שוהל

סטראַשען, שטויסען, וואַרפען זיך אויף זיי מיט די קולאַקעס. טערענטיעוואַ איז געווען שרעקליך אויפגעבראַכט, וואָס די אידען ווילען ניט בעשטעטיגען איהרע ווילדע ליגענס, פלעגט זי זיי אָפטמאָל שלאָגען, רייסען זיי פאַר די האָהר אָדער בערד, און די בעאַמטע האָבען זיך געמאַכט ניט זעהענדיג. אַ שרעקליכע פיין איז פאַר די פרומע מענשען געווען, וואָס מען האָט זיי מיט געוואַלט געצוואונגען אונטערצושרייבען אום שבת די פראָטאָקאָלען, וואו די קאָמיסיע האָט פערצייכענט זייערע ערקלערונגען. דער פערהער האָט זעהר אָפט געדויערט כסדר אַכטצעהן שעה, און די גאַנצע צייט האָט מען דעם אָנגעקלאָגטען געניט צו שטעהן אויף די פיס, ביז ער פלעגט אַן אויסגעמאַטערטער פאַלען אין חלשות. אַפילו ביי-נאַכט האָבען די אונ-

גליקליכע ניט געהאַט קיין רוה. סטראַכאָוו פלעגט צו זיי קומען פיהרען „געשפּרעכען" אונטער פיער אויגען, און פון די אָבגעזונדערטע איינצעל-קאַמערן האָבען זיך דאַן געהערט שרעקליכע וועה-געשרייען פון די געפּייניגטע. די קרובים פון אייניגע אַרעסטירטע האָבען פון וועליזש דערלאַנגט קיין פּעטערבורג בקשות מכח די פּייניגונגען, וואָס די אָנגעקלאָגטע שטעהען אויס. לויט ניקאָלאַי'ס בעפעהל איז קיין וועליזש קאָמאַנדירט געוואָרען דער פליגעל-אַדיוטאַנט שקורין, ער זאָל זיך געפינען ביי דער אויספאָרשונג און אַכטונג געבען אויף איהר גאַנג. דאָס האָט אָבער קיין שום נוצען ניט געבראַכט. סטראַכאָוו האָט שקורינ'ען איבערגעצויגען אויף זיין זייט, איינגערעדט איהם, אַז די בלוט-בעשולדיגונג איז קלאָר בעוויזען געוואָרען, און אַלץ איז ווייטער אַוועק ווי פריהער. איין רעזולטאַט האָט די זאַך יאָ געהאַט: סטראַכאָוו האָט אין גיכען אַריינגעזעצט אין טורמע אויך יענע אידען, וואָס האָבען זיך בעקלאָגט אויף די ליידען פון זייערע קרובים.

ניט געהאָלפען האָבען אויך די בעמיהונגען פון דעם אַרעסטירטען שמריה בערלינ'ס שוואָגער, הירש ברוידאָ, וואָס האָט שטענדיג געלעבט אין פּעטערבורג. ער האָט זיך געווענדט אין סענאַט מיט אַ בקשה, וואו ער האָט אָנגעוויזען אויף די צרות, וואָס די אַרעסטירטע ליידען. אויך האָט ער אויסגערעכענט די פיעלע אונגעזעצליכקייטען, וואָס די קאָמיסיע איז בעגאַנגען: מען האָט די מענשען געשמידט אין קייטען, כאָטש זיי זיינען מעהר נישט ווי אָנגעקלאָגטע, אָבער ניט קיין פּעראורטיילטע מערדער; אַ טייל פון זיי ווערען געהאַלטען ניט אין דער טורמע, נאָר אין פּריוואַטע הייזער, און אַפילו אין אַ בעזונדער קאַמער ביי סטראַכאָוו'ס וואוינונג; נאָך די ילולות און וועה-געשרייען, וואָס פלעגען זיך ביי-נאַכט הערען אין דער טורמע, האָבען די קרובים געבעטען, עס זאָל געמאַכט ווערען אַ מעדיצינישע אונטערזוכונג וועגען דעם צושטאַנד פון די געפּייניגטע, אָבער זייער פאָדערונג איז ניט ערפילט געוואָרען, און מען האָט אומגעקערט זייער שריפטליכע בקשה. לויט דעם געזעץ, — האָט זיך ברוידאָ ווייטער בעקלאָגט, — מוז יעדע אויספאָרשונג וועגען אַ קרימינעלען פערברעכען פערענדיגט ווערען אין פערלויף פון זעקס מאָנאַטען, אָבער די אונטערזוכונג אין וועליזש ציהט זיך שוין צווי יאָהר, און ס'איז נאָך אַפילו ניט צו זעהן, ווען עס וועט צו איהר קומען אַ סוף. זעהר וויכטיג איז געווען נאָך אַן אַנדער אונגעזעצליכקייט, אויף וועלכער עס האָט אָנגעוויזען ברוידאָ: דאָס דעמאָלטיגע געזעץ האָט געפאָדערט, אַז אין יעדער קרימינעלער אויספאָרשונג זאָל זיך דורכאויס בעטייליגען אַ פערטרעטער פון יענעם שטאַנד, צו וועלכען דער אָנגעקלאָגטער האָט אָנגעהערט. אויב ער איז, למשל, געווען אַ דוואָריאַנין (אַן אַדעליגער), האָט זיך ביי דער אונטערזוכונג געמוזט שטענדיג געפינען אַ פאָרשטעהער פון די דוואָריאַנעס; ווען

די אָנקלאָגע איז געווען געווענדעט געגען אַ גלח, דאָן האָט געמוזט אָנטייל נעהמען אין דער אויספאָרשונג אַ פערטרעטער פון דעם גייסטליכען קלאַס, א. אַז. וו. דער מיין פון דעם געזעץ איז דאָ געווען גאַנץ קלאָר: דאָס איז געווען אַ געוויסע גאַראַנטיע, אַז דער אָנגעקלאָגטער וועט ביי דער אויספאָרשונג ניט בלייבען פאָלקאָם שוצלאָז, אַז זיינע געזעצליכע רעכט וועלען אָבגעהיט ווערען. אָבער די וועליזשער קאָמיסיע האָט, ניט אַכטענדיג אויף דער בפירוש'ער פאָדערונג פונ'ם געזעץ, ניט צוגעצויגען צו דער אויספאָרשונג קיין שום אידען, און דאָס האָט זיך, נאַטירליך, געמוזט העכסט אונגינסיג אָברופען אויף דער בעהאַנדלונג מיט די אָנגעקלאָגטע און אויף דעם גאַנצען גאַנג פון דער אונטערזוכונג.

נאָכדעם ווי דער סענאַט האָט בעקומען הירש ברוידאָ'ס בקשה, האָט ער אָבגעגעבען אַ פעראָרדנונג, מען זאָל די אַרעסטירטע בעפרייען פון די קייטען. גלייכצייטיג האָט ער געפאָדערט פון דעם וויטעבסקער גענעראַל-גובערנאַטאָר אַן ערקלערונג וועגען אַלע די אונגעזעצליכקייטען, וואָס ברוידאָ האָט בעשריבען. אין זיין ענטפער צום סענאַט האָט כאָוואַנסקי, פערשטעהט זיך, אַלץ געלייקענט. ער האָט גע'טענה'ט, אַז קיינער פון די אַרעסטירטע האָט זיך ניט בעקלאָגט, מען זאָל איהם האָבען בעדריקט אָדער גאָר געפייניגט, — דאָס זיינען פרעכע ליגענס, וואָס ווערען אויסגעטראַכט דורך אידען, וועלכע ווענדען אָן אַלע מיטלען, אַז דאָס בלוטיגע אידישע פערברעכען געגען דעם קריסטליכען קינד זאָל אויף קיין פאַל ניט אויפגעדעקט ווערען... די פראַגע וועגען אַ שטענדיגען אידישען דעפוטאַט ביי דער אויספאָרשונג האָט פאַר כאָוואַנסקי'ן און סטראַכאָוו'ן מיט דער גאַנצער קאָמיסיע, נאַטירליך, געהאַט די גרעסטע בעדייטונג. וואָרום, זאָל נור דערלאָזט ווערען די בעטייליגונג פון אַזאַ פערטרעטער, וואָלט ער ענטפלעקט די אַלע ליגענס און באָבע-מעשיות, און עס וואָלט געמוזט ווערען אַ סוף צו די פעלשונגען, אונגעזעצליכקייטען און פייניגונגען. דאָס האָט כאָוואַנסקי בשום אופן ניט געוואָלט דערלאָזען. דעם פונקט פון אַ פאָרשטעהער פון אידען האָט דער גענעראַל-גובערנאַטאָר ניט געקאָנט אָב'פטר'ן מיט סתם דיבורים און אַלגעמיינע אָבלייקענישען; האָט ער געגעבען אַן אויספיהרליכע ערקלערונג, וועלכע איז העכסט כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין אויסערעסט פיינדליכע בעציהונג צו אידען בכלל.

די דריי קריסטליכע עדות'טעס, וואָס האָבען זיך מודה געווען אין דעם מאָרד, — האָט כאָוואַנסקי געשריבען אין זיין ענטפער צום סענאַט, — געדענקען נישט אַלע יענע אידען, וואָס האָבען אינאיינעם מיט זיי דערהרג'עט דאָס רוסישע קינד. עס קאָן דעריבער געמאָלט זיין, אַז דער דעפוטאַט זאָל זיין גראָד אַזאַ איד, וואָס האָט זיך אַליין בעטייליגט אין דעם מאָרד, אָדער וואָס ווייסט ווענינסטענס גענוי אַלע איינצעלהייטען פון דעם

אידישען פערברעכען. וועט ער דאך וועגען אלץ איבערגעבען יענע אידישע מערדער, וואס זיינען נאך ניט ארעסטירט געווארען, כדי זיי זאלען זיך בעצייטענס צוגרייטען צום פערהער אדער גאר אנטלויפען. צי קאן די קאמיסיע אויף אזא זאך איינגעהן? און אחוץ דעם, ווען דער דעפוטאט פון די אידען זאל אפילו צופעליג ניט זיין איינער פון די פערברעכער, קאן מען איהם נישט אריינגעהמען אין דער קאמיסיע נאך צוליעב אן אנדער גרונד: ווי אלע אנדערע מיטגלידער פון דער קאמיסיע, וועט דאך דער אידישער דעפוטאט מוזען געבען א שבועה, אז ער וועט טריי און עהרליך ערפילען זיין אמט. אבער עס איז דאך בעוואוסט, אז דער שבועה, וואס א איד גיט פאר קריסטען, קאן מען אויף קיין פאל ניט טרויען, בעזונדערס וואו עס האנדעלט זיך וועגען אידישע אינטערעסען; ווען א איד שווערט פאר קריסטען, נעהמט ער ביי זיך אויס, אז ער פערפליכטעט זיך צו קיין שום זאך נישט, און זיין גלויבען פאדערט פון איהם, ער זאל אין אזא פאל ברעכען די שבועה. מען קאן זיך, אלזא, נישט ריכטען, דער אידישער דעפוטאט זאל אין דער קאמיסיע ארענטליך, אהן פניות ערפילען זיינע פליכטען; פערקעהרט, מען קאן רעכענען אויף געוויס, אז ער וועט קיין שום זאך ניט האלטען בסוד, ער וועט געבען די פערברעכער אלע נויטיגע ידיעות און בכלל שטערען, דער אמת זאל ניט ענטדעקט ווערען.

צוליעב אט די אלע טעמים, האט כאוואנסקי אנגעוויזען, טאר מען דורכאויס קיין אידישען דעפוטאט ניט צולאזען צו דער אויספארשונג, וואס ווערט געפיהרט אין וועליזש, „אניט קאן די קאמיסיע אויף זיך נישט נעהמען די פעראנטווארטליכקייט פאר יענע פאלגען, צו וועלכע דאס קאן ברייננגען". אויסער דעם ענטפער, וואס ער האט געגעבען דעם סענאט, האט דער וויטעבסקער גענעראל-גובערנאטאר צוגעשטעלט א ראפארט מיט דעמזעלביגען אינהאלט דעם צאר ניקאלאי. אויך דער פליגעל-אדיוטאנט שקורין האט אבגעשיקט אויף דעם קייזער'ס נאמען א בעריכט, וואו ער האט בעשטעטיגט כאוואנסקי'ס אלע טענות און זיך ניט ווייניגער שארף ארויסגעזאגט געגען דער בעטייליגונג פון א אידישען דעפוטאט אין דער אונטערזוכונג. און ביידע האבען געהאט אפילו א פיעל גרעסערען ערפאלג, איידער זיי האבען זיך געריכט. דעם 28-טען סעפטעמבער 1827 האט דער קאמאנדיר פון דעם הויפט-שטאב איבערגעגעבען אין ניקאלאי'ס נאמען דעם פאלגענדען בעפעהל:

„זיין מאיעסטעט דער קייזער האט דעם וויטעבסקער גענעראל-גובערנאטאר געגעבען א בעזונדער אויפטראג, אכטונג צו געבען אויפ'ן געהעריגען און גערעכטען גאנג פון אט דעם אויסערארדענטליכען ענין; מיט דעמזעלבען צוועק האט זיין מאיעסטעט אויך קאמאנדירט זיינעם א פליגעל-אדיוטאנט. דעריבער האט זיין מאיעסטעט דער קייזער בעפוילען, אז ביז

וואָנען די אויספאָרשונג וועט ניט אינגאַנצען פערענדיגט ווערען, זאָל דער סענאַט איבערלאָזען די זאַך אין דעם פּאָלשטענדיגען רשות פון דעם וויטעבסקער גענעראַל-גובערנאַטאָר, לויט דער הויכער פּאָלמאַכט, וואָס איז איהם געגעבען געוואָרען. פון איהם, ווי אויך פון דעם פליגעל-אַדיוטאַנט וועט זיין מאַיעסטעט דער קייזער בעקומען מיטטיילונגען וועגען דעם גאַנג פון דער זאַך, און אין פאַל פון אַ צווייפעל, וועט ער אַליין זיי געבען די נויטיגע פאָרשריפטען".

פשוט גערעדט, האָט דאָס בעדייט: ניקאָלאַי האָט בעפוילען, אַז דער סענאַט זאָל זיך מעהר נישט מישען אין דער אויספאָרשונג. אַלץ איז גע-בליבען ווי פריהער. די קאָמיסיע האָט געקאָנט אונגעשטערט נאָך מיט מעהר פרעכקייט און בייזקייט הלומען זיך איבער די אונשולדיגע אידען.

די גרעסטע פּיין איז פאַר די אונגליקליכע געווען, ווען מען פלעגט זיי, די אויסגעמאַטערטע און איבערגעשראָקענע, שטעלען צום פערהער צוזאַמען מיט די דריי קריסטליכע עדות'טעס, און יענע פלעגען פרעך און געוויסענ-לאָז זיי בעשולדיגען אין ווילדע, אויסגעטראַכטע פערברעכענס, וועלכע זיי זיינען כלומרשט אינאיינעם בעגאַנגען. אַ טויט-שרעק, אַ פערצווייפלונג פלעגט זיי בעפאַלען, זעהענדיג ווי די קאָמיסיע האַלט מיט די בעטריגערינס, לעגט אַזוי פיעל געוויכט אויף זייערע שקרים, לערענט און דערמוטיגט זיי צו וויטערדיגע בלבולים. ווי עס איז צו זעהן פון די פּראָטאָקאָלען, האָבען זיך די אונגליקליכע פיעל מאָל געפּרואווט ווירקען אויפ'ן געוויסען פון די גוי'עס. מאַקסימאַווא, וואָס האָט אַמאָל גאַנצע אַכט יאָהר אָבגעדיענט אַלס שטוב-מיידעל ביי די צייטלינ'ס אין הויז, האָט איצט אויף זיי געשאָטען בלוטיגסטע בעשולדיגונגען. „גאָט איז מיט דיר, — האָט צו איהר מיט טרעהרען גע'טענה'ט די יונגען איטקע צייטלין, — דערמאָהן זיך, דו האָסט דאָך מיך אויף די הענד געטראָגען, דו ווייסט דאָך דעם אמת, טאָ ווי קאָנסטו אויף אונז אַזעלכע זאַכען אויסטראַכטען?" — „ליעבענקע, האַרציגע, — האָט זיך די גרייז-גרויע רבקה בערלין געבעטען ביי די עדות'טעס, — צי האָב איך אייך עפּיס שלעכטס געטהאָן, וואָס איהר טראַכט אויס אויף מיר אַזאַ זאַך? מען דאַרף דאָך שרייען געוואַלד!" אייזיק צייטלין, אַ בלייכער ווי קאַלך פון אויפרעגונג, האָט געשריען צו מאַקסי-מאַוואַ: „דו ווייסט דאָך קלאָר, אַז פיאַדאָר'ן האָבען מיר אַפילו אין די אויגען ניט אָנגעזעהן, היינט ווי קאָנסטו עס זאָגען, דאָס מיר האָבען איהם ביי אונז אין שטוב געפּייניגט?" — „מען דאַרף דאָך האָבען גאָט אין האַרצען, — האָט חנה וויינענדיג גע'מוסר'ט אַן אַנדער עדות'טע, — מען דאַרף טראַכטען וועגען גאָט און געדענקען, אַז מען וועט מוזען שטאַרבען! סטייטש, ניט שוין-זשע האָב איך עס טאַקע געטהאָן אַט דאָס אַלץ, וואָס דו דערצעהלסט?!"...

די אַלע טענות, טרעהרען און בקשות האָבען אָבער ניט געהאָלפען. די אויסגעלאָסענע, אָפּטמאָל שיכור'ע גוי'עס האָבען חוצפּה'דיג אין פּנים אַריין געוואָרפען די אָנגעקלאָגטע פערשידענע בלבולים, ווי דער האָט אינאיינעם מיט זיי געשטאָכען פיאָדאָר'ן, יענער אַנדערער האָט פון איהם געצאַפּט דאָס בלוט, דער דריטער האָט אונטערגעשטעלט אַ מולטער; ווי מען האָט דאָס רוסישע קינד דערנאָך געבראַכט אינאיינעם אין שוהל און דאָ ווידער געפּייניגט; ווי מען האָט דאָס בלוט אַריינגעגאָסען אין פלעש־לעך, א. אַז. וו., א. אַז. וו. יעדען פון די אָנגעקלאָגטע האָבען זיי „דער־מאָהנט", און געווי אויסגערעכענט וואָס, נעמליך, ער האָט געטהאָן. און דערביי האָבען זיי זיך געשלאָגען אין האַרצען, געשוואָרען, געוויינט און אָפּטמאָל פלעגען זיי ווערען אָנגעצונדען אויף די אידען, דערפאַר וואָס יענע ווילען זיך ניט מודה זיין, כאָטש זיי, די גוי'עס, וואָס זיינען אינאיינעם מיט די אידען בעגאַנגען דאָס פערברעכען, האָבען אָפענהערציג מודה געוועזען זייער שולד... „ווי האָסטו עס, סלאָווקע, ניט מורא פאַר גאָט? — האָט טערענטיעוואָ ביים פערהער אין דער קאָמיסיע געשריען אויף סלאָוועק בערלין, — ווי קאָנסטו עס לייקענען און זאָגען, אַז דו האָסט דאָס קינד ניט געשטאָכען? ווי דו האָסט דעמאָלסט, בשעת מעשה גערעדט, אַז דו וועסט עס אָבלייקענען, אַזוי טהוסטו עס טאַקע איצט! זיי זיך מודה, סלאָווקע!" „הער מיך אויס, שפרה, — האָט זי געטענה'ט צו דער קראַנקער שפרה בערלין, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס, — ווען איך זאָל האָבען אויף עמיצען כאָטש איין וואָרט אומזיסט אויסגעטראַכט, וואָלט גאָט מיר שוין לאַנג דערפאַר געשטראָפט! נאָר ווייל איך זאָג אי אויף זיך אַליין, אי אויף אידען דעם ריינעם אמת. טרעפט זיך אַמאָל, אַז איך בין שוואַך, אָבער אַזוי ווי דו, שפרה, מוטשע איך זיך נישט!" און ווען די אויסגעפּייניגטע, האַלב־טויטע שפרה האָט איינמאָל ניט אויסגעהאַלטען מאַקסימאָווא'ס מורא'דיגע בלבולים און איז אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד, צאַפּלענדיג זיך אין שרעקליכע קאָנוואולסיעס, האָט מאַקסימאָוואָ געהאַט דאָס האַרץ אַ זאָג צו טהאָן דער אונגליקליכער: „געדענקסט, שפרה? אָט אַזוי האָט זיך געצאַפּעלט דער קליינער פיאָדאָר, ווען מיר האָבען איהם אין דער שוהל געשטאָכען!"

ניט האָבענדיג קיין שום אמת'ן בעוויז, אַז די אָנגעקלאָגטע אידען זיינען ווירקליך אין וואָס עס איז שולדיג, זיינען סטראַכאָוו און זיינע מיטהעלפער געפאַלען אויף אַן המצאה: זיי פלעגען אין די פּראָטאָקאָלען פערצייכענען דעם אויפפיהר פון די אַרעסטירטע ביים פערהער און עס בריינגען פאַר אַ בעוויז פון זייער שולד. יעדער שריט זייערער, יעדע בעוועגונג, , יעדעס וואָרט, יעדע ענדערונג אין'ם געזיכט, — אַלץ האָט די קאָמיסיע אויסגעטייטשט, ווי אַ בעשטעטיגונג פון זייער פערברעכען. צי

איז דער איד געשטאַנען אַ צוטומעלטער, אָדער ער האָט זיך געהאַלטען מוטהיג; צי ער האָט געשוויגען, ניט געוואָלט פערטיידיגען זיך, אָדער פראָטעסטירט, געליאַרעמט; צי ער האָט געמאַכט חוזק פון דער ווילדער בעשולדיגונג, אָדער געוויינט פון פערצווייפלונג, — יעדע זאַך האָט גלייך בעדייט, אַז מיט דעם ווייזט ער ניט-ווילענדיג אַרויס זיין שולד. די פּראָטאָקאָלען פון דער קאָמיסיע זיינען פול מיט בעשרייבונגען, ווי: „ביי חנה צייטלין (בעת מען האָט זי געשטעלט צום פערהער אינאיינעם מיט די גוי'עס) איז דאָס געזיכט געווען בלייך און זי האָט געציטערט"; „הירש בערלין האָט געבראָכען די הענט"; „ביי יצחק בעלאַיעוו'ן האָבען די ליפּען געציטערט"; „אייזיק צייטלין האָט געציטערט, די אויגען האָבען ביי איהם געבלאָנדזשעט אין אַלע זייטען"; „סלאַווע בערלינ'ס פּנים איז געווען פול מיט כעס"; „יאָשע מירלאָס האָט בייז געשמייכעלט, אויסהערענדיג די בעשולדיגונג, און ווען מען האָט איהם בעוויזען אַ שטיקעל לייווענט מיט בלוט-פלעקען, איז ער תיכף געוואָרען בלייך"; „אברהם קיסען האָט אויף די אַרומיגע געקוקט מיט מוטיגע, טעמפּע אויגען און לסוף אַנידערגע-פאַלען, שרייענדיג: געוואַלד, ראַטעוועט!"; „ביי שפרה בערלין האָט זיך בעת'ן פערהער דאָס געזיכט כסדר געענדערט, זי האָט געקרעכצט, געוויינט און געלאַכט, און דער גאַנצער קערפּער האָט זיך דערביי ביי איהר גע-טרייסעלט", א. אַז. וו. און דאָס אַלץ האָט געזאָלט זיין אַ קלאָרער בעוויז, אַז די מענשען זיינען טאַקע שולדיג!

ווי סטראַכאָוו האָט זיך ניט געמיהט און געקליגט, וויפיעל ער האָט ניט געפּייניגט די אַרעסטירטע, זיי זאָלען זיך „מודה" זיין, האָט ער גאָרנישט אויסגעפיהרט. די פּראָטאָקאָלען בעווייזען אונז, אַז יעדערער פון די עטליכע צעהנדליג אידען, וואָס האָבען זיך געמאַטערט אין דער טורמע, האָט דעם אונגליק איבערגעלעבט אויף זיין בעזונדער אופן, וועדליג זיין כאַראַקטער און שטימונג; אָבער קיינער פון זיי האָט זיך ניט אונטערגעגעבען, ניט גענומען אויף זיך די שולד, וואָס מען האָט אויף זיי בייזווילליג אַרויפגע-וואָרפען. געווען צווישען זיי שטילע נשמות, וואָס האָבען די צרה בעטראַכט פאַר אַ פּרופונג, וועלכע מען מוז אָננעהמען רוהיג, ווייל אַזוי איז עס באַ-שערט פון דעם אויבערשטען. „עס שרעקט מיך אַפילו אַ האָהר ניט, וואָס איך זיץ אין אָסטראָג, — האָט דער מלמד חיים כריפון ערקלערט ביים ערשטען פערהער אין דער קאָמיסיע, — אַזוי וויל גאָט, און פון דעם אויבערשטען דאַרף מען נעהמען פאַר ליעב אי גוטס, אי שלעכטס. און אויב עס דאַרף אַזוי זיין, זאָל מען מיך אויפהענגען, איך בין גרייט דערויף!"
„איך וויס, אַז מען מוז שטאַרבען, — האָט שטיל, מיט טרעהרען אין די אויגען גערעדט פאַר דער קאָמיסיע ראובן נאַכימאָווסקי, — איך קאָן ניט זאָגען דאָס, וואָס איהר פערלאַנגט פון מיר... מען מוז שטאַרבען!"...

„שוין צוויי יאָהר, ווי די צרה הענגט איבער מיר, — האָט געֿ׳טענה׳ט יצחק נאַכימאָווסקי, — און פון דעם אונגליק זיינען ביי מיר נור דריי זאַכען געבליבען גאַנץ: דער זכרון, די צונג און די נשמה. דער זכרון וועט אַלץ געדענקען, די צונג וועט ריידען, און די נשמה וועט פיהלען דעם אמת וועגען מיין קריוודע, מיין פיין און וועגען דעם גאַנצען ענין. צו מיר פערזענליך קעהר זיך אָן די זאַך װעניג, אָבער איך מוז ראַטעווען מענשען, וואָרום ביי גאָט איז דער מענש פונקט אַזוי טייער, ווי ביים קייזער!"

פאַר אַלע אַרעסטירטע, אַפילו פאַר די סאַמע פשוט׳סטע צווישען זיי, איז געווען קלאָר, אַז עס האַנדעלט זיך דאָ ניט בלויז וועגען זיי, נאָר וועגען כלל ישראל, וועגען דעם אידישען גלויבען און כבוד. („זייט וויסען, — האָט חיים כריפון געשריבען פון דער טורמע אין עטליכע בריוועלעך, וואָס די קאָמיסיע האָט איבערגעכאַפּט, — זייט וויסען, אַז זיי פערמעסטען זיך זעהר ווייט. זיי ווילען, חס-ושלום, אויסראָטען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק... לויפט איבער אַלע מקומות, וואו אידען זיינען צושפּרייט, און שרייט אויפ׳ן קול: אַן אונגליק, אַ צרה! זאָל מען לעגען דאָס לעבען, זאָל מען זיך סטאַרען, זאָל מען מתפלל זיין... ברידער, אידען, רחמנים בני רחמנים, קלייבט זיך צונויף, סטאַרעט זיך! און זאָל קיינער פון אייך ניט מיינען, אַז אויב איהם רופט מען ניט, דאַרף מען זיך ניט סטאַרען". און פון נאָטע פּרודקאָוו׳ן האָט די קאָמיסיע אויסגעהערט אַזעלכע ווערטער: „איהר לערענט אָן די גוי׳עס, ווייל אייער מיין איז — אויסראָטען אַלע אידען! איהר אַליין זיינט גזלנים! איהר אַלע אין דער קאָמיסיע זיינט גזלנים! זאָל נור די זאַך אַרויס פון דער קאָמיסיע, וועט גאַרנישט ווערען, מיר האָבען ניט מורא".

די אָנגעקלאָגטע זיינען געווען פעסט איבערצייגט, אַז דאָ אין דער קאָמיסיע קאָן מען זיך אויף יושר נישט ריכטען, — אָבער אין סענאַט אָדער ביים קייזער וועט דער אמת דערוויזען ווערען, דאָרטען וועט די גערעכטיגקייט זיעגען. דער גלויבען אין יושר האָט דעם אידען ניט פערלאָזען אַפילו אין ניקאָלאַי דעם ערשטען׳ס פינסטערע צייטען. „נישקשה, עס וועט קומען די צייט, וועלען אַלע אידען ווידער זיין אין דער-היים! — האָט סלאָווע בערלין געזאָגט ביים פערהער אין דער קאָמיסיע, — עס וועט זיך ענדיגען מיט גאָרנישט, די גוי׳עס וועלען זאָגען, אַז מען האָט זיי אָנגעלערענט. מיין נישט, מאַקסימאָווא, אַז אומעטום וועט מען דיר גלויבען, ווי דאָ! ניין, ס׳וועט דערויף קומען די צייט, די זאַך וועט אַריבער אין געריכט!"... „מיר וועלען דעם קייזער אַליין ערקלערען, אַז די זאַך איז ניט געשטויגען, און ניט געפלויגען!" — האָט געזאָגט יצחק בעליאַיעוו. „וואָס גלויבט איהר די גוי׳עס? — האָט פייגע וואָלפסאָן פאַרגעוואָרפען די בעאַמטע, — איהר וועט זעהן, ביים קייזער וועלען מיר אַרויס ריין!"

און נאָך קלאָרער האָט פאַר דער קאָמיסיע גערעדט נאָטע פרודקאָוו: „דאָ איז נישטאָ קיין געזעץ, קיין אמת. מען גלויבט די אויסגעלאַסענע גוי'עס. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר וויל אונז ניט הערען. דער קייזער האָט גע־שיקט ניט אַזעלכע מענשען, ווי מען בעדאַרף. דער קייזער וויל וויסען דעם אמת, און איהר ווילט ניט אויפדעקען דעם אמת! איהר וועט זעהן, אַז עס וועט זיך אויסלאָזען מיט גאָרנישט. מיר ווייסען עס פאַראויס. און אייך וועט מען משפט'ן, דערפאַר וואָס איהר האַנדעלט כסדר אונגעזעצליך!..."

ניט אַלע אַרעסטירטע האָבען שטיל און הכנעה'דיג געליטען דאָס אונגליק, וואָס האָט זיי געטראָפען. עס זיינען צווישען זיי געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבען פּראָטעסטירט — די איינע שטיל, די אַנדערע היציג, שטורמיש. אַן אונגעוועהנליך פעסטען כאַראַקטער האָט אַרויסגעוויזען סלאָווע בערלין, די אמת'ע העלדין אין דער וועליזשער טראַגעדיע. זי איז אַלט געווען 54 יאָהר, ווען זי איז אַריין אין טורמע, און פאַרבראַכט האָט זי דאָ כמעט 9 יאָהר. אויף איהר גאַנצער משפחה האָט זיך ווי אויסגעגאָסען די תוכחה. איהר מאַן (שמריה בערלין), איהר שנוהר (שפרה בערלין), און איידעם (יעקב הירש אַראָנסאָן) האָבען ניט אויסגעהאַלטען די פּיין און זיינען געשטאָרבען אין דער תפיסה. איהר איינציגער זוהן, ווי אויך איהרע ברידער און דער שוואָגער איהרער זיינען געזעסען אין טורמע, שטרענג אָבגעזונדערט איינער פון דעם אַנדערען. אָבער די אַלע אונגליקען האָבען ניט געבראָכען סלאָווע'ס מוטה. זי האָט זיך אַפילו ניט געפּרואווט פערטיידיגען, דאָס האָט זי געהאַלטען פאַר אַ בעליידיגונג פאַר זיך אַליין. זי האָט זיך בענומען ניט ווי אַן אָנגעקלאָגטע, נאָר ווי אַ בעשולדיגערין. שטאָלץ, מיט פעראַכטונג האָט סלאָווע בערלין געשליידערט דער קאָמיסיע אין פנים אַריין דעם ביטערען אמת, ניט שאָנעווענדיג קיינעם: „די קריסט־ליכע עדות'טעס בעווייזען פאַלש, זיי זאָגען ליגען, ווייל סטראַכאָוו לערענט זיי! — האָט זי פעסט און קלאָר געזאָגט ביים פערהער, — אַלע מיטגלי־דער פון דער קאָמיסיע, ווי אויך שקורין, לערנען די עדות'טעס אויסצור־טראַכטען כסדר בלבולים, זיי שטעלען צונויף אַלע פּאַפּירען פאַלש". זי בעט, עס זאָל וועגען דעם ראַפּאָרטירט ווערען דעם קייזער. דעם בעווייז, אַז זי איז אונשולדיג, און אַז איהר פערדאַכט געגען די מיטגליעדער פון דער קאָמיסיע איז ריכטיג, וועט זי צושטעלען ניט דאָ, נאָר דאַן, ווען זיי אַלע וועלען דערווייטערט ווערען פון זייער אַמט, אָדער ווען די זאַך וועט אַריבער אין געריכט. „נישקשה, איהר וועט זעהן, עס וועט קומען די צייט, וועט סלאָווע ווידער זיין די אייגענע סלאָווע!" — האָט זי פערענדיגט שטאָלץ און ווירדיג. פול מיט פעראַכטונג צו די פייניגער, האָט זי אין די לעצטע יאָהרען פון איהר זיצען אין טורמע זיך גאָר אינגאַנצען אָבגעזאָגט צו געבען זיי וואָסערע ס'איז ערקלערונגען. די קאָמיסיע פלעגט פון איהר

קיין ענטפער ניט קריגען. און אַפילו ווען דער גענעראַל-גובערנאַטאָר פירשט כאָוואַנסקי איז געקומען צו איהר אין קאַמער אַריין און געפּרואווט ווירקען, אויף איהר, זי זאָל זיך „מודה" זיין, האָט זי אויך צו איהם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

מיט גיפטיגע ווערטער פלעגט מכבד זיין די קאָמיסיע דער אַרעסטיר־טער יוסף מירלאָס. אויסהערענדיג ביים פערהער די מעשיות, וואָס סטראַ־כאָוו האָט אַריינגעלעגט אין מויל טערענטיעוואַ'ן, האָט מירלאָס מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל אַ זאָג געטהאָן:

„אַי ראַסייעלע (רוסלאַנד), לעבען זאָל זי! ראַסייעלע קען לערנען!... ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז אין רוסלאַנד איז יעדע זאַך מעגליך. ראַסייעלע קען אָבטהאָן אַן עסק, — כ'לעבען, מייסטערס! פון אונזערע זיידעס האָבען מיר געהערט, אַז אויך אין פוילען פלעגט טרעפען, מען זאָל מאַכען בלבולים אויף אידען. נאָר דאָרטען האָט מען געוואָלט געלד, פלעגט פון דעם גאָר־נישט ווערען... אַי, ראַסייעלע!"

דער שטילער, געדולדיגער מלמד חיים כריפון, אויך ער האָט סוף כל סוף ניט אויסגעהאַלטען, ער איז געוואָרען ווי אַן אַנדער מענש. ער האָט געזידעלט די מיטגליעדער פון דער קאָמיסיע און געגוואַלדעוועט:

„איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא ניט! גזלנים, בעטריגער! איהר האָט אַוועקגע'פטר'ט אַזעלכע גבורים, ווי שמריה בערלין און יעקב אַראָנ־סאָן, אַרויסגעוואָרפען זיי פון אַסטראָג, ווי פאַדלעס. איהר פייניגט, הרג'עט אונז... דיינע מעשיות (דערביי האָט ער זיך אַ קעהר געטהאָן צום פליגעל־אַדיוטאַנט שקורינ'ען) וועלען אַוועק אין מיסט אַריין, און מיין אמת וועט בלייבען אמת. מיר ברויכען קריסטליך בלוט? ניין, איהר, איהר ווילט זופּען אונזערע קינדער'ס בלוט!"

גאָר פיעל צו טהאָן האָט די קאָמיסיע געהאַט מיט נאָטע פּרודקאָוו'ן. „דאָס איז דער פרעכסטער פון די אַלע אַרעסטירטע אידען" — אַזוי האָט איהם דער גענעראַל־גובערנאַטאָר כאָוואַנסקי אַטעסטירט אין איינעם פון זיינע ראַפּאָרטען צום קייזער. אַ קאָכיגער, פול ענערגיע, האָט פּרודקאָוו געהאַלטען אין איין קעמפען געגען דעם אונרעכט, וואָס מען האָט געטהאָן איהם און די אַנדערע וועליזשער אידען, ער האָט מיט מוטה בעשולדיגט די מיטגליעדער פון דער קאָמיסיע פאַר זייערע פעלשונגען און פערברע־כערישע האַנדלונגען. געהאַלטען אַרעסטירט האָט מען איהם אין איינעם פון די פריוואַטע הייזער, אין אונטערשטען גאָרען. האָט ער אויסגעגראָבען אין זיין קאַמער אין דער ערד אַ געהיימען גאַנג, דורך וועלכען ער פלעגט איין צייט בעקומען ידיעות פון שטאָדט און מיטטיילען אַהין וואָס ער האָט בעדאַרפט. איינמאָל איז ער אַנטלאָפען פון טורמע — ער האָט געוואָלט דערשלאָגען זיך קיין וויטעבסק צום גענעראַל־גובערנאַטאָר, יענער זאָל

איהם אויסהערען. אָבער מען האָט איהם אונטערוועגס געכאַפּט און צוריק אַריינגעזעצט. דאָך האָט דאָס איהם ניט אָבגעשטעלט און ער האָט נאָכאַמאָל געפּרואווט אַנטלויפען: ער׳ האָט געפּלאַנעוועט אוועקצולאָזען זיך קיין פּעטערבורג און דאָרטען אויפוויזען דעם אמת. נאָר ס׳איז איהם ווידער ניט געלונגען, און פון איצט אָן האָט מען אין דער טורמע נאָך פיעל שטרענגער אויף איהם אַכטונג געגעבען. פלעגט ער נאָך מיט מעהר צאָרן און דרייסטקייט בעשולדיגען, דעקען די בעאַמטע.

„אויף מיר האָט די גוי׳ע בלויז אָנגערעדט, אַז איך האָב כלומרשט גע׳הרג׳עט, און איהר באַהאַנדעלט מיך שוין ווי אַ גזלן! — האָט געדונערט אין דער קאָמיסיע פּרודקאָוו׳ס הילכיגער קול. — איך בין אַ גזלן? איהר אַליין זיינט גזלנים, אַלע אין דער קאָמיסיע זיינען גזלנים! איהר האָט געמאַכט אויף אונז אָן אָנפאַל, איהר האָט פון אונז געמאַכט אַ תל! איהר לערענט די גוי׳עס, כדי צו פערטיליגען אַלע אידען! מיר האָבען אָבער ניט מורא, — זאָל נאָר די זאַך אַרויס פון דער קאָמיסיע!"

נאָך אַ סך אַזעלכע דרייסטע מוטהיגע פּראָטעסטען און בעשולדיגונגען פלעגט די קאָמיסיע הערען פון אַנדערע אָנגעקלאָגטע. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר כאָוואַנסקי האָט אין איינעם פון די ראַפּאָרטען, וואָס ער פלעגט שיקען צום קייזער, זיך בעקלאָגט, אַז די אַרעסטירטע אידען האַלטען זיך חוצפה׳דיג. האָט ניקאָלאַי דורך אַ בעזונדער בעפעהל געגעבען אַן ערלוי־בעניש, פאַר „פרעכען אויפפיהר" צו שמייסען זיי. און אויב מען האָט די אונגליקליכע פריהער אין דער טורמע געפּייניגט נור שטילערהייד, איז איצט די לייב־בעשטראָפונג דאָ געוואָרען אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך, מיט וועלכער מען פלעגט זיך שוין ניט בעהאַלטען...

.III

דער וועליזשער בלבול האָט אויפגערודערט דאָס גאַנצע רוסישע אי־דענטום. די ידיעות וועגען דער שרעקליכער בעשולדיגונג, וואָס איז פערפיהרט געוואָרען געגען די אידען אין וויטעבסקער גובערניע, האָבען זיך אין גיכען פערשפּרייט אין אַלע אידישע געגענדען און אומעטום אַרויס־גערופען אַן אימה. די מוטהיגע ענערגישע דבורה בערלין, וועמענס מאַן (נתן בערלין) איז אינאיינעם מיט אַנדערע געזעסען אין טורמע, האָט בעווי־זען צו אַנטלויפען פון וועליזש און זי איז אַרומגעפאָהרען איבער פערשי־דענע שטעדט, דערצעהלענדיג אומעטום וועגען די ליידען, וואָס וועליזשער אידען שטעהען אויס, און מכח דער גרויסער געפאַהר, וועלכע הענגט איבער זיי. דער שוואָגער פון דעם אַרעסטירטען שמריה בערלין — הירש ברוידאָ, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטען אין פּעטערבורג, האָט אי אַליין זיך דאָ געמיהט וועגען די וועליזשער אידען, אי ער איז אַריין אין פערבינדונג

מיט אידישע געזעלשאַפטליכע טהוער, רופענדיג זיי צו העלפען די קרבנות פון דעם וועליזשער בלבול. אַחוץ דעם, וואָס די צרות און פּיין פון די וועליזשער מאַרטירער האָבען דערוועקט אומעטום צווישען אידען גרויס מיטגעפיהל און רחמנות, האָבען אַלע גוט פערשטאַנען די גרויסע אַלגעמיין-אידישע בעדייטונג פון דער זאַך. יעדערער האָט קלאָר געזעהן, אַז עס האַנדעלט זיך דאָ ניט בלויז מכח ראַטעווען עטליכע צעהנדליג אונשולדיגע אידען, נאָר וועגען בעשיצען דעם אידישען כבוד און גלויבען פון דעם ווילדען בלוט-בלבול. עס האָבען אין יענע צייטען ביי אידען ניט געפעהלט פלייסיגע שתדלנים, טריי איבערגעגעבען צו די אינטערעסען פונ'ם אידישען כלל און בעגייסטערטע פּאַטריאָטען, וואָס האָבען געהאַט וויכטיגע בעקאַנט-שאַפטען צווישען די הויכע בעאַמטע אין פעטערבורג. זיי האָבען זיך גע-מיהט דורך יענע צו ווירקען, אָבער קיין ערפאָלג ניט געהאַט. ווי די לעזער געדענקען, האָט ניקאָלאַי דער ערשטער אין סעפּטעמבער 1827 בעפוילען, אַז די גאַנצע אויספאָרשונג זאָל געפיהרט ווערען אונטער דער אויסשליס-ליכער אויפזיכט פון דעם וויטעבסקער גענעראַל-גובערנאַטאָר כאָוואַנסקי, און קיין שום אַנשטאַלט, אַפילו דער סענאַט, זאָל זיך דערין נישט מישען. אַט דער קייזערליכער בעפעהל האָט במילא אָבגעשאַפט יעדע מעגליכקייט צו בעקעמפען די אונצעהליגע אונגעזעצליכקייטען און פעלשונגען, וואָס די קאָמיסיע מיט סטראַכאָוו'ן בראש פלעגט אונטער כאָוואַנסקי'ס שוץ בעגעהן ביי דער אונטערזוכונג. ווי לאַנג דער גאַנצער ענין האָט זיך געפונען אין פאַלשטענדיגען רשות פון אַזאַ פערביסענעם אידען-פיינד, ווי דער וויטעבסקער גענעראַל-גובערנאַטאָר, איז קיינער ניט געווען אימשטאַנד מיט וואָס עס איז צו העלפען די וועליזשער קרבנות. און די, וואָס האָבען געזאָרגט וועגען זייער שיקזאַל, האָבען אַלזאָ געמוזט געדולדיג וואַרטען אויף יענער צייט, ווען די זאַך וועט אַרויס פון כאָוואַנסקי'ס הענד און אַריבער אין געריכט.

דערווייל האָט די קאָמיסיע פאָרטגעזעצט איהר אַרבייט. אַ בעזונדער געוויכט האָבען סטראַכאָוו און זיינע חברים געלעגט אויף טערענטיעווא'ס און מאַקסימאָווא'ס ערקלעהרונג, דאָס זיי האָבען כלומרשט אינאיינעם מיט עטליכע אידען אין יאָהר 1824 אָבגעפיהרט אַ פעסעל מיט דעם דער'הרג'ע-טען פיאָדאָר'ס בלוט קיין וויטעבסק און ליאָזנע. אין וועג, אַזוי האָבען די גויעס דערצעהלט, האָבען די אידען זיי געגעבען טרינקען בראַנפען; אין וויטעבסק איז מען פערפאָהרען אין אַ גרויס הויז, וואו עס האָבען זיך צו-נויפגעקליבען פיעל אידען; דאָרטען זיינען געווען צוויי בעל־הבית'טעס, איינע אַן עלטערע, און אַן אַנדערע אַ יונגע, האָט די עלטערע צוגעגאָסען וואַסער צום בלוט און געטונקט דערין שטיקלעך לייוונט, וועלכע מען האָט צוטיילט צווישען די אידען און אידענעס, וואָס זיינען דערביי געווען; דאָס

בלוט, וואָס איז נאָך געבליבען, האָט מען צוגאָסען אין פלאַשען, און צווי פלעשער האָט טערענטיעוואַ פון וויטעבסק כלומרשט אָבגעפיהרט צו די אידען קיין ליאָזנע. פאַר כאַוואַנסקי׳ן האָט אַ לויכט געטהאָן די האָפנונג, אַז דאָ וועט מען קאָנען צוציהען נאָך אַ סך אידען צו דער בעשולדיגונג.

אויף זיין בעפעהל זיינען צוויי מיטגליעדער פון דער קאָמיסיע און דער פליגיל־אַדיוטאַנט שקורין געפאָהרען קיין וויטעבסק און ליאָזנע, וואוהין זיי האָבען מיטגענומען דיביידע גויעס, יענע זאָלען בעווייזען די הייזער, וואוהין זיי האָבען געבראַכט דאָס בלוט, און די אידען, מיט וועלכע זיי האָבען דאָ געהאַט צו טהאָן. מאַקסימאָווא האָט אין וויטעבסק אָנגעוויזען אויף לייזער שטערענגוואַנד׳ס הויז, אַז זי האָט אַהין כלומרשט אַוועקגעטראָגען אַ האַלב פלעשעל בלוט און אָבגעגעבען לייזער׳ס פרוי, דבור׳קען. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז זיין פרוי האָט מען גערופען ניט דבור׳קע, נאָר שיינע, און אַז זי איז גאָר געשטאָרבען מיט גאַנצע עלף יאָהר פריהער, איידער פיאַדאָר איז דער׳הרג׳עט געוואָרען. טערענטיעוואַ׳ן האָט מען געפיהרט איבער וויטעבסק, זי זאָל בעווייזען דאָס הויז, וואו מען האָט ביי איהר צוגענומען דאָס פעסעל בלוט, און די אידען, ביי וועלכע זי איז צוליעב דעם געווען. נאָר זי האָט קיין הויז און קיינעם ניט דערקענט. אויפ׳ן אַנדערען טאָג האָט זי זיך „דערמאָהנט" און אָנגעוויזען אויף עפּיס אַ הויז און אויף אייניגע אידען. עס איז אָבער קלאָר פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז אייניגע פון זיי האָבען אין יאָהר 1824 נאָך ניט געלעבט אין וויטעבסק, זיי האָבען זיך דאָ בעזעצט ערשט מיט אַ צייט שפּעטער, און די אַנדערע זיינען נאָך דאַן געווען אינגלעך. נאָך מעהר בזיון איז געווען אין ליאָזנע, וואוהין די מיטגליעדער פון דער קאָמיסיע זיינען געפאָהרען מיט טערענטיעוואַ׳ן. זי האָט דאָ ערקלערט, אַז זי דערקענט ניט די שטאָדט, ווייל די הייזער האָט מען איבערגעבויט. ווען מען האָט פון איהר פערלאַנגט, זי זאָל כאָטש אָנווייזען דעם אָרט, וואו די הייזער זיינען געשטאַנען, איז טערענטיעוואַ אַנגעצונדען געוואָרען, זי האָט געזידעלט די מיטגליעדער פון דער קאָמיסיע און געשריען: „וואָס ווילט איהר פון מיר? וואָס האָט איהר מיך אַהער געבראַכט און איהר פאָדערט, איך זאָל אייך בעווייזען דאָס, וואָס איז איצט גאָרניט צו דערקענען! איך וועל ערגיץ ניט געהן און איך וויל מיט אייך גאָר ניט ריידען!" ווי די קאָמיסיע פלעגט געוועהנליך אין אַזוינע פאַלען טהאָן, האָט מען אויך איצט גערופען אַ גלח, ער זאָל טערענטיעוואַ׳ן אונטער פיער אויגען „אויס׳מוסר׳ן". נאָך דער רעליגיעזער בעלעהרונג, וואָס די גויע האָט פון איהם בעקומען, האָט זי זיך בערוהיגט און בעוויזען עטליכע הייזער, וואו זי איז אמאָל געווען. מען האָט צו איהר געבראַכט די אַלע 42 אידען — מאַנסלייט און פרויען, וואָס האָבען געוואוינט אין יענע הייזער. האָט טערענטיעוואַ אויף ביין

פון זיי אָנגעוויזען, אַז ווי איהר דוכט, זיינען זיי געווען דערביי, ווי מען האָט געטיילט דאָס בלוט, וואָס זי האָט געבראַכט; אָבער בעהויפּטען אויף געוויס, אַז דאָס זיינען טאַקע דיזעלבע מענשען, — האָט זי ערקלערט, — דאָס קאָן זי ניט, און זי וועט עס ניט טהאָן, „כדי, חס ושלום, ניט צו זאָגען וואָס אויף אונשולדיגע מענשען!״ און די מיטגליעדער פון דער קאָמיסיע האָבען זיך מיט גאָרנישט אומגעקערט צוריק אין וועליזש.

ניט פערמאָגענדיג קיין שום ווירקליכען בעוויז געגען די אָנגעקלאָגטע אידען, אַחוץ די ווילדע ליגענס פון די דריי קריסטליכע עדות׳טעס האָט די קאָמיסיע גענומען זוכען „היסטאָרישע״ בעשטעטיגונגען פון דעם בלוט־בלבול בכלל. זי האָט זיך פלייסיג געגריבעלט אין די פּראָצעסען וועגען געברויכען קריסטליך בלוט, וואָס פלעגען פריהער פערפיהרט ווערען געגען אידען. זי האָט אַרויסגעפונען, אַז אין וויטעבסקער גובערניע איז אין יאָהר 1805 דער׳הרג׳עט געוואָרען ערגיץ אין אַ דאָרף אַ רוסיש אינגעל, אין יאָהר 1811 איז אין אַן אַנדער דאָרף פערפאַלען געוואָרען אַ רוסיש קינד, און אַז דאָסזעלבע איז אין יאָהר 1816 פאָרגעקומען אויך אין גראָדנער גובערניע, און כאָטש דער פערדאַכט געגען אידען האָט זיך דאָ ערגיץ ניט בעשטעטיגט, קיין איין איד איז ניט פעראורטיילט געוואָרען, דאָך האָט די קאָמיסיע אַריינגענומען די דריי בעשולדיגונגען צווישען איהרע מאַטעריאַלען, אַלס „בעוויז״, דאָס אידען ברויכען קריסטליך בלוט, און עס איז, אַלזאָ, פאַרהאַן גענוג גרונד צו דרינגען, אַז די וועליזשער אידען האָבען טאַקע מיט אַ רעליגיעזען ציעל אומגעבראַכט דאָס רוסישע קינד. נאָך מעהר: כאָוואַנסקי האָט אַרויסגעפאָדערט פון אינערן־מיניסטעריום די דאָקומענטען פון דעם פּראָצעס אין לענטשיץ (פּוילען), וואו עטליכע אידען זיינען אין יאָהר 1639 אָנגעקלאָגט געוואָרען, אַז זיי האָבען כלומרשט דער׳הרג׳עט אַ פּויליש קינד און אויסגעצאַפּט פון איהם דאָס בלוט. די לענטשיצער אידען זיינען אויסגעשטאַנען די גרויזאַמסטע פייניגונגען, אָבער זיי האָבען זיך ניט מודה געווען אין דער שולד, וואָס מען האָט אויף זיי אויסגעטראַכט. דאָך זיינען זיי פעראורטיילט געוואָרען צו טויט־שטראָף. אָבער דאָס העכסטע געריכט, וואוהין די זאַך איז דערנאָך אַריבער, האָט זיי ערקלערט פאַר אונשולדיג און בעפרייט פון בעשטראָפונג. פאַר כאָוואַנ־סקי׳ן מיט זיין קאָמיסיע איז דער לענטשיצער פּראָצעס אויך געווען אַ „בעשטעטיגונג״ פון דער בלוט־בעשולדיגונג געגען אידען.

זוכענדיג וויטערדיגע אַזעלכע „בעוויזען״, האָט זיך כאָוואַנסקי דער־וואוסט, אַז אין אַ קלויסטער אין סלוצק (מינסקער גוב.) געפינט זיך דער קערפּער פון אַ „הייליג״ רוסיש קינד, וואָס אידען האָבען אין 17־טען יאָהרהונדערט כלומרשט פערפייניגט, און וואָס פוילט ניט, ווערט ניט קאַליע, פונקט ווי מען וואָלט איהם אַקאָרשט געטויט. דער גענעראַל־

גובערנאַטאָר האָט זיך גלייך געווענדט צום מינסקער אַרכיערייִ (הויפט־גלח) אַנאַטאָלי מיט אַ בקשה, ער זאָל איהם וועגען דעם געבען גענויע ידיעות. אַנאַטאָלי האָט כאָוואַנסקי'ן באַלד צוגעשיקט אַן אויספיהרליכע בעשרייבונג פון דעם „הייליגען" גבריאל, וואָס איז אין יאָהר 1690 אומגעקומען פון אידישע הענד, ווען ער איז אַלט געוואָרען זעקס יאָהר: איינער אַ איד האָט איהם גע'גנב'עט און אַוועקגעפיהרט קיין ביאַליסטאָק. דאָ האָבען אידען זיך פערזאַמעלט, געפייניגט, געשטאָכען דאָס קינד, ביז זיי האָבען אויסגעצאַפּט פון איהם דאָס גאַנצע בלוט, און דעם טויטען קערפּער האָבען זיי אַרויסגעוואָרפען אין פעלד, ווילדע חיות און פויגעל זאָלען איהם אויפפרעסען. איז אָבער געשעהן אַ וואונדערליכער נס: עס זיינען זיך צונויפגעלאָפען הינד, און ניט ריהרענדיג אַליין דעם קערפּער, האָבען זיי קיין חיה און קיין פויגעל ניט דערלאָזט צו איהם דערנעהנטערן זיך. אַזוי האָט געדויערט כסדר דריי טעג. האָבען פויערים דערהערט די בילעריי פון די הינד, ענטדעקט גבריאל'ס קערפּער, און מען האָט איהם מקבר געווען אין דעם שטעדטעל זאַבלודאָוו. אין 30 יאָהר אַרום, גראָבענדיג אַ קבר פאַר אַן אַנדער מת, האָט מען זיך צופעליג אָנגעשטויסען אויף דעם פערפייניגטען גבריאל'ס קערפּער,—ערשט ער איז פריש און אונבעריהרט, ווי נאָר־וואָס געשטאָרבען. דער קערפּער פון דעם „הייליגען" איז אַרייננגעבראַכט געוואָרען אין אַ בעזונדער געוועלב ביי דער זאַבלודאָווער קירך. מיט 26 יאָהר שפּעטער האָט די קירך פאַלשטענדיג אָבגעברענט, אָבער גבריאל'ס קערפּער האָט דאָס פייער ניט געריהרט. ער איז געבליבען גאַנץ, אונבעשעדיגט. דערנאָך האָט מען דעם קערפּער פון דעם „הייליגען" קינד, וואָס אידען האָבען פערפייניגט, פון זאַבלודאָוו אַריבערגעפיהרט קיין סלוצק, אין קלויסטער אַריין... און אַזוינע מעשיות האָבען עס בעדאַרפט דיענען פאַר אַ בעוויז געגען די ווועליזשער אידען!

אויסער אַזעלכע היסטאָרישע „געשעהענישען", האָט די קאָמיסיע פלייסיג געזוכט אויסצוגען פון פערשידענע אַנטיסעמיטישע ווערק, וואָס בעשטעטיגען כלומרשט די בלוט־בעשולדיגונג געגען אידען בכלל. דער וועליזשער לעהרער פּעטרישץ האָט פאַר דער קאָמיסיע געבראַכט איבערזעצונגען פון דעם בעוואוסטען פּוילישען בוך „די אידישע בייזוויליגקייט", וואָס עס האָט אין 18־טען יאָהרהונדערט פערפאַסט דער גלח פּיקולסקי, און וואָס איז פול מיט ליגענס און אויסגעטראַכטע שטעלען פון העברעאישע רעליגיעזע ספרים. צווישען אַנדערע אַזעלכע ווערק דערמאָהנט פּיקולסקי אויך אַ בוך מיט'ן משונה'דיגען נאָמען „זעווכעלעוו", וואָס האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט, און ער זאָגט, אַז דאָרטען ווערען אויספיהרליך געגעבען די אַלע דינים וועגען דעם געברויך פון קריסטליך בלוט. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר כאָוואַנסקי האָט געאַקערט, אומעטום געזוכט דעם ספר, אָבער

ער האָט איהם, פערשטעהט זיך, ערגיץ ניט געפונען. מיט דער אַרבעט פון דעם לעהרער פעטרישק האָט זיך די קאָמיסיע ניט בענוגענט. לויט כאָוואַנסקי'ס פעראָרדנונג, איז פון אַמטשיסלאַוו אַראָבגעבראַכט געוואָרען דער דאָרטיגער קאַטוילישער גלח פּאַזדערסקי, אַ געוועזענער איד. ער האָט פערבראַכט צוויי יאָהר אין וועליזש און די גאַנצע צייט מיטגעהאָלפען דער קאָמיסיע, צושטעלענדיג איהר פערשידענע פעלשונגען וועגען אידישע דינים און מנהגים, וואָס זיינען כלומרשט געציעלט געגען קריסטען און זייער לעבען. פּאַזדערסקי האָט אָנגעוויזען אויף אַ זעלטען בוך „ענטפּלעקונג פון דעם אידישען גלויבען", וואָס עס האָט אין יאָהר 1803 אָבגעדרוקט אין גריכישער שפּראַך איינער אַ גלח נעאָפיט (אויך ער איז געווען אַ משומד). לויט ניקאָלאַי'ס בעפעהל, האָט דער פערוואַלטער פונ'ם הויפּט־שטאַב, גענעראַל דיביטש, נאָך פיעל מיה און זוכעניש געקראָגען אין אויסלאַנד אַן עקזעמפּלאַר פון דעם בוך, און די קאָמיסיע האָט ברייט אויסגענוצט נעאָפיט'ס ווערק. זי האָט אַריינגענומען, אַלס מאַטעריאַל פון דער אויספאָרשונג, די אַלע אויסגעטראַכטע שטעלען פון תלמוד און „געהיימע" העברעאישע ווערק, וואָס ענטהאַלטען כלומרשט דעם געבאָט וועגען בלוט־געברויך. אין די דאָקומענטען פון דער קאָמיסיע ווערען, אַלס „בעוויז" געגען די וועליזשער אידען, ווידערהאָלט נעאָפיט'ס ערקלערונגען, צוליעב וואָס אידען בעדאַרפען קריסטליך בלוט: מוטשענדיג און שטעכענדיג דאָס קריסטליכע קינד, שטעלען זיי זיך דערביי פאָר, דאָס זיי פּייניגען גלייכצייטיג אויך קריסטוס'ן. אויסער אויף באַקען מצה, ברויכען אידען דאָס בלוט אויך, ווייל צווישען זיי זיינען שטאַרק פערשפּרייט קרענק, פון וועלכע זיי היילען זיך מיט קריסטליך בלוט. אויך חתן־כלה גיט מען גלייך נאָך דער חופּה עסען געבאַקטע אייער, וועלכע זיינען, אַנשטאָט זאַלץ, בעשאָטען מיט אַש פון אַ פערברענטען שטיקעל לייווענט, וואָס איז געווען איינגעטונקט אין קריסטליך בלוט, — דאָס איז אַ סגולה צו קינדער. אין די מאַטעריאַלען פון דער קאָמיסיע ווערען אויך געבראַכט נעאָפיט'ס און פיקולסקי'ס בעשרייבונגען, ווי אידען האַלטען אָב די קריסטליכע קינדער, וואָס זיי גנב'ענען פאַר פסח, פערציג טעג אין אַ קעלער און זיי שפּייזען זיי די גאַנצע צייט מיט מאַנדלען, ראָזשינקעס און זיסע מילך, כדי זיי זאָלען בעקומען וואָס מעהר צאַרטע בלוט; ווי דערנאָך שטעכט מען זיי, מען לעכערט זיי ביידע זייטען און מען קייקעלט די אונגליקליכע קרבנות אין אַ פאַס, ביז דאָס גאַנצע בלוט גיסט זיך אַרויס; די דער'הרג'עטע קריסטליכע קינדער בעגראָבען אידען ניט, נאָר מען וואַרפט זיי אַריין אין טייך צי אין מיסט, אָדער מען פערברענט זיי, א. אַז. וו.

פערפלייצענדיג די אויספאָרשונג מיט אַזעלכע מיני מעשיות, האָט אָבער די קאָמיסיע פערשטאַנען, אַז מיט דעם אַליין קאָן מען ניט יוצא

זיין. ווייבאַלד די אַרעסטירטע אידען זיינען זיך ניט מודה אין פערפּייניגען פּיאַדאַר'ן, מוז מען האָבען נאָך נייע „פאַקטען", וואָס בעווייזען, אַז זיי זיינען לאַנגאַניגע פערברעכער, און אַז דאָס איז ניט דער איינציגער מאָרד, וואָס זיי זיינען בעגאַנגען.

האָבען דיביידע גויעס, טערענטיעוואַ און מאַקסימאָוואַ, אין יאָהר 1827 — צוויי יאָהר נאָכ'ן אָנהויב פון דער אויספאָרשונג! — פּלוצלינג ערקלערט, אַז דאָס געוויסען פּייניגט זיי, און דעריבער זיינען זיי זיך „מודה" אין אַ גאַנצער רייהע פערברעכענס, וואָס זיי ביידע האָבען מיט פיעל יאָהר צוריק אָבגעטהאָן אינאיינעם מיט אידען: „אַ יאָהר נאָך דעם פראַנצויז" (ד. ה. אין 1813) האָט די וועליזשער אידענע מירעל אַראָנסאָן איינמאָל געבעטען טערענטיעוואַ'ן זי זאָל איהר קריגען אַ קריסטליך קינד; האָט זי איהר געבראַכט אין הויז אַריין דער פויערטע נאַסטאַסיאַ'ס צוויי אינגלעך. דאָ זיינען געווען שמריה בערלין און פיעלע אַנדערע אידען, און מען האָט די קינדער געקייקעלט אין אַ פאַס, געשטאָכען, דערנאָך אַוועקגעטראָגען אין שוהל, פערפּייניגט, אַריינגעוואָרפען אין טייך און דאָס בלוט אַריינגע־גאָסען אין פלעשלעך. ווייטער האָט טערענטיעוואַ זיך „מודה" געווען, אַז אין יאָהר 1817 האָבען פינף אידען, צווישען זיי אַריה דעווירץ און יעקב קראַשאַקאָוו, מיט איהר אַנטהייל דער'הרג'עט אין דער וועליזשער שוהל די קריסטין דוואָרזשעצקאַיאַ און אויסגעצאַפּט פון איהר דאָס בלוט. מיט צוויי יאָהר שפּעטער האָבען אידען (צייטלין, פאָסעלעני, דערוויץ, הירש בערלין א. אַנד.) אין איינעם מיט איהר אין דער סעמיטשעווער קרעטשמע, 7 וויאָרסט הינטער וועליזש, דערשטאָכען צוויי קריסטליכע מיידעלעך. אַחוץ דעם, האָט זי מיט אידען (סלאָווע בערלין, חנה צייטלין, זעליג ברוסאָוואַנ־סקי, יוסף מירלאָס א. אַנד.) אין דער ברוסאָוואַנסקער קרעטשמע דער־הרג'עט צוויי קריסטליכע אינגלעך. דאָס אַלץ איז אָבער נאָך ניט געווען גענוג — האָט טערענטיעוואַ זיך אויך „מודה" געווען, אַז זי האָט גע־גנב'עט פון דער וועליזשער קירך עטליכע הייליגע זאַכען און געבראַכט צו די אידען, און יענע האָבען אין שוהל די הייליגע זאַכען בעשפּיגען, גע־טראָטען מיט די פיס און דערנאָך פערברענט!... אין אָט אַלע די פערברע־כענס, האָט זי געזאָגט, האָט אינאיינעם מיט איהר זיך בעטייליגט אויך מאַקסימאָוואַ. יענע האָט, פערשטעהט זיך, בעשטעטיגט טערענטיעוואַ'ס רייד, אָבער דערביי האָבען די ערקלערונגען פון ביידע „בעל־תשובה'ניצעס" אין פיעלע פונקטען צווישען זיך ניט געשטימט. האָט מען, ווי שטענדיג ביי אַזעלכע געלעגענהייטען, אָבגעפיהרט מאַקסימאָוואַ'ן צו דעם גלח טאָ־ראַשקעוויטש'ן, און נאָך דער „רעליגיעזער בעלעהרונג", וואָס ער האָט איהר געגעבען אונטער פיער אויגען, איז אַלץ אויסגעגליכען געוואָרען, די ביידע עדות'טעס האָבען ווייטער שוין ווי פון סידור געלייענט.

וועגען דעם גאַנג פון דער אויספאָרשונג פלעגט דער גענעראַל-גובער־נאַטאָר כאָוואַנסקי כסדר ראַפּאָרטירען דעם קייזער. ס׳פערשטעהט זיך, אַז ער האָט תיכף מיט גרויס פּאַראַד מיטגעטיילט וועגען די נייע שרעקליכע „ענטדעקונגגען״, וואָס טערענטיעוואַ און מאַקסימאָוואַ האָבען איצט געמאַכט. דעם 8-טען נאָוועמבער 1827 האָט ניקאָלאַי געשטעלט די רעזאָלוציע: „שטרענגסט אויספאָרשען די זאַך ביז׳ן וואָרצעל!״ און די קאָמיסיע איז גלייך צוגעטראָטען צו ווייטערדיגע „אונטערזוכונגען״. אין פּלוג איז די זאַך געוועזען זעהר האַמעטנע. אידען האָבען יאָהרען לאַנג גע׳הרג׳עט קריסט־ליכע קינדער, — און קיינער פון די עלטערן האָט אַפילו זיך ניט בעקלאָגט, קיינער האָט ניט געמעלדעט, אַז ביי איהם איז אַ קינד פערפאַלען געוואָרען! פון דער קירך זיינען פערשוואונדען הייליגע חפצים, — און דער גלח האָט אַ צייט מיט יאָהרען וועגען דעם געשוויגען! ווי אַזוי איז דאָס געוועזען מעגליך? אָבער די קאָמיסיע האָט זיך מיט אַזעלכע נאַטירליכע שאלות ניט אינטערעסירט. עס זיינען אַרעסטירט געוואָרען נאָך ווייטערדיגע אידען, אויף וועלכע עס האָבען איצט אָנגעוויזען די ביידע גויעס. די אויספאָר־שונגען וועגען זייערע נייע ערקלערונגען האָבען, זעלבסטפערשטענדליך, קיין זאַך ניט בעשטעטיגט. די עדות (צווישען זיי אויך קריסטען), וועלכע זיי האָבען אָנגערופען, האָבען בעוויזען, דאָס זיי ווייסען פון קיין זאַך נישט. עס איז אַפילו ניט דערוויזען געוואָרען, אַז די קינדער, וואָס זיינען כלומרשט דער׳הרג׳עט געוואָרען, זאָלען האָבעןווירקליך ווען עס איז עקזיסטירט. מאַקסימאָוואַ האָט אָנגעוויזען דעם אָרט נעבען דער ברוסאָוואַנסקער קרעטשמע, וואו אידען האָבען כלומרשט בעגראָבען די פיער דער׳הרג׳עטע קריסטליכע קינדער. די קאָמיסיע איז אַהין אַרויסגעפאָהרען. וויפיעל מען האָט ניט געאַקערט און געגראָבען אומעטום אַרום אין אַרום דער קרעטשמע, האָט מען אָבער אַפילו קיין שפּור פון אַ קערפּער אָדער געביין ניט געפונען. דאָך האָט די קאָמיסיע אויך די „ניי-ענטדעקטע״ פערברעכענס צוגעגעבען צו דער גרונד-בעשולדיגונג (וועגען דער׳הרג׳ענען פיאָדאָר׳ן), און דער וועליזשער ענין האָט שוין פון איצט אָן ענטהאַלטען אין זיך גאַנצע זיבען פערברעכענס, וואָס די וועליזשער אידען זיינען כלומרשט בעגאַנגען.

דאָך האָט סטראַכאָוו, דער אָנפיהרער פון דער קאָמיסיע געשפּירט, אַז די זאַך געהט ניט כשורה. וויפיעל ער האָט זיך ניט געמיהט, זיינען טערענטיעוואַ׳ס און מאַקסימאָוואַ׳ס נייע „ענטפּלעקונגען״ דורך קיין שום פאַקטישען בעוויז ניט בעשטעטיגט געוואָרען. די אידען זיינען געוועזען האַרטנעקיג. זיי האָבען מוטהיג געליטען די מאָראַלישע און פיזישע פּייני־גונגען, זיך ניט געוואָלט מודה זיין. און עס האָט אַפילו ניט געהאָלפען די ערלויבניש, וואָס כאָוואַנסקי האָט אויסגעווירקט ביים קייזער, צו שמייסען זיי פאַר זייער „פרעכען אויפפיהר״. אויסער דעם האָט טערענטיעוואַ, דער

הויפּט־זייל פון דער גאַנצער בעשולדיגונג, אַנגעהויבען אַרויסווייזען אונגעדולד. כאַטש סטראַכאָוו׳ס בענעהמונג מיט איהר איז געווען מילד און פריינדליך. מען פלעגט איהר געבען גוטע שפּייז און אַפילו בראַנפען. מען האָט איהר ערלויבט צו שפּאַצירען איבער די גאַסען אין דער בעגלייטונג פון אַ וועכטער, זעהן זיך מיט אַזאַדקעוויטש׳ן און מיט אַנדערע געסט, וואָס פלעגען צו איהר קומען, — דאָך איז איהר דאָס זיצען אין טורמע דערעסען געוואָרען. זי איז געווען אונצופריעדען, וואָס די אויספאָרשונג ציהט זיך אַזוי לאַנגזאַם, וואָס די אידען ווילען בשום אופן ניט בעשטעטיגען איהרע רייד. זי האָט אַפּנים אָנגעהויבען פערלירען דעם גלויבען אין סטראַכאָוו׳ס מאַכט און צווייפלען אין זיינע הבטחות. טערענטיעוואַ האָט איצט אָפּט אויסגערעדט די מיטגליעדער פון דער קאָמיסיע, פאַרוואָס זיי פּראָווען עפּיס צערעמאָניעס מיט די אַרעסטירטע אידען, פאַרוואָס מען צווינגט זיי ניט ווי עס בעדאַרף צו זיין, זיי זאָלען זיך ענדליך מודה זיין. אין ליאָזנע האָט זי זיך שוין געהאַלטען חוצפּה׳דיג, און וואָס ווייטער איז זי ביים פערהער אין דער קאָמיסיע געוואָרען אַלץ בייזער און פרעכער. ביי אַזאַ אונגעדולדיגער, נערוועזער שטימונג, וואָס טערענטיעוואַ האָט גענומען אַלץ קלאָרער אַרויסווייזען, האָט מען געקאָנט מורא האָבען, זי זאָל, חלילה, ניט אַרויסקומען מיט קיין פּאַסיגע דיבורים, גאָר אָנהויבען צו לייקענען די אַלע זאַכען, וואָס מען האָט איהר אָנגעלערענט.

נאָר גראָד איצט, ווען סטראַכאָוו איז געוואָרען שטאַרק אונרוהיג, האָט איהם פּלוצלינג אַ לויכט געטהאָן אַ נייע האָפנונג.

אין סוף אויגוסט 1828 איז צו דער קאָמיסיע געקומען אַ געוועזענער איד, וואָס האָט אָנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען, אַנטאָן גרודינסקי, און האָט ערקלערט, אַז ער ווייסט אויף געוויס, אַז אידען געברויכען קריסטליך בלוט, און אַז אין רמב״ם׳ס ווערק „גאַנדאַמאַ“, וואָס אידען האַלטען שטרענג בסוד, ווערט דער בלוט־געברויך גענוי בעשריבען. ער אַליין האָט דעם געהיימען ספר געזעהן און געלייענט; דאָרטען זיינען אַפילו פאַרהאַן צייכנונגען פון די אינסטרומענטען, וואָס ווערען בענוצט ביים אויסצאַפּען דאָס קריסטליכע בלוט (מעסערס, שפּיזען, פעסער, אין וועלכע מען קייקעלט די קריסטליכע קינדער, א. אַז. וו.). עס איז ניט שווער פאַרצושטעלען זיך, וואָס פאַר אַ שמחה עס איז געוואָרען אין דער קאָמיסיע. ענדליך וועט זי קריעגען אַ קלאָרען בעווייז פון דער בלוט־בעשולדיגונג, אַ גענויע זיכערע בעשטעטיגונג פון דעם שרעקליכען ריטועלען מאָרד, וואָס די וועליזשער אידען זיינען בעגאַנגען! גרודינסקי האָט אויסגעזעהן ווי אַ שלעפּער, ער איז געווען אַן אָבגעריסענער, — האָט מען איהם אויפגענומען ווי אַן אָנגעלעגטען גאַסט און בעקליידט. כאָוואַנסקי האָט תיכף ראַפּאָרטירט דעם קייזער וועגען גרודינסקי׳ס ערקלערונג. ניקאָלאַי האָט בעפוילען דעם

אינערן־מיניסטער דורכאויס צו קריגען דעם געהיימען ספר. וויפיעל מען האָט אָבער ניט געזוכט און געפּאָרשט, האָט מען איהם ניט געקאָנט אַרויס־געפינען — פּשוט דערפאַר, ווייל ר׳ משה בן מיימון האָט איהם קיינמאָל ניט פערפאַסט, און קיין בוך מיט אַזאַ ווילדען, נאַריש־אויסגעטראַכטען נאָמען איז אין דער העברעאישער ליטעראַטור בכלל ניטאָ. פון פעטערבורג איז אָנגעקומען אַ בעפעהל, מען זאָל זיך דערוויסען ביי גרודינסקי׳ן אַליין, וואו דער ספר געפינט זיך. יענער האָט געזאָגט, אַז ער האָט דאָס ווערק אַמאָל געזעהן אין דער שוהל. האָט מען איהם בעוויזען די סידורים און אַנדערע ספרים, וואָס די פּאָליציי האָט אָבגענומען ביי וועליזשער אידען, ווען זיי האָבען פּרובירט דאַוונען בציבור אין די קרעטשמעס. גרודינסקי האָט צווישען זיי אָנגעוויזען אויף אַ מאַנוסקריפּט, אַז דאָס איז טאַקע דאָס געהיימע ווערק „גאַנדאַמאַ״. ער האָט גלייך געמאַכט אַן איבערזעצונג — וואָס אַ וואָרט, איז כסדר וועגען בלוט, וועגען אַ שאַרפען חלף און עהנליכע שרעקליכע זאַכען! אין דער קאָמיסיע איז געוואָרען אַ יום־טוב, אַ פרייד. מען האָט בעשלאָסען אַרויסצורופען פון אַמטשיסלאַוו דעם משומד — דעם גלח פּאַזדערסקי, ער זאָל דורכקוקען גרודינסקי׳ס איבערזעצונג. אָבער דער פליגעל־אַדיוטאַנט שקורין האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען, ער האָט תיכף מיטגעטיילט קיין פעטערבורג די פרעהליכע בשורה, אַז דער געהיימער מאַנוסקריפּט, וואָס אידען האָבען פון אַלעמען בעהאַלטען אין פערלויף פון אַזוי פיעל הונדערטער יאָהרען, איז ענדליך ענטדעקט געוואָרען. ניקאָ־לאַי האָט אָבגעגעבען אַ בעפעהל, שקורין זאָל ברייגען גרודינסקי׳ן מיט דעם מאַנוסקריפּט קיין פעטערבורג.

שקורין האָט זיך שוין געקליבען אין וועג אַריין, אָבער אין צווישען איז קיין וועליזש געקומען צופאָהרען דער גלח פּאַזדערסקי. ער אַליין איז בעגאַנגען אָהן אַ ברעג פעלשונגען געגען אידען און זייער גלויבען, אָבער ער האָט ניט געוואָלט דולדען, אַז עמיצער זאָל מיט איהם דערין קאָנקור־רירען. שטרעבענדיג צו בעזייטיגען גרודינסקי׳ן, האָט ער דאָס מאָל גע־האַנדעלט עהרליך. נאָך דעם ווי פּאַזדערסקי האָט דורכגעקוקט דעם מאַנוסקריפּט און די איבערזעצונג, האָט ער ערקלערט, אַז דאָס ווערק ענט־האַלט אין זיך בלויז די דינים וועגען ש ח י ט ה. אָבער מכח יענע זאַכען, וואָס גרודינסקי טענה׳ט, איז דאָ קיין וואָרט ניטאָ. גרודינסקי האָט גע־פּרוואוט שטרייטען, אָבער דער גלח פּאַזדערסקי האָט קלאָר בעוויזען די פעלשונגען, און יענער האָט זיך געמוזט מודה זיין, אַז ער האָט אומישנע ניט ריכטיג איבערגעזעצט דעם מאַנוסקריפּט, ווייל ער האָט געמיינט, אַז קיינער וועט איהם ניט קאָנטראָלירען. די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבען געהאַט גרויס בזיון. דער פליגעל־אַדיוטאַנט שקורין איז געבליבען ווי אַן אָבגעשמיסענער, און וועגען פאָהרען מיט גרודינסקי׳ן קיין פעטער־

בורג האָט שוין קיין רייד ניט געקענט זיין. אַ שטיקעל טרייסט האָט די קאָמיסיע געהאַט, וואָס דער גלח פּאָזדערסקי האָט, פסל'ענדיג גרודינסקי'ס איבערזעצונג, צוגלייך דאָך בעשטעטיגט, אַז אידען געברויכען קריסטליך בלוט, און אַז עס זיינען פאַרהאַן אַנדערע העברעאישע ווערק, וואו עס ווערט וועגען דעם גערעדט. ער האָט אַפּילו געזאָגט, אַז עס איז מעגליך, אַזעלכע ביכער זאָלען זיך געפינען אין דער פער'חתמ'טער גרויסער וועליזשער שוהל. די קאָמיסיע האָט וועגען דעם מיטגעטיילט קיין פּעטערבורג, און פון דאָרטען בעקומען די ערלויבעניש צו מאַכען אין דער שוהל אַן אונטער־זוכונג. האָט מען פון דער שול אַראָבגענומען די פּלאָמבעס (דאָס איז פאַר די גאַנצע ניין יאָהר געווען דאָס איינציגע מאָל, וואָס מען האָט די שוהל אויף אַ קורצע ווילע געעפענט) און געזוכט די שעדליכע ספרים, אָבער זיי, פערשטעהט זיך, ניט געפונען. נאָר דער גלח פּאָזדערסקי איז ביי זיך ניט אַראָבגעפאַלען — ער האָט ערקלערט, אַז די אידען האָבען אפנים בעוויזען אַוועקצוטראָגען יענע ביכער, איידער די שוהל איז פער'חתמ'עט געוואָרען.

אַ שטיקעל צייט נאָכדעם איז אַנטאָן גרודינסקי ווידער געקומען צו דער קאָמיסיע און זיך „מודה" געווען, אַז ווען ער איז נאָך געווען אַ איד, האָט ער אין באָבאָוונע (מינסקער גוב.) ביי זיין קרוב טורבאָוויטש'ן, מיט איהם און זיין זוהן פאַר פסח דער'הרג'עט עטליכע קריסטליכע קינדער, און זייער בלוט האָט מען צוטיילט צווישען אידען אין די אַרומיגע געגענדען. כאָטש גרודינסקי'ס ליגענס זיינען שוין געווען קלאָר פעסטגעשטעלט ביי דער געשיכטע מיט זיין איבערזעצונג פון דעם געהיימען ספר „גאַנדאַמאַ", דאָך האָט זיך סטראַכאָוו אָנגעכאַפּט אַן זיין נייער ערקלערונג. וועגען דעם פערברעכען, אין וועלכען גרודינסקי האָט זיך מודה געווען, איז ראַפּאָרטירט געוואָרען קיין פּעטערבורג. לויט ניקאָלאַ'ס בעפעהל, איז דער זשאַנ־דאַרמסקער פּאָלקאָווניק רודקאָווסקי אינאיינעם מיט גרודינסקי'ן אַוועקגע־פאָהרען קיין באָבאָוונע, כדי אויסצופאָרשען די זאַך. טורבאָוויטש מיט זיין זוהן זיינען אַרעסטירט געוואָרען, אָבער רודקאָווסקי האָט זיך גאָר אין גיכען איבערצייגט, אַז די גאַנצע מעשה וועגען די דער'הרג'עטע קריסטליכע קינדער איז אַ בייזער ליגען. ער האָט גרודינסקי'ן גענומען אויף אַ שטרענ־גען פערהער, האָט יענער זיך באַלד מודה געווען, אַז ער האָט די זאַך אויסגעטראַכט, האָפענדיג צו בעקומען דערפאַר אַ געלד־בעלוינונג. וועגען דעם רעזולטאַט פון דער אויספאָרשונג איז אָבגעשיקט געוואָרען אַ בעריכט קיין פּעטערבורג, און דעם 26־טען מערץ 1830 האָט ניקאָלאַי בעפוילען אָבצוגעבען גרודינסקי'ן פאַר אַ סאָלדאַט *).

*) וועגען דעם באָבאָוונער ענין זעה: ש. דובנאָוו. „עלילת דם בעיר באָבאָוונע" („לוח אחיאסף", שנה שניה) און „מלואים לקורות עלילת באָבאָוונע" („לוח אחיאסף", שנה שלישית).

אין עטליכע טעג אַרום איז געשעהן עפּיס, אויף וואָס קיינער האָט זיך ניט געקאָנט ריכטען: סטראַכאָוו האָט זיך גענומען דאָס לעבען.

וואָס האָט דעם טייוועלשען אָנפיהרער פון דעם וועליזשער בלבול, דעם גרויזאַמען, פינסטערען מענשען אָהן האַרץ, בעוואויגען צו זעלבסט־מאָרד? צי ער, וואָס איז געוועזען אַזוי איינגעגלויבט אין זיך, האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגען דעם גרויסען דאָפּעלטען בזיון, וועלכען ער האָט געהאַט מיט דעם משומד גרודינסקי׳ן? צי ער האָט דערפיהלט, אַז דער בנין, וואָס ער האָט יאָהרען לאַנג געבויט מיט אַזאַ פערביסענקייט, ענערגיע און עקשנות, האַלט ביים איינפאַלען? אָדער אפשר האָט זיך דאָס געוויסען אין איהם דערוועקט און גענומען איהם אונערטרעגליך עגבערען, וואָס ער פייניגט און מאַטערט שוין פינף יאָהר נאָכאַנאַנד צעהנדליגע אונשולדיגע מענשען? — ווער ווייסט, און ווער קאָן זאָגען אויף געוויס, וואָס אַזוינס ער האָט איבערגעפיהלט אין די לעצטע שטונדען פון זיין זינדיגען לעבען! וואָסערע אומשטענדען עס זאָלען ניט האָבען איהם געשטויסען אויף אַזאַ שריט, נאָר אין פריהלינג 1830, באַלד נאָך ניקאָלאַי׳ס בעפעהל וועגען גרודינסקי׳ן, האָט ער זיך פער׳סמ׳ט, און מען האָט איהם געפונען אין בעט אַ טויטען.

סטראַכאָוו איז אַוועק פון דער וועלט, אָבער די טרויעריגע פאָלגען פון זיין בייזער אַרבייט זיינען אינאיינעם מיט איהם נישט פערשוואונדען. זיי האָבען איבערגעלעבט זייער בעשאַפער.

.IV

פינף יאָהר האָט די וועליזשער קאָמיסיע געצויגען איהר אויספאָרשונג, און עס איז נאָך אַלץ ניט געווען צו זעהן, ווען עס וועט קומען אַ סוף צו איהר אַרבייט. ניקאָלאַי דער ערשטער פלעגט אָפט קריגען פון דעם וויטעבסקער גענעראַל-גובערנאַטאָר כאָוואַנסקי׳ן ראַפּאָרטען וועגען דעם גאַנג פון דער אונטערזוכונג. דעם 2-טען אָקטאָבער 1829 האָט כאָוואַנסקי איהם צוגעשטעלט אַן אַלגעמיינעם בעריכט פון דער קאָמיסיע, אינאיינעם מיט זיינעם אַ ראַפּאָרט, אַז די אידען האָבען עס טאַקע דער׳הרג׳עט דעם יונגן פיאָדאָר׳ן, כדי אויסצונוצען זיין בלוט פאַר אַ רעליגיעזען געברויך. פיהלענדיג אָבער די נישטיגקייט פון די כלומר׳שטע „בעווייזען״, וואָס די קאָמיסיע האָט אַרויסגעשטעלט געגען די אָנגעקלאָגטע אידען, האָט דער גענעראַל - גובערנאַטאָר נאָך פון זיך צוגעגעבען איינציגע ערקלערונגען: דאָס, וואָס די אידען זיינען זיך ניט מודה, נעהמט זיך בלויז פון זייער „פערדאָרבענקייט״ בכלל. ער, כאָוואַנסקי, האָט געפּרוואווט מיט האַרציגע רייד און קלאָרע איבערצייגונגען ווירקען אויף יעדערען פון די אָנגעקלאָגטע, זיי זאָלען זיך מודה זיין אין דעם שרעקליכען פערברעכען, וואָס זיי זיינען

בעגאַנגען. „אָבער צום גרעסטען בעדויערן, האָבען די אַלע אידען דערביי אַרויסגעוויזען בלויז האַרטנעקיגקייט, בשעת די קריסטען האָבען איינשטימיג, און אַנדערע אַפּילו מיט געוויין וועגען דער אידישער עקשנות בעשטעטיגט, אַז אַלץ, וואָס זיי האָבען בעוויזען געגען די אידען, איז ריינער אמת. דאָס, וואָס די וועליזשער אידען זיינען זיך ניט מודה — שרייבט כאָוואַנסקי — האָט גאָרנישט צו זאָגען, וואָרום „עהנליכע פערברעכענס, ווי די טיראַנישע ערמאָרדונג פון דעם אונשולדיגען מאַרטירער פיאָדאָר'ן, זיינען אין פיעל צייטען געשעהן אין פערשידענע קריסטליכע לענדער, וואו אידען, אַט די שונאים פון די קריסטליכע פעלקער, פלעגען זיך נור בעזעצען." און ער דערמאָהנט, אַלס „בעוויין" געגען די וועליזשער אידען, וועגען פיער בלוטבעשולדיגונגען, וואָס זיינען אין 17-טען און אין אָנהויב 19-טן יאָהרהונדערט פערפיהרט געוואָרען געגען אידען אין פּוילען און רוסלאַנד, — כאָטש אין קיינעם פון יענע פּראָצעסען איז אַפּילו איין איד ניט פערורטיילט געוואָרען. ער ברייגגט אויך אויסצוגען פון אַנטיסעמיטישע ווערק, אַז לויט זייערע דינים, זיינען אידען כלומר'שט מחויב צו געבען פאַלשע ערקלערונגען, ברעכען די שבועה, זיי טאָרען בשום אופן זיך ניט מודה זיין, א. ד. גל. „ניט האָבענדיג קיין שום פאָראורטיילען געגען אידען — אַזוי האָט כאָוואַנסקי געשלאָסען זיין ראַפּאָרט, — האַלט איך פאַר מיין הייליגע פליכט צו צושטעלען אייער קייזערליכער מאַיעסטעט דאָס אַלץ, וואָס קאָן גענומען ווערען אין אַכט ביים בעטראַכטען דעם ענין וועגען דעם קינד, וואָס איז דער'הרג'עט געוואָרען אין וועליזש."

ניקאָלאַי האָט דעם בעריכט פון דער קאָמיסיע מיט כאָוואַנסקי'ס ראַפּאָרט איבערגעגעבען צום יוסטיץ-מיניסטער, און דעם 29-טען אָקטאָבער 1829 בעפוילען, אַז אַלע שריפטליכע מאַטעריאַלען פון דער קאָמיסיע זאָלען אָבגעשיקט ווערען אין סענאַט, אויף צו שטעלען אַן אורטייל וועגען די אָנגעקלאָגטע, לויט די גילטענדע געזעצען. אויף צו ברייגגען אין אָרדנונג די פּראָטאָקאָלען מיט די אַנדערע דאָקומענטען פון דער אויספאָרשונג און צונויפשטעלען שריפטליכע בעריכטען וועגען יעדען פונקט פון דער בעשולדיגונג איז ביי דער קאָמיסיע אַוועק כמעט אַ גאַנץ יאָהר, און ערשט אין סוף אויגוסט 1830 האָט כאָוואַנסקי צוגעשטעלט אין סענאַט אַלע מאַטעריאַלען וועגען דעם וועליזשער ענין. די אידען, וואָס האָבען זיך שוין יאָהרען לאַנג געמאַטערט אין דער טורמע, האָבען זיך פאַר'ן סענאַט בעקלאָגט אויף די בעדריקונגען, וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען פון דער קאָמיסיע ביי דער אויספאָרשונג. דעריבער האָט כאָוואַנסקי אין זיין בעריכט צום סענאַט זיך געמוזט אָבשטעלען אויף דער פראַגע וועגען דער באַהאַנדלונג פון די אַרעסטירטע וועליזשער אידען. ס'פערשטעהט זיך, אַז ער לייקענט אַלץ אָב. „זייערע טענות—שרייבט דער וויטעבסקער גענעראַל-גובערנאַטאָר—פער-

דיענען ניט קיין מינדעסטען צוטרוי. דאָס איז בלויז אַן אונפערשעמטע פרעכקייט פון שרעקליכע פערברעכער, וועמעס שולד איז שוין דערוויזען געוואָרען. איך האָב ניט איינמאָל בעזוכט די אידישע אַרעסטאַנטען, אָבער פון קיינעם ניט געהערט, מען זאָל איהם בעדריקען." ביי כאָוואַנסקי'ן האָט געקלעקט חוצפה און צביעות צו בעשטעטיגען, אַז „די קאָמיסיע האָט אין יעדער זאַך אָבגעהיט די העכסטע געזעצליכקייט און פינקטליכקייט". און וואָס אָנבעלאַנגט די בעהאַנדלונג פון די אַרעסטירטע אידען, איז זי שיער ניט ווי אין אַ פּאַנסיאָן אָדער אין אַ סאַנאַטאָריע: „מען האַלט זיי אין בעזונדערע טרוקענע צימערן, זיי בעקומען שפּייז פון זייערע אייגענע, און מען ערלויבט זיי אַפילו אַזעלכע נאַשערייען, ווי קאַווע א. ד. גל." אַז אייניגע פון די אַרעסטירטע האָבען ניט אויסגעהאַלטען אָט דעם וואוילטאָג אין דער וועליזשער טורמע און זיינען געשטאָרבען, — ווענען דעם האָט דער ווי־טעבסקער גענעראַל-גובערנאַטאָר, נאַטירליך, ניט דערמאָהנט.

גלייכצייטיג מיט'ן אָבשיקען אַלע מאַטעריאַלען פון דער קאָמיסיע אין סענאַט, דעם 27־טען אויגוסט, 1830, האָט זיך כאָוואַנסקי ווידער גע־ווענדעט מיט אַ בעריכט צום קייזער. ער האָט דאָ ערקלערט, אַז נאָכדעם, ווי ער האָט נאָכאַמאָל געניי בעטראַכט די גאַנצע אויספאָרשונג, האָט ער זיך פאָלשטענדיג איבערצייגט, ווי ריכטיג עס איז זיין מיינונג און די מיינונג פון דער קאָמיסיע, אַז דער מאָרד איז טאַקע בעגאַנגען געוואָרען דורך אידען. אויסנוצענדיג די געלעגענהייט, האָט כאָוואַנסקי, צו די „בעוויזען", וועלכע ער האָט געבראַכט אין זיין פריהערדיגען בעריכט צום קייזער, איצט צוגעגעבען נאָך עטליכע נייע „ענטדעקונגען", וואָס זיינען אינצווישען געמאַכט געוואָרען: דעם משומד פּאַזדערסקי'ס ערקלערונגען, אַז לויט די אידישע געזעצען וועלען קריסטען כלומר'שט בעטראַכט פאַר הפקר־באַשע־פעניש, מען מעג זיי הרג'ענען; אויסצוגען פון דעם גלח פּיקעלסקי'ס ווערק, אַז אידען געברויכען קריסטליך בלוט; די מעשה מיט דעם „הייליגען" רוסישען קינד גבריאל, וואָס אידען האָבען כלומר'שט אין 17־טען יאָהרהונדערט פערפּייניגט, א. ד. גל.

עס האָט געדאַרפט געשעהן, אַז גראָד דעם 27־טען אויגוסט — אין יענעם טאָג, ווען כאָוואַנסקי האָט אָבגעשיקט זיין רעפּאָרט, — איז אין פּעטערבורג צו דער מיליטערישער פערוואַלטונג געקומען אַ געטויפטער אידישער סאָלדאַט, אַלעקסאַנדער פּיאַדאָראָוו, און האָט ערקלערט פאָלגענ־דעס: ווען ער איז נאָך געווען אַ איד און האָט געלעבט אין וועליזש, האָט ער איינמאָל, אין פריהלינג 1824, אַליין געזעהן ווי שמריה בערלין און אַנדערע אידען האָבען פערשפּאַרט אַ רוסיש אינגעל אין אַ קעלער. אַזוי ווי עס האַנדעלט זיך איצט וועגען דעם מאָרד, וואָס איז פאָרגעקומען אין וועליזש, דריינגט ער, פּיאַדאָראָוו, אַז אידען האָבען עס דאַן דער'הרג'עט

יענעם רוסישען אינגעל, און דעריבער איז ער געקומען דערצעהלען דאָס, וואָס ער האָט מיט זיינע אייגען געזעהן; אַז אידען געברויכען קריסטליך בלוט, דאָס ווייסט ער פון זיינע אידישע עלטערן, און ער האָט פיעל מאָל געגעסען מצה מיט צוגעמישטע בלוט... לויט ניקאָלאַי׳ס בעפעהל, איז וועגען פּיאָדאָראָוו׳ס ערקלערונג מיטגעטיילט געוואָרען כאָוואַנסקי׳ן. ס׳איז קלאָר, אַז דער סאָלדאַט (אַלס איד האָט ער געהייסען ברוך בורשטיין, און ביים טויפען זיך איז ער פערוואַנדעלט געוואָרען אין „אַלעקסאַנדער פּיאָדאָראָוו") האָט זיך דאָ, ווי פיעלע אַנדערע גע׳שמד׳טע אידען, געוואָלט אָבּרעכענען מיט וועליזשער קהל, דערפאַר וואָס מען האָט איהם אָבגעגעבען אין מיליטער דיענסט; עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אָבגעגעבען האָט מען איהם פאַר שלעכטען אויפפיהר, און אַז ער האָט זיך שוין אויפ׳ן דיענסט דריי מאָל גע׳שמד׳ט, כדי יעדען מאָל צו בעקומען אַ געלד־בעלוינונג; אַז די מעשה מיט דעם אינגעל, וואָס אידען האָבען פערשפּאַרט אין אַ קעלער, האָט דער משומד אויסגעטראַכט. דאָס איז געוועזען קלאָר צו זעהן פון דעם, וואָס ער האָט אָנגעוויזען אויפ׳ן יאָהר 1824, בשעת אַז פּיאָדאָר איז דער׳הרג׳עט געוואָרען ערשט מיט אַ יאָהר שפּעטער. פאַר כאָוואַנסקי׳ן אָבער איז דאָס געוועזען אַ כשר׳ע מציאה. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר פּיאָדאָראָוו׳ס ערקלערונג און האָט אין זיין ראַפּאָרט צום קייזער צולעגט די זאַך אויף טעלערלעד, וועדליג ניקאָלאַי׳ס גוסט — פרום, גאַטספּאַרכטיג און מיט פערגלאָצטע אויגען.

„וואָס אַלעקסאַנדער פּיאָדאָראָוו האָט פריווילליג געגעבען זיין ערקלערונג — האָט דער וויטעבסקער גענעראַל־גובערנאַטאָר געשריבען — דאָס איז אַ וויכטיגער און ענדגילטיגער בעווייז געגען די האַרטנעקיגע פערברעכער. נאָכמעהר: דאָ האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזען דעם אויבערשטען׳ס השגחה. נאָך אַ לאַנגער, גענויער אויספאָרשונג, בלייבען די אידישע פערברעכער (וואָס האָבען אויסגעצאַפּט דאָס בלוט פון אַ קריסט, און זייער שולד איז קלאָר פעסטגעשטעלט געוואָרען) ביי זייער איינגעשפּאַרטקייט, זיי ווילען אויף קיין פאַל זיך ניט מודה זיין. און פּלוצלינג, אין העט־ווייט פון זיי, קומט אַ געוועזענער איד, וואָס האָט מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן, ווי מען האָט דאָס אומגליקליכע קינד פערשפּאַרט אין קעלער, און בעווייזט גוטווילליג, ווי דאָס געוויסען הייסט איהם, אַז אָבגעטהאָן דאָס פערברעכען האָבען טאַקע אידען! דאָ איז דאָך ווירקליך אַ וואונדערליכער נס געשעהן!"

דעם 27־טען אויגוסט האָט ער, דער גענעראַל־גובערנאַטאָר, אונטערגעשריבען און אָבגעשיקט זיין קייזערליכער מאַיעסטעט דעם לעצטען ראַפּאָרט וועגען וועליזשער ענין. — און אין דעמזעלבען טאָג, 600 וויאָרסט פון דאַנען, אין פּעטערבורג, (וואָרום ביים אויבערשטען איז ניטאָ קיין אונטערשיד פון צייט אָדער אָרט) קומט אַ סאָלדאַט, אַ געוועזענער איד, און בע־



גראַף נ. ס. מאָרדווינאָוו

(צום אַרטיקעל דער וועליזשער בלוט-בלבול)



לייזער רודניאַקאָוו

(געשט. 1906)

לעצטער פון די וואָס זיינען געהאַלטען געוואָרען אין טורמע צוליב דעם וועליזשער בלוט-בלבול.

שטעטיגט דורך זיין ערקלערונג דאָס אידישע פערברעכען! און אין יענעם טאָג, ווען זיין מאַיעסטעט דער קייזער האָט, וועדליג דעם גאַנג פון דער פּאָסט, בעוויליגט צו לייענען זיין ראַפּאָרט, וואו עס ווערט גערעדט מכח דער פערביסענער עקשנות פון די אידען, — גראַד אין יענעם טאָג האָט ער דער גענעראַל־גובערנאַטאָר, בעקומען פון פעטערבורג די מיטטיילונגען וועגען אַלעקסאַנדער פּיאַדאַראָווי'ס ערקלערונג, וואָס בעווייזט קלאָר זייער שולד! פּיעל קריסטליך בלוט האָבען אידען פערגאָסען אין פערשידענע לענדער און צייטען, און פּיעל מאָל האָט דאָס געריכט געשטעלט פערשידענע אורטיילען וועגען אַזעלכע ענינים. „איצט ווייזט זיך קלאָר אַרויס גאָט'ס ווילען, און זיין משפט וועט זיין גערעכט" — מיט די ווערטער פערענדיגט כאָוואַנסקי זיין ראַפּאָרט, וואָס איז געווען פול אי מיט זיסער צביעות, אי מיט מערדערישער בייזוויליגקייט.

נאָכדעם ווי דער גאַנצער מאַטעריאַל פון דער אויספאָרשונג איז געקומען אין סענאַט, איז די וועליזשער קאָמיסיע פערמאַכט געוואָרען. די אַנגעקלאָגטע אידען זיינען געבליבען אַרעסטירט אין דער טורמע. עס איז ניט פערווירקליכט געוואָרען זייער האָפנונג, אַז ווען די זאַך וועט אַריבער אין געריכט, וועלען זיי דאָרטען האָבען די מעגליכקייט מיט זייערע פערזענליכע ערקלערונגען אויפצודעקען די פאַלשטענדיגע באַדענלאָזיגקייט פון דער בעשולדיגונג. לויט דער דעמאָלטיגער אָרדנונג, פלעגט דער סענאַט בעטראַכטען קרימינעלע פּראָצעסען בלויז אויפ'ן גרונד פון שריפטליכע דאָקומענטען, און די אַנגעקלאָגטע פלעגט מען דערביי פערזענליך צום געריכט ניט שטעלען. דאָס זעלבע איז געווען מיט דעם וועליזשער ענין. דאָ האָט דער סענאַט געהאַט פאַר זיך בלויז פּאַפּירען, פּראָטאָקאָלען, געשריבענע בעריכטען, אָבער ניט די לעבעדיגע מענשען, וועלכע ער האָט גע'משפט. מיר ווייסען שוין, וואָס פאַר אַ ווערט עס האָט געהאַט דער מאַטעריאַל, וועלכען די וועליזשער קאָמיסיע און כאָוואַנסקי האָבען צוגעשטעלט אין סענאַט. אַחוץ די מעשיות פון די דריי גויעס, וואָס זייער פאַלשקייט האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען, זיינען דאָ געווען אַזעלכע „בעווייזען" געגען די אַנגעקלאָגטע אידען, ווי פּראָטאָקאָלען מכח די ענדערונגען אין זייערע פּנים'ער ביים פערהער אין דער קאָמיסיע, ידיעות וועגען אַמאָליגע בלוט־בלבולים, אויסצוגען פון אַנטיסעמיטישע ווערק מכח דעם אידישען בלוט־געברויך, געפעלשטע אָדער אויסגעטראַכטע שטעלען פון דער אידישער רעליגיעזער ליטעראַטור. און דאָס האָט עס געדאַרפט דיענען פאַר אַ בעשטעטיגונג, אַז די וועליזשער אידען האָבען מיט אַ רעליגיעזען ציעל פערפייניגט דאָס רוסישע קינד! אָבער די אַלטע בלוטיגע לעגענדע האָט זיך אַזוי טיעף איינגעוואָרצעלט, און דער פאָראורטייל געגען אידען בכלל איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אַפילו אָט דער נאַרישער, נישטי־

גער מאַטעריאַל, וואָס די קאָמיסיע האָט צונויפגעשטעלט, האָט אויף דעם סענאַט געמאַכט אַ גרויסע ווירקונג.

דער וועליזשער ענין האָט אָנגעהערט צום פינפטען דעפּאַרטאַמענט פון סענאַט. נאָכדעם ווי די סענאַטאָרען פון יענעם דעפּאַרטמענט האָבען זיך בעקענט מיט די שריפטליכע מאַטעריאַלען, זיינען זיי זיך דעם 1-טען דעצעמבער צונויפגעקומען, כדי אַרויסצוטראָגען דעם אורטייל. אי דעם קייזער ניקאָלאַי'ס רעזאָלוציע — די זאַך זאָל שטרענגסט אויסגעפאָרשט ווערען „ב י ז ' ן ס אַ מ ע ו ו אָ ר צ ע ל", אי די מאַטעריאַלען פון דער קאָמיסיע האָבען געשטויסען די סענאַטאָרען, זיי זאָלען ראשית-כל שטעלען פאַר זיך די פראַגע וועגען דער בלוט-בעשולדיגונג געגען אידען בכלל. ווי ווילד די זאַך איז ניט געווען, האָט דער סענאַט דאָ אויף זיך גענו־מען צו געבען אַן ענטפער אויף דער אַלגעמיינער פראַגע: צי ברויכען אידען קריסטליך בלוט צוליעב רעליגיעזע ציעלען? און אַלע פינף סענאַ־טאָרען פון דעם דעפּאַרטאַמענט האָבען איינשטימיג דערויף געענטפערט, אַז יאָ; היסטאָרישע פאַקטען און ליטעראַרישע קוועלען בעשטעטיגען, אַז אויב ניט אַלע אידען, איז אַלענפאַלס די אָנהענגער פון אַ רעליגיעזער סעקטע, וואָס עקזיסטירט ביי אידען, נויטיגען זיך אין בלוט, און זיי בע־געהען דעריבער מערדעריען געגען קריסטליכע קינדער. איין סענאַטאָר האָט דערביי אַפילו פאָרגעלייגט געוויסע מיטלען אויף צו בעקעמפען דעם אידישען „בלוט-געבאָט": 1) ווען עס וועט אין אַ וואָסער אָרט פערפאַ־לען אָדער דער'הרג'עט ווערען אַ קריסטליך קינד, זאָל מען פערשיקען קיין סיביר אַלע דאָרטיגע אידען, וואָס האָבען זיך אַפילו ניט בעטייליגט אינ'ם פערברעכען אויב זיי וועלען ניט אַרויסגעבען די שולדיגע; 2) אין יעדער שטאָדט זאָלען אַלע דאָרטיגע אידען, אָהן אונטערשיד פון סעקטעס, מעגען דאַוונען נור אין געוויסע שוהלען, וואָס וועלען דערויף בעשטימט ווערען, און וועגען דער צייט פון דאַוונען דאַרף מיטגעטיילט ווערען דער פּאָליציי, און 3) פאַר דאַוונען ביינאַכט אין הויז-מיניינים, אָדער אַפילו אין שוהלען, אָבער ניט אין דער בעשטימטער צייט, זאָל מען אידען אויך בעשטראָפען מיט פערשיקען קיין סיביר.

דערנאָך איז מען אַריבער צום וועליזשער ענין. וואָס אנבאַלאַנגט די דריי גויעס, טערענטיעווא, מאַקסימאָווא און קאָזלאָווסקאַיאַ, וואָס האָבען זיך „מודה" געווען אין דער'הרג'ענען אינאַיינעם מיט די אידען דעם יונגען פיאָדאָר'ן, זיינען אַלע סענאַטאָרען געווען צווישען זיך אייניג, אַז אַט די דריי פערברעכערינס וואָלט געקומט קאַטאָרגע, נאָר ווייל זיי האָבען זיך אַליין גוטוויליג מודה געווען, דאַרף מען די בעשטראָפונג פערמינדערן און זיי דרייען בלויז פערשיקען קיין סיביר. מסכים זיינען אויך אַלע געווען, אַז אויף יערעמייעוואַ, וועלכע האָט אָנשטאָט מיטצוטיילען וועגען דעם

מאָרד־פּלאַן, וואָס זי האָט געוואוסט, זיך אַרויסגעגעבן פאַר אַ „נביאה“, אַ פּאַראויסזאָגערין, דאַרף אַרויפגעלעגט ווערען אַ רעליגיעזע בעשטראָפונג. בנוגע צו די אָנגעקלאָגטע אידען, האָבען זיך אָבער די מיינונגען צוטיילט. איין סענאַטאָר האָט ערקלערט, אַז די אַלע בעווייזען, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרען געגען די וועליזשער אידען, האָבען איהם ניט געגעבען קיין פאָל־שטענדיגע איבערצייגונג, אַז זייער שולד איז קלאָר בעשטעטיגט געוואָרען; דעריבער קאָן ער ניט נעהמען אויף זיך צו בעשולדיגען זיי אין אַ פערברע־כען, פאַר וועלכען עס קומט אַזאַ האַרבע שטראָף, און ער האַלט, אַז מען דאַרף זיי אַלעמען בלויז איבערלאָזען אונטער שטאַרקסטען פערדאַכט און שטעלען אונטער פּאָליציי־אויפזיכט. אַ צווייטער סענאַטאָר האָט גענומען אין בעטראַכט, אַז די אָנגעקלאָגטע אידען זיינען דאָס פערברעכען בעגאַנגען צוליעב „רעליגיעזע טעמים“, און אַ צו שטרענגע בעשטראָפונג וועט, אַלזאָ, נאָך פערשטאַרקען זייער פאַנאַטיזם; דעריבער האָט ער פאָרגעלעגט, מען זאָל זיך בעגנוגענען מיט פערשיקען זיי אַלעמען קיין סיביר, אָהן לייב־בעשטראָפונג. און דריי סענאַטאָרען האָבען געפאָדערט אַזאַ אורטייל: פאַר אַ טייל אידען (צווישען זיי סלאַווע בערלין, חנה צייטלין, רבקה בערלין, פייגע וואולפסאָן און פראַדע דעווירץ) — בעשטראָפונג מיט „פּלעטעס“, צו 20 קלעפּ יעדען מאַנסביל, צו 15 קלעפּ יעדער פרוי, און דערנאָך קאַ־טאָרגע; פאַר אַן אַנדער טייל — צי 25 קלעפּ יעדען מאַנסביל, צו 20 קלעפּ יעדער פרוי, און פערשיקען קיין סיביר; פאַר אַ דריטען טייל — פערשיקען קיין סיביר, אָהן לייב־שטראָף. און נאָך פינף אידען האָבען לויט זייער מיינונג, געזאָלט בעפרייט ווערען פון שטראָף.

ווייל די סענאַטאָרען פון פינפטען דעפּאַרטאַמענט זיינען אַלזאָ ניט גע־קומען צו אַן איינשטימיגער מיינונג, איז די זאַך איבערגעטראָגען געוואָרען אין די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון סענאַט. זי איז דאָ בעהאַנדעלט געוואָרען אויף דריי זיצונגען, אין פעברואַר און מערץ 1833. און דאָ האָט די פינ־סטערע בלוטיגע לעגענדע ווידער אַמאָל גובר געווען די קלאָרע, אונצוויי־פעלהאַפטע פאַקטען. אויך די אַלגעמיינע פערזאַמלונג האָט ניט אָבגע־וואָרפען דעם בלוט־בלבול בכלל און אויך ניט די ספּעציעלע בעשולדיגונג געגען די וועליזשער אידען. אַ מיינונגס־פערשידענהייט איז פאָרגעקומען בלויז ביי דער פראַגע וועגען דער בעשטראָפונג, צו וועלכער זיי דאַרפען פעראורטיילט ווערען. די איינע סענאַטאָרען האָבען געפאָדערט קאַטאָרגע מיט לייב־שטראָף, די אַנדערע — פערשיקונג קיין סיביר, אויך מיט לייב־שטראָף, און די דריטע — בלויז פערשיקונג קיין סיביר. און איין סענאַטאָר האָט גאָר פאָרגעלעגט, מען זאָל די אַלע אָנגעקלאָגטע אידען אַרויסשיקען, אַלס שעדליכע מענשען, קיין אויסלאַנד. עס האָט ניט געהאָלפען דער פאָר־שלאַג, וועלכען עס האָט געמאַכט דער שטעל־פערטרעטער פונ'ם יוסטיץ־

מיניסטער, גראַף פּאַנין: 1) וועגען דער בעשטראָפונג פון די קריסטינס צושטעלען אויף דעם קייזער׳ס בעשייד; 2) אַזוי ווי פון יורידישען שטאַנדפונקט איז די שולד פון די וועליזשער אידען ניט בעשטעטיגט געוואָרען, בעפרייען זיי פון יעדער שטראָף, און 3) אידען זאָלען מעגען דאַוונען אינאיינעם נור אין בעשטימטע שוהלען און אין אַ געוויסער צייט, און פאַר עובר זיין געגען דעם זאָל קומען אַ געוויסע געלד־שטראָף. ביי דער אַבשטימונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 15־טען סעפּטעמבער 1833, זיינען 13 סענאַטאָרען צוגעשטאַנען צו גראַף פּאַנינ׳ס פאָרשלאַג, און 7 סענאַטאָרען האָבען ערקלערט, אַז זיי בלייבען ביי זייער פריהערדיגער מיינונג. קיין איינשטימיגער בעשלוס האָט, אַלזאָ, ווידער ניט געקאָנט געשטעלט ווערען, דעריבער האָט דאָס ענדגילטיגע וואָרט דאָ געדאַרפט זאָגען די העכסטע רוסישע מלוכה־אַנשטאַלט — דער גאָסודאַרסטוועני סאָוועט (שטאַטס־ראָט).

אין גאָסודאַרסטוועני סאָוועט, וואוהין דער וועליזשער ענין איז איצט אַריבער, האָט פאַר קרימינעלע פּראָצעסען געגאָלטען אַזאַ אָרדנונג: די זאַך האָט געדאַרפט פריהער בעטראַכט ווערען דורך זיין געריכטליכען דעפּאַרטאַמענט, און יענער פלעגט דערנאָך צושטעלען זיין מיינונג דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג. פּרעזידענט פון דעם געריכטליכען דעפּאַרטאַמענט איז דאַן געוועזען דער בעריהמטער גראַף ניקאָלאַי מאָרדווינאָוו — איינער פון די שענסטע און איידעלסטע שטאַטסלייט, וואָס רוסלאַנד האָט ווען עס איז פערמאָגט. אַן אייראָפּייער אין בעסטען זין פון וואָרט, אַן אויפגעקלערטער מענש מיט גרויסער בילדונג, מיט ברייטע אנשויאונגען און קלאָרען בליק, איז ער געוועזען באמת פריי פון יעטווידע רעליגיעזע אָדער נאַציאָנאַלע פאָראורטיילען, טיעף דורכגעדרונגען מיט גערעכטיגקייט און מיט פראָגרעסיווע, מענשענפריינדליכע אַנזיכטען. ער איז געוועזען אומעטום געאַכט, און ווי הויך מען האָט איהם געשעצט אַפילו אין די סאַמע ראַדיקאַלע, פאָרגעשריטענע קרייזען, קאָן מען זעהן פון דעם, וואָס די „דעקאַבריסטען״ — די אויפטהוער פון דעם דעצעמבער־אויפשטאַנד אין יאָהר 1825, האָבען געהאַט אין זינען, אין פאַל די מאַכט וועט אַריבער אין זייערע הענד, צו שטעלען מאָרדווינאָוו׳ן בראש פון דער נייער רעגירונג. ווען מען זאָל מוזען זוכען דעם בעסטען ריכטער פאַר אַזאַ פּראָצעס, ווי דער וועליזשער ענין וואָלט מען קיין פּאַסיגערען, איידער דעם קלוגען, אונאָבהענגיגען און הומאַנען גראַף מאָרדווינאָוו, ניט געפונען—ער איז געוועזען ווי בעשאַפען פאַר אַזאַ אויפגאַבע.

גראַף מאָרדווינאָוו האָט געהאַט נעבען וועליזש אַן אימעניע, געקענט פיעל פון די דאָרטיגע אידען, און ער האָט זיך גלייך דערוואוסט וועגען דעם אונגליק, וואָס האָט זיי געטראָפען. דעם אַרעסטירטען שמריה בערלינ׳ס

שוואַגער, הירש ברוידאָ, וועלכער האָט געלעבט אין פּעטערבורג, פלעגט זיין אײַן איינגעהער ביי מאַרדווינאָוו'ן און איהם דערצעהלען וועגען די צרות, וואָס די אידען אין וועליזש שטעהען אויס; געשפּרעכען וועגען דעם האָבען מיט איהם געהאָט אויך איניגע פון די אידישע געזעלשאַפטליכע שתדלנים. מאַרדווינאָוו האָט זיך אינטערעסירט מיט דעם גאַנג פון וועליזשער ענין; ער האָט געוואוסט וועגען די אַלע אונגעזעצליכקייטען און פעלשונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען ביי דער אויספאָרשונג. אָבער אַזוי לאַנג ווי די זאַך איז געווען אין כאָוואַנסקי'ס הענד און דערנאָך אין סענאַט, איז ער ניט געווען אימשטאַנד צו שיצען, העלפען די אונשולדיגע קרבנות פון דעם בלבול. די מעגליכקייט עס צו טהאָן איז פאַר איהם געקומען ערשט דאַן, ווען דער וועליזשער פּראָצעס איז דערגאַנגען ביז'ן גאָסודאַרסטוועני סאָוועט. ניט געאַכט אויף זיינע 80 יאָהר, איז דער גרייז-גראָהער מאַרדווי־נאָוו מיט עכט יוגענטליכער ענערגיע צוגעטראָטען צו דער אַרבייט. ער האָט ערנסט, מיט קאָפּ דורכגעשטודירט די ליטעראַטור וועגען דעם אידי־שען „בלוט-געברויך" (אַן אויספיהרליכע שריפט מכח דעם האָט איהם צוגעשטעלט אויך איינער פון די אידישע כלל-טהוער), און ער האָט געקראָ־גען די פעסטע איבערציוגונג, צו וועלכער עס מוז קומען יעדער קלאָרער, אונפּאַרטייאישער מענש: אַז דאָס איז מעהר ניט ווי אַ בייזער, פינסטערער בלבול. ער האָט אויך געוויסענהאַפט דורכגעשטודירט די טויזענטער פּאַפּי־רען, וואָס כאָוואַנסקי מיט דער קאָמיסיע האָבען אָנגעהויפט און צוגעשטעלט נאָך פינף יאָהר אַרבייט, — און ער האָט קלאָר איינגעזעהן, אַז זיי ענטהאַל־טען אין זיך ניט קיין מינדעסטען בעוויז, אַז די אָנגעקלאָגטע אידען זאָלען אין עפּיס זיין שולדיג, אַז דער גאַנצער פּראָצעס איז געבויט אויף אומישנע פעלשונגען און בייזוויליגע ליגענס.

אויף פינף זיצונגען (אין מאַי, יוני און אָקטאָבער 1834) האָט גראַף מאַרדווינאָוו געגעבען בעקענט די מיטגליעדער פונ'ם געריכטליכען דעפּאַרטאַ־מענט מיט אַלע איינצעלהייטען פון דעם וועליזשער ענין, און יענע האָבען פאָלשטענדיג מסכים געווען מיט די אויספיהרונגען, צו וועלכע ער איז געקומען. דערנאָך האָט ער, אין נאָמען פונ'ם דעפּאַרטאַמענט, אָנגעשריבען אַן אויספיהרליכען בעריכט פאַר דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון גאָסו־דאַרסטווענני סאָוועט. דאָס איז געווען אַ גאַנצער טראַקטאַט, אַן עכט מייסטער-ווערק, וואָס נור אַזאַ אויפגעקלערטער, הויך-געבילדעטער מענש און גערעכטער, פיין-פיהלענדער ריכטער, ווי מאַרדווינאָוו, האָט געקאָנט פערפאַסען. ער וויזט דאַ אָן, אַז דער וועליזשער ענין, אין יענער בעפאָר־בונג, ווי דער גענעראַל-גובערנאַטאָר כאָוואַנסקי האָט וועגען איהם ראַפּאָר־טירט דעם קייזער, און ווי אַזוי די זאַך איז דורך איהם צוגעשטעלט געוואָ־רען אין סענאַט, ענטהאַלט אין זיך די אַלגעמיינע, זעהר וויכטיגע פראַגע

וועגען דעם, אַז אידען געברויכען קריסטליך בלוט. „די פראַגע האָט פאַר׳ן גאַנצען רוסישען אידענטום די גרעסטע בעדייטונג, און אויב די רעגירונג זאָל אנערקענען כאָוואַנסקי׳ס בעהויפּטונג פאַר אַן אמת, מוז דאָס אונבעדינגט האָבען וויכטיגע רעזולטאַטען פאַר אַלע רוסישע אידען״. דעריבער האַלט מאַרדווינאָוו פאַר נויטיג ראשית־כל קלאָר און שאַרף צו שטעלען די פראַגע ווענען דעם בלוט־בלבול געגען אידען בכלל. ער גיט אַ היסטאָרישע איבערזיכט פון דער בלוטיגער לעגענדע. ער בעווייזט, פון וואַנען זי האָט זיך גענומען, און ווי דער מיטעל־אַלטערליכער פאַנאַטיזם און די אונוויסענהייט האָבען מיטגעהאָלפען, זי זאָל וואַקסען און זיך פערשפּרייטען. מיט דער ענטוויקלונג פון אויפקלערונג און וויסענשאַפט, ווערט דער בלוט־בלבול אָבגעשוואַכט. מאַרדווינאָוו ווייזט אָן אויף די בעשטעטיגונגען פון פערשידענע רוימישע פּויפּסטען און פוילישע קיסרים, וואָס זיינען געוועזען געציעלט געגען דעם בלוט־בלבול; ער דערמאָהנט אויך ווענען דעם, אַז דער רוסישער קייזער אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט אין יאָהר 1817 פערוועהרט צו פערפיהרען געגען אידען בלוט־בעשולדיגונגען נור אויף דעם גרונד אַליין, וואָס זיי נויטיגען זיך כלומר׳שט אין קריסטליך בלוט.

„אָבער פונקט ווי אַלע מענשליכע טעות׳ן זיינען נאָך ניט פערשוואונדען שפּורלאָז, — בעמערקט ווייטער מאַרדווינאָוו, — אַזוי איז עס אויך מיט דעם פאַלשען פאָראורטייל, וואָס די געבילדעטע לענדער האָבען אָבגעוואָרפען און וואָס האָט פערשאַפט דעם אידישען פאָלק אַזוי פיעל צרות. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר כאָוואַנסקי טענה׳ט מיט ענטשלאָסענקייט, אַז אידען — די שונאים פון די קריסטליכע פעלקער, האָבען אין פערלויף פון הונדערטער יאָהרען פערגאָסען פיעל קריסטליך בלוט״. אַזאַ מין בעהויפּטונג איז צו־געפעהרליך פאַר די אידען אין גאַנץ רוסלאַנד. דעריבער מוז מען בעטראַכטען די „בעווייזען״, וואָס כאָוואַנסקי האָט געבראַכט — די פערצייטיגע פּראָצעסען און די אויסצוגען פון אַנטיסעמיטישע ווערק. און מאַדרווינאָוו שטעלט־פעסט, אַז די פּראָצעסען, וואָס כאָוואַנסקי האָט דערמאָהנט, האָבען אָפּילו אין מינדעסטען ניט בעשטעטיגט די בלוט־בעשולדיגונגען, און אַז די אויסצוגען זיינען גענומען פון „אַזוינע ווערק, וואָס זיינען בעשאַפען דורך מוחות, וועלכע זיינען פערפינסטערט געוואָרען פון טונקעלע פאָראורטיילען.״

דערנאָך ווענדעט זיך מאַרדווינאָוו ספּעציעל צו דעם וועליזשער ענין, וועלכען ער כאַראַקטעריזירט, אַלס „הויפּט־מיטעל צו בענייען דעם פאָראורטייל געגען אידען.״ „ביי דעם איצטיגען צושטאַנד פון אויפקלערונג, — אונטערשטרייכט ער, — וואָלט דאָס געריכט אָפּילו ניט בעדאַרפט פערנעהמען זיך מיט אַזאַ מין ענין. נאָר ווייל עס האַנדעלט זיך ווענען עטליכע און פערציג אידען, וואָס מען האָט אַריינגעזעצט אין טורמע, און דער ענין

האָט זיין גלייכען ניט אַפילו אין דער כראָניק פון די אַמאָליגע פּראָצעסען,— דעריבער האַלט דער געריכטליכער דעפּאַרטאַמענט פאַר זיין פליכט צו בעטראַכטען די זאַך אויספיהרליך און מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמ־קייט, כדי צו מאַכען אַ סוף צו דעם פּאַראורטייל, וואָס איז אַ בזיון פאַר דער געבילדעטער וועלט.״

דרינגענדיג פון אָט דעם שטאַנדפּונקט, צוגליעדערט גראַף מאַרדווי־נאָוו דעם גאַנצען מאַטעריאַל פון דער אויספאָרשונג. ער בעווייזט טריט ביי טריט, אַז די ערקלערונגען פון די דריי גויעס זיינען קלאָר אויסגעטראַכט, זיי שטימען ניט מיט דער לאָגיק, ניט מיט דער מעדיצינישער אונטערזוכונג פון פיאָדאָר׳ס קערפּער, אויך ניט מיט די פּאַקטישע אומשטענדען, וואָס זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרען. ער אַנאַליזערט אויך די אַלע אַנדערע אַרגומענטען פון דער קאָמיסיע און בעווייזט, אַז זיי האָבען קיין מינדעסטען גרונד ניט. און נאָך מאַרדווינאָוו׳ס מייסטערהאַפטער קריטיק איז דער גאַנצער מאַטעריאַל, וואָס כאָוואַנסקי מיט זיין קאָמיסיע האָבען צוגעשטעלט, ווי שפּינוועבס צוקראָכען, זיין פאַלשטענדיגע נישטיגקייט איז געוואָרען קלאָר, ווי דער טאָג. מאַרדווינאָוו אונטערשטרייכט עטליכע מאָל אָפען: די אַלע אומשטענדען, ווי אַזוי די אויספאָרשונג איז געפיהרט געוואָרען, בעשטעטיגען, אַז דאָ איז געווען אַ פון־פריהער צוגעטראַכטער און צוגע־גרייטער פּלאַן אַרויפצוואַרפען אויף אידען אַ מורא׳דיגע בעשולדיגונג. „דער געריכטליכער דעפּאַרטאַמענט זעהט מיט בעדויערן, אַז די בעשולדי־גונג געגען די וועליזשער אידען אין שרעקליכע פערברעכענס האָט זיך גענומען פון האַס און פּאַראורטייל, און אַז זי איז געפיהרט געוואָרען אונטער ע מ י צ ע נ ׳ ס ש ט אַ ר ק ע ר ו ו י ר ק ו נ ג , וואָס מערקט זיך אויף יעדען שריט.״ און כדי עס זאָל ניט בלייבען קיין צווייפעל, וואָסער ווירקונג ער מיינט דאָ, ווייזט ער אָן גלייך נאָכדעם דעם גענעראַל־גובער־נאַטאָר כאָוואַנסקי׳ס אַטעסטאַציע, אַז די קאָמיסיע „האָט אין יעדער זאַך אָבגעהיט די העכסטע געזעצליכקייט און פּינקטליכקייט.״

צום שלוס האָט מאַרדווינאָוו אין נאָמען פונ׳ם געריכטליכען דעפּאַרטאַ־מענט פאָרגעלעגט: 1) תיכף בעפרייען אַלע אידען, וואָס זיינען צוגעצויגען געוואָרען צו דער בעשולדיגונג; 2) עפענען אין וועליזש אַלע פערשלאָסענע שוהלען און ערלויבען צו דאַוונען אין זיי; 3) ווייל די אונשולדיגע אידען זיינען אַכט יאָהר אָבגעזעסען אין טורמע און ממילא רואינירט געוואָרען, זאָל מען זיי אויף אַכט יאָהר בעפרייען פון מלוכה־אָבצאָהלונגען (טעקסעס); 4) די דריי קריסטינס (טערענטיעווא, מאַקסימאָווא און קאָזלאָווסקאַיאַ) וואָלט פאַר זייער פאַלשער מסירה געקומט קאַטאָרגע, נאָר ווייל ס׳איז קלאָר, אַז זיי האָבען געהאַנדעלט אונטער אַ זייטיגער ווירקונג, — פערשיקען זיי דרייען קיין סיביר; 5) יערעמעיעוואַ׳ן, ווייל ס׳פאַלט אויף איהר אַ שטאַר־

קער פערדאַכט, אַז זי איז געשטאַנען אין פערבינדונג מיט טערענטיעוואַ׳ן, און ווייל זי האָט זיך אַרויסגעגעבען פאַר אַ „נביאה״, — פערשיקען אויף אויסבעסערונג אין אַ קלויסטער; 6) כדי צו מאַכען אַ סוף צום בלוט־בלבול געגען אידען און בעוואָרענען, עס זאָלען מעהר ניט פאָרקומען אַזעלכע פראָצעסען, ווי דער וועליזשער, — בעשטעטיגען, אַז דער אַלערהעכסטער בעפעהל פון 6־טען מערץ 1817, זאָל שטרענגסט אָבגעהיט ווערען.

גראַף מאָרדווינאָוו׳ס עהרליך, איבערצייגענד וואָרט האָט געהאַט אַ ווירקונג און געראַטעוועט די וועליזשער אידען. די אַלגעמיינע פערזאַמ־לונג פון גאָסודאַרסטווענני סאָוועט האָט אויף פיער זיצונגען (אין דעצעמבער 1834 און אָנהויב יאַנואַר 1835) בעטראַכט מאָרדווינאָוו׳ס שריפטליכען בעריכט און אָנגענומען זיין פאָרשלאַג, אויסער נור דעם פונקט וועגען בע־פרייען אויף 8 יאָהר די אונשולדיגע אַרעסטירטע אידען פון מלוכה־אָבצאָה־לונגען. און דעם 18־טען יאַנואַר 1835 האָט ניקאָלאַי דער 1־טער דעם אורטייל פון גאָסודאַרסטווענני סאָוועט בעשטעטיגט. דערביי האָט ער אָבער ניט מסכים געווען אויף דעם פאָרשלאַג וועגען בעשטעטיגען דעם קייזער־ליכען בעפעהל פון 6־טען מערץ 1817 (מכח פערוועהרען צו פערפיהרען בלוט־בלבולים געגען אידען). פאַרוואָס ער האָט אָט דעם פונקט אָבגע־וואָרפען, דאָס האָט ניקאָלאַי ערקלערט אין אַן אייגענהענדיג אָנגעשריבענער רעזאָלוציע, וואָס איז ניט פערעפענטליכט געוואָרען און איז געבליבען צווישען די אַרכיוו־דאָקומענטען פון גאָסודאַרסטווענני סאָוועט *)

„אָנגעהמענדיג די מיינונג פון גאָסודאַרסטווענני סאָוועט, — אַזוי האָט געשריבען ניקאָלאַי, — אַז אין אָט דעם ענין קאָן צוליעב דער אונקלאָרקייט פון די געזעצליכע בעוויזען ניט זיין קיין אַנדער אורטייל, ווי דער, וואָס איך בעשטעטיג דאָ, האַלט איך אָבער פאַר נויטיג צו צוגעבען, אַז קיין אינערליכע איבערצייגונג, אַז די אידען זיינען דעם מאָרד ניט בעגאַנגען, האָב איך ניט, און כ׳קאָן אויך ניט האָבען. וואָס אַזעלכע הריגות, מיט דיזעלביגע, אָפטמאָל אונקלאָרע סימנים זיינען ניט איינמאָל פאָרגעקומען, און אָפילו דער איצטיגער, זעהר טונקעלער ענין אין זשיטאָמיר, — דאָס בעוויזט, נאָך מיין מיינונג, אַז צווישען די אידען עקזיסטירען וואָהרשיינליך פאַנאַטיקער, אָדער סעקטאַנטען, וואָס האַלטען פאַר נויטיג קריסטליך בלוט צוליעב זייערע רעליגיעזע מנהגים. דאָס קאָן אויסקומען נאָך מעהר וואָהרשיינליך, ווען מען נעהמט אין בעטראַכט, אַז צום אונגליק געפינען זיך אַמאָל אויך צווישען אונז, קריסטען, אַזעלכע סעקטעס, וואָס זיינען ניט ווייניגער שרעקליך און אונפאַרשטענדליך; למשל, די וואָס פערברענען זיך און נעהמען זיך

*) דער אָריגינעלער טעקסט פון אָט דער רעזאָלוציע ווערט דאָ געדרוקט צום שלוס פון באַנד, אַלס ביילאַגע נומ. 2.

דאָס לעבען, אַזאַ שרעקליךביישפּיעל איז שוין פאַרגעקומען אין מיין צייט, אין סאַראַטאָווער גובערניע. — מיט איין וואָרט: איך מיין דורכאויס ניט, אַז דאָס זאָל זיין אַן אַלגעמיינער מנהג ביי אידען; אָבער איך רעכען ניט, אַז צווישען אידען זאָלען ניט קאָנען זיין אַזעלכע שרעקליכע פאַנאַטי־קער, ווי צווישען אונז, קריסטען"...

כאָטש ניקאָלאַי מאַכט דאָ כלומרשט אַן אונטערשיד צווישען אידען בכלל און אַ בעזונדערער אידישער סעקטע, איז אָבער אָט דער אונטערשיד בלויז אַ ריין אויסערליכער, און ער ענדערט ניט די פראַגע וועגען דעם בלוט־בלבול. וואָרום וויבאַלד עס איז פאַרהאַן אַ אידישע „סעקטע", וואָס הרג'עט קריסטליכע קינדער, כדי צו געברויכען זייער בלוט, און די אידען, כאָטש זיי ליידען איבער דעם אַזוי פיעל צרות, גיבען אָט די שרעקליכע „סעקטאַנטען" ניט אַרויס, נאָר פערקעהרט: זיי דעקען, בעהאַלטען זיי מיט אַלע מיטלען, פון דער רעגירונג, — זיינען זיי דאָך די מ י ט ש ו ל ־ ד י ג ע אין די שרעקליכע פערברעכענס, וואָס ווערען בעגאַנגען געגען קריסטען. דער בלוט־בלבול, אויך אין יענער פאָרם, ווי ניקאָלאַי האָט איהם געשטעלט, בלייבט אַלזאָ געציעלט געגען אידען און געגען דעם אידישען גלויבען בכלל. און כאָטש ניקאָלאַי'ס רעזאָלוציע איז ניט פערעפענטליכט געוואָרען, האָט מען אין די רעגירונגס־קרייזען וועגען איהר גוט געוואוסט, און זי האָט נישט געקאָנט בלייבען אָהן ווירקונג. עס איז געווען גענוג קלאָר, אַז אין תוך איז דער קייזער אייניג ניט מיט מאָרדווינאָוו'ן, נאָר מיט כאָוואַנסקי'ן. דאָס אינערן־מיניסטעריום האָט גענומען זאַמלען מאַטעריאַלען מכח דעם אידישען „בלוט־געברויך", און אין יאָהר 1853 איז שוין אין סאַראַטאָוו פערפיהרט געוואָרען אַ בעשולדיגונג, אַז זיי האָבען כלומר'שט דער'הרג'עט מיט רעליגיעזע ציעלען צוויי רוסישע קינדער. כאָטש אין אַלע איינצעלהייטען איז דער סאַראַטאָווער ענין געווען אַ קאָפּיע פון דעם וועליזשער, אָבער געענדיגט האָט ער זיך אַנדערש: דער גאָסודאַרסטווענני סאָוועט, וואוהין דער סאַראַטאָווער פּראָצעס איז אויך דערגאַנגען, האָט שוין דעמאָלט ערקלערט די אידען פאַר שולדיג.

אַדאַנק גראַף מאָרדווינאָוו'ן, זיינען ענדליך מקוים געוואָרען די ווער־טער פון דער מוטהיגער, שטאָלצער סלאָווע בערלין: „נישקשה, אַלץ וועט זיך ענדיגען מיט גאָרנישט; עס וועט קומען די צייט, וועלען זיך אידען אומקעהרען אַהיים!" נאָך יאָהרען לאַנג אָבזיצען אין טורמע, האָבען די וועליזשער אידען בעקומען די פריהייט. די שוהלען, וואָס זיינען כמעט ניין יאָהר געווען געשלאָסען, זיינען בעפרייט געוואָרען פריהער, ווי די אַרעסטאַנטען. דעם 28־טען יאַנואַר 1835 — דעם 18־טען שבט — איז קיין וועליזש געקומען אַ ספּעציעלער בעאַמטער פון פּעטערבורג. אין שטאָדט

האָט זיך גלייך פערשפּרייט די פרעהליכע בשורה, אַז דאָס איז ער אַנגעפּאַהרען, כדי צו עפענען די שוהלען. די גאַסען זיינען פול געוואָרען מיט אידען, און אַלע האָבען געאיילט צו דעם הויז, וואו דער שליח פון פּעטערבורג האָט זיך אָבגעשטעלט. עס איז שוין געוואָרען טונקעל. מיט אַנגעצונדענע הבדלות אין די הענד האָט מען זיך צוערשט אַ לאָז געטהאָן צו דער אַלטער גרויסער שוהל, אָבגערייניגט דעם שניי און צוריסען די קייט, מיט וועלכער די פּאָליציי האָט מיט ניין יאָהר צוריק אַרומגענומען דעם בנין. די חתימות זיינען אַראָבגעריסען געוואָרען, מען איז אַריין אין דער פוסטער, אַלטער, פערʼיתומʼטער שוהל און אָבגעריכט אַ גאָטעסדיענסט, מיט טרעהרען פון פרייד דאַנקענדיג דעם אויבערשטען פאַר די ישועה, וואָס איז געשעהן. אויך די אַלע אַנדערע שוהלען זיינען געעפענט געוואָרען, און די ספרי־תורות האָט מען אומגעקעהרט פון פּאָליציי, וואו זיי זיינען געוועזן פערשפּאַרט.

די אַרעסטירטע זיינען אַרויס פון טורמע ערשט מיט אַ מאָנאַט שפּעטער, אין טאָג פון פורים. דיביידע טעג: 18־טער שבט און פורים, זיינען אויף יאָהרען לאַנג געבליבען בעזונדערע ימים־טובים פאַר ווילנער אידען — מען פלעגט הוליען, זינגען, טאַנצען; מען האָט אין פרייד דערצעהלט וועגען די אויסגעשטאַנענע ליידען, און די פּורימʼדיגע תפילה „שושנת יעקב״ פלעגט מען פערענדיגען מיט די ווערטער: וגם מאָרדווינאָוו זכור לטוב״ (זאָל אויך מאָרדווינאָוו דערמאָהנט ווערען צו גוטען). דערנאָך האָט די צייט, ווי געוועהנליך, גענומען אָבשוואַכען די ערינערונגען וועגען דער טרויעריגער גזירה. די אַלטע ווילנער שוהל האָט אין יאָהר 1868 פאָלשטענדיג אָבגעברענט. ביסלעכווייז זיינען אויך פון דער וועלט אַוועק אַלע יענע, וואָס האָבען פערזענליך איבערגעלעבט די ווילנער טראַגעדיע. אין יאָהר 1906 איז געשטאָרבען דער לעצטער פון זיי—לייזער רודניאַקאָוו. ער האָט ערשט אָנגעהויבען געהן, ווען זיין מוטער איז צוליעב דעם בלבול אַרעסטירט געוואָרען; זי האָט איהם מיטגענומען אין טורמע, און לייזער איז פון דאָרטען אַרויס אינאיינעם מיט די עלטערן, ווען ער איז שוין געוועזן עלף יאָהר אַלט.

גראַף נ. מאָרדווינאָוו האָט דערלעבט ביז צו אַ טיעפער עלטער. געשטאָרבען איז ער 91 יאָהר אַלט, אין יאָהר 1845, צעהן יאָהר נאָכʼן סוף פון דעם ווילנער בלבול. און צווישען די, וואָס האָבען איהם אויפריכטיג בעקלאָגט, האָבען די ווילנער אידען מעהר פון אַלעמען געהאַט גרונד צו בעוויינען מאָרדווינאָווʼס טויט.

●

די אַמטשיסלאַווער גזירה

I.

די אמטשיסלאווער געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבען פון אַ פּאַסירונג, וואָס פלעגט גאַנץ אָפט פּאַרקומען מיט אַ יאָהר הונדערט צוריק — פון זוכען קאָנטראַבאַנדע אין אידישע קראָמען. די רוסישע פאַבריקאַציע איז אין יענע צייטען נאָך געווען זעהר שוואַך ענטוויקעלט, זי האָט געקאָנט געבען נור סאַמע איינפאַכע, גראָבע סחורה. דער פּריצישער קלאַס, בעזונ־דערס אין מערב־ראַיאָן האָט זיך גענויטיגט אין פיינערע סאָרטען סחורה; אָבער דער גרעניץ־אַבצאָהל אויף אויסלענדישע סחורות איז געווען זעהר אַ גרויסער. דעריבער האָט מען אין דער מערב־געגענד זיך שטאַרק פער־נומען מיט אַריבערשמוגלען פערשידענע סחורות פון אויסלאַנד. און ווייל דער האַנדעל אין רייסען און ליטע איז געלעגען דערהויפּט אין אידישע הענד, פלעגען אידען, נאַטירליך, נעהמען אַ רעכטען אַנטייל אין דעם ענין קאָנטראַבאַנד. די רעגירונג האָט געפיהרט אַן ענערגישען קאַמף געגען שמוגלעריי. מען האָט אָפט ביי קרעמער געמאַכט רעוויזיעס, זוכענדיג אויס־לענדישע סחורה. און ווען מען האָט ערגיץ־וואו ענטדעקט קאָנטראַבאַנד, פלעגט מען די סחורה צונעהמען און אויף די קרעמער אַרויפלעגען אַ גרויסע געלד־שטראָף, אויך פערפיהרען געגען זיי פּראָצעסען.

אַזאַ אונטערזוכונג איז אין ענדע דעצעמבער 1843 געמאַכט געוואָרען אין אַמטשיסלאַוו (מסטיסלאַוו), מאָהילעווער גובערניע *). אין שטאָדט איז צוליעב דעם געקומען צופאָהרען אַ ספּעציעלער רעוויזאָר, ספּעראַנסקי. אַמטשיסלאַוו האָט פערמאָגט איינינע פּאָליציאַנטען און עטליכע צעהנדליג

---

*) אַרכיוו פון אינערן־מיניסטעריום, דעפּאַרטמענט פאַר אויספיהר־פּאָליציי, פון יאָהר 1844 — נום. 479 („וועגען דעם בונט, וואָס די אידען אין מסטיסלאַוו האָבען געמאַכט געגען דער דאָרטיגער פּאָליציי און מיליטערישער קאָמאַנדע”).

ליטעראַטור וועגען דער אַמטשיסלאַווער גזירה:

Ю. Гессенъ. “Мстиславское буйство”. (“Пережитое”, т. II).

С. Дубновъ. Изъ хроники мстиславской общины. (“Восходъ” 1899 г., кн. 9).

С. Ан—скій. Изъ легендъ о мстиславскомъ дѣлѣ. (“Пережитое”, т. II).

И. Равребе. “Мстиславское буйство” въ еврейскомъ народномъ творчествѣ. (“Еврейская Старина”, т. XIII).

ש. דובנאָוו. מגילת מסטיסלאב. („העבר”), כרך א'.

סאָלדאַטען, האָט דער רעוויזאָר זיי אַלעמען מאָביליזירט. דעם 29־טען דע־צעמבער אין דער־פריה האָט דער קאָמאַנדיר פון דער אַמטשיסלאַווער גאַרניזאָן, דער אָפיציר ביביקאָוו, פונאַנדערגעשטעלט סאָלדאַטען מיט ביק־סען נעבען יענע קראָמען, אויף וועלכע עס איז געפאַלען אַ פערדאַכט, אַז דאָרטען געפינט זיך געשמוגעלטע סחורה. מען האָט אויך געבראַכט פאָלי־ציאַנטען, און עס האָט זיך אָנגעהויבען די אונטערזוכונג. דער אָפיציר ביביקאָוו, אַ זויפער און כאַבאַרניק, איז דאָ געווען דעם רעוויזאָר ספעראַנ־סקי'ס הויפט־געהילף. צו דער רעוויזיע איז ער געקומען, ווי געוועהנליך, אַ שיכור'ער, אין זעהר אַן אויפגערעגטער שטימונג, פונקט ווי עס וואָלט פאַרגעשטאַנען עפּיס אַן אַטאַקע, אַ געשלעג. מען איז געגאַנגען פון קראָם צו קראָם, אָבער קיין זאַך ניט ענטדעקט. נאָר צולעצט האָט מען ביי רחל פרומקין ענטדעקט קאָנטראַבאַנד. די רעוויזאָרען האָבען די סחורה פער־פאַקט אין צוויי קאַסטענס. איינעם, אַ גרינגערען, האָט מען באַלד אַוועקגע־טראָגען אין פאָליציי; דער צווייטער קאַסטען האָט געוואויגען מעהר ווי דריי פוד, האָבען די סאָלדאַטען געוואָלט איהם אָבפיהרען אויף אַ שליטען, וואָס איז גראָד פערבייגעפאָהרען. דער פוהרמאַן יודל לעוויטאַן, האָט ניט געוואָלט געבען דעם שליטען; האָבען די סאָלדאַטען איהם גענומען שלאָגען און צובלוטיגט דעם קאָפּ. ס'איז גראָד געווען אַ חגא־טאָג, און דער מאַרק איז געווען פול. אויף לעוויטאַנ'ס קולות זיינען אָנגעלאָפען אַ סך מענשען, אידען און קריסטען, און דער המון איז געוואָרען אַלץ גרעסער. די, וואָס זיינען געשטאַנען נעהנטער, האָבען זיך אָנגענומען פאַר לעוויטאַנ'ען. איז דער שיכור'ער אָפיציר ביביקאָוו צוקאָכט געוואָרען און ער האָט געגעבען אַ בעפעהל די סאָלדאַטען, זיי זאָלען שלאָגען די אידען. יענע האָבען לאַנג ניט געוואַרט און זיך מיט די ביקסען אין די הענד אַ וואָרף געטהאָן אויף דעם המון. אייניגע פון דעם געזעמעל האָבען זיך געוועהרט, און עס איז געוואָרען אַ געשלעג. עטליכע אידען זיינען גלייך צובלוטיגט געוואָרען. ס'פערשטעהט זיך, אַז „געזיעגט" האָבען די סאָלדאַטען. דער המון איז זיך צולאָפען, און דער קאַסטען מיט די פערהאַלטענע סחורה איז אָבגעפיהרט געוואָרען אין פאָליציי.

די זאַך וואָלט זיך מיט דעם געענדיגט און וואָלט געוויס ניט געהאָט קיין שום ערנסטע פאָלגען, ווען ניט אַ בעזונדער אומשטאַנד, וואָס האָט דאָ אָבגעשפּיעלט זעהר אַ טרויעריגע ראָלע. ווי יעדע אידישע קהילה האָט אויך אַמטשיסלאַוו געהאַט איהרע מוסרים — דאָס איז געווען אַזאַ פּלאָג, פון וועלכער קיין איין אידישע שטאָדט איז אין יענע צייטען ניט געווען פריי. אַמטשיסלאַוו האָט פערמאָגט גאַנצע דריי מוסרים. דער ערגסטער פון זיי איז געווען אריה בריסקין. די אַמטשיסלאַווער אידען האָבען פון איהם געהאַט שטענדיגע צרות. ער פלעגט זיך רייבען אַרום „נאַטשאַלסטווע",

איז געווען אויסגעבונדען מיט דער פּאָליציי און האָט געהאַלטען אין איין שיטען מיט מסירות און בלבולים אויף די דאָרטיגע אידען. קהל פלעגט זיך אַ צייט לאַנג פון איהם אָבקויפען, צאָהלען „לא יחרץ״ געלד. נאָר אַזוי ווי אריה איז וואָס ווייטער געוואָרען שטענדיג פרעכער און געפאָדערט אַלץ מעהר געלד, איז דאָס ענדליך דערעסען געוואָרען, און מען האָט איהם אויפגעהערט צו צאָהלען. האָבען זיך זיינע מסירות נאָך פערמעהרט. אַריה פלעגט מיט זיינע בלבולים אָנשפּאַרען אויך צום גובערנאַטאָר און אַפילו קיין פעטערבורג. אַדאַנק איהם זיינען פערפיהרט געוואָרען אַ סך אויספאָרשונגען און פּראָצעסען געגען אידען, אָבער שטענדיג פלעגט זיך אַרויסשטעלען, אַז אַלע זיינע בעשולדיגונגען זיינען פאַלש, אויסגעטראַכט. ווי עס ווייזט אויס, איז ער לסוף דערעסען געוואָרען אויך דער אַדמיניסטראַציע. זי האָט אָנגעוויזען די אַמטשיסלאַווער אידען, אַז לויט דעם געזעץ מעג קהל אָננעהמען אַ בעשלוס וועגען פערשיקען אריה'ן, אַלס שעדליכען מענש, קיין סיביר. אַמטשיסלאַווער קהל האָט, נאַטירליך, זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטען, אָנגענומען אַזאַ בעשלוס, און דער מוסר איז אַריינגעזעצט געוואָרען אין טורמע. איז ער אָבער געפאַלען אויף אַן המצאה. ווי בעוואוסט, האָט אין יענע פינסטערע צייטען געגאָלטען אַזאַ געזעץ, דאָס ווען אַ איד אַ פערברעכער טויפט זיך, ווערט ער בעפרייט פון בעשטראָפונג. האָט זיך דער אַמטשיסלאַווער מוסר גע'שמד'ט. ער איז פון „אריה בריסקין״ געוואָרען „אַלעקסאַנדער וואַסיליעוו״, איז אַרויס פון טורמע, און דער בעשלוס וועגען אַרויסשיקען איהם קיין סיביר איז ממילא בטל געוואָרען, ווייל די אידישע געמיינדע האָט שוין מעהר ניט געהאַט קיין מאַכט איבער איהם, אַלס משומד. אַלעקסאַנדער וואַסיליעוו איז געווען דער הויפּט-מוסר אין אַמטשיסלאַוו, און אין דער שעהנער אַרבייט האָט ער געהאַט צוויי געהילפען. איינער פון זיי — אויך אַ געוועזענער איד מאיר, וואָס האָט זיך געטויפט (זיין קוואַטער איז געווען דער אָפיציר ביביקאָוו), און ביים שמד'ן זיך געקראָגען דעם פאַמיליען-נאָמען „טראָאיצקי״. דער אַנדערער איז געווען אַ איד, מענקע פערסנעוו, עפּיס אַ שטיקעל רופא, וואָס האָט זיך פערנומען מעהר מיט מסירות, איידער מיט פעלדשעריי און האָט אויף זיך געהאַט אַ קרימינעלען פּראָצעס.

אָט די דריי פיינע חברה-לייט האָבען זיך אָנגעכאַפּט פאַר'ן צופאַל, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 29-טען דעצעמבער נעבען פרומקינ'ס קראָם. בריסקין-וואַסיליעוו האָט דאָ גלייך דערשפּירט אַ גינסטיגע געלעגענהייט אי אָבצורעכענען זיך מיט די אַמטשיסלאַווער קהל'ס-לייט, אי צו כאַפּען אַ רעכטע סומע געלד. ער איז תיכף געקומען צו דעם אָפיציר ביביקאָוו'ן און איהם ערקלערט, דאָס ער טאָר ניט פערשוויגען דעם „בונט״ — דעם „אויפשטאַנד״, וואָס די אידען האָבען געמאַכט, און ער מוז וועגען דעם מעלדען זיין נאָהענטסטען קאָמאַנדיר, דעם פּאָלקאָווניק קאַמישאַנסקי, אין

מאָהילעוו, אַניט וועט ער דאָס אַליין טהאָן. צוגלייך האָט ער אָבער דעם אָפּיציר פאָרגעלעגט אויך אַ פּראָיעקט: ער מעג קיין בעריכט וועגען דעם „בונט" ניט שיקען, נאָר ער זאָל דערפאַר בעקומען פון אידען געלד, און געבען איהם, אריה'ן, 250 רובעל. ביביקאָוו'ן איז דער לעצטער פּלאַן שטאַרק געפעלען געוואָרען, און ער האָט דורך דעמזעלבען מוסר פערפיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט די קהל'ס-לייט, פאָדערענדיג פון זיי 700 רובעל. מען האָט זיך אָנגעהויבען צו דינגען. די קהל'ס-לייט האָבען גע'טענה'ט, אַז זיי פיהלען זיך אין קיין שום זאַך ניט שולדיג, אַז פּרעטענזיעס קאָנען דאָ אַלענפאַלס האָבען זיי, ניט ביביקאָוו, וועלכער האָט געהאַנדלעט אונגעזעצליך, נאָר זיי זיינען איהם מוחל, וואָס ער האָט זיינע סאָלדאַטען געהייסען שלאָגען אידען. און כדי אָבצושעפּען זיך פון דעם אָפּיציר, האָבען זיי ענדליך געבאָטען איהם 250 קערבלעך. יענער איז אָבער דערויף ניט איינגעגאַנגען, און פון די אונטערהאַנדלונגען איז גאָרנישט געוואָרען.

ביביקאָוו האָט קלאָר פערשטאַנען, אַז איצט מוז ער זיך אַלענפאַלס בעוואָרענען פון יענע אונגינסטיגע רעזולטאַטען, צו וועלכע עס קאָן ברייגנען זיין אויפפיהר ביי דער אונטערזוכונג אין פרומקינ'ס קראָם. פון איין זייט, האָבען דאָך די אידען איהם אָפען ערקלערט, אַז זיי האַלטען זיין האַנדלונג פאַר אונגעזעצליך; ס'איז, אַלזאָ, מעגליך, זיי זאָלען זיך נאָך אויף איהם בעקלאָגען. פון דער אַנדער זייט, סטראַשעט איהם דער מוסר, אַז אויב ער, ביביקאָוו, וועט ניט צושטעלען קיין מעלדונג וועגען דעם אידישען „בונט", וואָס איז געשעהן אין אַמטשיסלאָוו, וועט ער עס טהאָן. מען מוז, אַלזאָ, דורכאויס פערלויפען דעם וועג און זיך אויף יעדען פאַל קאָווירען. האָט ביביקאָוו אָבגעשיקט צו זיין שעף אין מאָהילעוו, דעם פאָלקאָווניק קאָמישאַנסקי, אַ שריפטליכען בעריכט, וואו ער האָט די זאַך פאָרגעשטעלט אַזוי, דאָס אַ המון אידען, ביז דריי הונדערט מאַן, האָבען געפּרואווט ניט דערלאָזען אַרויסצופיהרען די קאָנטראַבאַנד פון פרומקינ'ס קראָם, געוואָלט אָבנעהמען דעם קאַסטען מיט פערהאַלטענע סחורה; אַז די אידען זיינען אָנגעפאַלען אויף די סאָלדאַטען און האָבען מערדעריש זיי געשלאָגען, צובראָכען עטליכע ביקסען; אַז ביביקאָוו האָט כלומרשט געמוזט אַרויסרופען נאָך סאָלדאַטען און נור אַדאַנק זייער בריה'שקייט איז עס געלונגען צו אונטערדריקען דעם „בונט" און אָוועקפיהרען אין פּאָליציי די געשמוגעלטע סחורה... אַזוי האָט ביביקאָוו „אויסגעקעהרט דעם פעלץ", אויסגעמאָלט די זאַך פונקט פערקעהרט ווי זי איז ווירקליך פאָרגעקומען — ניט די סאָלדאַטען האָבען זיך, לויט זיין בעפעהל, אַ וואָרף געטהאָן אויף די אידען און זיי געשלאָגען, נאָר די אידען זיינען אָנגעפאַלען אויף די סאָלדאַטען! און ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט, האָט דער בראַווער אָפּיציר, כדי צו בעפעסטיגען זיין פאַלשען בעריכט, אויפ'ן אַנדערען טאָג נאָך דעם צופאַל

אַליין אומישנע קאַליע געמאַכט עטליכע ביקסען. גלייכצייטיג מיט ביבי־קאָוו׳ן, האָט קיין מאָהילעוו צום גובערנאַטאָר אָבגעשיקט אַ מעלדונג איוואַ־נאָווסקי, דער שטעלפערטרעטער פונ׳ם אַמטשיסלאַווער פּאָליציימייסטער, וועלכער איז גראַד אין יענע טעג ניט געווען אין שטאָדט. זיין בעריכט האָט געהאַט אַן אַנדער כאַראַקטער ווי דעם אָפיציר׳ס בעריכט. איוואַנאָווסקי איז געווען אַן אָרענטליכער מענש, האָט ער אין זיין מיטטיילונג צום גובער־נאַטאָר פּאַרזיכטיג געשריבען וועגען אַ געוועהנליכען געשלעג, ניט אויס־טראַכטענדיג קיין מעשיות וועגען אַ „בונט", אַ ווידערשטאַנד געגען דער רעוויזיע אויף קאָנטראַבאַנד, א. ד. גל.

מאָהילעווער גובערנאַטאָר איז דאַן געווען סערגעי ענגעלגאַרט, אַ שאַרפער אַנטיסעמיט. אַ בעזונדערען האַס האָט ער געפיהלט געגען די אַמטשיסלאַווער אידען. זיינער אַ פּלימעניק איז אַמאָל געווען פּאָליציי־מייסטער אין אַמטשיסלאַוו. דאָס איז געווען אַ שרעקליכער כאַבאַרניק און ער האָט אַזוי פיעל געזויגען ביי די דאָרטיגע אידען און זיי בעראַבעוועט, דאָס זיי האָבען ענדליך ניט אויסגעהאַלטען. ניט רעכענענדיג זיך מיט זיין קרובה׳שאַפט, האָבען זיי אויף איהם דערלאַנגט צום גובערנאַטאָר, און יענער איז געווען געצוואונגען צו דערוויטערען דעם פּלימעניק פון זיין שטעל. ענגעלגאַרט האָט עס די אַמטשיסלאַווער אידען ניט געקאָנט פערגעסען, און ער האָט ניט איין מאָל אָפען ערקלערט, אַז ער וועט זיך אָן זיי נוקם זיין. ביביקאָוו׳ס בעריכט וועגען דעם אידישען „בונט", וואָס איז כלומרשט געשעהן דעם 29־טען דעצעמבער אין אַמטשיסלאַוו, איז פאַר דעם מאָהילע־ווער גובערנאַטאָר געווען אַ געוואונשענע מתנה צום נייעם יאָהר — ער האָט דאָ געקראָגען די בעסטע געלעגענהייט אָבצורעכענען זיך מיט די דאָרטיגע אידען. ביים אויפגעהמען, דעם 1־טען יאַנואַר 1844, די בעאַמטע און געסט, וואָס זיינען געקומען איהם גראַטולירען צום ניי־יאָהר, האָט ענגעלגאַרט דערמאָהנט וועגען דעם געשעהעניש אין אַמטשיסלאַוו, און דערביי פאַר אַלעמען געזאָגט, אַז „ער וועט זיך ניט בערוהיגען, ביז ער וועט ניט מאַכען אַ תל פון אַלע אַמטשיסלאַווער אידען". די מעלדונג, וואָס ער האָט געקראָגען פון איוואַנאָווסקי׳ן, האָט ניט געשטימט מיט ביביקאָוו׳ס בעריכט צום מאָהילעווער פּאָלקאָווניק קאַמישאַנסקי. דאָס האָט אָבער ענ־געלגאַרט׳ן ניט געאַרט. שטיצענדיג זיך אויף ביביקאָוו׳ס ליגענס, האָט ער שוין דעם 6־טען יאַנואַר אָבגעשיקט אויפ׳ן קייזערליכען נאָמען אַ ראַפּאָרט וועגען דעם אידישען „בונט" אין אַמטשיסלאַוו, אויך אַ מיטטיילונג מכח דעם צום אינערן־מיניסטער. גלייכצייטיג איז פון קאַמישאַנסקי׳ן אַוועק צום קריעגס־מיניסטער אַ בעריכט, וואו עס זיינען ווידערהאָלט געוואָרען ביבי־קאָוו׳ס אַלע מעשיות.

ס׳איז ניט שווער זיך פּאָרצושטעלען, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט

אין פעטערבורג אַרויסגערופען דער בעריכט, אַז די אַמטשיסלאַווער אידען האָבען כלומרשט געמאַכט אַן אָנפאַל אויף אַ מיליטערישען פאַטרול, פערוואונדעט פיעל סאָלדאַטען, צובראָכען זייערע ביקסען, געפּרואווט אָבנעהמען ביי די רעוויזאָרען די געשמוגעלטע סחורה, מיט איין וואָרט: בעגאַנגען גאָר אַ קלייניגקייט — אַן עכטען „בונט", אַן אויפשטאַנד געגען דער רעגירענדער מאַכט! וויבאַלד די זאַך האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אידען, האָט מען קיין אויספאָרשונגען און אונטערזוכונגען ניט גערעכענט פאַר נויטיג, — מען דאַרף תיכף בעשטראָפען די פרעכע אידען, בעשטראָפען אַלעמען, די גאַנצע קהילה אַזוי, אַז אַלע אידען זאָל בענעהמען אַ שרעק, זייערע קינד'ס קינדער זאָלען האָבען וואָס צו דערצעהלען. פאַר דעם קריעגס־מיניסטער איז קאַמישאַנסקי'ס מיטטיילונג געווען פאָלקאָם גענוגענד. בויענדיג בלויז אויף איהם, האָט ער צוגעשטעלט דעם קייזער אַ ראַפּאָרט. ניקאָלאַי דער 1־טער האָט לאַנג ניט געטראַכט. מיט יענער גרויזאַמער האַסטיגקייט, וועלכע איז געלעגען אין זיין נאַטור און וועלכע פלעגט זיך בעזונדערס קלאָר אַויסווייזען ביי אידישע אנגעלעגענהייטען, האָט ער דעם 21־טען יאַנואַר אָבגעגעבען אַ בעפעהל: די הויפּט־שולדיגע שטעלען צום מיליטערישען געריכט, און דערווייל אָבגעבען אין אַמטשיסלאַוו *יעדען צעהנטען אידען* פאַר אַ סאָלדאַט.

איצט איז דער גובערנאַטאָר ענגעלגאַרט געווען „אויפ'ן פערד", און ער האָט זיך ענערגיש גענומען פאַר דער אַרבייט. ער האָט תיכף בעשטימט אין אַמטשיסלאַוו אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אויף צו פיהרען די אונטערזוכונג. אין דער קאָמיסיע זיינען אַריין דער מאָהילעווער פּאָליציימייסטער טאַראַנאָוו, דער בעאַמטער פון דעם גובערנאַטאָר'ס קאַנצעלאַריע בוטאָמאַ און פאָרשטעהער פון דער זשאַנדאַרמעריע, שטאָדט־פערוואַלטונג און פון דעם מיליטערישען גאַרניזאָן. די הויפּט־ראָלע אין דער קאָמיסיע האָבען געשפּיעלט טאַראַנאָוו און בוטאָמאַ,ביידע דעם גובערנאַטאָר'ס פערטרויטע מענשען, וואָס האָבען געוואוסט נור איין זאַך: מען מוז דורכאויס „בעווייזען", אַז דער „בונט" איז טאַקע פאָרגעקומען, און אַז בעטייליגט זיך אין איהם האָבען שיער ניט אַלע אַמטשיסלאַווער אידען. ביביקאָוו איז אָפיציעל ניט געווען קיין מיטגליעד פון דער קאָמיסיע, נאָר פאַקטיש איז ער געווען דער גאַנצער רעדעלפיהרער און האָט אינאיינעם מיט בוטאָמאַ און טאַראַנאָוו'ן געאַרבייט אויף אַלע כלים. עס האָבען זיך אין שטאָדט געפונען אויך פרייוויליגע מיטאַרבייטער, וואָס האָבען זיך געמיהט צו העלפען דער קאָמיסיע אין איהרע אומישנע פאַלשע בעשולדיגונגען: דער גלח טוויאָרדי, דער שטענדיג שיכור'ער פּאָסטמייסטער דאָנסקאָי, וואָס פלעגט רייסען פון לעבעדיגע און טויטע, און נאָך אַנדערע פאַרשוינען פון אָט דעם מין. די קאָמיסיע האָט געהאַלטען אין איין סטאַרען זיך אַריינצוציהען וואָס מעהר אידען אַלס

כלומרשט שולדיגע. די הויפּט־עדות זיינען געווען די דריי מוסרים: דער רופא מענקע פּערסנעוו און דיביידע משומדים בריסקין־וואַסיליעוו און טראַאיצקי. מענקע האָט פאַר דער קאָמיסיע געשוואָרען, אַז ער האָט מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן, ווי די אידען האָבען מיט שטיינער און שטעקענס געשלאָגען די סאָלדאַטען, צובראָכען זייערע ביקסען א. ד. גל. דאָס־זעלבע האָט בעוויזען אויך טראַאיצקי. בריסקין־וואַסיליעוו איז געגאַנגען פון איין אידיש הויז אין אַנדערן און געפאָדערט געלד, סטראַשענדיג, מען זאָל זאָגען דעם „אמת" און זיך מודה זיין, אַניט וועט מען אונגליקליך ווערען. אַ צוואַנציג סאָלדאַטען האָבען לויט ביביקאָוו'ס בעפעהל בעשטעטיגט, אַז זיי האָבען טאַקע בעקומען מורא'דיגע קלעפּ פון אידען, וועלכע האָבען דערביי קאַליע געמאַכט זייערע ביקסען. בריסקין־וואַסיליעוו איז שטענדיג געווען ביי אַלע פערהערען אין דער קאָמיסיע, ער פלעגט שטעלען שאלות, בעשולדיגען, ברייגגען בעוויזען. די דריי מוסרים האָבען אַנגעוויזען אויף די „הויפּט־שולדיגע", וואָס האָבען זיך בעזונדערס בעטייליגט אין דעם „בונט", און אויף אַט דעם גרונד האָט די קאָמיסיע אַרעסטירט אַ מאַסע אידען, צווישען זיי פיעל אַנגעזעהענע מענשען, מיט וועלכע די מוסרים האָבען געהאַט אַלטע חשבונות. אַזוי ווי ביביקאָוו איז געווען דער קאָמאַנדיר פון אַמטשיסלאַווער גאַרניזאָן, איז די טורמע געשטאַנען אונטער זיין פערוואַלטונג, און ער האָט אַלזאָ געהאַט די מעגליכקייט צו הלומען זיך איבער די אַרעסטירטע אידען וויפיעל עס האָט זיך איהם געגלוסט.

אָבער ווי די קאָמיסיע האָט זיך ניט געמיהט און געקליגט, האָט זי דאָך ניט געקאָנט אַרויסגעפינען קיין בעשטעטיגונגען, אַז עס זאָל ווירקליך האָבען געשעהן אַ „בונט". די אידען האָבען אין איין קול גע'טענה'ט, אַז דאָס איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה, אַ בייזער בלבול. וויפיעל מען האָט זיי ניט געשראָקען, געפּייניגט אין טורמע, זיינען זיי געבליבען ביי זייערס און האָבען זיך ניט געוואָלט מודה זיין אין דעם פערברעכען, וואָס מען האָט אויף זיי אויסגעטראַכט. נאָכמעהר: אַפילו צווישען די בעאַמטע האָבען זיך געפונען אַזוינע, מיט וועלכע די קאָמיסיע האָט פיעל גרונד צו זיין אונצופריעדען. דער בורמיסטער (שטאָדט־מעיאָר) סטעלמאַכאָוויטש, צום ביישפּיעל, האָט ערקלערט, אַז דאָס, וואָס די דריי מוסרים געפינען זיך שטענדיג ביי די פערהערען, איז געגען דעם געזעץ. (פאַר זיין „פרעכע" בעמערקונג איז ער אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער קאָמיסיע). ווי פריהער אין זיין בעריכט צום גובערנאַטאָר, האָט איוואַנאָווסקי, דער שטעל־פערטרעטער פונ'ם פּאָליציימייסטער, אויך ביים פערהער אין דער קאָמיסיע גערעדט וועגען אַ פּשוט'ן געשלעג, וואָס די סאָלדאַטען האָבען פערפיהרט, אָבער ניט וועגען אַן אָנפאַל פון אידען אויף די זעלנער. אויך דער סעקרעטאַר פון געריכט זינקעוויטש און דער פּאָליציי־אויפזעהער זשאַרקעוויטש האָבען

ניט ערפילט דעם פערלאַנג פון דער קאָמיסיע — זיי האָבען ניט בעשטע־טיגט די ריכטיגקייט פון ביביקאָוו'ס בעריכט מכח דעם „בונט".

דער גובערנאַטאָר ענגעלגאַרט איז געווען אונצופריעדען מיט דעם גאַנג פון דער אויספאָרשונג. זיין ראַפּאָרט וועגען דעם „בונט" האָט ג ע־ מ ו ז ט בעשטעטיגט ווערען, און דאָ וויל זיך גאָר קיין איין איד ניט מודה זיין, און די וויכטיגסטע עדות צווישען די בעאַמטע בעוויזען פונקט פער־קעהרט ווי ער דאַרף! איז ער אַליין אַראָבגעקומען קיין אַמטשיסלאַוו, כדי אַנצונעהמען די נויטיגע מיטלען. די איבערגעשראָקענע אידען האָבען אָבגע־ריכט צום גובערנאַטאָר אַ דעפּוטאַציע מיט ברויט־און־זאַלץ. נאָר ער האָט דאָס ברויט און זאַלץ ניט אָנגענומען און אויף די דעפּוטאַטען געמאַכט קולות: „אַוועק פון דאַנען, פאַררעטער, בונטאַרעס! מיינט ניט, אַז איהר וועט בלייבען אָהן שטראָף!" צו יענע קהל'ס־לייט, וואָס זיינען נאָך ניט געזעסען אין טורמע, האָט דער גובערנאַטאָר געזאָגט, אַז אויף זיי וועט פאַלען די שולד, אויב די אַמטשיסלאַווער געמיינדע וועט חרב ווערען צוליעב אַ פּאָר צעהנדליג פערברעכער, וואָס האָבען זיך דערוועגט צו שטע־לען געגען דעם „קריסטליכען מיליטער". ער האָט געפאָדערט פון די אידען, זיי זאָלען „אַרויסגעבען" די אָנפיהרער פון דעם „בונט", דאַן וועט ער פערגרינגערען די לאַגע פון דער קהילה, אַניט וועט „אַמטשיסלאַוו אויסגע־גליכען ווערען מיט דער ערד". די אידען האָבען, ווי איין מענש, גע'טענה'ט, אַז קיינעם איז אַפילו ניט איינגעפאַלען צו מאַכען אַ „בונט", דאָס איז בלויז אַ בלבול, וועלכען עס האָבען אויסגעטראַכט די מוסרים און ביביקאָוו. איז ענגעלגאַרט געוואָרען אַ צוקאָכטער און אַ געשריי געטהאָן: „נו, אויב אַזוי, וועט פון אייך אַפילו קיין שפּור ניט בלייבען! פון אַמטשיסלאַווער קהילה וועט ווערען אַ תל!"

מיט דעם מוסר בריסקין־וואַסיליעוו'ן האָט זיך ענגעלגאַרט בענומען זעהר פריינדליך און איהם אָפען אַרויסגעזאָגט זיין דאַנקבאַרקייט דערפאַר, וואָס ער מיהט זיך אויפצודעקען דעם „אמת" און אַרויסצוגעפינען די שול־דיגע אין דעם „בונט". ס'איז איבעריג צו ערקלערען, וואָס פאַר אַן איינ־דרוק דאָס האָט אַרויסגערופען אין שטאָדט. דער גובערנאַטאָר האָט אַליין גענומען אויף אַ פערהער די אידען, וואָס מ'האָט אומזיסט־אומנישט אַרעס־טירט, אויך די וויכטיגע עדות־קריסטען. פון די אידען האָט ער געפאָדערט, זיי זאָלען דורכאויס בעשטעטיגען ביביקאָוו'ס שקרים; בעזונדערס איז ער אויסען געווען, זיי זאָלען אנערקענען, אַז דער „הויפּט־אָנפיהרער" פון דעם „אויפשטאַנד" איז געווען איינער פון די חשוב'סטע אַמטשיסלאַווער טהוער, מאָנעס לייטעס (ער האָט עס דער ערשטער אונטערגעשריבען דעם בעשלוס וועגען פערשיקען בריסקינ'ען קיין סיביר). אָבער ענגעלגאַרט'ס אַלע בעמי־הונגען זיינען געבליבען אָהן ערפאָלג. די אַמטשיסלאַווער אידען, אַפילו די

סאמע פשוט'ע פון זיי, האבען פערשטאנען די גרויסע אלגעמיין־אידישע בעדייטונג פון דעם בלבול, און קיין איינציגער פון זיי האט זיך ניט אונטער־געגעבען צו די דראהונגען און מאראלישע פייניגונגען. דער גובערנאטאר איז געווען פול רציחה, האט ער אבגעגעבען א בעפעהל, מען זאל ביי די אלע ארעסטירטע אידען, צווישען וועלכע עס זיינען געווען אויך פיעל עלטערע מענשען, אנגעזעהענע סוחרים און בעלי־בתים, אבגאלען די רעכטע העלפט קאפּ, דעם לינקען טייל בארד און די רעכטע וואנסע... די בארבארישע פעראָרדנונג איז גלייך ערפילט געווארען, אבער אויך דאס האט ניט גע־האָלפען. וויפיעל מען האט זיך ניט איבער די אונגליקליכע געהלומעט, האבען זיי זיך דאך געהאלטען שטייף און מוטהיג. דעם ערשטען האט מען אזוי אבגעגעאָלט מאנעס לייטעס'ן. בריסקין־וואסיליעוו איז געגאנגען איבער'ן שטאדט מיט לייטעס'עס האהר אין האנד, בעוויזען זיי יענעם'ס פרוי און קרובים. און ער האט זיך דערביי בעריהמט מיט זיין מאכט, מיט דעם, וואס ער איז אזא תקיף ביים גובערנאטאר.

ניט מעהר גליק האט ענגעלגארט געהאט מיט יענע בעאמטע, וואס האבען איהם געשטערט מיט זייער עדות־זאגען. איוואנאווסקי האט ארויס־געוויזען פיעל מוטה. ניט אכטענדיג אויף דעם גובערנאטאר'ס סטראשונ־קעס, האט ער זיך אויך איצט פעסט געהאלטען אן דעם, וואס ער האט ער־קלערט ביים ערשטען פערהער: אז נעבען פרומקין'ס קראם איז בלויז געווען א געשלעג, וואס עס האבען אנגעהויבען די סאלדאטען. אויך די בעאמטע זינקעוויטש און זשארקעוויטש האבען אויף קיין פאל ניט געוואלט ענדערן דאס, וואס זיי האבען בעוויזען אויף דער זיצונג פון דער קאמיסיע. אויף אזא ווידערשטאנד האט זיך ענגעלגארט גאר ניט גערעכט. ער איז אנ־געצונדען געווארען, דערוויטערט איוואנאווסקי'ן פון זיין שטעל און געהייסען איהם ארעסטירען. ער האט בעשטימט א נייע קאמיסיע אויף צו פיהרען ווייטער די אויספארשונג, און איהר בעפוילען, זי זאל שטרענג אכטונג געבען אויף זשארקעוויטש'ן און זינקעוויטש'ן. דערנאך איז ער אבגעפאה־רען צוריק קיין מאהילעוו. ווי מיר זעהן אלזא, האט דער גובערנאטאר ניט געהאט קיין גרונד צו זיין צופריעדען מיט דעם, וואס עס האט זיך איהם איינגעגעבען אויפצוטהאן אין אמטשיסלאוו. דאס האט איהם אבער ניט גע־שטערט אבצושיקען צו דעם וויטעבסקער, מאהילעווער און סמאלענסקער גענעראל־גובערנאטאר דיאקאוו'ן (אונטער וועמענ'ס פערוואלטונג עס איז געשטאנען מאהילעווער גוב.) א ראפּארט, אין וועלכען ער האט אנגעוויזען: „זייענדיג אין אמטשיסלאוו, האב איך אויפ'ן ארט פערזענליך געמאכט גע־נויע אויספארשונגען, און פון די אויסקונפטען, וואס איך האב צונויפגע־קליבען, האב איך מיך איבערצייגט, אז די זאך איז טאקע פארגעקומען פונקט אזוי, ווי עס איז געווען געמעלדעט אין דעם בעריכט“...

איבער אַמטשיסלאַוו האָט זיך אַראָבגעלאָזט אַ פינסטערע כמאַרע. די קאָמיסיע האָט געבאַלעבאַטעוועט, פונקט ווי זי וואָלט געהאַט צו טהאָן מיט אַ פיינדליכער איינגענומענער שטאָדט. די אידישע קהילה איז אָבגעגעבען געוואָרען אויף הפקר צו גיריגע, שיכור'ע בעאַמטע, וואָס האָבען איצט, נאָך דעם גובערנאַטאָר'ס וויזיט קיין אַמטשיסלאַוו און זיין גאַנצען אויפפיהר דאָ, זיך געפיהלט בעזונדער האָפערדיג און געהאַנדעלט נאָך מיט פיעל מעהר פרעכקייט און רשעות. אין אַרכיוו פון דער פּעטערבורגער „אידישער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט" איז געווען אַן אינטערעסאַנטער מאַנוסקריפּט — אַ בעשרייבונג (אין אידישע גראַמען) פון דער אַמטשי־סלאַווער טראַגעדיע, וואָס עס האָט גלייך נאָכ'ן סוף פון דער גזירה פערפאַסט איינער אַ דאָרטיגער איינוואוינער, אריה־ליב נעריישין *). דער פערפאַסער איז אַ פאָלקס־מענש, וואָס האָט אַליין אַלץ געזעהן און געהערט, אינאיינעם מיט אַלעמען איבערגעלעבט די אַלע צרות און פּיין. אין זיינע פשוט'ע, ניט־געקינצעלטע גראַמען גיט ער אַ קלאָר און טיעף־ריהרענד בילד פון אַלעם דעם, וואָס די קהילה איז אויסגעשטאַנען. די שטימונג, וואָס האָט בענומען די אַמטשיסלאַווער אידען, לאָזט זיך פיהלען אין פיעל האַרציגע גראַמען, וועלכע טראָגען דעם כאַראַקטער פון תפילות, צוםביישפּיעל:

> אויף אונזער צרה טהוט דאָך די גאַנצע וועלט שרייען און ברומען,
> אויף די קלאָג און געוויין, וואָס איז אונז היינט צוגעקומען.
> רבונו של עולם, חוץ דיר איז דאָך ביי אונז קיין אַנדער גאָט ניטאָ,
> היינט זעה אויף אונזערע צרות, וואָס אין אונזער שטאָדט איז דאָ.
> עננו כמו שענית לשמואל במצפה.
> ביי דיר אין האַנד איז דאָך לב מלכים ושרים,
> זיי זאָלען אונז מציל זיין מאנשים רעים וצרים...
> וועלען מיר צו דיר לויבען אַלע, זקנים עם נערים,
> עננו כמו שענית לכל הצדיקים והישרים.

ס'האָט געדוכט, אַז גערעכטיגקייט, געזעץ איז פאַר אַמטשיסלאַווער אידען אָבגעשאַפט געוואָרען. אויף וועמען די מוסרים האָבען געטייטעלט מיט'ן פינגער, דעם האָט מען אַרעסטירט. מעהר ווי הונדערט און פופציג מאַן זיינען שוין געווען אין טורמע, וואו עס האָט זיך איבער זיי איזדעקעוועט ביביקאָוו. די רעדעל פיהרער פון דער קאָמיסיע, טאַראַנאָוו און בוטאָמאַ, פלעגען בעפאַלען אידישע הייזער, אַוועקשלעפּען מענשען אין תפיסה און דערנאָך פאָדערן אויסקויף־געלד. ווייבער האָבען פערזעצט דאָס לעצטע אַנו געטראָגען צו טאַראַנאָוו'ן אָדער בוטאָמאַ, וועלכע האָבען געפאָדערט אַלץ

*) גענויער וועגען אָט דעם מאַנוסקריפּט זעה אין דעם אויבען-דערמאָנטען אַרטיקעל פון י. רבּרבּי, אין „יעווריסקאַיאַ סטאַרינאַ", באַנד 13.

מעהר און ממש געהאַנדעלט מיט יעדערען'ס פרייהייט. קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס מיט איהם וועט מאָרגען זיין.

דאָס אָבער איז נאָך געווען ווייניג. איז דער אַמטשיסלאַווער קהילה געווען באַשערט נאָך שרעקליכערע פיין.

.II

די כמאַרע, וואָס האָט זיך פערשפרייט איבער אַמטשיסלאַוו איז געוואָרען אַלץ פינסטערער, דריקענדער. די כמעט צוויי הונדערט מאַן, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרען, האָט געדראָהט קריעגס-געריכט. די מוסרים האָבען געוועלטיגט אין שטאָדט. זיי האָבען פון יעדערען געפּאָדערט געלד, סטראַשענדיג מיט מסירות. די בעאַמטע טאַראַנאָוו און בוטאַמאַ האָבען געשינדען פון אידען די הויט. די שטאָדט איז געווען אין איין שרעק.

דאָס אַלץ איז אָבער נאָך ניט געווען גאָר. אין אָנהויב פעברואַר 1844 איז אָנגעקומען דעם צאַר ניקאָלאַי'ס בעפעהל וועגען אָבגעבען אין אַמטשיסלאַוו יעדען צעהנטען אידען פאַר אַ סאָלדאַט. כדי צו בעגרייפען דעם איינדרוק, וואָס דער גרויזאַמער בעפעהל האָט געמוזט מאַכען אויף די אַמטשיסלאַווער אידען, דאַרף מען נעהמען אין בעטראַכט, וואָס אַזוינס עס איז געווען דער דעמאָלטיגער מיליטער-דינסט, די „רעקרוטשינע" בכלל, און וואָס זי האָט בעטייט בעזונדערס פאַר אידען. מען מוז זיך דערמאָהנען, אַז פון אידען האָט מען דאָן גענומען אין מיליטער-דיענסט ניט נאָר דערוואַקסענע, נאָר אויך קינדער. ווערען אַ סאָלדאַט, דאָס האָט אין יענע פינסטערע צייטען פאַר אַ אידען געהייסען—ווערען אויף גאַנצע פינף-און-צוואַנציג יאָהר אָבגעריסען פון הויז-געזינד און פון אידען, אויסשטעהן די ביטערסטע בעליידיגונגען, פייניגונגען און ליידען, דורך וועלכע מען פלעגט דעם אידישען סאָלדאַט אָדער יונגען קאַנטאָניסט בויטען, ער זאָל זיך דורכאויס שמד'ן, און אָט דער מורא'דיגער שיקזאַל האָט דאָס איצט געזאָלט טרעפען דעם צעהנט-חלק פון אַמטשיסלאַווער אידען!

דערוויסענדיג זיך וועגען ניקאָלאַי'ס בעפעהל, איז מען פערציטערט געוואָרען. „ווען עס איז אָנגעקומען דער קייזערליכער „אוקאַז", — האָט שפּעטער אין זיין בעריכט געשריבען אַ רעוויזאָר פון אינערן-מיניסטעריום —האָט די אידען אין אַמטשיסלאַוו בענומען דאָס געפיהל פון פערצווייפלונג. ווי די קריסטליכע איינוואוינער דערצעהלען, איז ניט פאַרצושטעלען זיך די יללה, וואָס ער האָט אַרויסגערופען". מען האָט גלייך בעשטימט אַ תענית, און געפאַסט האָט גאַנץ שטאָדט, אַחוץ בלויז יענע, וואָס זיינען געזעסען אין טורמע און האָבען נאָך ניט געוואוסט וועגען דעם נייעם אונגליק. אַפילו אין די אַרומיגע שטעדטלעך האָבען אידען אויך געפאַסט. מיט ספרי תורות אין די הענד האָבען אידען זיך אַ לאָז געטהאָן צום בית-עלמין, פערהילכענ-

דיג די גאַסען מיט יללות און יאָמער־געשרייען. געדאַווענט און געזאָגט סליחות האָט מען ניט נור אין אַלע שוהלען, נאָר אויך אויפ׳ן בית־עולם. מען האָט זיך מיט געוויין געוואָרפען אויף די קברים, בעטענדיג די הייליגע נשמות, זיי זאָלען ביישטעהן און ראַטעווען פון דער שרעקליכער גזירה, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסען אויף זייערע קרובים מיט די קליינע קינדער...

דער מאָהילעווער גובערנאַטאָר ענגעלגאַרט האָט אָבגעגעבען אַ פעראָרדנונג, מען זאָל תיכף אָנהויבען נעהמען די רעקרוטען און שוין צום סוף פעברואַר פערענדיגען דעם „נאַבאָר". דער קייזערליכער בעפעהל איז אַזוי אויך געווען גענוג גרויזאַם, האָט דער גובערנאַטאָר איהם נאָך פערשאַרפט. ענגעלגאַרט האָט פאָרגעשריבען דער אַמטשיסלאַווער פאָליציי, זי זאָל קיין איין אידען ניט אַרויסלאָזען פון שטאָדט, און דעם דאָרטיגען מאַגיסטראַט פערוועהרט אַרויסצוגעבען אידען פאַספאָרטען. נאָכמעהר: די פאָליציי־פערוואַלטונגען אין דער גאַנצער גובערניע האָבען בעקומען פון איהם אַ פעראָרדנונג, זיי זאָלען אויספאָרשען, צי עס געפינען זיך ניט אין זייערע שטעדט אידען צוגעשריבענע צו אַמטשיסלאַוו, פון 12 ביז 35 יאָהר אַלט, און תיכף אַרויסשיקען זיי מיט אַ קאָנוואָי קיין אַמטשיסלאַוו. וועגען דערזעלבער זאַך האָט ער זיך צונויפגעשריבען אויך מיט די גובערנאַטאָרען פון וויטעבסקער, מינסקער, טשערניגאָווער און סמאָלענסקער גוב. ניקאָלאַי׳ס בעפעהל האָט גערעדט בלויז וועגען די אַמטשיסלאַווער אידען, אָבער דער גובערנאַטאָר ענגעלגאַרט האָט איהם פערשפרייט אויך אויף יענע אידען, וואָס זיינען בלויז געווען צוגעשריבען צו אַמטשיסלאַוו און זיינען אַפילו גאָר ניט געווען אין דער אונגליקליכער שטאָדט דעמאָלט, ווען דאָרטען איז כלומרשט פאָרגעקומען דער אידישער „בונט". אַמטשיסלאַוו האָט צווישען איהרע אידישע איינוואוינער פערמאָגט 1888 „מעשטשאַנעס" און 43 סוחרים, אינאיינעם 1931 מאַן, פון וועלכע עס האָט לויט ניקאָלאַי׳ס בעפעהל געקומט 193 רעקרוטען. ביי יענער אויסטייטשונג, אָבער, וואָס דער גובערנאַטאָר האָט דער זאַך געגעבען, האָט די גזירה געקראָגען אַ פיעל ברייטערען פערנעהם, און די צאָהל שטראָף־רעקרוטען האָט געזאָלט ווערען אַ סך גרעסער.

דעם 7־טען פעברואַר האָט מען אָנגעהויבען נעהמען רעקרוטען. פון אַרומיגע געגענדען פלעגט מען מיט׳ן עטאַפּ בריינגען אידען, צוגעשריבענע צו אַמטשיסלאַוו. זיי האָט מען צוגענומען צום „נאַבאָר" גלייך מיט די אָרטיגע אידישע איינוואוינער. שוין אין פערלויף פון די ערשטע צעהן טעג זיינען אָבגעגעבען געוואָרען 36 מענשען. אין שטאָדט איז געווען אַן אמת׳ע תוכחה. פאַר די בעאַמטע און פאָרשטעהער פון מאַגיסטראַט, וואָס האָבען אָנגעפיהרט מיט׳ן אויפמאַהנען די רעקרוטען, איז די זאַך געוואָרען אַ ווייטערדיגע געלעגענהייט צו צאַפּען פון אידען געלד. די דעפּוטאַטען פון

מאַגיסטראַט, רעאוט און מאַראַז, פלעגען אינאיינעם מיט דעם „כאַפּער״ בערקע׳ן זיך אַריינרייסען אין אידישע הייזער, כאַפּען גרויס און קליין, בינדען זיי און אַוועקפיהרען אין פּאָליציי, וואו מען האָט זיי געהאַלטען ביז׳ן אָבגעבען. מייסטענס האָבען זיי דאָס געטהאָן ביינאַכט, כדי אַרויסצורופען מעהר שרעק און אויסצווינגען וואָס מעהר אויסקויף־געלד. פרויען און מוטערס פלעגען פערזעצען וואָס נור מעגליך און ברייגען צו די בעאַמטע, טאָמער וועט געלינגען צו בעפרייען דעם מאַן אָדער זוהן.

די שטאָדט האָט אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט געווען בעלאַגערט. ביי די „ראַגאַטקעס״ זיינען געשטאַנען וועכטער, וואָס האָבען קיין איין אידען ניט אַרויסגעלאָזט פון אַמטשיסלאַוו. פרעמדע מענשען האָבען מורא געהאַט צו קומען אין שטאָדט אַריין. די גאַסען זיינען געווען ווי אויסגעשטאָרבען. מענשען זיינען געזעסען אין די הייזער, און פון אומעטום האָט זיך געהערט געוויין און יאָמער. דאָ האָט מען געקלאָגט אויף אַ פאָטער, וועלכען די קאָמי־סיע האָט אַרעסטירט צוליעב דעם „בונט״, דאָרטען—אויף אַ זוהן, וואָס האָט געהאַלטעןביים אָבגעגעבען ווערען פאַר אַ רעקרוט. ס׳איז כמעט ניט געווען קיין איין פאַמיליע, וועלכע זאָל ניט האָבען געליטען פון דעם אַלגעמיינעם אונגליק. דאָס לעבען האָט זיך ווי אָבגעשטעלט. קיינער האָט ניט געטראַכט וועגען געשעפט. די מייסטע קראָמען זיינען געווען געשלאָסען. באַלד האָט מען אין שטאָדט אָנגעהויבען שפּירען אַ מאַנגעל אין פּראָדוקטען, און ווען ניט די אידען פון די אַרומיגע שטעדטלעך, וואָס האָבען צוגעשיקט ברויט פאַר די אָרימע לייט, וואָלט געקומען צו אַ הונגער.

ווי גרויס עס זיינען אָבער ניט געווען די ליידען פון דער אַמטשיסלאַ־ווער קהילה, האָט זי דאָך דעם מוטה ניט פערלאָרען. ניט בענוגענדיג זיך מיט תפילות, פאַסטען און רייסען קברים, האָבען די דאָרטיגע אידען בעשלאָסען צו זוכען גערעכטיגקייט און שוץ. צוויי בעפאָלמעכטיגטע פון דער אַמטשיסלאַווער אידישער געמיינדע, קאַהאַנאָוו און פּאָזע, האָבען אָבגע־שיקט אויפ׳ן נאָמען פון דעם אינערן־מיניסטער אַ בקשה, וואו זיי האָבען געגנוי ערקלערט, אַז קיין שום „בונט״ איז ניט פאָרגעקומען, און זיי האָבען געבעטען אָבצושטעלען דאָס נעהמען שטראָף־רעקרוטען, ביז עס וועט ניט פערענדיגט ווערען די אויספאָרשונג. זיי האָבען זיך געווענדט נאָך שוץ אויך צום סמאָלענסקער, מאָהילעווער און וויטעבסקער גענעראַל־גובערנאַ־טאָר דיאַקאָוו׳ן, אונטער וועמענס פערוואַלטונג די מאָהילעווער גובערניע האָט זיך געפונען. צום גליק, האָבען זייערע בקשות געטראָפען אַ גינסטיגע שטימונג. ניט וועיל דער אינערן־מיניסטער פּעראָווסקי און דער גענעראַל־גובערנאַטאָר דיאַקאָוו זיינען חלילה געווען אידען־פריינד. די אורזאַך איז געווען גאָר אַן אַנדערע:ביידע, פּעראָווסקי און דיאַקאָוו, זיינען געווען אונצופריעדען מיט יענער ריכטונג, וואָס די זאַך האָט בעקומען. דעם

אינערן־מיניסטער איז שטאַרק ניט אַנגעשטאַנען, וואָס דער קריעגס־מיניס־טער האָט זיך אונטערגעאיילט מיט זיין ראַפּאָרט צום קייזער מכח דעם אַמטשיסלאַווער „בונט", און וואָס ניקאָלאַי'ס בעפעהל וועגען נעהמען די שטראָף־רעקרוטען איז אָבגעגעבען געוואָרען ניט דורך איהם, פּעראָווסקי'ן, נאָר דורך דעם קריעגס־מיניסטער. אויך דער גענעראַל־גובערנאַטאָר דיאַ־קאָוו האָט זיך געפיהלט ווי בעליידיגט דורכדעם, וואָס פאַר'ן אָנגעהמען אַזאַ וויכטיגען בעשלוס האָט מען אין פּעטערבורג ניט געפונען פאַר נויטיג אָנצו־פרעגען זיך וועגען זיין מיינונג, ווי מען פלעגט עס געוועהנליך טהאָן. אַחוץ דעם, איז ער געווען אונצופריעדען מיט דעם מאָהילעווער גובערנאַטאָר ענגעלגאַרט'ן, דערפאַר וואָס יענער האָט אין דער פראַגע וועגען די רעקרוטען און וועגען אָרגאַניזירען דעם „נאַבאָר" זיך אויפגעפיהרט צופיעל זעלבסטשטענדיג. ווי מיר זעהען אַלזאָ, האָט זיך ביי דעם מיניסטער און ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר דאָ געהאַנדעלט וועגען אַמביציע, אָבער די אַמטשי־סלאַווער אידען האָט דאָס געבראַכט נוצען.

דיאַקאָוו האָט אָנגעוויזען פּעראָווסקי'ן, אַז ער רעכענט פאַר ניט ריכטיג יענע אויסטייטשונג, וואָס דער מאָהילעווער גובערנאַטאָר האָט געגעבען דעם קייזערליכען בעפעהל וועגען די רעקרוטען. ער האַלט, אַז דער בעפעהל קעהר זיך בכלל ניט אָן צו יענע אידען, וואָס זיינען בלויז צוגעשריבען צו אַמטשיסלאַוו, אָבער זיי לעבען דאָרטען ניט. דער אינערן־מיניסטער האָט צוגעשטימט צו דיאַקאָוו'ס מיינונג און דורך אָן עסטאַפעט פאַרגעשריבען דעם מאָהילעווער גובערנאַטאָר, ער זאָל דערוויל אָבשטעלען אַלע זיינע פאַראָרדנונגען וועגען נעהמען די רעקרוטען. גלייכצייטיג האָט זיך פּעראָווסקי געווענדט צום קריעגס־מיניסטער מיט אַזאַ פאָרשלאַג וועגען דעם, ווי אַזוי דער קייזערליכער בעפעהל זאָל ערפילט ווערען: די רעקרוטען דאַרפען גענומען ווערען נור פון יענע אידען, וואָס וואוינען שטענדיג אין אַמטשי־סלאַוו; וועדליג דער צאָהל פון דאָרטיגע אידישע סוחרים און „מעשטשאַ־נעס" קומט פון זיי 193 רעקרוטען; נעהמען אויף דיענסט דאַרף מען פריהער יענע, וועגען וועלכע עס וועט פעסטגעשטעלט ווערן, אַז זיי האָבען זיך בעטייליגט אין דעם „בונט", אָבער ניט אַלס אָנפיהרער — אַזעלכע דאַרפען איבערגעגעבען ווערען צום מיליטער־געריכט; אָנהויבען זאָל מען דערביי פון דערוואַקסענע, נאָר ניט עלטער פון 35 יאָהר, און ערשט נאָכדעם דאַרפען גענומען ווערען די מיטגליעדער פון זייערע משפחות, וואָס זיינען אַלט 12 יאָהר און מעהר; פון יענע הויזגעזינדען אָבער, וואָס האָבען קיין אָנטייל אין דעם „בונט" ניט גענומען, דאַרף מען נעהמען אויפ'ן דיענסט נור דאַן, ווען עס וועט אויספעהלען ביז צו דער צאָהל שטראָף־רעקרוטען, וואָס קומט פון אַמטשיסלאַוו. דער קריעגס מיניסטער איז געווען אייניג מיט פּעראָווסקי'ן, און ער האָט וועגען דעם ראַפּאָרטירט דעם קייזער. ניקאָלאַי

האָט דעם פּלאַן בעשטעטיגט, און דעם 14־טען פעברואַר האָט דער אינערן־מיניסטער דורך אַן עסטאַפעט וועגען דעם ראַפּאָרטירט דעם מאָהילעווער גובערנאַטאָר.

פאַר די אַמטשיסלאַווער אידען איז דאָס געווען אַ געוויסע פערגרינגע־רונג, אָבער נור אַ דערווייליגע. דער קייזערליכער בעפעהל וועגען נעהמען שטראָף־רעקרוטען איז דאָך ניט אָבגעשאַפט געוואָרען. ער איז פערבליבען גילטיג, נאָר זיין ערפילונג איז אָבגעלעגט געוואָרען, ביז די אויספאָרשונג וועגען דעם כלומרשטען „בונט" וועט געענדיגט ווערען. די פיין און ליידען אין אַמטשיסלאַוו האָבען ניט אויפגעהערט. די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע האָט ערקלערט, אַז דער נייער קייזערליכער בעפעהל קעהר זיך גאָר ניט אָן צו יענע 36 אידען, וואָס זיינען שוין אָבגעגעבען געוואָרען פאַר רעקרוטען. מען האָט זיי פּלוצלונג געמעלדעט, אַז זיי ווערען אָבגעשיקט אויפ'ן דיענסט, קיין מאָהילעוו. עס איז שווער איבערצוגעבען די האַרץ־רייסענדע סצענעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען אויף די גאַסען ביי זייער געזעגענען זיך מיט די הויזגעזינדען. גאַנץ שטאָדט האָט געיאָמערט, גרויס און קליין האָבען גע־וויינט, געקלאָגט אויפ'ן קול, פרויען זיינען געפאַלען אין חלשות. ערשט ווען די רעקרוטען זיינען שוין אָבגעגאַנגען עטליכע וויאָרסט פון שטאָדט, האָבען זיך די פייניגער אַרומגעזעהן, אַז זיי האָבען דאָ אַריבערגעכאַפּט די מאָס, און מען האָט די אונגליקליכע אומגעקערט צוריק. די קאָמיסיע האָט אויך איצט, ווי פריהער, אַרעסטירט יעדערען, וועמען ס'האָט זיך איהר געגלוסט. קיין רעקרוטען האָט מען ניט גענומען, אָבער מען האָט ווייטער געכאַפּט מענשען און זיי אַריינגעזעצט, זיי זאָלען ניט אַנטלויפען פון דער רעקרוט־שינע, וואָס וועט זיי נאָך קומען. די בעאַמטע האָבען מיט דערזעלבער גיריג־קייט און רשעות, ווי פריהער, געריסען געלד פון אידען. און אַחוץ אָט אַל די פיין, איז איבער דער קהילה געהאַנגען, ווי אַ חלף, די בעפאָרשטעהענדע ערפילונג פון דעם בעפעהל וועגען כמעט 200 שטראָף־רעקרוטען, און יע־דערען האָט געדראָהט די געפאַהר פון מיליטער־געריכט.

דער ערפאָלג פון דער בקשה, וועלכע עס האָבען צום אינערן־מיניסטער דערלאַנגט די אַמטשיסלאַווער קהל'ס־לייט, איז דערווייל געווען ניט גאָר קיין גרויסער, דאָך האָט ער עטוואָס געהויבען זייער מוטה. זיי האָבען בעשלאָסען צו פיהרען ווייטער דעם קאַמף. און ווייל די אָרטיגע בעאַמטע, מיט דעם גובערנאַטאָר בראש, האָבען פאַרטגעזעצט צו פּראַווען רשעות און הלומען זיך איבער דער אַמטשיסלאַווער קהילה, איז געווען קלאָר, אַז מיט שריפט־ליכע בקשות צום מיניסטער קאָן מען זיך דאָ מעהר ניט בעגנוגענען, מען מוז פאַרנעהמען ערנסטע פערזענליכע שריט אין פעטערבורג, אָבריכטען אַהין אַ פּאַסיגען מענשען, וואָס זאָל אויפקלערען דער העכערער מאַכט די גאַנצע זאַך און סטאַרען אויסווירקען, אַז די צענטראַלע רעגירונג זאָל דורך איהר

אַ פערטרויטען בעאַמטען מאַכען אויפ'ן אָרט אַ גענויע אויספאָרשונג, — דאַן וועט אונבעדינגט אויפגעדעקט ווערען, אַז די גאַנצע מעשה מיט'ן „בונט" איז אַן אויסגעטראַכטע, אַז די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע האָט צוגעשטעלט קיין פעטערבורג פאַלשע בעריכטען און אַז די אַמטשיסלאַווער אידען זיינען פאָלקאָם אונשולדיג. קיין אָפיצילע פערטרעטער ביי דער צענטראַלער רעגירונג, ווי פריהער, אין דער צייט פון קייזער אַלעקסאַנדער דעם ערשטען, האָבען די אידישע קהילות איצט שוין מעהר ניט געהאַט. אין יאָהר 1825 האָט די רעגירונג אָבגעשאַפט די אידישע פערטרעטונג, די אַזוי־גערופענע „דעפּוטאַטען פון אידישען פאָלק" *). אין פעטערבורג זיינען געווען אייניגע אידען, וואָס האָבען געקענט אַביסעל רוסיש, זיך געהאַלטען פאַר בעהאַוונט אין „סוואָד־זאַקאָנאָוו", אין די רוסישע געזעצען, און האָבען זיך געריבען אַרום די שרייבערלעך פון די פערשידענע קאַנצעלאַריעס. צו זיי פלעגען אידען זיך איצט מוזען ווענדען, ווען מען האָט געהאַט עפּיס אַן עסק אין פעטערבורג. קיין גרויס הילף האָט מען פון זיי ניט געהאַט, ווייל אַזוינע פערצייטיגע שתדלנים־„אַדוואָקאַטען" פלעגען מעהר טראַכטען וועגען זיך, וועגען אַ פאָר איבעריגע קערבלעך אויף „מאַרקעס", אויף „אונטערשמי־רען", א. ד. גל., איידער וועגען די אינטערעסען פון זייערע קליענטען. אויסער אַזוינע פּראָפעסיאָנעלע שתדלנים, וואָס האָבען געאַרבייט בלויז פאַר געלד און צוליעב זייער אייגענעם נוצען, האָט אָבער דאָס אידישע לעבען דאַן בעשאַפען אַן אַנדערען, העכערען מין שתדלנות, וואָס האָט געהאַט אַן אויסשליסליך געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער. צווישען די דעמאָלטיגע גרויסע אידישע סוחרים, פּאָדריאַדטשיקעס און ליפעראַנטען זיינען געווען מענשען, וואָס האָבען צוליעב זייערע געשעפטען פערמאָגט וויכטיגע בעקאַנטשאַפטען מיט הויכע בעאַמטע, וועלכע פלעגען זיך צו זיי פערהאַלטען מיט גרויס אַכטונג און צוטרוי. ווען עס איז ערגיץ־וואו מיט אידען געשעהן אַן אונגליק, בעזונדערס ווען אויף אַ קהילה האָט זיך אויסגעגאָסען אַ גזירה, פלעגען פערצייטיגע גבירים אָפטמאָל אַרויסטרעטען אַלס שתדלנים. זיי האָבען געזוכט דורך זייערע בעקאַנטשאַפטען צווישען די פעטערבורגער שררות אָבצווענדען דאָס אונגליק. געווען צווישען זיי אַזוינע, וואָס פלעגען זיך שטענדיג מיהען וועגען אידישע כלל־ענינים, למשל, ר' ליפּמאַן זעלצער פון וויטעבסק, ר' זיסעל ראַפּאָפּאָרט פון מינסק, ר' שאול לעווין פון קאַרלין, א. אַנד.

בעזונדערס אָבער האָט זיך אויסגעצייכענט אַלס שתדלן פאַר אידישע אנגעלעגענהייטען ר' יצחק זעליקין, וועלכער איז געווען בעוואוסט אין גאַנץ

---

*) וועגען די „דעפּוטאַטען פון אידישען פאָלק" אין דער צייט פון אַלעק־סאַנדער דעם ערשטען, זעה אין צווייטען באַנד „היסטאָרישע ווערק", ז. 120—121.

ליטע און רייסען אונטער'ן נאָמען „ר' איצעלע מאָנאַסטירשטשינער" (נאָך דעם שטעדטיל מאָנאַסטירשטשינע, מאָהילעווער גוב., וואו ער איז געבוירען געוואָרען און אַ לאַנגע צייט געלעבט). ער איז געוועזן אומעטום בעליבט און געאַכט. אַ גרויסער, רייכער סוחר, איז ער געווען אַ מענש מיט אַ וואַרים אידיש האַרץ, מיט אַ זעלטען גוטער נשמה און מיט אַ טרייער איבערגעבענקייט צו די אינטערעסען פון דעם אידישען כלל. וואו עס פלעגט זיך נור טרעפען אַן אונגליק מיט אידען, האָט מען זיך געווענדט נאָך שוץ צו איהם, און ער האָט קיינמאָל דערין ניט אָבגעזאָגט — ער פלעגט פערגעסען אַן זיינע געשעפטען, פערזענליכע עסקים און ער האָט, ניט שאָנעווענדיג קיין מיה, צייט און געלד, זיך געסטאַרעט אויסצוהעלפען. און זעהר אָפט איז עס איהם טאַקע געלונגען. פיעל פון די פעטערבורגער הויכע בעאַמטע האָבען ר' איצעלע'ן גוט געקענט, זעהר געשעצט, און זיינע גרויסע בעקאַנטשאַפטען פלעגט ער שטענדיג אויסנוצען ניט צוליעב פער־זענליכע אינטערעסען, נאָר פאַר דעם כלל, פאַר אַלגעמיינע אידישע אנגע־לעגענהייטען.

עס איז אַלזאָ קיין וואונדער ניט, וואָס ביי די אַמטשיסלאַווער קהל'ס־לייט, ווען זיי האָבען בעשלאָסען צו זוכען אין פעטערבורג הילף, איז דער ערשטער געדאַנק געווען — וועגען ר' איצעלע מאָנאַסטירשטשינער. זיי האָבען זיך צו איהם געווענדט. ס'פערשטעהט זיך, אַז ער איז טאַקע געקו־מען צו הילף. וועגען ר' איצעלע'ן בכלל און בעזונדערס וועגען דער ראָלע, וואָס ער האָט געשפיעלט אין דעם עפּיזאָד מיט דער אַמטשיסלאַווער גזירה, צירקולירען צווישען אידען אין רייסען און ליטע פיעל ערצעהלונגען. דער רוסיש־אידישער שריפטשטעלער און זאַמלער פון אידישע פאָלקס־מעשיות און ליעדער ש. אַנ־סקי (ראַפּאָפּאָרט) האָט פערשריבען אַ לעגענדע, וואָס ער האָט אַמאָל געהערט פון אַ זקן אין וויטעבסק, ווי אַזוי ר' איצעלע האָט אָבגעראַטעוועט די אַמטשיסלאַווער אידען. די לעגענדע איז זעהר אינטערע־סאַנט, און עס לוינט זיך צו ברייננגען דאָ אין קורצען איהר אינהאַלט.

„ווען עס איז אויף דער אסיפה געבליבען צו זוכען הילף ביי ר' איצע־לע'ן, — אַזוי דערצעהלט די לעגענדע, — האָט מען אָבגעריכט צו איהם דעם דאָרטיגען רב. יענער איז געקומען צו פאָהרען שפעט אין דער נאַכט. ר' איצעלע האָט געלעבט אין סמאָלענסק אין אַ פּאַלאַץ, ווי אַ מאַגנאַט, געהאַט צעהנדליגער משרתים, רייכע קאַרעטעס, און דערלאַנגען צום עסען פלעגט מען ביי איהם אַלץ אויף גאָלד און זילבער. דער אַמטשיסלאַווער רב איז תיכף צוגעפאָהרען צו ר' איצעלע'ס פּאַלאַץ, וואו אַלע זיינען שוין געשלאָפען, און גענומען קלאַפּען אין טויער מיט אַזאַ אימפעט, אַז אַלע האָבען זיך איבערגעשראָקען, מיינענדיג, אַז עס איז אויסגעבראָכען אַ שרפה. עס איז אַרויסגעלאָפען דער הויפּט־משרת, און דער רב האָט איהם געהייסען,

ער זאָל תיכף אויפוועקען ר׳ איצעלע׳ן. דער הויפּט־משרת ביי אַזאַ גרויסען מענשען איז דאָך קיין נאַר ניט געווען, האָט ער גלייך פערשטאַנען, אַז מען טאָר דאָ קיין איין מינוט ניט פערלירען. האָט ער תיכף דעם אונגעריכטען גאַסט אַריינגעפיהרט צו ר׳ איצעלע׳ן. דער רב האָט איהם דערצעהלט וועגען דעם גרויסען אונגליק, וואָס איז געשעהן מיט אַמטשיסלאַוו, און אַז גאַנץ שטאָדט האָט, ווי איין מענש, בעשלאָסען בעטען איהם וועגען שוץ. „אַפריהער גאָט און נאָכדעם איהר, ר׳ איצעלע, — האָט מיט טרעהרען געזאָגט דער אַלטער רב, — איהר האָט די גרעסטע בעקאַנטשאַפטען דאָרטען אין די „הויכע פענסטער", און נור איהר קאָנט אונז העלפען. ראַטעוועט אונזער קהילה, וועט אייך די גרויסע מצוה ניט פערגעסען ווערען!" ר׳ איצעלע האָט שטיל אויסגעהערט אַלץ, וואָס דער רב האָט איהם איבערגעגעבען, און דערנאָך געזאָגט, אַז ער וויל, יענער זאָל שווערען ביי אַ ריינינקייט, אַז די אַמטשיסלאַווער אידען זיינען אונשולדיג, זיי האָבען קיין סאָלדאַטען ניט דערשאָסען. דער רב האָט תיכף ערפילט זיין פערלאַנג און געגעבען די שבועה. האָט ר׳ איצעלע מעהר קיין זאַך ניט געפרעגט, געהייסען איינשפּאַנען אין זיין רייכסטע קאַרעטע צוויי פּאָר פון די בעסטע פערד און געזאָגט צום רב:

— רבי, מיר פאָהרען גלייך קיין פּעטערבורג.

אַוועקגעפאָהרען זיינען זיי טאַקע אין דער אייגענער נאַכט. ניט געפאָהרען, נאָר געפלויגען, ווי פייל פון בויגען. אין דריי טעג געמאַכט גאַנצע זעקס הונדערט וויאָרסט און אָנגעקומען קיין פּעטערבורג. ס׳פערשטעהט זיך, אַז געפאָהרען איז ר׳ איצעלע ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין, נאָר ער האָט פון אָנהויב אָן געהאַט אַ פּלאַן, וואָס צו טהאָן און מיט וועמען צו ריידען. אַחוץ אַנדערע בעקאַנטשאַפטען צווישען די גרויסע שררות, איז ער געווען בעפריינדעט מיט ניקאָלאַי׳ס ערשטען מיניסטער קוקרין (געמיינט ווערט, אַפנים, דער פינאַנץ־מיניסטער קאַנקרין), וועלכער האָט פון איהם אַזוי שטאַרק געהאַלטען, דאָס ער פלעגט זיך מיט איהם אַמאָל מישב זיין אַפילו וועגען וויכטיגע מלוכה־ענינים. געקומען קיין פּעטערבורג, איז ר׳ איצעלע פערפאָהרען אין אַן אַכסניה, איבערגעלאָזט דאָרטען דעם רב און איז גלייך אַוועק צו קוקרינ׳ען. יענער האָט איהם, פערשטעהט זיך, תיכף אויפגענומען מיט דעם גרעסטען כבוד, אָבגעפיהרט אין בעסטען זאַל, אַנידערגעזעצט און געפרעגט, וואָס ער ברויך. האָט איהם ר׳ איצעלע דערצעהלט אַלץ פון אָנהויב ביז׳ן סוף און געבעטען וועגען הילף. קוקרין האָט איהם אויסגעהערט, געוואָרען זעהר ערנסט און געענטפערט:

— הער, איצקע, וואָס איך וועל דיר זאָגען. דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז פאַר דיר בין איך אויף אַלץ גרייט און אַז פאַר דיר איז ביי מיר קיין אָבזאָג נישטאָ. אָבער אין אָט דער זאַך קאָן אַפילו איך אַייך אויך ניט

העלפֿען. דער קייזער ברענט ווי אַ פֿייער. ער וויל קיין שום זאַך ניט הערען. מען טאָר מכח דער אַמטשיסלאַווער מעשה מיט איהם ניט ריידען.

ר' איצעלע איז דאָך אָבער קיין קינד ניט געווען, ער האָט געוואוסט, ווי אַזוי מען דאַרף ריידען מיט אַזאַ שררה. ער איז ניט מבולבל געוואָרען פֿון קוקרינ'ס ווערטער און האָט צו איהם געזאָגט:

— דאָס איז פֿאַר מיר קיין ענטפֿער ניט. דו מוזט ראַטעווען די אַמטשיסלאַווער קהילה. זאָלסטו נור וועלען, וועסטו געפֿינען דעם נויטיגען וועג. און אויב דו וועסט עס טהאָן, וועל איך אויף דור־דורות בלייבען דיין שטענדיגער בעל־חוב...

קוקרינ'ען האָט מען ניט געדאַרפֿט לערנען, וואָס ר' איצעלע האָט מיט דעם געמיינט. ער האָט אָנגעהויבען שפּרייזען איבער'ן זאַל, אַ צייט לאַנג געטראַכט און דערנאָך געזאָגט:

— דער איינציגער, וועד עס קאָן דאָ וואָס העלפֿען, איז דער טראָהנ־פֿאָלגער. בלויז ער אַליין קאָן זיך דערוועגען צו פֿערפֿיהרען וועגען דעם אַ געשפּרעך מיט דעם קייזער. איך וועל אַ פּרוב טהאָן ריידען מיט דעם טראָהנפֿאָלגער. אפֿשר וועט ער זיך אָננעהמען. ער האָט האָלט אידען. מאָר־גען וועל איך דיר געבען אַן ענטפֿער.

אויפ'ן אַנדערען טאָג, ווען ר' איצעלע האָט געהאַלטען ביים ענדיגען דאַווענען „מעריב", איז צו איהם אין אכסניה געקומען צופֿאָהרען קוקרין און האָט איהם געזאָגט:

— נו, איצקע, איהר האָט אַ גרויסען גאָט! דער טראָהנפֿאָלגער האָט מסכים געווען איבערצוריידען מיט דעם קייזער. אָבער אַפֿריהער וויל ער זעהן דיך און דעם רב. קומטביידע צו מיר מאָרגען דריי דעם זייגער, וועל איך אייך אָבפֿיהרען צו איהם.

מען קאָן זיך פֿאָרשטעלען, וואָס ר' איצעלע און דער רב האָבען יענע נאַכט איבערגעפֿיהלט. זיי האָבען אַפֿילו קיין אויג ניט צוגעמאַכט. די גאַנצע נאַכט האָבען זיי מתפּלל געווען, בעגיסענדיג זיך מיט טרעהרען. דעם אַנ־דערען טאָג האָבען זיי געפֿאַסט, געווען אין מקוה, אָנגעטהאָן ריינע וועש, מיט איין וואָרט: צוגעגרייט זיך ווי ס'בעדאַרף צו זיין. צו דער בעשטימ־טער שעה זיינען זיי געקומען צו קוקרינ'ען. יענער האָט זיי אָבגעפֿיהרט אין פּאַלאַץ און אונטערוועגס זיי אָנגעזאָגט, ווי אַזוי מען דאַרף זיך האַלטען, שטעהענדיג פֿאַר דעם טראָהנפֿאָלגער. ער האָט זיי אַריינגעבראַכט אין אַ גרויסען זאַל, וואָס איז געווען בעציהרט מיט גאָלד און ברילליאַנטען, אַני־דערגעשטעלט אויף אַן אָרט און געהייסען דאָ וואַרטען, און אַליין איז ער אַוועקגעפֿאָהרען.

שטעהען ר' איצעלע און דער רב און וואַרטען אין זאַל, וואָס איז פֿול געווען מיט מיניסטאָרען, סענאַטאָרען און גראַפֿען. אַלע שטעהען שטיל,

אויסגעצויגען, און ווארטען. איז אויף ר׳ איצעלע׳ן אנגעפאלען אן אימה. ער האט זיך אומגעקוקט אויף דעם רב, ערשט יענער איז בלייך, ווי קאלך, נאר רוהיג, ווי אויסגעטהאן פון ד ע ר וועלט, און ער מורמעלט עפיס שטיל. האט זיך ר׳ איצעלע נאך מעהר דערשראקען, און ער האט איהם שטיל געפרעגט:

— רבי, איהר זאגט וידוי?

יענער האט א מאך געטהאן מיט׳ן קאפ, אז יא. האט ר׳ איצעלע אויך אנגעהויבען זאגען וידוי. ער האט קוים געענדיגט, האט די טהיר, ביי וועלכער עס זיינען געשטאנען צוויי סאלדאטען מיט בלויזע שווערדען, זיך מיט אמאל געעפענט, און הינטער איהר, גראד אנטקעגען אין דעם פאל־גענדען זאל, האט זיך געעפענט א צווייטע טהיר, דערנאך א דריטע, פערטע —כסדר גאנצע צוואנציג טהירען, און ביי יעדערער שטעהען צוויי סאלדאטען מיט הוילע שווערדען. און ווען עס האט זיך געעפענט די צוואנציגסטע טהיר, האט זיך דארטען בעוויזען דער טראהנפאלגער אליין. געקליידט איז ער געווען אין גאלדענע בגדים, מיט א קרוין אויפ׳ן קאפ, און ער האט געלויכט און געשטראהלט. און דער טראהנפאלגער האט גענומען פאמעליך געהן דורך דער רייה זאלען, דערנעהנטערענדיג זיך צום זאל, וואו עס זיינען געשטאנען ר׳ איצעלע און דער רב. אפריהער, פון דער וויטענס, האט זיך געדוכט, אז ער איז א קליינער, נאר וואס נעהענטער, איז ער געווארען אלץ גרעסער, הויכער און שטרענגער... דאס הארץ האט זיך ביי ר׳ איצעלע׳ן ווי אבגעשטעלט, אין די אויגען איז איהם פינסטער געווארען. און דער טראהנפאלגער קומט צו אלץ נעהענטער, נעהענטער און ווערט אלץ גרעסער און שטרענגער... ר׳ איצעלע האט קוים בעוויזען אבצוזאגען די ברכה „שחלק מכבודו לבשר ודם”, וואס מען מוז מאכען ביים דערזעהן עמיצען פון דער קייזערליכער פאמיליע, — און איז געפאלען אין חלשות.

ווען ער איז געקומען צו זיך, איז ער געלעגען אין בעט, אין א רייכען, שענעם צימער, און ארום איהם זיינען געשטאנען די גרעסטע דאקטוירים מיט די טייערסטע רפואות. ר׳ איצעלע האט זיך דערמאהנט, וואס מיט איהם איז געשעהן, און איהם האט בענומען א שרעק. א קליי־ניגקייט, ער איז פאר דעם טראהנפאלגער אין די אויגען געפאלען אין חלשות! ער האט אפילו ניט בעוויזען צו זאגען דעם טראהנפאלגער, אין וואס עס בעשטעהט זיין בקשה, און צוליעב דעם קאן איצט חרב ווערען א גאנצע אידישע קהילה! ס׳איז איהם געווארען אזוי ביטער, אז ער האט זיך צוויינט, קומט דא אריין קוקרין און זאגט צו איהם:

— וויין ניט, איצקע, איהר האט טאקע א גרויסען גאט! ניט נור וואס דער טראהנפאלגער איז ניט געווארען אין כעס, וואס דו ביזט געפאלען אין חלשות, נאר פערקערט, די זאך האט איהם שטארק געריהרט. ער

האָט וועגען אַלץ דערצעהלט דעם פאָטער, האָט דער קייזער געזאָגט: „אַ מענש, וואָס פאַלט אין חלשות, דערזעהענדיג עמיצען פון דער קייזערליכער פאַמיליע, וועט קיין ליגען ניט זאָגען. ברייננגט איהם צו מיר!" ווי דו וועסט נור געזונט ווערען, וועל איך דיך פאָרשטעלען דעם קייזער אַליין, און דו וועסט איהם דערצעהלען די גאַנצע זאַך.

דריי טעג איז ר' איצעלע אָבגעלעגען אין בעט, און די דאָקטוירים האָבען איהם די גאַנצע צייט געגעבען אַלערליי טראָפּענס, כדי איהם צו קרעפטיגען דאָס האַרץ. דעם רב האָט ר' איצעלע אין זיין קאַרעטע אָבגע־שיקט צוריק קיין אַמטשיסלאַוו, ווייל יענער איז פון אויפרעגונג שטאַרק קראַנק געוואָרען און האָט זיך געבעטען אַהיים. אין דריי טעג אַרום האָט קוקרין ר' איצעלע'ן געבראַכט צום קייזער. איהם האָט דאָ בענומען נאָך אַ פיעל גרעסערע אימה, ווי פריהער פאַר'ן טראָהנפאָלגער. בעזונדערס האָט איהם דערשראָקען דעם קייזער'ס שטרענגער קוק. ניקאָלאַי האָט דאָך געהאַט אַזאַ בליק, דאָס פון איהם פלעגען אַפילו די שטאַרקסטע מענשען פאַלען אין חלשות, און ווייבער פלעגען מפיל זיין. נאָר אַדאַנק די פיעל טראָפּענס, וואָס ר' איצעלע האָט איינגענומען, איז ער געבליבען שטעהן אויף די פיס. ווי ניקאָלאַי האָט איהם נור דערזעהן האָט ער מיט גרויס כעס אויסגעשריען:

— ווי אַזוי האָט איהר, אידען, זיך דערוועגט צו טויטען מיינעם אַ סאָלדאַט?!

האָט זיך ר' איצעלע טיעף־טיעף אַ בוק געטהאָן און געזאָגט:

— אדוני מלך! די אַמטשיסלאַווער אידען זיינען ניט שולדיג אין דיין סאָלדאַט'ס בלוט. מען האָט אויף זיי אויסגעטראַכט אַ בלבול.

— אָבער מיינע בעאַמטע האָבען מיר אָנגעשריבען, אַז די אידען האָבען דער'הרג'עט אַ סאָלדאַט. מיינע בעאַמטע גלויב איך.

— אדוני מלך! — האָט ווידער געענטפערט ר' איצעלע — דיינע בעאַמטע זיינען ניט מעהר ווי מענשען, און זיי האָבען געקאָנט אַ טעות האָבען. שיק פון זיך דעם העכסטען גענעראַל, ער זאָל אויפ'ן אָרט אויס־פאָרשען די זאַך, וועט זיך אַרויסווייזען דער אמת.

ניקאָלאַי האָט אַ ווײַלע געשוויגען. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער'ן צימער און האָט עפּיס ערנסט בעטראַכט. פּלוצלינג האָט ער זיך אָבגע־שטעלט נעבען ר' איצעלע'ן, אַ קוק געטהאָן איהם גלייך אין פנים אַזוי, דאָס ביי יענעם איז דאָס בלוט אין די אָדערן פערגליווערט געוואָרען, און ער האָט געפרעגט:

— נו, און וואָס וועט זיין, אויב דער גענעראַל, וואָס איך וועל שיקען, וועט אויך בעשטעטיגען, אַז די אידען האָבען טאַקע דעם סאָלדאַט געטויט?

וואָס וועט דיר דאַן קומען, דערפאַר וואָס דו האָסט אָבגענאַרט מיך, דעם קייזער דיינעם?

— אדוני מלך! — האָט איהם דערויף געזאָגט ר' איצעלע — מיט וואָס קאָן איך, נישטיגער וואָרעם, אין אַזאַ פאַל יוצא זיין געגען דיר, דעם קייזער? נאָר וויבאַלד דו פרעגסט, מוז איך געבען אַ תשובה. אויב עס וועט זיך אַרויסשטעלען, אַז איך האָב דיך אָבגענאַרט, דאַן לעג איך אַליין אַרויף אויף זיך אַזאַ שטראָף: איך פערמאָג פינף מאָל פיער הונדערט טויזענט רובעל — זאָל מען אָט דעם גאַנצען קאַפּיטאַל מיינעם צונעהמען אין „קאַזנאַ"; איך האָב זיבען זיהן, זאָל מען זיי אַלעמען אָבגעבען פאַר סאָלדאַטען, און מיך אַליין זאָל מען שמידען אין קייטען און פערשיקען אויף קאַטאָרגע.

דער ענטפער איז דעם קייזער געפעלען. ניקאָלאַי האָט איהם אַ לעג געטהאָן די האַנד אויף דער פּלייצע און געזאָגט:

— רעכט! קעהר זיך אום צוריק אַהיים. היינט נאָך וועט דער גענע־ראַל אַרויספאָהרען קיין אַמטשיסלאַוו, אויסצופאָרשען אַלץ. און אויב עס וועט זיך אַרויסווייזען אַז די אידען זיינען אונשולדיג, זיי זיכער, אַז זיי וועלען קיין שטראָף ניט בעקומען. קיין איין אונשולדיגער האָט נאָך ביי מיר ניט געליטען, און וועט אויך ניט ליידען!

דעמזעלבען טאָג — אַזוי פערענדיגט די מעשה — איז טאַקע דער העכסטער גענעראַל אַרויסגעפאָהרען קיין אַמטשיסלאַוו. דריי וואָכען האָט זיך געצויגען זיין אויספאָרשונג, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די אַמטשיסלאַווער אידען זיינען אין קיין זאַך ניט שולדיג, אַז ביי איינעם אַ סאָלדאַט האָט זיין ביקס צופעליג אויסגעשאָסען, און די קויל האָט גע־טראָפען אַן אַנדערען סאָלדאַט און איהם דער'הרג'עט. איז די שטראָף פון די אידען אַראָבגענומען געוואָרען."

די מעשה, וואָס מיר האָבען דאָ געבראַכט, איז זעהר אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש. אָבער ווי יעדע לעגענדע, ענטהאַלט זי אויך פיעל פאַנטאַזיע און נור אַ קליין קערענדעל ווירקליכקייט.

.III

אין דער לעגענדע, וואָס מיר האָבען דאָ געבראַכט, ווערט דערצעהלט, אַז „קוקרין" — דער פינאַנץ־מיניסטער קאַנקרין — האָט יצחק זעליקינ'ען פאָרגעשטעלט פאַר ניקאָלאַי'ען און איהם געגעבען די מעגליכקייט אויפצו־קלערן דעם קייזער אַליין דעם אמת וועגען דעם בלבול. אין דער וויר־ליכקייט איז אָבער די זאַך צוגעגאַנגען אַנדערש. אָנגעקומען קיין פּעטער־בורג, האָט זעליקין זיך דאָ געווענדעט צו גראַף סאַלטיקאָוו'ן, דעם אייגענ־טימער פון דעם שטעטעל חיסלאַוויטש, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון

אַמטשיסלאַוו. סאַלטיקאָוו האָט געוואוסט פון די צרות פון די דאָרטיגע אידען, פערזענליך געקענט זעליקינ׳ען און איהם זעהר געאַכט; איז ער איהם גערן געקומען צו הילף. וויכטיגער פון אַלץ איז געווען צו פאַראינ־טערעסירען מיט דעם אַמטשיסלאַווער ענין ניקאָלאַי׳ס גרעסטען מקורב, דעם אַלמעכטיגען שעף פון דער „דריטער אָבטיילונג״, דעם בעוואוסטען גראַף בענקענדאָרף. סאַלטיקאָוו האָט מיט איהם זיך דורכגעשמועסט און רעקאָמענדירט זעליקינ׳ען ווי אַ מענשען, וועמען מען קאָן טרויען. ער האָט אויך אַליין איבערגעגעבען בענקענדאָרף׳ן זעליקינ׳ס שריפטליכע בקשה, וואו יענער האָט בעשריבען די טרויעריגע לאַגע פון די אַמטשיסלאַווער אידען, געגען וועלכע עס איז אויסגעטראַכט געוואָרען אַ שרעקליכע בעשול־דיגונג, און געבעטען דעם שעף פון דער „דריטער אָבטיילונג״, ער זאָל דורך אַ ספּעציעלען, פערטרויטען בעאַמטען אויספאָרשען אויפ׳ן אָרט די זאַך. אַדאַנק סאַלטיקאָוו׳ן, האָט זעליקין געהאַט די מעגליכקייט אויך צו זעהן זיך מיט בענקענדאָרפ׳ן און איהם בעקענען מיט דעם גאַנצען ענין. ווי עס ווייזט אויס, האָבען זעליקין׳ס פערזענליכקייט און זיינע ערקלערונ־גען וועגען דער שענדליכער ראָלע פון דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע מיט דעם מאָהילעווער גובערנאַטאָר בראש געמאַכט אַ געהעריגען איינדרוק. דעם 23־טען פעברואַר האָט בענקענדאָרף געשריבען צום אינערן־מיניסטער פּערעאָווסקי׳ן: „איך האַלט פאַר מיין פליכט מיטצוטיילען אייך, אַז לויט די פּריוואַטע ידיעות, וואָס זיינען צו מיר דערגאַנגען, איז די זאַך אין אַמטשיסלאַוו פאָרגעקומען אין דער ווירקליכקייט ניט אַזוי, ווי מען האָט עס פאָרגעשטעלט דער רעגירונג.״

מיט דעם האָט זיך בענקענדאָרף ניט בעגנוגענט. אין עטליכע טעג אַרום האָט ער צוגעשטעלט דעם קייזער אַ ראַפּאָרט וועגען דער נויטווענ־דיגקייט אָבצוריכטען פון פּעטערבורג קיין אַמטשיסלאַוו אַ זיכערען אַגענט, וואָס זאָל אַכטונג געבען אויף דעם גאַנג פון דער אויספאָרשונג, „כדי ניט צו דערלאָזען קיין אונרעכט אָדער כאַבאַר״. ניקאָלאַי האָט דעם פאָרשלאַג בעוויליגט, און בענקענדאָרף האָט קאָמאַנדירט קיין אַמטשיסלאַוו איינעם פון זיינע פערטרויטע בעאַמטע, דעם פאַלקאָווניק וויטקאָווסקי. יענער איז אַהין אַרויסגעפאָהרען אין סוף פעברואַר, און אויפ׳ן גרונד פון די געהיימע מיטטיילונגען, וואָס ער האָט צוגעשיקט בענקענדאָרף׳ן איז שוין אין אַ פּאָר וואָכען אַרום דער מאָהילעווער גובערנאַטאָר, ענגעלגאַרט, דערוויטערט גע־וואָרען פון זיין שטעל. וויטקאָווסקי האָט אויפ׳ן אָרט אויפגעדעקט פיעל טרויעריגע זאַכען. „זיין קייזערליכע מאַיעסטעט האָט בעקומען ידיעות, — האָט בענקענדאָרף דעם 18־טען מערץ מיטגעטיילט דעם אינערן־מיניסטער, — אַז לויט דער פעראָרדנונג פונ׳ם געוועזענעם גובערנאַטאָר, איז פער־וועהרט געוואָרען אַרויסצולאָזען די אַמטשיסלאַווער אידען פון שטאָדט, ביז

עס וועט זיך ניט ענדיגען די אויספאָרשונג ; דעריבער האָט זיך דאָרטען אָבגעשטעלט דער האַנדעל, די אידען האָבען פערלאָרען יעדע מעגליכקייט צו פערדיענען וואָס אויפ'ן לעבען און זיינען אַזוי פעראָרימט געוואָרען, דאָס מען האָט אָנגעהויבען געשוואָלען צו ווערען פון הונגער. די הויזגע־זינדען פון יענע מענשען, וואָס זיינען צוליעב דעם פערדאַכט וועגען „בונט" אַרעסטירט געוואָרען, געפינען זיך אין די שרעקליכסטע אומשטענדען. אויסער דעם זיינען פאָרגעקומען נאָך פעלשונגען און פערברעכענס : די אויספאָרשער האָבען זייערע בעשולדיגונגען געגען פיעל מענשען געבויט בלויז אויף די מסירות פון צוויי געטויפטע אידען — מענשען פון שלעכ־טען אויפפיהר, וועלכע דראָהען צוליעב פערזענליכע ציעלען דער גאַנצער געמיינדע; דער שטאָדט־בורמיסטער זאַלאַטארעוויטש און דער דעפוטאַט מור־ראַזאָוויטש, וואָס זיינען אויסגעקליבען געוואָרען אויף צוזשטעלען די רעק־רוטען פלעגען נעהמען פיעל מענשען, צו וועלכע דער „נאַבאָר" האָט זיך גאָר ניט אָנגעקעהרט, און דערנאָך פאַר געלד זיי בעפרייען ; דער דעפוטאַט רעאוט איז ביי־נאַכט אַרומגעגאַנגען איבער די אידישע הייזער, אָנזאָגענדיג, אַז פאַר אַ געוויסע סומע קאָן יעדערער אויסמיידען דעם מיליטער־דיענסט, און ער האָט אַרויסגערופען אַ מהומה אין דער גאַנצער שטאָדט. זיין קייזערליכע מאַיעסטעט האָט בעוויליגט אָבצוגעבען דעם בעפעהל, די שולדיגע זאָלען בעשטראָפט ווערען לויט די שטרענגסטע בעשטימונגען פון געזעץ."

איצט ערשט האָט דער אינערן־מיניסטער פעראָווסקי איינגעזעהן, אַז ער מוז זיך ענערגישער איינמישען אין דער זאַך. ער האָט בעשלאָסען צו שיקען קיין אַמטשיסלאַוו אַ בעגלויבטען מענשען, וועלכער זאָל זיך גרינדליך בעקענען מיט דעם גאַנצען ענין. בעאויפטראָגט מיט דעם האָט ער דעם פערטרויטען בעאַמטען פון אינערן־מיניסטעריום, פירשט אַלעקסאַנדער טרובעצקאָי. די אָרימע אַמטשיסלאַווער אידען האָט מיט יענעם זעהר אָבגע־גליקט. אַ געבילדעטער, איידעלער און גערעכטער מענש, אָהן פניות און פאָראורטיילען, איז טרובעצקאָי געווען די פאַסענדע פערזאָן פאַר אַזאַ ערנסטע און פעראַנטוואָרטליכע אויפגאַבע. ווען ער איז אין אָנהויב מאַי געקומען צופאָהרען קיין אַמטשיסלאַוו, האָט די דאָרטיגע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע שוין געהאַט געענדיגט איהר אַרבייט. וויפיעל זי האָט זיך ניט געקליגט און געסטאַרעט, האָט זי דאָך פון דער גאַנצע מאַסע אַרעסטירטע אידען ניט געקאָנט אַרויסגעפינען מעהר ווי 17 מאַן „שולדיגע". פון זיי האָבען, לויט איהר מיינונג, אַכט געזאָלט, פאַר בעטייליגען זיך אין דעם „בונט", אָבגעגעבען ווערען צום קריעגס־געריכט, און ניין בעשטראָפט ווע־רען מיט רעקרוטשינע, — אי דאָס כמעט אויסשליסליך אויפ'ן גרונד פון די ליגענס, וועלכע עס האָבען אויף די אונשולדיגע מענשען אויסגעטראַכט די מוסרים וואַסיליעוו־בריסקין, טראַאיצקי און מענקע. טרובעצקאָי האָט

געהאַט געגען זיך די גאַנצע באַנדע פעלשער און זייערע מיטהעלפער: דעם געוועזענעם מאָהילעווער גובערנאַטאָר ענגעלגאַרט'ן, דעם קאָמאַנדיר פון אַמטשיסלאַווער גאַרניזאָן ביביקאָוו'ן, וואָס האָבען אויסגעטראַכט דעם בלבול וועגען דעם אידישען „בונט" און אָבגענאַרט מיט זייערע בעריכטען די רעגירונג; די רעדעלפיהרער פון דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע טאַראַנאָוו'ן און בוטאָמאַ'ן, וועלכע האָבען אומישנע געגעבען דער אונטערזוכונג אַ פאַלשע ריכטונג, כדי אויסצופיינען זיך פאַר דעם גובערנאַטאָר און שינדען פון די אידען די הויט; די שטאָדט-דעפוטאַטען, וואָס האָבען אויסגענוצט דעם בעפעהל וועגען שטראָף-רעקרוטען, כדי צו צאַפּען געלד פון וועמען זיי האָבען נור געקאָנט; די מוסרים און פאַלשע עדות, — די גאַנצע שענע חברה, וואָס האָבען איצט געשטרעבט צו ראַטעווען זיך אַליין און ניט צו דערלאָזען, אַז זייערע פעלשונגען און פערברעכענס זאָלען ענטפּלעקט ווערען. זיי אַלע האָבען אינטריגירט געגען דעם פירשט טרובעצקאָי, געהאַלטען אין איין שיקען קיין פעטערבורג מסירות אויף איהם, אַז אידען האָבען איהם אונטערגעקויפט, ער זאָרגט נור וועגען אידישע אינטערעסען, א. ד. גל. דאָס האָט זיי אָבער ניט געהאָלפען.

טרובעצקאָי האָט אויפגעקלערט די אַלע ליגענס, מיט וועלכע עס זיינען פול געווען די אָפיציעלע מיטטיילונגען, אויך די פערברעכערישע האַנדלונגען פון די בעאַמטע ביים פיהרען די אויספאָרשונג און אויפמאָהנען די שטראָף-רעקרוטען. אין יוני האָט ער וועגען אַלעם דעם אָבגעשיקט צום אינערן-מיניסטעריום אַן אויספיהרליכען בעריכט, וואו ער האָט געגעבען אַ קלאָר בילד פון די שרעקליכע פּיין, וועלכע עס שטעהען אויס די אַמטשיסלאַווער אידען. „עס וואָלט שוין לאַנג געווען מעגליך אויפצוקלערען דעם גאַנצען אמת, — האָט ער דאָ אָנגעוויזען, — ווען עס זאָלען ניט זיין אַזוינע מענשען, וואָס זוכען דורכאויס איהם צו פערדעקען. און איך מוז מודה זיין, אַז עס איז זעהר שווער צו שטרייטען פאַר'ן אמת געגען דער בייזוויליגקייט פון מענשען, וואָס האָבען זיך בעטייליגט אין דעם ענין און סטאַרען זיך צו פערשפּרייטען דעם קלאַנג, אַז די זאַך מ ו ז זיך פאַר אידען ענדיגען זעהר שלעכט". נאַטירליך, האָבען די אַמטשיסלאַווער אידען ניט געגלייבט די געהיימע בעריכטען, וואָס דער פאָלקאָווניק וויטקאָווסקי און טרובעצקאָי האָבען צוגעשטעלט קיין פעטערבורג; אָבער זיי האָבען גלייך דערשפּירט, אַז זיי האָבען דאָ פאַר זיך מענשען, וואָס זוכען נור אמת און יושר.

אויסער דעם פירשט טרובעצקאָי האָט דער אינערן-מיניסטער קאָמאַנדירט קיין מאָהילעוו און אַמטשיסלאַוו נאָך איינעם פון זיינע פערטרויטע בעאַמטע, זשערעבצאָוו'ן, מיט אַ ספּעציעלען אויפטראַג: מאַכען אַן אויספאָרשונג וועגען דעם געוועזענעם גובערנאַטאָר ענגעלגאַרט'ן און זיין האַנד-

לונג בנוגע צו דעם אַמטשיסלאַווער געשעהעניש. זשערעבצאָוו האָט אין אַלגעמיין בעשטעטיגט טרובעצקאָי'ס ידיעות. ער האָט אויפגעדעקט, אַז דער אָפיציר ביביקאָוו האָט געפאָדערט פון די אידען געלד; אַז ווייל יענע האָבען איהם דערין אָבגעזאָגט, האָט ער אָבגעשיקט זיין ראַפּאָרט וועגען דעם כלומרשטען „בונט", און אַז ענגעלגאַרט האָט אָבגעטהאָן אַ גאַנצע סדרה אונגעזעצליכקייטען, כדי דורכאויס צו בעשטעטיגען דעם בלבול, וואָס ביביקאָוו האָט אויסגעטראַכט. די בעריכטען פון טרובעצקאָי און זשערעבצאָוו'ן האָבען געהאַט אַ גרויסע ווירקונג. דער אינערן־מיניסטער האָט בעשלאָסען אָבצוריכטען קיין אַמטשיסלאַוו אַ נייע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, וואוהין עס זאָלען אַריין פאָרשטעהער פון אייניגע רעגירונגס־אַנשטאַלטען. אַזוי ווי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די פריהערדיגע קאָמיסיע האָט אומישנע פאַלש געפיהרט די אונטערזוכונג, האָט די נייע קאָמיסיע געזאָלט ווידער אויספאָרשען די גאַנצע זאַך; דערביי האָט זי בעקומען דעם אויפטראַג צו מאַכען אַן אונטערזוכונג אויך וועגען די האַנד־לונגען פון די בעאַמטע, וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות צו דעם אַמטשי־סלאַווער ענין. פאַר מיטגליעדער פון דער קאָמיסיע זיינען בעשטימט גע־וואָרען: פון אינערן־מיניסטעריום — טשערקאַסאָוו (פאָרזיצער), און פירשט טרובעצקאָי, פון קריעגס־מיניסטעריום — גענעראַל ווריגין, פון דער „דריטער אָבטיילונג" — פאָלקאָווניק קוצינסקי, און פון דעם וויטעב־סקער, סמאָלענסקער און מאָהילעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר — סווידערסקי.

די נייע קאָמיסיע איז אין יולי צוגעטראָטען צו דער אַרבייט און האָט פערענדיגט איהרע אונטערזוכונגען אין הערבסט. נאָכדעם ווי זי האָט גרינדליך און געוויסענהאַפט אויסגעפאָרשט די גאַנצע אנגעלעגענהייט, האָט זי אָבגעוואָרפען דעם אונגערעכטען בעשלוס, צו וועלכען עס איז גע־קומען די פריהערדיגע קאָמיסיע. זי האָט קלאָר פעסטגעשטעלט, אַז ביים פערהאַלטען די קאָנטראַבאַנד־סחורה איז קיין שום אידישער „בונט" אין אַמטשיסלאַוו ניט געשעהן; ס'איז נור פאָרגעקומען אַ געשלעג, אין וועל־כען עס האָבען זיך בעטייליגט ניט בלויז אידען, נאָר אויך קריסטען, און אַז פערפיהרט דעם געשלעג האָבען די סאָלדאַטען, לויט ביביקאָוו'ס בע־פעהל. פון דער גרויסער מאַסע אידען, וואָס די פריהערדיגע אויספאָרשער האָבען בייזוויליג צוגעצויגען צו דער זאַך, האָט די נייע קאָמיסיע נור ווע־גען געצעהלטע עטליכע מענשען איינגעפונען, אַז זיי האָבען אַנטייל גענומען אין דעם געשלעג. צוגלייך האָט זי אויפגעדעקט, אַז ביביקאָוו'ס בעריכט איז געווען אין גרונד פאַלש, אַז ער אַליין האָט אומישנע קאַליע געמאַכט עטליכע ביקסען און אַרויפגעוואָרפען די שולד אויף אידען, כדי צו בעשטע־טיגען דעם בלבול; אַז ער, ווי אויך די בעאַמטע טאַראַנאָוו און בוטאָמאָ האָבען געפאָדערט פון די אידען כאַבאַר, געצאַפּט פון זיי געלד און בעגאַנ־

גען אַ רייה פעלשונגען און אונגעזעצליכקייטען. און וואָס אנבאלאַנגט די מוסרים און פאַלשע עדות, איז די קאָמיסיע געקומען צום בעשלוס, אַז זיי דאַרפען געשטעלט ווערען צום געריכט.

די בעשטימונגען פון דער קאָמיסיע זיינען דורך דעם אינערן־מיניסטער צוגעשטעלט געוואָרען אויף דעם קייזער'ס בעוויליגונג. דעם 23־טען אָקטאָבער 1844 האָט ניקאָלאַי בעשטעטיגט דעם בעשלוס פון דער קאָמיסיע און בעפוילען: דעם געוועזענעם מאָהילעווער גובערנאַטאָר ענגעלגאַרטען ערקלערען אַ שטרענגע בעמערקונג; טאַראַנאָוו'ן און בוטאָמאַ דערווייטערן פון אַמט און איבערגעבען צום געריכט, און וועגען ביביקאָוו'ס האַנדלונג מיטטיילען דעם קריעגס־מיניסטער, ער זאָל געגען איהם פערפיהרען אַ פּראָצעס. גלייכצייטיג האָט דער קייזער אָבגעשאַפט זיין פריהערדיגען בעפעהל וועגען נעהמען אין אַמטשיסלאָוו יעדען צעהנטען אידען פאַר אַ סאָלדאַט, און געהייסען בעפרייען פון מיליטער־דיענסט יענע 36 מאַן, וואָס זיינען דערוויילע שוין אָבגעגעבען געוואָרען.

די אַמטשיסלאָווער אידען זיינען אַלזאָ אַנערקענט געוואָרען פאַר אונשולדיג, און די בעשאָפער פונ'ם בייזען בלבול האָבען בעקומען זייער שטראָף. אָבער צוליעב דעם פאַלשען בלבול, פון וועלכען עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם, זיינען די אידען אין אַמטשיסלאָוו אויסגעשטאַנען די גרעסטע צרות — הונדערטער מענשען האָבען זיך מאַנאַטען לאַנג געמאַטערט אין טורמע, איבער זיי האָט געשוועבט די געפאַהר פון רעקרוטשטינע און קריעגס־געריכט; עטליכע צעהנדליג אידען זיינען שוין געווען אָבגעגעבען געוואָרען פאַר סאָלדאַטען; דורך די רויבערייען פון די בעאַמטע און דעם בעלאַגערונגס־צושטאַנד איז די אידישע קהילה רואינירט געוואָרען און שיער ניט אומגעקומען, און די טרויעריגע רעזולטאַטען פון דער גזירה האָבען זיך געפיהלט אַ לאַנגע צייט, נאָכדעם ווי זי איז אָבגעשאַפט געוואָרען. די אומזיסטע פיין און ליידען פון דער געמיינדע זיינען געווען אַזוי גרויס און האַרב, דאָס אַפּילו ניקאָלאַי'ס רעגירונג, וועלכע איז געווען זעהר וויים פון פראָווען צערעמאָניעס בכלל, און בעזונדערס מיט אידען, האָט דאָ דערשפּירט, אַז מען מוז די אַמטשיסלאָווער אידען געבען אַ געוויסע מאָראַלישע בעפרידיגונג. דער אינערן־מיניסטער פעראָווסקי האָט פאַרגענומען אַן אויסעראָרדענטליכען שריט: מיט ניקאָלאַי'ס בעוויליגונג, האָט ער פון פעטערבורג קאָמאַנדירט קיין אַמטשיסלאָוו אַ ספּעציעלען בעאַמטען, גריגאָריעוו'ן, כדי פייערליך צו מעלדען די דאָרטיגע אידען דעם קייזערליכען בעפעהל, דורך וועלכען די בעשולדיגונג איז פון זיי אָראָבגענומען געוואָרען.

דעם 2־טען נאָוועמבער 1844 איז גריגאָריעוו אָנגעקומען קיין אַמטשיסלאָוו. עס זיינען צונויפגערופען געוואָרען די שטאָדטישע בעאַמטע און די אידישע בעפעלקערונג, און דער שליח האָט מיט גרויס פאַראַד פאַר זיי

אַלעמען פּערפּעטנטליכט דעם קייזער ניקאָלאַי׳ס בעפעהל. עס איז ניט שווער פאַרצושטעלען זיך, וואָס פאַר אַ שמחה עס איז פּאַר אַמטשיסלאַווער אידען געווען די בשורה, וואָס גריגאָריעוו האָט זיי געבראַכט פון פּעטערבורג, בעזונדעס די נאַכריכט, אַז דער בעפעהל וועגען די שטראָף־רעקרוטען איז בטל געוואָרען. מענשען האָבען פון פרייד געוויינט, אויף די גאַסען האָט מען געטאַנצט און געזונגען. מען האָט זיך מיט קלעזמער אַ לאָז געטהאָן צום הויז, וואו עס האָט זיך נאָך אויפגעהאַלטען פירשט טרובעצקאָי. ער איז אַרויס אויפ׳ן גאַניק, און מען האָט איהם געמאַכט אַ שטורמישע אָוואַ־ציע. דערנאָך האָט מען זיך צונויפגעקליבען אין דער גרעסטער שוהל און דאָ אָבגעריכט אַ דאַנק־תפילה, געזאָגט תהילים. אין אַמטשיסלאַווער פּנקס איז אויספיהרליך פערשריבען געוואָרען „די געשיכטע מיט דעם נס, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1844“ — „מעשה נסים שאירע בשנת תר״ד פ״ק מסטיסלאַוו“. צום אָנדענק האָט די קהילה בעשלאָסען, אַז יעדען ערב ראש־חודש אדר (ווען עס איז אָנגעקומען די פעראָרדנונג וועגען די שטראָף־רעקרוטען) זאָל מען אין אַמטשיסלאַוו פאַסטען, און יעדען 3־טען כסלו (דער טאָג, ווען עס איז פּובליקירט געוואָרען דער קייזערליכער בעפעהל וועגען אָבשאַפען די גזירה) זאָל מען אין די שוהלען נאָך מעריב לייענען די קאַפּיטלען תהילים, וועלכע פּאַסען לויט זייער אינהאַלט צו דער ישועה, וואָס איז געשעהן מיט אַמטשיסלאַווער אידען. זעהר אַ לאַנגע צייט פלעגט דער בעשלוס געגוי ערפילט ווערען. אַזעלכע געשעהענישען לאָזען איבער נאָך זיך טיעפע שפּורען אין פאָלקס־זכרון. צעהנדליגע יאָהרען נאָך דער גזירה פלעגען עלטערע אידען אין אַמטשיסלאַוו און אין די אַרומיגע געגענדען דערצעהלען וועגען די צרות, וואָס די קהילה איז אַמאָל אויסגע־שטאַנען, ריהמען און לויבען די נעמען פון ר׳ איצעלע מאָנאַסטירשטשינער און פירשט טרובעצקאָי, אַריינפלעכטענדיג אין זייערע עראינערונגען פער־שידענע לעגענדעס און וואונדערבאַרע מעשיות.

עס בלייבט נאָך צו צוגעבען אַ פּאָר ווערטער וועגען אייניגע טייל־נעהמער פון דעם טרויעריגען עפּיזאָד, וואָס מיר האָבען דאָ בעשריבען.

ווי עס ווייזט אויס, האָט פירשט אַלעקסאַנדער טרובעצקאָי קיין גרויסע קאַריערע ניט געמאַכט; אַלענפאַלס טרעפען מיר ניט דערנאָך זיין נאָמען צווישען די הויכע רוסישע שררות. קיין וואונדער איז עס ניט: אַזעלכע איידעלע און אָרענטליכע מענשען, ווי ער, האָבען אַלס בעאַמטע צו וועניג געפּאַסט פאַר יענע פינסטערע גרויזאַמע צייטען, און שטאַרק אָוואַנסירען האָבען זיי ניט געקאָנט.

יצחק זעליקין האָט דערלעבט ביז צו אַ טיעפער עלטער. ער האָט נאָך אַ לאַנגע צייט געאַרבייט אַלס כלל־טהוער און שתדלן, שטענדיג אויס־נוצענדיג זיינע בעקאַנטשאַפטען און געלד־מיטלען אויף צו בעשיצען די

אידישע אינטערעסען. ווי מען דערצעהלט, האָט ער פיעל מיטגעווירקט, עס זאָל ניט ערפילט ווערען ניקאָלאַי דעם ערשטענ'ס בעוואוסטע גזירה וועגען די „ראַזריאַדען", לויט וועלכער דער גרעסטער טייל רוסישע אידען האָבען געזאָלט אָבגעגעבען ווערען פאַר סאָלדאַטען אָדער איבערוואַנדערן קיין סיביר. נאָכדעם ווי עס איז אין יאָהר 1859 אַרויס אַ געזעץ, אַז אידישע סוחרים מעגען ביי געוויסע בעדינגונגען שטענדיג לעבען אין די רוסישע געגענדען, האָט י. זעליקין זיך בעזעצט אין סמאָלענסק. דער סוף פון זיין לעבען איז געווען אַ טרויעריגער. אויף דער עלטער זיינען זיינע געשעפטען אַוועק שלעכט, ער איז רואינירט געוואָרען און האָט פערלאָרען אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט. זיינע רייכע קינדער האָבען דערלאָזט, אַז זייער פאָטער, דער 86-יאָהריגער זקן, זאָל אָפילו מוזען אָבזיצען אַ צייט אין סמאָלענסקער טורמע פאַר חובות, וואָס ער האָט ניט געקאָנט בעצאָהלען. ער איז געשטאָרבען, 93 יאָהר אַלט, אין מאָנאַסטירשטשינע, אין יאָהר 1880.

ווי די לעזער געדענקען, האָט דער שטעל-פערטרעטער פון אַמטשי-סלאַווער פאָליציימייסטער, איוואַנאָווסקי, אַרויסגעוויזען ניט וועניג מוטה געגען דעם מאָהילעווער גובערנאַטאָר. וויפיעל יענער האָט פון איהם ניט געפאָדערט, האָט ער אויף קיין פאַל ניט געוואָלט בעשטעטיגען דעם פאַל-שען בעריכט וועגען דעם אידישען „בונט", און ענגעלגאַרט האָט איהם דערפאַר דערוויטערט פון שטעל. פירשט טרובעצקאָי האָט אָבגעשאַצט זיין אָרענטליכקייט און זיך פאַר איהם אָנגענומען. לויט טרובעצקאָי'ס פאָרשלאָג, האָט איוואַנאָווסקי דערנאָך צוריק בעקומען זיין אַמט.

דער געטויפטער מוסר אריה בריסקין-וואַסיליעוו האָט נאָך אַ צייט געלעבט אין אַמטשיסלאַוו. ש. דובנאָוו (אַ געבוירענער אין אַמטשיסלאַוו) דערצעהלט, אַז ער האָט אין דער יוגענד געקענט „אריה דעם משומד" — אַזוי פלעגט מען אין שטאָדט רופען דעם מוסר וואַסיליעוו'ן. אויף דער עלטער איז ער געוואָרען אַ פרומער קריסט, אָפילו געווען אַ „סטאַראָסטע" אין איינעם פון די דאָרטיגע קלויסטערס. („אריה'ס קלויסטער" — אַזוי פלעגען אידען געוועהנליך רופען יענע קירך). דער משומד האָט ליעב געהאַט צו שמועסען מיט אידען, און יענע פלעגען איהם ניט אויסווייכען. וויבאַלד ער איז געוואָרען אויס איד, האָבען זיי פערגעסען אָן זיין פערגאַנ-גענהייט, אָן די צרות, וואָס ער האָט אַמאָל פערשאַפט זיין קהילה, און זיי האָבען זיך צו איהם פערהאַלטען גלייכגילטיג.

אַנדערש איז געווען די בעציהונג צו דעם צווייטען מוסר, וועלכער האָט זיך ניט געטויפט, דעם רופא מענקע. אויך ער האָט אַ לאַנגע צייט אָבגעלעבט אין אַמטשיסלאַוו. די דאָרטיגע אידען האָבען איהם ניט פער-געסען אַל דאָס בייז, וואָס ער האָט אָבגעטהאָן בעת דער גזירה, און זיי

האָבען איהם געהאַסט תכלית שנאה. קינדער פלעגען אויף די גאַסען זינגען אַ לידעלע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט די ווערטער: „אויף מענקע דעם רופא זאָל קומען אַ מגפה!” מענקע פלעגט ניט קומען אין בעריהרונג מיט אידען. נאָר ראש־השנה און יום־כפור פלעגט ער זיך בעווייזען אין שוהל, אָבער געשטאַנען איז ער אָבגעזונדערט, און אידען פלעגען איהם אויך דאָ אויסמיידען.

●

רדיפות אויף אידישע בגדים

I.

אַן ערך אין סוף פון 18־טען יאָהרהונדערט זיינען כמעט אין גאַנץ אייראָפּע בטל געוואָרען די בעזונדערע קליידער, וואָס די רעגירונגען פלעגען פריהער צווינגען אידען צו טראָגען.

צוויי אורזאַכען האָבען געווירקט, אַז מען זאָל אידען נויטען צו קליידען זיך אַנדערש, ווי די איבעריגע בעפעלקערונג: ערשטענס, דער אַלגעמיינער כלל, וואָס האָט געגאָלטען אין מיטעלאַלטער, אַז יעדער קלאַס און שטאַנד, אַפילו יעדער גרופּע, וואָס פערנעהמט זיך מיט אַ געוויסער פּראָפעסיע אָדער פאַך, מוז זיך אונטערשיידען פון די אַנדערע מיט דער קליידונג; און צווייטענס, דער פינסטערער פאַנאַטישער האַס געגען אידען, וואָס האָט געשטרעבט ניט בלויז אויסצוטיילען זיי אויסערליך פון דער אַרומיגער וועלט, נאָר צוגלייך ערנידעריגען זיי, מאַכען זיי צו שפּאָט. מען האָט זיך ניט בענוגענט מיט פערשפּאַרען אידען אין געטאָס, אין בעזונדערע שטאָדטטיילען און קוואַרטאַלען, וואו זיי האָבען געלעבט אָבגעצאַמט פון די אַנדערע איינוואוינער; מען האָט זיי נאָך געקליידט אין אַזעלכע בגדים, וואָס האָבען געהאַט דעם צוועק אָבצולאַכען פון אידען, מאַכען פון זיי חוזק. פון דאַנען האָבען זיך גענומען, למשל, די נאַרישע הויכע היט (קאָלפּיקעס), די משונה'דיגע „קאַפּעס״, וואָס מען האָט אידען געצוואונגען צו טראָגען, אָדער די פאַרביגע לאַטעס, וואָס זיי האָבען געמוזט האָבען אויף זייערע קליידער.

אונגעפעהר פון 13־טען יאָהרהונדערט אָן פערנעהמען זיך די אייראָפּייאישע רעגירונגען, די פּויפּסטען און די קירכליך־רעליגיעזע פערזאַמלונגען זעהר פלייסיג מיט דער פראַגע וועגען דער אידישער קליידונג, און עס ווערען וועגען דעם אַרויסגעגעבען אַ סך געזעצען, פעראָרדנונגען און פערבאָטען. ניט אומעטום ווערען פאַר אידען בעשטימט דיזעלבע בגדים; אין פערשידענע לענדער האָבען זיי אַן אַנדער שניט אָדער פאַרב, אָבער שטענדיג איז מען דערביי אויסען צו שפּאָטען, איזדעקעווען זיך איבער זיי.

אידען זיינען אַמאָל געווען אין געוויסע הינזיכטען זעהר קאָנסערוואַטיוו— זיי פלעגען אַרויסווייזען אַ שטאַרקע צוגעבונדענקייט צו אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו זיטען, מנהגים און צום לעבענס־שטייגער בכלל; זיי פלעגען זיך זעהר אונגערן אָבזאָגען פון יעדער זאַך, מיט וועלכער זיי האָבען זיך פון לאַנג אָן איינגעלעבט. און ווי טשיקאַווע דאָס זאָל ביי אונז ניט

אויסקומען, איז דאָסזעלבע געשעהן אויך מיט די בעזונדערע בגדים, אין וועלכע די שונאים האָבען זיי אַמאָל מיט געוואַלט געקליידט: מיט דער צייט האָבען אידען צו זיי זיך אַזוי שטאַרק צוגעוועהנט, אַז זיי פלעגען דיזעלבע קליידער טראָגען אויך דאַן, ווען עס איז אין געוויסע לענדער געוואָרען ליכטיגער, גרינגער, און וואו קיינער האָט זיי שוין צו דעם ניט געצוואונגען. ערשט אין ענדע פון 18־טען יאָהרהונדערט ווערען כמעט אומעטום אין אייראָפּע פערשוואונדען די בעזונדערע אידישע בגדים, און אידען נעהמען זיך קליידען גלייך מיט זייערע ניט־אידישע מיטבירגער.

פערבליבען ביי דער אַלטער קליידונג זיינען די אידען נור אין פּוילען און אין ליטע, כאָטש די געזעצען וועגען אידישע בגדים זיינען דאָ קיינמאָל ניט געווען אַזוי שטרענג, ווי אין אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער [1]. אמת, די בעפעהלען, וועלכע עס פלעגט וועגען דעם אַרויסגעבען די קאַטוילישע קירכליך־רעליגיעזע מאַכט, זיינען געווען גילטיג אויך פאַר פּוילען, און אונטער דער ווירקונג פון די גלחים, האָט דאָ דער קעניג קאַזימיר יאַגעלאָן דער פערטער אין יאָהר 1454 בעשטעטיגט, אַז אידען זאָלען טראָגען בעזונדערע בגדים. אָבער דער בעפעהל איז פּאַקטיש פערבליבען נור אויפ׳ן פּאַפּיר. קיין פּראַקטישע רעזולטאַטען האָט אויך ניט געהאַט די פּעראָרדנונג, וואָס די פּוילישע גלחים האָבען, אין יאָהר 1538, אויסגע־ווירקט ביים פּוילישען סעים, אַז אידען זאָלען טראָגען בעזונדערע געלע היטלען. דיזעלבע בעשטימונג וועגען געלע היטלען פאַר אידען איז אָבגע־געבען געוואָרען אויך אין ליטע, אין יאָהר 1566; אָבער אויך דאָ איז זי געבליבען אָהן פּאָלגען, און אין צווייטען ליטווישען געזעץ פון יאָהר 1588 איז זי אַפילו ניט ווידערהאָלט געוואָרען. אין 16־טען יאָהרהונדערט האָט זיך דער מיטעלער איד געקליידט פּונקט ווי דער פּאָליאַק און ליטווינער. אי פון קריסטליכע קוועלען, אי פון די ידיעות, וואָס מיר געפינען אין רבני׳שע ספרים, איז צו זעהן, אַז אין איניגע פּוילישע געגענדען פלעגען אידען דאַן טראָגען אַפילו שווערדען און אַנדערע מינים געוועהר. בכלל האָבען זיך פערמעגליכע אידען אין 16־טען יאָהרהונדערט געקליידט ווי די דעמאָלטיגע פּוילישע פּריצים און זיי האָבען זיך אָן יענע בגדים פעסט געהאַלטען שפּעטער, נאָכדעם ווי די פּוילישע מאָדע האָט זיי

[1]) וועגען דער אַמאָליגער אידישער קליידונג אין ליטע און פּוילען זעה:

С. Дубновъ. Внутренній бытъ евреевъ Польши и Литвы въ XVI в., стр. 336-337. Э. Н. Френкъ. Внутренній бытъ евреевъ въ Польшѣ и Литвѣ въ XVII-XVIII вв., стр. 358-360. (“Исторія еврейскаго народа”, изд. т-ва “Міръ”, т. XI. Москва, 1914 г.).

אַ שלל מאַטעריאַלען „איבער דעם אידישען שטאַט אין משך פון נײַנצענטען יאָהרהונדערט" האָט נח פּרילוצקי צונויפגעקליבען פון דער אידישער ליטעראַטור אין זיין „דאָס געוועט" (וואַרשע, 1923).

געענדערט. אַפילו די נעמען פון די מייסטע קליידער זיינען געווען כמעט דיזעלבע אויף אידיש און אויף פויליש („זשופיצע", „טשאַמאַרקע", „זשו־פאַן" און אַנדערע). ניט־פערמעגליכע אידען פלעגען טראָגען „קאַפּאָטעס" פון פּאַרוסינע אָדער פון פּשוטען דראַפּ; רייכע — פון אַטלאַס, זייד מיט זילבערנע גאַרטלען. פיעל געוויכט האָט מען געלעגט אויף פּוטערס, וועלכע זיינען מייסטענס געווען פון סויבעל, מאַרדער, פוקס און פון אַנדערע טייערע רויכוואַרג. אָהן אַ פּוטערנעם שטריימעל האָט זיך כמעט קיינער ניט געקאָנט בעגעהן.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די פּוילישע אידען איז אין 16־טען יאָהר־הונדערט נאָך געווען אַ געהויבענע, און דאָס פלעגט זיך בעזונדערס אַרויסווייזען אין זייער קליידונג. וועגען בעפּוצען די וואוינונגען האָבען אידען ווייניג געזאָרגט; דערפאַר, אָבער, אין קליידער האָט געהערשט אַ גרויסער לוקסוס. בגדים פלעגט מען זיך מאַכען פון די טייערסטע שטאָפען, בעניהט מיט די שעהנסטע און זעלטענסטע רויכוואַרג. נאַטירליך, האָבען בעזונדערס די פרויען געפּראַנטעוועט. ווייבערשע קליידער זיינען געווען פון אַטלאַס, סאַמעט און אַנדערע טייערע מאַטעריאַלען, אָפטמאָל דורכגע־וועבט מיט זילבערנע אָדער גאָלדענע פעדים; קאָלנערס פלעגט מען אויס־העפטען מיט זילבער און גאָלד; פּוטערס האָט מען געדעקט מיט די רייכסטע פאַרביגע שטאָפען. פרויען האָבען אויף זיך געטראָגען פיעל ציהרונג — פּעריל, בריליאַנטען און גאָלד. דער פּויליש־ליטווישער „שליאַכטע" — דעם מיטעלען פּריצישען קלאַס — איז שטאַרק ניט אָנגע־שטאַנען, וואָס אידען קליידען זיך רייך. לויט דער פאָדערונג פון די ווייניג־פערמעגליכע פּריצים, איז אין ליטע אַרויסגעגעבען געוואָרען אין יאָהר 1566 אַ געזעץ, אַז „אידען זאָלען זיך ניט דערוועגען צו האָבען אויף זיך טייערע קליידער, מיט גאָלדענע קייטען, און זייערע פרויען זאָלען ניט געהן אין גאָלד און זילבער; אויך טאָרען אידען ניט האָבען קיין זילבער אויף די שווערדען".

דער פערבאָט האָט אָבער געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג. אידען זיינען געבליבען ביי דער גרויסער אויסבריינגעריי אויף קליידער און ציהרונג אויך אין די שפּעטערע צייטען, ווען די עקאָנאָמישע לאַגע זייערע אין פּוילען און ליטע האָט זיך שטאַרק פערערגערט. די קהל'שע אַנשטאַלטען האָבען געפיהרט אָן ענערגישען קאַמף געגען דעם שעדליכען לוקסוס. דער קראָקעווער קהל האָט שוין אין יאָהר 1595 אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, מען זאָל ניט אויסבריינגען צו־פיעל אויף קליידער, בעזונדערס אויף ווייבערשע, און פאַר ניט פאָלגען איז בעשטימט געוואָרען אַ געלד־שטראָף. אין 17־טען און 18־טען יאָהרהונדערט האָבען אַ רייה קהילות (בירזש, אָפּטע און פיעל אַנדערע) אַרויסגעגעבען עהנליכע פאָרשריפטען געגען

דעם לוקסוס אין קליידער, „וואָס רואינירט אי דעם כלל, אי איינצעלנע מענשען און רופט אַרויס ביי קריסטען האַס און קנאה". אָפטמאָל פלעגט מען פאַר אויסברייגגעריי סטראַשען אַפילו מיט חרם. וואָדזשיסלאַוואָער קהל האָט דורך בעזונדערע משולחים קאָנטראָלירט, צי עמיצער טראָגט ניט טייערע קליידער, בעזונדערס פון שטאָפען, וואָס זיינען דורכגעוועבט מיט זילבערנע אָדער גאָלדענע פעדים.

די העכסטע אַנשטאַלט פון דער קהל'שער זעלבסטפערוואַלטונג אין ליטע — דער ליטווישער „ועד" — האָט אין יאָהר 1628 אָנגענומען בעזונדערע פערבאָטען וועגען קליידער: עס ווערט פערוועהרט אַלעמען, סיי מאַנסלייט, סיי פרויען, סיי אָרים, סיי רייך, צו טראָגען סאַמעטענע בגדים אָדער אויבער-קליידער. אויך טאָר מען זיך ניט נייהען קיין אויבער-קליידער פון אַטלאַס אָדער אַדאַמאַשק (אָן אויסנאַהם ווערט געמאַכט נור פאַר יענע, וואָס צאָהלען קהל-שטייער פון 2,000 גילדען און העכער). די, וואָס האָבען פון פריהער אַן אויבער-קלייד פון אַטלאַס אָדער אַדאַמאַשק, מעגען עס טראָגען נור אין די דריי גרויסע יום-טובים און אויף חתונות פון די נאָהענטסטע קרובים. ווייבערשע העמדער טאָרען אויף זיך ניט האָבען קיין שפיצען ברייטער ווי צוויי פינגער, און אַפילו אויב איינע האָט נאָך פון פריהער אַ העמד מיט ברייטערע שפיצען, טאָר זי עס אויף קיין פאַל ניט געברויכען. עס ווערט פערוועהרט צו טראָגען וואָסערע עס איז קליידער, שלייערס אָדער לייוועגטענע קליידונג, וואָס זאָלען זיין אויסגעניהט מיט פעריל. מען טאָר קיין איין חתן, ער מעג זיין אָרים אָדער רייך, ניט שענקען קיין העמדער, פאַטשיילעס אָדער לייוועגטענע היטלען, ווי מען פלעגט עס אַמאָל טהאָן; אַפילו ווען די זאַכען זיינען גרייט און ליעגען שוין פון לאַנג, טאָר מען זיי דעם חתן ניט אָבגעבען. ווער עס קומט אָן, ביים אויסגעבען אַ טאָכטער, צו דער הילף פון קרובים אָדער צו צדקה-געלד, דער טאָר איהר ניט נייהען קיין זיידען קלייד. פאַר ניט פאָלגען אָט די תקנות ווערט בעשטימט אַ געלד-שטראָף, וועלכע דאַרף שטרענג אויפגעמאָהנט ווערען דורך דעם שטאָדטישען גבאי [2].

ווי עס ווייזט אָבער אויס, האָט די זאַך קיין גרויס ערפאָלג ניט געהאָט. מיט עטליכע און צוואַנציג יאָהר שפּעטער, אין 1650, האָט דער-זעלבער ליטווישער „ועד" ווידער געשטעלט דעם בעשלוס וועגען פער-וועהרען אַלעמען, אי מאַנסלייט, אי פרויען, צו טראָגען קליידער פון סאַמעט, אַטלאַס, אַדאַמאַשק, אויך אַזעלכע, וואָס זיינען אויסגעניהט מיט גאָלד. גלייכצייטיג איז פערבאָטען געוואָרען צו געברויכען סויבעל, מאַרדער און פוקס אויף וואָסערע עס איז קליידונג; אַחוץ ווייבערשע

[2] פנקס מדינת ליטא, §§ קעט—קפח. (פעטערבורג 1912); צווייטע פאָל-שטענדיגע אויסגאַבע, בערלין, תרפה.

פוטערס אויף שבת און יום־טוב — זיי מעגען זיין פון מאַרדער, אַרומ־גענייהט מיט ביבער. מען טאָר ניט בענייהען בגדים אָדער וועש מיט גאָלדענע אָדער זילבערנע פּאַסמעס, אַפילו מיט פאַלשע אויך ניט; פער־ווערט זיינען אויך אַלע מינים קליידער און וועש מיט זילבערנע אָדער גאָלדענע פּעדים צו פליטערלעך. (אָן אויסנאַהם איז געמאַכט געוואָרען נור פאַר טשעפּיקעס). די אַלע פערבאָטען קעהרען זיך אָן גלייך אי צו נייע קליידער און וועש, אי צו אַלטע, וואָס עמיצער פערמאָגט פון פריהער. אויך איז פרויען פערוועהרט געוואָרען צו טראָגען גאָלדענע קייטלעך און פּערל [3]).

די בעפעהלען פון די קהילות און פון דעם „ועד", וואָס מיר האָבען דאָ געבראַכט, גיבען אונז אינטערעסאַנטע און קלאָרע ביישפּיעלען פון דער גרויסער אויסבריינגעריי אויף קליידער און ציהרונג, וואָס איז אין יענע צייטען געווען שטאַרק פערשפּרייט צווישען די אידען אין פּוילען און ליטע. כאָטש זייער עקאָנאָמישע לאַגע איז געוואָרען וואָס ווייטער אַלץ ערגער, האָט דעם קהל'ס קאַמף געגען לוקסוס דאָך וועניג געהאָלפען. כמעט 150 יאָהר נאָך דער צווייטער פּעראָרדנונג פון דעם ליטווישען „ועד" געגען אויסבריינגעריי, בעקלאָגט זיך איינער אַ אידישער טהוער אברהם הירשאָוויטש, אין זיין פּראָיעקט וועגען רעפאָרמירען דעם אידישען לע־בענס־שטייגער, וואָס ער האָט אין ענדע פון 18־טען יאָהרהונדערט צוגע־שטעלט דעם פּוילישען קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט: „צו וואָס דער אַטלאַס, דער סאַמעט, די טייערע פוטערס, אין וועלכע עס קליידען זיך די אידען? צו וואָס די פּערל, טייערע שטיינער און קאָפּ־ציהרונג, וועלכע עס טראָגען די אידישע פרויען? די ליידענשאַפט צו פּוצען זיך רואינירט זיי, בריינגט זיי אַריין אין אָרימקייט, זי פיהרט זיי צום באַנקראָטירען".

ביי זייערע בעזונדערע בגדים זיינען די פּויליש־ליטווישע אידען גע־בליבען אויך דאַן, ווען זיי זיינען נאָך דער צוטיילונג פון פּוילען, אין סוף פון 18־טען יאָהרהונדערט, אַריבער אונטער דער הערשאַפט פון רוסלאַנד.

מיר, אידען, פלעגען זיך שטענדיג זעהר וועניג אינטערעסירען מיט אונזער היסטאָריע, בעזונדערס מיט דעם, וואָס קעהר זיך אָן צו דער געשיכטע פון אונזער אַלטעגליכען לעבען. וועגען איינאָרדענען מוזייען, זאַמלען היסטאָרישע זעלטענקייטען און זכרונות האָט מען ביי אונז אָנגע־הויבען צו טראַכטען ערשט גאָר ניט לאַנג. אידען פלעגען ניט זאָרגען וועגען איבערלאָזען פאַר די קומענדיגע דורות אַן אָנדענק פון זייער לעבענס־שטייגער, אויפהיטען כלים, קליידער און עהנליכע זאַכען, אין וועלכע עס האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט זייערע טאָג־טעגליכע אינטערעסען און בעדערפענישען, זייערע שמחות און וואָכעדיגע דאגות. די רבנישע

[3]) דאָרט, §§ תס"ג—תס"ח.

שרייבער האָבען דאָס אַלץ געהאַלטען פאַר אַזוינע ענינים, וועגען וועלכע עס לוינט זיך ניט אַפילו צוריידען. אויב זיי דערמאָהנען אַמאָל וועגען דעם, איז עס נור צופעליג, צוליעב אַ שאלה, וואָס זיי האָבען געהאַט צו פסק'ענען. און דערפאַר האָבען מיר אַזוי ווייניג ידיעות, למשל, וועגען דעם אַמאָליגען אידישען לעבענס־שטייגער, וועגען פאַרצייטיגע אידישע פערוויילונגען, שפייזען, בגדים, וועגען דעם פאַרצייטיגען אידישען הויז־אויפפיהר, — וועגען יענע אַלע זאַכען, וואָס כאַראַקטעריזירען קלאָר דאָס אינערליכע אידישע לעבען אין די דעמאָלטיגע ווייטע צייטען. אויב מיר ווייסען עטוואָס וועגען דעם, האָבען מיר עס צו פערדאַנקען דערהויפּט די דעמאָלטיגע קריסטליכע שרייבער, וועלכע דערמאָהנען אַמאָל אויך וועגען אידען און זייער אַרט לעבען. ווען ניט זיי, וואָלטען מיר כמעט ווי גאָרנישט געוואוסט וועגען דער אידישער קליידונג אין אָנהויב פון 19־טען יאָהרהונדערט.

אַדאַנק אַזאַ צופאַל האָבען מיר אַ בעגריף וועגען דעם, ווי אַזוי די רוסישע אידען פלעגען זיך קליידען מיט אַ יאָהר הונדערט און צוואַנציג צוריק. אין נאַפּאָלעאָנ'ס אַרמיי, וואָס האָט בעת דעם קריג אין יאָהר 1812 פערנומען אַ טייל רוסלאַנד, האָט געדיענט אַ דייטשער אָפיציר, פאַבער דיו־פאָר — זעהר אַ געבילדעטער מענש און אַ בעגאַבטער קינסטלער. ער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט אַלץ, וואָס ער האָט דאָ געזעהן, מאַרשירענדיג מיט זיין מיליטער־אַבטיילונג דורך פערשידענע רוסישע געגענדען. פאַבער האָט זיך ניט בעפרידיגט מיט פערשרייבען זיינע בעאָבאַכטונגען ווען עס האָט זיך איהם אין די אויגען געוואָרפען עטוואָס אונגעוועהנליכעס — אַ שענע געגענד, אַ טשיקאַווע סצענע, אַן אינטערע־סאַנטע פיגור, אַ מאָדנע קליידונג, א. ד. גל., פלעגט ער פון דעם גלייך אויפ'ן אָרט מאַכען אַ צייכנונג. אין פערלויף פון דער מלחמה האָט זיך ביי איהם אָנגעקליבען אַ גאַנצער אַלבאָם אַזעלכע בילדער. זיי זיינען ניט בלויז קינסטלעריש זעהר געראָטען, נאָר ווי עס האָבען בעשטעטיגט זיינע חברים, גיבען־איבער זיינע צייכנונגען שטענדיג יעדע זאַך פּינקטליך, פאָטאָגראַפיש עכט. שפּעטער האָט פאַבער דיו־פאָר פערעפענטליכט זיינע צייכנונגען, וואָס האָבען אַ גרויסען היסטאָרישען ווערטה, און דער אַלבאָם איז עטליכע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרען[4]). צווישען די בילדער, וואָס דער דייטשער אָפיציר האָט געצייכענט אין ליטע און ווייסרוסלאַנד, איז פאַראַן אויך אייניגע גראַד מיט אַן אידישען אינהאַלט; צום ביישפּיעל, אַ גאַסען־סצענקע אין ליאָזנע (מאָהילעווער גובערניע), וואו עס איז פאַר־געשטעלט אַ גאַנצע אידישע משפחה — אַ מאַן און ווייב מיט אַ דערוואַק־

[4]) G. Faber du Faur. Napoleons Feldzug in Russland 1812.

סענער טאָכטער און אַ זוהן פון אַ יאָהר צעהן, — און נאָך אַנדערע צייכ־נונגען מיט אידישע פיגורען. מיר האָבען אַלזאָ פאַר זיך די בגדים, וועלכע עס האָבען אין צייט פון דער רוסיש־פראַנצויזישער מלחמה גע־טראָגען די רוסישע אידען, מאַנסלייט און פרויען, דערוואַקסענע און קינדער. און צוקוקענדיג זיך אויפמערקזאַם צו דיר־פאַר׳ס בילדער, זעהט איהר קלאָר, אַז אַחוץ אייניגע אונבעדייטענדע ענדערונגען, האָבען די ליטוויש־רוסישע אידען דאַן געהאַט כמעט דיזעלבע קליידונג, ווי די אידען אַמאָל אין פוילען, אין 17־טען און 18־טען יאָהרהונדערט.

אין איהרע בעוואוסטע „עראינערונגען פון אַ באָבען", דערצעהלט אונז פאַולינע ווענגעראָוו אויספירליך, ווי אַזוי די אידען אין ליטע און ווייסרוסלאַנד האָבען זיך געקליידט אין איהר יוגענד־צייט, אין די דריי־סיגער און פערציגער יאָהרען פון 19־טען יאָהרהונדערט: ווייבערשע בגדים, ביים פערמעגליכען קלאַס, האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער רייכקייט און בעפּוצונג. וועניגער פערמעגליכע פרויען פלעגען טראָגען קליידער פון ציץ אָדער וואָל, רייכע — פון זייד, אויך פון וואָלענע שטאָ־פען, וואָס זיינען געווען בענייהט מיט גאָלדענע פעדים. די ווייבערשע קליידער, ווי אויך די אַרבעל, זיינען געווען זעהר שמאָלע. דער קאָלנער איז געווען בענייהט מיט ברייטע שפּיצען, וועלכע זיינען געהאַנגען ביז צו דער העלפט פון דעם „ברוסט־טוך", וואָס איז געווען אויסגעהעפט מיט זילבער און גאָלד. איבער דעם קלייד איז געהאַנגען אַ לאַנגער פאַרטוך, ביי וועניג פערמעגליכע — פון וואָל, ביי רייכע — פון פאַרביגע זייד אָדער פון ווייסען באַטיסט מיט גאָלדענע פעדים אָדער מיט סאַמעטענע בלומען. איבער די קליידער האָט מען געטראָגען אַ „קאַטאַנקע" — אַ מין לאַנגען מאַנטעל פון אַטלאַס אונטערגעשלאָגען מיט וואָל. ביי רייכע פרויען איז דער אונטערשלאַג פון דער „קאַטאַנקע" אויך געווען פון אַטלאַס. אייגענע האָהר האָבען געטראָגען נור מיידלעך. ווייבער פלעגען זיך גאָלען די האָהר און טראָגען אויפ׳ן קאָפּ אַ שוואַרצע סאַמעטענע „ליאַמקע", וואָס איז געווען אַנגערוקט צום שטערן און האָט זיך געענדיגט מיט צאַנגען, וועלכע זיינען געווען ביי רייכע אויסגענייהט מיט פעריל. דערויף פלעגט מען אָנטהאָן אַ טשעפּיק („קאָפּקע") מיט באַנטען און בלומען פון פאַרענט, און פון הינטען איבער דער פאַטילניצע מיט דעם נאַקען — אַ וואוּאַל, אַרומגענייהט מיט שפּיצען. מאַנסלייט האָבען געטראָגען קורצע הויזען, נור ביז צו די קניה, מיט ווייסע לאַנגע זאָקען און איבער דעם — אַ קאַפּאָטע ביז צו די קנעכעל. ביי וועניג פערמעגליכע איז די קאַפּאָטע געווען פון באַוועל, די שבת׳דיגע — פון אַ ביליגען וואָל־שטאָף. רייכע לייט פלעגען זיך נייהען די קאַפּאָטעס פון אַטלאַס און זייד. איבער דער קאַפּאָטע האָט מען געטראָגען אַ ברייטען זיידענעם גאַרטעל. ס׳פערשטעהט

זיך, אַז דער פערבאָט פון „שעטנז" (פון מישען וואָל מיט ליינען) איז אָבגעהיט געוואָרען אויפ'ן שטרענגסטען אופן. אויפ'ן קאָפּ האָט מען איבער דער יאַרמולקע געטראָגען אַ שטריימעל: רייכע לייט—פון סויבעל, וועניגער פערמעגליכע — פון סאַמעט, בענייהט מיט פוטער. בעזונדערס האָט מען געזאָרגט וועגען די פּאות. וואָס לענגער, געדיכטער און געקריי־זעלטער זיי זיינען געווען, אַלס שענער און חשוב'ער האָט מען עס גערע־כענט; ביי אַנדערע פלעגען די פּאות דערגעהן ביז צו דער פּלייצע. אינגלעך פלעגט מען אין אַלגעמיין קליידען ווי דערוואַקסענע [5]).

די בגדים, וואָס די „באָבע" האָט אונז געגנוי בעשריבען אין איהרע עראינערונגען, דערמאָנען שטאַרק די אַלט־פּוילישע קליידונג. למשל, די לאַנגע זשופּיצע מיט'ן גאַרטעל, דער פוטער מיט'ן אָבגעלעגטען קאָלנער געהערען צו יענער מאָדע, וואָס האָט אין אַמאָליגע, לאַנג־פערגאַנגענע צייטען געהערשט אין פּוילען צווישן די מיטעלע פּריצים. אַפילו די פּוּ־טערנע שטריימלעך פלעגען פּוילישע גלחים טראָגען מיט אייניגע הונדערט יאָהר צוריק. אַזוי, צום ביישפּיעל, איז אין דעם פּנקס פון אַפּטער קהל פאַר'ן יאָהר 1698 צווישען די פערשידענע אויסגאַבען פערצייכענט: „שלשים זהבים בעד שטריים שניתן מתנה לדזעקאַן" — „דרייסיג גילדען אויף אַ שטריימעל, וואָס די קהילה האָט געשאָנקען דעם גלח [6]). די אי־דישע קליידער שטאַמען פון פרעמדע, זיי זיינען איבערגענומען געוואָרען פון אַנדערע, — און דאָך האָט מען זיך מיט דער צייט צו זיי אַזוי צוגע־וועהנט, דאָס מען האָט זיי בעטראַכט ניט נור פאַר עטוואָס אייגענס, נאָר אַפילו פאַר כמעט ווי עפּיס הייליגס. אויף יעדע אָבווייכונג פון דער לאַנג־אַניגער קליידונג האָט מען געקוקט, ווי אויף אַן אויסגעלאַסענקייט, אַפּיקורסות, פערכהייט, זינד. למשל, די קאָלנערס אויף די מאַנסבילשע העמדער, וואָס אידען האָבען געטראָגען מיט אַ יאָהר הונדערט צוריק, פלעגען זיך ניט פערשפּיליען, ווי איצט, נאָר מען פלעגט זיי פערבינדען מיט צוגענייהטע ווייסע בענדלעך. ווען יונגעלייט האָבען שפּעטער אָנגעהויבען צו פערשפּיליען די קאָלנערס מיט ברייטע שוואַרצע האַלזטיכער, איז דאָס די עלטערע מענשען אויסגעקומען „גוי'איש", און מען האָט דערויף געקוקט זעהר קרום.

פּאַולינע ווענגעראָוו דערצעהלט אין איהרע עראינערונגען אַ כאַראַק־טעריסטישען צופאַל, וואָס איז געווען אין הויז ביי איהרע עלטערן. „אין די פערציגער יאָהרען פון 19־טען יאָהרהונדערט איז געקומען די מאָדע פון „קרינאַלינען". ביי אונז (אין בריסק) האָט מען דעם ווילדען פאַסאָן

[5]) Pauline Wengeroff. Memoiren einer Grossmutter. (Berlin, 1913). B. I, 196f.f.

[6]) Э. Н. Френкъ, loc. cit., стр. 360, прим. 3.

גאַסען־סצענע אין ליאָזנא (מאָהילעוו. גוב.), אויגוסט, 1812

אַנגעווענדט אויף אַ סאַמע פשוט'ען אופן: אין קלייד האָט מען געמאַכט אונטען אַ ברייטען זוים, דורכגעצויגען דורך איהם אַ הילצערנעם רייף, און מיט אַ פערטעל מעטער העכער — ווידער אַ זוים מיט אַ רייף. מיין עלטערע שוועסטער האָט זיך נאָך פיעל אַרבייט און מיה געמאַכט אַזאַ טשיקאַווע קלייד און זי האָט זיך אַזוי איינמאָל אין דער־פריה בעוויזען אין צימער, וואו מיר זיינען אַלע געזעסען און געגעסען. מיין מוטער האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגען. „וואָס פאַר אַ פּאָס האָסטו עפּיס אָנגעטהאָן?" און ניט אַריינלאָזענדיג זיך אין וויי‎טערע דעבאַטען, האָט זי איהר געהייסען תיכף אַוועקגעהן. מיין שוועסטער האָט גענומען אויפ'ן קול וויינען און זיך אַ קורצע ווײלע ניט גערירט פון אָרט. האָט די מוטער איהר אַ זאָג געטהאָן: „זאָל איך דיר אפשר העלפען אויסטהאָן זיך?" דאָס האָט געקלעקט. מיין שוועסטער איז אין טרעהרען אַוועקגעלאָפען צו זיך אין צימער. די מוטער איז אויך אַוועק אַהין. זי האָט גענומען אין איהרע הענד דאָס אונגליקליכע קלייד, אַרויסגעריסען די רייפען, צובראָכען זיי און אין קיך אַ וואָרף געטהאָן אין אויווען אַריין. דאָס פייער האָט גלייך גענומען פרעסען די נייע מאָדע [7])...

ניט קיין בעסערען מזל האָט אָרום יענער צייט געהאַט אויך די אַנדערע, אינגערע שוועסטער, ווען זי האָט זיך געפּרואווט אַריינברייגען עפּיס אַ קליינע ענדערונג אין איהר קליידונג. „זי האָט זיך נאָך דער דעמאָלטיגער נייער מאָדע געמאַכט אַ מאַנישקע, אַ „זשאַבאָ", פון ווייסען מוסלין, און זי איז אַזוי איינמאָל פרייטאָג אין אָווענד געקומען צו דער וועטשערע. מיינע עלטערן האָט דאָס העכסט אויפגעבראַכט. דער פאָטער איז געוואָרען שרקליך אויפגערעגט און האָט געזאָגט: „דו זעהסט אויס ווי אַ גויע. ווי קאָן דאָס אַ אידישע טאָכטער טראָגען אַ קלייד, וואָס איז ביי דער ברוסט דורכזיכטיג!" מיין שוועסטער האָט זיך נאָך געפּרואווט פערענטפערן, אַז זי איז ניט אויסען געווען קיין שום בייז, זי האָט נור געמיינט אַז דאָס שטעהט איהר. אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפען. מען האָט

[7]) Pauline Wengeroff. Memoiren einer Grossmutter. B. II, 17.

וועגען דעם קאַמף געגען קרינאָלינען אין גאַליציען (אין טאַרנאָוו און קראָקע) אין די זיבעציגער יאָהרען זעה „המגיד" 1861, ז' 180, 202, 227.

די מאָדע פון קרינאָלינען איז אין אייזענשטאַדט (אונגאַרן) געוואָרען אַרויסגעבראַכט פון פראַנקרייך נאָך אין 18-טען יאָהרהונדערט, און שוין אין 1730 האָט מען דאָרטען געגען איהר פערביסען געקעמפט מיט אַ שטאַרקער תקנה און אויסגערופען פאָלגענדעם חרם: „ראשון לציון בעניני מלבושים אשר חדשים מקרוב באו והולכים במלבושים פריצות ברייפן רעק אשר לא הלכו בגד זרים כזה אבותינו ואבות אבותינו ע"כ עלה המוסכם אצל אלופי קהל ואצל ב"ד הצדק לגזור בחרם על המלבושים ראָף רעק הנ"ל"...

B. Wachstein: Urkunden und Akten zur Geschichte der Juden in Eisenstadt. (Wien und Leipzig, 1926) S. 148.

זיך ניט פערטיעפט אין דיבורים, און זי האָט דעם „זשאַבאָ" געמוזט פון זיך תיכף אַראָבנעהמען. יענעם שבת איז די שטימונג ביי אונז אין הויז געווען אַ פערשטערטע. אָבער דאָס וואָרט פון די עלטערן האָט דאָן נאָך פערמאָגט אין זיך די קראַפט צו אונטערדריקען ביי דער יוגענד אַזעלכע שטרעבונגען צו נייע מאָדעס" [8]).

די צוגעבונדענקייט צו דער פערהייליגטער אַלט־פרענקישער קליידונג איז געווען אַזוי פעסט, און צוגלייך האָט די געזעלשאַפטליכע מיינונג יעדע־רען געדריקט און געבונדען אַזוי שטאַרק, דאָס אַפילו פאָרגעשריטענע, אויפ־געקלערטע מענשען האָבען געמוזט אָבהיטען דעם „שטאַט" און זיינען געווען געצוואונגען צו טראָגען די בגדים, וועלכע זיי האָבען געהאַט. דער בעריהמטער העברעאישער שריפטשטעלער, מרדכי אהרן גינצבורג (גע־בוירען אין יאָהר 1795, געשטאָרבען אין 1846 אין ווילנע), האָט זיך, ווי די מייסטע דעמאָלטיגע „משכילים", אַ צייט לאַנג פערנומען מיט לעהרעריי, ריכטיגער געזאָגט: מיט מלמדות. אין אַ בריף פון יאָהר 1822 בעקלאָגט ער זיך אויף דער שווערער לאַגע, וואָס ווערט פאַר איהם בעשאַפען דורך זיין בעשעפטיגונג. „מיר איז פיעל ערגער, איידער יענע, וואָס קנעטען ליים, האַקען האָלץ אָדער גראָבען שטיינער. ביי זיי איז נור דער קערפּער פערשקלאַפט, אָבער קיינער וועט זיך ניט גריבלען, צי זיי זיינען גענוג פרום, קיינעם אַרט ניט, צי זיי טראָגען לאַנגע בגדים אָדער קורצע, צי זיי ריידען דייטש אָדער טערקיש. זיי מעגען זיך קליידען, טראַכטען און ריי־דען, ווי זיי ווילען, אַבי זיי זאָלען ווי עס בעדאַרף צו זיין ערפילען זייער אַרבייט" [9]). איין צייט האָט גינצבורג געלעבט אין קורלענדער געגענד, וואו דער אידישער לעבענס־שטייגער איז געווען אַ פרייערער, האָט ער זיך דאָרטען געקליידט אייראָפּעאיש; דערנאָך האָט ער זיך בעזעצט אין ווילנע, און דאָ האָט ער שוין גלייך מיט אַלעמען געטראָגען אידישע בגדים. ווען עס האָט זיך איהם געטראָפען צו פאָהרען קיין קורלאַנד, פלעגט ער זיך ווידער איבערטהאָן. עס איז פערבליבען מ. א. גינצבורג'ס אַ פּאָרטרעט פון זיין ווילנער לעבענס־צייט, וואָס ווערט דאָ געבראַכט (ז. 284). ער איז, ווי מיר זעהען, אַרומגעגאַנגען אין לאַנגע בגדים, מיט אַ יאַרמולקע אויפ'ן קאָפּ, מיט לאַנגע געקרייזעלטע פאות. ווען מען זאָל ניט וויסען, וועמענס בילד

[8]) Pauline Wengeroff, Memoiren, 18.

[9]) מ. א. גינצבורג. „דביר", חלק שני, 131. (ווארשא, תרמ"ד).

מיר האָבען דאָ, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז אַ פּאַרצייטיגער רב אָדער אַן אַנדער מין „כלי קודש”, אָבער קיינעם וואָלט ניט איינגעפאַלען, אַז דאָס איז אַ וועלטליכער שריפטשטעלער, אַ געבילדעטער אינטעליגענט, אַ מענש מיט אייראָפּעאישע אנזיכטען [*9].

פירשט איוואַן דאָלגאָרוקי, אַ רוסישער שריפטשטעלער פון אָנהויב 19־טען יאָהרהונדערט, האָט אין יאָהר 1810 געמאַכט אַ רייזע פון מאָסקווע קיין אָדעס און האָט איבערגעלאָזט אַ בעשרייבונג פון זיין נסיעה. אונטער־וועגס האָט ער פערבראַכט עטליכע טעג אין אומאַן (קיעווער גובערניע). דאָ האָט דאַן געלעבט איינער פון די ערשטע „משכילים”־אינטעליגענטען אין רוסלאַנד, חיים־חייקעל הורוויץ. אַ רייכער סוחר, פלעגט ער צוליעב זיינע געשעפטען פאָהרען קיין אויסלאַנד; ער האָט איבערזעצט אויף אידיש קאַמפּע'ס „ענטדעקונג פון אַמעריקע” און אָבגעדרוקט אין בערדיטשעוו, אין יאָהר 1817. פירשט דאָלגאָרוקי האָט זיך נאָהענט בעקענט מיט איהם און מיט זיין איינציגען זוהן, הירש־בער הורוויץ (געבאָרען אין יאָהר 1785). יענער איז געווען זעהר אַ געבילדעטער מענש, מיט גרויסע שפּראַך־קענטעגישען [10]. זייביידען האָט דאָלגאָרוקי אין דער רייזע־בעשרייבונג געווידמעט אַ גאַנצען קאַפּיטעל. ער איז פון זיי ענטציקט, בעזונדערס פון הירש־בער הורוויץ'ן, וועלכער איז דאַן אַלט געווען אַ יאָהר פיער און צוואַנציג. ער דערצעהלט, אַז דער יונגער הורוויץ קען זעהר גוט דייטש, פראַנצויזיש און רוסיש, ער איז זעהר בעלעזען און געבילדעט. פירשט דאָלגאָרוקי האָט מיט איהם יעדען אָוועגד שטונדען לאַנג געשמועסט; גערעדט צווישען זיך האָבען זיי שטענדיג פראַנצויזיש. פון דאָלגאָרוקי'ס בעשרייבונג שטעלט זיך אַרויס, אַז אי דער „אפיקורס” חיים־חייקעל הור־וויץ, אי זיין יונגער געבילדעטער זוהן האָבען געטראָגען לאַנגע אידישע

---

*[9]) מ. גינצבורג'ס בילד איז בייגעלעגט צו זיין „אביעזר” (ווילנע, 1863). ווי עס איז צו זעהן פון דער אונטערשריפט אויף דער האָלצשניט, האָט דעם פּאָרטרעט גראַווירט אבנר גריליכעס. אַ בעגאַבטער קינסטלער, האָט זיך גריליכעס אין יאָהר 1875 בעזעצט פון ווילנע אין פעטערבורג און איז געוואָרען דער הויפּט גראַווירער און מעדאַילער ביי דער מלוכה־מינצעריי. דורך זיינע אויסגעצייכענטע אַרביימען (באַרעליעפען, מאָדעלען און מטבעות, מעדאַליען א. ד. גל.) איז ער בעריהמט געוואָרען אַלס איינער פון די בעסטע גראַווירער אין רוסלאַנד. גע־שטאָרבען איז ער אין 1895, אין פעטערבורג, 73 יאָהר אַלט. זיין זוהן, אברהם גריליכעס, האָט געענדיגט די פעטערבורגער קונסט־אַקאַדעמיע און איז אויך גע־וואָרען אַ בעריהמטער גראַווירער־מעדאַליער. ווי דער פאָטער, האָט ער יאָהרען לאַנג געאַרבייט ביי דער מלוכה־מינצעריי.

[10]) וועגען חיים־חייקעל הורוויץ און זיין זוהן זעה אין אַרטיקעל „פון אַ פאַמיליען־כראָניק”, „היסטאָרישע ווערק”, צווייטער באַנד, ז' 71—72.

מרדכי אהרן גינצבורג
(גראַווירט פון אבנר גריליכעס)

בגדים. צווישען אַנדערע זאַכען, ברייננט פירשט דאָלגאָרוקי אַ געשפּרעך, וואָס ער האָט געהאַט מיט דעם יונגען הורוויץ׳ען:

„וואָס פעהלט אייך צו אייער גליק?" — האָב איך איהם געפרעגט.

„איך וואָלט געגלוסט, מען זאָל אונז פריהער פון אַלץ פערוועהרען אונזער נאַרישע קליידונג, וואָס לעגט אויף אונז אַרויף דעם שטעמפּעל פון שפּאָט און בזיון, — האָט ער מיר געענטפערט: — ווען מען פעראַכט, דער פאַלט אַראָב ביי זיך אַליין, ווערט אָבהענדיג; אָט פאַרוואָס אונזער

פאַלק איז איצטער אַזוי פער'מיאוס'ט, נאַריש און אונוויסענד. יעדערער, וועלכער עס דערזעהט מיך אין מיין לאַנגער קאַפּאָטע, טייטעלט מיט'ן פינגער און זאָגט: „דאָס איז אַ זשיד!" איך בין אָבער צופיעל מענש, איך זאָל אַ שפּיי טהאָן אויף דעם אונגערעכטען בזיון, וואָס פערצאַמט מיר אומעטום דעם אַריינטריט און זונדערט מיך אָב פון דער וועלט".

„טאָ פאַרוואָס־זשע בייט איהר נישט אייער קליידונג?"

אָ, ווען עס זאָל ווענען דעם אַרויס אַזאַ דעקרעט! קיינער וואָלט איהם ניט אַזוי גיך ערפילט ווי איך. אָהן דעם אָבער, פון זיך אַליין עס צו טהאָן דאָס דערוועג איך זיך ניט, איך קאָן ניט"[11]).

ניט וועניגער שאַרף זאָגט זיך אַרויס געגען די בעזונדערע אידישע בגדים, מיט אַ יאָהר דרייסיג שפּעטער, אַן אַנדער אידישער אינטעליגענט, מ. א. גינצבורג אין זיין אַרטיקעל „על דבר הבגדים". די בעזונדערע אידישע קליידונג, וואָס האַלט זיך נאָך אין ליטע, פּוילען און רייסען, — שרייבט ער דאָ, — איז ווי אַ מין וואַנד, וואָס טיילט אָב די אידען פון די קריסטען און זי שטערט זייער געגענזייטיגע דערנעהנטערונג; די אַלט־פרענקישע בגדים האַלטען דעם אידען אין אונוויסענקייט, זיי קרעפטיגען דעם פאַנאַטיזם, דעם לוקסוס, א. אַז. וו.[12]).

צווישען די פּאַרצייטיגע „משכילים" זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבען אין דער אידישער קליידונג געזעהן שיער ניט די הויפּט־אורזאַך פון אַלע אידישע אונגליקען און צרות. די אָבשאַפונג פון די בעזונדערע אידישע בגדים ווערט איינער פון די וויכטיגסטע פּונקטען אין דעם פּראָגראַם פון אונזערע אויפקלערער, „משכילים". זיי זיינען אָבער נאָך געווען אַ קליין הייפעל, אָהן געזעלשאַפטליכען געוויכט, אָהן שום מעגליכקייטען צו וויר־קען, ענדערן די לעבענס־בעדינגונגען; האָבען זיי געטרוימט, אַז פער־ווירקליכען זייער פּראָגראַם וועט די רעגירונג. צווישען די פּיעלע האַפּ־נונגען, וואָס די „משכילים" האָבען אויף איהר געלעגט, איז געווען אויך די, אַז זי וועט אָבשאַפען די פערהאַסטע אידישע בגדים. און אין ניקאָלאַי דעם ערשטען'ס צייטען האָבען זיי זיך ענדליך אויף דעם טאָקע דערוואַרט.

11) Кн. И. М. Долгорукій. Славны бубны за горами, или мое путешествіе кое-куда 1810 г., стр. 221-222. (Москва, 1870 г.).

[12]) לקט אמרים (הוצאת „המליץ"), 90—91. (פּטרבורג, תרמ"ט).
זעהר שאַרף זאָגט זיך אַרויס געגען דער אידישער קליידונג דער דעמאָלט נאָך יונגער ווילנער משכיל ש. י. פין אין זיין בריף פון אלול ת"ר (1840) צו דעם אָדרעסער כלל־טהוער און פּעדאַגאָג בצלאל שטערן. צווישען אַנדערע מאָטיוועך שרייבט ער: כי בהיות הפרוד והשנוי בבגדים לא מטעמי הדת ולא על ברכיה נולד כי אם להפוך ממקור משחת שנאת עמי המאות התכונות לבני ישראל, יצא אשר לא רצו להתערב עם בני ישראל בבגדיהם". זעה „פּרדס" (רעד. י. ח. ראב־ניצקי), אדעס, תרנ"ז, באַנד III ז' 152.

II.

די רוסישע רעגירונג האָט צום ערשטען מאָל בעריהרט די פראַגע וועגען אידישע קליידער אין סאַמע אָנהויב פון 19־טען יאָהרהונדערט*). אין דער צייט פון דעם קייזער אַלעקסאַנדער דעם ערשטען איז אין יאָהר 1804 אַרויס אַ „רעגלאַמענט וועגען די אידען", דורך וועלכען עס איז נאָרמירט געוואָרען די געזעצליכע לאַגע פון די נייע אידישע אונטערטאַנען, וואָס רוסלאַנד האָט בעקומען נאָך דער צוטיילונג פון דער פוילישער מדינה. צווישען די בעשטימונגען פון דעם „רעגלאַמענט" געפינען זיך אויך איינינע, וואָס האָבען אַ שייכות צו די אידישע בגדים: אידען מעגען צוליעב געשעפט קומען אויף אַ קורצע צייט אין די רוסישע געגענדען, אַפילו קיין פעטערבורג און מאָסקווע, אָבער דאָ מוזען זיי זיין געקליידט גלייך מיט אַלעמען, „אָהן שום אונטערשיד פון אַנדערע"; די פּאָליציי דאַרף תיכף אַרויסשיקען יענע אידען, וואָס וועלען אָהער קומען אין זייערע בעזונדערע בגדים. די אידישע קינדער, וואָס בעזוכען די עלעמענטאַרע רעגירונגס־שולען, מעגען דאָ טראָגען וואָסערע קליידער זייערע עלטערן ווילען; די אָבער, וואָס לערנען זיך אין די גימנאַזיעס אָדער אוניווערזיטעטען, מוזען זיין אייראָפּעאיש געקליידט. גלייך מיט אַלעמען מוזען זיך קליידען יענע אידען, וואָס וועלען אויסגעקליבען ווערען אין די שטאָדטישע פערוואַלטונגען אַלס מיטגליעדער פון די מאַגיסטראַטען אָדער ראַטושעס.

דאָס זיינען די אַלע בעגרענצונגען געגען די אידישע בגדים, וואָס דער „רעגלאַמענט" פון יאָהר 1804 האָט איינגעפיהרט. קיין גרויסע פּראַקטישע בעדייטונג האָבען זיי ניט געהאַט. אין די גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטען האָבען דאַן רוסישע אידען נאָך ניט געלערענט. אַפילו מיט אַ יאָהר דרייסיג שפּעטער, אין 1833, איז אין די אַלע גימנאַזיעס פון דער אידישער „טשערטאַ" געוועזן, לויט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק, בלויז

*) אַרכיוו פון אינערן־מיניסטעריום (פּאָליציי־דעפּאַרטמענט, פון יאָהר 1806 — נום. 69 („וועגען די קליידער פון יענע אידען, וואָס ווערען אויסגעקליבען פאַר מיטגליעדער אין די שטאָדטישע פערוואַלטונגען").

אַרכיוו פון גאָסוד. סאָוועט. ענינים פון דעם „אידישען קאָמיטעט", נום. 36 („וועגען דער אידישער קליידונג").

Ю. Гессенъ. Борьба правительства съ еврейской одеждой въ Имперіи и Царствѣ Польскомъ. (“Пережитое”, т. I).

О. Лернеръ. Евреи въ Новороссійскомъ краѣ, 60-66. (Одесса, 1901 г.).

אַ מודעה אין רוסיש און אידיש פון יאָהר 1841 וועגען בגדים־שטייער איז פערעפענטליכט אין די היסטאָרישע שריפטען פון ייוואָ, באַנד II, זז' 591—593. ווי פנחס קאָן טיילט מיט אין זיינע „געפונענע טיילען פון ווילנער קהלשען אַרכיוו" (ווילנע, 1937) ז' 10, זיינען צווישען זיי פאַרהאַן אַ סך ידיעות וועגען שטייער פון אידישע מלבושים.

12 אידישע שילער [13]). די צאָהל אידישע מיטגליעדער פון די שטאָדטישע מאַגיסטראַטען און ראַטושעס איז געװען גרעסער; אָבער װי עס איז צו זעהן פון אייניגע אָפיציעלע ידיעות, פלעגט מען זיי זעהר זעלטען צװינגען צו בייטען די בגדים. אויך ניט שטענדיג און ניט אומעטום האָט די פּאָליציי אַכטונג געגעבען, אַז ביים אָנקומען אין די רוסישע געגענדען זאָלען אידען זיך איבערקליידען. די בעדייטונג פון די בעגרענצונגען איז אין דער װירקליכקייט געװען זעהר װיניג. דאָך אָבער האָבען זיי אַרויסגערופען אַ גרויסע אונצופרידענקייט צװישען די פרומע אידישע מאַסען, און לויט דער בקשה פון די „דעפּוטאַטען פון אידישען פאָלק", איז דער פערבאָט צו טראָגען אין די רוסישע געגענדען אידישע בגדים אָבגעשאַפט געװאָרען אין יאָהר 1818 דורך אַ בעזונדער בעפעהל פון אַלעקסאַנדער דעם 1-טען [14]).

אין אַלגעמיין האָט אַלעקסאַנדער דעם ערשטענ'ס רעגירונג זיך פער־האַלטען צו דער אַלט־מאָדישער אידישער קליידונג טאָלעראַנט, און זי האָט געגען איהר קיין פערפאָלגונגען ניט פערפיהרט. אָבער די זאַך האָט זיך געענדערט אין דער צייט פונ'ם קייזער ניקאָלאַי דעם ערשטען. עס איז קוים צו געפינען נאָך אַ געביט, וואו ניקאָלאַי'ס אַלגעמיינע פּאָליטיק זאָל זיך האָבען אָבגעשפּיגעלט אַזוי דייטליך, װי אין זיין בעציהונג צו אידען. דאָ האָט זיין גאַנצע רעגירונגס־סיסטעם בעקומען דעם קלאָרסטען אויס־דרוק. די אידען מיט זייער רעליגיעזער אָבגעזונדערקייט פון דער אַרומיגער װעלט, מיט זייער אַלטער קולטור און מיט זייערע דורות־לאַנגע, טיעף איינגעװאָרצעלטע לעבענס־פאָרמען האָבען ביי ניקאָלאַיען דערװעקט דעם שטאַרקסטען אונצוטרוי, דעם שאַרפסטען פערלאַנג זיי איבערצוענדערן אַזוי, אַז זיי זאָלען װערען אין אַלץ געגליכען צו אַנדערע, אין קיין זאַך פון זיי זיך ניט אונטערשיידען. אַלע זיינע מיטלען געגען אידען האָבען געהאַט איין און דעמזעלבען צװעק: בעקעמפען די אידישע נאַציאָנאַלע און רעלי־גיעזע אייגענאַרטיגקייט, אויסראָטען דעם בעזונדערען אידישען לעבענס־שטייגער. און צו אָט דעם ציעל איז מען געגאַנגען פעסט, ענטשלאָסען, אָהן שום צערעמאָניעס. אויך אויסערליך, אין זייער קליידונג האָבען אידען ניט געזאָלט זיך אונטערשיידען פון אַנדערע. אַזוי װי יונים, האָבען אַלע אין לאַנד געזאָלט האָבען איין פּנים, איין אויסזעהן. ניקאָלאַי'ס רעגירונג הויבט אָן אַ קאַמף געגען דער אידישער קליידונג, און זי פיהרט איהם האַסטיג, גראָב, ניט אָבשטעלענדיג זיך פאַר האַרבסטע געװאַלט־מיטלען.

---

[13]) С. В. Познеръ. Евреи въ общей школѣ, 8. (Спб., 1914 г.).

[14]) װי מיר װעלען זעהן װייטער, איז דערזעלבער פערבאָט דערנאָך װידער איינגעפיהרט געװאָרען.



איבערזעצונג

דער פון אונזערן אללערגנעדיגסטן קייסר

אונ' בעהערשער אללר רייסן ׳ פ״ל ע״ג

ערגאנגענן בעפעהלן ׳ פון 64

פונקטען

איבר דיא איינריכטונג אונ' פערבעססרונג דער

יודען במדינת רוסלאנד יע״ה ;

מיט ערלויבניס דער אללערהעכסט פעראָרדנעטע צענזור

אין ווילנא :

גדרוקט אין ווילנא

בשנת הקס״ה לפ״ק

שער-בלאַט פון דער אידישער איבערזעצונג פון „ר ע ג ל אַ מ ע נ ט ו ו ע ג ן א י ד ע ן", וואָס די רוסישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אין יאָהר 1804 (אין אָריגינעלען גרויס).

(עקזעמפּל. פון דער ביבליאָטעק פונ'ם איד. טעאָלאָגישען סעמינאַר אין אַמעריקע)

אין יאָהר 1835 איז ווידער אַרויס אַ בעפעהל, אַז די אידען, וואָס מעגען לויט'ן געזעץ צייטווייליג וואוינען אין די רוסישע געגענדען, מוזען


(ד)

9 פון דער צייט אן דאס דיזע פונקטען װערן אן
פאנגען געהאלטען צו װערדן (בסנת תקס"ז)
אונד זאלכי עברים װעלכע גערן אין דיא װאהל קלפי)
צו אמטס־פערסאנען גלידר (בעלי אסיפה) זיין װאָלן ,
װען עס איז אין דיא פוליסע אדער ליטויסע גובערניס
אלס [illegible] פויליסע אדער רוסיסע קלײדר טראגען
װען זיא קײנע טייטשע קלײדר ניט טראגען װאלן .
װען עס אבר איז אין דיא רוסיסע גובערניס װאו
עברים [illegible] האבן צו װאהלען װען זיא דײן אמגיסטראט
זיין װעלין , דאן אוזין זיא דייטשי קלײדר טראגען ,
פון דעם יאהר 1808 (תקס"ח) אן , קאן פון
דיא עברים קײנער ניט אנדערס אמגיסטראט גליד
(בעל אסיפה) זיין װען ער ניט ענטװעדר רוסיש
פוליש אדער דייטש לסון שרייבען אונ' לײענן
קאן :

10. פון דעם אנפאנג דאס יאהר 1812 (תקע"ב)
קאן קײן עברי קײן [illegible] ניט האבען אונ' ער
קאן קײן קהלס אמט אונ' קײן רב ניט זײן װען ער ניט
אײנס פון דיא דרײא לשונות רוסיש פויליש אדער
דײטש שרײבען אונ' לײענן קאן :

11. פון דיא פרנסות אונד [illegible] פון דיא
עברים אונ' איהרען [illegible] ([illegible]) :

דיא עברים װערדן אין 4 קלאסן (מדריגות) אײנגעטײלט .
אקערלײט . . .

א זײטעל פון דער אידישער איבערזעצונג פון „רעגלאַמענט” פון יאָהר 1804
מיט דער תקנה מכח אייראָפּעאישע בגדים פאַר די אידישע מיטגלידער פון
די מאַגיסטראַטען (אין אָריגינעלען גרויס).

(עקזעמפּל. פון דער ביבליאָטעק פונ'ם איד. טעאָלאָגישען סעמינאַר
אין אַמעריקע)

דאָרטען זיין געקליידט גלייך מיט די דאָרטיגע איינוואוינער. מיט פיער
יאָהר שפּעטער, אין 1839 איז איינגעפיהרט געוואָרען א שטייער אויף

אידישע בגדים אַפילו אין דער „טשערטאָ" גופא. דאָס געזעץ האָט פער־אָרדענט, אַז ווען די „קאָראָבקע" פון שחיטה און פון פערקויפען כשר'ע פלייש קלעקט ניט אויף צו דעקען די קהל'שע אויסגאַבען, דאַן מעג יעדע אידישע געמיינדע, מיט דער בעשטעטיגונג פון דער רעגירונג, איינפיהרען ביי זיך אַ ספּעציעלען שטייער פאַר נייהען אידישע קליידער. דאָס איז געווען די ערשטע פּראָבע פון ניקאָלאַי'ס רעגירונג צו קעמפפען געגען דער אידישער קליידונג בכלל. די ווייטערדיגע שריט האָבען ניט לאַנג אויף זיך געלאָזט וואַרטען. אין יאָהר 1840 איז לויט ניקאָלאַי'ס בעפעהל גע־גרינדעט געוואָרען דער בעוואוסטער „אידישער קאָמיטעט" פון אייניגע מיניסטאָרען, אונטער גראַף קיסעלעוו'ס פאָרזיץ. דעם קאָמיטעט איז גע־שטעלט געוואָרען די אויפגאַבע — „אין גרונד צו רעפאָרמירען" דאָס אידישע לעבען, און צו איהם האָבען זיך אָנגעקעהרט אַלע וויכטיגע געזעץ־פּראָיעקטען וועגען אידען. שוין אין יאַנואַר 1841 האָט דער קאָמיטעט בעשלאָסען אינגאַנצען צו פערוועהרען די אידישע בגדים, און ניקאָלאַי האָט עס תיכף בעשטעטיגט. גלייכצייטיג איז אָבער אָנגענומען געוואָרען דער בעשלוס: דערווייל ניט צו פּובליקירען די זאַך און אָבוואַרטען מיט דעם פערבאָט, ביז עס וועלען פריהער דורכגעפיהרט ווערען אייניגע אַנ־דערע פעראָרדנונגען וועגען אידען.

ווען יענע הייסע „משכילים", וואָס האָבען די פּאַרצייטיגע קליידער געדעכענט פאַר די הויפּט־אורזאַך פון אַלע אידישע צרות, זאָלען האָבען געוואוסט וועגען דעם בעשלוס פונ'ם קאָמיטעט, וואָלט פאַר זיי דאָס געווען אַ גרויסע שמחה. די געהיימע פעראָרדנונג פון יאָהר 1841 איז זיי אָבער ניט געווען בעקאַנט, און אין יולי 1843 האָבען אַ גרופּע ווילנער „משכילים" זיך געווענדעט צום געהילף פון בילדונגס־מיניסטער, פירשט שירינסקי־שיכמאַטאָוו מיט אַן אינטערעסאַנטער בקשה וועגען דעם[15]. ס'איז העכסט כאַראַקטעריסטיש פאַר יענע צייטען: מורא האָבענדיג, אַז די אָרטאָדאָקסען זאָלען זיך מיט זיי ניט אָברעכענען, האָבען זיי זיך אונטערגעשריבען ניט אויף דער בקשה גופא, נאָר אויף אַ בעזונדער פּאַפּיר, וואָס זיי האָבען דאָ צוגעלעגט, און זיי האָבען געבעטען דעם מיניסטער צו האַלטען זייערע נעמען שטרענג בסוד. צווישען אַנדערע האָבען זיך דאָ אונטערגעשריבען: מרדכי אהרן גינצבורג, דער ביבליאָגראַף און פערלעגער יצחק־אייזיק בן־יעקב, דער פּאָעט שלמה זאַלקינד, דער געלעהרטער און ביכער־זאַמלער מתתיהו שטראַשון[16]), דער חזן פון דער ווילנער ניי־מאָדישער שוהל

---

[15]) אַרכיוו פון בילדונגס־מיניסטעריום, נומ. 80643 („וועגען דעם בריף פון ווילנער אידען, מכח ענדערן די איצטיגע אידישע קליידונג").

[16]) זיין ביאָגראַפיע ז. אין ש. פלאָדירמאַכער'ס „מתתיה", 8—36 (ווילנא, תרנ"ג). ז. אויך ד. מגיד'ס אַרטיקעל אין „פון נאָענטן עבר", ב. 2 (ווילנע, 1937).

„טהרת הקדש" מארקוס מינדעלסאָן, יעקב קאַצענעלסאָן, זלמן רייסער [17]), יוסף-בצלאל הארקאַווי [18]). אין זייער שריפט האָבען די ווילנער „משכילים" אַנגעוויזען, אַז די בעזונדערע בגדים, וואָס אידען טראָגען און וואָס טיילען זיי אָב פון אַלע אַנדערע, זיינען די וויכטיגסטע שטערונג געגען בילדונג, און ווי לאַנג אידען וועלען פערבלייבען ביי זייער איצטיגער קליידונג, וועלען אַלע בעמיהונגען זיי אויפצוקלערען ניט האָבען קיין ערפאָלג. „אַלע וואויל-געזאָננענע אידען, — שרייבען זיי ווייטער, — וואָס זיינען פריי פון אַבערגלויבען, רעכענען ניט די קליידער פאַר אַ זאַך, וועלכע זאָל האָבען שייכות צו דער רעליגיע. זיי וואָלטען פון גאַנצען הארצען געגלויסט צו בייטען זייערע בגדים, אָבער נור דעריבער טהוען זיי עס ניט, ווייל זיי האָבען מורא פאַר די אַבערגלויבליכע אָרטאָדאָקסען און צבוע'יאַקעס, יענע זאָלען זיי דערפאַר ניט פערפאָלגען. דעריבער האַלטען זיי פאַר נויטיג די אידישע קליידונג זאָל פערוועהרט ווערען דורך אַ קייזערליכען בעפעהל". די אָבשאַפונג פון די אַלט-מאָדישע בגדים, האָבען זיי בע-טאָנט, וועט עפענען פאַר דעם אידען „אַ צוטריט צו דער קריסטליכער געזעלשאַפט, פון וועלכער ער וועט פאַמעליך אַנהויבען איבערנעהמען גע-בילדעטע זיטען, און ער וועט מיט דער צייט ווערען אַ נוצליכער מענש און בירגער". דער פערבאָט פון די בגדים וועט, אַחוץ דעם, ברייננען אויך דעם נוצען, וואָס ער וועט פערמינדערן דעם לוקסוס ביי אידען. רייכע לייט וועלען אויפהערען אויסצוגעבען פיעל געלד אויף זייערע זשופּיצעס און טייערע שטריימלעך; און וואָס אנבאַלאַנגט די ניט-פערמעגליכע אידען, וועט זיי ניט קאָסטען קיין סך געלד צו פערקירצען די איצטיגע לאַנגע קאַפּאָטעס זייערע. און זיי ענדיגען זייער שריפט מיט דער בקשה צום מיניסטער, ער זאָל „אויסווירקען דאָס גליק פאַר אַ גאַנצען פאָלק, וואָס וועט (פאַר דעם פערבאָט פון די בעזונדערע בגדים) שטענדיג ריהמען און לויבען דעם נאָמען פון אונזער קייזער און וואוילטהוער".

אַזוי ווי די רעגירונג האָט שוין מיט צוויי יאָהר פריהער אָנגענומען אַ בעשלוס וועגען אידישע בגדים, האָט דער בילדונגס-מיניסטער ניט געגעבען דער בקשה פון די ווילנער „משכילים" קיין ווייטערדיגען גאַנג. ער האָט נור בעקענט מיט איהר אינהאַלט די קאָמיסיע וועגען אידישע שולען, וואָס איז דאַן צונויפגערופען געוואָרען אין פעטערבורג. (זי איז בעשטאַנען פון צוויי בעריהמטע רבנים און אייניגע אידישע געזעלשאַפט-

[17]) י. קאַצענעלסאָן און ז. רייסער זיינען ביידע געווען איידעמס פון דעם בעוואוסטען געלעהרטען און „משכיל", צבי הירש קאַצענעלענבויגען. וועגען יעקב קאַצענעלסאָן זעה אין די אַרטיקלען „פון אַ פאַמיליען-קאָרעספּאָנדענץ" און „הונדערט יאָהר פאַמיליען-געשיכטע", אין צווייטען באַנד פון מיינע „היסטאָ-רישע ווערק".

[18]) דער פאָטער פון דער דרוק-אייגענטימערין דבורת ראָם.

ליכע טהוער, וואָס האָבען געמוזט געבען זייער הסכמה אויף דעם בילדונגס־פּראָיעקט, וועלכען עס האָט אַריינגעבראַכט די רעגירונג). דריי מיטגליע־דער פון דער קאָמיסיע, דער חסידישער צדיק, ר׳ מנחם מענדעל ליובאַ־וויטשער, דער מתנגדישער גאון ר׳ יצחק וואָלאָזינער און דער פרומער באַנקיר ישראל האַלפּערן פון בערדיטשעוו האָבען פאָלקאָם ריכטיג ער־קלערט, אַז די מיינונג פון עטליכע ווילנער „משכילים" דריקט אויף קיין פאַל ניט אויס דעם ווילען פון דער אידישער בעפעלקערונג און זי גיט דער רעגירונג אַ פאַלשען בעגריף וועגען דער שטימונג פון די אידישע מאַסען. דערביי האָבען זיי אָנגעוויזען, אַז אין די אידישע דינים איז ניטאָ קיין בעזונדערע בעשטימונגען מכח דער קליידונג; אָבער אין דער פראַגע וועגען בגדים דאַרף מען האַנדלען אָהן איילעניש און געוואַלט. מיט דער צייט, ווען עס וועט זיך פערשפּרייטען מעהר בילדונג צווישען אידען, וועלען זיי זיך אַליין אָבגעוועהנען פון דער אַלט־פרענקישער קליידונג, און דאָס וועט דאַן געשעהן אויף אַ גאַנץ נאַטירליכע אַרט, לויט זייער אייגענעם פערלאַנג, אָהן שום צוואַנג. דערביי האָט ר׳ יצחק וואָלאָזינער אַרויסגע־זאָגט נאָך פאָלגענדעס: לויט׳ן אידישען דין איז דעם קייזער׳ס ווילען אַזוי הייליג, ווי גאָט׳ס געבאָט, אויב ער איז גלייך פאַר אַלע אונטערטאַנען. דעריבער דאַרף זיין אַן אַלגעמיינע פעראָרדנונג וועגען בגדים, ניט נור ספּעציעל פאַר אידען. זאָל מען אָבגעבען אַ בעפעהל, אַז א ל ע איינ־וואוינער מוזען טראָגען איינע און דיזעלבע קליידונג; און דערביי זאָל מען פערוועהרען אויך די טייערע שטריימלעך, זיידענע בגדים, ווייבערשע ציהרונג א. ד. גל. דאַן וועלען אידען ערפיהלען אַזאַ מין בעפעהל, ווייל זיי אַליין פיהלען זעהר גוט דעם גרויסען שאָדען פון לוקסוס אין קליידונג [*18].

ווי מיר האָבען אויבען געזעהן, האָט דאָס געזעץ פון יאָהר 1839 ניט פ ע ר פ ל י כ ט ע ט די אידישע קהילות צו נעהמען אַ שטייער פון בגדים. עס איז זיי נור געגעבען געוואָרען דאָס ר ע כ ט צו בעשטימען ביי זיך אַזאַ מין שטייער. פונדעסטוועגען איז ער איינגעפיהרט געוואָרען אין אייניגע שטעדט, וואו די איינקונפטען פון דער „קאָראָבקע" אויף כשר׳ע פלייש האָבען ניט געקאָנט דעקען די גרויסע קהל׳שע אויסגאַבען (צווישען אַנדערע געגענדען, אויך אין ווילנע). לויט׳ן געזעץ פון יאָהר 1839, האָט מען דעם שטייער גענומען פאַר נ י י ה ע ן אידישע בגדים. ניט אומעטום פלעגט ער אויפגעמאָהנט ווערען אויף איין און דעמזעלמבען אופן: אין אייניגע ערטער האָט מען דעם שטייער געפאָדערט פון די שניידערס, און

[*18]) וועגען ר׳ איצעלע וואָלאָזשינער׳ס הלבשה זעה א. ליטווין „אידישע נשמות", באַנד 3, אָבטיילונג „אין די געצעלטען פון תורה". דאָרט ווערט געבראַכט אויך אַ לעגענדע וועגען ר׳ איצעלע׳ס אַ געשפּרעך מיט אוואַראָוו׳ן מכח אידישע קליידונג.

אין אַנדערע — פון די בעשטעלער. עס פלעגען פאָרקומען אָפטע סכסוכים און שאלות, מיט וועלכע מען האָט פערוואָרפען די גובערנאַטאָרען און דאָס אינערן־מיניסטעריום, למשל: וואָס פאַר אַ מינים קליידער מאַנס־בילשע און ווייבערשע דאַרפען גערעכענט ווערען פאַר א י ד י ש ע? צי זאָל מען דעם שטייער נעהמען נור פאַר נייהען נייע בגדים, אָדער אויך פאַר פעררירכטען די אַלטע? ווי איז דער דין, אַז אַ שניידער נייהט אַ בגד ניט פאַר אַ קונד, נאָר פאַר זיך אַליין אָדער פאַר זיין ווייב, צי דאַרף מען אויך אין אַזאַ פאַל צאָהלען? דערהויפּט איז די רעגירונג געווען אונצע־פריעדען מיט דעם, וואָס ניט אַלע אידישע קהילות האָבען איינגעפיהרט ביי זיך דעם שטייער. דער „אידישער קאָמיטעט" האָט בעשלאָסען אָנצו־נעהמען שטרענגערע מיטלען. אין סוף יאָהר 1844 איז אַרויס אַ געזעץ, וואָס האָט אין גרונד געענדערט די גאַנצע זאַך: אַנשטאַט וואָס פריהער האָט מען דעם שטייער נור ג ע מ ע ג ט נעהמען, האָט מען איהם פון איצט אָן ג ע מ ו ז ט איינפיהרען אין אַלע אידישע שטעדט. בעפרייט געוואָרען פון איהם זיינען נור קינדער ביז 10 יאָהר און אַלטע לייט, וואָס זיינען עלטער פון 60 יאָהר. דער שטייער („קאָראָבקע") ווערט גענומען פאַר ט ר אָ ג ע ן (ניט ווי פריהער, פאַר נייהען) אידישע קליידער, מאַנסבילשע אָדער ווייבערשע. דעם בעטרעף פון דעם יעהרליכען שטייער דאַרפען בעשטימען די שטאָדטישע פערוואַלטונגען, מיט'ן אנטייל פון אי־דישע פאָרשטעהער, און דערנאָך דאַרף די טאַקסע בעשטעטיגט ווערען דורך די גובערנאַטאָרען און גענעראַל־גובערנאַטאָרען. דאָס געזעץ האָט בעפוילען די גובערנאַטאָרען און גענעראַל־גובערנאַטאָרען שטרענג אַכטונג צו געבען, אַז „דער שטייער אויף אידישע בגדים זאָל בעזונדער פערגרעסערט ווע־רען", און עס זאָלען אומעטום בעשטימט ווערען צוויי פערשידענע טאַקסעס: איינע פאַר סוחרים, און די אַנדערע — פאַר „מעשטשאַנעס" און בעלי־מלאכות.

די גרויס פון דעם יעהרליכען שטייער איז ניט אומעטום געווען גלייך. למשל, אין כערסאָנער און יעקאַטערינאָסלאַווער גוב. האָט ער בעטראָפען פון 5 ביז 10 רובעל [19]). אין אָדעס האָט מען אין יאָהר 1845 גענומען פון סוחרים ערשטער גילדיע 40 רובעל, צווייטער — צוואַנציג רובעל און דריטער — 4 רובעל. אין ראָסעין (קאָוונער גובערניע) האָבען „מעשטשאַ־נעס" געצאָהלט 3 רובעל. אין פּאָדאָליער גובערניע האָט דער גובערנאַטאָר אין יאָהר 1846 פאָרגעלעגט צו נעהמען: פון סוחרים ערשטע גילדיע 100 רובעל, צווייטער — 80 רובעל, און דריטער — 70 רובעל. אָבער דער גענעראַל־גובערנאַטאָר ביביקאָוו האָט געפונען די טאַקסע פאַר צו־

[19]) О. Лернеръ. Евреи въ Новороссійскомъ краѣ, 63. (Одесса, 1901 г.).

נידעריג און האָט זי פערגרעסערט ביז 250, 150 און 100 רובעל; אויך פאַר „מעשטשאַנעס" און בעלי־מלאכות האָט ביביקאָוו דעם שטייער געהעכערט פון 10, 15, 20 און 25 רובעל (ווענדליג דער גרויס פון יעדער שטאָדט) ביז 15, 20, 30 און 50 רובעל [20].

מ'מוז האָבען אין זינען, אַז וויט ניט יעדערער, וואָס איז אין יענע צייטען געווען פערשריבען אַלס „סוחר", האָט טאַקע געפיהרט גרויסע געשעפטען און איז ווירקליך געווען פערמעגליך. סוחרים און זייערע הויזגעזינדען זיינען דאַן געווען פריי פון מיליטער־דיענסט, און אידען פלעגען פון זיך רייסען שטיקער פלייש, אבי צאָהלען סוחרישע גילדיע און דורכדעם ראַטעווען זיך און די משפחה פון דער שרעקליכער רעקרוטשינע. צווישען די כלומרשטע אידישע „סוחרים", בעזונדערס 3־טער גילדיע, זיינען פאַקטיש געווען פיעל מענשען גאָר ניט קיין פערמעגליכע. ווענען „מעשטשאַנעס" און האַנדווערקער איז ניטאָ וואָס צו ריידען — מייסטענס זיינען דאָס געווען קבצנים, וואָס זיינען קוים געווען אימשטאַנד צו דערנעהרען זיך און זייערע הויזגעזינדען. מען דאַרף דערביי ניט פערגעסען, אַז דער שטייער פון אידישע בגדים איז געווען אַ יעהרליכער, און צאָהלען פלעגט מען איהם ניט פון גאַנצען הויזגעזינד, נאָר פאַר יעדען מיטגליעד פון דער פאַמיליע. למשל, אַ פּאָדאָליער סוחר 3־טער גילדיע, וואָס האָט געהאַט אַ ווייב מיט 3 קינדער אין עלטער איבער צעהן יאָהר און זיך ניט געוואָלט געזעגענען מיט די אידישע בגדים, האָט געמוזט יעהרליך צאָהלען גאַנצע 500 רובעל. אַפילו אין יענע געגענדען, וואו די טאַקסע איז געווען פיעל קלענער, האָט זי גענוג געדריקט. צום ביישפּיל, פון אַ ראָסעינער בעל־מלאכה מיט אַ ווייב און פינף קינדער (אַזאַ מין הויזגעזינד איז דאַן געווען אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך) האָט לויט דער טאַקסע געקומט יעדעס יאָהר 21 רובעל — אין יענע צייטען איז דאָס געווען אַ זעהר גרויסע סומע. ביי דער אָרימקייט, וואָס האָט געהערשט צווישען אידען, איז דער שטייער פון בגדים פאַר זיי געווען אויסערסט שווער. דערצו נאָך איז אין יאָהר 1848 אָבגעגעבען געוואָרען אַ קייזערליכער בעפעהל, אַז פאַר טראָגען אַ יאַרמולקע דאַרף יעדער איד צאָהלען ווידער אַ בעזונדער שטייער—5 רובעל יעהרליך.

ווען עס איז אין סוף יאָהר 1844 אַרויס דער געזעץ וועגען שטייער פון בגדים, האָבען די גובערנאַטאָרען בעקומען פון פעטערבורג אַ געהיימע מיטטיילונג, אַז דער שטייער איז אייגענטליך בערעכענט בלויז אויף אַ גאַר קורצע צייט, ווייל אין פינף יאָהר אַרום וועט די אידישע קליידונג פאָלשטענדיג פערוועהרט ווערען. די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע האָט פון אָט דער מיטטיילונג געדרונגען, אַז דאָרטען, אין די הויכע פענסטער איז מען ניט אַזוי אויסען, אַז עס זאָל גלייך אויפגעמאַהנט ווערען דער שטייער,

[20]) "Восходъ", 1889 г., кн. XI-XII, 126.



קוויט

ניתן מקאנטאר דקאראבקע בגדים בעיר
ווילנא הנעשה מיום יאנואר 1841
לר'
שכאשר נהראה מהקאנטע בוך פאליע
סילק דאחאר מקאראבקע בגדים להתוכרים
עד 1842 ולאדמיניסטראציע
עד 1843 בעדו ובב"ב הינו

ולראי' הנוח חותם הקאנטאר ומח"י אחד
מהתוכרים

КВИТАНЦІЯ

Дано съ Конторы Коробочнаго по Г. Вильно сбора съ Одежды учрежденнаго съ 1-го Генваря 1841 года Еврею что какъ изъ окладной книги на стр: обнаруживается уплотилъ Коробочный доходъ съ Одежды Откупщикамъ по 1842 а въ Администрацію по по себя и семейство какъ то

Во увѣреніе чего приложено печать конторы при подписи одного изъ Откупщиковъ

Откупщикъ

КАНТОРА СЪ ОДЕЖДЫ

קוויטונג וועגן קליידער-שטייער פון דער ווילנער קאראבקע פון יאהר 1842

נאָר אַז אידען זאָלען וואָס גיכער אָוועקוואַרפען זייערע בעזונדערע בגדים. די גובערנאַטאָרען האָבען טאַקע ריכטיג אויסגעטייטשט דעם מיין פון דער רעגירונג. און כדי אויסצופיינען זיך פאַר איהר, האָבען די מייסטע פון זיי גענומען פאָדערן פון אידען, עס זאָל תיכף נעהמען אַ סוף צו זייערע אַלט-פרענקישע בגדים. דאָס איז געווען אונגעזעצליך, — וואָרום וויבאַלד מען האָט געזאָלט צאָהלען שטייער פון אידישע קליידער, האָט מען זיי דאָך יאָ געמעגט טראָגען. ווער אָבער האָט זיך אין יענע צייטען גערעכענט מיט

דעם געזעץ, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אידען! געוועהנליך פלעגען די גובערנאַטאָרען אַרויסרופען צו זיך דעם רב מיט די אָנגעזעהענסטע פאַרשטעהער פון דער געמיינדע און זיי „פאַרלעגען", זיי זאָלען גלייך בייטען זייערע אַלט־מאָדישע קליידער אויף אייראָפּייאישע און דערמיט געבען אַ ביישפּיעל דער גאַנצער אידישער בעפעלקערונג. אַזוי האָט, למשל, געטהאָן דער מינסקער גובערנאַטאָר סעמיאָנאָוו. דער אינהאַלט פון זיין רעדע צו דער אידישער דעפּוטאַציע איז אונז ניט בעקאַנט. מיר ווייסען נור, דאָס געענדיגט האָט ער מיט דער פאָדערונג, אַז די פאַרשטעהער פון דער קהילה זאָלען זיך תיכף בעשטעלען נייע בגדים; אויך האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט שטרענג אַכטונג געבען, דער בעפעהל זאָל גענוי ערפילט ווערען[21]. דערפאַר אָבער האָבען מיר פאַר זיך דעם פאָלשטענדיגען טעקסט פון דער רעדע, מיט וועלכער עס האָט זיך צו די פאַרשטעהער פון דער זשיטאָמירער אידישער געמיינדע געווענדט דער וואָלינער גובערנאַטאָר קאָמינסקי. איהר אינהאַלט און טאָן איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש, אַז עס לוינט זיך צו בריינגען פון איהר כאָטש אייניגע שטעלען.

דער גובערנאַטאָר האָט אָנגעוויזען, אַז ווער עס וועט אַליין בייטען די בגדים, ניט וואַרטענדיג ביז זיי וועלען פערוועהרט ווערען, דער וועט ניט דאַרפען צאָהלען קיין שטייער. דערנאָך האָט ער פאָרטגעזעצט: „צי וועלען זיך אָבער צווישען אייך געפינען אַ סך אַזוינע, וואָס זאָלען פרייוויליג פאָלגען? איך ווייס זיכער, אַז אַפילו אַ צעהנט־חלק פון אייך וועט עס ניט טהאָן. נאָר וואָס זאָג איך: אַ צעהנט־חלק? עס וועט זיך ניט געפינען קיין איינציגער, וואָס זאָל פרייוויליג אַוועקוואַרפען זיינע אידישע קליידער און ניט וואַרטען אויף דעם פערבאָט! יעדערער קוקט אויף דעם אַנדערען, דעם העכערען, אויף די סוחרים, און יענע קוקען אויף די רבנים. ווען אייערע רייכע לייט, וואָס זייער גאַנצער שטאָלץ בעשטעהט אין אָבהיטען אַלע פאַנאַטישע מנהגים, ווען זיי וואָלטען געגעבען אַ ביישפּיעל און אַוועקגעוואָרפען די אידישע קליידונג, — דאַן וואָלטען אַלע, וואָס זיינען פון זיי אָבהעניג און וואָס האָבען פון זיי חיונה, אויך געטהאָן דאָסזעלבע. אָהן דעם אָבער וועלען די אָרימע לייט מוזען פערקויפען דאָס לעצטע, כדי צו בעצאָהלען דעם שטייער. ס'איז אַ שאַנדע, אַ בזוין, אַן עקעל! איהר זיינט ניט ווערטה, וואָס אונזער גוטהאַרציגער קייזער זאָרגט וועגען אייך, ווי אַ פאָטער'ל. איהר זיינט ניט ווערטה אַלע זיינע גענאָדען! איהר זיינט פער־

[21]) Л. О. Леванда. Очерки прошлаго, 53. (Спб., 1875 г.).

אַ אידישע איבערזעצונג פון לעוואַנדע'ס אַרטיקעל האָט א. מ. דיק אַרויסגעגעבען אונטער דעם נאָמען: „די אידישע קליידער אומזועקסלונג (אומבייטונג) וואָס איז געשעהן אין דעם יאָהר 1844", ווילנא, תרל"א, מיט אייניגע קאַפּיטלעך הוספות פונ'ם איבערזעצער.

גליווערט אין אבערגלויבענס, אייערע הערצער זיינען געוואָרען שטיינערנע, אָהן אַ שום געפיהל צו שענקייט, אַריינגעטהאָן בלויז אין פאַלשקייט און אָבגאַרעריי. אַזוי ווי ביי די „קאַמטשאַדאַלען" (אַ קליין, ווילד פעלקעל אין סיביר), שאדט אויך אייך דער וואוילטהעטיגער זונען־שטראַהל, די ריינע לופט פון בילדונג דריקט אייך!

„פאָהרט־דורך איבער אַלע לענדער, צי וועט איהר ערגיץ־וואו געפינען צווישען אייעריגע כאַטש איינעם, וואָס זאָל זיין עהנליך אויף דעם פוילישען זשיד? אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד איז צווישען אידען דער חושך פון אבערגלויבענס שוין לאַנג פערשוואונדען, און דער ליכטיגער זונען־שיין וואַרימט זייערע הערצער. אַפילו אין טערקיי און פערסיען — אין אַט דעם קוואַל פון אבערגלויבענס און פינסטערע פאָראורטיילען, — אַפילו דאָרטען אונטערשיידען זיך פון אייך די אידען, זיי געברויכען די ריינע לאַנד־שפראַך און זיי קליידען זיך גלייך מיט אַנדערע בירגער. נור אין אונזער לאַנד זיינען ביי אידען דורך אבערגלויבענס די אויגען גע־בלענדט און די הערצער פערגרעבט. אויף אייראָפּעאישער ערד זיינט איהר אַזיאַטען, אָהן ערציהונג, אָהן אַ שפראַך, עגאָאיסטען, פאַנאַטיקער. איהר אונטערשיידט זיך פון דער גאַנצער וועלט אי דורך אייער קליידונג, אין וועלכער עס שפּיגעלט זיך אָב אייער איינגעבוירענע איינגעשפּאַרטקייט און גראָבקייט, אי דורך אייער אונגעבילדעטען כאַראַקטער. צי איז דען אַ וואונדער, וואָס יעדערער זוכט אייך אויסצומיידען און מאָלט אייך אויס מיט די שוואַרצעסטע פאַרבען!"

נאָך די שאַרפע שטראָף־רייד זיינעןביים גובערנאַטאָר געקומען טרייסט־ווערטער: „פון איצט אָן עפענט זיך פאַר אייך אַ נייער וועג, אַ וועג פון גליק און אייביגען זעגען. עס גיסען זיך אויף אייך דעם קייזער'ס גרויסע גענאָדען. דער צוועק פון דער רעגירונג איז — הויבען אייער מאָראַלישען און מאַטעריעלען צושטאַנד, אויסגלייכען אייך מיט די אייראָ־פּעאישע פעלקער. אונזער גרויסער וועלט־מאָנאַרך, דער אידעאַל פון העל־דישקייט און מאַיעסטעט, זאָרגט וועגען אייער וואוילשטאַנד. איהר זיינט גליקליך, אַזש מקנא צו זיין!"

„איך וויל אייך ניט בעלעסטיגען מיט דעם שווערען שטייער, — אַזוי האָט געענדיגט דער וואָלינער גובערנאַטאָר, —איך בין נור איין זאַך אויסען: איך וויל זעהן, ווי אַזוי איהר ערפילט דעם קייזערליכען ווילען, וואָס איז שוין ניט איין מאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרען, איהר זאָלט תיכף וואַרפען אייערע אידישע בגדים און קליידען זיך גלייך מיט די איבעריגע איינוואוינער. איך פערלאַנג, אַז די אידען פון מיין גובערניע זאָלען געבען אַ ביישפּיעל, און וואָס צום גיכסטען פרייוויליג אַוועקוואַרפען די אידישע קליידער. יענע, וואָס וועלען זיך שטעלען געגען דעם, וועל איך מערקען,

איך וואָרען אייך! דאָס מינדעסטע זאַמען, אָבוואָרטען, מען זאָל אייך צווינגען, וועט אייך בריינגען פיעל שאָדען, און אייער איינגעשפּאַרטקייט וועט אייך צו קיין שום גוטס ניט פיהרען. דעם קייזערס גנאָד צו יענע, וואָס ערפילען פלייסיג זיין הייליגען ווילען, האָט קיין ברעג ניט. אָבער הונדערט מאָל שרעקליכער איז זיין צאָרן געגען די, וואָס שטעלען זיך דערווידער!" [22]).

בלויז מיט רייד האָבען זיך אָבער די גובערנאַטאָרען ניט בענוגענט. צו דער אַרבייט זיינען צוגעצויגען געוואָרען אויך די פּאָליציי און די זשאַנדאַרמעריע. די „דריטע אָבטיילונג" פלעגט בעקומען פון די פּראָווינציעלע זשאַנדאַרמען־פּערוואַלטונגען ידיעות וועגען דעם גאַנג פון'ם קאַמף געגען אידישע בגדים [23]). פון אָט די בעריכטען איז צו זעהן, אַז געאַרבייט האָט מען אויף אַלע כלים. געוועהנליך פלעגען די זשאַנדאַרמען צושטעהן צו איינצעלנע אידען, זיי זאָלען זיך פערפליכטען איבערצוקליידען זיך גלייך, נאָך איידער עס וועט פעסטגעשטעלט ווערען דער שטייער פון אידישע בגדים, און מען האָט קיינעם ניט אָבגעלאָזט, ביז ער האָט וועגען דעם געגעבען זיין אונטערשריפט. ווען עס האָט זיך אָנגעקליבען אַ היבשע צאָהל חתימות, האָט מען יענע אידען געפיהרט צום גובערנאַטאָר, זיי זאָלען פאַר איהם בעשטעטיגען זייער „פרייוויליגע" גרייטקייט צו בייטען זייער קליידונג. אין זשיטאָמיר, צום ביישפּיעל, האָבען צוויי זשאַנדאַרמסקע אָפיצירען צונויפגעפּעקעלט הונדערט אונטערשריפטען. איינער פון זיי, אַדאַמאָוויטש, האָט אַרויסבעקומען חתימות ביי זיבעציג מאַן. אין דעם בעריכט וועגען זיין גרויסען ערפאָלג, וואָס ער האָט צוגעשיקט צו דער „דריטער אָבטיילונג", האָט אַדאַמאָוויטש מיטגעטיילט, אַז פיעל געהאָלפען האָט איהם דערין דער זשיטאָמירער איד שמואל דאָבראָוו, — „אַ קלוגער מענש, וואָס האָט אַ ווירקונג אויף דעם אָרימען אידישען קלאַס", און אַז יענער האָט פערדיענט, די רעגירונג זאָל איהם דערפאַר בעלוינען. דער שעף פון דער „דריטער אָבטיילונג", פירשט א. אָרלאָוו, האָט וועגען דאָבראָוו'ס „פּאַטריאָטישער טהעטיגקייט" אָנגעשריבען צום אינערן־מיניסטער, — איז אָבער אַרויסגעקומען אַ גרויסער בזיון: דער אינערן־מיניסטער האָט געענטפערט אָרלאָוו'ן, אַז פון די ידיעות, וואָס ער האָט צונויפגעקליבען דורך דעם קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, שטעלט זיך אַרויס, אַז שמואל דאָבראָוו האָט ניט קיין שום אָנזעהן ביי די זשיטאָמירער אידען —

[22]) П. Я. Левенсонъ. Туалетный налогъ. "Восходъ", 1899 г., кн. XI-XII, 129-131.

[23]) אַרכיוו פון דער „דריטער אָבטיילונג", 1-טע עקספּעדיציע, פון יאָהר 1845 — נומ. 136 („וועגען דעם אידישען ווידערשטאַנד געגען בייטען די קליידער").

ער איז אַ בעוואוסטער יאַבעדניק, וועלכען מען האָט געוואָלט פאַר זיינע שענע מעשים אַרויסשיקען פון שטאָדט, נאָר מען האָט איהם איבערגעלאָזט אין זשיטאָמיר, ווייל ער האָט געגעבען אַן אונטערשריפט, אַז ער וועט קיינמאָל מעהר ניט דערלאַנגען צו דער „נאַטשאַלסטווע" קיין שום פּאַפּירען; אַחוץ דעם האָט ער געהאַט אַ שייכות צו עטליכע גנבות, אויך ווערט איצט געפיהרט אַן אויספאָרשונג וועגען נאָך אַ פערברעכען, וואָס ער איז בעגאַנגען. דעריבער האָט דער אינערן־מיניסטער איינגעפונגען, אַז וועגען בעלוינען דאַבראָוו׳ן קאָן קיין שום רייד ניט זיין. און אָט דעם שענעם נפש האָט עס אויסגענוצט די זשיטאָמירער זשאַנדאַרמעריע, כדי אַרויסצוצווינגען ביי אידען חתימות.

דערזעלבער זשאַנדאַרמסקער אָפיציר, אַדאַמאָוויטש, האָט מיטגעטיילט דער „דריטער אָבטיילונג" וועגען אַן אַנדער בריהשאַפט, וואָס ער האָט בעוויזען: ער איז געקומען צו דער זיצונג פון דער שטאָדט־דומע, ווען עס איז דאָ בעהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע וועגען בעשטימען דעם שטייער פון בגדים, און ער האָט אויסגעווירקט, די טאַקסע זאָל בעטרעפען פון 3 ביז 20 רובעל יעהרליך — „אַזאַ סומע, וואָס וועניג ווער פון די אידען (ווי אַדאַמאָוויטש אַליין שרייבט) איז אימשטאַנד צו צאָהלען". ווי דריקענד גרויס דער שטייער אין ניט געווען, האָט ער דאָך געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג. ווייניג געהאָלפען האָבען אויך די אויסגעצוואונגענע חתימות. מען האָט ניט געהאַט קיין ברירה, האָבען פיעל מענשען געמוזט געבען אונטער־שריפטען, אָבער מיט דעם יוצא געווען. האָט די פּאָליציי גענומען כאַפּען אויף די גאַסען אידען און אונטערשערען זיי די בגדים. שטאַרק איינגע־שפּאַרט האָבען זיך די חסידים אין דער שטאָדט נאָוואָראָד־וואָלינסק. זיי האָבען אַפילו ניט געוואָלט געבען די חתימות, וואָס דער דאָרטיגער איס־פּראַווניק האָט ביי זיי געפאָדערט. דער גובערנאַטאָר האָט אַהין קאָמאַנדירט דעם בראַוווען זשאַנדאַרמסקען אָפיציר אַדאַמאָוויטש׳ן, האָט יענער דאָ מיט דער הילף פון פּאָליציאַנטען געשאָרען פּאות און געקירצט קאַפּאָטעס.

אין מינסק האָט די אַדמיניסטראַציע עטליכע טעג געוואַרט, וואָס פאַר אַ ווירקונג עס וועט האָבען די רעדע, מיט וועלכער דער גובערנאַטאָר האָט זיך געווענדעט צו דער אידישער דעפּוטאַציע. מען האָט זיך געריכט, אַז נאָך איהר וועלען זיך אַ טייל אידען באַלד איבערקליידען. אַזוי ווי דאָס איז ניט געשעהן, האָט מען אָנגעהויבען פון די ישיבה־בחורים. איינ־מאָל אין דער־פריה האָבען זיך אויף דער גאַס, ווי געוועהנליך, בעוויזען די קלויזניקעס, וואָס זיינען געגאַנגען אויף אָנבייסען צו די בעלי־בתים, ביי וועלכע זיי פלעגען זיך אומזיסט שפּייזען, „עסען טעג", ווי מען האָט עס דאַן גערופען. האָבען זיך אויף זיי אַ וואָרף געטהאָן פּאָליציאַנטען,

אַראָבגעריסען די יאַרמולקעס און מיט געוואַלט געשניטען די פאות, גע־פליקט די קאַפּאָטעס [24]).

בעזונדערס שטרענג האָט מען געהאַנדעלט אין באָברויסק (מינסקער גוב.). דאָרטען איז געווען אַ ספּעציעלער אומשטאַנד, צוליעב וועלכען די אַדמיניסטראַציע האָט אַרויסגעוויזען איהר העכסטע ענערגיע [25]). אין סוף מאַי 1845 האָט קיין באָברויסק געזאָלט קומען ניקאָלאַי דער ערשטער, כדי צו בעקוקען די דאָרטיגע פעסטונג. מיט איניגע טעג פריהער זיינען אַהין אַנגעפאָהרען דער גובערנאַטאָר, דער ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר, אויך פיעל זשאַנדאַרמעריע און פּאָליציי. די אַדמיניסטראַציע האָט געוואָלט אויספיינען זיך און בעווייזען, אַז צום קייזער׳ס קומען האָבען אַלע אידען אין דער שטאָדט אָװעקגעוואָרפען זייערע בגדים. דער גובערנאַטאָר האָט אַנגעהויבען פון דעם רב — אַ זקן, וואָס האָט זיך פון אַלטקייט קוים גע־האַלטען אויף די פיס, — און ער האָט פון איהם פעסט געפאָדערט צו „ערפילען דעם קייזער׳ס ווילען". יענער האָט האַלב ניט פערשטאַנען, וואָס מען רעדט דאָ צו איהם, זיך שרעקליך איבערגעשראָקען און ער האָט מסכים געווען. האָט דער גובערנאַטאָר געזאָגט צו די אידישע פאַר־שטעהער, וואָס ער האָט צו זיך גערופען, אַז זיי זאָלען נעהמען אַ ביישפּיעל פון דעם רב און פערפליכטען זיך, ווי יענער, באַלד צו בייטען זייער קליידונג. איינער פון דער דעפּוטאַציע, דער באָברויסקער סוחר שמואל לאַזינסקי, וועלכער איז געווען זעהר אַנגעזעהן אין שטאָדט, האָט דערויף געענטפערט דעם גובערנאַטאָר: דער קייזערליכער בעפעהל ענטהאַלט ניט אין זיך קיין פערבאָט צו קליידען זיך, ווי ביז איצט, און דעריבער קאָן מען עס פון אידען ניט פאָדערן; דער רב, וועלכער איז פון אַלטקייט שוין אַ האַלבער מענש, קאָן אַלס ביישפּיעל ניט דיענען; און אויב דער גובערנאַטאָר געפינט, אַז זיין, לאַזינסקי׳ס הייסט עס, אויפהאַלטען דאָ איז שעדליך און שטערט זיין פערלאַנג מכח די אידישע בגדים, איז ער גרייט צו בעזעצען זיך אין מאָהילעוו, וואו ער האָט אַן אייגען הויז. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט געהייסען אַרעסטירען לאַזינסקי׳ן פאַר זיין „פרעכהייט". אויסער איהם האָט מען אַריינגעזעצט אין טורמע אויך סענדער הינדעבורג׳ן, וועלכער האָט זיך געמיהט צו ווירקען אויף די באָב־רויסקער אידען, מען זאָל ניט איילען מיט ענדערן די בגדים.

אין באָברויסק האָט מען שוין מיט אַ וואָך פריהער געוואוסט פון דער פאָדערונג, וואָס דער גובערנאַטאָר וועט שטעלען. האָט די אידישע געמיינדע דאָ בעשלאָסען, מען זאָל דערלאַנגען קיין פּעטערבורג, צום

[24]) Л. О. Леванда. Очерки прошлаго, 69.

[25]) אַרכיוו פון דער „דריטער אָבטיילונג", 1-טע עקספּעדיציע, פון יאָהר 1845 — נומ. 136.

אינערן־מיניסטער, און זי האָט דערויף געגעבען אַ שריפטליכע פאָלמאַכט איינעם פון די דאָרטיגע איינוואוינער, יואל ראַבקינ׳ען. איצט האָט די אַדמיניסטראַציע אַרעסטירט אויך איהם. אין זיין בעריכט צום פירשט אָרלאָוו מעלדעט דער זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק גרינפּעלד, אַז דער בעפעהל וועגען אַרעסטירען די דריי פּערזאָנען האָט געהאַט „זעהר אַ גוטע ווירקונג: אויפ׳ן דריטען טאָג נאָך דעם גובערנאַטאָר׳ס אָנקומען האָבען זיך די מייסטע אידען אין באָברויסק איבערגעקליידט". אמת, דער זשאַנדאַרמסקער בעריכט אַליין בעשטעטיגט, אַז געשעהן איז דאָס „מיט דער הילף פון דער פּאָליציי". מיר וויסען, וואָס אַזוינס דאָס בע־דייט: די פּאָליציאַנטען האָבען געשניטען קליידער און פּאות ביי יענע אידען, וואָס זיינען אַרויס אויף די גאַסען. מען האָט אויך געכאַפּט עטליכע אידענעס און אַראָבגעריסען פון די קעפּ ביי זיי די טשעפּיקעס מיט די שטערן־טיכלעך. דערנאָך האָט מען די איבערגעשראָקענע און צוטומעלטע וויבער, וואָס האָבען דערצו נאָך קיין וואָרט רוסיש ניט פערשטאַנען, געבראַכט צום גובערנאַטאָר, ווי אַ „דעפּוטאַציע" פון די אידישע פרויען, וואָס האָבען „גוטוויליג" אַראָבגעוואָרפען פון זיך די אַלטע קאָפּ־בעפּוצונג. דער זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק גרינפּעלד דערמאָהנט אויך אין זיין מיטטיילונג, אַז די באָברויסקער אידען האָבען זיך בעהאַלטען אין די הייזער, ניט בעוויזען זיך אויף די גאַסען, און אַז אין די שוהלען איז יענע נאַכט ביים מעריב דאַוונען „געוועזן אַ שרעקליכע יללה און געוויין".

.III

אויסער דעם געזעץ וועגען איינפיהרען מיליטער־דיענסט פאַר אידען, האָט קיין איינציגע פון ניקאָלאַי דעם ערשטענ׳ס גזירות ניט געמאַכט אַזאַ געוואַלדיגען איינדרוק אויף די אידישע פאָלקס־מאַסען, ווי די גזירה וועגען בגדים. מען האָט זיך תיכף גענומען פאַר דעם אַלטען אידישען געוועהר: מען האָט געפאַסט, געזאָגט סליחות, אָבגעריכט תפילות, געפיהרט חדר־אינגלעך אין די שוהלען און בתי־מדרשים זאָגען תהלים. מען האָט גע־קלאָגט, געיאָמערט, געריסען קברים, געבעטען זיך ביי די הייליגע נשמות, זיי זאָלען אָבווענדען פון אידען דעם ביטערן גזר. אַחוץ דעם איז אין אייניגע קהילות אָנגענומען געוואָרען דער בעשלוס וועגען קליידען זיך וואָס בעשיידענער און איינפאַכער, כדי ניט איינרייסען ביי פרעמדע די אויגען און ניט פערשאַרפען די פערפאָלגונגען געגען אידישע בגדים. אַזוי האָבען, צום ביישפּיעל, די רבנים און כלל־טהוער פון וויטעבסקער און מאָהילעווער גובערניע, אין יאָהר 1845, פונאַנדערגעשיקט אין אַלע שטעדט און שטעדטליך פון דיביידע גובערניעס אַ בעזונדערע פעראָרדנונג:

עס ווערען פערבאָטען מאַנסבילשע קליידער פון טייערען שטאָף; נייהען בגדים מעג מען נור פון פשוט'ען מאַטעריאַל (ריפּס, קאַמלאָט, א. ד. גל.). אַ רייכער מענש, און ווער עס האָט צו טהאָן מיט די פּריצים, דער מעג האָבען אַזעלכע צוויי קאַפּאָטעס, אָבער דער מאַטעריאַל זאָל קאָסטען וועניגער ווי דריי רובעל אַן אַרשין; הויזען דאַרף מען טראָגען קורצע, זיי זאָלען זיך ניט אַרויסזעהן פון אונטער דער קאַפּאָטע; סויבעל, מאַרדער, עלק, נאַרקעס, שוואַרצע פּיקס, טכוירען און אַנדערע טייערע רויכוואַרג אויף פוטערס ווערען פערוועהרט; פוטערנע היטלעך טאָרען ניט קאָסטען מעהר ווי צוויי רובעל. פון ביליגען שטאָף דאַרפען גענייהט ווערען אויך ווייבערשע קליידער; פון רויכוואַרג מעגען פרויען געברויכען נור האַז, ברושקעס און פיי, ניט טייערער פון 30 רובעל אַ בליאַם, שפּיצען — ניט טייערער ווי 2 רובעל אַן אַרשין; זייגערס און קייטלעך טאָרען ווייבער ניט טראָגען. ביים נייהען גאַרדעראָבס צו דער חתונה, טאָרען דעם חתן'ס אויבער־קליידער (דער סורדוט מיט דעם מאַנטעל) ניט קאָסטען מעהר ווי 20 רובעל, און דער כלה'ס (דאָס קלייד מיט דער טאַלמע) — ניט מעהר ווי 25 רובעל. אויב דער נדן, פון דעם גרעסערען צד, בעטרעפט ביז 300 רובעל מזומן, און דאָס געלד איז איינגעלעגט געוואָרען ביי אַ דריטען מענשען, דאַן מעג מען צו די אָקאָרשט אַנגעוויזענע מקחים צוגעבען נאָך 10 פּראָצענט פון דעם נדן; ווען דער נדן איז העכער פון 300 רובעל, טאָרען די הוצאות אויף קליידער פאַר חתן און כלה ניט בעטרעפען מעהר ווי 20 פּראָצענט, א. אַז. וו. [26]).

די יללות און אַפילו די בעגרענצונגען געגען לוקסוס האָבען ניט געהאָלפען. דאָס געזעץ פון יאָהר 1844, וועגען איינפיהרען דעם שטייער פון אידישע בגדים, איז אויסגעטייטשט געוואָרען דורך די גובערנאַטאָרען אין דעם זינען, אַז אידען מוזען זיך גלייך אָבזאָגען פון זייער קליידונג. און די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע האָט זיך אומעטום גענומען מיט געוואַלט צווינגען אידען צו ענדערן זייער אויסזעהן. ביי דעם בעוואוסטען רוסיש־אידישען שריפטשטעלער ל. לעוואַנדע געפינען מיר איינִיגע אינטערעסאַנטע פּרטים וועגען דעם, ווי אַזוי די זאַך איז צוגעגאַנגען אין מינסק. דער דאָרטיגער גובערנאַטאָר האָט בעשטימט אַ געוויסען טערמין, צו וועלכען אַלע מינסקער אידען מוזען זיך איבערקליידען. ווען עס איז פאַראיבער דער לעצטער טאָג, האָט די שטאָדט פון אין דער־פריה בעקומען אַן אונגעוועהנליכען, מאָדנעם אָנבליק. איבער די גאַסען איז אַרומגעפאָהרען דער פּאָליציימייסטער, אַ פערהאָוועטער, און האָט אָבגעגעבען

[26]) М. Г. Каганъ. Домашній регламентъ въ Бѣлоруссіи 1845 г. "Евр. Стар." 1910 г., кн. I, 110-117.

פעראָרדנונגען. היין און צוריק זיינען געלאָפען פערסאָפּעטע פּאָליציי־אָפיצירען — „פּריסטאַוועס" און „קוואַרטאַלניקעס". אויף אַלע גאַסען זיינען געווען אויסגעשטעלט פּאָליציאַנטען, מיט שערען אין די הענד; זיי צו־הילף האָט מען מאָביליזירט נאָך די פייערלעשער — „פּאָזשאַרני־קעס". ווערליג די גרויסע צוגרייטונגען, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז די שטאָדט ריכט זיך אויף עפּיס אַ מיליטערישע אַטאַקע, אויף אַ פיינד־ליכען אָנפאַל. די צייט איז געגאַנגען, אָבער דער „שונא" האָט זיך אַלץ ניט בעוויזען. אידען זיינען געזעסען אין דער־היים, קיינער האָט אַ נאָז ניט אַרויסגעשטעקט, אַפילו די קראָמען זיינען געווען געשלאָסען אַ פּאָר שעה, און אויף די גאַסען איז נאָך אַלץ ניט געווען צו זעהן קיין איין איד, כאָטש אויף „שהחינו". פון צייט צו צייט איז צוגעפאָהרען דער פּאָליציי־מייסטער נאָכפרעגען זיך, צי זיינען וואָסערע אידען פערבייגעגאַנגען? בעקומען דעם ענטפער, אַז ניין, קיינער ניט, האָט ער, אַ צוקאָכטער, אַן אויפגעבראַכטער, געאַיילט ווייטער ערקונדיגען זיך, ווי אַזוי עס האַלט אין די אַנדערע שטאָדט־טיילען. די פּאָליציאַנטען און פייערלעשער זיינען ענדליך געוואָרען אונגעדולדיג, אויפגערעגט, און זיי האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן מיט די שערען אין די הענד צום שול־הויף. דאָס איז געווען ווי דעם „שונא'ס" ציטאַדעל, פעסטונג, וואו ער האָט זיך גערעכענט פאַר זיכער, בעוואָרענט פון אַן אַטאַקע. אין גרויסען שוהל־הויף האָט מען געפיהלט זיך ווי ביי זיך אין דער־היים, און ער איז געווען פול מיט אידען, וואָס האָבען זיך דאָ אויף קיין שום בייז אַפילו ניט געריכט. די פּאָליצי־אַנטען האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף זיי און גענומען אַרבייטען מיט די שערען. אַלע בקשות און געשרייען האָבען צו גאָרנישט געבראַכט. ביז האַלבען טאָג האָט מען ביי אידען געשניטען די פּאָלעס, געקירצט די קאַפּאָטעס און סורדוטען [27]. עהנליכע סצענעס, ווי אין מינסק, זיינען פאָרגעקומען כמעט אין אַלע אידישע שטעדט — אומעטום האָט די פּאָליציי מיט געוואַלט „אייראָפּעאיזירט" די אידישע קליידונג.

צוגלייך מיט די בגדים האָבען זיך אָנגעהויבען פערפאָלגונגען אויך געגען יאַרמולקעס. אין זשיטאָמיר האָבען די רבנים גע'טענה'ט, אַז טראָ־גען יאַרמולקעס איז אַ רעליגיעזער געבאָט, פון וועלכען אַ איד טאָר זיך ניט אָבזאָגען. האָט דער גובערנאַטאָר בעשטימט אַ קאָמיסיע פון אייניגע בעאַמטע אויף אויסצופאָרשען: צי איז די מיינונג פון די רבנים ריכטיג? די זשיטאָמירער זשאַנדאַרמען און בעאַמטע האָבען גע'פסק'ענט, אַז די יאַרמולקע האָט נישט צו טהאָן מיט דעם אידישען גלויבען. אין די אַנדערע גובערניעס האָט די אַדמיניסטראַציע קיין אויספאָרשונגען ניט

[27]) "Очерки прошлаго", 67-69.

געמאַכט, מען האָט אָהן שום חקירות און צערעמאָניעס געריסען פון אידישע קעפּ די יאַרמולקעס. עס האָט אויך ניט געהאָלפען דאָס געזעץ, וואָס איז אַרויס אין פעברואַר 1848, וועגען איינפיהרען אַ שטייער פון יאַרמולקעס (5 רובעל יעהרליך). וויבאַלד עס איז בעשטימט געוואָרען אַ בעזונדערער שטייער, איז דאָך געווען קלאָר, אַז יאַרמולקעס איז ניט פער־וועהרט צו טראָגען, מען מוז נור דערפאַר צאָהלען. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט צו פיהרען ווייטער דעם שטרייט. אין אַ סך שטעדט פלעגט אויף אידען מיט יאַרמולקעס פאַרקומען ממש אַ געיעג, ווי אויף ווילדע חיות. מ. כהן בריינגט אַן ערצעהלונג, וואָס ער האָט אין דער יוגענד געהערט פון עלטערע מענשען: דער וויטעבסקער גענעראַל־גובערנאַטאָר כאָוואַנסקי האָט איינמאָל דערזעהן אויף דער גאַס אַ אידען, וואָס האָט געהאַט אויף זיך אַ יאַרמולקע, האָט ער געהייסען צושלאָגען איהם די יאַרמולקע צום קאָפּ מיט קליינע טשוועקעלעך[28]). דאָס איז געוויס נור אַ לעגענדע, אָבער זי שפּיגעלט אָב אין זיך קלאָר יענע סאָלדאַטישע גראָב־קייט, מיט וועלכער די אַדמיניסטראַציע האָט זיך געמיהט „אויספּיינען" דעם אידישען אָנבליק.

אינאיינעם מיט די פּאַרצייטיגע קליידער האָבען אויך געליטען די פאות. כאָטש אינ'ם געזעץ וועגען שטייער פון בגדים איז וועגען פאות ניט דערמאָהנט געוואָרען, האָט די אַדמיניסטראַציע זיי געהאַלטען פאַר אַ טייל פון דער אידישער קליידונג, און מען האָט זיי מיט געוואַלט געשניטען גלייכצייטיג מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס. אין שקלאָוו האָט דער קאַמף געגען פאות געהאַט ממש דעם כאַראַקטער פון אַ פּאָליצייאישען פּאָגראָם אויף אידען. שקלאָווער אידען האָבען אין יאָהר 1846 דערלאַנגט צום אינערן־מיניסטער און געזוכט ביי איהם שוץ פון די פּאָליציאַנטען, וואָס האָבען זיך איבער זיי איזדעקעוועט. אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. בעזונדערס האַרבע פערפאָלגונגען געגען פאות זיינען פאַרגענומען געוואָרען אין פּוילען. אין נאָוועמבער 1845 האָט די דאָרטיגע העכערע פערוואַלטונג אַרויסגע־געבען אַ פעראָרדנונג, אַז דער שטייער פון אידישע בגדים (פון 3 ביז 50 רובעל יעהרליך) ווערט איינגעפיהרט אויך אין די פּוילישע גובער־ניעס, און דערביי איז פּובליקירט געוואָרען, אַז עס ווערט פערוועהרט צו טראָגען פאות. נאָך אַזאַ אָפיציעלער ערקלערונג, האָט די פּאָליציי אין דער גאַנצער פּוילישער געגענד מיט דער גרעסטער אייפעריגקייט גענומען שערען אידישע פאות. פאַר גאָר פרומע לייט איז די גזירה געגען פאות געווען נאָך פיעל שווערער, איידער די פערפאָלגונגען געגען די אַלט־פרענקישע בגדים. אויף די פאות האָבען זיי געקוקט ווי אויף אַ זאַך,

28) М. Г. Каганъ, loc. cit., 111.

וואָס האָט אַ גרויסע רעליגיעזע בעדייטונג, ווי אויף אַ טייל פון „אידיש־קייט". בלייבען אָהן פאות, דאָס האָט בעדייט: פאַרלירען דעם כשר'ן, איידעלען אידישען אָנבליק און קריגען אַ גוי'איש פנים. געוועזן אַזוינע, וואָס האָבען די פאות, וועלכע מען האָט ביי זיי אָבגעשאָרען מיט געוואַלט, צוגענעהט צו אַ דינעם רימענעם פּאַסיק; זיי פלעגען עס אַזוי טראָגען ביי זיך אין דער־היים אָדער אין שוהל, צוגעבונדען צום קאָפּ. אַנדערע האָבען זיך געקליגט ווי עס איז צו ראַטעווען די פאות, זיי זאָלען בלייבען גאַנץ: פערקעמט זיי אַרויף און בעהאַלטען אונטער'ן היטעל, אָדער פער־קירעוועט די פאות אָן אַ זייט, הינטער די אויערן, גאָר מעשה דייטש. אויך פאַר די בגדים האָבען איינינע געפונען אַ קאָמבינאַציע — אַנשטאַט זיי צו פערקירצען, האָט מען נור אונטערגעבויגען די פאָלעס און צוגעסטריגע־וועט מיט פאָדים. די אַלע המצאות און חכמות האָבען אָבער ווענינ גענוצט. די פּאָליציאַנטען אויף די גאַסען פלעגען גרינג ענטדעקען די „קאָנטראַ־באַנד", און זיי האָבען אָהן שום רחמנות געשאָרען די אידישע פאות און קאַפּאָטעס.

ווי שטענדיג אין צייטען פון אומרוה און אויפרעגונג, האָבען מענשען געזוכט זיך צו טרייסטען מיט פערשידענע „ישועות", דורך וועלכע די גזירה וועט בטל ווערען. מען האָט געלעגט פיעל האָפנונג אויף דעם בעריהמטען אידישען פּאַטריאָט און טהוער משה מאָנטעפיאָרע, וועלכער איז אין פריהלינג 1846 געקומען פון ענגלאַנד קיין רוסלאַנד בעקענען זיך מיט דער לאַגע פון די אידען [29]). די רוסישע רעגירונג האָט דעם וויכטיגען גאַסט אויפגענומען מיט גרויס כבוד; דעריבער האָט מען זיך גערעכט, אַז ער וועט אויסווירקען פערשידענע פערגרינגערונגען פאַר אידען. ווי מיר דערוויסען זיך פון אַ בעריכט, וואָס די „דריטע אָבטיילונג" האָט בעקומען פון דעם קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר ביביקאָוו'ן, האָט זיך אין סוף יאָהר 1846, ווען מאָנטעפיאָרע האָט זיך מיט זעקס מאָנאַטען צוריק אומגעקעהרט קיין ענגלאַנד, צווישען די אידען אין רוסלאַנד פער־שפּרייט אַ קלאַנג, אַז לויט זיין בקשה האָט דער קייזער ניקאָלאַי ערלויבט זיי ווידער אונגעשטערט צו טראָגען די פערצייטיגע בגדים, און אַז וועגען דעם וועט באַלד פּובליקירט ווערען אַ בעזונדער בעפעהל [30]). ביביקאָוו האָט געמעלדעט דער „דריטער אָבטיילונג", אַז די פּאָליציי האָט איבער־געכאַפּט אַ בריף, געשריבען אויף העברעאיש, וואָס דער וויניצער איד, אַלטער פוריץ האָט בעקומען פון זיין פאָטער, דעם אָדעסער סוחר פאַלק

[29]) זעה דעם אַרטיקעל „משה מאָנטעפיאָרע אין רוסלאַנד", אין צווייטען באַנד פון מיינע „היסטאָרישע ווערק", 163—202.

[30]) אַרכיוו פון דער „דריטער אָבטיילונג", 1-טע עקספּעדיציע, פון יאָהר 1845 — נומ. 136.

פוריץ'ן: יענער זאָגט איהם אַן די פרעהליכע נאַכריכט, אַז דער קייזער האָט איינגעוויליגט אויף מאַנטעפיאָרע'ס בקשה, וועגען ערלויבען אידען צו קליידען זיך אַזוי ווי פריהער; פוריץ שרייבט צום זוהן, אַז איצט מעג ער זיך ווידער פערלאָזען פאות; אויך בעט ער איהם אָנשרייבען צו זיין שוואָגער, שמואל דיסקין, יענער זאָל אויף קיין פאַל ניט פערקויפען זיין שבת'דיגע שטריימעל. עס איז אויך פערהאַלטען געוואָרען אין בערדיטשעוו א בריף מיט דערזעלבער גוטער בשורה, וואָס דער חתן הירש לובאַרסקי האָט געשיקט צו זיין צוקונפטיגען שוועהר, לייזער לאַנדוי.

ווי עס ווייזט אויס, איז דער קלאַנג, אַז עס ווערט אַ סוף צו די פערפאָלגונגען געגען אידישע בגדים, געווען שטאַרק פערשפרייט. דאָס בעשטעטיגען די מיטטיילונגען פון פערשידענע אידישע געגענדען, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט געקראָגען פון די זשאַנדאַרמען-פערוואַלטונגען. אין אַדעס האָט די אַדמיניסטראַציע אַפילו פערפיהרט אַ גאַנצע אויספאָר־שונג, פון וואַנען דער קלאַנג האָט זיך גענומען. אָבער זי איז גאָרנישט דערגאַנגען. ס'פערשטעהט זיך, אַז פון דער „ישועה", אויף וועלכע מען האָט געהאָפט, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. דער קאַמף געגען דער אידישער קליידונג האָט זיך געצויגען ווייטער מיט דערזעלביגער שטרענג־קייט. נאָכמעהר: אין גיכען האָט די רעגירונג געמאַכט אַ ווייטערדיגען שריט און פערווירקליכט יענעם בעשלוס, וועלכען זי האָט געהיים אָנגע־נומען ביים איינפיהרען אין יאָהר 1844 דעם שטייער פאַר קליידער, אָבער דאַן איהם ניט פובליקירט. אין מאַי 1850 האָט ניקאָלאַי דער ערשטער אָבגעגעבען אַ בעפעהל, לויט וועלכען די בעזונדערע אידישע בגדים זיינען פערוועהרט געוואָרען אין גאַנץ רוסלאַנד. דערביי איז געגעבען געוואָרען די גובערנאַטאָרען דאָס רעכט צו מאַכען, אין בעזונדערע פאַלען, אַן אויסנאַהם פאַר אידען, וואָס זיינען עלטער פון זעכציג יאָהר, און ערלויבען זיי אַ געוויסע צייט טראָגען זייערע אַלטע בגדים, צאָהלענדיג דערפאַר אַ שטייער. און ווייניגער מיט אַ יאָהר שפּע־טער, אין אַפריל 1851, איז אַרויס אַ צווייטער קייזערליכער בעפעהל, דורך וועלכען עס איז אידישע פרויען פערבאָטען געוואָרען צו גאָלען זיך די קעפּ.

אויב פריהער, וואו עס האָט זיך אייגענטליך געהאַנדעלט בלויז וועגען אַ געלד־שטייער, האָט די אַדמיניסטראַציע זיך בענומען געגען אידען אַזוי שענדליך גראָב, איז גרינג פאָרצושטעלען זיך, ס'אָרא ברוטאַליטעט זי האָט אָנגעהויבען אַרויסווייזען איצט, ווען עס איז אַרויס אַ דירעקטער פערבאָט געגען דער אידישער קליידונג. איצט איז שוין ניט געווען קיין מינדעסטער גרונד צו פראַווען מיט אידען וואָסערע ס'איז צערעמאָ־

ניעס. דער צענטראַלער „פערוואַלטונגס־ראַטה" פון פוילען האָט אין אָנ־הויב פון יאָהר 1851 אָבגעגעבען אַ פעראָרדנונג צו די גובערנאַטאָרען, זיי זאָלען בעוועגען די אידען תיכף צו ענדערן זייערע בגדים. דערביי האָט ער זיי בוכשטעבליך אָנגעוויזען, אַז צוליעב דעם צוועק „דאַרפען אָנגעווענדט ווערען אַלע מעגליכע מיטלען, און אַפילו פ י ז י ש ע ג ע װ ו אַ ל ט". אין דעם שטרייט געגען דער אידישער קליידונג זיינען אַלע מיטלען געווען רעכט. אומעטום, אין די אידישע שטעדט און שטעדט־ליך, האָט מען מיט אַ בעזונדער ברען גענומען איבער־געוואַלט שניידען ביי אידען פאות, אַראָבריייסען יאַרמולקעס, אונטערשערען די בגדים. פּאַולינע וועגנעראָוו בעשרייבט אין איהרע עראינערונגען אַזאַ סצענע, וואָס זי האָט געזעהן אין בריסק, אויפ'ן מאַרק־פּלאַץ: „דער פּאָליציאַנט האָט בעמערקט אַ אידען אין אַ קאַפּאָטע מיט לאַנגע פּאָלעס. האָט ער צוגערופען אַ צווייטען פּאָליציאַנט און געהייסען דעם אידען, וואָס האָט אָנגעהויבען פון שרעק ציטערן, ער זאָל זיך אָבשטעלען. דערנאָך האָט ער גענומען די גרויסע שער, וועלכע ער האָט שטענדיג געהאַט ביי זיך, און מיט דער הילף פון זיין חבר אָבגעשניטען ביי דעם אידען די לאַנגע פּאָלעס, אַזוי דאָס עס האָט זיך בעקומען אַ מין פראַק, פון אונטער וועלכען עס האָבען אַרויסגעקוקט די ווייסע אונטערהויזען. גלייכצייטיג מיט דעם, האָט דער פּאָליציאַנט אַראָבגעריסען ביי איהם פון קאָפּ דאָס היטעל און אָבגעשניטען די פאות אַזוי נאָהענט ביי די סאַמע אויערן, דאָס יענער האָט פון וועהטאָג געשריען. ערשט נאָך דעם אַלעם האָבען זיי דעם אומ־גליקליכען אַרויסגעלאָזט פון זייערע הענד" [31].

אַזעלכע סצענעס פלעגען פּאַרקומען אומעטום. אין קליינע, פער־וואָרפענע שטעדטליך, וואו עס איז געוועהנליך קיין „נאַטשאַלסטווע" ניט געווען, האָט מען פון די נאָהענטע גרעסערע פּונקטען געשיקט פּאָליצי־אַנטען, זיי זאָלען „אויסמענטשלען" די דאָרטיגע אידען, אונטערהאַקענדיג זייערע בגדים און פאות. אַפילו אויף די שאָסייען איז קיינער ניט געווען זיכער, אויך דאָ האָט מען געלויערט אויף אַלטמאָדיש געקליידעטע אידען. די דאָרטיגע פּאָליציאַנטען האָבען געוועהנליך ניט געהאַט ביי זיך קיין שערען, פלעגען זיי זיך בעגעהן גאָר פשוט: די פּאָלעס האָט מען געריסען מיט די הענד, און ס'איז ניט שווער צו דריינגען, וואָס פאַר אַן אויסזעהן און פּאַסאָן די קאַפּאָטע האָט נאָך אַזאַ שטיקעל אַרבייט בעקומען. וואָס אַנבאַלאַנגט די האָהר, האָט מען זיך אָנשטאָט אַ שער בענוצט מיט צוויי שטיינער — מען פלעגט דעם אידען אַנידערלעגען אויף דער ערד, אַריינ־נעהמען יעדע פאה צווישען דיביידע שטיינער און מיט זיי אַראָבבייבען

[31]) "Memoiren einer Grossmutter", B. I, 209.

די האָהר ביים שלייף. ס'פערשטעהט זיך, ביי דער שענער, איידעלער אָפעראַציע זיינען די פּאַליציאַנטען ניט געווען זעהר אַבגעהיט, און זי פלעגט פערשאַפען גרויס וועהטאָג [32]).

מיט דער גרעסטער האַרבקייט איז געפיהרט געוואָרען דער שטרייט געגען דעם פערצייטיגען ווייבערשען מנהג צו גאָלען זיך די קעפּ. אין יאָהר 1852 איז אַרויס אַ קייזערליכער בעפעהל, וואָס האָט אַרויפגעלעגט די פעראַנטוואָרטליכקייט דערפאַר אויף די רבנים און זיי געדראָהט מיט שטרענגסטע בעשטראַפונגען — ביז צוועלף יאָהר אַרעסטאַנטסקע ראָטעס און אַפילו מיט אַבגעבען פאַר אַ סאָלדאַט. ס'פערשטעהט זיך, אַז די רבנים, ווען זיי זאָלען אַפילו וועלען, זיינען זיי ניט געווען אימשטאַנד אַבצוהאַלטען די אידענעס פון דעם „פערברעכען". פאַר פרומע אידישע פרויען איז געווען צו־שווער אַבצוזאָגען זיך פון דעם אַלטען דורות־לאַנגען מנהג, אַן וועלכען עס האָבען זיך פעסט געהאַלטען זייערע מוטערס און באָבעס. די רעגירונג האָט זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט לאַנגאַניגע, טיעף איינגעוואָרצעלטע פאָלקס־זיטען, וואָס פערשווינדען נור פּאַמעליך אונטער דערווירקונג פון דער צייט און בילדונג; זי האָט געשטרעבט זיי אַבצושאַפען מיט אַמאָל. עס האָט זיך אומעטום אָנגעהויבען אַ סדרה גראָבסטע געוואַלט־האַנדלונגען, מיט וועלכע מען האָט געצוואונגען אידישע פרויען, זיי זאָלען געהן מיט אייגענע האָהר. „איינמאָל האָב איך אויפ'ן בריסקער מאַרק־פּלאַץ פּלוצלינג דערהערט עפּיס אַ גערודער,—דערצעהלט פּאַולינע וועננעראָוו, — אַלע זיינען ערגיץ־וואוהין געלאָפען, שטויסענדיג איינער דעם אַנדערען. עס האָבען זיך געהערט קולות. איך האָב מיך אַ לאָז געטהאָן אַהין, און ווען איך בין דערגאַנגען ביז צו דעם אָרט, האָט זיך מיר אין די אויגען געוואָרפען אַ סצענע, וואָס האָט מיך טיעף אויפגע־בראַכט. איך האָב דערזעהן אַ אידענע, ביי וועלכער דער קאָפּ איז געווען בוכשטעבליך הויל, וואָרים די האָהר זיינען ביי איהר, ווי געוועהנליך ביי אידישע ווייבער נאָך דער חתונה, געווען געגאָלט. אַרומגערינגעלט מיט אַ המון מענשען, איז זי אַזוי געשטאַנען, בענומען מיט שרעק צוליעב דער גרויסער זינד, וואָס זי איז מיט אַ בלויזען קאָפּ, און פול מיט בושה פאַר דעם אַרומיגען עולם. טרעהרען האָבען איהר געשטיקט די שטים. זי האָט זיך געבעטען רחמים ביי דעם פּאָליציאַנט, וואָס איז נעבען איהר געשטאַנען, — ער האָט ביי איהר פון קאָפּ אַראָבגעריסען דעם „קנופּ" און העלדיש מיט איהם געפאָכעט אין דער לופט. מיט איין האַנד האָט זי זיך געמיהט צו בעדעקען דעם קאָפּ מיט'ן עק פאַרטוך, און מיט דער אַנדערער —געשאַרט ביי זיך אין קעשענע, זוכענדיג דאָרטען די הויב, וואָס זי האָט

---

32) Ibid., 210.

געזאָלט לויט דעם רוסישען געזעץ טראָגען. דערביי האָט די אונגליקליכע אָהן אויפהער געיאָמערט: „פּאַנאָטשעק, פּאַנאָטשעק! אָט האָב איך דאָך, אָט איז זי ביי מיר אין קעשענע!״ ענדליך האָט זי די הויב געפונען און אָנגעטהאָן אויפ׳ן קאָפּ; זי האָט דורך דעם געקראָגען אַ שרעקליך משונ־דיגען אָנבליק. דער פּאָליציאַנט האָט זיך ענדליך בערוהיגט און איז פון איהר אַוועק״ [33]).

בעזונדערס געבושעוועט האָט די אַדמיניסטראַציע אין זשיטאָמיר. דאָ האָט מען אידישע פרויען געשלעפּט אין די פּאָליציי־קוואַרטאַלען, כדי אויסצופאָרשען, צי זיי גאָלען זיך דעם קאָפּ; און ווען עס האָט זיך אַרויס־געוויזען, אַז זיי גאָלען יאָ, האָט מען זיי אויף די קעפּ געגאָסען קאַלטע וואַסער און אויף עטליכע טעג אַרעסטירט. די פּאָליציי האָט געפאָדערט, זיי זאָלען טראָגען אייגענע האָהר. אויף די גאַסען האָט מען ביי אידישע פרויען פון די קעפּ געריסען די פּאַרוקען און טשעפּיקעס. אייניגע, וואָס זיינען מיט בעדעקטע האָהר געקומען אין טהעאַטער, האָט מען מיט זידלעריי פון דאָרטען אַרויסגעפיהרט. יענע, ביי וועלכע מען האָט ענט־דעקט, אַז זיי גאָלען זיך דעם קאָפּ, האָט מען געצוואונגען צו קעהרען די גאַסען. קורץ גערעדט: מען האָט זיך איבער זיי איזדעקעוועט אָהן אַ ברעג. די זשיטאָמירער אידישע פרויען האָבען זיך אין יאָהר 1853 גע־ווענדעט צום גובערנאַטאָר מיט אַ בקשה, ער זאָל זיי בעשיצען פון די פּאָליצייאישע בעליידיגונגען און געוואַלט־טהאַטען. זעלבספערשטענדליך, האָט דאָס ניט געהאָלפען; וואָרום אָהן דעם גובערנאַטאָר׳ס וויסען וואָלט דאָך די זשיטאָמירער פּאָליציי זיך ניט ערלויבט אַזעלכע שענדליכע זאַכען. די זשיטאָמירער סוחרים האָבען דערלאַנגט קיין פּעטערבורג, אָבער אויך דאָרטען האָבען זיי גאָרנישט אויסגעווירקט [34]).

עס פלעגען פּאַרקומען אויך קאָמישע סצענעס. די געקירצטע פּאות, די סורדוטען מיט די אָבגעשניטענע פּאָלעס, די היטלעך און יאַרמולקעס,— דאָס אַלץ האָט שטאַרק געענדערט יעדערענס אויסזעהן, און די ערשטע צייט פלעגען מענשען איינער דעם אַנדערען כמעט ניט דערקענען. ל. לעוואַנדע בריינגט אין זיינע עראינערונגען אַ סצענע, ווי צוויי אידען האָבען זיך גע־טראָפען אויף דער גאַס, נאָכדעם ווי זייערע קאַפּאָטעס און פּאות זיינען שוין „בעאַרבייט״ געוואָרען דורך פּאָליצייאישע הענד. זיי שטעהען ביידע פערוואונדערט און גלויבען ניט זייערע אויגען:

— ווי, דאָס ביזט דו, מאיר?

— סטייטש, דאָס ביזטו, מרדכי?

---

[33]) Ibid., 208.

[34]) "Евр. Стар." 1915 г., 400-403.

— איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַ פּריץ.

— און מיר האָט אויסגעדוכט, אַז דו ביזט אַ „קאַטערינשטשיק" (וואָס געהט איבער די גאַסען מיט אַ „קאַטערינקע", אַ שפּיעל־קאַסטען).

„נאָך אַזאַ מין געגענזייטיגער בעגריסונג, — שרייבט לעוואַנדע, — האָבען זיי איינער דעם אַנדערן בעקוקט פון קאָפּ ביז צו די פיס און גענומען קייכען פאַר געלעכטער, אַזש געהאַלטען זיך ביי די זייטען. דער קאָסטיום איז טאַקע געווען אַ זעלטען קאָמישער — ניט קיין דייטשער, ניט קיין אַלט־פּוילישער, עפּיס אַ משונה'דיגער, אונמעגליכער, אויף וועלכען מען האָט אָהן געלעכטער ניט געקאָנט קוקען [35].

אידען האָבען זיך געמיהט וואָס ווייניגער אָבצוטרעטען פון דער פאַר־צייטיגער קליידונג, יוצא זיין נור מיט ווינציגע ענדערונגען. די רעגירונג האָט געגען דעם געקעמפט. די העכסטע מלוכה־אַנשטאַלטען זיינען געווען פאַרטהאָן אין אַזעלכע וויכטיגע פראַגען: צי קאָן מען רעכענען פאַר גע־זעצליך, וואָס אַ טייל אידען האָבען בלויז אויפגעהערט צו טראָגען גאַרטלען און שטריימלעך, אָבער ניט געענדערט דעם שניט פון די קאַפּאָטעס? צי מעגען אידען טראָגען פּאות? צי קאָן מען זיי ערלויבען, פאַר אַ געוויסען שטייער, צו טראָגען יאַרמולקעס? צי מעג אַ איד, געהענדיג אין שוהל אַריין, האָבען אויף זיך אַ טלית און תפילין? צי קאָן מען די רבנים ער־לויבען צו טראָגען בעזונדערע אידישע בגדים? אי דאָס אינערן־מיניסטע־ריום, אי דער בעזונדערער מיניסטאָרען־קאָמיטעט פאַר אידישע אנגעלעגענ־הייטען האָבען איפעריג, ערנסט בעטראַכט אָט די אַלע פראַגען, פּונקט ווי אָן זיי וואָלט זיך געווענדט די צוקונפט פון רוסלאַנד, און דעם 19־טען אוי־גוסט זיינען אַלערהעכסט בעשטעטיגט געוואָרען די פאָלגענדע בעשטימונגען:

1) בעפאָלמעכטיגען די גענעראַל־גובערנאַטאָרען געגוי אַכטונג צו געבען, אַז עס זאָל אין די אידישע בגדים אָבגעשאַפט ווערען יעדער אונ־טערשיד פון דער אַלגעמיינער קליידונג.

2) דאָס טראָגען פּאות איז שטרענג פערבאָטען.

3) טליתים, תפילין און יאַרמולקעס מעגען אידען טראָגען אין די שוהלען ביים דאַווענען, אָבער אויף קיין פאַל ניט אויסערהאַלב די שוהלען.

4) פאַר רבנים טאָר ניט געמאַכט ווערען קיין שום אויסנאַהם, זיי מוזען זיך קליידען גלייך מיט אַלעמען.

בעזונדערס שטרענג איז דער שטרייט געגען אידישע בגדים געפיהרט געוואָרען איבער גאַנץ פּוילען. ווי מיר האָבען שוין געזעהן, האָט דאָ דער צענטראַלער „פערוואַלטונגס־ראַטה" אין יאָהר 1851 אָפיציעל, גאַנץ קלאָר

---

[35]) "Очерки прошлаго", 70.

און אָפען, ערלויבט צו געברויכען פיזישע געוואַלט, כדי צו צווינגען אידען, זיי זאָלען אַוועקוואַרפען זייער פאַרצייטיגע קליידונג. ס'פערשטעהט זיך, אַז די פּאָליציי אין פּוילען האָט עס ברייט אויסגענוצט. די דאָרטיגע העכערע פערוואַלטונג האָט זיך בכלל פיעל פערנומען מיט דער אידישער קליידונג און זי האָט אַרויסגעגעבען אַ סך בעשטימונגען, וואָס דערמאָהנען ווערליג זייער אינהאַלט מעהר אַ מאָדען־זשורנאַל, איידער אַ פעראָרדנונג פון אַ רעגירונג. אַזוי, צום ביישפּיעל, איז אין יאָהר 1851 אַרויס אַזאַ פאַרשריפט: 1) אידען מעגען געברויכען אויף צו נייהען זיך סורדוטען ניט נור דראַפּ, נאָר אויך אַנדערע לייכטערע שטאָפען, אויסער זיידענע און האַלב־זיידענע, אָבער דער שניט פון דעם סורדוט מוז גענוי שטימען מיט דעם פאַסאָן, וואָס איז בעשטימט געוואָרען פון דער רעגירונגס־קאָמיסיע פאַר אינערליכע אַנגעלעגענהייטען; 2) ניט שטערען אידען צו געהן אום יום־טוב און שבת אין שוהל אַריין און צוריק אַהיים אין יענער קליידונג, וואָס זיי טהוען אָן, לויט זייער גלויבען, ביים דאַוונען אָדער ביים אָבריכטען געוויסע רעליגיעזע צערעמאָניעס. מען מוז אָבער דערביי שטרענג אַכטונג געבען, אַז דאָס זאָל זיי ניט דיענען פאַר אַן אויסרייד צו טראָגען אידישע אויבער־קליידער און אידישע היטלעך אָדער יאַרמולקעס.

מעהר מיט שניידעריי, איידער מיט פּאָליטיק האָט געהאַט צו טהאָן אויך די פעראָרדנונג, וואָס די העכערע פערוואַלטונג פון פּוילען האָט פּובּליקירט אין יאָהר 1853. אָט וואָסערע בעשטימונגען, למשל, געפינען מיר דאָ: „פאַר פערוועהרטע אידישע קליידונג ווערען בעטראַכט: זיידענע, פּרונעלעווע און אַנדערע אַזעלכע לאַנגע קאַפּאָטעס, גאַרטלען, פוטערנע היטלעך, אַזוי גערופענע „קרימקעס" און אַנדערע מינים אידישע היטלעך אָהן אַ דאַשעק, יאַרמולקעס, קורצע הויזען. אידען ווערט פערבאָטען צו טראָגען פּאות, אויך טאָרען זיי ניט איבערלאָזען אויף די שלייפען, אַנשטאָט פּאות, לענגערע האָהר און זיי אונטערקרייזלען". „עס ווערט אידישע פרויען פערוועהרט צו טראָגען: טיורבאַנעס, שטערן־טיכלעך, קליידער פון אידישען פאַסאָן און אַנדערע אַזעלכע בעזונדערע בגדים און בעציהרונגען. אידישע פרויען מוזען טראָגען געוועהנליכע טשעפּיקעס אָדער היט און קליידער פון געוועהנליכען פאַסאָן. עס ווערט דאָ דורכאויס פערבאָטען צו טראָגען קאָפּ־בעפּוצונגען פון סטענגעס, אַטלאַס, וואָלענע שנורען א. ד. גל. אויב אידישע פרויען ווילען ניט בעווייזען זייערע אייגענע האָהר, קאָנען זיי, אַנשטאט „ליאַמקעס", געברויכען אויף צו בעדעקען די האָר — טשעפּיקעס, וואָס ווערען גאַנץ נידעריג אַנגערוקט אויפ'ן שטערן". „אין די פּאָליציי־פערוואַלטונגען מעג מען בעקוקען אידישע פרויען, כדי פעסטצושטעלען, צי זיי גאָלען זיך דעם קאָפּ, אָבער דערביי מוזען זיך געפינען זייערע מענער

אָדער עמיצער פון זייערע נאָהענטסטע קרובים־מאָנסביל, א. אַז. וו.[36]).
מיט אַזעלכע מיני זאַכען האָט זיך די העכערע פערוואַלטונג פערנומען אין אַ
געגענד, וואו עס האָט געברויזט, געקאָכט מיט פּאָליטישער אונצופרידענ־
קייט, און וואו די לופט איז געווען אָנגעזעטיגט מיט האַס געגען דער רעגי־
רענדער מאַכט!

געוועהנליך רעכענט מען, אַז נאָך ניקאָלאַי׳ס טויט אין יאָהר 1855,
ווען רוסישער קייזער איז געוואָרען אַלעקסאַנדער דער צווייטער, האָט דער
קאַמף געגען די אידישע בגדים אויפגעהערט. אַזאַ מיינונג איז ריכטיג נור
אויף ווי וויט עס האַנדעלט זיך וועגען ליטע, ווייסרוסלאַנד, וואָלין, פּאָדאָליען
און די רוסישע געגענדען אין דעם אייגענטליכען זין פון דעם וואָרט. וואָס
אַנבאַלאַנגט אָבער די פּוילישע גובערניעס, האָבען זיך די פערפאָלגונגען
געגען דער אידישער קליידונג דאָ פאָרטגעזעצט מיט דער פריהערדיגער
פערביסענקייט אויך אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען. בלויז
בעת דעם פּוילישען אויפשטאַנד אין יאָהר 1863 און אין די נאָהענטסטע
יאָהרען נאָך איהם האָט די רעגירונג אָבגעשטעלט דעם שטרייט געגען די
לאַנגע קאַפּאָטעס, שטריימלעך, פּאות א. ד. גל. זי האָט ניט געוואָלט רייצען,
פערביטערען דעם פרומען אידישען קלאַס און דורכדעם בעשאַפען ביי איהם
מיטגעפיהל צו די פּאָליאַקען און צו זייערע פּאָליטישע שטרעבונגען. שפּע־
טער אָבער, האָט מען זיך אומגעקעהרט צו דער אַלטער פּאָליטיק. אין יאָהר
1869 האָט אַלעקסאַנדער דער צווייטער בעפוילען, אַז די פריהערדיגע בע־
שטימונגען געגען דער פאַרצייטיגער אידישער קליידונג זאָלען אין פּוילען
געענוי אָבגעהיט ווערען, און מיט אַ יאָהר שפּעטער האָט ער ווידעראַמאָל
אָבגעגעבען אַ בעפעהל וועגען דעם.

און דער שטרייט געגען די אידישע בגדים האָט זיך ווידער אָנגעהויבען
אין פּוילען מיט דערזעלבער קליינליכער, נאַרישער שטרענגקייט, ווי אין
ניקאָלאַי׳ס צייטען. אַ בעגריף וועגען דעם קאַמף, אין וועלכען עס איז
געווען פערטהאָן די דאָרטיגע אַדמיניסטראַציע, גיבען אונז אייניגע אַרכיוו־
דאָקומענטען, וואָס קעהרען זיך אָן צו קעלצער גובערניע. דאָס זיינען עטליכע
שריפטליכע פעראָרדנונגען, וואָס דער פּאָליציי־אָפּיציר, קאַפּיטאַן מיכעלסאָן
האָט לויט דעם גובערנאַטאָר׳ס בעפעהל אין יאָהר 1871 געשיקט צו דער
פערוואַלטונג פון דער אידישער געמיינדע אין קעלץ. אין דעם ערשטען
פּאַפּיר שרייבט ער: „אויב איך וועל בעמערקען, אַז צום בעשטימטען
טערמין, ד. ה. צום 1־טען אַפּריל 1871, וועט עמיצער פון די קעלצער
אידען אָדער אידישע פרויען ניט ערפילען גוטוויליג די פּאָרשריפטען וועגען

[36]) דעם פאָלשטענדיגען טעקסט פון דער פעראָרדנונג פון יאָהר 1853 האָט
דר. י. שאַצקי געבראַכט אין „היסטאָרישע שריפטען" פון ייוואָ, ב. 1, 732—736.

דער אידישער קליידונג, וועלען זיי פאַר'ן איבערטרעטען כאָטש געגען איין פונקט פון די פעראָרדנונגען בעשטראָפט ווערען, אָהן שום ענטשולדיגונג, מיט אַרעסט און מיט אָבנעהמען ביי זיי דאָס רעכט צו האַנדלען און אַרויס־פאָהרען פון שטאָדט". ווייטער גיט ער אַ גענויע ערקלערונג וועגען די פאַסאָנען פון דעם „רוסישען סורדוט" און דעם „דייטשען סורדוט" (איינעם פון זיי האָבען אידען געזאָלט אָנטהאָן). „דער אונטערשיד צווישען זיי בע־שטעט אין אָט וואָס: דער רוסישער סורדוט גרייכט ניט ביז צו דער ערד אויף אַכט ווערשאָק, דער דייטשער — איז ביז צו די קנעכלעך. דער רוסישער סורדוט האָט אַ סטאָן, וואָס איז צוגענעהט צו די פּאָלעס, דער פאָרענט איז אָהן קעשענעס, פון הינטען — גלייכע קעשענעס אָהן קליאַפּעס". „אויבער־קליידער, ווי מאַנטלען מיט קאָלנערס אָדער אָהן זיי, פוטערס, פעלצען א. ד. גל. מעגען זיין ביז צו די קנעכלעך". צוגלייך האָט דער פּאָליציי־אָפּיציר אומגעקערט די פּראָבעס פון פערשידענע שטאָפען, וואָס זיינען איהם צוגעשטעלט געוואָרען, און האָט ערקלערט, אַז ער ערלויבט אידען צו נייהען זיך פון זיי סורדוטען. אין אַן אַנדער פעראָרדנונג גיט דער קאַפּיטאַן מיכעלסאָן צו וויסען, אַז „יענע אידישע פרויען, וואָס האָבען חתונה געהאַט ביז'ן 15־טען פעברואַר 1871, מעגען טראָגען פּאַרוקען. די אָבער, וואָס האָבען חתונה געהאַט אָדער וועלען חתונה האָבען שפּעטער, טאָרען ניט גאָלען דעם קאָפּ, און דערפאַר וועלען בעשטראָפט ווערען אי זיי, אי זייערע מענער און אויך די רבנים." ער פאָדערט, מען זאָל איהם צו־שטעלען אַ רייסטער פון די פערברעכערישע „צירולניקעס", וואָס בעשעפ־טיגען זיך מיט גאָלען די ווייבערשע קעפּ. שטאַרק פערנומען איז די אַדמי־ניסטראַציע געוועזען אויך מיט די אידישע בערד. דעם 22־טען אַפּריל 1871 האָט מיכעלסאָן מיטגעטיילט דער געמיינדע פערוואַלטונג דעם גובערנאַ־טאָר'ס פעראָרדנונג, אַז „אידען מעגען טראָגען אַזעלכע בערד, ווי די אַנדערע בירגער, ד. ה. געוועהנליכע קיילעכדיגע, אָבער ניט קיין שפּיציגע אָדער אונטען פאַנאַנדערגעטיילטע אין צווייען, אָדער געגרייזעלטע". אָבער די פּאָליטיק וועגען די אידישע בערד בייט זיך ממש פּיבערהאַפּט. אין אַ מאָנאַט אַרום, דעם 28־טען מאַי 1871 קומט אָהן אַ נייער בעפעהל, שוין פון דעם פּוילישען „נאַמעסטניק" אַליין, אַז אידען מעגען טראָגען בערד, אַזוי ווי זיי וואַקסען פון דער נאַטור, ד. ה. ניט־אונטערגעשאָרענע [37]). דאָך אַ געוויסע פערגרינגערונג: אויב ביי עמיצען איז די באָרד פון דער נאַטור אַ שפּיציגע אָדער מיט צוויי עקען, איז ער אַלזאָ ניט מחויב צו ענדערן איהר פאַסאָן!

אָט אַזוי האָט עס די רעגירונג פון אַ גרויס לאַנד זיך בעשעפטיגט יאָהרען

[37]) "Евр. Стар." 1912 г., 335-338.

לאַנג מיט אידישע פּאות, בערד, יאַרמולקעס, קאַפּאָטעס, ווייבערשע פּאַרוקען, טשעפּיקעס און אַנדערע אַזעלכע וויכטיגע ענינים. ווי האַרב און ברוטאַל די רוסישע מאַכט האָט ניט געקעמפט געגען די פּאַרצייטיגע אידישע בגדים, האָט זי דאָך ניט געזיגט. אידען זיינען אויסגעשטאַנען גרויסע פערפאָל־גונגען, אָבער זיי האָבען זיך ניט אונטערגעגעבען. און אויב זיי האָבען סוף כל סוף אָװעקגעװאָרפען זייער אַלט־פרענקישע קליידונג, האָט דערין געווירקט ניט די רעגירונג, נאָר די אויפקלערונג, דער צייט־גייסט, וואָס איז שטאַרקער פון די שטרענגסטע גזעצען און פעראָרדנונגען. [38]

●

[38]) אַ בעזונדער שטודיום פערדינט אויך די בעציהונג פון דער רבנישער און חסידישער וועלט צו דער גזירה געגען דער אידישער קליידונג. שטאַרקע אָפּקלאַנגען געפינען מיר אין דער חסידישער ליטעראַטור. אַזעלכע גדולים ווי דער אַלטער וואָרקער רבי ר׳ יצחק, דער טשעכאַנאָווער רב ר׳ אברהם לאַנדוי און דער אַלטער גערער רבי ר׳ יצחק מאיר, זיינען געוועזען מיט דער דעה, אַז אידען דאַרפען, לויט דער הלכה, קעמפען געגען דער גזירה ביז מסירת נפש ממש.

נאָר דער קאָצקער רבי ר׳ מענדעלי איז געוועזען געגען דעם, מאָטיווירענדיג: „ולא ראיתי שם דין זה של יהרג ואל יעבור. ב׳ גדולים יפקירו דמם של ישראל?״

לויט די חסידישע קוועלען, האָט מען—דורך אַ מלשינות פון די משכילים—אַריינגעזעצט דעם גערער רבי׳ן אין תפיסה. פערביטערט האָבען אין דעם ענין בגדים־גזירות די חסידים געקעמפט געגען די משכילים. פיעל כעס האָט ביי ר׳ יצחק מאיר׳ן אַרויסגערופען ר׳ זלמן פּויזנער, וועלכער איז געוועזען פון די ערשטע נאָכצוגעבען דער פאָרשריפט וועגען קליידונג. מען האָט געזוכט אַפילו איהם צו בעקעמפען אויפ׳ן עקאָנאָמישען באָדען, אויסדינגען זיינע פּאָדריאַדען.
מעהר אייגצעלהייטען געפינט מען אין „מאיר עיני הגולה״ (ביאָגראַפיע פון דעם אַלטען גערער רבי׳ן), פּיעטרקוב תרפ״ח, חלק ראשון, 109—116.

אַ דאַנק קומט רבי מיכל ראָזענבלום, ניו יאָרק, פאַר מאַכען אונז אויפ־מערקזאַם אויף חסידישע קוועלען.

אידישע געהעטאָס אין אַמאָליגען רוסלאַנד

I.

די אידישע געהעטאָס אין רוסלאַנד, אין דער צייט פון דעם צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטען, האָבען געהאַט אַן אַנדער כאַראַקטער ווי די אין מערב-אייראָפּע. די אַמאָליגע מערב-אייראָפּעאישע געהעטאָ איז געווען אַ שטאָדט-טייל, קוואַרטאַל אָדער גאַס, וואו די אידען האָבען געמוזט לעבען אָבגעזונדערט פון דער אַרומיגער בעפעלקערונג; זיי האָבען ניט געהאַט קיין רעכט צו בעזעצען זיך אין יענעם טייל שטאָדט, וואו עס האָבען געלעבט די קריסטליכע איינוואוינער. מייסטענס איז די אידישע געהעטאָ געווען אָבגעטיילט דורך אַ בעזונדער וואַנד מיט אַ טויער, וואָס מען פלעגט ביינאַכט האַלטען פערשלאָסען. אַרויסגעהן פון דאַנען האָט דער איד געמעגט נור ביי-טאָג, צו אָוועגד-צייט אָבער האָט ער געמוזט אומקעהרען זיך אַהער צוריק. דאָס איז געווען אַ מין אידישע „טשערטאַ", אַן אָבגעגרענצטער וואוינאָרט פאַר אידען.

אַזאַ בעזונדער אָרט פאַר אידען האָט אין מיטעלאַלטער געהאַט ביי זיך כמעט יעדע גרעסערע שטאָדט אין מערב-אייראָפּע. דאָ, אין דער אָבגעזונדערטער, פעררייגעלטער געהעטאָ איז פערלאָפען דאָס שטענדיגע אידישע לעבען מיט זיינע וואָכעדיגע טעג און יום-טובים, ליידען און פריידען, מיט זיינע גייסטיגע און וועלטליכע אינטערעסען, געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטען און צדקה-חברות, א. אַז. וו. דאָ האָט דער איד געפיהלט זיך ביי זיך אין דער-היים. דאָ האָט ער אָבגעאָטעמט פון די בעליידיגונגען און פערפאָלגונגען, וואָס ער פלעגט אויסשטעהן דאָרטען, הינטער יענער זייט וואַנד, אין דעם קריסטליכען טייל שטאָדט.

גאָר אַנדערש איז געווען מיט דער אידישער געהעטאָ, וואָס האָט אַמאָל עקזיסטירט אין אייניגע פון די רוסישע שטעדט, וואו אידען האָבען בכלל קיין וואוינרעכט ניט געהאַט *). דאָס איז ניט געווען קיין בעזונדער

*) אַרכיוו פון אינערן-מיניסטעריום, דעפּאַרטאַמענט פאַר אויספיהר-פּאָליציי, פון יאָהר 1848 — נומ. 1224 („וועגען דער אידישער „פּאַדוואָריע" אין מאָסקווע"). — אַרכיוו פון גאָסודאַרסטווענני סאָוועט. עניינים פון דעם „אידישען קאָמיטעט", נומ. 37 („וועגען די בעזונדערע איינפאָהר-הייזער פאַר אידען אין קיעוו און מאָסקווע").

П. Марекъ. Московское гетто. (“Восходъ” 1895 г., кн. 9, и 1896 г., кн. 10).

Ю. Гессенъ. Московское гетто. (“Пережитос”, т. I).

קוואַרטאַל אָדער גאַס מיט אַ בעשטענדיגער אידישער בעפעלקערונג. די גהעטאָ, וועגען וועלכער מיר ריידען דאָ, איז געווען בלויז אַ בעזונדער הויז, אַ ספּעציעלע אכסניה, וואוהין עס פלעגען מוזען פערפאָהרען יענע אידען, וואָס האָבען לויט'ן געזעץ געמעגט קומען פון דער אידישער „טשערטאַ" אויף אַ געוויסע צייט אין די רוסישע געגענדען. דאָ זיינען ניט געווען קיין שטענדיגע איינוואוינער, נאָר צייטווייליגע אורחים, וואָס האָבען געהאַט דאָס רעכט צו פאָהרען אַהער איינע אַליין, אָהן זייערע הויזגעזינדען, צוליעב געוויסע אנגעלעגענהייטען אויף אַ גענוי בעשטימטע צייט. ווי נור עס פלעגט זיך ענדיגען דער טערמין, וועלכען דאָס געזעץ האָט זיי ערלויבט דאָ צו פערבלייבען, האָבען זיי געמוזט אַוועקפאָהרען צוריק צו זיך אַהיים, אין דער אידישער „טשערטאַ". און אָבשטעלען זיך דאָ, אין דער רוסישער שטאָדט, האָבען זיי ניט געטאָרט ערגיץ־וואו אַנדערש, ווי נור אין דעם הויז, וואָס איז געווען עקסטראַ דערויף בעשטימט, און וואו זיי האָבען זיך געפונען אונטער אַ בעזונדער אויפזיכט. אַזעלכע „זשידאָווסקע פּאָדוואָריעס", ספּעציעלע אידישע אכסניות, האָבען אַ צייט לאַנג עקזיסטירט אין דיביידע „הייליגע" רוסישע שטעדט, מאָסקווע און קיעוו (אויך אין ריגע).

קיין מאָסקווע פלעגען אידישע סוחרים פון לאַנג אָן קומען פון פּוילען און ליטע. בעזונדערס אָפט האָבען אידען אָנגעהויבען אַהער צו פאָהרען אין סוף פון 18־טען יאָהרהונדערט, נאָכדעם ווי די ווייסרוסישע געגענד (רייסען) איז אין דער צייט פון דער קייזערין יעקאַטערינע דער צווייטער אריבער (אין יאָהר 1772) פון פּוילען צו רוסלאַנד, און די דאָרטיגע אידען זיינען געוואָרען רוסישע אונטערטאַנען. די רוסישע געגענדען זיינען, ווי פריהער, געבליבען פערשלאָסען פאַר די אידען, אָבער אויף דעם פערבאָט האָט מען ניט שטענדיג שטרענג אַכטונג געגעבען. אידען פלעגען קומען צופאָהרען קיין מאָסקווע, דערהויפּט פון שכנ'ישען ווייסרוסלאַנד, און דאָ האַנדלען. עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבען דאָ בגנבה געלעבט כמעט שטענדיג, פאָהרענדיג אַהיים צו זייערע הויזגעזינדען נור אויף אַ קורצע צייט. אידען פלעגען דאָ האַנדלען אי מיט מאָסקווער סחורות, אי ברייגגען (דערהויפּט דורך שקלאָוו) קיין מאָסקווע פערשידענע אויסלענדישע סחורות און דאָ זיי פערקויפען. די מאָסקווער רוסישע סוחרים זיינען געווען אונצופריעדען מיט זייער קאָנקורענץ, האָבען זיי אין יאָהר 1790 זיך געווענדט צו דער רעגירונג מ'זאָל די אידען פערוועהרען אויפצוהאַלטען זיך אין מאָסקווע. אין דער זעלבער צייט האָבען אידען צוגעשטעלט אַ בקשה וועגען ערלויבען זיי צו פערשרייבען זיך אין מאָסקווע אין די סוחר'ישע גילדיעס, ד. ה. זיי זאָלען מעגען דאָ פריי האַנדלען. נעהמענדיג אין בעטראַכט די אונצופריעדענהייט פון די מאָסקווער רוסישע סוחרים, האָט די

קייזערין יעקאַטערינע, דורך אַ ספּעציעלען בעפעהל פון יאָהר 1791, ער־קלערט, אַז אידען האָבען ניט קיין רעכט צו האַנדלען אין מאָסקווע און בכלל אין די רוסישע גובערניעס. נאָך אַזאַ אונגינסטיגער ערקלערונג, איז פאַר אידען געוואָרען פיעל שווערער צו קומען אין מאָסקווע און פיהרען דאָ געשעפטען.

אָביסעל גרינגער איז די לאַגע געוואָרען, זינט דאָס געזעץ פון יאָהר 1804 האָט ערלויבט אידען צו קומען אויף אַ געוויסע צייט אין די רוסישע געגענדען צוליעב געשעפטליכע אנגעלעגענהייטען. מאָסקווע, די וויכטיג־סטע רוסישע האַנדעלס־שטאָדט, מיט איהרע גרויסע פאַבריקען און גע־שעפטען, האָט בעזונדערס צוגעצויגען צו זיך אידישע סוחרים און געשעפטס־לייט פון פערשידענע געגענדען און אַפילו פון אויסלאַנד. אָבשטעלען פלעגען זיי זיך דאָ אין פערשידענע רוסישע איינפאָהר־הייזער, „פאָדוואָריעס", מייסטענס אין דער „גלעבאָווער" און אין דער „מוראַשאָווער", וואָס האָבען זיך געפונען אין צענטער שטאָדט, ניט ווייט פון די גרויסע קראָמען און האַנדעלס־פּלעצער. דאָס ערשטע פון די צוויי הייזער האָט אָנגעהערט צו איינעם אַ גענעראַל גלעבאָוו, דאָס אַנדערע—צו אַ רוסישען סוחר מוראַשאָוו. פון דאַנען האָבען זיך גענומען די נעמען פון דיביידע „פאָדוואָריעס".

אידישע סוחרים פלעגען איינקויפען ביי די מאָסקווער פאַבריקאַנטען פערשידענע סחורות און אָבשיקען זיי אין אידישע שטעדט, טיילוויז אויך קיין אויסלאַנד. עטליכע ציפערן, וואָס מיר געפינען אין די אָפיציעלע דאָקומענטען, בעווייזען, אַז אידען זיינען אין מאָסקווע געווען גרויסע אָב־נעהמער פון סחורות, וואָס פלעגען דאָ פאַבריצירט ווערען. אַזוי, צום ביי־שפּיעל, האָבען אידישע סוחרים אַרויסגעשיקט פון מאָסקווע סחורות: אין יאָהר 1832 — אויף 12 און אַ האַלב מיליאָן רובעל; אין יאָהר 1829 — אויף 18 מיליאָן רובעל; אין יאָהר 1828 — אויף 27 מיליאָן רובעל. בעדייטענדע געשעפטען האָבען אידען אין מאָסקווע געמאַכט אויך מיט אויסלענדישע סחורות, וועלכע זיי האָבען אַהער געפיהרט פון די אידישע געגענדען, וואָס ביי דער גרעניץ, מייסטענס פון ווייסרוסלאַנד.

אָפטמאָל פלעגען קיין מאָסקווע אָנפאָהרען אידישע בעלי־עגלות, וואָס האָבען אַהער געבראַכט סחורות פון ווייסרוסלאַנד. אין אַזאַ גרויסער און קאָכעדיגער שטאָדט האָט מען געקאָנט האָפען צו פערדיענען אַ קערבעל, און דאָס פלעגט אַהער צוציהען אויך אַזעלכע אידען, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין רעכט צו פערברייגגען אין מאָסקווע אַפילו אַ קורצע צייט. עס זיינען דאָ געווען גענוג איינפאָהר־הייזער אָדער פּריוואַטע וואוינונגען, וואו אַ איד האָט זיך געקאָנט בעהאַלטען פון דער פּאָליציי. און ווען זי האָט ענטדעקט אַ אידען אָהן געהעריגען וואוינרעכט, פלעגט ער מייסטענס ווי עס איז מיט

איהר דורכקומען און קריגען די מעגליכקייט צו פערענדיגען די עסקים, צוליעב וועלכע ער איז אַהער געקומען. פון שקלאָוו פלעגען קיין מאָסקווע אָפטמאָל פאָהרען אַפּילו קלעזמער, קונצען־מאַכער, אויך פּשוט'ע שנאָרער.

אין יאָהר 1826 האָט דער גענעראַל גלעבאָוו זיין הויז, וואו עס האָט זיך געפונען די אויבען־דערמאָהנטע „פאָדוואָריע", פאַר'ן טויט אָבגעשריבען דער מאָסקווער אויגען־קליניק. לויט זיין צוואה האָבען די איינקונפטען פון דער הויז מיט דער אכסניה געדאַרפט געהן אויף אויסהאַלטען די קליניק, און די הויפּט־אופזיכט איבער דעם האָט אַנגעהערט צום מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. אייגענטליך האָט די זאַך ניט געהאַט קיין שום שייכות צו דער פראַגע וועגען אידישען וואוינרעכט אין מאָסקווע. אָבער אין גיכען איז פון גלעבאָוו'ס נדבה גאָר אונגעריכט אַרויס אַ הארבע גזירה אויף יענע אידען, וואָס פלעגען קומען צופאָהרען קיין מאָסקווע.

ווי מיר האָבען שוין פריהער אָנגעוויזען, האָט דער אידישער האַנדעל אין מאָסקווע פון לאַנג אָן אַרויסגערופען אונצופרידענהייט ביי די דאָרטיגע רוסישע סוחרים. וואָס גרעסערע עסקים אידען האָבען דאָ אָנגעפיהרט, אַלץ מעהר האָט דאָס אויפגעבראַכט די מאָסקווער קרעמער, און אין יאָהר 1827 האָבען זיי זיך געווענדעט צו דעם מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, פירשט גאָליצין, ער זאָל זיי בעשיצען פון דער אידישער קאָנקורענץ. זיי האָבען זיך בעקלאָגט, אַז אידען קומען, געגען דעם געזעץ, כסדר קיין מאָסקווע, פערבלייבען דאָ פראַנק און פריי, וויפיעל צייט זיי גלוסט זיך; זיי ברייגגען אַהער אויסלענדישע סחורות, וועלכע עס קויפען ביי זיי אָב סוחרים, וואָס קומען קיין מאָסקווע פון פערשידענע שטעדט; זיי קויפען דאָ איין רוסישע סחורות ביי אָנגעפאָהרענע הענדלער, אויסמיידענדיג זעהר אָפט די מאָסקווער סוחרים, א. אַז. וו. דאָס אַלץ פערשאַפט זיי, — האָבען זיי גע'טענה'ט, — גרויס שאַדען, און זיי האָבען געזוכט אויסצוּוואוירקען, מען זאָל די אידען פערוועהרען צו קומען קיין מאָסקווע.

געגען דעם האָבען אָבער דערלאַנגט אַ פּראָטעסט די מאָסקווער פאַבריקאַנטען. וואָרום זיי וואָלטען דורכדעם פערלאָרען פיעל אידישע קונדען, וואָס פלעגען ביי זיי יעהרליך קויפען און אָבשיקען אין די אידישע געגענדען סחורות אויף אַ סך מיליאָנען רובעל. די פאַבריקאַנטען און סוחרים זיינען סוף כל סוף צווישען זיך דורכגעקומען. זיי האָבען אויסגעאַרבייט און דערלאַנגט דעם מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר אַזאַ פּלאַן: אידישע סוחרים פון ערשטער און צווייטער גילדיע זאָלען מעגען קומען קיין מאָסקווע נור אויף צוויי מאָנאַטען, און פון דריטער גילדיע — אויף איין מאָנאַט, און מען דאַרף דערביי בעוואָרענען, אַז זיי זאָלען דאָ ניט פיהרען קיין געשעפטען מיט אָנגעפאָהרענע סוחרים.

דער גענעראַל־גובערנאַטאָר, פירשט גאָליצין האָט צוגעשטעלט די זאַך קיין פעטערבורג, און דעם 17־טען אַפּריל 1828 איז אַרויס אַ בעפעהל פון דעם קייזער ניקאָלאַי דעם 1־טען, אַז אידישע סוחרים פון ערשטער און צווייטער גילדיע ווערט ערלויבט צו קומען קיין מאָסקווע, אָהן זייערע פרויען און קינדער, ניט מעהר ווי אויף איין מאָנאַט צייט, און נור אויף איינצוקוי־פען דאָ סחורות; זיי טאָרען דאָ ניט האַנדלען אָדער עפענען קראָמען, און מען זאָל אויף זיי „שטרענג אַכטונג געבען". שפּעטער איז דער טערמין, אויף וועלכען אידען מעגען קומען אין רוסישע שטעדט איינצוקויפען סחורות, פערלענגערט געוואָרען פאַר סוחרים פון ערשטער גילדיע ביז זעקס מאָנאַטען, פון צווייטער גילדיע — ביז דריי מאָנאַטען, און אויך די אידישע סוחרים פון דריטער גילדיע האָבען געקראָגען דאָס רעכט צו קומען אויף איין מאָנאַט צייט.

אָבער דער פונקט אין ניקאָלאַי׳ס בעפעהל וועגען דער שטרענגער אויפזיכט, אונטער וועלכער עס דאַרפען שטעהן די אידען, האָט געגעבען דעם מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר גאָליצין די געלעגענהייט איינצו־פיהרען פאַר זיי זעהר אַ האַרבע און שווערע בעגרענצונג: אום צו פער־גרעסערן די איינקונפטען, וואָס די מאָסקווער אויגען־קליניק האָט בעקומען פון גלעבאָוו׳ס הויז מיט דער אכסניה, האָט ער אָבגעגעבען די פעראָרדנונג, אַז אַלע אידען, אָהן שום אויסנאַהם, וועלכע מעגען לויט׳ן געזעץ קומען אויף אַ געוויסע צייט קיין מאָסקווע, מוזען וואוינען אויסשליסליך אין דער „גלעבאָווער פאָדוואָריע", אין קיין שום אַנדער אכסניה אָדער פּריוואַטער וואוינונג טאָרען זיי זיך ניט אויפהאַלטען.

דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט זיין פעראָרדנונג מיטגעטיילט דעם מאָסקווער אָבער־פּאָליציימייסטער. אויך איז וועגען איהר פערעפענטליכט געוואָרען אין מאָסקווער פּאָליציי־בלאַט, אום די בעפעלקערונג זאָל וועגען דעם וויסען. אָפיציעל האָט דאָס געהייסען, אַז אָהן דעם וואָלט אונמעגליך געווען „שטרענג אַכטונג צו געבען" אויף די אידען, וואָס קומען קיין מאָסקווע, ווי דער קייזערליכער בעפעהל האָט עס געפאָדערט. אין דער ווירקליכקייט אָבער איז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר אויסען געווען נור די געלד־אינטערעסען פון דער מאָסקווער אויגען־קליניק, צו וועלכער עס האָט אָנגעהערט די „גלעבאָווער פאָדוואָריע"; ער האָט איהר געגעבען די פּריי־ווילעגיע, אַז נור זי אַליין האָט דאָס רעכט צו האַלטען ביי זיך יענע אידען, וואָס מעגען קומען אויף אַ צייט קיין מאָסקעווע. פירשט גאָליצינ׳ס פער־אָרדנונג איז געווען דורכאויס אונגעזעצליך. שוין ניט ריידענדיג פון די אידען, פאַר וועלכע זי האָט איינגעפיהרט אַ שאַרפע בעגרענצונג, האָט זי האַרב בעריהרט די מאַטעריעלע אינטערעסען פון די אַנדערע מאָסקווער

אכסניות, וואוהין אידען פלעגען פריהער פערפאָהרען. דער רוסישער סוחר מוראַשאָוו, וועלכער האָט פון לאַנג אָן געהאַלטען אין מאָסקווע אַ „פּאָדוואָריע", וואו עס האָבען זיך אָפטמאָל אָבגעשטעלט אידען, האָט אויף גאָליצינ'ס פעראָרדנונג זיך בעקלאָגט אין סענאַט, אָבער ער האָט גאָרנישט אויסגעפיהרט. דער סענאַט האָט מוראַשאָוו'ן אָבגעזאָגט, און אויף אַזאַ אופן ווי בעשטעטיגט די גזירה, וואָס דער מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט איינגעפיהרט.

אָט אַזוי איז עס בעשאַפען געוואָרען אין יאָהר 1828 די מאָסקווער גהעטאָ, די גלעבאָווער „זשידאָווסקע פּאָדוואָריע". ווי שוין געזאָגט, איז איהר אייגענטימער געוועזען די אויגען־קליניק. דער אויבערשטער בעל־הבית איבער דער צוואַנג־אכסניה פאַר אידען איז געוועזען דער מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. ער פלעגט פון צווישען זיינע אדיוטאַנטען בעשטימען אַן „אויפזעהער" („פּאָפּעטשיטעל") איבער דער „פּאָדוואָריע". די אויגען־קליניק פלעגט שטעלען אַ „פערוואַלטער" („סמאָטריטעל"), געוועהנליך אַן אויסגעדיענטען פּאָליציי־בעאַמטען. ער האָט דירעקט געפיהרט אַלע ווירטשאַפטליכע אנגעלעגענהייטען פון דער „פּאָדוואָריע", געזאָרגט וועגען אָרדנונג, אויפגעמאָהנט די איינקונפטען, צוגעשטעלט דאָס געלד און רעכענונגען אין קאַסע פון דער אויגען־קליניק, א. אַז. וו. ער האָט בעקומען געהאַלט 1200 רובעל יעהרליך און אַן אומזיסטע וואוינונג אין דעם הויז פון דער אידישער אכסניה. דער פערוואַלטער האָט געהאַט אַ בעזונדערע „הויז־קאַנצעלאַריע" מיט אַ שרייבער, וואָס האָט אויך, אַחוץ געהאַלט, געהאַט אַן אומזיסטע דירה. אויסער דעם, זיינען דאָ געוועזען עטליכע „דוואָרניקעס", נאַכט־וועכטער, דיענער, א. אַז. וו. דער פערוואַלטער פון דער אכסניה, ווי אויך זיינע געהילפען, זיינען געשטאַנען אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם „אויפזעהער", וועלכער איז בעשטימט געוואָרען פון דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר. ער האָט איהם געדאַרפט ראַפּאָרטירען וועגען יעדער וויכטיגער זאַך און זיך ביי איהם אָנפרעגען מכח אַלע צווייפעלהאַפטע אנגעלעגענהייטען.

די אידישע „פּאָדוואָריע" האָט זיך געפונען אין סאַמע האַנדעלס־צענטער פון מאָסקווע, הינטער די „ריאַדעס", — די שורות קראָמען און געוועלבער, אין איינעם פון די געסלעך, וואָס פיהרען באַרג־אַראָב צום טייך צו (די אַזוי־גערופענע „זאַריאַדיע"). דאָס איז געוועזען אַ צוויי־גאָרענדיג הויז מיט אַ זעכציג צימערן, אין וועלכע עס פלעגען זיך אויפהאַלטען די אידישע אורחים. דער פּרייז פאַר יעדען צימער, וועפיעל עס דאַרף געצאָהלט ווערען פאַר איינשטעהן דאָ, פלעגט בעשטימט ווערען פון דעם מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. יעדער גאָרען האָט געהאַט אַ קיך, וואָס די אורחים האָבען געקאָנט קאָכען פאַר זיך כשר'ס. אויפ'ן הויף זיינען געוועזען גרויסע שפּייכ־

לערס פאַר סחורות, אויך גערוימע סקלאַדען פאַר פערשידענע מאַטעריאַלען, מיט וועלכע די אכסניה פלעגט, ווי מיר וועלען זעהן ווייטער, בעזאָרגען איהרע אורחים.

אין יענע צייטען זיינען ביים אַריינפאָהר אין יעדער רוסישער שטאָדט געשטאַנען קליינע געמויערטע וואַך־הייזלעך, פאָליצייאישע „ראָגאַטקעס". מאָסקווע איז אין דעם קיין אויסנאַהם ניט געווען. דאָ, ביי דער „ראָגאַטקע", האָבען געהאַט דאָס ערשטע קבלת־פנים אַלע, וואָס זיינען אָנגעקומען קיין מאָסקווע. זיי האָבען בעדאַרפט בעווייזען זייערע פאַפּירען. מען פלעגט אָבטיילען די קריסטען און זיי פריי אַריינלאָזען אין שטאָדט. די אידען אָבער האָט מען מיט אַ קאָנוואָי אָבגעפיהרט אין „זשידאָווסקע פאָדוואָריע". דאָ פלעגט דער פערוואַלטער איבערפלעכליך דורכקוקען זייערע פאַספּאָר־טען און דערנאָך ווידער מיט אַ קאָנוואָי אָבשיקען זיי אין פאָליציי־קוואַרטאַל, וואו דער „פּריסטאַוו" (פאָליציי־בעאַמטער) האָט שוין גרינדליך קאָנטראָ־לירט יעדערענס דאָקומענטען. אויב ער האָט אויסגעפונען, אַז דער איד מעג לויט'ן געזעץ לעבען אַ געוויסע צייט אין מאָסקווע, און זיינע פאַפּירען זיינען „אין אָרדנונג", האָט יענער זיך בעזעצט אין דער גלעבאָווער אכסניה. אָט ווי איינער בעשרייבט זיין אַריינפאָהר קיין מאָסקווע:

ווי מען האָט נור ביי דער „ראָגאַטקע" דערזעהן אין מיין פאַספּאָרט דאָס געפעהרליכע וואָרט „איד", האָבען זיך תיכף אָנגעהויבען פערשידענע „צערעמאָניעס". צו מיר אויף דער קעלניע האָט מען אַנידערגעזעצט אַ קאָזאַק און איהם אין די הענד געגעבען מיין פאַספּאָרט. אַזוי בין איך דורכגעפאָהרען אַ האַלבע שטאָדט מיט דעם קאָנוואָי, פונקט ווי איך וואָלט בעגאַנגען מי יודע וואָס פאַר אַ פערברעכען. האָט מען מיך געבראַכט אין „זשידאָווסקע פאָדוואָריע", צו דעם פערוואַלטער, — אַ כאַבאַרניק פון ערשטען ראַנג. מיין פאַספּאָרט איז אַריבער צו איהם, און פון איהם — צום „גאָראָדאָוואָי" (פאָליציאַנט). אינאיינעם מיט דעם פאַספּאָרט בין איך אַריינגעפאַלען אין דעם פאָליציאַנט'ס הענד, ער איז געוואָרען דער גאַנצער בעל־הבית איבער מיר. ער האָט מיר ניט ערלויבט ניט איינוואַשען זיך, ניט עטוואָס אָברוהען זיך פון וועג, און האָט מיך תיכף אַוועקגעשלעפּט אין פאָליציי־קוואַרטאַל. דאָרטען בין איך אָבגעשטאַנען אויף די פיס גאַנצע דריי שטונדען, איך האָב אויסגעהערט פון פערשידענע בעאַמטע אַ גאַנצע סדרה גראָבע בעליידיגונגען און כ'האָב גרינגער געמאַכט מיין טייסטער אויף עטליכע קערבלעך, ביז מען האָט מיר ענדליך געשטעלט אויף מיין פאַספּאָרט אַ שטעמפּעל, אַז איך מעג פערבלייבען אין מאָסקווע אַ מאָנאַט צייט. בעקומען דעם שטעמפּעל, ווער איך, אַלזאָ, אויף אַ גאַנצען חודש אַ שטענדיגער איינוואוינער פון דער „זשידאָווסקע פאָדוואָריע", ...און צו־

גלייך קריגט דער כאַבאַרניק, דער פערוואַלטער איהרער, די פּאָלקאָמע הערשאַפט איבער מיר [1]).

לויט דעם געזעץ, האָבען אידען געמעגט פאַהרען אויף אַ צייט קיין מאָסקווע נור צוליעב גענוי־בעשטימטע, אָפיציעל־אָנגעוויזענע אנגעלעגענ־הייטען. אָבער ביי דער גרעניצלאָזער סיסטעם פון כאַבאַר, וואָס האָט דאַן געהערשט אומעטום, און בעזונדערס ביי דער פּאָליציי, האָט מען אָפּט־מאָל געקאָנט אויסגעפינען אַ מיטעל צו פערברייינגען דאָ אַ געוויסע צייט אָהן שום געזעצליכען גרונד, אָדער אַ לענגערען טערמין, איידער דאָס געזעץ האָט ערלויבט. אַ ביישפּיעל געפינען מיר אין די עראינערונגען פון דעם בעוואוסטען העברעאישען שריפטשטעלער בנימין מאַנדעלשטאַם. ער דער־צעהלט, ווי אַזוי ער האָט זיך איינגעאָרדענט אויף ווייטער אין גלעבאָווער גהעטאָ, וואו מ׳האָט איהם געגעבען די עצה, ער זאָל זיך פערשטעלען פאַר כלומרשט אַ קראַנקען און געבען צו פערשטעהן דעם פּאָליציי־דאָקטאָר, וואָס וועט צו איהם קומען, אין וואָס עס בעשטעהט זיין קרענק. מאַנדעל־שטאַם האָט געפאָלגט. ער איז אַוועק צוריק אין גלעבאָווער אכסניה און זיך אַנידערגעלעגט אין בעט אַריין.

„ווען דער פּאָליציאַנט, — שרייבט ער ווייטער, — איז געקומען אַרויס־שיקען מיך פון שטאָדט, האָב איך אָנגעהויבען גוואַלדעווען, אַז איך האָב שרעקליכע קאָפּ־וועהטאָג. מיינע יללות זיינען דערגאַנגען ביז צום „פּריי־סטאַוו", און ער האָט געשיקט צו מיר אַ דאָקטאָר זעהן, צי איך בין טאַקע קראַנק. יענער איז אַריין צו מיר און האָט מיך געפרעגט: „וואָס פעהלט דיר?" האָב איך געזאָגט, אַז דער קאָפּ טוט מיר וועה, דאָס האַרץ דריקט און אַנדערע אַזעלכע זאַכען. דער דאָקטאָר האָט גענומען שרייען: „ניין, דו לייגסט! אָן דיין געזיכט איז צו זעהן, אַז דו ביזט פּאָלקאָם געזונט. גיב מיר די האַנד, וועל איך דיר אַ טאַפּ טהאָן דעם פּולס!" האָב איך איהם דערלאַנגט די האַנד, אין וועלכער ער האָט טאַקע דערטאַפּט די סימנים פון מיין קרענק און די נויטיגע רפואה. איז ער געוואָרען מילד און האָט געזאָגט: „איהר זיינט דאָך ווירקליך קראַנק, דער לאַנגער וועג האָט אייך אָבגעשוואַכט, און איהר דאַרפט זיך גוט אָברוהען". ער האָט מיר אָנגעשרי־בען אַ רעצעפּט און געזאָגט: „איך וועל מעלדען דעם פּריסטאַוו, ער זאָל הייסען די פּאָליציאַנטען לאָזען אייך צו־רוהה, ביז איהר וועט געזונט ווערען [2])... און אַזוי האָט מאַנדעלשטאַם אונגעשטערט פערבראַכט נאָך אַ שטיקעל צייט אין מאָסקווע.

---

[1]) Соч. О. А. Рабиновича, т. I („Наслѣдственный подсвѣчникъ"), стр. 138.

[2]) ב. מאַנדעלשטאַם. „חזון למועד", חלק א׳, 42.

די גלעבאָווער אכסניה איז געווען אַ מאָסקווער אידישע „טשערטאַ". אַלע אידען, וואָס האָבען געהאַט דאָס רעכט צייטווייליג צו לעבען אין מאָסקווע, זיינען געווען מחויב צו וואוינען אין דער „זשידאָווסקע פּאָדוואַריע". ווען מען האָט ענטדעקט אַ אידען, וואָס האָט זיך געהיימערהייד אויפגעהאַלטען ערגיץ-וואו אַנדערש, האָט מען איהם מיט געוואַלט בעזעצט אין דעם גלעבאָווער אַריינפאָהר-הויז. וואָסער מין אידען זיינען עס געווען די, וואָס האָבען בעוואוינט די מאָסקווער גהעטאָ? אין דער הינזיכט איז געווען אַ גרויסער אונטערשייד צווישען פּעטערבורג און מאָסקווע. קיין פּעטערבורג פלעגען פאָהרען ניט נור אידישע סוחרים. פּעטערבורג, אַלס צענטער פון דער גאַנצער רוסישער רעגירונגס-פערוואַלטונג, האָט צוגעצויגען צו זיך אויך אַנדערע אידישע געשעפטסלייט: פּאָדריאַטשיקעס, ליפעראַנטען אויך פערשידענע שתדלנים. מאָסקווע, פּערקערט, איז געווען דער בעדייטענדסטער צענטער פון רוסלאַנד'ס האַנדעל און פאַבריקאַציע, און דעריבער פלעגען אהין פון דער „טשערטאַ" קומען כמעט אויסשליסליך אידישע סוחרים און קאָמיסיאָנערען. צייטענווייז האָבען זיי אַהער געבראַכט אויסלענדישע אַרטיקלען, דערהויפּט אָבער פלעגען זיי דאָ איינקויפען פערשידענע סחורות, בעזונדערס שניט-סחורה. די לאָדזער און ביאַליסטאָקער טעקסטיל-פאַבריקאַציע האָט דאַן נאָך געהאַט אַ קליינע בעדייטונג, און מאָסקווע האָט מיט איהר פּראָדוקציע כמעט איינע אַליין בעזאָרגט די אידישע „טשערטאַ". ווען עס פלעגט אַמאָל פערבלאָנדזשען קיין מאָסקווע אַ איד ניט קיין סוחר, איז דאָס געווען אַ זעלטענער פאַל. אַהער זיינען געוועהנליך געפאָהרען פאָרשטעהער פון דעם אידישען האַנדעלס-קלאַס, און שטענדיג אין אַ בעדייטענדער צאָהל. „דאָ האַלטען זיך אויף, — לייענען מיר וועגען מאָסקווע ביי אַ אידישען שריפטשטעלער פון יענער צייט, — זעהר פיעל אונזעריגע, אי פון די מערב'דיגע גובערניעס, אי פון ווייסרוסלאַנד, אי פון פערשידענע אַנדערע געגענדען, אַלץ סוחרים אָדער קאָמיסיאָנערען, וואָס פיהרען גאָר גרויסע געשעפטען מיט די מאָסקווער פאַבריקאַנטען[3]). דאָס זעלבע בעשטעטיגט אויך ב. מאַנדעלשטאַם אין זיינע ערמאָנערונגען. ער דערצעהלט, אַז די גלעבאָווער „פּאָדוואָריע" איז געווען פול מיט „אידישע סוחרים פון אַלע עקען וועלט, וואָס יעדערער פון זיי האָט גערעדט אויף זיין שטייגער". די אכסניה האָט איהם דערמאָהנט אָן „אַ שטייג, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט אַלערליי מינים פויגעלעך"[4]).

עס איז ניטאָ קיין גענויע סטאַטיסטישע ציפערן וועגען דער צאָהל אידען, וואָס פלעגען פון יעדער גובערניע אין יענע צייטען קומען קיין

[3]) Соч. О. А. Рабиновича, т. I., стр. 139.

[4]) „חזון למועד", חלק א', 32.

מאָסקווע. אָבער פון איניגע אָפיציעלע מאַטעריאַלען בעקומען מיר אַ גע־וויסען בעגריף וועגען יענע געגענדען, וועלכע האָבען מייסטענס צוגעשטעלט אורחים אין גלעבאָוועער „פּאַדוואָריע”. דעם ערשטען אָרט האָט דאָ פערנומען די נאָהענטע רייסישע געגענד: מאָהילעווער, וויטעבסקער און מינסקער גוב. רייסען האָט דאַן פערמאָגט אַ גרויסען, שטאַרק בעלעבטען האַנדעלס־פּונקט — שקלאָוו, וואָס האָט געפיהרט בעדייטענדע געשעפטען מיט מאָסקווע. שקלאָווער אידישע סוחרים פלעגען מעהר פאָהרען קיין מאָסקווע, איידער אַנדערע. אָפט האָט מאָסקווע געזעהן ביי זיך אידען אויך פון אָרשע, מאָהילעוו און אַנדערע רייסישע שטעדט. דעם צווייטען אָרט האָבען פער־נומען די אידישע סוחרים פון ליטע און קורלאַנד. פון דער אַלגעמיינער סומע סחורות אויף 27 מיליאָן רובעל, וואָס אידישע סוחרים האָבען פאַר'ן יאָהר 1828 אַרויסגעפיהרט פון מאָסקווע, איז אויסגעקומען אויף מאָהילע־ווער גובערניע העכער ווי דריי מיליאָן רובעל, אויף מינסקער גובערניע — כמעט צוויי און אַ האַלב מיליאָן רובעל, און אויף וויטעבסקער גובערניע — כמעט צוויי מיליאָן רובעל. דער ליטווישער ראַיאָן (ווילנער, גראָדנער גוב. און ביאַליסטאָקער געגענד) האָט איינגעקויפט אויף זעקס מיליאָן רובעל, און קורלאַנד — העכער ווי אויף צוויי מיליאָן.

די ציפערן, וואָס מיר האָבען אָקאָרשט געבראַכט, בעווייזען, אַז אין די בעציהונגען מיט מאָסקווע האָבען דאַן רייסען (דערהויפּט שקלאָוו), ליטע און קורלאַנד געשפּילט די הויפּט־ראָלע. (אויך מיט אַ צייט שפּעטער, ווען געוויסע קלאַסען אידען האָבען בעקומען די מעגליכקייט צו בעזעצען זיך אויף ש ט ע נ ד י ג אין די רוסישע שטעדט, האָבען פון די זעלביגע דריי געגענדען געשטאַמט די בעדייטענדסטע גרופּעס פון דער מאָסקווער אידישער בעפעלקערונג: שקלאָווער אידען, ליטווישע און קורלענדער). גאַנץ אָפטע אידישע אורחים האָט מאָסקווע געהאַט אויך פון וואָלין. אין יאָהר 1831 האָבען זיי פון דאַנען טראַנספּאָרטירט צו זיך אַהיים סחורות אויף העכער ווי צוויי מיליאָן רובעל. בערסאַנער אידען האָבען דאָ אין יאָהר 1829 איינגעקויפט אויף מעהר ווי איין מיליאָן רובעל. קיין מאָסקווע פלעגען קומען אידישע סוחרים אויך פון פּוילען און אַפילו פון עסטרייך. יעדע פון אָט די ביידע גרופּעס האָט אין יאָהר 1829 אַרויסגעשיקט פון דאַנען סחורות אויף צוויי מיליאָן רובעל. פון אַן אָפיציעלען אַרכיוו־דאָקו־מענט דערוויסען מיר זיך, אַז אין יאָהר 1847 האָבען זיך אין מאָסקווע אויפגעהאַלטען אידישע סוחרים פון מאָהילעוו, מינסק, וויטעבסק, ווילנע, דענעבורג (דווינסק), בערדיאַנסק, א. אַז. וו., אויך פון אויסלאַנד.

מיר זעהען אַלזאָ, אַז אידישע סוחרים פאָהרען קיין מאָסקווע פון די פערשידענסטע געגענדען, און אין אַ גאַנץ גרויסער צאָהל. פאַר'ן אַרויס־פאָהר האָבען זיי זיך געמוזט בעזאָרגען, אַחוץ די געוועהנליכע דאָקומענטען,

נאָך מיט אַ „גובערנאַטאָרסקי" פּאַספּאָרט און אַ בעשטעטיגונג, אַז זיי פאָהרען צוליעב געשעפטליכע ענינים. ביים פערלאָזען די אידישע „טשער־טאַ", האָבען זיי זיך געמוזט גיזעגענען מיט די אַמאָליגע אידישע קליידער; ווייל נאָך מיט פיעל צייט פריהער, איידער ניקאָלאַי דער ערשטער האָט פערבאָטען די אַלט־מאָדישע אידישע בגדים, האָט דאָס געזעץ געפאָדערט, אז אין די רוסישע געגענדען זאָלען אידען זיין געקליידט גלייך מיט אַנדערע.

אָנגעקומען קיין מאָסקווע, פלעגען זיי תיכף אָבגעפיהרט ווערען אין גלעבאָווער „פּאָדוואָריע", און דאָ האָבען זיי זיך געמוזט אויפהאַלטען די גאַנצע צייט, וואָס זיי איז געווען ערלויבט צו פערבלייבען אין מאָסקווע. די זעכציג צימערן, וואָס די גלעבאָווער אכסניה האָט פערמאָגט, האָבען ניט געקלעקט פאַר די אידישע אורחים, יעדערער זאָל קאָנען האָבען אַ בעזונדער קאַמער פאַר זיך. אין אַן אָפּיציעלען בעריכט פון יאָהר 1838 ווערט אָנגע־וויזען, אַז צייטענווייז, ווען עס קומט צופאָהרען אַ גרויסער עולם, „לעבען דאָ צו צוויי אידען אָדער מעהר אין איין צימער". אין דער ווירקליכקייט פלעגט אָפט אויסקומען אויפצוהאַלטען זיך זאַלבעפערט און אָפילו זאַלבע־פינפט אין איין חדר. „ווי איך בין נור אַהער פערפאָהרען, — שרייבט ב. מאַנדעלשטאַם, — איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען. די אכסניה איז געווען פול געפּאַקט, ס'איז געווען אַזאַ ענגשאַפט און אַזוי דושנע, משש דערשטיקט צו ווערען" [5].

.II

די „זשידאָווסקע פּאָדוואָריע" איז געווען אַ מין קאַזאַרמע פאַר יענע אידען, וואָס האָבען געמעגט אַ געוויסע צייט זיך אויפהאַלטען אין מאָסקווע. אָבער דאָ, אין דער אידישער קאַזאַרמע, האָט מען געמוזט פאַר יעדע זאַך צאָהלען, און טאַקע מורא'דיגע מקחים. די טאַקסע, וויפיעל מען זאָל נעהמען פאַר'ן וואוינען אין דער „פּאָדוואָריע", פלעגט בעשטעטיגט ווערען דורך דעם מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. אין אַ בעריכט, וואָס איז אין יאָהר 1838 צוגעשטעלט געוואָרען אין מיניסטעריום, איז אָנגעוויזען דער פרייז: פון דרייסיג ביז זיבעציג רובעל מאָנאַטליך, ווענדליג דער גרויס פון דעם צימער. דאָס איז געווען אַ שרעקליכער יקרות, בפרט אַז די צימערן זיינען דאָ געווען קליינע, און אויפהאַלטען פלעגט מען זיך צו עטליכע מענשען אין איין חדר. פאַר אַזעלכע געלד האָט מען אין יענע צייטען געקאָנט האָבען אַ רעכטע, גערוימע דירה. אָבער אָפילו אָט די אומגעוועהנליך הויכע טאַקסע האָט געגאָלטען בלויז אָפיציעל, זי איז פערבליבען נור אויפ'ן פּאַפּיר. אין דער ווירקליכקייט פלעגט מען נעהמען אַנדערע, נאָך פיעל

[5]) דאָרט, 32.

העכערע מקחים. „דער פערוואַלטער, דער „סמאַטריטעל פון דער „פּאַדוואַ־ריע״ — דערצעהלט איינער אין י. ראַבינאָוויטש׳עס „ירושה לאַמפּ״ — איז איבער דיר דאָ דער אונבעגרענצטער האַר. אַ צימער וועט ער דיר אָנווייזען ניט יענעם, וואָס דו פערלאַנגסט, נאָר וואָס ער וויל; אַ מקח וועט ער נעהמען ניט לויט דער טאַקסע, וועלכע קיינער זעהט ניט אַפילו אין די אויגען, נאָר ווי עס פערגלוסט זיך איהם; און פערשטעהט זיך, דריי מאָל טייערער, איידער עס קומט״ [6]).

אין דער „פּאַדוואַריע״ האָט געהערשט דער כלל: וואָס מעהר אַרויס־קוועטשען ביי די אידישע סוחרים, שינדען פון זיי די הויט. יעדער שריט זייערער האָט בעדאַרפט אַריינברייננגען געלד דער אכסניה, צו וועלכער זיי זיינען געוועזן צוגעשמידט. ווי מיר האָבען שוין געזעהן, זיינען כמעט אַלע אידען, וואָס פלעגען מוזען אַהער פערפאָהרען, געוועזן סוחרים אָדער קאָמי־סיאָנערען, וועלכע זיינען געקומען קיין מאָסקווע איינקויפען ביי דאָרטיגע פאַבריקאַנטען פערשידענע סחורות. געוועהנליך פלעגט שוין די פאַבריק אַליין פערפאַקען און פון איהר לאַגער אָבשיקען די פערקויפטע סחורה אין יענע שטאָדט, וואָס דער קויפער האָט אָנגעוויזען. פאַר אידישע סוחרים האָט אָבער געגאָלטען אַן אַנדער אָרדנונג: דער איד האָט ניט געטאָרט טראַנספּאָרטירען דירעקט צו זיך אָדער צו זיין קונד די סחורה, וואָס ער האָט איינגעהאַנדעלט, נאָר ער האָט זי געמוזט פריהער ברייננגען אין „פּאַ־דוואַריע״, וואו עס זיינען דערויף געווען בעזונדערע שפּייכלערס. אָבשיקען די סחורה האָט ער געמעגט נור פון דאָנען. דאָס האָט פאַר דעם אידען בע־שאַפען איבעריגע און גרויסע אומקאָסטען, פון וועלכע דער קריסטליכער קויפער האָט ניט געוואוסט. מען האָט געמוזט צאָהלען פאַר׳ן ליפערן די סחורות אין „פּאַדוואַריע״, פאַר׳ן האַלטען זיי דאָ אין שפּייכלער. מיט דעם איז אָבער דער אידישער סוחר ניט יוצא געווען. אויף איינצופּאַקען די סחורה זיינען נויטיג געווען ראָגאָזשעס, לייווענט, קאַסטענס, פּאַפּיר, טרי־וואַקס, שפּאַגאַט, שטריק, א. ד. גל. די אַלע מאַטעריאַלען האָט דער אידישער סוחר ניט געטאָרט קויפען ערגיץ־וואו אין שטאָדט, נאָר ער האָט זיי געמוזט בעקומען פון דער „פּאַדוואַריע״, וואָס פלעגט פאַר זיי נעהמען געוואַלדיגע מקחים. און איינפּאַקען זיין סחורה אַליין אָדער מיט זייטיגע אַרבייטער, וועלכע ער זאָל פאַר זיך דינגען, האָט דער איד אויך ניט גע־טאָרט. ער האָט געמוזט אָנקומען צו אַ ספּעציעלען „קאָראָבאָטשניק״ (פּאַקירער), וואָס האָט דער איינציגער געהאַט דאָס רעכט דאָ צו אַרבייטען. ער פלעגט צאָהלען דער „פּאַדוואַריע״ 720 רובעל יעהרליך, און דערפאַר האָט ער געמעגט רייסען פון די אידישע קונדען, וועלכע האָבען איהם ניט

[6]) Соч. О. А. Рабиновича, т. I, стр. 139.

געקאָנט אויסמיידען, וויפיעל ער האָט געוואָלט. עקספּלאָאַטירט האָט מען ניט נור די סוחרים. אידישע בעלי־עגלות, וואָס פּלעגען פיהרען סחורות קיין מאָסקווע, האָבען דאָ אויך געמוזט פּערפּאַהרען אין דער צוואַנג־אכסניה פּאַר אידען. און אויך זיי איז פערוועהרט געווען צו קויפען היי און האָבער פּאַר זייערע פערד ערגיץ־וואו אַנדערש, אַחוץ דער „פּאַדוואָריע", און דאָ האָבען זיי פּאַר אַלץ געמוזט צאָהלען מורא'דיגע פּרייזען.

ווי סאָלדאַטען אין קאַזאַרמע, אַזוי האָבען אויך די אידישע סוחרים געמוזט אָוונד־צייט צוריקקומען אין „פּאַדוואָריע" און שוין ניט געטאָרט אַרויסגעהן. בייגאַכט איז דער טויער געווען פערשפּאַרט, און מען האָט קיינעם ניט אַריינגעלאָזט און ניט אַרויסגעלאָזט. ווער עס האָט פערשפּעטיגט, האָט געמוזט נעכטיגען אויף דער גאַס, אָדער גאָר אין פּאָליציי־קוואַרטאַל. „ס'האָט זיך מיר איינמאָל פערגלוסט צו געהן אין טעאַטער, — לייענען מיר ביי י. ראַבינאָוויטש'ן, — ווי זאָל מען עס זיין אין מאָסקווע און ניט זעהן דעם בעריהמטען רוסישען אַקטיאָר מאָטשאַלאָוו'ן? געגעבען האָט מען שעקספּיר'ס „האַמלעט"... נו, האָב איך זיך פערזעסען אין טעאַטער, כ'האָב אָן אַלץ פערגעסען, אַזאַ מורא'דיג פערגעניגען האָב איך געפיהלט. די פּאַר־שטעלונג האָט זיך געענדיגט. אויפ'ן זייגער אַ קוק צו טהאָן איז מיר ניט איינגעפאַלען; איך בין אַריין אין אַ רעסטאָראַן עטוואָס איבערבייסען, און פון דאָרטען אַוועק אַהיים. איך קלינג אָן, פרעגט דער „דוואָרניק": „ווער איז דאָס?" ענטפער איך: „אַן אייגענער מענש. עפען, ברודערקע!" וואו! ער וויל אַפילו ניט הערען — ס'איז שוין פאַריבער די שעה, עס איז שוין האַלבע־נאַכט! איך בעט זיך ביי איהם, כ'באַט איהם אָן אַ קערבעל, דערנאָך צוויי און אַפילו גאַנצע דריי — אָבער עס העלפט ניט... ער וויסט איינס: דער „סמאָטריטעל" פון דער „פּאַדוואָריע" האָט פערזאָגט ניט צו עפענען (דער פערוואַלטער איז אויף מיר געווען שטאַרק אַנגעשטויסען, ווייל איך פּלעג זיך פאַר איהם ניט בוקען און קניהען — האָט ער מיר דאָ אָבגעדיענט). שטעה איך מיר ביים טויער און כ'טאַנץ אונטער — ס'איז אַ ביטערער פראָסט, עס קנאַקט ממש. וואו זאָל מען זיך אַהינטהאָן? איך ווייס, אַז קיינער וועט מיך צו זיך אין שטוב ניט אַריינלאָזען; האַלטען ביי זיך אַ אידען, דאָס איז אַ קרימינאַל.... כאַטש נעהם און וויין!... פּלוצלינג בעוויזט זיך אַ פּאָליצייאישער פּאַטרול. „ווער ביזט דו?" — דערצעהל איך די מעשה: „כ'בין געווען אין טעאַטער, לאָזט מיך איצט דער „דוואָר־ניק" ניט אַריין; וואוינען וואוין איך דאָ, אין דער „פּאַדוואָריע".—„אַ, אין דער „פּאַדוואָריע"? — זאָגט דער „קוואַרטאַלנער" — הייסט עס, אַ איד... שלעפּ זיך ניט אַרום, פאַרך איינער, ביי־נאַכט!... אויך מיר אַ נפש, אין טעאַטער ווילט זיך איהם! נעהמט איהם אין קוואַרטאַל אַריין!" האָט מען מיך אָבגעפיהרט אין פּאָליציי־קוואַרטאַל, אונטערוועגס אַ פּאַר מאָל אַ שטופּ

געטהאָן. אַריינגעזעצט האָט מען מיך אינאיינעם מיט אַלערליי פערדעכטיגטע מענשען אָהן פּאַספּאָרטען, שיכורים און גאַסען־מיידלעך. די גאַנצע נאַכט האָב איך פון פּאַרדרוס און בזיון קיין אויג ניט צוגעמאַכט. גערעכענט האָב איך, ווייניגסטענס, אין דער־פריה וועט מען מיך גלייך אַרויסלאָזען, — ערשט עס הויבט זיך גאַר ניט אָן! דער „פּריסטאַוו", הייסט עס, שלאָפט נאָך אַלץ; נאָכדעם האָט ער אַלעמען, וואָס מען האָט ביינאַכט פערהאַלטען, געמאַכט אַ פערהער, אַחוץ מיר, און איז אַוועק עפּיס מיט אַ ראַפּאָרט; שפּעטער האָט ער גענומען פריהשטיקען; דערנאָך דאָס און יענץ, און איך זיץ נאָך אַלץ הינטער דער גראַטקע און שעם זיך דעם קאָפּ אויפצו־הויבען. צום גליק האָט מיר דאָ איינער אַ עצה געגעבען... עס האָט זיך אויסגעלאָזט צו מיין טייסטער, און קוים צו־וואָרמעס האָט מען מיך ענדליך אַרויסגעלאָזט" [7].

אין דער „פּאַדוואָריע" האָט מען געוואוסט, אַז ווי מען זאָל די אידען ניט בעהאַנדלען, וועט מען שטענדיג האָבען אידישע אורחים: זיי האָבען דאָך קיין ברירה ניט און זיי טאָרען ערגיץ־וואו אַנדערש אין מאָסקווע ניט פערפאַהרען. מען האָט דעריבער מיט זיי קיין צערעמאָניעס ניט געפּראַוועט. די ווינציגע דיענער, וואָס די „פּאַדוואָריע" פלעגט האַלטען, זיינען געווען גראָב, פרעך און צולאָזען. אומעטום איז געווען שמוציג, דושנע, אָנגע־וואָרפען. וועגען ריינקייט, פּינקטליכקייט האָט די אכסניה ניט געזאָרגט. נישקשה, די „זשידעס" וועלען זיך בעגעהן אויך אָהן דעם; זיי מעגען דאַנקבאַר זיין שוין דערפאַר אַליין, וואָס מען לאָזט זיי דאָ וואוינען. פון דעם סאַמע אָנקומען קיין מאָסקווע פלעגט דער איד דאָ אַריינפאַלען אין אַ בעזונ־דער מין קנעכטשאַפט: צוערשט צום „פּריסטאַוו", אָן וועלכען עס האָט זיך געווענדט צו ערלויבען איהם צו פערבלייבען דאָ אַ געוויסע צייט, אָדער צו פסל'ען זיינע „פּאַפּירען" מיט זיין גאַנצען וואוינרעכט; און דערנאָך — צום „סמאָטריטעל", דעם פערוואַלטער פון דער „פּאַדוואָריע". יענער איז געווען דער גאַנצער פּריץ איבער די אידישע אורחים. ער האָט געקאָנט געבען אַ בעסער אָדער ערגער צימער, בעזעצען אין איין קאַמער מעהר אָדער וועניגער מענשען; ער האָט געשטעלט יענעם פּרייז, וואָס ער האָט געוואָלט; ער האָט געקאָנט ערלויבען צו קומען פון שטאָדט אין „פּאַדוואָ־ריע" שפּעטער, איידער מען האָט געמוזט; קורץ גערעדט: אָן דעם „סמאָט־ריטעל" האָט זיך געווענדט אַלץ, ער האָט געקאָנט עטוואָס גרינגער מאַכען דעם אורח זיין לאַגע, אָדער פאַלשטענדיג פערביטערן איהם דאָס לעבען. געוועלטיגט איבער דעם אידען האָבען דאָ אויך דער שרייבער פון דער הויז־קאַנצעלאַריע, די „דוואָרניקעס", די נאַכט־וועכטער, דער „קאַראַ־

[7]) Тамъ-же, 141.

גריגאָרי פּערעץ

דעקאַבריסט

(צום אַרטיקעל די דעקאַבריסטען און אידען אין 1טען באַנד „היסטאָרישע ווערק”).



בנימין מאַנדעלשטאַם

(געשט. 1886)

(צום אַרטיקעל אידישע געהעטאָס אין אַמאָליגען רוסלאַנד)

באַטשניק״ א. אַז. וו. יעדערער האָט געהאַט איבער דעם אידישען אורח אַ געוויסע מאַכט און שטענדיג געקאָנט איהם פערשאַפען שוועריגקייטען און שטערונגען, ניט ריזיקירענדיג דערביי אַפילו אויף אַ האָהר, ווייל דער איד איז דאָ געווען פאָלקאָם שוצלאָז, אַ מין הפקר־זאַך. פון יעדערן האָט מען זיך געמוזט אָבקויפען, אַלע האָבען געריסען און געראַבעוועט. די מאָסקווער אויגען־קליניק האָט געהאַט פון דער „פּאַדוואָריע״ 30--35 טויזענד רובעל יעהרליך. דאָס איז אָבער געווען בלויז אַ טייל פון דער ווירקליכער איינקונפט. אויסער דעם, וואָס מען פלעגט פערשרייבען אין די ביכער און בעוויזען אין די אָפּיציעלע בעריכטען, איז נאָך פערבליבען גענוג געלד, דער „סמאָטריטעל״ זאָל אי האָבען אַ פעטען ביסען, אי זיך קאָנען טיילען מיט דעם „פּריסטאַוו״, מיט די בעאַמטע אין דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר׳ס קאַנצעלאַריע און מיט נאָך אַנדערע, וואָס האָבען דאָ געלעקט אַ ביינדעל. שינדענדיג פון דעם אורח די הויט, האָט יעדערער זיך נאָך איבער איהם איזדעקעוועט, איהם נאָכגעקרימט, פון איהם אָבגעלאַכט און חוזק געמאַכט. דער איד האָט זיך דאָ שטענדיג געפיהלט אין אַן אַטמאָספערע פון בעליידי־גונג, האָס און בעדריקונג.

אידישע סוחרים, צווישען וועלכע עס זיינען געווען פיעל פערמעגליכע מענשען, וואָס האָבען געפיהרט גרויסע געשעפטען און זיינען ביי זיך אין דער־היים געווען געוועהנט צו אַ לייטישען לעבענס־שטייגער, צו געוויסע בעקוועמליכקייטען, האָבען דאָ, אין דער „זשידאָווסקע פּאַדוואָריע״, געמוזט לעבען כמעט ווי אַרעסטאַנטען, אין ענגשאַפט און שמוץ. די אכסניה איז מייסטענס געווען פול געפּאַקט, מען האָט זיך געמוזט דרענגען צו עטליכע מענשען אין אַ קליינעם צימער. עס האָט שטענדיג, און בעזונדערס אין סעזאָן־צייט, געווימעלט מיט אורחים. ס׳איז תמיד געווען אַ הו־האָ. מען האָט זיך דאָ ווייניג געקאָנט רעכענען מיט דעם אַנדערענ׳ס געוועהנהייטען, מיט זיין רוה. מען האָט דאָ ניט געהאַט קיין ווינקעל פאַר זיך אַליין, אָהן זייטיגע מענשען, וואו מען זאָל זיך פיהלען כאָטש אַביסעלע היימיש. אַפילו אין דעם זעלטענעם פאַל, ווען דער אורח פלעגט בעקומען אַ בעזונדער צימער, האָט ער דאָ ניט געהאַט קיין רוה. ב. מאַנדעלשטאַם דערצעהלט אין זיינע עראינערונגען, אַז איהם האָט אין מאָסקווע אָבגעגליקט: ער האָט אין דער „פּאַדוואָריע״ געלעבט איינער אַליין אין אַ צימער׳ל; דאָך אָבער בעקלאָגט ער זיך: „איך האָב קיין רוה ניט פון די פיעלע שכנים מיינע, וואָס געהען צו מיר אַריין יעדע מינוט... יעדערער קומט נאָך עטוואָס, בעט מיך וועגען עפּיס; דער איינער געהט אַריין נאָך אַ פעדער, דער אַנדערער — נאָך אַ חתימה, דער דריטער דאַרף אַ שוועבעלע... ס׳איז מיר ענדליך דערעסען, האָב איך פערשפּאַרט די טהיר, מיינענדיג, אַז איצט בין איך פון זיי בעפרייט געוואָרען. עס האָט אָבער ניט געהאָלפען. מען קלאַפּט אַן

יעדע מינוט צו מיר, אַפילו ווען איינער קומט נאָר פרעגען, צי עס זיצט ניט ביי מיר עמיצער פון זיינע בעקאַנטע. אַט אַזוי דערעסט מען מיר, די טהיר פערמאַכט זיך ניט פון פריה־מאָרגען ביז שפעט אין דער נאַכט" [8]).

דאָס שטענדיגע זיין צווישען מענשען האָט געהאַט נאָך אַ חסרון, זעהר אַ וויכטיגען. די אורחים זיינען געווען געשעפטסלייט, וואָס זיינען געקומען קיין מאָסקווע צוליעב זייערע עסקים. געשעפט האָט זיינע סודות, וואָס מוזען שטרענג אָבגעהיט ווערען. ווען דער סוחר קריגט, צום ביישפיעל, ביי אַ פאַבריקאַנט עפּיס אַ ביליגע „מציאה", פון וועלכער ער קאָן האָבען אַ גוטען פערדיענסט, אָדער ווען ער געפינט אויס ערגיץ־וואו אַ רעכטע, זעהר פאַסיגע סחורה, וויל ער נאַטירליך ניט, אַז אַנדערע זאָלען פון דעם וויסען. ער וויל בכלל האַלטען בסוד, וואָס און וואו ער קויפט דאָ איין, מיט וועמען ער האָט דאָ צו טהאָן, וואוהין און צו וועמען ער שיקט אָב די סחורה א. ד. גל. דאָס זיינען אַלץ זאַכען, וואָס אַנדערע דאַרפען ניט וויסען; אַניט, קאָן עס איהם שאַדען, בפרט אַז אין דער אייגענער אכסניה האַלטען זיך אויף זעהר אָפט גלייכצייטיג קאָנקורענטען, וואָס האַנדלען אין איין געגענד און אַפילו אין דערזעלביגער שטאָדט. דאָ, אָבער, אין דער „פּאָדוואָ־ריע", איז זעהר שווער, כמעט אונמעגליך געווען צו האַלטען וואָס עס איז בסוד. די איינגעקויפטע סחורות האָט מען דאָך געמוזט פערפיהרען אַהער, דאָ זיי פּאַקירען, פון דאַנען זיי אָבשיקען. יעדע זאַך פלעגט פּאָרקומען כמעט פאַר אַלעמען אין די אויגען — היינט גיה בעהאַלט זיך, היט אָב דיינע געשעפטליכע סודות!

מיר פערמאָגען ניט קיין גענויע ידיעות וועגען דער צאָהל אידען, וואָס פלעגען זיך אויפהאַלטען אין דער מאָסקווער „פּאָדוואָריע". אין אַן אָפיציעלען בעריכט פון יאָהר 1838 איז אָנגעוויזען די ציפער 250, פון יאָהר 1846 — 192. עס איז אָבער ניט קלאָר, וואָס עס ווערט דאָ גע־מיינט: די אַלגעמיינע צאָהל אידישע אורחים פאַר'ן גאַנצען יאָהר, אָדער די צאָהל אידען, וואָס האָבען זיך דאָ געפונען ביים צונויפשטעלען דעם בעריכט? מען קאָן גיכער רעכענען, אַז די ציפער בעדייט טאַקע די צאָהל אידען, וועלכע האָבען דאָ געוואוינט אין יענעם טאָג, צו וועלכען עס געהער זיך אָן דער בעריכט. לויט אָפיציעלע ידיעות, וואָס מיר געפינען אין אַן אַרכיוו־דאָקומענט, פלעגען זיך אין די זעכציג צימערן פון דער „פּאָדוואָריע" זעהר אָפט אויפהאַלטען צו 2 מאָן און נאָך מעהר". ווי מיר ווייסען אָבער פון די ערצעהלונגען און די עראינערונגען פון פערשיידענע פערזאָנען, פלעגט מען זעהר אָפט לעבען אַפילו זאַלבעפערט און זאַלבעפינפט אין אַ צימער. די ציפערן, וועלכע מיר האָבען געבראַכט, לייגען זיך, אַלזאָ, אויפ'ן

[8]) „חזון למועד", חלק א', 42.

שכל. אַלענפאַלס, איז די צאָהל איינוואוינער פון דער „פּאַדוואָריע״ געווען אַ גאַנץ בעדייטענדע. די בעפעלקערונג פון דער מאָסקווער אידישער „פּאַדוואָריע״ איז ניט געווען קיין בעשטענדיגע, זי פלעגט זיך בייטען. מען איז געפאָהרען קיין מאָסקווע נור אויף אַ צייט, און דערנאָך האָט מען זיך צוריקגעקעהרט צו זיך אַהיים. דער טערמין, וואָס מען האָט לויט'ן געזעץ געמעגט דאָ פערבלייבען, איז אָבער געווען אַ גאַנץ בעדייטענדער: פאַר סוחרים פון ערשטער גילדיע — זעקס מאָנאַטען, צווייטער גילדיע — דריי מאָנאַטען, און דריטער גילדיע — איין מאָנאַט. דערביי האָבען די סוחרים פון די ערשטע צוויי גילדיעס געמעגט טיילען דעם געזעצליכען טערמין אין צווייען. מען פלעגט אָבזיין אין מאָסקווע דריי צי אַנדערטהאַלבען מאָנאַטען, דערנאָך אַוועקגעפאָהרען אַהיים און נאָך אַ געוויסער הפסקה ווידער קומען אויף דעמזעלבען משך. אויב מען איז געווען „גוט״ מיט דער פּאָליציי, האָט מען דאָ געקאָנט פערבלייבען אויף לענגער, ווי דאָס געזעץ האָט ערלויבט, אָדער אָפילו פערברייגען אַ צייט גאָר אָהן שום וואוינרעכט. געוועהנליך פלעגט מען אַוועקפאָהרען אַהיים צו די הויז־געזינדען אויף די גרויסע יום־טובים, אויף ימים נוראים מיט סוכות און אויף פסח. דאַן איז די „פּאַדוואָריע״ געוואָרען אויף אַ געוויסע צייט ליידיג, אָהן אורחים.

צווישען די, וואָס פלעגען זיך אויפהאַלטען אין דער מאָסקווער גהעטאָ, זיינען אויך געווען מענשען מיט אַ גרויסען נאָמען ביי אידען, אָדער אַזעלכע, וואָס זיינען שפּעטער געוואָרען זעהר בעוואוסט. אַן אָפטער אורח אין דער „פּאַדוואָריע״ איז, צום ביישפּיעל, געווען יצחק זעליקין (ר' איצעלע מאָנאַסטירשטשינער). אַ גרויסער סוחר און גביר, איז ער גלייכצייטיג געווען אויך אַ וויכטיגער געזעלשאַפטליכער טהוער און שתדלן [9]). די מאָסקווער „פּאַדוואָריע״ האָט ניט איינמאָל געזעהן ביי זיך אַן אַנדערען בעוואוסטען שתדלן פון יענער צייט, ליפּמאַן זעלצער, וועלכער האָט פיעל געאַרבייט אין אידישע כלל־אַנגעלעגענהייטען. ער האָט געקענט גוט שרייבען רוסיש (דאַן איז דאָס געווען אַ גרויסע זעלטענהייט צווישען אידען), און ער פלעגט אָפט דערלאַנגען צו די מיניסטאָרען שריפטליכע בקשות וועגען פערשידענע אידישע געזעלשאַפטליכע ענינים. ווי מיר וועלען זעהן ווייטער, האָט עס ל. זעלצער דערוועקט אין מיניסטעריום די פראַגע וועגען אָבשאַפען די מאָסקווער צוואַנג־אכסניה. געלעבט אין דער „פּאַדוואָריע״ האָט אַ יונגער־מאַן פון אַלט־זשאַגער (קאָוונער גוב.), קלמן וואָלף וויסאָצקי, וועלכער פלעגט דאַן שטילערהייד פון אונטער דער פּאָלע,

[9]) וועגען י. זעליקין'ס געזעלשאַפטליכער טהעטיגקייט זעה אויבען, אין אַרטיקעל „די אַמטשיסלאַווער גזירה״.

פערקויפען אַ שטיק שניט־סחורה, וואָס עמיצער פון די אידישע סוחרים האָט איהם פערטרויט. מיט פיעל צייט שפּעטער האָט דער זעלבער וויסאָצקי געגרינדעט איינס פון די גרעסטע און בעוואוסטע טיי־געשעפטען אין רוסלאַנד און איז בעוואוסט געוואָרען אַלס בעל־צדקה. אין מאָסקווע האָט זיך אויפגעהאַלטען אויך עפּיס אַ בחור פון דובראָוונע, שמואל פּאָליאַ־קאָוו. אייניגע פון די סוחרים אין דער „פּאַדוואָריע" פלעגען איהם שטיצען און פון צייט צו צייט צושאַרען איהם אַ פערדיענסט. ס'איז געווען קענטיג, אַז ער איז אַ פעהיגער יונג. אָבער קיינעם האָט דאַן ניט געקאָנט איינ־פאַלען, אַז דער אָרימער בחור פון דובראָוונע וועט דערנאָך ווערען אַ פיעלפאַכער מיליאָנער, איינער פון די גרעסטע אייזענבאַהן־מאַגנאַטען אין רוסלאַנד. און אפשר ניט ווענינער וואונדערבאַר איז געווען, וואָס פּאָליאַ־קאָוו, נאָכדעם ווי ער איז געוואָרען אַ מיליאָנער, האָט ניט פערגעסען יענע, וואָס האָבען איהם אַמאָל אין מאָסקווע געשטיצט.

די אורחים, וואָס פלעגען זיך מעהר אָדער ווענינער אויפהאַלטען אין מאָסקווע, זיינען דאָ אייניגע צייט געווען די איינציגע אידען. אַנדערש איז עס געוואָרען, ווען מען האָט פון יאָהר 1828 אָן אָנגעהויבען צו נעהמען אידען אין מיליטער־דיענסט. די אידישע רעקרוטען האָט מען ניט איבערגעלאָזט אין דער „טשערטאַ". (די רעגירונג האָט געשטרעבט, זיי זאָלען זיך טויפען, און מען פלעגט זיי אָבשיקען אין די רוסישע געגענדען, וואו זיי וועלען זיין ווייט פון אידען און זיך גיכער אָבזאָגען פון זייער גלויבען). מאָסקווע האָט פערנומען אַ בעדייטענדען אָרט צווישען יענע שטעדט, וואוהין מען האָט געבראַכט אידישע רעקרוטען. דאָ פלעגען דיענען פיעל הונדערטע אידישע סאָלדאַטען. אויך האָבען זיך דאָ אין מאָסקווע אויפגעהאַלטען ביז 500 אידישע קאַנטאָניסטען, ד. ה. אינגלעך, וואָס מען פלעגט אין ניקאָלאַי דעם ערשטענ'ס צייטען אָבנעהמען ביי די עלטערן און צוגרייטען פון זיי זעלנער. די אידישע קאַנטאָניסטען האָט מען אין מאָסקווע מייסטענס געלערענט פערשידענע האַנדווערקערייען אין די מיליטערישע וואַרשטאַטען אָדער ביי פּריוואַטע רוסישע בעלי־מלאכות, צו וועלכע מען פלעגט זיי אָבגעבען. די רעקרוטשינע האָט געדויערט גאַנצע פינף און צוואַנציג יאָהר, און אַזוי אַרום איז אין מאָסקווע ענטשטאַ־נען, נעבען די צייטווייליגע אורחים, נאָך אַ צווייטע גרופּע אידען — אידישע דערוואַקסענע סאָלדאַטען און יונגע קאַנטאָניסטען, וועלכע האָבען דאָ געלעבט שטענדיג. די רעגירונג האָט זיך געמיהט וואָס מעהר אָבצו־זונדערן די ביידע אידישע גרופּעס, די אורחים זאָלען ניט קומען אין בערירונג מיט די סאָלדאַטען און קאַנטאָניסטען און אויף זיי ניט האָבען קיין ווירקונג; אָבער ניט שטענדיג פלעגט עס איהר געלינגען. די 25־יאָהריגע רעקרוטשינע האָט זיך געטיילט אין צוויי פערשידענע פּעריאָ־

דען: די ערשטע צעהן יאָהר האָט דער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט געלעבט אין דער קאַזאַרמע און פאָלשטענדיג אָנגעהערט צו דער מלוכה. דערנאָך האָט עס געהייסען, אַז ער איז אַ „האַלב־אויסגעדיענטער" („אָטפּוסקנאָי"); ער האָט שוין געמעגט וואוינען אין שטאָדט, אויסער דער קאַזאַרמע. מיט דעם דיענסט איז ער געווען פערנומען בלויז עטליכע שטונדען אין טאָג, און ער האָט געקאָנט האָבען זייטיגע בעשעפטיגונגען. אין מאָסקווע פלעגען אַזעלכע „האַלב־אויסגעדיענטע" אידישע סאָלדאַטען געוועהנליך חתונה האָבען (כלות האָט זיי מייסטענס צוגעשטעלט די שטאָדט שקלאָוו); זיי האָבען מיט זייערע הויזגעזינדען געלעבט אין פּריוואַטע וואוינונגען און זיך פערנומען מיט האַנדווערק, אָדער מיט האַנדלען אויפ'ן מאַרק: אויך די אידישע קאַנטאָניסטען, וועלכע האָבען זיך אין מאָסקווע געלערענט ביי פּריוואַטע האַנדווערקער, זיינען ניט געווען אונטער אַזאַ שטענדיגער שטרענגער אויפזיכט, ווי יענע, וואָס האָבען זיך געפונען אין די קאַנטאָניסטישע באַטאַליאָנען. ווי די רעגירונג האָט דעריין ניט געשטערט, איז זי דאָ ניט געווען אימשטאַנד גאָר אָבצוזונדערן די אידישע „האַלב־אויסגע־דיענטע" סאָלדאַטען און די קאַנטאָניסטען, וואָס האָבען בעשטענדיג גע־לעבט אין מאָסקווע, פון די אידישע אורחים, וועלכע האָבען זיך צייטווייליג אויפגעהאַלטען אין דער „פּאַדוואָריע". צווישען דיביידע גרופּעס אידען זיינען געווען געוויסע פערבינדונגען.

אין פּעטערבורג, וואו עס איז קיין אידישע גהעטאָ ניט געווען, און די צייטווייליגע אורחים האָבען געמעגט וואוינען אין שטאָדט, וואו און ביי וועמען זיי האָבען געוואָלט, זיינען זיי געווען די גרינדער פון דער דאָרטי־גער אידישער קהילה. אידען פון מאָהילעוו, שקלאָוו און אַנדערע שטעדט, וועלכע האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין פּעטערבורג, האָבען שוין אין יאָהר 1802 אָבגעקויפט ביי דער דאָרטיגער לוטעראַנישער קירכען־פער־וואַלטונג אַ שטיק ערד פאַר אַ בית־עלמין, געגרינדעט אַ חברה־קדישא, איינגעפיהרט אַ פּנקס און אויף אַזאַ אופן געלעגט דעם ערשטען גרונדשטיין פאַר אַ אידישע געמיינדע. אין מאָסקווע, וואו די אידען זיינען געווען צוגעשמידט צו דער גהעטאָ און וואו זיי האָבען אין דער „זשידאָווסקע פּאָדוואָריע" אויף יעדען טריט און שריט געשפּירט דעם ביטערען טעם פון פרעמדקייט, האָט אַזוינס ניט געקאָנט פּאַרקומען. דאָ האָט די אידישע קהילה אָנגעהויבען צו ענטשטעהען ערשט אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, ווען עס איז געוואָרען פיעל פרייער מיט אידישער וואוינרעכט. אָבער ווען אַ בעדייטענדע צאָהל אידען לעבען צוזאַמען — ס'מעג זיין צייטווייליג, נאָר דאָך אַ רעכטען משך — קאָנען זיי ניט אינגאַנצן אויסמיידען געוויסע געמיינשאַפטליכע אינטערעסען. מען איז אין מאָסקווע געווען פאַרהאַוועט, פאַרטהאָן אין געשעפטליכע דאגות, מ'איז

שטענדיג אַרומגעלאָפען איבער די „ריאַדעס" (שורות קראָמען), געזוכט אַ „מציאה", אַ פערדיענסט; אָבער דער דראַנג נאָך עטוואָס העכערס, איידעלערס האָט אויך געוואָלט בעפריעדיגט ווערען. ער האָט געפאָדערט זיינס. בעזונדערס איז עס געווען צו פיהלען אום שבת און יום־טוב, ווען מען האָט זיך אַרויסגעריסען פון דעם געשעפטליכען עולם־הזה. און עס איז אַזוי ענטשטאַנען אַ געוויסע אייניגונג, אַ שיין פון געזעלשאַפטליכקייט. אין דער „פאָדוואָריע" איז געווען פערבאָטען צו האָבען אַ מנין, אָבער דאָך האָט מען אָפט געדאַווענט בציבור, אין פערשידענע צימערן, די ווייסרוסישע אידען זיינען מייסטענס געווען חסידים, די ליטווישע און קורלענדער — מתנגדים, און ווי ביי זיך אין דער־היים, האָט אויך דאָ יעדע גרופּע געדאַווענט בעזונדער. אָדער מען איז געגאַנגען אין איינעם פון די סאָלדאַטסקע מנינים, וואָס די ניקאָלאַיעווסקע זעלנער פלעגען גרינדען און זיי אָנרופען נאָך דעם נאָמען פון יענער מיליטער־אָבטיילונג, וואו זיי האָבען געדיענט; למשל: „ספּאַסקער מנין", „סעמיאָנאָווסקער מנין" א. ד. גל. קיין ספּעציעלער רב, חזן און אַנדערע „כלי־קודש" איז אין מאָסקווע נאָך ניט געווען. אָבער צווישען די אורחים האָבען זיך שטענדיג געפונען ליבהאָבער, וואָס האָבען געדאַווענט פאַר'ן עמוד אין די סאָלדאַטסקע מנינים, אויך לומדים, וואָס האָבען געקאָנט פסק'ענען די שאלות, וועלכע פלעגען פאָרקומען ביי די פּראָסטע, אונוויסענדע סאָלדאַטען, און בכלל געבען זיי נויטיגע רעליגיעזע ערקלערונגען. אַמאָל פלעגט אויף אַ צייט פערפאָרען אין „פאָדוואָריע" אַ שוחט פון דער אידישער „טשערטאַ". געוועהנליך אָבער זיינען צווישען סוחרים געווען אַזעלכע, וואָס האָבען זיך אויסגעלערענט שחיטה, און זיי זיינען מיט דעם געווען בעהילפיג אויך זייערע שכנים. די סאָלדאַטען האָבען פון די אורחים געקראָגען פערשיידענאַרטיגע הילף. זיי האָבען אַרום זיי ניט נור פערדיענט אַ קערבעל, ערפילענדיג זייערע אויפטראַגען; זיי האָבען געהאַט פון זיי אויך מאָראַלישע שטיצע. דער אויבענדערמאָנטער ק. וו. וויסאָצקי, למשל, פלעגט אָפט מיט זיי לייענען אַ שטיקעל „עין־יעקב", אָדער האַלטען אַ דרשה אין זייער מנין. נאָך מעהר האָבען די איינוואוינער פון דעם מאָסקווער געהעטאָ געזאָרגט וועגען די אידישע קאַנטאָניסטען. מען האָט זיך געסטאַרעט, ווי ווייט מעגליך זיי מקרב צו זיין, פערגרינגערן זייער טרויעריגע לאַגע, קרעפטיגען זייער אידישקייט — און דאָס איז געווען אַ גרויסע מאָראַלישע הילף פאַר די אונגליקליכע קינדער, וואָס מען האָט מיט געוואַלט אָבגעריסען פון טאַטען־מאַמען און פערוואָרפען אין דער ווייטער פרעמד. בעזונדערס פיעל ליעבע און זאָרג האָט צו די קליינע קאַנטאָניסטען אַרויסגעוויזען ק. וו. וויסאָצקי. ער פלעגט זיי לערנען דאַוונען, איינאָרדנען פאַר זיי „סדרים", פערברייגען מיט זיי די יום־

טובים, א. ד. גל. אַ דאַנק זיין מאָראַלישער ווירקונג זיינען טאַקע זעהר פיעל קאַנטאָניסטען געראַטעוועט געוואָרען פון שמד [10].

ווען־ניט־ווען פלעגט קומען קיין מאָסקווע אַ משולח פון אַ ישיבה, האָט מען צווישען זיך געזאַמעלט פאַר איהר נדבות. מאָסקווע איז געווען דער צענטראַלער פונקט, דורך וואַנען מען האָט געשיקט פערשיקטע קיין סיביר; די אַרעסטאַנטען האָבען זיך דאָ אייניגע צייט אויפגעהאַלטען. צווישען זיי פלעגען זיך טרעפען אויך אידען, האָבען די איינוואוינער פון דער „פּאָדוואָריע״ זיי אויסגעהאָלפען, בעזאָרגט מיט עסענוואַרג און וואַרימע קליידער. דורך מאָסקווע פלעגען צייטענווייז דורכגעהן אידישע רעקרוטען און קאַנטאָניסטען, וועלכע מען האָט געפיהרט אין די ווייטעסטע רוסישע גובערניעס. אויך זיי איז מען שטענדיג געקומען צו־הילף. אָט אַזוי פלעגט די „נשמה יתרה״, אַפילו ביי די וויסטע לעבענס־בעדינגונגען אין דער „זשידאָווסקע פּאָדוואָריע״, בעקומען כאָטש אַ שטיקעל שפּייז, נאָך וועלכער זי האָט דאָ אין דער פרעמד בעזונדערס שטאַרק געגאַרט.

.III

ווי מאָסקווע, אַזוי האָט פערמאָגט אַ אידישע גהעטאָ אויך די אַנדערע „הייליגע״ שטאָדט״ — קיעוו.

די קיעווער גובערניע איז צוגעגעבען געוואָרען צו דער אידישער „טשערטאַ״ אין דער צייט פון דער קייזערין יעקאַטערינע דער צווייטער, אין יאָהר 1794 [11]). זינט דעמאָלט האָט די אידישע בעפעלקערונג אין קיעוו אָנגעהויבען צו וואַקסען. אידען האָבען זיך דאָ פערנומען דערהויפּט מיט האַנדעל און האַנדווערקעריי. שוין אין סוף פון 18־טען יאָהרהונדערט ענטשטעהען דאָ אידישע קהל'שע אַנשטאַלטען — אַ חברה־קדישא, אַ בית־עלמין א. ד. גל. אין יאָהר 1815 האָט קיעוו געהאַט 1500 בעשטענדיגע אידישע איינוואוינער (ניט רעכענענדיג יענע אידען, וואָס פלעגען אַהער קומען נור אויף אַ צייט), און עס האָבען דאָ עקזיסטירט עטליכע שוהלען, אַ תלמוד־תורה און אייניגע צדקה־חברות. די קיעווער רוסישע סוחרים און מעשטשאַנעס זיינען געווען אונצופריעדען מיט דער קאָנקורענץ פון די אידישע הענדלער און האַנדווערקער, און זיי האָבען אין יאָהר 1801

---

[10]) וועגען ק. וו. וויסאָצקי'ס אַרבייט צווישען די מאָסקווער קאַנטאָניסטען און זעלנער זעה: י. מזא״ה. „זכרונות״, כרך ראשון, 131—132. (תל־אביב, תרצ'ו).

[11]) וועגען דער געשיכטע פון אידען אין קיעוו זעה:

М. Кулишеръ. Евреи въ Кіевѣ. (“Еврейская Старина” 1913 г., кн. III-IV).

א. קופּערניק. „לקורות בני ישראל בקיוב״. (ברדיטשוב, תרנ״א).

דערלאַנגט צו דעם קייזער פּאַוועל אַ בקשה וועגען אַרויסטרייבען פון קיעוו אַלע אידען; דערביי האָבען זיי זיך געשטיצט אויף אַן אַלטער „פּריווי־לעגיע" פון די אַמאָליגע פּוילישע צייטען, וואָס די שטאָדט האָט בעקומען פון דעם קעניג סיגיזמונד דעם דריטען, אַז אידען טאָרען דאָ ניט לעבען. דער קייזער פּאַוועל האָט זיי אָבגעזאָגט. די קיעווער רוסישע איינוואוינער האָבען זיך ניט בערוהיגט און אין יאָהר 1810 האָבען זיי זיך מיט דער־זעלבער בקשה געווענדט צו דעם קייזער אַלעקסאַנדער דעם ערשטען. קיין ערפאָלג האָבען זיי אויך דאָס מאָל ניט געהאָט; זיי האָבען ווידער גע־קראָגען אַן אָבזאָג, פּונקט ווי מיט נייַן יאָהר צוריק. אָבער זייערס האָבען די קיעווער אידען־פיינד מיט אַ צייט שפּעטער אויסגעווירקט ביי ניקאָלאַי דעם ערשטען. לויט זייער בקשה האָט ער אין יאָהר 1827 געגעבען אַ בעפעהל אַרויסצושיקען פון קיעוו אַלע אידען אין פערלויף פון איין יאָהר, און די, וואָס האָבען דאָ הייזער, — אין צוויי יאָהר צייט. אויף ווייטער איז אידען פערבאָטען געוואָרען דאָ צו בעזעצען זיך; נור אידישע סוחרים, וואָס צאָהלען גילדיע, האָבען געמעגט אַהער קומען אויף אַ צייט צוליעב געשעפט, פּאָדריאַדען א. ד. גל. דער קיעווער גירוש איז דורכגעפיהרט געוואָרען מיט דער גרעסטער גרויזאַמקייט; עס האָבען ניט געהאָלפען די אידישע בקשות און אפילו די ראַפּאָרטען פון דער קיעווער פערוואַלטונג וועגען די גרויסע שוועריגקייטען, וואָס זי טרעפט ביים ערפילען דעם קייזערליכען בעפעהל. דאָס איינציגע, וואָס איז געלונגען אויסצואווירקען, איז געווען, אַז מען האָט דעם טערמין פון דער פערטרייבונג עטוואָס פער־לענגערט. אין יאָהר 1834 איז קיעוו אָבגערייניגט געוואָרען פון אידען.

עס האָט זיך אָבער גאָר באַלד אָנגעהויבען אַרויסווייזען, אַז אָהן דעם טהעטיגען, ריהרעווודיגען אידישען עלעמענט האָט זיך די עקאָנאָמישע לאַגע פון קיעוו פערערגערט. די געשעפטען זיינען דאָ געפאַלען, בשעת בערדישטעוו האָט גלייכצייטיג שטאַרק אויפגעבליהט. פאַר אונגעפעהר פופציג יאָהר האָט די צאָהל קריסטליכע סוחרים אין קיעוו זיך כמעט ניט פערגרעסערט: אין יאָהר 1797 האָט זי בעטראָפען 347, אין יאָהר 1845 —358. דאַגעגען אין דער קיעווער גובערניע (וואו אידען האָבען געמעגט לעבען ווי פריהער) איז די צאָהל אידישע סוחרים פון 1191 אין יאָהר 1834 געשטיגען אין יאָהר 1845 ביז 3,281, און כמעט צוויי דריטעל פון אַט דער אַלגעמיינער ציפער האָט אָנגעהערט צו בערדיטשעוו. כדי צו הויבען דעם עקאָנאָמישען מעמד פון קיעוו, האָט דער דאָרטיגער גענעראַל־גובערנאַטאָר, גראַף לעוואַשאָוו, דערוועקט די פראַגע, אַז אויסער אידישע סוחרים ערשטער און צווייטער גילדיע, זאָל אויך אַנדערע אידען פון די דערבייאיגע געגענדען געגעבען ווערען די מעגליכקייט אויפצוהאַלטען זיך צייטווייליג אין קיעוו. אין יאָהר 1843 איז אַרויס אַ בעפעהל פון ניקאָלאַי

דעם ערשטען, לויט וועלכען עס איז ערלויבט געוואָרען צו קומען אויף העכסטענס דריי טעג יענע אידען, וואָס ברייגנען אַהער שפּייז־פּראָדוקטען, אָדער אויף איינקויפען דאָ פערשידענע מאַטעריאַלען; אויך אידישע האַנד־ווערקער, וועלכע ליפערן אַהער זייער סחורה, און בעלי־עגלות, וואָס פיהרען פּאַסאַזשירען; אַנקומענדיג קיין קיעוו, דאַרף יעדער איד גלייך ביי דער „ראָגאַטקע" קריגען אַ בעזונדער בילעט, וועלכען ער מוז אינאיינעם מיט זיין פּאַספּאָרט צושטעלען דער פּאָליציי; אויף צו בעאָבאַכטען ביי די „ראָגאַטקעס" און אַרויסגעבען די בילעטען, זאָלען בעשטימט ווערען פינף בעזונדערע אויפזעהער — „אויסגעדיענטע אונטער־אָפיצירען, אָדער אַנ־דערע זיכערע מענשען." גלייכצייטיג האָט ניקאָלאַי בעפוילען: „כדי צו קאָנצענטרירען די פּאָליצייאישע אויפזיכט איבער די אידען, וועלכע קומען צופאָהרען קיין קיעוו, זאָלען געגרינדעט ווערען ספּעציעל פאַר זיי צוויי בעזונדערע אכסניות", אין וועלכע זיי אַלע מוזען זיך אויפהאַלטען.

אויף אַזאַ אופן איז עס אין יאָהר 1843 ענטשטאַנען די קיעווער גהעטאָ. אין מאָסקווע האָט די צוואַנג־אכסניה, די אידישע „פּאָדוואָריע" אָנגעהערט צו דער אויגען־קליניק, אין קיעוו—דער שטאָדט. די מאָסקווער אויגען קליניק האָט אַליין, דורך אַ בעזונדערען פערוואַלטער און זיינע גע־הילפען, געפיהרט דאָס „געשעפט". אין קיעוו איז געווען אַן אַנדער אָרד־נונג: די אידישע „פּאָדוואָריעס" פלעגען דורך אַ פערשטייגערונג („טאָר־געס") אָבגעגעבען ווערען אין אַרענדע אויף דריי אָדער זעקס יאָהר פאַר אַ געוויסע סומע (פון פיער ביז זעקס טויזענד רובעל), וואָס דער אַרענדאַ־טאָר האָט געדאַרפט צאָהלען יעהרליך דער שטאָדט. נעהמען אין אַרענדע דעם עסק האָבען געמעגט נור קריסטען. ווער עס האָט גענעבען דעם גרעסטען פּרייז, יענער פלעגט קריגען די פּריווילעגיע צו האַלטען אין אַרענדע די ביידע „פּאָדוואָריעס", וואוהין עס האָבען געמוזט פערפאָהרען די אידען, וואָס קומען קיין קיעוו. ווען מען פלעגט ערגיץ אין אַן אַנדער אָרט געפונען אַ אידען, האָט מען איהם דערפאַר שטרענג בעשטראָפט. אין דער קיעווער גהעטאָ האָט געהערשט דערזעלבער רעזשים, וואָס אין דער מאָסקווער. אויך דאָ זיינען די אידישע אורחים אויסגעשטאַנען אַלערליי בעליידיגונגען און בעדריקונגען; מען האָט זיי בעהאַנדעלט, ווי אַרעסטאַנטען, און צוגלייך פלעגט מען זיי בערייסען, עקספּלאָאַטירען אויפ'ן שענדליכסטען אופן. אויך אין קיעוו האָבען די אידישע אורחים געמוזט אָוועגד־צייט צו אַ בעשטימטער שטונדע צוריקקומען אין דער אכסניה, וועלכע מען פלעגט דערנאָך ביז אין דער־פריה פערשליסען. אַלע פּראָדוקטען און מאַטעריאַלען האָבען זיי געמוזט קויפען פון דעם אַרענדאַ־טאָר פון דער אכסניה, און יענער האָט פאַר יעדע זאַך געריסען די הויט, גערעכענט די ווילדעסטע מקחים. וועגען עפּיס בעקוועמליכקייטען פאַר די

אורחים האָט מען ניט געזאָרגט: סיי ווי סיי וועלען זיי דאָך מוזען אַהער פערפאָהרען, וואָס פאַר אַ שמוץ און געשטאַנק דאָ זאָל ניט זיין. אין איין הינזיכט איז דאָ געווען נאָך פיעל ערגער, איידער אין מאָסקווע. דאָ איז די איינגשאַפט געווען ווירקליך אונבעשרייבליך. אין קיעוו איז די צאָהל אידישע סוחרים געווען פיעל גרעסער. דאָ האָבען, לויט'ן געזעץ, עקזי־סטירט צוויי „זשידאָווסקע פאָדוואָריעס": איינע אין דעם לובענסקער שטאָדט־טייל, און די אַנדערע — אין דעם פלאָסקער. דאָס איז געווען שפּאָט ווענינ אין פערגלייך מיט דער מאָסע אידען, וואָס פלעגען אַהער קומען. מאָסקווע איז געווען ווייט פון דער אידישער „טשערטאַ", און פון דאָרטען אַהער איז אין יענע צייטען געווען אַ לאַנגע, שווערע נסיעה. די קיעווער גובערניע, אָבער, האָט אַליין אָנגעהערט צו דעם ראַיאָן, וואו אידען האָבען געמעגט שטענדיג לעבען. קיעוו איז געווען אַרומגערינגעלט דורך אידישע געגענדען, און שוין ביים עק שטאָדט, הינטער די פּאָליציי־אישע „ראָגאָטקעס", האָט זיך אָנגעהויבען די אידישע „טשערטאַ". קיעוו פלעגט דעריבער שטענדיג האָבען זעהר אַ גרויסע צאָהל אידישע אורחים. למשל פון די 60 טויזענד מענשען, וועלכע זיינען אַהער אויף אַ צייט גע־קומען אין 1845, זיינען 40 טויזענד געווען אידען — ניט רעכענענדיג דערין יענע, וואָס זיינען געקומען אויף די „קאָנטראַקטען" (אַזוי האָט זיך גערופען דער בעוואוסטער קיעווער יאַריד). פאַר אַזאַ גרויסער צאָהל אורחים האָבען די קיעווער „פאָדוואָריעס", זעלבסטפערשטענדליך, בשום אופן ניט געקאָנט קלעקען, און דאָ האָט שטענדיג געהערשט די שרעק־ליכסטע ענגשאַפט. ביי דעם העברעאישען שרייבער א. ראָזענפעלד, וואָס האָט איינינע צייט פערבראַכט אין קיעווער גהעטאָ, געפינען מיר אַן אויס־פיהרליכע בעשרייבונג פון דער „פאָדוואָריע". דאָס איז געווען אַ גרויס הויז מיט אַ סך צימערן. ביי די ווענד זיינען געדיכט איינס נעבען אַנדערען געשטאַנען הילצערנע בעטען, מיט שטרויענע מאַטראַצן. געשלאָפען איז מען אויך אומעטום אויף דער פאָדלאָגע. מען איז געווען געפּאַקט ווי הערינג אין אַ פאַס. פון פליי און וואַנצען איז ניט געווען אויסצוהאַלטען. אומעטום איז געווען שמוציג, פינסטער און דושנע, מען האָט געקאָנט דערשטיקט ווערען[12].

די ביידע קיעווער „זשידאָווסקע פאָדוואָריעס" האָט אַ לאַנגע צייט געהאַלטען אין אַרענדע אַ פרוי פון עפּיס אַ בעאַמטען, יעקאַטערינע גריגאָ־ריעווא. פאַר די 4080 רובעל, וואָס זי האָט לויט דעם קאָנטראַקט יעהרליך געצאָהלט דער שטאָדט, האָט זי געקראָגען די גאַנצע הערשאַפט איבער די אידען, וואָס פלעגען קומען קיין קיעוו און האָבען געמוזט ביי איהר איינ־

[12]) אברהם יעקב ראָזענפעלד. „חצופה לבית יעקב", 9—15 (ווארשא, תרמ"ג).

שטעהען. זי האָט זיי אויף יעדען שריט און טריט בעריסען, דערגאַנגען די יאָהרען, געזידעלט, בעליידיגט און ערנידעריגט. גריגאָריעוואַ איז געווען אַ מין קאָזאַק אין ווייבערשע קליידער. זי האָט זיך ניט פערלאָזען אויף דער פּאָליציי, וואָס האָט שטרענג אַכטונג געגעבען, אַז אידען זאָלען וואוינען נור אין די „פּאָדוואָריעס". גריגאָריעוואַ פלעגט נאָכשפּירען און לויערן אויף די גאַסען, אָבשטעלען יעדען איד, וואָס האָט זיך ניט אויפגעהאַלטען ביי איהר, און איהם מיט געוואַלט געשלעפּט צו זיך אין „פּאָדוואָריע". קיין ערלויבניש צו וואוינען ערגיץ־וואו אויסער גריגאָריעוואַ'ס „פּאָדוואָריעס" פלעגט די קיעווער אַדמיניסטראַציע כמעט קיינעם ניט געבען. למשל, די אידישע סוחרים זייבערלינג און בריליאַנט האָבען בעת סעוואַסטאָפּאָלער קריעג, אין יאָהר 1854, גענומען אויף זיך גרויסע ליפּערונגען פון פערשידענע מאַטעריאַלען פאַר דער קיעווער מיליטערישער פערוואַלטונג; האָבען זיי דערלאַנגט צום גענעראַל־גובערנאַטאָר אַ בקשה, ער זאָל זיי ערלויבען צו וואוינען ניט אין דער „פּאָדוואָריע", נאָר נעהענטער צו דער אינטענדאַנטסטווע, מיט וועלכער זיי האָבען שטענדיג געהאַט צו טהאָן. צוויי יאָהר האָבען זיי זיך געמיהט, צוגעשטעלט אָהן אַ ברעג דאָקומענטען און ערקלערונגען; און כאָטש די מיליטערישע פערוואַלטונג האָט געשטיצט זייער בקשה, האָבען זייבערלינג און בריליאַנט גאָרנישט אויסגעווירקט, דער קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט זיי אָבגעזאָגט. עס האָט איינמאָל געטראָפען, אַז מען האָט אַ פּאָר אידישע פּאָדריאַטשיקעס ערלויבט אויפצוהאַלטען זיך אויסער דער „פּאָדוואָריע"; האָט גריגאָריעוואַ פּראָטעסטירט און אָנגעוויזען, אַז זי האָט פון דעם גרויסע היזקות. זי פלעגט בכלל שטענדיג פערוואַרפען די פּאָליציי און אַנדערע „נאַטשאַלסטווע" מיט פערשידענע יאַבעדעס און פּליאָטקעס[13]. „עס ווערט נמאס צו זעהן, — דערצעהלט וועגען דערזעלבער גריגאָריעוואַ איינער פון די, וואָס זיינען ביי איהר איינגעשטאַנען, — ווי אַזוי זי קאָמאַנדעוועט איבער איהרע אידישע אונטערטאַנען. ס'טרעפט, אַז עמיצער בעט זיך ביי איהר: „איך וועל אייך צאָהלען דירה־געלד, וויפיעל איהר ווילט, נאָר ערלויבט מיר צו וואוינען אין אַן אַנדער אָרט; איהר וועט דאָך גאָרנישט פערלירען. פאַר מיר אָבער איז דאָרטען בעקוועמער, רוהיגער אָדער נעהענטער צו מיין געשעפט". זי וויל אַפילו ניט הערען: „דו מעגסט אַפילו פּלאַצען, וועסטו איינשטעהן ביי מיר! גראָד ווייל דיר איז דאָרטען בעקוועמער און נעהנטער, וויל איך דורכאויס, אַז דיר זאָל זיין אי אונבעקוועם, אי ווייט!" עס פערשאַפט איהר עפּיס אַ בעזונדער מין פערגעניגען צו איזדעקעווען זיך איבער איהרע אורחים. און אָט די הנאה איז איהר אפשר פיעל

[13]) И. Галантъ. Къ исторіи кіевскаго гетто и цензуры еврейскихъ книгъ. "Евр. Стар." 1913 г., кн. 2.

טייערער, ווי דער פּערדיענסט... זי געהט, צום ביישפּיעל, איבער דער גאַס און בעגעגענט עפּיס אַ אידען. „אַ, שטעל זיך אָב! גאַראַדאָוואָי, נעהם איהם! ער, דער בעטריגער, שטעהט ניט אין דעם רייסטער מיינעם און וואוינט ניט ביי מיר; הייסט עס, אַז ער האַלט זיך אויף ערגיץ אין געהיים. נעהם איהם!" איך האָב מיך געגוג אָנגעזעהען אין פיעל ערטער; אָבער קיין זאַך האָט אויף מיר ניט געמאַכט אַזאַ שווערען איינדרוק, ווי אָט דער געהיים־פּאָליציאַנט אין ווייבערשע קליידער, וואָס געהט איבער דער שטאָדט און כאַפּט מענשען, ווייל זייער פּיין פערשאַפט איהר נחת[14].

.IV

קיין פּעטערבורג הויבען אָן אידען צו קומען פיעל שפּעטער, איידער קיין מאָסקווע. צום ערשטען מאָל ווערט אין די היסטאָרישע קוועלען דערמאָהנט וועגען אידען אין פּעטערבורג אין יאָהר 1728, אין דער צייט פון קייזער פּיאָטר דעם 2־טען. דאָס זיינען געווען עטליכע ליפעראַנטען (פון פּוילען), וואָס האָבען אויף זיך גענומען צוצושטעלען דער רוסישער מלוכה 2,000 פּוד זילבער פון אויסלאַנד, אויף צו פאַבריצירען געלד. די רעגירונג האָט זיי ערלויבט צו וואוינען אין פּעטערבורג, ביז וואַנען זיי וועלען ליפערן די גאַנצע סחורה. אידישע פּאָדריאַטשיקעס, די מייסטע פון פּוילען, טרעפען מיר אין פּעטערבורג אויך אין די צייטען פון יעקאַטע־רינע דער גרויסער (1762־1796). און ווען רוסלאַנד האָט בעקומען ביי דער צוטיילונג פון פּוילען גרויסע פּראָווינצען מיט אַ בעדייטענדער אידי־שער בעפעלקערונג, האָבען אידען אָנגעהויבען נאָך אָפטער צו קומען קיין פּעטערבורג. לויט'ן געזעץ איז דאָס געווען פערבאָטען, אָבער אין יעקאַ־טערינע'ס ליבעראַלע צייטען האָט מען דעריין קיין גרויסע שטערונגען ניט געמאַכט. און אין סוף 18־טען יאָהרהונדערט האָבען אין פּעטערבורג געלעבט אַ היבש הייפעל אידען.

אַזוי האָט זיך געצויגען אויך אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם 1־טען. פערפאָלגונגען געגען אידען האָבען זיך דאָ אָנגעהויבען ערשט אינאיינעם מיט דער אַלגעמיינער רעאַקציאָנערער ווענדונג אין אַלעקסאַנ־דער'ס פּאָליטיק. אין סעפּטעמבער 1825 האָט אַלעקסאַנדער דער 1־טער ביים פערבייפאָהרען אַ דאָרף נעבען דעם שטעדטיל לוגע, אין דער אומ־געגענד פון פּעטערבורג, דאָ בעמערקט עפּיס עטליכע אידען. האָט ער תיכף געהייסען מאַכען אַן אויספאָרשונג, פון וואַנען זיי האָבען זיך אַהער גענומען, ווי לאַנג זיינען זיי שוין דאָ, און ווער האָט זיי דאָס ערלויבט. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס איז אַ אידיש הויז־געזינד, וואָס

[14]) Соч. О. А. Рабиновича, т. I, стр. 145.

איז ערשט מיט עטליכע טעג צוריק אַהער געקומען פון דעם שטעדטיל לוצין. האָט מען זיי גלייך אַרויסגעשיקט, און דער פעטערבורגער גובער־נאַטאָר האָט בעקומען אַ בעפעהל געגוי אַכטונג צו געבען, אַזוינע „אונגע־זעצליכקייטען" זאָלען מעהר אין קיין פאַל ניט ערלויבט ווערען.

נאָך פיעל גרעסערע שטרענגקייטען זיינען ענטשטאַנען, ווען עס איז אַרויף אויפ'ן טראָן ניקאָלאַי דער ערשטער. דורך פערשידענע פעראָרד־נונגען זיינען גענוי רעגולירט געוואָרען די אנגעלעגענהייטען, וואָס צוליעב זיי האָבען אידען געמעגט קומען אויף אַ קורצע, גענוי בעשטימטע צייט אין די רוסישע געגענדען; זיי האָבען דערויף געמוזט קריגען ביי זיך אין דער־היים אַ בעזונדער פּאַספּאָרט פון דעם דאָרטיגען גובערנאַטאָר און דערלאַנגען איהם דער פּאָליציי גלייך ביים אָנקומען אין די רוסישע שטאָדט. ניט אַכטענדיג אויף די אַלע פאָרמאַליטעטען און בעגרענצונגען, איז די צאָהל אידען, וואָס האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין פעטערבורג, געווען גאַנץ בעדייטענד, אַלענפאַלס פיעל גרעסער, ווי אין מאָסקווע. פעטערבורג איז געווען ניט בלויז אַ וויכטיגער האַנדעלס־פּונקט, נאָר גלייכצייטיג אויך דער צענטער פון דער גאַנצער רוסישער פערוואַלטונג. אויסער אידישע הענדלער, וואָס האָבען אין פעטערבורג איינגעקויפט סחורות, פלעגען אַהער קומען ניט ווענינ אידען צוליעב פּאָדריאַדען, ליפע־רונגען אָדער צוליעב פערשידענע עסקים און געלד־פּראָצעסען, וואָס זיי האָבען געהאַט אין די מיניסטעריומס, אין סענאַט און אין אַנדערע צענטראַ־לע פערוואַלטונגען. אויפגעהאַלטען האָבען זיך דאָ פיעל שתדלנים. קיין פעטערבורג פלעגען אויך קומען פיעל אידישע בעלי־עגלות, דורך וועלכע די פּאָדריאַטשיקעס פלעגען ליפערן אין פערשידענע רעגירונגס־אַנשטאַלטען פּראָוויאַנט און אַנדערע סחורות, וואָס יענע האָבען געברויכט.

לויט אָפיציעלע ידיעות, האָבען זיך אין פעטערבורג אויפגעהאַלטען אין יאָהר 1838, אין פערלויף פון די פיער מאָנאַטען יולי—אָקטאָבער, 334 אידען, און אויסער דעם זיינען אַהער טעגליך געקומען ביז 10 בעלי־עגלות, וועלכע פלעגען פערבלייבען אין שטאָדט עטליכע מעת־לעת, אויף אויסצו־פּאַקען די סחורות, וואָס זיי האָבען געבראַכט. אין דער אמת'ן אָבער איז די צאָהל אידען, וועלכע פלעגען קומען צופאָהרען קיין פעטערבורג, געווען פיעל גרעסער. אויפגעהאַלטען האָבען זיי זיך אין פּריוואַטע וואוינונגען, מייסטענס ביי אידישע סאָלדאַטקעס, די פרויען פון אידישע זעלנער, וואָס האָבען געדיענט אין פערשידענע מיליטער־אָבטיילונגען אין פעטערבורג אָדער אין קראָנשטאָדט. זיי אַליין האָבען געלעבט אין די קאַזאַרמעס, אָבער זייערע פרויען האָבען זיך געמוזט אויפהאַלטען ערגיץ־וואו אין שטאָדט; פלעגען זיי גאַנץ גערן נעהמען צו זיך אורחים „אויף קעסט". פאַר יענע איז דאָס געווען בעזונדערס בעקוועם, ווייל זיי האָבען געקאָנט

בעקומען ביי די אידישע סאָלדאַטקעס כשר'ע שפייז. אויך רוסישע הויז־בעזיצער האָבען ביי זיך אָפט געהאַלטען אידען, וואָס פלעגען קומען קיין פעטערבורג. ניט ביי זיי אַלעמען זיינען די פּאַספּאָרטען געווען אין אָרד־נונג, האָט מען ביי זיי געקאָנט נעהמען פאַר אַ גאַנצען צימער אָדער פאַר אַ ווינקעל פיעל מעהר געלד, ווי ביי אַנדערע. ניט וועניג אַנגעפאָהרענע אידען, בעזונדערס די, וואָס האָבען גאָר ניט געהאַט קיין וואוינרעכט אין פעטערבורג, האָבען געלעבט אין די דערבייאיגע דאָרפישע געגענדען; בייטאָג האָבען זיי זיך אויפגעהאַלטען אין שטאָדט, און אויף נאַכט־צו האָבען זיי זיך אומגעקעהרט אין דאָרף.

מיט דער פּאָליציי האָט מען ווי עס איז געקאָנט רעכט ווערען. די געזע־צען וועגען אידישען וואוינרעכט זיינען דאָך שטענדיג געווען אַ קוואַל פון פרנסה פאַר רוסישע פּאָליציאַנטען און פערשידענע בעאַמטע. די העכערע „נאַטשאַלסטווע" און אַפילו דער קייזער ניקאָלאַי דער 1־טער אַליין האָבען אָבער ענערגיש געפאָדערט, מען זאָל שטרייטען געגען דעם „אונגעזעצלי־כען" אויפהאַלט פון אידען אין פעטערבורג. האָט די פּאָליציי אָפט געמאַכט אין שטאָדט און אין די אַרומיגע דערפער „אַבלאַוועס" אויף אידען. — מען פלעגט ביי־נאַכט בעפאַלען פערדעכטיגטע הייזער אָדער וואוינונגען, און ווען מען האָט געפונען אַ אידען מיט ניט גאַנץ כשר'ע פּאַפּירען אָדער גאָר אָהן שום וואוינרעכט, האָט ער זיך אַ צייט געמוזט וואַלגערן אין טורמע, און דערנאָך האָט מען איהם, מיט'ן עטאַפּ, ווי אַ קרימינעלען פערברעכער, אָבגעשיקט צוריק אַהין, וואו ער איז געווען צוגעשריבען. ניט אַלע מאָל פלעגט מען אָבער מיט דעם אָבקומען. ניקאָלאַי דער 1־טער איז געווען שטאַרק פערטהאַן אין „אָבריי׳גען" פעטערבורג פון אידען, און ער האָט דערביי אַרויסגעוויזען פיעל גרויזאַמקייט. לויט זיינע ספּעציעלע בעפעהלען, זיינען אייניגע אידישע סוחרים, וועלכע מען האָט דאָ ענט־דעקט אָהן וואוינרעכט, אָבגעגעבען געוואָרען פאַר סאָלדאַטען; און אויב זיי האָבען ניט געטויגט צום מיליטער־דיענסט, האָט ער געהייסען אָבשיקען זיי אין אַרעסטאַנטסקע ראָטעס. עס פלעגט זיך אויך טרעפען, אַז מען האָט אויף פּאָליציי־אַגענטען אַרויפגעלעגט שטראָף דערפאַר, וואָס זיי האָבען ניט געניגענד אַכטונג געגעבען, אַז אידען זאָלען ניט לעבען אין פעטערבורג אָהן וואוינרעכט.

די פעטערבורגער פּאָליציי האָט קיינמאָל ניט געקאָנט פערגינען דער מאָסקווער, וואָס יענע האָט ביי זיך אין שטאָדט אַ בעזונדער „פּאָדוואָריע". זי האָט שטענדיג שטאַרק מקנא געווען די מאָסקווער פּאָליציאַנטען און די דאָרטיגע אַנדערע בעאַמטע יענע גרויסע זייטיגע פערדיענסטען, וואָס זיי האָבען געהאַט פון די אידען, וועלכע מען האָט געצוואונגען צו וואוינען אין דער גלעבאָווער „פּאָדוואָריע". אין אָנהויב יאָהר 1838 האָט דער

פּעטערבורגער אָבער-פּאָליציימייסטער, גראַף קאַקאָשקין, אָנגעוויזען דעם שעף פון דער „דריטער אָבטיילונג", גראַף בענקענדאָרף'ן, אַז כדי זיכערער צו בעוואָרענען די אויפזיכט איבער אידען, וואָס קומען קיין פּעטערבורג, וואָלט מען בעדאַרפט איינאָרדנען אויך דאָ פאַר זיי אַ ספּעציעלע אכסניה. בענקענדאָרף'ן איז דער געדאַנק שטאַרק געפעלען געוואָרען, און ער האָט זיך אָן איהם אָנגעכאַפּט. אַזוי איז אויפגעקומען דער פּראָיעקט וועגען בעשאַפען אין פּעטערבורג, לויט דעם מאָסקווער ביישפּיעל, אַ בעזונדער גהעטאָ פאַר אידישע אורחים [15]).

גראַף בענקענדאָרף האָט זיך דורכגעשריבען מיט דעם מאָסקווער אָבער-פּאָליציימייסטער און פון איהם בעקומען אויספיהרליכע ידיעות וועגען די פאַראַנדקעס אין דער גלעבאָווער „פּאָדוואָריע" און ווי אַזוי די זאַך ווערט בכלל געפיהרט. אין מערץ 1838 האָט זיך בענקענדאָרף געווענדט צום מיניסטאָרען-קאָמיטעט מיט אַזאַ פאָרשלאַג: ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ניט געאַכט אויף אַלע בעמיהונגען און שטרענגקייטען, וואָס די פּאָליציי ווענדט אָן, קומען שטענדיג קיין פּעטערבורג אידען, וועלכע האָבען דערויף קיין רעכט ניט; אידען פיהרען דאָ אָפטמאָל פער-שידענע פערדעכטיגע עסקים, זיי האַנדלען מיט קאָנטראַבאַנד א. אַז. וו. זיי בעהאַלטען זיך דאָ ביי אידישע סאָלדאַטקעס, אויך אין פּריוואַטע וואוינונגען, אָדער אַפילו הינטער'ן שטאָדט. און ווען מען ענטדעקט אַזאַ אידען, ערקלערען די בעלי-בתים, אַז יענער איז אָקאָרשט געקומען צו-פאָהרען, און זיי האָבען נאָך ניט געהאַט קיין צייט צו מעלדען וועגען איהם דער פּאָליציי. די גלעבאָווער „פּאָדוואָריע", וואָס עקזיסטירט אין מאָסקווע שוין צעהן יאָהר, אַרבייט מיט גרויס ערפאָלג, און דעריבער האַלט ער, בענקענדאָרף, אַז דאָס איינציגע מיטעל, מען זאָל ווירקליך קאָנען גענוי אָכטונג געבען אויף די אידישע אורחים אין פּעטערבורג און אויף זייערע עסקים, איז — עפענען פאַר זיי דאָ אַ בעזונדער אכסניה. צו זיין שריפט-ליכען פאָרשלאַג האָט גראַף בענקענדאָרף בייגעלעגט אַן אויספיהרליכען פּראָיעקט וועגען אַזאַ אידישער „פּאָדוואָריע". די הויפּט-פּונקטען פון פּראָיעקט זיינען געווען פאָלגענדע:

1) אין פּעטערבורג ווערט געגרינדעט אַ בעזונדער אכסניה פאַר יענע אידען, סיי רוסישע סיי אויסלענדישע, וואָס מעגען קומען אַהער צו-פאָהרען אויף אַ געוויסע צייט.

2) אויף איינצואָרדנען די אכסניה, ווערט געדונגען אַ פּאַסיג און בעקוועם הויז, מיט אַ געהעריגער צאָהל צימערן, בעזונדערע פאַר אויס-לענדישע אידען און פאַר רוסישע. אויפ'ן הויז דאַרף זיין אַ שילד מיט אַן

[15]) אַרכיוו פון דער „דריטער אָבטיילונג", שטאַב פון זשאַנדאַרמען-קאָרפּוס, נומ. 53 (וועגען עפענען אין פּעטערבורג אַ בעזונדער אכסניה פאַר אידען".

אויפשריפט אויף אידיש און רוסיש: „איינפאָהר־הויז פאַר אידען."

3) קיין איד טאָר זיך ניט אויפהאַלטען ערגיץ־וואו אַנדערש אין פעטערבורג אָדער אין דער אומגעגענד, אויסער דער אכסניה. אויב מען ענטדעקט אַ אידען, וואָס לעבט אין אַ פּריוואַטער וואוינונג, ווערט ער גערעכענט און בעהאַנדעלט ווי אַ „בראָדיאַגע", אַפילו ווען זיינע פּאַפּירען זיינען אין אָרדנונג, און אויף דעם בעל־הבית פון דער דירה, ווי אויך אויף דעם הויז־„דוואָרניק", ווערט אַרויפגעלעגט אַ רעכטע געלד־שטראָף.

4) די אכסניה ווערט אָבגעגעבען אין אַרענדע אַ זיכערען און צופּער־לעסיגען איד, וועלכער בעקומט דורכדעם וואוינרעכט אין פעטערבורג. דער אַרענדאַטאָר פיהרט די גאַנצע ווירטשאַפט, ער זאָרגט וועגען ריינקייט און אָרדנונג, פערדינגט די צימערן לויט בעשטימטע פּרייזען, א. אַז. וו.

5) פון דעם פעטערבורגער אָבער־פּאָליציימייסטער ווערען בע־שטימט אין אכסניה אַן אויפזעהער און אַ שרייבער, אויף אַכטונג צו געבען, אַז עס זאָלען געגוי ערפילט ווערען די געזעצען וועגען אידישען וואוינרעכט. דער אַרענדאַטאָר מוז גלייך מיטטיילען דעם אויפזעהער וועגען יעדען אידען, וואָס פערפאָהרט אין אכסניה. דער אויפזעהער שטעלט צו יעדען אָוועגד אַ בעריכט דעם אָבער־פּאָליציימייסטער וועגען די אידען, וואָס זיינען אין פערלויף פון טאָג אָנגעקומען אין אכסניה אָדער אָוועקגעפאָהרען. דער אויפזעהער בעקומט פון די איינקונפטען, וואָס די אכסניה וועט בריינ־גען, געהאַלט 1200 רובעל יעהרליך, דער שרייבער — 300 רובעל און ביידע קריגען אומזיסט וואוינונגען אין דער אַכסניה.

6) דער שעף פון דער „דריטער אָבטיילונג" בעשטימט פון זיך אַ בעזונדערען זשאַנדאַרמסקען אָפיציר, וואָס דאַרף אַכטונג געבען אויף דעם אויפזעהער און אַרענדאַטאָר און אָנפיהרען מיט זייער גאַנצער אַרבייט. דער אָפיציר מוז שטרענג אויפפּאַסען, אַז אידען זאָלען אָהן אַ געזעצליכען גרונד ניט קומען צופאָהרען קיין פעטערבורג, און זיי זאָלען זיך ניט אויפ־האַלטען אין פּריוואַטע וואוינונגען. צוויי מאָל מאָנאַטליך מוז ער צושטע־לען דעם שעף פון דער „דריטער אָבטיילונג" אַ שריפטליכען בעריכט וועגען די אידישע אורחים אין פעטערבורג.

7) די אכסניה האַלט אויף ביי זיך צוויי רוסישע וועכטער, אויסגע־דיענטע סאָלדאַטען, וועלכע מוזען שטרענג אויפפּאַסען אויף יעדערען, וואָס קומט אַריין, און אַכטונג געבען, אַז די טויערען זאָלען שטענדיג זיין געשלאָסען.

8) פאַר די בעלי־עגלות און זייערע פוהרען דאַרף זיין ביי דער אכסניה אַ געראַמער הויף מיט סטאַדאָליעס.

9) ביי דער אכסניה געפינען זיך, אויף צו בעדיענען די אורחים: אַ שוחט, צוויי סאַרווערס, וועלכע קאָנען קאָכען כשר'ע שפּייז, און אַ

פּאַטשטער, וואָס ערפילט די אויפטראַגען וועגען בעקומען און אַבשיקען בריף אָדער פערשידענע סחורות. זיי אַלע בעקומען דורך זייער אַמט דאָס רעכט אויפצוהאַלטען זיך שטענדיג אין פּעטערבורג.

10) די אידישע אכסניה ווערט געגרינדעט ניט צוליעב פּערדיענסט, נאָר צוליעב אַזאַ אויפגאַבע, וואָס די רעגירונג רעכענט פאַר בעזונדערס נויטיג און וויכטיג. דעריבער ווערט די אכסניה בעפרייט פון די אַלע אַבצאָהלונגען, וואָס די שטאָדט-פערוואַלטונג בעקומט פון האָטעלען און רעסטאָראַנען.

אויף אָט די יסודות האָט בענקענדאָרף געפּלאַנעוועט צו גרינדען אין פּעטערבורג אַ אידישע אכסניה. דער מיניסטאָרען-קאָמיטעט האָט זיך אַנגעפרעגט ביים אינערן-מיניסטער, גראַף בלודאָוו'ן, און איהם פאָרגעלעגט צו צושטעלען זיין מיינונג וועגען דער זאַך. ווי בענקענדאָרף, איז אויך בלודאָוו געווען אַ שאַרפער אידען-פיינד, פונדעסטוועגען האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט געגען יענעמס פּראָיעקט. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער געהאַלטען פאַר נישט פּאַסיג איינצופיהרען אַ מין גהעטאָ אין פּעטערבורג, וואוהין עס פלעגען זעהר אָפט אַנפאָהרען אויסלענדער און וואו עס האָבען זיך אויפגעהאַלטען די אַמבאַסאַדאָרען פון פערשידענע מלוכות. אין אויס-לאַנד האָט מען שוין אַזוי אויך פיעל גערעדט וועגען די פערפאָלגונגען, וואָס אידען שטעהען אויס אין רוסלאַנד. די פערווירקליכונג פון בענקענ-דאָרף'ס פּראָיעקט וואָלט נאָך צוגעגעבען שטאָף פאַר נייע בעשולדיגונגען געגען דער רוסישער רעגירונג. אין זיין ענטפער האָט בלודאָוו אַנגעוויזען, דאָס ער קאָן ניט צושטימען צו דער מיינונג, אַז די פּאָליציי האָט כלומרשט ניט קיין מעגליכקייט גענוי אויפצופּאַסען, עס זאָלען אין פּעטערבורג שטרענג אַבגעהיט ווערען די געזעצען וועגען אידישען וואוינרעכט. אויב עס קומען קיין פּעטערבורג אַזעלכע אידען, וואָס האָבען ניט דערויף קיין רעכט, אָדער אויב עס האַלטען זיך אויף אידען מיט אויסגעלאָפענע פּאַס-פּאָרטען, זיינען דערין שולדיג די פּאָליציאַנטען און הויזאייגענטימער, וועלכע ערפילען ניט זייערע פליכטען — ניט צו דערלאָזען קיין אונגע-זעצליכקייטען. אויף צו שטרייטען געגען מיסברויכונגען דאַרף מען נישט קיין אידישע אכסניה, נאָר מען מוז אַרויסגעבען אַן אויספיהרליכע פער-אָרדנונג, וואָס זאָל גענוי בעשטימען און העכערן די פעראַנטוואָרטליכקייט פון די פּאָליציי-בעאַמטע און הויזבעזיצער, וועלכע העלפען די אידען אונ-געזעצליך צו וואוינען אין פּעטערבורג. „אויב אָבער דער מיניסטאָרען-קאָמיטעט וועט דאָך אָננעהמען גראַף בענקענדאָרף'ס פּראָיעקט, — אַזוי האָט בלודאָוו פערענדיגט זיין ענטפער, — האַלט איך, אַז די אידישע אכסניה דאַרף אָבגעגעבען ווערען אין אַרענדע צו אַ רוס, אָבער אין קיין פאַל ניט צו אידען, ווייל דאָס וואָלט געבראַכט צו געלד-צאַפּעריי. אויך

דאַרף מען ניט האַלטען ביי דער אכסניה קיין שוחט, פּאַטשטער אָדער סאַרווערס, ווייל דאַס וואָלט געווען געגען די געזעצען וועגען אידישען וואוינרעכט, און מען טאָר ניט שאַפען דערין קיין אויסנאַהם צוליעב דער בעקוועמליכקייט פון די אידישע אורחים. איך זעה אויך ניט איין קיין שום גרונד, פאַרוואָס מען זאָל די אידישע אכסניה בעפרייען פון אָבצאָהלונגען, וואָס די שטאָדט־פערוואַלטונג בעקומט פון אַנדערע אַזעלכע אונטערנעה־מונגען".

דעם 24־טען מאַי 1838 האָט דער מיניסטאָרען־קאַבינעט בעטראַכט בענקענדאָרף'ס פאָרשלאַג. ער האָט צוגעשטימט צו בלודאָוו'ס מיינונג און בעשלאָסען ניט צו בעשאַפען אין פּעטערבורג אַ ספּעציעלע אכסניה פאַר אידען. גראַף בענקענדאָרף איז אָבער געבליבען אונצופריעדען מיט דעם בעשלוס. ער האָט זיך ווידער דורכגעשריבען מיט דעם פּעטערבורגער אָבער־פּאָליציימייסטער, געקראַגען פון איהם וויטערדיגע ערקלערונגען מיט אויסקונפטען, און סוף אָקטאָבער 1838 האָט ער פון דאָס ניי צעגע־שטעלט זיין פּראָיעקט אין מיניסטאָרען־קאָמיטעט. אין זיין שריפטליכען פאָרשלאַג פערטיידיגט ער די פּאָליציי און ער אונטערשטרייכט, אַז ביי איהר בעסטען ווילען קאָן זי נעביך ניט, ביי די איצטיגע בעדינגונגען, געהעריג אַכטונג געבען אויף די אידען, וואָס קומען קיין פּעטערבורג; ווייל די הויזבעזיצער דעקען און בעהאַלטען זיי פון דער פּאָליצייאישער אויפזיכט. פערגרעסערן אין אַזעלכע פאַלען די פעראַנטוואָרטליכקייט פון די פּאָליציי־בעאַמטע, — וואָלט געווען אונגערעכט, און דאָס וואָלט אויך צו גאָרנישט געבראַכט, ווי לאַנג מען וועט אידען ערלויבען אויפצוהאַלטען זיך אין פּריוואַטע וואוינונגען. פון דעם מאָסקווער ביישפּיעל איז צו זעהן, אַז דאָס איינציגע, ווירקליכע מיטעל, וואָס קאָן דאָ העלפען, איז: צווינגען די אידישע אורחים, זיי זאָלען אין פּעטערבורג לעבען דורכאויס אין אַ ספּעציעלער אכסניה, אונטער דער שטענדיגער אויפזיכט פון דער אַדמי־ניסטראַציע. דעריבער בלייבט ער, בענקענדאָרף, ביי זיין פריהערדיגער מיינונג און בעט צו בעשטעטיגען דעם פּראָיעקט, וואָס ער האָט צעגע־שטעלט.

גראַף בענקענדאָרף, דער הויפּט פון דער פּאָליטישער פּאָליציי איבער'ן גאַנצען לאַנד, איז געווען דעם קייזער ניקאָלאַי'ס ליעבלינג און איינער פון זיינע נאָהענטסטע מענשען. מיט איהם האָט מען זיך געמוזט רעכענען, מען האָט דאָ ניט געקאָנט יוצא זיין מיט אַ פאָרמאַלער ערקלערונג, אַז די זאַך איז שוין בעהאַנדעלט און בעשלאָסען געוואָרען. דער מיניסטאָרען־קאָמיטעט האָט אויף צוויי זיצונגען, אין נאָוועמבער און דעצעמבער 1838, ווידעראַמאָל בעטראַכט גראַף בענקענדאָרף'ס פּראָיעקט. מען קאָן ניט, — האָט דער מיניסטאָרען־קאַבינעט געדרונגען, — אַרויפוואַרפען די

גאַנצע שולד אויף די הויזאייגענטימער. אויב די פּאָליציי וועט געוויסענ־האַפט ערפילען איהרע פליכטען, דאַן וועט ניט שווער זיין אַכטונג צו געבען, אַז אידען זאָלען ניט קומען אונגעזעצליך קיין פּעטערבורג. דער אָבער־פּאָליציימייסטער קאָקאָשקין האָט אין זיין אויסקונפט ערקלערט, אַז די פּאָליציאַנטען זיינען הילפלאָז געגען די פּריוואַטע מענשען, וואָס בע־האַלטען ביי זיך אידען. אויב אַזוי, טאָ וואָס וועט דאָ העלפען די אידישע אכסניה? יענע אידען, וואָס האָבען קיין וואוינרעכט ניט, וועלען סיי־ווי ניט פערפאָהרען אין אכסניה. זיי וועלען זיך, ווי פריהער, אויפהאַלטען שטילערהייד אין פּריוואַטע דירות, און די פּאָליציי וועט ווידער ניט זיין אימשטאַנד זיי צו ענטדעקען!

מאָסקווע מיט איהר אידישער אכסניה, — האָט דער מיניסטאָרען־קאָמיטעט ווייטער אַנגעוויזען, — קאָן דאָ ניט דיענען פאַר אַ ביישפּיעל, ווייל קיין מאָסקווע קומען לפי ערך ווייניג אידען בלויז איינצוקויפען די סחורות, וואָס ווערען דאָרטען אויסגעאַרבייט. פּעטערבורג איז אָבער אי אַ וויכטיגע פאַבריק־שטאָדט, אי אַ בעדייטענדער האַנדעלס־פּאָרט. דעריבער פאָהרען אַהער מעהר אידישע סוחרים, איידער קיין מאָסקווע. און אויסער דעם, קומען קיין פּעטערבורג זעהר פיעל אידען, וואָס האָבען דאָ עסקים אין פערשידענע רעגירונגס־אַנשטאַלטען און פּראָצעסען אין סענאַט. דאָס אַלץ ברייגגט צו דעם, אַז אין פּעטערבורג האַלטען זיך אויף אַ גרויסע צאָהל אידישע אורחים. אויף דער אָנפראַגע פון אינערן־מיניסטער האָט דער אָבער־פּאָליציימייסטער מיטגעטיילט, אַז פאַר די לעצטע פיער מאָנאַטען זיינען קיין פּעטערבורג געקומען 334 אידען. אָט די ציפער קאָן מען ניט רעכענען פאַר אַ גענויע, וואָרום די פּאָליציי אַליין טענה'ט דאָך, אַז ביי די איצטיגע אומשטענדען קאָן זי ניט האָבען קיין ריכטיגע ידיעות וועגען די אידען, וואָס האַלטען זיך אויף אין פּעטערבורג. אין דער ווירק־ליכקייט מוז זייער צאָהל זיין פיעל בעדייטענדער. בלויז איין אכסניה וואָלט פאַר זיי אַלעמען ניט געקלעקט. מען וואָלט געברויכט גאַנצע דריי אָדער נאָך מעהר. דאָס וואָלט אָבער געווען פערבונדען מיט גרויסע שווי־ריגקייטען, און עס וואָלט קיין נוצען ניט געבראַכט, ווייל אַלץ ווענדט זיך נור אָן דעם, די פּאָליציי זאָל פּינקטליך ערפילען איהרע פליכטען.

אָט די אַלע בעטראַכטונגען האָבען דעם מיניסטאָרען־קאָמיטעט גע־בראַכט צו דעם שלוס, אַז ער זעהט ניט איין קיין גרונד צו ענדערן די מיינונג, וואָס ער האָט שוין פריהער אַרויסגעזאָגט. דעריבער האָט ער אין דעצעמבער 1838 נאָכאַמאָל בעשלאָסען: 1) ניט צו גרינדען אין פּעטער־בורג אַן אכסניה פאַר אידען, און 2) בעאויפטראַגען דעם אינערן־מיניסטער אויסצואַרבייטען אַ נייע פעראָרדנונג וועגען דער אויפזיכט איבער די אידישע אורחים, וואָס קומען קיין פּעטערבורג, און וועגען דער פּעראַנט־

ווארטליכקייט פון די פאליציי־בעאמטע און הויזאייגענטימער פאר דער־לאזען אין אט דער הינזיכט וואסערע ניט איז אונגעזעצליכקייט. דער קייזער ניקאלאי דער 1־טער האט דעם בעשלוס פון מיניסטארען־קאמיטעט בעשטעטיגט, און מיט דעם איז ערליידיגט געווארען די פראגע וועגען בעשאפען אויך אין פעטערבורג א מין אידישע גהעטא. די פעטערבורגער פאליציי האט נעביך געמוזט אויך ווייטער צוזעהן מיט קנאה און פערדרוס, ווי די פאליציאנטען אין מאסקווע לעקען א פעט ביינדעל פון דער דארטי־גער אידישער „פאדוואריע".

V.

צוואנציג יאהר פלעגען די אידישע אורחים, קומענדיג קיין מאסקווע, אויסשטעהן אין דער „זשידאווסקע פאדווארי" די הארבסטע בעליידי־גונגען און מאטעריעלע בעדריקונגען. ענדליך איז עס געווארען אונער־טרעגליך, און אין יאהר 1847 האט דער בעוואוסטער שתדלן, ליפמאן זעלצער, דערלאנגט דעם אינערן־מיניסטער, פעראווסקי, א בקשה, וואו ער האט אנגעוויזען אויף די אונגעוועהנליך הויכע פרייזען, וואס מען נעהמט פאר יעדע זאך ביי די אידען אין מאסקווע, און ער האט געבעטען וועגען אבשאפען די דארטיגע „אידישע פאדווארי". זעלצער'ס בקשה איז בע־טראכט געווארען אין דעם „אידישען קאמיטעט" (אזוי האט זיך גערופען א בעזונדערער קאמיטעט פון אייניגע מיניסטארען, צו וועלכע עס האבען אנגעהערט די וויכטיגסטע אידישע אנגעלעגענהייטען). דער קאמיטעט האט בעשלאסען צו שיקען קיין מאסקווע א ספעציעלען בעאמטען, כדי אויס־צוגעפינען אויפ'ן ארט, צי די אידישע טענות זיינען טאקע ריכטיג, און צו עס איז נוצליך און וויכטיג, עס זאל ווייטער פערבלייבען אין מאסקווע א בעזונדערע „פאדווארי" פאר אידען. דער אינערן־מיניסטער האט אין פעברואר 1848 צוליעב דעם אהין קאמאנדירט אלס רעוויזאר איינעם פון זיינע פערטרויטע בעאמטע, קאמפאנייקאוו'ן. ווען יענער איז אנגעקומען קיין מאסקווע, האבען א גרופע אידישע סוחרים פון מינסק, מאהילעוו, וויטעבסק, דענעבורג און בערדיאנסק, וואס האבען זיך דאן אויפגעהאלטען אין דער „פאדווארי", איהם דערלאנגט, אויף איבערצוגעבען דעם מי־ניסטער, אן אויספיהרליכע שריפטליכע ערקלערונג. זיי האבען דא אויס־גערעכענט די אלע קריוודעס, וואס מען טהוט זיי אן: ווי מען בעררייסט זיי, מען צווינגט זיי, אז זיי זאלען די סחורות, וועלכע זיי קויפען, פער־פיהרען דוקא אין „פאדווארי" אריין און דא פאקירען; זיי מוזען אלע מאטעריאלען אויף איינצופאקען דורכאויס קויפען ביי דער „פאדווארי" און פאר יעדע זאך איבערצאהלען, א. אז. וו. זיי האבען צוגלייך אנגע־וויזען, אז די עקזיסטענץ פון דער צוואנג־אכסניה איז א שטארקע בעליידי־

גונג פאַר אידען. „דאָס, וואָס מען האַלט אונז אין אַ בעזונדער „פּאַדוואָריע״ און מען פערוועהרט אויפצונעהמען אונז אין אַנדערע וואוינונגען, — האָבען זיי געשריבען, — דאָס ערנידעריגט אונז אין יעדערענס אויגען; ניט־ווילענדיג הויבט מען אָן צו קוקען אויף אונז, ווי עפּיס אויף אויסוואורפען, און דער אַלטער האַס געגען אידען ווערט דורכדעם נאָך פערגרעסערט.״

עס פערשטעהט זיך, אַז דער רעוויזאָר, קאָמפּאַנייקאָוו, האָט ביי זיין אַרבייט אין מאָסקווע בעגעגענט געגנוג שטערונגען. אויסער דער אויגען־קליניק, זיינען פיעל מענשען געווען פעראינטערעסירט, אַז די „זשי־דאָווסקע פּאַדוואָריע״ זאָל עקזיסטירען; פון איהר האָבען זיך געשפּייזט אַ סך בעאַמטע, אַנהויבענדיג פון דער פּאָליציי און ענדיגענדיג מיט דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר׳ס קאַנצעלאַריע. זיי אַלע האָבען, נאַטירליך, ניט געוואָלט, אַרויסלאָזען פון די הענד אַזאַ געשמאַקען ביסען. דער מאָסקווער געגעראַל ־ גובערנאַטאָר, שטשערבאַטאָוו, האָט זיך געפּיהלט בעליידיגט, וואָס מען האָט קאָמאַנדירט צו איהם אַ רעוויזאָר. ער האָט איהם ניט געגעבען די אַלע מאַטעריאַלען, וואָס יענער האָט געברויכט, בעשאַפען שוויריגקייטען און אַזוי אַרום געדעקט די אַלע חברה־לייט, וואָס האָבען געלעקט אַ ביינדעל פון דער „פּאַדוואָריע״. קאָמפּאַנייקאָוו איז אָבער געווען אַ קלוגער, פלינקער מענש, און ער האָט אויפגעדעקט זעהר פיעל סודות, וועלכע מען האָט פון איהם געוואָלט בעהאַלטען. ער האָט, למשל, זיך ניט געפוילט צו ערקונדיגען זיך וועגען די מקחים אויף פערשידענע מאַטערי־אַלען ביי פּריוואַטע קרעמער, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז פון די אידישע סוחרים נעהמט מען אין דער „פּאַדוואָריע״: פאַר ראַגזשעס 63 קאָפּיקעס אַנשטאָט 27 קאָפּ.; פאַר שטריק — 60־75 קאָפּ. אַנשטאָט 27־37, א. ד. גל. ער האָט אויפגעקלערט אויך פערשידענע אַנדערע מאַכינאַציעס, דורך וועלכע מען בעררייסט דאָ די אידישע אורחים. אין דעם אויספיהרליכען בעריכט, וואָס קאָמפּאַנייקאָוו האָט צוגעשטעלט דעם אינערן־מיניסטער, האָט ער זיך ענטשידען אַרויסגעזאָגט געגען דער ווייטערדיגער עקזיסטענץ פון דער צוואַנג־אכסניה פאַר אידען. דאָס, וואָס די מאָסקווער אויגען־קליניק איז דער אייגענטימער פון דער „פּאַדוואָריע״ און האָט פון איהר אַ געוויסען איינקונפט, איז ניט קיין גענוגענדער גרונד, מען זאָל נויטען די אידישע סוחרים צו פערפאָהרען אַהער און זיי פער־וועהרען אָבצושטעלען זיך ערגיץ־וואו אַנדערש. „פאַרוואָס עפּיס זיינען די אידען מחויב אויסצוהאַלטען די קליניק? — האָט געשריבען דער רעוויזאָר — וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צו זיי? פאַרוואָס דאַרפען די הוצאות פון דער אויגען־קליניק דעקען ניט די פאַרשטעהער פון אַנדערע נאַציאָנען, ניט אַלע איינוואוינער פון מאָסקווע, נאָר בלויז אידען אַליין?״ קיין האָפט האָט אויך ניט די טענה, אַז מען ברויך כלומרשט די „פּאַדוואָריע״

צוליעב אויפזיכט איבער די אידען; עס זיינען פאַרהאַן גענוג אַנדערע מיטלען, כדי ניט צו דערלאָזען קיין מאָסקווע יענע אידען, וואָס טאָרען אַהער ניט קומען. קאַמפּאַנייקאָוו האָט אויך פערשטאַנען די טיפע מאָראַלישע ערנידערונג, וואָס ווערט פאַר אידען בעשאַפען דורך דער „פּאַדוואָריע". „איך מיין, אַז ניט דער יקרות, ניט דאָס ראַבעווען האָט בעוואויגען די אידען צו זוכען שוץ און גערעכטיגקייט ביי אייער עקסעלענץ, — האָט ער אַנגעוויזען דעם מיניסטער, — די פעראַכטונג, וואָס זיי פיהלען דאָ, די אונמענשליכע בעהאַנדלונג — אָט וואָס עס האָט געצוואונגען די אידען צו בעקלאָגען זיך". ער האָט אין זיין בעריכט אויך געגעבען אַנצוהערעניש, אַז די אויגען-קליניק בעקומט בלויז אַ טייל פון דער איינקונפט, און אַז אין דער אמת'ן ווערען גרויסע סומען געלד בעהאַלטען, און מען טיילט זיך מיט דעם. און ער קומט צו דעם ענדגילטיגען אויספיהר, אַז די ווייטערדיגע עקזיסטענץ פון דער מאָסקווער „פּאַדוואָריע" מוז אנערקענט ווערען פאַר שעדליך.

קאַמפּאַנייקאָוו'ס ערנסטער בעריכט האָט אויף דעם „אידישען קאָמיטעט" געמאַכט אַ געהעריגען איינדרוק. אָבער גראַד אין גיכען איז אַלס גענעראַל-גובערנאַטאָר קיין מאָסקווע בעשטימט געוואָרען מיט בעזונדערע פולמאַכטען זאַקרעווסקי, ניקאָלאַי דעם ערשטענ'ס אַ גרויסער מקורב. ער האָט זיך פעסט אַרויסגעזאָגט געגען פערמאַכען די „פּאַדוואָריע". רעכענענדיג זיך מיט דער מיינונג פון דעם מאָסקווער גענעראַל-גובערנאַטאָר, האָט דער „אידישער קאָמיטעט" אין יאָהר 1852 בעשלאָסען, אַז די „פּאַדוואָריע" זאָל „אויף דערווייל" ווייטער עקזיסטירען. מיט דריי יאָהר שפּעטער האָט דער נייער אינערן-מיניסטער, לאַנסקאָי, ווידער אויפגעהויבען די פראַגע וועגען דער מאָסקווער אידישער צוואַנג-אכסניה, אָבער זאַקרעווסקי האָט בשום אופן ניט געוואָלט אָבזאָגען זיך פון איהר. און ערשט פאַר אַלעקסאַנדער דעם 2-טען, ווען ס'האָט זיך אין די רעגירונגס-קרייזען אַנגעהויבען אַ ליבעראַלע ווענדונג, און דער רעאַקציאָנער זאַקרעווסקי האָט פערלאָרען זיין גרויסע ווירקונג, האָט דער „אידישער קאָמיטעט" ענדליך אין יאָהר 1856 אָבגעשאַפט די מאָסקווער „פּאַדוואָריע".

אין יאָהר 1857 זיינען בטל געוואָרען אויך די ביידע „זשידאָווסקע פּאַדוואָריעס" אין קיעוו. זיי האָבען אָבער איבערגעלאָזט בירושה געוויסע נאָכוועהעניִשען. ערשטענס, כדי צו בעפריעדיגען די שטאָדט פאַר דעם „היזק", וואָס זי האָט געליטען פון דעם אָבשאַפען די „פּאַדוואָריעס", איז דאָ גלייכצייטיג איינגעפיהרט געוואָרען אַן אָבצאָהל אויף כשר פלייש („קאָראָבקע"), כאָטש קיעוו האָט ניט אַנגעהערט צו דער אידישער „טשערטאָ". פון דער קיעווער „קאָראָבקע" פלעגט די שטאָדט בעקומען פיעל מעהר, ווי זי האָט פריהער געהאַט פון אָבגעבען די „פּאַדוואָריעס"

אין אַרענדע, — ביז 15 טויזענד רובעל יעהרליך. אין יאָהר 1891 האָט דער קיעווער גובערנאַטאָר צוגעשטעלט אַ בעריכט וועגען דער נויטווענדיגקייט צו פערגרעסערן די צאָהל פּאָליציאַנטען אין קיעוו, ערקלערענדיג עס מיט דעם, וואָס אַהין קומען זעהר פיעל אידען, מען דאַרף שטרענג אַכטונג געבען אויף זייער וואוינרעכט, און עס קלעקט ניט דערויף קיין פּאָליציאַנטען. איז אין דעמזעלבען יאָהר אַרויס אַ קייזערליכער בעפעהל, אַז מען זאָל אין קיעוו פון די רעשטען „קאָראָבקע"-געלד יעהרליך פערברויכען 14 טויזענד רובעל אויף צו פערשטאַרקען די דאָרטיגע פּאָליציי. פון דער אידישער „קאָראָבקע" פלעגט מען, אַלזאָ, נעהמען אַ רעכטע סומע, כדי די קיעווער פּאָליציי זאָל קאָנען מאַכען ביי אידען מעהר הויז-זוכונגען און וואָס מעהר אידען אַרויסשיקען פון קיעוו. דאָס צווייטע נאָכוועהעניש איז געווען, אַז לויט דעם געזעץ פון יאָהר 1861 איז יענע אידען, וואָס האָבען ניט קיין בעשטענדיגע וואוינרעכט, אויסער דער „טשערטאַ", ערלויבט געוואָרען צו לעבען אין קיעוו נור אין דעם ליבעדסקער שטאָדטטייל און אין דעם פּלאָסקער — וואו עס האָבען זיך אַמאָל געפונען די „זשידאָווסקע פּאָדוואָריעס" — די אַנדערע שטאָדט-טיילען זיינען פאַר זיי געווען געשלאָסען.

גאַסען און אַפילו גאַנצע קוואַרטאַלען, וואו אידען האָבען ניט געטאָרט זיך בעזעצען, האָבען הייזער און קראָמען, האָבען אין צאַרישען רוסלאַנד עקזיסטירט ניט בלויז אין קיעוו, נאָר אַפילו אין פיעל אידישע שטעדט. מייסטענס האָבען אַזעלכע בעגרענצונגען געשטאַמט נאָך פון דער אַמאָליגער פּוילישער הערשאַפט און זיי זיינען דערנאָך בעשטעטיגט געוואָרען פון דער רוסישער מאַכט. פערבאָטענע פאַר אידען גאַסען האָבען געהאַט אַ גאַנצע מאַסע פּוילישע שטעדט: בלויז אין וואַרשעווער גובערניע אַליין זיינען געווען 52 שטעדטליך מיט „רעווירען" (אַזוי פלעגען זיך רופען די וואָס זיינען געווען געשלאָסען פאַר אידען). אין וואַרשע גופא זיינען 35 בעסטע גאַסען געווען פערבאָטען פאַר אידען; אויף אייניגע פון זיי האָבען געמעגט לעבען נור צו 3 אידישע משפחות, אויב זיי האָבען פערמאָגט אַ געוויסען, גאַנץ גרויסען קאַפּיטאַל, געקאָנט ריידען פּויליש צי דייטש אָדער פראַנצויזיש און זיינען געווען געקליידט אייראָפּעאיש. ניקאָלאַי דער ערשטער האָט אין יאָהר 1848 אַרויסגעוויזען זיין גענאָד און געהעכערט די צאָהל פון אַזעלכע „פּריוועליגירטע" אידישע משפחות ביז פינף אויף יעדער גאַס. דער פערבאָט פלעגט אַזוי שטרענג אָבגעהיט ווערען, אַז עס איז אַפילו אין דער פּראַקטיק ענטשטאַנען אַזאַ שאלה: ווי איז דער דין מיט אַזוינע הייזער, וועלכע געהען אַרויס אויף צוויי גאַסען, וואָס איינע פון זיי איז פאַר אידען פערוועהרט, און די אַנדערע—ערלויבט? פריהער האָט די רעגירונג גע'פּסק'ענט, אַז פאַר פערבאָטען דאַרף גערע-

הודעה

מפאליציע דווילנא

יום 10 סעפטעמבער 1825

היות . עש איז איין נישטעלט גיווארין מיט דיא פראווע און מיט דיא פריווילייעש וועלכי זיינען גיגעבין דיא שטאט ווילנא פון נאיאשנייעשע מלכים י און אינתר איז פאטוויערדזעט (אפירבירט) גיווארין דורך סענאט הממשל . אז יהודים זאלין ניט וואוינען אין גלאווניע גאסין פון דיא שטאט . היינו אסטראבראמסקי גרושע שלאס גאס . שוויאנסקי , דאמיניקאנסקי אונ טראצקי . און ניט פר דינגען זיי קיין שטאנציע אדר קראמען סקליעפעע : אבר דר ווידער אזו פיל פר זאגונג , רייסין זיך יהודים אריין צו וואונען אין צו פירין אונטר שייליכי האנדלען אין דיא גאסין : און אביוואטעליעס לאזין זיך צו פרדינגען יהודים הויזין , שטאנצייעס אונ סקליעפעס— על כן דורך דיא הפעל פון יאסני ווילמאזני וואייעני גובערנאטאר מאכט דיא ווילנער שטאט פאליציע דיא דאזיגע פובליקאציע (הודעה) איינעש קומט אין דר מערמין פון ארענדעש מתחיל , צו אסטרזענען (מזהר צו זיין) אז אביוואטעליעס וועלכי זיי האבין הויפין אין דיא אויבין דר מאנט גאסין . זאלין ניט פר דינגען צו יהודים אין זייערע הויפין דירות שטאנציעס אדר שקליעפעס , אדר קראמען : אונ דעסט גלייכין זיינען יהודים זאסטרזענעט (פר ווארנט) צו דינגען . אועלכי ערטיר אין וואשערע עש איז גאס פון דיא גאסין וואש זיינען זיי פר חערים , אונטר אפ ענטפערונט לויט פראווע . און אז עש איז ניט דר לויבט צוא מאכין אום דעם , מיט יהודים קיין קאנטראקטין אדר אפ ריידונג , וועלכי ניט גיגונג וואש זיי זאלין ניט צו גיקומען ווערין צום אקטיקירין . נאר אויך אז עש וועט זיך טרעפין אז וועלכר עש איז פון יהודים וועט ניט בעצאלין געלט פר אזעלכי דירות אדר לאקאציעש וועש דיא פאליציע ניט מאכין קיין סאטישפאקציע אונ קיינער קען זיך ניט פר ענטפערין אום דעם בשום אופין אז ער האט ניט גיוואוסט :

הודעה פון ווילנער פאליציי (פון יאהר 1823), וואס פערוועהרט אידען צו וואוינען אין בעשטימטע גאסען.

כענט ווערען אין אזא פאל דאס גאנצע הויז; דערנאך אבער איז זי גע־ווארען מילדער און ערקלערט, אז אידען טארען ניט וואוינען נור אין יענעם טייל הויז, וואס געהט ארויס אויף דער פערבאטענער גאס. די אלע בעגרענצונגען פון אידישען וואוינרעכט אין די פוילישע געגענדען זיינען אבגעשאפט געווארען אין יאהר 1862.

אויך אין ווילנא איז אידען געווען פערוועהרט צו וואוינען און האנדלען אויף צוויי גאסען: 1) פון „אסטרא־בראמע" ביז דער קאטעדראל־קירך, און 2) פון „טראאיצקער בראמע" ביז דער יאהאן־קירך. דער פערבאט, וואס האט געגאלטען נאך ביי דער פוילישער הערשאפט, איז אין ניקאלאי דעם ערשטענ'ס צייטען, אין יאהר 1836, בעשטעטיגט געווארען דורך א בעזונדער געזעץ. אין יאהר 1840 האט דער סענאט נאך פערשטארקט די גזירה: ער האט ערקלערט, אז די גאס „ניי־אמבארען" און דער אנהויב

PUBLIKATA

OD WILENSKIEY MIEYSKIEY POLICYI:

10 Września Roku 1823.

Gdy Prawem i Przywileiami dla Miasta Wilna od Nayiaśnieyszych Królów Polskich nadanemi postanowiono, i teraz przez Rządzący Senat potwierdzono: iżby żydom na Głównych Ulicach tego Miasta, iakoto: Ostrobramskiey, Wielkiey Zamkowey, Sto-Jańskiey, Dominikańskiey, i Trockiey, nie mieszkać i żadnych Stancyi, iakoteż Kram i Sklepow im nie arędować; lecz pomimo tylekrotnych otém ostrzeżeń żydzi wdzieraią się mieszkać i prowadzić rozmaite handle na tych Ulicach, i Obywatele dopuszczaią się wynaymować żydóm Domy, Stancye i Sklepy.— Przeto Policya Mieyska Wileńska z polecenia Jaśnie Wielmożnego Woiennego Gubernatora przed nadchodzącym terminem arędnym Sgo Michała, czyni niniejszą publikatę, ostrzegaiąc, iżby Obywatele maiący swe Domy na wyż wspomnionych Ulicach, niewypuszczali żydóm w swych domach, Mieszkań, Stancyi, bądź Sklepow, badź Kram; iakoteż naymocniey zastrzegaią się i Żydzi naymować takowe na którey bądź z Ulic im zabronionych pod odpowiedzią według prawa, i że niewolno żadnych o tém robić z Żydami Kontraktów lub umów, które nie tylko że nie będą przyimowane do aktykowania, lecz w przypadku nie oplacenia kim bądź z Żydów pieniędzy, za takowe mieszkanie lub lokacyą, żadney satysfakcyi Policya czynic nie bedzie; i nikt niewiadomością o tém pod żadnym pretextem wymawiać się nie może.

Wileński Policmeyster Radca Stanu Szłykow.

Tytularny Sowietnik Hutowicz.

„פובליקאַט" פון דער ווילנער פּאָליציי (פון יאָהר 1823) וועגען אַ פערבאָט
פאַר אידען צו וואוינען אין בעשטימטע גאַסען פון שטאָדט.

פון דער גאַס, וואָס געהט דורך היגטער דער ראַטושע, געהערען אויך צו דער „אָסטראָ־בראַמע"; אידען מוזען פון דאָרטען אַרויס און פערקויפען די הייזער, וואָס זיי פערמאָגען דאָרטען. אין קאָוונע איז אין יאָהר 1846 אויך איינגעפיהרט געוואָרען אַ בעגרענצונג פאַר אידען: זיי האָבען דאָ

געמעגט האָבען הייזער נור אין דיביידע פאָרשטעדט, און אויב אַ איד האָט דאָ פערמאָגט אַ הילצערנע שטוב, האָט ער ניט געטאָרט מאַכען קיין רע־מאָנט. פאַר ניקאָלאַי דעם ערשטען איז אידען פערוועהרט געוואָרען צו קויפען אָדער בויען הייזער אין קאָמענעצק־פּאָדאָלסק, אויסער דער שטאָדט־טייל „פּאָלווארקעס”. אין זשיטאָמיר האָבען אידען ניט געטאָרט וואוינען אין יענע קוואַרטאַלען, וואָס געפינען זיך צווישען דער גרויס־בערדיטשעװער גאַס און דעם טייך טעטערעוו. עס איז העכסט כאַראַקטעריסטיש: אין ניקאָלאַי'ס בעפעהל פון 24־טען מערץ 1854, דורך וועלכען עס איז איינגעפיהרט געוואָרען דער פערבאָט צו וואוינען אין יענע קוואַרטאַלען, ווערט די זאַך ערקלערט דערמיט, אַז דאָס איז „דער בעסטער און וויכטיג־סטער טייל” פון דער שטאָדט זשיטאָמיר.

פון די אַלע בעגרענצונגען, אויף וועלכע מיר האָבען אָקאָרשט אָנגעװיזען, פלעגען ליידען ניט נור אידען אַליין. זיי זיינען געװען עקאָנאָמיש שעדליך פאַר דער שטאָדטישער בעפעלקערונג בכלל און בעזונדערס פאַר די קריסטליכע אייגענטימער פון די הייזער, וועלכע האָבען זיך געפונען אויף די פערבאָטענע גאַסען. ווייל אידען האָבען זיך דאָ ניט געטאָרט בעזעצען אָדער קויפען הייזער, איז די איינקונפט פון די הייזער בעדייטענד פערקלענערט געוואָרען, און די מקחים אויף זיי זיינען שטאַרק געפאַלען. אין די ערשטע יאָהרען פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטענ'ס מלוכה זיינען אָט די אַלע בעגרענצונגען פון דעם וואוינרעכט אין אידישע שטעדט בטל געוואָרען.

ביילאַגען

אָנהויב פון דער ערשטער רוסישער ביילאַגע אויף זייט 369

Святыхъ, на небеси въ торжествующей Церкви ликовствующихъ, и на земли въ воинствующей подвизающихся; что вѣренъ Господь, рекшій: ищите прежде Царствія Божья и правды его, и сія вся приложится Вамъ, — не оставитъ его и во внѣшнихъ его нуждахъ, ежели онъ будетъ искренно и отъ всего сердца искать Царствія Божія, — пошлетъ ему благодѣтелей, друзей въ обществѣ вѣрующихъ, которые любовью своей и готовностью служить ему въ его нуждахъ, замѣнятъ ему его родителей, родственниковъ и друзей; что Господь можетъ обратить къ нему сердца и родителей его, приведши ихъ къ познанію истины, или смягчивъ ихъ къ нему ожесточеніе; что наконецъ, если бы онъ и все потерялъ въ мірѣ, то счастіе его безконечно велико, когда онъ стяжалъ Бога.

не увѣщевали, и не умоляли ихъ, какъ, чтобы они пребыли непоколебимы въ своей вѣрѣ; что перемѣнивъ вѣру отцовъ своихъ они нанесутъ имъ тягчайшую скорбь и тѣмъ пробудятъ ихъ лишить ихъ родительскаго благословенія и предать проклятію. Воспитанникамъ, колеблемымъ таковыми смущеніями, Священникъ долженъ изъяснить, что смущенія ихъ неправильны, потому, что оставить заблужденіе и обратиться къ истинѣ, не есть преступленіе, но священный долгъ совѣсти; что человѣку для того данъ разумъ, чтобы онъ различалъ истину отъ лжи, и первой слѣдовалъ, а послѣднюю отвергалъ; что отцы ихъ остаются, или остались въ невѣріи можетъ быть потому, что не имѣли случая узнать настоящимъ образомъ Христіанскую вѣру; что мы обязаны повиноваться Богу паче, нежели человѣкамъ; что ежели обращеніе ихъ въ Христіанство нанесетъ скорбь ихъ отцамъ, то эта скорбь неправильная, проистекающая отъ ихъ невѣденія; что они напротивъ того возрадовались бы о томъ великою радостію, если бы открылись имъ очи увидѣть истину; что клятвы ихъ отцовъ, какъ неимѣющія справедливаго основанія, не могутъ имѣть на нихъ никакого дѣйствія, и что они, вступивъ въ Христіанскую Церковь, наслѣдуютъ тѣ обильныя благословенія, которыя пріобрѣтены безцѣнными заслугами Іисуса Христа.

7. Причина, заключающаяся во внѣшнихъ обстоятельствахъ, состоитъ въ потерѣ внѣшнихъ выгодъ, соединенной съ перемѣной Іудейской вѣры на Христіанскую. Іудеи, по свойственному имъ фанатизму въ сохраненіи вѣры своей, обыкновенно пресѣкаютъ всякую связь со своими дѣтьми, родственниками и единоплеменниками, лишаютъ ихъ всякаго вспомоществованія и пособій, когда они оставляютъ вѣру Іудейскую и переходятъ въ Христіанство. Это не можетъ не дѣйствовать на воспитанниковъ Іудейскаго закона и не преграждать имъ путь къ переходу въ Христіанскую Церковь, особенно когда они имѣютъ достаточныхъ родителей и родственниковъ, которые отлично ихъ любятъ и не оставляютъ вспомоществовать имъ въ ихъ нуждахъ. Какъ, можетъ возразить воспитанникъ, могу я оставить навсегда моихъ родителей и родственниковъ, которые такъ нѣжно меня любятъ и такъ много мнѣ благодѣтельствовали и благодѣтельствуютъ? Какъ могу лишить себя и въ настоящее и на будущее время столь необходимой для меня ихъ помощи и подпоры, и остаться такъ сказать сиротою въ мірѣ? Услышавъ такое возраженіе, Священникъ долженъ съ важностью изъяснить ему, что Богъ и спасеніе души его суть такіе предметы, которые достойны того, чтобы онъ для нихъ пожертвовалъ внѣшними, временными своими выгодами; что вступая въ союзъ съ Богомъ, съ Церковью, онъ не можетъ почитать себя сиротою, но чадомъ Божьимъ, сообщникомъ и собратомъ Ангеловъ Божьихъ и всѣхъ

душіе ко всякой религіи и даже стараются заглушить въ себѣ естественное чувство оной. Посему напрасно священникъ предлагалъ бы воспитанникамъ, зараженнымъ пороками, изящное ученіе Христіанской вѣры; оно недоступно до ихъ сердца, ибо въ злохудожную душу не входитъ премудрость. Онъ долженъ съ отческимъ состраданіемъ и любовью увѣщевать, умолять ихъ исправить свое поведеніе, долженъ внушить имъ, что нравственность составляетъ главное достоинство человѣка, что потерявъ оную, человѣкъ унижается до безсловеснаго животнаго; что безъ нравственности человѣкъ не можетъ быть счастливъ, гдѣ бы онъ и въ какихъ обстоятельствахъ поставленъ не былъ, ибо онъ внутри сердца своего носитъ обличителя худыхъ своихъ дѣлъ, который лишаетъ его внутренняго покоя; что онъ нѣкогда долженъ стать на судъ Божій, гдѣ строгій потребуется отъ него отвѣтъ во всѣхъ его дѣлахъ, что участь беззаконныхъ есть вѣчное мученіе въ адѣ, гдѣ огнь не угасаетъ и червь не умираетъ; что онъ, какъ Израильтянинъ, имѣющій предъ очами своими зерцало закона Божія, даннаго народу Израильскому на горѣ Синайской, тѣмъ строжайшему подвергнется осужденію, чѣмъ большія дарованы ему были средства къ познанію добра и зла; стараться расположить его разсмотрѣть съ нимъ со вниманіемъ десятисловіе, въ которомъ сокращенно начертанъ весь законъ нрвственный; разобрать съ нимъ подробно каждую изъ десяти заповѣдей; совѣтовать ему, чтобы онъ по сему Божественному образцу повѣрялъ свою совѣсть, и ежедневно старался давать себѣ отчетъ въ своихъ дѣлахъ. Ежели священникъ замѣтитъ въ немъ пробужденіе совѣсти, которая начнетъ приводить его въ безпокойство, открывая и обличая худыя его дѣла, то онъ долженъ усугубить о немъ свои попеченія; указать ему, гдѣ онъ долженъ искать примиренія съ совѣстію; раскрыть ему утѣшительныя Евангельскія притчи и исторіи, изображающія неисповѣдимое милосердіе Божіе къ кающемуся грѣшнику; привести ему слова Спасителя, обращенныя къ труждающимся и обремененнымъ, изъяснить ему, что единственная дверь ко спасенію есть Іисусъ Христосъ, и единственная баня возрожденія—крещеніе; и ежели воспитанникъ станетъ стараться исправлять себя въ поведеніи, приступить къ наставленію его въ догматахъ Христіанской вѣры, какъ выше показано.

6. Причина, заключающаяся въ совѣсти, есть смущенье и боязнь слабой совѣсти перемѣнить вѣру отцевъ своихъ и чрезъ то навлечь на себя ихъ проклятіе. Страждущіе симъ недугомъ обыкновенно говорятъ, что они желаютъ быть въ той вѣрѣ, въ которой состоятъ или состояли ихъ отцы или праотцы, что отцы ихъ предали имъ, какъ священный нѣкій залогъ сію вѣру, который они должны свято сохранить; что отцы ихъ ни о чемъ столько

въ спокойное расположеніе духа, поставили себя въ присутствіе Божіе, и принесши Богу молитву о просвѣщеніи ихъ свѣтомъ истины, начать чтеніе съ особеннымъ чувствомъ благовѣнія, не спѣшно, внятно для слушающихъ, останавливаясь на прочтенныхъ имъ отдѣльныхъ статьяхъ, и спрашивая, выразумѣли-ль они оныя; и продолжать сіе чтеніе въ такомъ каждый разъ пространствѣ, которое бы не утомляло вниманія слушающихъ. Чистая, высокая нравственность Евангельская, Божественный характеръ Спасителя, изображающійся во всѣхъ Его дѣйствіяхъ, сильнѣе всякихъ доводовъ уничтожаетъ всякое злорѣчіе и клевету на Христіанство. Онъ долженъ раскрыть имъ высокій нравственный характеръ и учениковъ Іисуса Христа, которыхъ избралъ Онъ проповѣдниками Евангелія; прочитать съ ними нѣкоторыя нарочно избранныя статьи изъ дѣяній Святыхъ Апостоловъ и ихъ посланій; показать имъ, съ какимъ безкорыстіемъ и съ какимъ самоотверженіемъ проповѣдали они ввѣренное имъ ученіе; какъ самъ Господь и учитель ихъ не обѣщалъ имъ въ семъ мірѣ другихъ наградъ, кромѣ бѣдствій, гоненій и всякихъ озлобленій; какъ они великодушно, и даже съ радостію переносили истязанія и уничижительныя наказанія за имя Господа Іисуса; какъ они всю жизнь свою посвятили сему служенію, которое не токмо не представляло имъ никакихъ земныхъ выгодъ, но и подвергало ихъ безчисленнымъ трудамъ, скорбямъ, нуждамъ, гоненіямъ и разнаго рода бѣдствіямъ и запечатлѣли истину своего ученія страдальческою кровью. Занимаясь догматическимъ ученіемъ вѣры, Священникъ долженъ ознакомить ихъ съ важнѣйшими происшествіями ветхозавѣтной Церкви, гдѣ онъ можетъ найти случай изъяснить имъ, какъ проповѣдываемая Христіанами тайна искупленія прообразовательно раскрыта была для тѣхъ, кои имѣютъ очи видѣть, въ различныхъ лицахъ, дѣйствіяхъ и обрядахъ закона, какъ все домостроительство ветхозавѣтной Церкви имѣло одну главную цѣль, чтобы приготовить Израильтянъ, а чрезъ нихъ и весь родъ человѣческій къ принятію дарованной во Іисусѣ Христѣ благодати; а также съ событіями новозавѣтной Церкви, особенно въ Апостольскомъ, и ближайшихъ къ нему вѣкахъ, гдѣ онъ можетъ показать имъ, изъ какихъ слабыхъ, повидимому, началъ, при какихъ непреодолимыхъ препятствіяхъ возникло, процвѣло и озарило собою вселенную Христіанство, какъ великодушно Христіане въ теченіи первыхъ трехъ вѣковъ переносили всякаго рода гоненія, и охотно обрекли себя на ужаснѣйшія мученія и самую смерть, чтобы сохранить свято залогъ вѣры. Руководствомъ по сему предмету могутъ быть Библейская и Церковная Исторія, употребляемыя въ Духовныхъ семинаріяхъ и другія сего рода историческія книги.

5. Причина, заключающаяся въ сердцѣ, есть испорченная нравственность. Люди сего рода вообще оказываютъ великое равно-

нятія о Мессіи, какъ о такомъ предметѣ вѣры, на которомъ основываются всѣ надежды Израиля; объяснить имъ, что разсуждая съ Израильтянами о предметахъ вѣры, онъ не имѣетъ нужды прибѣгать ни къ какимъ другимъ источникамъ, кромѣ тѣхъ священныхъ книгъ Моисея и Пророковъ, которыя они, какъ Христіане, почитаютъ откровеннымъ словомъ Божіемъ, и что всякое недоразумѣніе, относящееся до предметовъ вѣры, должно получить свое разрѣшеніе изъ ясныхъ свидѣтельствъ того же слова Божія. Ежели они, излагая мнѣнія свои о Мессіи, ясныя пророческія мѣста будутъ извращать ложнымъ толкованіемъ, то надлежитъ указать имъ принужденное и несвойственное составу рѣчи и связи съ прочими частями оной ихъ толкованія, возстановить истинный смыслъ оныхъ по правиламъ здравой Герменевтики. Ежели они будутъ указывать на тѣ токмо черты Мессіи, которыя относятся къ состоянію его славы, то не отвергая оныхъ, и показавъ исполненіе ихъ частію въ буквальномъ, частію въ духовномъ смыслѣ въ лицѣ Іисуса Христа, онъ долженъ раскрыть имъ въ книгахъ пророческихъ другія черты, относящіяся къ состоянію Его уничиженія; прочитать имъ изъ Исаіи и псалмовъ Давида тѣ трогательныя мѣста, гдѣ описываются тяжкія Его страданія, лишающія Его вида и доброты лица, уподобляющія Его червю, а не человѣку, переносимыя Имъ съ кротостью агнца ругательства и поношенія, израненіе плещей, заушенія, заплеванія, прободеніе рукъ и ногъ, и наконецъ, уничижительная смерть, гдѣ онъ вмѣняется со беззаконными; и послѣ того прочитать имъ изъ Евангельской Исторіи повѣствованіе о страданіяхъ и смерти Господа нашего Іисуса Христа. Если же они не имѣютъ никакого яснаго понятія о тѣхъ признакахъ, которыми Пророки описываютъ пришествіе въ міръ Мессіи, то изъяснить имъ оныя подробно, приводя самыя слова Пророческія, и заставляя ихъ самихъ повѣрить оныя по оригинальному тексту, ежели они знаютъ Еврейскій языкъ. Чтобы вывести изъ нелѣпыхъ толковъ и предубѣжденій, какіе воспитанники сіи получили отъ своихъ наставниковъ относительно Христіанства, Священникъ долженъ изъяснить имъ, что недостойно разсудительнаго человѣка увлекаться толками другихъ о предметахъ великой важности, не удостовѣрясь въ справедливости таковыхъ толковъ, особенно когда онъ къ тому имѣетъ всѣ средства; что о Христіанствѣ не иначе можно правильно судить, какъ разсмотрѣвъ то ученіе, которое предлагалъ, и тѣ дѣянія, которыя совершалъ основатель онаго Іисусъ Христосъ, каковое ученіе и дѣяніе описаны учениками Его, запечатлѣвшими истину своего свидѣтельства мученическою кровію, въ книгахъ, называемыхъ Христіанами Евангеліями, и стараться убѣдить ихъ приступить съ нимъ къ чтенію сихъ книгъ, и когда они на то изъявятъ свое согласіе, дать имъ наставленіе, чтобы они привели себя

носящіеся до качествъ, дѣйствій и различныхъ обстоятельствъ, которыми Пророки описываютъ обѣщаннаго Богомъ Избавителя, и показать исполненіе всего того въ лицѣ Господа нашего Іисуса Христа. Излагая имъ, такимъ образомъ, догматическое ученіе вѣры, Священникъ долженъ стараться ознакомить ихъ съ важнѣйшими происшествіями, относящимися до Священной Исторіи Ветхого и Новаго Завѣта; ибо ничто не можетъ столь благодѣтельно дѣйствовать на невинныя дѣтскія сердца, какъ поучительныя повѣствованія, заключающіяся въ Священной Исторіи. Такимъ образомъ онъ можетъ съ пріятностью разнообразить собесѣдованія свои съ сими воспитанниками, то изъясняя имъ ученіе вѣры, то разсказывая имъ, или прочитывая событія изъ Священной Исторіи, руководствуясь краткой Священною Исторіей, помѣщенною при Начаткахъ Христіанскаго ученія, или Священною Исторіей Ветхаго и Новаго Завѣта Гибнера.

Примѣчаніе. Занимающійся наставленіемъ сихъ воспитанниковъ Священникъ долженъ имѣть тщательное наблюденіе, чтобы другіе, зараженные уже ложными понятіями Іудейскаго ученія воспитанники, не развращали ихъ, сообщая имъ таковыя свои понятія. Ежели онъ это усмотритъ, то немедленно долженъ довести до свѣденія Начальства военнаго заведенія, и ходатайствовать, чтобы вредные по своимъ внушеніямъ воспитанники были отдѣлены отъ тѣхъ, которые близки къ обращенію, и чтобы вообще возрастные воспитанники, зараженные ложнымъ Іудейскимъ ученіемъ, не имѣли общего жительства и близкаго сношенія съ малолѣтними воспитанниками, незнающими еще такового ученія.

4. Обращеніе воспитанниковъ Іудейскаго закона, которые получили уже наставленіе въ своей вѣрѣ по ложнымъ понятіямъ наставниковъ и вмѣстѣ съ тѣмъ заимствовали отъ нихъ предубѣжденія противъ Христіанства, требуетъ большего труда. Для нихъ недостаточно одного простого, яснаго изложенія вѣры, какую должны имѣть истинные Израильтяне по ученію непреложнаго слова Божія, заключающагося въ священныхъ книгахъ Моисея и Пророковъ, ибо сердца ихъ предвзяты ложными понятіями и предубѣжденіями, которыя заграждаютъ отъ очей ихъ свѣтъ истины. Имъ нужно наставленіе, которое бы вполнѣ обнимало всѣ извороты запутаннаго ложнымъ Іудейскимъ ученіемъ разума и ослѣпленнаго нелѣпыми о Христіанствѣ толками сердца. Чтобы разсѣять мракъ тѣхъ ложныхъ понятій о вѣрѣ, какіе воспитанники сіи приняли отъ своихъ наставниковъ, Священникъ долженъ стараться расположить ихъ бесѣдовать съ нимъ откровенно, не опасаясь за разномысліе ихъ съ нимъ никакихъ для себя непріятностей; спрашивать ихъ, какое они имѣютъ понятіе о Богѣ и о средствахъ своего спасенія, особенно же заставить ихъ со всевозможною подробностью изложить ему свои по-

2. Причины, заключающіяся въ разумѣ, состоятъ въ невѣденіи религіи, или въ неправильномъ и превратномъ разумѣніи оной. Между воспитанниками Іудейскаго закона, находящимися въ военныхъ заведеніяхъ, одни могутъ быть такіе, которые не имѣютъ никакого яснаго понятія ни о религіи Іудейской, исповѣдуемой ихъ отцами, ни о религіи Христіанской, и такимъ образомъ остаются въ глубокомъ невѣденіи того, чему они должны вѣровать, и какъ благоуждать Богу, и ежели исполняютъ некоторые обряды Іудейскаго закона, то дѣлаютъ это безъ всякаго понятія, слѣдуя токмо примѣру другихъ; другіе же напротивъ того могутъ быть такіе, которые довольно наставлены въ религіи Іудейской, и имѣютъ понятіе о Христіанствѣ, но по ложнымъ и превратнымъ толкамъ своихъ наставниковъ. Различные виды сихъ состояній требуютъ различныхъ способовъ наставленія.

3. Воспитанники Іудейскаго закона, въ которыхъ еще не развиты понятія ни о Іудейской, ни о Христіанской религіи, ежели они токмо сохраняютъ дѣтскую невинность и чистоту сердца, не далеки отъ Царства Божія. Эта невоздѣланная, но не заросшая терніемъ и не засѣянная плевелами нива, которая требуетъ добраго дѣлателя и благихъ сѣмянъ, чтобы произрастить благословенные плоды. Священникъ долженъ дружелюбною ласковостью и кроткимъ отческимъ обхожденіемъ приблизить къ себѣ; стараться развить въ нихъ религіозное чувство, которое не заглушено еще въ нихъ пробужденіемъ страстей; съ важностью изъяснить имъ, что первая обязанность человѣка познать своего Создателя и то, какъ онъ можетъ благоуждать Ему, что человѣкъ можетъ познавать Бога, руководствуясь естественнымъ свѣтомъ разума изъ размышленія о себѣ самомъ и разсматриваніи видимой природы; но народъ Израильскій, нѣкогда избранный и возлюбленный Богомъ народъ, имѣлъ особенную благодать получить отъ Бога откровеніе, которое и доселѣ сохраняетъ онъ въ священныхъ книгахъ Моисея и Пророковъ, и въ которыхъ самъ Богъ благоволилъ открыть человѣкамъ, какъ они должны право и спасительно вѣровать въ Него и достойно чтить Его; а потому они должны сіе откровеніе почитать выше всякаго человѣческаго ученія, изъ него почерпать познаніе о Богѣ—и о всемъ томъ, что относится до спасительной вѣры въ Него и благоугоднаго Ему служенія; наконецъ онъ долженъ предложить имъ выслушать отъ него краткое начертаніе вѣры, какую имѣли благочестивые ветхозавѣтные Іудеи, и нынѣ должны имѣть истинныя чада Авраама, почерпнутое имъ изъ священныхъ книгъ Моисея и Пророковъ; обратить особенное ихъ вниманіе на тотъ главный и существенный предметы вѣры объ обѣтованномъ Мессіи, на которомъ основаны всѣ утѣшительныя надежды Израиля; съ особенною подробностію раскрыть имъ тѣ многоразличные признаки, от-

колкости, насмѣшки и тому подобное, отнюдь не должны имѣть мѣста въ его обращеніи съ наставляемыми имъ въ истинахъ вѣры. Этого требуетъ самое достоинство Святой Христіанской вѣры, которая не имѣетъ нужды въ сихъ пособіяхъ, имѣя чистыя, убѣдительныя доказательства своей истины.

5. Напротивъ того онъ долженъ стараться научиться кроткому обхожденію, которое привлекаетъ къ себѣ сердца. Мирная, дружелюбная бесѣда, гдѣ наставникъ въ духѣ кротости ясными доводами старается убѣдить въ истинѣ, гораздо скорѣе можетъ привести къ желаемой цѣли, нежели строгія обличенія и взысканія.

6. Онъ долженъ вооружить себя непоколебимымъ терпѣніемъ, чтобы кротко выслушивать всѣ представляемыя имъ недоумѣнія и возраженія; не долженъ огорчаться, когда бы они, не зная, чѣмъ поддержать свои мнѣнія, стали употреблять пустые, ребяческіе извороты; ибо сего требуетъ не токмо Христіанская любовь къ немощнымъ братіямъ, но и собственная его польза, ибо выходя изъ терпѣнія, онъ теряетъ ясность и спокойствіе духа, которыя для него необходимы, чтобы онъ могъ основательно разсматривать предметы, и съ успѣхомъ пользоваться тѣми пособіями, которыя представляетъ ему Священное Писаніе и Исторія, а также совѣты благоразумныхъ людей и собственные опыты.

7. Наконецъ онъ долженъ глубоко впечатлѣть въ своемъ сердцѣ, что всѣ его наставленія тогда только могутъ имѣть настоящую свою силу и дѣйствіе надъ сердцами другихъ, когда они проистекаютъ изъ чистаго источника искренней и нелицемѣрной любви. Ибо одна токмо святая любовь можетъ образовать наставника такъ, что онъ бываетъ способенъ на все, что онъ находитъ для всякаго человѣка приличное слово, и всякому своему слову даетъ силу проникать въ основаніе сердца. Любовь сія должна быть одинакова ко всѣмъ, но не на всѣхъ одинаково дѣйствовать; къ одному она приходитъ отважно, дабы бесѣдовать съ нимъ свободно; къ другому осторожно, чтобы не раздражать его; къ иному съ кротостію, какъ любовь братская; къ другому съ некоторымъ полномочіемъ, какъ любовь отеческая.

III. Способъ обращенія воспитанниковъ Іудейскаго исповѣданія.

1. Чтобы успѣшно дѣйствовать на воспитанниковъ Іудейскаго исповѣданія, надобно обратить вниманіе на тѣ разнообразныя причины, которыя могутъ полагать препятствія къ принятію ими Христіанской вѣры. Ибо нельзя врачевать болѣзнь, не узнавши основательно того, отъ чего оная происходитъ. Причины сіи могутъ быть двоякаго рода, внутреннія и внѣшнія. Первыя могутъ заключаться или въ разумѣ, или въ сердцѣ, или въ совѣсти; послѣднія— во внѣшнихъ обстоятельствахъ.

достаточной мѣрѣ сихъ качествъ, то долженъ усугубить свое стараніе о стяжаніи оныхъ, и усердно молить Бога, чтобы оныя получили въ немъ достаточныя дѣйствія и силу.

2. Приступая къ наставленію воспитанниковъ Іудейскаго исповѣданія, онъ не долженъ дѣйствовать круто и навязчиво, стараясь какъ бы приневолить ихъ къ слушанію своихъ наставленій, но долженъ стараться приблизиться къ нимъ простымъ и непринужденнымъ образомъ, пользуясь случаями посѣщенія воспитанниковъ Православнаго исповѣданія, имѣющихъ съ ними общее помѣщеніе, а также посредствомъ сотоварищей ихъ и другихъ лицъ, которыхъ они любятъ, или уважаютъ, не показывая безвременно непріятнаго для нихъ вида, что онъ намѣренъ обращать ихъ въ Христіанскую вѣру; ибо это можетъ возбудить въ нихъ безпокойное и отражающее чувство. Онъ долженъ войти съ ними сперва въ обыкновенное сношеніе спокойно и разсудительно, и постепенно сближаясь съ ними, начинать мало по малу входить въ нравственныя и религіозныя разсужденія, предлагать имъ на размышленіе заимствованные изъ собственнаго ихъ вѣрованія вопросы относительно главной надежды Израильтянъ—Мессіи, правильное разрѣшеніе которыхъ необходимо должно приблизить ихъ къ истинной вѣрѣ; выслушивать охотно вопросы, которые они пожелали бы предложить, и давать на нихъ твердые, но не суровые или укоризненные отвѣты. Когда они замѣтятъ въ наставникѣ человѣка свѣдущаго, разсудительнаго, неувлекающагося безразсудною запальчивостію, то это возбудитъ въ нихъ желаніе говорить съ нимъ, и такимъ образомъ, они сдѣлаются способнѣе вникать въ истину и понимать ее.

3. Впрочемъ, онъ не долженъ слишкомъ долго отлагать своихъ наставленій; ибо это показывало бы съ его стороны небрежную холодность, которая столько же вредна, какъ и неблагоразумная навязчивость. Разсудительный врачъ не всегда смотритъ, расположенъ ли больной принимать его лекарства, но дѣйствуетъ соображаясь болѣе съ тѣмъ, чего требуютъ дѣйствительныя нужды больного. Есть настоятельность, избѣгающая сихъ обѣихъ крайностей, свойственная Апостольскому духу и дѣйствованію. Это есть материнская заботливость, которая безпрестанно употребляетъ всевозможные способы, чтобы спасти больное дитя.

4. Предлагая наставленія воспитанникамъ Іудейскаго закона, онъ долженъ всячески остерегаться, чтобы не употребить въ оныхъ ничего такого, что могло бы оскорбить ихъ, и особенно возбудить ихъ къ нему ненависть и злобу, ибо возмутивъ спокойствіе ихъ духа, и возбудивъ непріязненное къ себѣ расположеніе, онъ дѣлаетъ ихъ неспособными къ принятію его ученія. Посему все то, что не ведетъ къ убѣжденію, а только раздражаетъ и производитъ отвращеніе, какъ-то: повелительный тонъ, суровые выговоры,

повелѣвающій любить всѣхъ людей и оказывать имъ возможную помощь, и какъ то показалъ намъ своимъ примѣромъ самъ Господь нашъ Іисусъ Христосъ, обращаясь снисходительно не только съ Самарянами, но и съ язычниками; внушить имъ, что находящіеся въ заблужденіи сотоварищи ихъ Іудейскаго закона держатся своего заблужденія, можетъ быть, потому только, что не имѣли случая узнать нашу вѣру основательно, и что узнавъ оную, вѣроятно сдѣлаются Христіанами, и своей ревностною жизнью по вѣрѣ, можетъ быть, превзойдутъ и насъ.

10. Онъ долженъ прилежно упражняться въ чтеніи Пророческихъ книгъ Ветхаго Завѣта, и въ особенности основательнѣйшимъ образомъ выразумѣть тѣ заключающіяся въ нихъ мѣста, которыя относятся къ лицу обѣщаннаго Богомъ Искупителя рода человѣческаго—Мессіи, въ которыхъ ясными чертами изображаются: двоякое Его естество—Божеское и человѣческое, предвѣчное рожденіе отъ Отца, сверхъестественное зачатіе и рожденіе по плоти отъ Пресвятыя Дѣвы, время, въ которое Ему надлежало родиться, мѣсто, гдѣ долженствовало произойти сіе рожденіе, племя, изъ котораго Онъ долженствовалъ произойти по плоти, Божествованное Его ученіе, различныя чудотворенія, невинное страданіе и смерть, воскресеніе изъ мертвыхъ, вознесеніе на небеса, распространеніе Церкви Христіанской по всей вселенной; каковыя Пророческія предсказанія получили совершенное свое исполненіе въ Господѣ Іисусѣ Христѣ.

11. Онъ долженъ основательнымъ образомъ приготовить себя къ разрѣшенію тѣхъ недоумѣній, которыя могутъ затруднять Евреевъ, привыкшихъ къ понятіямъ своихъ наставниковъ и слѣпо привязанныхъ къ буквѣ закона Моисеева, каковыя въ особенности могутъ касаться таинства Святыя Троицы, отмѣненія закона обрѣзанія и празднованія субботы и проч., а также почитанія Святыхъ, чествованія иконъ въ Христіанской Церкви.

II. Общія правила благоразумія для Священника, занимающагося наставленіемъ воспитанниковъ Іудейскаго исповѣданія.

1. Чтобы подѣйствовать на воспитанниковъ Іудейскаго исповѣданія, должно пріобрѣсти въ некоторой степени ихъ къ себѣ довѣренность, ибо одна довѣренность къ учащему располагаетъ охотно его слушать, принимать внушаемую имъ истину, сохранять ее и дѣлать плодоносною. Довѣренность же тогда токмо можемъ мы пріобрѣсти, когда другіе видятъ насъ людьми разсудительными, Богобоязненными, сострадательными, готовыми оказать всякому возможную помощь, опытными, скромными и такими, которые невѣденія, или заблужденія разума не считаютъ злостію, могутъ съ кротостью выслушивать противныя мнѣнія и уважаютъ праводушныя изслѣдованія. Посему ежели Священникъ не находитъ въ себѣ въ

нятливы ли, или нѣтъ. Сіи свѣдѣнія нужно имѣть священнику, чтобы онъ, соображаясь съ оными, могъ опредѣлить какъ мѣры осторожности въ дѣйствованіи, такъ и самый рядъ и образъ наставленія.

6. Онъ долженъ обратить особенное вниманіе на воспитанниковъ Православнаго исповѣданія, находящихся въ сношеніи съ воспитанниками Іудейскаго закона, и получить ясныя понятія, какую они имѣютъ степень образованія, довольно ли они свѣдущи въ ученіи Православной вѣры; какой они нравственности; имѣютъ ли способности и усердіе разсуждать о предметахъ вѣры; въ какой степени пользуются они довѣріемъ сотоварищей Іудейскаго закона, и на чемъ оная основана.

7. Усмотрѣвъ изъ воспитанниковъ Православнаго исповѣданія такихъ, которые при благонравномъ поведеніи имѣютъ достаточныя познанія въ ученіи Православной вѣры, могутъ здраво и основательно разсуждать о предметахъ вѣры, и притомъ пользуются довѣріемъ воспитанниковъ Іудейскаго закона, онъ долженъ войти съ ними въ ближайшее сношеніе. Узнавъ изъ особеннаго съ ними обращенія степень ихъ познаній, онъ долженъ восполнить въ нихъ то, чего они не имѣютъ, и что имъ частію для себя самихъ, а частію для вразумленія сотоварищей ихъ особенно нужно. Онъ долженъ обратить вниманіе на тѣ предметы, о которыхъ они преимущественно могутъ разсуждать съ воспитанниками Іудейскаго закона, спрашивать: какіе они отъ сихъ воспитанниковъ слышатъ возраженія и разрѣшать оныя; совѣтовать, чтобы они не оставляли своихъ познаній безъ пользы для находящихся въ заблужденіи сотоварищей своихъ Іудейскаго закона, но съ кротостью и любовью вразумляли и наставляли ихъ при благопріятныхъ случаяхъ, каковые при совмѣстномъ воспитаніи и товариществѣ легко открываются.

8. Воспитанниковъ Православнаго исповѣданія, малосвѣдущихъ въ ученіи Православной вѣры, или неисправнаго поведенія, живущихъ вмѣстѣ или имѣющихъ близкое сношеніе съ воспитанниками Іудейскаго исповѣданія, онъ долженъ съ кротостью и терпѣніемъ наставлять въ необходимыхъ истинахъ вѣры и отечески убѣждать исправить свое поведеніе; въ случаѣ же безуспѣшности хода ходатайствовать предъ военнымъ Начальствомъ объ удаленіи ихъ отъ совмѣстнаго жительства съ воспитанниками Іудейскаго закона и замѣщенія ихъ другими благонадежнѣйшими, могущими споспѣшествовать ему въ настоящемъ дѣлѣ.

9. Всѣхъ вообще воспитанниковъ Православнаго исповѣданія увѣщевать, чтобы они обращались съ сотоварищами своими, состоящими въ Іудейскомъ законѣ, не презрительно и не враждебно, а кротко и миролюбиво, какъ того требуетъ законъ Христіанскій,

ставлены, какъ-то: на состояніе зависимости ихъ отъ Начальства, обращеніе съ воспитанниками Православнаго исповѣданія, и приспособить свои дѣйствованія такъ, чтобы все могло споспѣшествовать къ достиженію предположенной имъ цѣли.

3. Онъ долженъ стараться приобрѣсти доброе расположеніе и довѣріе къ нему поставленнаго надъ военнымъ заведеніемъ Начальства, которое можетъ быть наилучшимъ споспѣшествователемъ въ предпринимаемомъ имъ дѣлѣ. Посему онъ долженъ вести себя такъ, чтобы сіе Начальство видѣло въ немъ скромнаго, почтительнаго, благоговѣйнаго служителя Церкви; стараться всевозможно отстранять отъ себя всѣ тѣ случаи, которые могутъ служить поводомъ къ навлеченію на себя неудовольствія онаго; не вмѣшиваться въ его дѣла, не судить объ образѣ его жизни, а тѣмъ паче не осуждать его, но по духу смиренія и христіанской любви извинять и защищать; располагать подчиненныхъ его къ усердному и добросовѣстному повиновенію ему; быть готовымъ оказывать ему всякую услугу, ежели она не противна его должности; остерегаться отъ неискренняго обращенія съ нимъ и отъ упрямства въ такомъ дѣлѣ, которое можно исполнить невинно и безвредно.

4. Онъ долженъ имѣть самое ближайшее и довѣренное сношеніе съ Начальствомъ заведенія по порученному ему дѣлу обращенія воспитанниковъ Іудейскаго закона въ Христіанскую вѣру; предварительно сообщать ему о тѣхъ предположеніяхъ, которыя онъ намѣренъ привести въ дѣйствіе; принимать съ благодарностью полезные его совѣты; доводить до свѣдѣнія его какъ о благопріятныхъ, такъ и о неблагопріятныхъ обстоятельствахъ въ семъ дѣлѣ, и вообще ничего не предпринимать безъ предварительнаго съ онымъ совѣщанія и полученія отъ него согласія.

5. Онъ долженъ при помощи поставленнаго надъ военнымъ заведеніемъ Начальства и благонамѣренныхъ споспѣшниковъ онаго, а также благоразумнѣйшихъ изъ воспитанниковъ Православнаго исповѣданія собрать о воспитанникахъ Іудейскаго закона вѣрныя свѣдѣнія: какую они имѣютъ степень образованности, какой нравственности, привязаны ли къ своей вѣрѣ, или равнодушны къ оной; имѣютъ ли основательныя познанія въ ученіи исповѣдываемой ими вѣры, или малосвѣдущи въ оной; разумѣютъ ли священный языкъ книгъ Ветхаго Завѣта и упражнялись ли въ чтеніи оныхъ или какъ языка, такъ и книгъ Ветхаго Завѣта не разумѣютъ; что наиболѣе кажется имъ соблазнительнаго въ Христіанствѣ; кого они изъ товарищей своихъ почитаютъ болѣе свѣдущимъ въ ученіи ихъ вѣры, кого они уважаютъ или слушаютъ между собою больше другихъ и почему; обходительны ли они, или нѣтъ; имѣютъ ли сношеніе съ православными воспитанниками, и съ кѣмъ именно; имѣютъ ли охоту входить въ разсужденія о вѣрѣ, или нѣтъ; по-

ביילאַגע נומ. 1

אינסטרוקציע פאַר די גלחים פון די קאַנטאָניסטישע אַנשטאַלטען וועגען טויפען די אידישע שילער

(אַרויסגעגעבען פון סינאָד אין יאָהר 1843).

НАСТАВЛЕНІЕ

СВЯЩЕННИКАМЪ ВОЕННЫХЪ ЗАВЕДЕНІЙ,

касательно обращенія воспитанниковъ Іудейскаго исповѣданія

въ

Христіанскую вѣру.

САНКТПЕТЕРБУРГЪ.
Въ Синодальной типографіи.

1843 г.

По опредѣленію Святѣйшаго Правительствующаго Синода.

I. Примѣненіе общихъ обязанностей Священника къ обращенію въ Христіанство воспитанниковъ Іудейскаго исповѣданія.

1. Священникъ, по особенному ли порученію Начальства, или по мѣсту своего служенія, приступающій къ обращенію въ Христіанство находящихся въ военныхъ заведеніяхъ воспитанниковъ Іудейскаго исповѣданія, долженъ помятовать, что истинное обращеніе совершается силою Благодати Божіей, и что онъ въ семъ дѣлѣ можетъ быть токмо орудіемъ, содѣйствующимъ оной. Посему онъ долженъ приступить къ сему важному дѣлу въ глубокомъ смиреніи духа, не полагаться на свои знанія и искусство, не обѣщать себѣ и другимъ самонадѣянно скорыхъ и блистательныхъ успѣховъ, но усердною молитвой испрашивать на дѣло служенія своего благословеніе и помощь Божію.

2. Онъ долженъ тщательно обозрѣть предлежащій ему кругъ дѣйствованія, обратить вниманіе какъ на находящихся въ военныхъ заведеніяхъ воспитанниковъ Іудейскаго исповѣданія, такъ и на тѣ обстоятельства, въ которыхъ они, по мѣсту воспитанія своего, по-

ביילאַגע נומ. 2

(צום אַרטיקעל: „דער ווועליזשער בלוט-בלבול").

ניקאָלאַי דעם ערשטענ'ס רעזאָלוציע וועגען אורטייל פון גאָסודאַרסטווענני סאָוויעט אין דעם פּראָצעס געגען די וועליזשער אידען.

דעם 18־טען יאַנואַר 1835 האָט דער קייזער ניקאָלאַי דער ערשטער בעשטעטיגט דעם אורטייל פון גאָסודאַרסטווענני סאָוועט, וועגען אנערקענען די אָנגעקלאָגטע וועליזשער אידען פאַר אונשולדיג. דערביי האָט ער אָבער, איינגעהענדיג, אָנגעשריבען אַ בעזונדער רעזאָלוציע, וואָס איז ניט פער־עפענטליכט געוואָרען. מיר ברייגגען דאָ אָט זיין ניט־פּובליקירטע רעזאָ־לוציע, פון אַן אַרכיוו־דאָקומענט:

"Раздѣляя мнѣніе Гос. Совѣта, что въ дѣлѣ семъ, по неясности законныхъ доводовъ, другого рѣшенія послѣдовать не можетъ, какъ то, которое въ утвержденномъ мной мнѣніи изложено, считаю однако нужнымъ прибавить, что **внутренняго убѣжденія,** чтобъ убійство Евреями произведено не было, не имѣю и имѣть не могу. Неоднократные примѣры подобныхъ умерщвленій съ тѣми же признаками, но всегда непонятными по недостатку законами требуемыхъ доказательствъ, и даже нынѣ производимое весьма странное дѣло въ Житомірѣ, доказываютъ, по моему мнѣнію, что между Евреевъ существуютъ вѣроятно изувѣры или раскольники, которые христіанскую кровь считаютъ нужною для своихъ обрядовъ, — сіе тѣмъ болѣе возможнымъ казаться можетъ, что къ несчастію и среди насъ Христіанъ существуютъ иногда такія секты, которыя не менѣе ужасны и непонятны; н. п. сожигальщики и самоубійцы, которыхъ неслыханный примѣръ былъ уже при мнѣ, въ Саратовской губерніи. —Словомъ, не думая отнюдь, чтобъ обычай сей могъ быть общимъ Евреямъ, не отвергаю однако, чтобъ среди ихъ не могли быть столь же ужасные изувѣры, какъ и между насъ Христіанъ".

(Архивъ Госуд. Совѣта. Меморіи Госуд. Совѣта 1835 г., январь, № 79, стр. 284-285).

אינדעקס

פון פערזאָן־נעמען און אַ טייל זאַך־נעמען

אַבראַמאָוו (קאָמאַנדיר), 76.
אָגאַריאָווע-טוטשקאָווע, נ., 39.
אַדאַמאָוויטש (אָפּיצ.) 298—299.
אַדזאַקעוויטש, 198, 203, 226.
אואוואַראָוו, גראַף, 292 נ.
אווערבוך, ר׳ מיכאל, 184 פּפּ.
אושאַקאָוו, אַנדרעי, 152, 156.
איגנאַטאָוויטש (גלח), 170—172.
איד. עטנאָגראַפ. געזעלשאַפט, 252.
אידישער קאָמיטעט (1840) 290, 293, 348, 350.
איוואַנאָווסקי (פּאָליציימייסט.), 247, 249, 251, 271.
איצקאָוויטש, י., 19, 38, 42, 45, 48—49, 72, 104, 111, 116.
אַלגעמ. צייטונג דעס יודענטומס, 60, 131 נ.
אַלעקסאַנדער (גלח), 98.
אַלעקסאַנדער דער 1-טער, 163, 194, 198, 287, 336, 340.
אַלעקסאַנדער דער 2-טער, 31, 132, 312, 350, 354.
אַלעקסעי מיכאַילאָוויטש, 140.
אַנאַ יאָאַנאָוונאַ, 151, 158—159, 160—161.
אַנאַטאָלי (אַרכיעריי), 222.
אַנדרייעוו, אַלעקסאַנדער, 112.
אַנטאָני (מיטראָפּאָליט), 80, 83, 86, 90.
אַנ—סקי, ש., 243 נ., 259.
אָסליקאָווסקי (פּראָקוראָר), 181 פּפּ.
אסף, הרב ש., 178.
אַפאַנאַסי (אַרכיעריי), 88.
אַפאַנאַסיעוו, דר., 181 פּפּ.
אַפאַנאַסיעוו, מיכאַאיל, 109, 112.
אַפאָנסקי (גלח), 41.
אָקסמאַן, יצחק, 181 פּפּ.
אַראָנסאָן, יעקב-הירש, 207, 216.
אַראָנסאָן, מירעל, 196, 202—203, 224.
אָרלאָוו, אָ., פירשט, 298, 301.
אָרלעט, יאָהאַן, 146.
אַרקאַדי (אַרכיעריי), 86—88, 93, 108—110, 123, 127.

באָגראָוו, ה., 30, 34.
באָראָדין (קאַפּיטאַן), 73.
באַראַנאָוויטש, דר., 20.
בוטאָמאַ, 248, 253, 268.
בוטלינסקי, ג., 124.
ביביקאָוו (גענ. גוב.), 26, 293, 305.
ביביקאָוו (גלח), 127.
ביביקאָוו (אָפיציר), 244—247, 268.
ביילין, ש., 72, 74, 92.
בלודאָוו, גראַף, 345.
בן-יעקב, יצחק אייזיק, 290.
בעליאַיעוו, יצחק, 215.
בענקענדאָרף, גראַף, 265, 343—345.
בערלין, דבורה, 218.
בערלין, נתן, 218.
בערלין, סלאַווע, 201, 204, 213—215, 241.
בערלין, שמריה, 207, 216, 218, 224, 231.
בערלין, שפרה, 204, 207.
בערמאַן, י., 31, 32.
בעק (פּאָלקאָווניק), 22.
בראַפמאַן (משומד), 120 נ.
ברוידע, הירש, 209, 218, 224, 237.
ברוסאָוואַנסקי, זעליג, 207.
בריליאַנט, 339.
ברינקמאַן (פּאָלקאָווניק), 52.
בריסקין, אריה (וואַסיליעוו), 244 פּפּ., 271.

גאַבע, גוסטאַוו, 144.
גאַווריִלענקאָוו (קאָמאַנדיר), 86.
גאַלאַנט, י., 339 נ.
גאָלוביאָוו (גלח), 83, 90.
גאָלין, ל., 100.
גאָליצין, פירשט, א., 176, 194, 318—319.
גאָרטשאַקאָוו, (געג. גוב.), 81.
גבריאל („הייליגער"), 222, 231.
גוטערסקי, אַ., 101.
גוטקין, פּ., 55, 56 נ., 130.
גולעוויטש, (משומד), 111.
גוריעוו, גראַף, 182 פּפ.
גיבראַלטאַרסקי (גלח), 41—42.
גינצבורג, מ. א., 282, 285, 290.
גלוזמאַן, מ., 100.
גליקמאַן, י., 197.
גלעבאָוו (גענעראַל), 318.
געאָרגי (אַרכיעריי), 78, 88, 90.
גראָדנער בלוט-בלבול, 194, 221.
גרודינסקי, א. (משומד), 226, 228.
גרויקאָפּ, י., 99.
גריגאָרי (אַרכיעריי), 105.
גריגאָריעוו, 269.
גריגאָריעוואַ, יעקאַט., 338—340.
גריליכעש, אבנר, 283 נ.
גריליכעש, אברהם, 283 נ.
גרינפעלד, ז., 131.
גרינפעלד (פּאָלקאָווניק), 301.

דאָבראָוו, שמואל, 298.
דאָלגאָרוקאָוו (געג. אַדיוט.), 133 נ.
דאָלגאָרוקי, א. מ., 24, 283
דובנאָוו, ש., 187 נ., 228 נ., 243 נ., 271, 274 נ.
דיאַקאָוו (געג. גוב.), 251, 255.
דיאַקאָנאָוו (קאָמאַנדיר), 73, 111.
דיביטש (גענעראַל), 223.
דינין, מאיר, 82.
דיסקין, שמואל, 306.
דיק, אייזיק מאיר, 37, 296 נ.
דעווירץ, פּ., 235.
דעקאַבריסטען, 236.

האַלפּערן, ישראל, 292.
האַרקאַווי, י. ב., 291.
הורוויץ, חיים חייקעל, 283.
הורוויץ, הירש בער, 283.
הילקין, משה, 179.
הינדעבורג, ס., 300.
הירשאָוויטש, א., 277.
העסען י., 192 נ., 243 נ., 286 נ., 315 נ.
הערצען, אַלעקסאַנדער, 40, 42.

וואָזניצין, אַלעקסאַנדער, 139 פּפּ.
וואָזניצין, אליאָנאַ, 144, 159.
וואַכשטיין, ב., 281 נ.
וואָלאָזשינער, ר' יצחק, 292.
וואָלפסאָן, פייגע, 215, 235.
וואָראָנקינאַ, פּ., 124—125.
וויגדאָרטשיק, א., 130.
וויהל, לודוויג, 131 נ.
וויטקאָווסקי (פּאָלקאָווניק), 265, 267.
וויסאָצקי, ק. וו., 331—332, 334.
וולאַדימיר (אַרכיעריי), 76, 80, 83, 89, 125.
וויענגעראָוואַ, פּאַוליגע, 279 פּפּ., 307—308.
ווערינגין (גענעראַל) 268.

זאָלאָטאַרעוויטש, 266.
זאַלצקוואַר, נ., 101.
זאַלקינד, שלמה, 290.
זאַקרעווסקי (געג. גוב.), 350.
זיגמונט-אויגוסט, 194.
זייבערלינג, 339.
זינקעוויטש, 249, 251.
זעדעלער (גענעראַל) 70—71, 131.
זעליקין, ר' יצחק, 258 פּפּ., 264, 270, 331.
זעלענסקי, 25.
זעלצער, ליפּמאַן, 331, 348.
זשאַרקעוויטש, 249, 251.
זשדאַנאָוו, ד., 109.
זשערעבצאָוו, 267.

חושן משפט, 178, 180, 185.

טאַראַנאָוו (פּאָליציימייסט.), 248, 253, 268.
טאַראַשקעוויטש (גלח), 198 פּפּ., 224.
טומאַרקין, ה., 159.
טימאָפּיי (אַרכיערײ), 86.
טערענטיעוו, יעקב, 92, 112.
טערענטיעווא, מאַריאַ, 196 פּפּ.
טקאַטשאָוו, ש., 133.
טרובעצקאָי, אַלעקסאַנדער, 266, 268, 270.
טשעבעריאַק, ווערא, 199.
טשערנישאָוו (קר. מיניסט.), 64, 69.
טשערקאַסאָוו, 268.

יאַקאָוו (אַרכיערײ), 79, 89, 93, 117.
יאַסעלעוויטש, מ., 130.
יהל״ל (י. לעווין), 17, 37.
יוסף אבן מיגאַש, 179.
יעליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ, 161.
יעפרעמאָוו (אַפּיציר), 82.
יעקאַטערינאַ די 1-טע, 161.
יעקאַטערינאַ די 2-טע, 162, 317, 340.
יערמאַנאָוויטש, יעקב, 96, 98.
יערעמיעווא, אַנאַ, 195 פּפּ., 234.
ר׳ יצחק (וואָרקער רבי), 314 נ.
ר׳ יצחק מאיר (גערער רבי), 314 נ.

כּאָוואַנסקי, נ. (גענ. גוב.), 200 פּפּ., 219, 229 פּפּ., 304.
כהן, מרדכי בן הלל, 302 נ., 304.
כוואָסטאָווא, יעליזאַוועטאַ, 123.
כלעבניקאָווא, יעליזאַוועטאַ, 123.
כרולעוויטש, 198 פּפּ.
כריפּון, חיים, 214—215, 217.

לאַגינאָוו (אַפּיציר), 41.
לאַזינסקי, שמואל, 300.
לאַנדוי, ר׳ אברהם (טשעכאַנאָווער רב), 314 נ.
לאַנדוי, לייזער, 306.
לאַנסקאָי (אינ. מינ.), 350.
ליובאַוויטשער, ר׳ מנחם מענדל, 292.
ליובאָווסקי, א., 83.
לובאַרסקי, ה., 306.
לוטשינסקי, פּ., 15, 17.
ליווענצאָוו (פּאָלקאָווניק), 23.
ליטווין, א., 292 נ.
לייבאָוו, ברוך, 139 פּפּ.
לייטעס, מאַנעס, 250—251.
ליעסקאָוו, נ., 17, 19, 34.
לעוואַנדאַ, ל., 296, 300, 303, 309.
לעוואַשאָוו, גראַף, 336.
לעוויטאַן, יודעל, 244.
לעוויסאָן, וו., 118.
לעווענסאָן, פּ. י., 96, 113, 115, 298.
לערנער, א., 286 נ., 293 נ.

מאַטווייעוו (אַפּיציר), 51.
מאַיסייעוו, סערגעי, 104—106.
מאַכאַניאָוו (מאַיאָר), 51—52.
מאַנדעלשטאַם, בנימין, 322—323, 325, 329.
מאַנטעפיאָרע, משה, 305.
מאַרדווינאָוו, גראַף, נ., 236 פּפּ.
מאַרקוס, 13.
מאַרטשיקאַנסקי, א., 100.
מאַקסימאָוו, ד., 134.
מאַקסימאָווא, 203 פּפּ.
מאַרעק, פּ., 315 נ.
מאַרקעוויטש (מוסר), 180.
מגיד, ד., 290 נ.
מזא״ה, י., 335 נ.
מוסרים ביי אידען, 178—180.
מוראַשאָוו, 320.
מיכאַילאָוו, א., 134.
מיכעלסאָן (קאַפּיטאַן), 312—313.
מינדעלסאָן, מ., 291.
מירלאַס, י., 214, 217.
ר׳ מענדעלי (קאָצקער רבי), 314 נ.
מערימזאָן, ח., 21.
מרגליות, מנשה, 26.

נאָוואַק, מ., 124.
נאַכימאָווסקי, יצחק, 215.
נאַכימאָווסקי, ראובן, 214.
נאַכלעס, וואָלף (אַלעקסאַנדער וואַסיליעוו), 120.
נאַפּאַנאַיל (אַרכיערײ), 80.

נאַדקער, י., 130.
ניל (אַרכיערײ), 75, 78.
ניקאָלאַי דער 1-טער, 9, 60—61, 68,
76, 83, 84, 117, 123, 182, 185,
205, 218, 225, 230, 248, 287, 336,
341, 348, 351.
ניקיטין, וו., 21, 49, 53, 98, 104,
115, 129.
נעאָפיט (גלח, משומד), 223.
נעלמים, 183.
נעספעראָוו, ב., 133.
נערײשין, א. ל., 252.

סאַלטיקאָוו, גראַף, 264.
סאַפּראָנאָוו, א., 117—120.
סאַפּראָנאָוויטש, 181 פפ.
סואוואָראָוו (געג. גוב.), 26, 31.
סאָקאָלאָוו, נחום, 18 נ., 19 נ., 38.
סווידערסקי, 268.
סוכאָזאַנעט (קר. מיניסט.), 51.
סטאָליפּין, נ., 112.
סטאַניסלאַוו-אויגוסט, 277.
סטעלמאַכאָוויטש, 249.
סטראַכאָוו, 200 פפ., 219, 225, 229.
סטרולער (פּליג. אַדיוט.), 28, 29.
סיגיזמונד דער 3-טער, 336.
סינעלניקאָוו (גובערנאַט.), 56.
סלוצקי, ר' דוד, 162 פפ.
סלוצקי, חיה, 164 פפ.
סמאַראַגד (אַרכיערײ), 122.
סמירנאָוו (גלח), 70—71, 99.
סעמיאָנאָוו (גובערנאַט.), 296.
סעראַפּיאָן (מיטראָפּאָליט), 164 פפ.
ספעראַנסקי (רעוויזאָר), 243.

ענגעלגאַרט, ס., 247, 250, 254, 256,
265, 269.

פּאַוולאָוו, נ., 134.
פּאַוועל (קייזער), 336.
פּאַזדערסקי (גלח, משומד), 223, 227,
231.
פּאַזנער, ש., 287 נ.
פּאַזע, 255.
פּאָלאָנסקי, ג., 124.
פּאָליאַקאָוו, שמואל, 332.
פּאַנין, גראַף, 236.
פּאָסעלעני, א., 207.
פּאָפּאָוו, א., 170.
פּאַפּירנא, א. י., 31.
פּויזנער, זלמן, 314 נ.
פּוילען (בלוט-בלבולים), 193, 221.
פּוריץ, אַלטער, 305.
פּיאָטר דער 2-טער, 340.
פּיליקין, פּ., 123.
פּיקולסקי (גלח), 222, 231.
פּעטוכאָוו (גלח), 98.
פּעטראָוויטש, 144.
פּעטרישץ, 198 פפ., 222.
פּעראָווסקי (אינ. מיניסט.), 225, 265,
266, 269, 348.
פּערסנעוו, מענקע, 245, 249, 270, 271.
„פּערעזשיטאָיע“, 140 נ., 187 נ., 192 נ.,
243 נ., 286 נ., 315 נ.
פּערצעל, 98.
פּראָטאַסאָוו (אָבער-פּראָקוראָר), 63 נ.,
64, 68, 76, 81, 84, 86, 127.
פּרודקאָוו, נאַטע, 215—217.
פּרילוצקי, נח, 274 נ.

פֿאַבער דו פֿאָר, 278.
פֿאַקעלמאַן, דר., 182.
פֿיאָדאָראָוו, אַלעקסאַנדער (משומד),
231—233.
פֿיאָדאָראָוו, גריגאָרי, 109, 112.
פֿיליפּסאָן, דר., ל., 59, 60.
פֿין, ש. י., 285 נ.
פֿינקעלשטיין, ב., 106—107.
פֿלאָדירמאַכער, ש., 290 נ.
פֿעדאָטי (אַרכיערײ), 124, 125.
פֿעדעראָוו, ד., 47, 54, 74, 106.
פֿרומקין, רחל, 244.
פֿרידבערג, א. ש., 19, 32, 35.
פֿרענק, ע. נ., 274 נ., 280 נ.

צונזער, אליקום, 35.
צײטלין, אײזיק, 204, 212.
צײטלין, חיה, 197, 214, 235.

קאהאנאָוו, 255.
קאַזימיר יאַגעלאָן, 274.
קאָזלאָווסקאַיאַ, 203 פפ.
קאַטינסקי, סטאַניסלאַוו, 193.
קאַך (פּאָלקאָווניק), 22, 23.
קאַמישאַנסקי (פּאָלקאָווניק), 246—247.
קאַמינסקי (גובערנאַטאָר), 296.
קאַמפּאַנייקאָוו, 348—350.
קאַן, פּנחס, 286 נ.
קאַנקרין (פיג. מיניסט.), 260, 264.
קאָנסטאַנטינאָוו, אַלעקסאַנדער, 145 פפ.
קאַקאָשקין, 343, 347.
קאַרף (גענעראַל), 63 נ.
קאַרנבלום, יעקב, 179.
קאַצענעלסאָן, יעקב, 291.
קאַצענעלענבויגען, צבי הירש, 291 נ.
קוטשעוויטש (גלח), 66 פפ.
קוזנעצקי, נ., 117—120.
קויפמאַן, ד., 100.
קולישער, מ., 335 נ.
קופּערניק, א., 162 נ., 335 נ.
קוצינסקי (פּאָלקאָווניק), 268.
קוראַטקין, יאַכע, 77, 111.
קיסעלעוו, גראַף, 290.
קיסען, א., 214.
קליינמיכעל (גענעראַל), 46, 62.
קלעזמער, י., 21.
קעלערמאַן, מ., 179.
קרעטשמער, מ. א., 45, 46, 48, 49, 50.
קעניגסבערג, יצחק, 181.

ראַבינאָוויטש, י., 322 נ., 323 נ., 326, 327, 340 נ.
ראַבקין, יואל, 301.
ראַטשטיין, א., 100.
ראָזענבלום, מיכל, 314 נ.
ראָזענפעלד, א. י., 338.
ראָם, דבורה, 291 נ.
רברבי, י., 243 נ., 252 נ.
רודקאָווסקי (פּאָלקאָווניק), 228.
רודניאַקאָוו, לאה, 207.
רודניאַקאָוו, לייזער, 207, 242.
רוזגאַ, נ., 101.
רוזשינער, ר' ישראל, 184 פפ.
רייסער, ז., 291.
ריאַבינקאָוו, פּ., 166, 173.
רמב"ם, 178, 227.
ריווקין, מ., 192 נ.

שאַצקי, דר., יעקב, 312 נ.
שוואַרצמאַן, שמואל, 181 פפ.
שטערן, בצלאל, 285 נ.
שטראַשון, מתתיהו, 290.
שטערנוואַנד, ד. ל., 220.
שטשערבאַטאָוו (גענ. גוב.), 349.
שירינסקי־שיכמאַטאָוו, 290.
שמיינגאַס, א., 100, 110.
שנעל (זשאַנד. גענ.), 23.
שעלעפּאָווסקי (קאָמאַנדיר), 73.
שפּיגעל, מ., 19, 38, 42, 72, 91.
שקאַבלע, פּ., 82.
שקורין (פליג. אַדיוט.), 209, 220, 227.
שתדלנים ביי אידען, 258.

אין ערשטען באַנד „היסטאָרישע ווערק" איז על פּי טעות אַנשטאַט דעם בילד פון דעקאַבריסט גריגאָרי פּערעץ אַריינגעגעבען געוואָרען דאָס בילד פון זיין פאָטער, אברהם פּערעץ, וועלכער ווערט אויך דערמאָנט אין דעם אַרטיקעל „די דעקאַבריסטען און אידען".